STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02746

ANTOLOGYE FUN UKRAYINISHER PROZE

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַנטאָלאָגיע
פון אוקראַינישער פראָזע

(נאָכאָקטיאַבערישע ליטעראַטור — 1928 — 1921)

צונויפגעשטעלט און איבערגעזעצט
ד. פעלדמאַן ל. קוויטקאָ

מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַינע
כאַרקאָוו 1930

Бібліографічний опис цього видання вміщено в „Літописі Укр. Друку“, „Картковому репертуарі“ та інших покажчиках Української Книжкової Палати

Перша Друкарня
Державного Видавництва України
імени Г. І. Петровського
Харків
ДВУ

Укрголовліт № 11?4 19/III 1929.
Зам. № 1060. Тираж 3000.

א פאָר ווערטער

דידאָזיקע זאַמלונג פרווט געבן א פאָרשטעלונג דעם ייִדישן לייענער וועגן דער אוקראַיִנישער נאָכאָקטיאַבערשער ליטעראַטור. די אוקראַיִנישע סאָוועטישע ליטעראַטור, ווי א באַשטאַנדטייל פונעם גאַנצן סאָציאַל־קולטורעלן פראָצעס אין ראַטן־אוקראַיִנע, איז אויסגעוואַקסן אין א וויכטיקן פאַקטער פון ארבעטער־ און פויערים־בונד, צוציִענדיק צו דער בויונג פונעם סאָציִאַליזם די ברייטסטע ארבעטער און האָרעפאַשנע פויערים־מאַסן.

צום אָנהויב קריסטאַליזירט זיך אויס דער אָרגאַניזאַציאָנעלער וווקס פון דער אוקראַיִנישער סאָוועטישער ליטעראַטור אין דריי גרונט־פאָרמען: „פלוג“, — פויערים־שרייבער; „האַרט“ — פראָלעטאַרישע, און „אַסאַפאַנפוט“ — פוטוריסטן. צוזאַמען מיט דער פארשטאַרקונג פון דער פראָלעטאַרישער דיקטאַטור ווערט אינטענסיווער און שטורמישער דאס ליטעראַריש לעבן. די פאָלעמיק צווישן „פלוג“ און „האַרט“ און שפעטער צווישן „פלוג“ און „וואַפליטע“ (פרייע אַקאַדעמיע פון פראָלעטאַרישער ליט.) אין דער פערזאָן פון פיליפענקאָ און כווילאָווי, האבן ארויסגעוויזן צוויי בולעטע אָפנויגן: „רויטע מאַסקילישקייט“ מיצאַד דעם „פלוג“, און מיצאד דער „וואַפליטע“ — אָריִענטאַציע אַף „יעוראָפעיִזם“, מיירעוו־אייראָפע, אויסמיידנדיק די נויטיקייט פון צוזאַמענאַרבעט און צוזאַמענשלוס מיט מאָסקווע.

דערדאזיקער אפנויג פון „וואפליטע“ איז פון דער פראָלעטאַרישער געזעלשאַפטלעכקייט געווארן פאַרורטיילט, ווי א נאציאָנאַליסטישער. אין קאַמף מיט „וואַפליטע“, וועלכע האט אליין איינגעזען אירע פעלערן און זיך ליקווידירט, איז אויסגעוואַקסן און זיך אָרגאניזירט די גרופע קאָמיוגישע שרייבער „מאָלאָדניאַק“ און די אלוקראַיִנישע אָרגאניזאַציע פון פראָלעטאַרישע שרייבער „וווספפ“.

אין דער זאַמלונג גייען אריין שאַפונגען פון מיטגלידער פון די אויבנדערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס: פיליפּענקאָ, האָלאָווקאָ („פלוג"), מיקיטענקאָ, לע, מײַסקי („וווספּפּ"), ווישניאַ, כוויליאָווי, פּאַנטש, קאָפּילענקאָ, ליובטשענקאָ, עפּיק, דאָסוויטני, סליסאַרענקאָ, יאַנאָווסקי, דניפּראָווסקי, קאָציובע, וראַזשליווי,— געוועזענע מיטגלידער פון „האַרט" „וואַפּליטע",— און פון דעם אַזויגערופענעם רעכטן אינטעליגענטישן פליגל: אַנטאָנענקאָ דאַווידאָוויטש, קאָסינקאָ, יִיוטשענקאָ, פּידמאָהילנע.

דאָס אָנגעזעענסטע אָרט אין דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור פאַרנעמט אַדאַיעם מיקאָלע כוויליאָוואָי. ער האָט אנגעהויבן אלס פּאָעט און דערנאָך איבערגעגאַנגען אַף פּראָזע. ער האָט באַשאַפן די נײַע אוקראַיִנישע נאָוועלע פון א גאַנץ אייגנאַרטיקן זשאַנר. ער איז א קעמפער אַ ראָמאַנטיקער, פאַרליבט אין די טעמעס פון בירגערקריג און צוקונפטיקער קאָמונע. אונטער זיין ווירקונג זיינען אויסגעוואַקסן און געפינען זיך א גאַנצע ריי יִנגערע טאַלאַנטפולע שרײַבער, ווי קאָפּילענקאָ, עפּיק, וועמענס ווערק פאַרנעמען אַ באַדײַטנדיק אָרט אין דער היינטצײַטיקער אוקראַיִנישער ליטעראַטור.

זייער פּאָפּולער און פאַרשפּרייט איז פּעטראָ פּאַנטש. זיין בוך „בלויע עשאַלאָנען", געשריבן אין א שטרענג־רעאַליסטישן טאָן (איין דערציילונג פונעם בוך דרוקן מיר דא), מאָלט געשעענישן פון די לעצטע יאָרן וועלטמילכאָמע, רעוואָליוציע, בירגערקריג און פון די ערשטע יאָר סאָציִאַליסטישער בויונג.

באַזונדער שטייט אָלעקסאַ סליסאַרענקאָ, ער איז א מײַסטער פון דער סיוזשעטישער נאָוועלע, וואָס איז באַ אים קימאַט שטענדיק געבויעט אַף העראָיִש־אַוואַנטיורישע מאָמענטן.

א אינטערעסאַנטער נאָוועליסט איז אַרקאַדי ליובטשענקאָ. זיינע ערשטע דערציילונגען זיינען וועגן דאָרף און שטעטל, וועגן יוגנט און קינדהייט. געשריבן פריש, ליריש, מיט א געניטקײַט פון א מײַסטער.

איוואַן מיקיטענקאָ, וואָס איז איינציַיטיק נאָוועליסט, דראַמאַטורג און פּאָעט, פאַרנעמט א זייער אָנגעזעען אָרט אין דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. זיינע נאָוועלן וועגן דאָרף, וועגן פאַבריק, זיינען זאַפטיקע, לעבעדיקע און לייענען זיך מיט גרויס אינטערעס.

זייער ציקאַווע איז אַנדריי האָלאָווקאָ. דער אויטאָביאָגראַפישער כאַראַקטער פון זיין שאַפונג פילט זיך קימאַט אין אלע זיינע ווערק. זיין ראָמאַן „בוריאַן" — אַ דאָרפישע עפּאָפּייע פון א דאָרפקאָר,— וועט בלייבן אַף

לאַנג איינער פון די וויכטיקסטע ביכער אין דער אוקראַיִנישער ליטע־ראַטור.

זייער באַליבט, פאָפּולער און פאַרשפּרייט אין מיליאָנען עקזעמפּליאַרן איז אָ ס ט אַ פּ װ י ש נ י א. ער איז דער טאַלאַנטפולסטער אוקראַיִנישער הומאָריסט. ער איז אַן עמעסער מייַסטער פון דער קליינער הומאָרעסקע, פונעם קליינעם פעליעטאָן. דער גרעסטער טייל פון זיינע ווערק זיינען געווידמעט דעם דאָרף. אין זיינע לעצטע שאַפונגען האָט ער זיך אינ־גאַנצן איבערגעשלאָסן אף דער טעמאַטיק פון רעקאָנסטרוקטיון פעריאָד: זאַוואָד, קאָלעקטיוו.

מיט גרויס געניטקייַט זיינען געבויעט די דערציילונגען פון א י ו אַ ן ד נ י פּ ר אָ װ ס ק י. זיינע טעמעס וועגן בירגערקריג זיינען גרונטלעך, די האַנדלונג — קלאָר, צעמענטירט מיט רייַכער שפּראַך. דניפּראָווסקי איז אויך באַקענט אַלס סאָוועטישער דראַמאַטורג.

אויסגעוואַקסן איז פאַר דער לעצטער צייט א י ו אַ ן ל ע. זייַן ראָמאַן „מיזשהיריא״ („צווישן בערג״) איז א וויכטיקע דערשייַנונג אין דער אוקראַיִנישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

ס׳איז דאָ ניט איבעריק אונטערצושטרייַכן, אז די אוקראַיִנישע ליטעראַ־טור נאָך אָקטיאַבער האָט דורכגעמאַכט אַזאַ טריומפאַלן דורכמאַרש פאָרויס, וועלכן קיינער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט און אַפילע ניט גע־טרוימט ביז אָקטיאַבער. פאַר די לעצטע דרייַ יאָר האָט די פּראָדוקציע פונעם אוקראַיִנישן בוך איבערגעיאָגט די גרויסע צאָל ביכער, וואָס איז דערשינען אף אוקראַיִניש פאַר די פריערדיקע הונדערט דרייַסיק יאָר. דער אַרבעטער־קלאַס פון אוקראַיִנע האָט ארויסבאַוויזן זיין קאָלאָסאַלן פאַרגעם ניט נאָר אין פּאָליטישן, מעלוכישן, ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד, נאָר ער האָט אויך גע־ינען אין זיך געננג קויכעס אף צו אויסבילדן פון זיך נייַע, פרישע קולטור־קויכעס ,שאַפן נייַע קולטורווערטן, וועלכע ליטן אינהאַלט און צאָל פאַרנעמען שוין איצטער אַ בעקאָוועדיק אָרט אין ארסענאַל פון פּראָלעטאַרישער קולטור פון אונדזער גרויסן ראַטנפאַרבאַנד.

דער פּראָלעטאַרישער וועג פון דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור איז ענג פאַרבונדן מיטן סאָציאַליסטיש־קולטורעלן פּראָצעס פונעם לאַנד. מיטן וועג פון סאָציאַליסטישער בויונג, מיט דער אידייע פון אינטער־נאַציאָנאַלן אינהאַלט און צוזאַמענשלוס און צוזאמענאַרבעט מיט דער רוסישער, יידישער אין אנדערע ליטעראַטורן.

דידאָזיקע זאַמלונג פּרוווט עס דערווייַזן.

צונויפשטעלנדיק די זאַמלונג, האבן מיר בעקיוון, — אין די אינטערעסן פונעם לייענער צו באַקומען פארענדיקטע זאכן, — גענומען קלענערע דערציילונגען און נאָוועלן, כאָטש דער גרעסטער טייל שרייבער, וואָס זיינען דאָ פאָרגעשטעלט, האבן אויך ראמאַנען און גרעסערע ווערק. נאר ווי אומפולקום סע זאל ניט זיין דער אויסוואַל פון שרייבער און ווערק און פונעם אָרט, וואס יעדערער פארנעמט אין דער זאַמלונג, דוכט זיך אונדז, אַז דעם ציל, וואס מיר האבן זיך געשטעלט, — צו באַקענען דעם יידישן לייענער מיט די בעסטע מוסטערן פון דער סאוועטישער אוקראַיִנישער פּראָזע — האבן מיר אינאלגעמיין אויסגעפילט.

די צונויפשטעלער.



אַנטאָנענקאָ־דאַווידאָוויטש (פּסעוודאָנים
פֿאַמיליע — דאַווידאָוו.)

גערבוירן אין 1899 אין שטעטל ראָמני אַף פּאָלטאַווּשטשינע אין אַן אַרבעטער־פֿאַמיליע. זיך אָנגעהויבן דרוקן אין 1923־טן יאָר.

אַנטאָנענקאָ ־ דאווידאוויטש

צוויי

— אָכטירקאַ ?.. רופט אהער דעם וואָיענקאָם ! כאוועד, גיכער דאָרט, גיכער ! !

— ס'איז קיין קוילן באלד ניט געבליבן... בלויז צוויי סטענגעס באם קולעמעט... א העלפט ראָטע איז אויסגעהאקט... איר הערט ! טעלע־פאָניסטקע !

— אָכטירקא ! !

— דר... דר... דר... דזעלענ...

— די דראָטן זיינען איבערגעשניטן ! הינט !

און דאס טעלעפאן ־ רערל, וואס איז ארויסגעשפרונגען פונעם פייכטן אייזערנעם קולאק, האט גלייכגילטיק זיך א קלאפ געטאן אין וואנט אריין, גרינג אפגעשפרונגען אף צוריק, א רודער זיך געטאן און זיך בארויִקט.

שוין דריי שאָ שלאגן זיך די כעוורע פון זאקלעפענקעס ראָטע. זיי האבן געפונען א באהעלטערל פון די מאכנאווסקע קוילן אט דא אין קאנטאָר פון פארכאָמעווער צוקער ־ פאבריק, ווו דורכן פענצטער איז צו זעען, ווי ס'שלעפן זיך שורעס אנגעלאָדענע פויערשע פורן.

— מאכנאָ טיילט צוקער ! — האט געקלונגען אין געגנט פון מיזרעך ביז מייַרעוו און געטוקט זיך אין די כוואליעס פון קאָרן.

לעם באראַק האבן רייַטערס אפגעשטעלט און ארומגערינגלט א טאַ־טשאַנקע, איבערן דאָרף האבן געפינקלט רייַטערס פון דער אמאליקער „טייַוולשער מייע”, פון דעם קאמאנדיר שטשוס. אפן פאבריק ־ הויף צילעווען זיך מאכנאווצעס אין די פענצטער פון קאָנטאָר ; הינטערן ראָג שטעפט דער קולעמעט.

— טא ־ טא ־ טא ־ טא... בום ־ ווו ־ אוך !

— אונטערסמאלען די שיידים ! זאל די קאָמונע רויך א שמעק טאָן !

א גוסאַרסקע מונדיר אין אן אויסגעניצט העמדל האבן געשלעפט צו דער זאוואָד־בראַמע דרענגלעך אף אונטערהייצן.

— כעוורע־רע־ע! דער פאָרזיצער פון די „נישטמעגלעכע" ווו איז?

— שטיי, אין דיין מאמע אריין!..

אפן געשריי פון רייטער האט זיך דאס פויערל אין אַ צעריסענער סוויטינע און אין לאַפּטיעס אף בארוועסן פוס, גלייכגילטיק אפגעשטעלט און צום רייטער ארופגעקוקט:

— ווער ביסטו? א פראָדראַזבאַטניק? רעקוויזיציעס, קאנפיסקאציעס, סיציליזאציעס, סטערווע!

— וואס פאר א רועך, א „פרידראַזבאַטניק" בין איך?

— און די לאַפּטיעס — פונוואנען, פון מאסקווע?

— ס'איז דען לאַפּטיעס?

— ?—

— ס'איז דאך טאוועטסקע שעוורא, הי, הי, הי!..

ביידע האבן זיך צעלאכט.

אפן וויהאָן, ניט וויים פון די פאבריק־באראַקן האט געזשומעט ווי אף א יאריד.

— צענעמט דעם צוקער! קיין כונט לאזט ניט איבער פאר די קאָמי־סאַרן וועגן!

— מ'האט באפוילן, אז אויב אין צוויי וואָכן, אז ער וועט קומען און געפינען אלץ גאנץ — איז פארברענען איניינעם מיט די באראַקן.

— ריכטיק. זאלן מענטשן כאטש א נוץ האבן!

די שלעסער פון די טירן האט מען אנגעהויבן האקן. אף א קאַרן אָגער איז אונטערגעשפרונגען א יאַט אין קוטשערן:

— כעוורע! באַטקא מאַכנא האט באפוילן אלץ צענעמען. ס'איז דעם פאָלקס גוטס, זאָגט ער, — זאל זשע דאס פאלק עס באקומען.

— ריכטיק!

— פארשטייט זיך, אז דעם פאלק!

— די טיר עפנט זיך ניט. נאך די ארבעטורער שיקט!

— דעם טייוול אָנדרייען? מיר וועלן אליין דערביוען זיך, צו אלדי מאמעס!

— דז... דז... דז!..— א קויל האט א סווישטשע געטאן, א זעץ געטאָן זיך אין מאָווער אריין און ווי א קאטשקעלע אפגעשפרונגען. קיינער האט זיך אפילע ניט אומגעקוקט.— ניט קיין נאָווינע.

אַ געלער פּאַרוביק האט זיך אריינגעשטעלט אין א לאָך, וואס ער האט אויסגעהאקט אין בלעכענעם דאַך.

אוי, ניט ווײן, מארוסיע,
כ'פאָר דאך קיין קיטײַ.
וועסט מיר שיקן צוקער,
און איך וועל דיר טיי...

אויסשטשירענדיק א קאַסטן ציין, האט ער געקוועלט און געשיט זשמע־ניעסוויַיז אין א גרויסן לאנטוך ווײַסן צוקער, ווי שניי.

— הא־א־ך! זיינען אפגעשפּרונגען די שלעסער און די זאַוויסעס, און דער גאנצער פויערשער האמוין האט זיך א ווארף געטאן איבער קאָפּ און פיס אין דער אָפענער טיר.

— פיליפ, אהער מיטן לאנטוך, אהער! הערסט פיליפ!

— שנייד מיט א מעסער — וועט גיכער זיין!

— האסט א מעסערל!

— דא!

— וואס האט איר זיך אנגעוואלגערט, גיט א שטיקל אָרט!

— זשי... זש... זש!..— האט א גלאנץ געטאן אינדערפינצטער פון באראק א קליגל פון א מעסער און אן עפן געטאן, ווי בא א כאַזער דעם בויך, א געזונטן לאנטוך.

— אָי, אי! אָ! מיינע פינגער! די פינגער!

וואַרעם שווארץ בלוט פון א צעשניטענער האנט האט געקאפּעט אפן צוקער מיט גרויסע טראָפּן, ווי ווײַנשל.

— העט פונדאנען! מאכסט א טעל פונעם צוקער!

אפן פאבריק־הויף האבן געטשמעליעט די קוילן און מאַכנאָס א קוילנ־ווארפער האט געזונגען א בלוטיקן גוליאַי־פּאָלער לויבגעזאנג.

דער הימל האט כיינעוודיק זיך באהאלטן אונטער גרינגינקע כמאַר־קעס, און די זון, וואס האט צוגעזען דעם כורבן פון צוקערײַ, האט זיך געשפּילט מיט שערבל־גלאז פון דער סאזשעלקע, צעטריבן די קאַלע־מוטנע פלעקן אף דער פארויכערטער וואנט פון דער מאשין־סטאנציע, זיך צעלאכט מיט א דריבנע שמייכעלע אף א בלעטל פון א טאָפּאָל און אוועקגעוואנדערט אף מײַרעוו־זײַט...

— כעווריע, האלט זיך! ביזן אָוונט וועט אנקומען לאזארענקאָ, — האט זאקלעפּענקא געטרייסט די איבערגעבליבענע זשמענקע מענטשן פון זיין

געוועזענער ראָטע. נאר צווישן שיסערײַ פון די ביקסן און אופרײַס פון די באָמבעס איז זייער שווער געווען צו האָפן אף אַן אויסלייזונג, אז ביפראט נאך, אז דער גאנצער וועג פון רויטן קוט ביז פארכאמעוועער צוקער־פאבריק איז אויסגעפלאַסטערט מיט געפאלענע רויטארמייער. פאר די אויגן האבן געפינטלט טויט און כויוו.

זאקלעפּענקעס הארץ איז אויסגעליידיקט. צו פינף פאטראָנעס איז גע־בליבן אף יעדן איינעם, דער קולעמעט איז שטום געווארן קימאט טייקעף, ווי די מאכנאָווצעס האבן אנגעהויבן זעצן אין קאנטאָר אריין.

פאלן הארוגים און פארווונדעטע אפן ברודנעם פאַרקעט פון קאנטאָר.

ווי אפשניצלעך האבן זיך געלאָשן אין די קאליעזשעס בלוט די אויס־געשאסענע פאטראָנעס... זאקלעפּענקעס ראָטע, וואס איז איינעם מיט אים דורך בלוטיקע שטעגן דורכגעגאן גאנץ אוקראַינע פון עק צו עק, איז אויסגעגאנגען פאר זיינע אויגן, געווארן א גרינע סטערטע פגאָרים...

... דאס וועט זיין שוין דער לעצטער און אנטשיידענער קאמף...— זינגט דער שנאָל פון ביקס און דער געהילך פון די באמבעס.

מיטן „נאַגאַן" אין האנט, א צעכראסטעטער, אָן א היטל, האט ער זיך צוגעטוליעט צו א קאנטאָר־טיש.

— דזעלען־לען! צעבראכן א שויב און זיך א גראָב געטאן אין וואנט אריין.

פונעם צווייטן גאָרן איז אריינגעלאפן א פארסאפעטער דער לעצטער רויטארמייער:

— ראָטנע! די מאכנאווצעס צינדן אונטער די שטוב... עך... און אנידערגעפאלן איז ער מיט א דורכגעשאסענעם גאָרגל, דער לעצטער רויטארמייער פון זאַקלעפּענקעס ראָטע.

אינצווייען, מיטן געהילף זיינעם.

נאר אינצווייען זיינען זיי פארבליבן פון אלע זאקלעפּענצעס. האבן זיי זיך א ווארף געטאן צום פענצטער, נאר ס'איז שוין קיינער ניט געווען. א געדיכטער רויך האט א זעץ געטאן אין נאז אריין און אין די אויגן אריין. זיי האבן א קוק געטאן איינס אפן אנדערן און צום ערשטן מאל האבן זיי באשײַמפּערלעך דערזעען דעם טויט...

ס'האט פארקלעמט די נעשאָמע, און אין הארצן איז געווארן פוסט, ווי אין א יידישער שטוב נאך א פאגראָם. אין דער פוסטער קאנטאר, ארומגעכאפט אין פײַער־פלאַם, האט געטשאַטעוועט אף זיי דער סאף.

האט זיך אווארף געטאן זאקלעפענקא, א ריס געטאן אף ארונטער דעם צוגעקלעפטן טשוב זיינעם, ארופגעשפרונגען אפן פענצטער און צו די שטיינערנע געביידעס אויסגעשריגן:

— גיט זשע איבער אונדזעריקע, ווי אזוי מיר זיינען געשטארבן!

דערנאך איז ער צוגעגאנגען צום געהילף:

— עך, וואניע, ס'איז אלציינס!

און ניט דערזאָגט און מיט מוקע אויסגעאָטעמט:

—... בעסער פון דיין האנט...

זיי האבן זיך ביידע ארומגענומען און צוגעשטעלט איינער דעם צווייטן די „נאגאנען" צו די שלייפן.

האט געזיגט אף א מינוט דאס לעבן.

זיי האבן זיך אפגעריסן איינס פון צווייטן, צוגעלאפן א קוק טאן צום פענצטער און אזוי צוגעפאלן מיט די אויגן צו די סטעפן מיט גאָלדענער ווייץ...

און מיטאמאל...

?!

— וויו־יו־יו־יו — וואַך־א־א־ך!

די הערצער־ווינקעלעך האבן א ציטער געטאן און... ס'האט זיך ניט געגלויבט.

— וואך־אך־ך־ך!..— ווי א גרוס פון א ווייט און אייגן לאנד.

— וואניע! אונדזערע קלאפט!

א לעבן א נייס, א גוטס האט געצויגן צו זיך און גערופן.

דורך די צעבראכענע שויבן, דורך די טירן פונעם צווייטן גאָרן איז פאר־רעטעריש געקראכן דער רויך אין קאנטאר אריין. זיי האבן זיך ארומגענר־מען, זיך א ווארף געטאן צו דער טיר דורך פאַסמעס רויך און פלאַם:

— פאָרויס, און צו דער סאזשעלקע!

זיי זיינען ארויסגעשפרונגען פון דער סרייפע. האט זיי אבער אנקעגן אנגעהויבן שטעפן א מאכנאָווסקע קוילנווארפער, און עטלעכע ביקסן האבן זיך געצילעוועט אין טיר אריין...

ארויסגעשפרונגען איז פון פייער אפן ראַכוועס זאקלעפענקא, א צי געטאן מיט די נאָזלעכער א הויפל לופט און איז אנידערגעפאלן מיט א דורכגעשאָסענער ברוסט. און אף אַן ארשין אינדערזייט פון אים האט זיך א כאפ געטאן פארן פאנים זיין געהילף, זיך א שאָקל געטאן, א פאל געטאן אַפן פייער און פון מויל האט א כלינע געטאן רויטע פינע.

די פײַער־זון, שיקער פון בלוט, האט פון אונטער די כמארעס אנגעצונדן דעם האָריזאָנט מיט רויטע שײַנען, א ווארף געטאן א פײַל, זיך א שפּיל געטאן אף א שײַבל א גאנצס פון דער צוקער־פֿאַבריק און א פֿלי געטאן איבערן סטעפּ...

ס'האט אראָפּגעגנידערט דער אָוונט און צעשאָטן פּיאַלקאווע בלעטלעדאומעט...

מערער און מערער, מיט קלאָלע און נעקאָמע האבן זיך געריסן אַפן וויהאָן די באלשעוויצקע סנאַריאַדן.

די שווארצע פאָן האט זיך באהאלטן הינטערן באַראַק.

1922

אָלעס דאָסוויטנ'י

געבוירן אין יאָר 1891 אין שטעטל וואָווטשי.

פון קליינ'ערהייט פאַרדינט אַף זיך אליין. אריינגעצויגן געוואָרן אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. בעשאַס דער מ'לכאָמע געמוזט אנטלויפן קיין אויסלאַנד. געווען אין טורקעסטאַן, מאָנגאָליע, כינע, אמעריקע. אין 1917 יאָר זיך אומגעקערט צוריק קיין רוסלאַנד. אין צייט פון רעוואָליוציע גענומען אַן אַקטיוון אנטייל אַף די פראָנטן.

באַזונדערע אויסגאַבן: נאָוועלן — „אנטוישטע״, „ווענעס גלויבן איז שענער״, 1920, מעלוכע - פארלאַג פון אוקראַינע. א סאָציאַלער ראָמאַן: „אמעריקאַנער״, 1925, מעלוכע - פאַרלאַג פון אוקראַינע. א דערציילונג: „אינדערפרעמד״, 1925, מעלוכע - פאַרלאַג פון אוקראַינע.

אָל. דאָסוויטני

ווייקוואָטן

אין געגנט סי־יונ־פו, אין קאַנט כו־נאַן, אין לאַנד זשיוסין אף די מאַרק־פּלעצער, אַף די יארידים, צווישן סאָכרים און געווינלעכער ארעמקייט זיינען ארומגעגאן געשיכטעס־אויסטראכטענישן.

די סאכרים פלעגן דערציילן, אז נאך אָפּיום קיין אורומטשי דארפן זיי פאָרן ארום און ארום אַזעלכע טויזנט ווערסט, אזש דורך מוקדען, ווייל מיטן גלייַכן וועג קען מען שוין ניט דורכפארן: דער „כונכוז" דזי הראבעוועט... אין דאָרף טשין־גוואַ האט מען שוין געזען א גוויר, וואס האט זיך אומגעקערט פונדאָרטן א נאקעט־הוילער...

צווישן די דינסטלייַט איז ארומגעגאן א לעגענדע, אז ס'איז איצטער געפערלעך ארומפארן איבער די דערפער נאך שטייַערן, ווייל מ'ווייסט עס שוין איצטער געוויס, אז בא סי־יונ־פו, וועלכער איז דורכגעפארן, האט מען אפגעשניטן דעם צאָפּ און די נעגל און אפגענומען דעם צונויפ־געזאמלטן שטייַער.

צווישן די זשאָלנערס האט מען זיך געשושקעט, אז דער כונכוז דזי נעמט צו זיך צו יעדערן, וואָס אנטלויפט פון זיין מאַנדאַרין...

די ארעמקייט האט געהאלטן אין איין דערציילן כידושים וועגן דזי: אז דער כונכוז דזי איז אַן אלטער קאָדעש, וואס איז אופגעשטאנען טכיעס־האמייסים; אז דזי איז א גייַסט—ער קאן אין איין און דער־זעלבער צייַט זיך באווייזן אף טויזנטער ערטער, העלפן דעם אָרע־מאן; אז ער גיט אפּ דער ארעמקייט דאס גאנצע געלט, וואס ער נעמט צו בא די מאנדארינען און די סאכרים.

דער ארעמער שטאנד האט פאר אים ניט מוירע געהאט, אדעראבע, יע־דערער האט מיט אומגעדולד געווארט אף דזיס באזוך...

פאר ניט אריינטראגן צו דער צייט דעם שטייַער, האט דער מאנדארין באפוילן מעלדן, אז ער פארקויפט צוויי צענדליק טעכטער פונעם דאָרף

קונאָ. דער טאג איז באשטימט געוואָרן דערזעלבער, ווען ס׳איז דער גרויסער מארק.

קיין לאנד זשיוסין איז מען זיך צונויפגעפארן צוליב דעם איניען פון ווייַטע קרייַזן, אפן יאריד זיינען אפילע אנגעקומען יעווראָפּייער סאָכרים און אַקציאנערן, מיסיאָנערן, אנגעשטעלטע.

אין דעמזעלבן טאג איז באשטימט געווארן דאס דערשטיקן צווישן קלעצער די „ווידערשפעניקע״ קעגן דער דינאַסטיע, דאס צעשיסן פון זיבן שולדיקע, און דער געריכט אף פופציק שלעכטע שטייַער־צאָלערס פונעם דאָרף סי־קו־ווען.

ס׳האט זיך צונויפגעקליבן א טויזנטקעפּיקער האמוין... פרייליכע און איבערגעשראָקענע פּענימער האבן מיט נייַגעריקייט אריינגעקוקט אין הויף אריין.

ס׳האט זיך געטראגן א ליאַרעם און א געוויין...

דאס האט מען געקאַטעוועט די נישטצאָלערס פון שטייַער...

אין הילצערנע שטייַגן זיינען געשטאנען פיר גרייטע צום טויט... און לעם דער וואנט — זיבן האלבנאַקעטע באשולדיקטע.

די שאָמרים האבן גוט געהיט די פארמישפּעטע...

... פאַר מי־דזו צזשי פּיוויאַנא מיסיאָן פּאַגוי! — האט אויסגערופן לעם טויער דאס דין קעלעכל פונעם נעעמאָן פון יאַמען *.

ווו־שטי־גא ** — האט אויסגעשריען איינער פונעם אוילעם.

— לוסאַן־גאַן... ***

מי־דזו איז פארקויפט פאר זעכציק דרייַ קאפּיקעס... — האט געשעפּטשעט מיט א יענערוועלט־קעלעכל עפּעס אַן אלטיטשקער צו זיין קליין טעכטערל, וואס איז בא אים געזעסן אף די פּלייצעס...

— און פארוואס האסטו ניט געקויפט? — האט געוויינט דאס קינד צום טאטן.

ער האט געוואלט עפּעס ענטפערן, נאר ער האט זיך אוועקגעקערעוועט, פארהוסט זיך און טרערן זיינען אים געשטאנען אין די אויגן...

די לופט איז געווען א דושנע... די זון האט געבאַקן. די האָראָבצעס אף די ביימער האבן זיך הויך געקריגט.

פּלוצים זיינען געלאפן צו די טויערן א פופצן רייַטערס... זיי האבן אנגעהויבן יאגן איבערן הויף, איבערן פּלאץ און צעטרייַבן דעם אוילעם...

---

* יאַמען — דער „הויף״ פונעם מאנדארין, דעם פּירער פונעם קרייז.

** פופציק.

*** זעכציק.

— צעגייט זיך !..— האבן געשריִען צענדליקער קוילעס פון צווישן אוילעם...

דער אוילעם, ווי איבערגעשראקענע פייגל, האט זיך א הויב און א וואָרף געטאן אף אלע זײַטן... עטלעכע זיינען אפגעלאפן, ארויסקוקן פון באהעלטערלעך...

פונעם הויף האבן זיך געטראגן ליארעמדיקע גוואלדן... שיסערײַ... מיטאמאל איז אלץ שטיל געווארן...

עטלעכע רײַטער האבן געהאלטן געזאָטלטע פערד פאר די צוימלעך. אין הויף האט מען ארײַנגעפירט דעם מאנדארין, אַן אנגעטאָנענעם אין זײַדנס, און עטלעכע אנגעשטעלטע...

אין איין רעגע האט מען צעבונדן די פארמישפּעטע, און זיי, ווי דער־טשמעליעטע, האבן זיך א לאז געטאן לויפן פון דער שטראָף־וואנט... און אף זייער אָרט זיינען שוין אוועקגעשטעלט דער מאנדארין און די אנגעשטעלטע...

א רעגע... ס׳האבן א הילך געטאן אַן עטלעכע צענדליק ביקסן... און לעם דער וואנט האבן זיך געוואלגערט עטלעכע פגאָרים...

די באפרײַטע מיידלעך האבן זיך געטוליעט איינע צו דער צווייטער.

מיט זיי האבן פרײַנטלעך געשמועסט צוויי רײַטער...

איבערן גאנצן פלאץ האט איינער א געשריי געטאן:

— פרײַנט, פארנעמט אײַערע מיידלעך!..

ווי א צעדולטער איז דעם פלאַץ דורכגעלאפן דער אַלטיטשקער מיטן פעקל אף דער פלייצע, פון וועלכן ס׳האט ארויסגעקוקט א קליין קעפל...

— מי־דזאַ, מי־דזא!..— האט גערופן דער אלטער.

א מיידל האט זיך אים א וואָרף געטאן אנקעגן, נאר די צעקאַלי־טשעטע פיס האבן ניט אויסגעהאלטן און זי איז געפאַלן לעם אים...

דער אַלטיטשקער האט איר א כאַפּ געטאן, גענומען אף די הענט און עפּעס שעפּטשענדיק, גיך אנטלאפן פונעם פלאַץ.

— דזי!.. דזי!.. כונכוזן...— האט געהילכט אין אַרום...

א רעגע — און דער פלאַץ איז ווידער געשטאַנען א ליידיקער.

...„ס׳איז פאַר אונדז אופגעשטאַנען די לעצטע אַנטשיידענע שאָ... די פרעמדע פראָוואָצירן אונדז אף אַן אָנגריף צוליב צונעמען בא אונדז אונ־דזער גוטס, אונדזערע רײַכקייטן — זילבער און קוילנגריבער.

— נעמען בא אונדז קאָנצעסיעס אף אונדזערע וואַסערן און יאַמען...— אונדזער לאַנד וויל מען צעראַבעווען... גייט און פארשרייבט זיך אין דער ארמיי, וואס וועט פארטיידיקן אייער גוטס!..״

אזאַ פּראָקלאַמאַציע האט געלייענט דער יונגער לו־טשאַן צווישן א הייפל פון דזיס כונכוזן...

— לייען איבער די צווייטע,— האט א זאג געטאן שו־ען.

„מיר, גרויסע מעדינעס, קאנען ניט דערלאזן קיין אומרו אין לאַנד. אזא לאַגע דראָט אונדזער זיכערקייט און רו. מיר באפוילן, אלע זאלן זיך אונטערגעבן, וואַרפן דאס געווער און...״

— גענוג!— האט דזי א געשריי געטאן... נישט מיר האבן קיין גאלד, נישט מיר האבן יאַמען, און מיר בעטן ניט, אז די זאלן אונדז פאַרטיידיקן, צי אנדערע...

— אלע שלאָגן: אי אייגענע שלענג, אי פרעמדע גאַזלאָנים!

— ריכטיק!— האבן זיך אלע צערוישט.

א בייזער ווינט, א צעבושעוועטער, וואס האט זיך דורכגעריסן דורך בארג און פעלז, האט פארטויבט דעם טאָל מיט א קרעכצערייַ, פאַרטויבט דעם שמועס פון די פירער און דאס רוישן פון די אופשטענדלער...

און זיינען אוועק כאַפּטעס כונכוזן פאַרטיליקן דאס פריצעשאַפט פון כינע, ניזעקן די מאנדארינען, אומברענגען די מיליטערישע עקספּעדיציעס...

און ווו נאר דזי איז דורכגעגאנגען, האט דארט די אָרעמקייט געוווסט, אז זי דאַרף צושטיין. זי האט פאַרשטאַנען, וואס דאס איז פאַר אַן אופשטאַנד,— פאַר א קאַמף פון אייגענע און פרעמדע.

ווען ס'האט זיך פאַרענדיקט אבער די מילכאמע צווישן די אימפּעריאַליסטן און די באָקסערן, האט מען פון צאָפן ארויסגעשיקט שטאַרקע טיילן קאזאַקן און פון דאָרעם — כינעזישע קאַנטאָנצעס צו פאַרטיליקן די כונכוזן.

א האַרב שטיקל צייט פאַר דזי און זיינע כאווירים...

זיי האבן געמוזט אַנטלויפן קיין פאמיר, קיין טיבעט... זיך צעשיטן איבער די דערפער...

אבער ווי ס'פלעג פאַרשווונדן דאס כייעל — פלעגן באלד צוריק אויסוואַקסן געזונטע מאַכנעס כונכוזן.

שו־ען, דזי און לי־טשאַן זיינען ווידער געוועץ בא דזיס מוטער. זי האט געוויינט.

דאס האַרץ אירס האט געגאָגט נאך פי־דזען.

דזין האט געקלעמט דאס הארץ.

— כ'פאָר קיין שאַנכיי, — האט ער געזאגט צו שו־ען און לי־טשאַן.

— פאָרן מיר אויך...

— ניין, מ'טאָר ניט! — די געגנט איז אומרויק, באַנדעס נישטערן אַרום און פאַרשטעלן זיך אונטער אונדזער נאָמען. מ'דאַרף זיי פאַרניכטן. אייגענע כעוורע דאַרף מען האלטן אין די הענט.

— און איך, ווי דו ווילסט זיך, איך פאָר מיט, — האט זיך איינגעשפאַרט לי - טשאַן.

— מיילע! אבער דו, שו, בלייבסט הי... אין א יאָר אַרום וועלן מיר זיך, מיסטאמע, אומקערן... די כעוורע צעטייל אף צענדליקער... נעם פאַן־יאַנען אלס געהילף.

און דזי מיט לי־טשאַנען זיינען ניט געבליבן.

שאַנכיי איז א גרויסע שטאָט. דזי און לי־טשאַן האבן געזען, ווי ס'בויען זיך יעוראָפּעיִשע פּאַלאַצן, ווי מ'קאָוועט די ברעגן יאַם אין מאַר־מער... ווי מ'בויעט א באַן אינמיטן גאַס... הונדערטער פריצים און פריצטעס פון פרעמדע לענדער... טויזנטער נאַקעטע ברידער... הונ־דערטער שיפלעך — הייזלעך פון פישערס...

זיי האבן זיך אנגעדונגען אַרבעטן אף א פּלאַנטאַציע. יעדע צוויי טעג פלעגן זיי ארייגגיין אין די טיי־הייזלעך, אין די פריילן־שטיבלעך... אריינגעקוקט אין די הייזער צו די יעוראָפּייער...

אבער פי־דזי האבן זיי ניט געזען.

איינמאל איז לי־טשאַן צו לויפן געקומען מיט א ביכעלע אין האנט.

א דינס, א קליינס... כ'האב באַקומען, זאגט ער, בעסאָד, בא א ריקשע...

לי־טשאַן האט געלייענט, דזי האט געהערט.

עפּעס מענטשן „גאָמינדאַן", וואס האבן אנגעשריבן דאס ביכעלע, האבן דאָרט דערציילט וועגן קייסער, וועגן די הויפּטלייט, וועגן דעם, אז זיי האבן זיך פארקויפט פרעמדע... אז דאס פאָלק גייט אונטער... וועגן דעם, אז מ'דאַרף אראָפּוואַרפן דעם קייסער און איינשטעלן א פאָלקס־מעלוכע... דידאזיקע מענטשן האבן גערופן צו דעם, אז מ'זאל זיך

אָרגאַניזירן אין גרופּעס, גרייטן געווער, מ׳זאָל אין דער פּאַסיקער שאָ אַראָפּוואַרפן דעם קייסער מיט זיינע באַהעלפער...

דזי האָט אויפגעפלאַמט... ער האָט געבעטן לי־טשאַנען אים איבער־לייענען דאָס ביכל נאָכאַמאָל און נאָך... ער האָט זיך גענומען לערנען לייענען און שרייבן...

אין א צייט אַרום האָט לי־טשאַן געבראַכט מיט זיך צו פירן יענעם ריקשע... ער האָט געבראַכט מיט זיך נאָך א ביכעלע...

ס׳האָט זיך דאָרטן גערעדט וועגן דעם, אַז די כינעזישע יוגנט אָרגאַ־ניזירט זיך, לערנט זיך, פּאָרט זיך באַקאַנען מיט דער וויסנשאַפט פון אַנדערע לענדער, און ווען זי וועט זיך אומקערן, וועט זי זיך צעפאָרן איבער גאַנץ כינע און וועט באַווייזן די אָרעמע, ווי אַזוי מ׳דאַרף זיך באַפרייען פונעם יאָך...

דער ריקשע האָט דערציילט, אַז אין שאַנכײַ איז שוין דאָ אַט אַזעל־כע באַ די צוויי טויזנט... אַז זייער הויפּטפירער איז — סון־יאַן־סען...

דזי און לי־טשאַן האָבן שוין וועגן דעם געוווּסט. ווי אַזוי מ׳דאַרף זיך אָרגאַניזירן, וואָס פאַר א לאָזונגען ס׳וועלן זיין, וואָס מענטשן וועלן דאַרפן טאָן...

— שוין עפּשער צייט זיך אומקערן, לי, האַ? — האָט געפרעגט דזי.

— שוין צייט... פּי־דזי איז ניטאָ הי, אָדער אַוועקגעשטאָרבן...

— מיר האָבן א וויכטיקערן איניען, זאָל די מאַמע שוין אונדז מוחל זיין... וואָס וועסטו אופטאָן?

און זיי זיינען פאַרשוווּנדן פון שאַנכײַ.

אין א האַלב יאָר אַרום זיינען דזי און לי שוין געווען אינדר׳היים.

אָבער די מוטער האָט זיך אויף זיי ניט דערוואַרט... זי איז געשטאָרבן.

דאָס קלענערע שוועסטערל האָט גענומען צו זיך שו־ענס מוטער.

דזי האָט געוואַרט אויפן קייווער פון דער מוטער צוויי טעג. לי־טשאַן האָט געבראַכט צו פירן אויפן דריטן טאָג שו־ענען.

שו־ען האָט איבערגעגעבן, אַז אַ מערהייט אוילעם איז זיך צעקראָכן... אַסאַך וואַנדערן אין די בערג לעם אורומטש...

— גוט... איז דאַרף מען צונויפנעמען די, וואָס זיינען געבליבן... צעשיקן איבער די דערפער, איבער די שטעט, איבערן געגנט... מ׳דאַרף זיך גרייטן, מ׳דאַרף זאַמלען קויכעס... איינער אַליין, וועלן מיר גאָרניט אופטאָן...

צווי' מייעס מענטשן זיינען זיך צעגאַנגען איבערן געגנט, איבער די דערפער, איבער די שטעט...

דזי, לי און שו זיינען איבערגעפאָרן מיט די מישפּאָכעס קיין גאַמי... איבערגעגאַנגען אף ערדאַרבעט... פון צייט צו צייט ארומגעפאָרן צווישן די אייגענע כעוורע, צונויפגענומען יעדיעס, געגעבן אייצעס.

לאַנג האט געדויערט דער לאַנגער און אַקשאָנעסדיקער קאַמף...

וועגן די כונכוזן און וועגן דזי האט מען ביסלעכוויִיז אנגעהויבן צו פארגעסן. סײַדן בעשאַס ארעסטן פלעגן אונטערשפּרונגען די כעוורע און דעם אוילעם באפרײַען...

סײַדן דעמאָלט פלעג מען ווידעראַמאָל אנהויבן ריידן וועגן די כונכוזן און וועגן דזי.

יעדער דאָרף, יעדער שטעטל האט שוין געהאַט אייגן געווער... אין אַרמיי איז שוין געווען אַסאַך מיטפילנדיקע... אפילע אַסאַך אָנגעשטעלטע בא די מאַנדאַרינען האבן זיך אנגעהויבן צושאַרן און מיטהעלפן די פאַר־באָרגענע קויכעס פון דער ק׳מענדיקער קראַפט...

ניט קיין טעג, ניט קיין כאַדאשים זיינען פאַרבײַ, נאר גאַנצענע יארן זיינען אויסגעלאָשן געווארן אין אומופהערלעכער ארבעט...

און דזי, און לי, און שו — כאָטש זיי האבן זיך געעלטערט, אבער די נעשאָמעס זייערע האבן זיך געיינגלט פון טאג צו טאג.

„די דערוואַרטעטע שאָ וועט גיך אנקומען" — האט זיך געשריבן אין א פלוג־בלעטל, וואס ס׳האט באַקומען דזי דורך א פאַרבינדונג פון דאָרעם...

1920 — 23



איוואַן דניפּראָווסקי

געבוירן אין יאָר 1895, אין דאָרף קאַלאָנטשאַק, כערסאָנער קרייז.

פאַרענדיקט א זעקסקלאַסיקע גימנאַזיע און דעם פילאָלאָגישן פאַקולטעט אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק.

אנגעהויבן זיך דרוקן אין יאָר 1916 אין דער צייטונג „אַרמייסקי וועסטניק“.

באַזונדערע אויסגאַבן: „דאָנבאַס“ (פּאָעמע).— 1922, מעלוכע-פאַרלאַג פון אוקראַינע. „א גוטמאָרגן, לענין“ — 1924, מעלוכע-פאַרלאַג פון אוקראַינע, כאַרקאָוו. „ארבעט און רויך“ (פּיעסע) — 1926, כאַרקאָוו, מעלוכע-פאַרלאַג פון אוקראַינע. „צוליב איר“.— 1927, כאַרקאָוו.

אי. דניפּראָווסקי

אין טאָל פון די אונגארן

דער קאָמאַנדאַרם איז מיט ענערגישע טריט אַריין אין זיין אופנעם־צימער. זיין הארטער שפּאַן מיט די מיליטערישע שטיוול אפן פּאַרקעט האט אָפּגעוואָרפן קיילעכדיקע אָפּגלאַנצן. דעם קאָפּ האט ער געטראָגן פעסט און גראָד, אָבער זיין אָנגעשפּיצט אויג האט באמערקט אף די ווינער שטולן דריַ געשטאַלטן אָנגעטאָן אין סאָלדאטישע גימנאַסטיאָרקעס. זיי האבן זיך קוים־קוים פארנויגט. אַ כאָפּטע אַדיוטאַנטן פון פאַרשיידענע ראנגן—מיט אַקסלבאַנטן און אָן—האָבן זיך מיט געקלאַפּ און געקלאנג אַ לאָז געטאָן נאָכן קאָמאַנדאַרם, אבער יענער, ניט אָפּשטעלנדיק זיך אף קיין רעגע, איז גלייך אַוועק צו זיין קאַבינעט. אַ שלאַנקער אַדיוטאַנט מיט ווייסע אקסלבאַנט־פרענזן, וואס האבן אונטערטעניק ליבלעך א קלונג געטאָן, האט זיך אויסגעדרייט קימאַט אונטערן גענעראַלס האנט, מיט א ווייך־קעצישער באוועגונג, ברייט צעעפנט די טיר און פונקט אזוי אָן גערויש זי צוגעמאַכט הינטער זיך.

דער קאָמאנדאַרם האט זיך טייקעף אוועקגעשטעלט פאַר א געאָגראַפישער קאַרטע, און דער שלאנקער אַדיוטאַנט, איינגעבויגן די טאַליע, איז לייַכט צוגעשווומען צו זיין אַקסל און באמיט זיך כאפן דעם פונקט, וווהין סע האבן זיך איינגעקוקט דעם נאַטשאלניקס שווארצע צוגעזשמורעטע אויגן. די געאָגראַפישע קאַרטע, געדיכט באַזעצט מיט פענדעלעך, באפארבט מיט שטריכעלעך — טייַכן, רינגעלעך, קלעקן, אויסיעס. די קארטע האט מיט ספּיראַלן געבויגן די טיגער־פעל פון בערג, בערגלעך, טאָלן און שיפּוּים.

דאס זיינען געווען די קאַרפּאַטן.

פאַר א זייַטיק אויג איז די קאַרטע געווען פונקט אַזוי שטום, ווי די וואַנט און ווי די גראָבע צונג פונעם עלעקטרישן לעמפּל איבער דער

קאַרטע. זי איז אויך שטום געווען פאַרן גאַנצן גענעראַל־שטאַב, און נאָר דער קאָמאַנדאַרם אַליין האָט געקענט לעבעדיק מאַכן די קנייטשן פון דער טיגער־פעל, די קוואַדראַטן און רינגעלעך אויף איר. דער גאַנצער גיגאַנטישער שעטעך פונעם גענעראַלס פּראָנט, אין אַ ביסל אַ פאַרקלענערטער פאָרם, האָט צו יעדער רגע, לויט זיין ווילן געקענט אָנהויבן אַ וווּנדערלעך באַוועגלעך לעבן. אָן דאָרט אין די קנייטשיקלעך, אויף די טײַכן און טײַכעלעך, אין די אָפּגרונטן, אויף די בערג־שפּיצן, — גריבלען זיך זיינע קאָרפּוסן, דיוויזיעס, פּאָלקן, עסקאַדראָנען און קאָמאַנדעס.

דעם קאָמאַנדאַרמס געדאַנק האָבן פאַרפלייצט די שטומע קאַרפּאַטן מיט מענטשן. קאַוואַלעריע איז געפלויגן, געטראַכקעט האָבן האַרמאַטן, און פיסגייער האָבן זיך מיט לעצטע קויכעס געדראַפּעט אויפן שטיין, זיך אָפּגעריסן — געפאַלן אין די אָפּגרונטן און ווידער זיך געריסן, געקראָכן אויף אַלע פיר, געשטיגן אויף די פעלזן...

איצט איז די גאַנצע מאַסע מענטשן, מעטאַלן און פערד שטיין געבליבן אויף איין אָרט. עפּעס אַ בייזער גײַסט האָט באַנאַכט בײַ זיי אוועקגערויבט דעם קויעך, פּאַראַליזירט הענט און פיס, און פילדערט אויף די משוגענע מיטינגען. איצט האָט דער מעטאַל, די פערד און די מענטשן זיך אויסגעמישט אין קאָמאַנדאַרמס אויגן, און ער קען שוין ניט, ווי פריִער, קלאָר און אומדערבאַרעמלעך געבן לאַקאָנישע באַפעלן. די טיגער־פעל פון בערג זאַמלט זיך אין קנייטשן, די קנייטשן פאַרוואַנדלען זיך אין ליפּן, שפּרינגען, באַווייזן שרײַענדיקע מײַלער, און עפּעס אַ ריזיקע האַנט, דראָענדיק אויסגעבויגן, האַקט איבערן שעטעך פון בערג־שפּיצן און אָפּגרונטן. פונעם אומפאַרהערלעכן האַקן מיט דער האַנט שפּרינגען טראַגיש אינעם מעהאַלעך שטיקער שאָטנס, און די בערג־קנייטשן כיכיקען שטיל מיט אויסגעקרימטע ליפּן.

נאָך צוריק מיט אַ כוידעש האָט דער גענעראַל אָנגעפירט מיט אַ דיוויזיע.

זיין אומגעוויינלעכער רעדנער־טאַלאַנט, די פײַעריקע באַפעלן, וועלכע סע פלעגן אויפכאַפּן אפילע די גרעסטע צײַטונגען, דער פעסטער רום פון זיין דיוויזיע, אפילע אין יענע בעהאָלע־טעג פון אַלגעמיינער אָפּשוואַכונג און צעקראָכנקייט, — האָט אים דאָך, נאָך צוויי וואָכן אָנפירן מיט אַ קאָרפּוס, געהויבן ווײַטער. פריִער מיט אַ וואָך האָט מען אים אַנגעטרויט אַן אַרמיי, און צוויי שאָ צוריק איז אָנגעקומען אַ געהיימער באַפעל זיך לאָזן אין אָנגריף.

דער קאָמאַנדאַרם האט געוואָרפן בליקן איבער דער קאַרטע, ווי קורץ געשניטן מיט א פּראָזשעקטער.

אזאַ שטימונג האָט דער קאָמאַנדאַרם גערופן „די שטימונג פון קויל־שוואַרצער נאכט".— ער האט שטאַרק צוגעמאַכט די אויגן און האַנאָע געהאַט פון די שיינע פונקען, וואָס האבן זיך געשיט פון זיי אפן שטומען לייוונט פון דער קאַרטע. ער איז געווינט געווען אלץ אויסצופילן, און דעריבער ניט מיטגעפילט דעם „גלאַווקאָיוז"־ס צו־גרויסער פּאָרזיכטי־קייט. זיין אידעע וועגן „שטורעם־באַטאַליאָנען האט דער קאָמאַנדאַרם אָפּגעווארפן מיט גרויס קאַעס, און אליין, מיט דער אייגענער האַנט מאָ־טיווירט די סיבע. וועגן מאַדאם באָטשקאַראָוואַ האט ער צוגעטראַכט אן אנעקדאָט און פיר מאָל דערציילט אים אין ארמייישן רעסטאראַן און די אַדיוטאַנטן האבן אָנגעקוועלט.

— אטהער האט מיר די קויל געטראָפן, אטהער. פאַרמאַך די אויגן, כאַוועד סאַניטאַר, קוקט ניט...

דער קאָמאַנדאַרם האט נערוועז אופגעציטערט, אוועק צום טיש און זיך אָנגעלענט אין שטול. דעם אַדיוטאַנטס ווייסע אקסלבאַנטן זיינען מיט געקלאַנג געפאַלן אפן שפּיץ טיש, און זיין קאָפּ מיטן בלוי־לעכן שארבן האט זיך צוגעבויגן צום שטול.

— ווער איז אף דער ריי?

די אַקסלבאַנטן האבן א קלונג געטאָן, ווי טאַנצנדיקע שלענגלעך:

— די דעלעגאַטן פון פּרוטסקער פּאָלק.

— און נאָך?

— דער קאָמקאָר 11, די פּרוי פונעם פריערדיקן נאַטשדיוו 5.

— גיט אהער דעם קאָמקאָר.

נאך בא דער טיר האט דער קאָמקאָר פאַרטשעפּעט מיטן פוס דעם טעפּיך, געוואָרן רויט, בעטנדיק געווענדט די אויגן צום שטול, די האנט אראָפּגעלאָזט מיליטעריש, און דער טעפּיך האט זיך מיט ראַעש א רוק געטאָן פאָרויס צום טיש.

צוויי טריט פון שטול האט דער קאָמקאָר זיך אָפּגעשטעלט, און זיינע אָנגעשטרענגטע הענט אף די לאַמפּאַסן האבן דריבנע געציטערט.

— וואָס איז דארט בא אייך... גענעראַל?

— כ'קען ניט ווייסן... וואַש־דיט.

— אן אופשטאַנד, מערידע, ברידערונג מיט די מערדערס? יאָ?

— כ'קען ניט ווייסן...— האט געשטאַמלט דער גענעראַל.

— איר זיינט געקומען צו פאָרן מיט די דעלעגאַטן, יאָ?

דער קאָמקאָר האט אויסגעקײַלעכיקט די ברוסט:

— זיי זיינען אַליין געקומען. אײַער... דיט...

— דער קאָמאַנדארם האט א וואָרף געטאָן דעם קאָמקאָר גלייך אין ראָזן שטערן אריין זיין „קויל־שוואַרצע נאכט־שטימונג”. יענער האט אָפּגעטראָטן צוריק און עפּעס געמאכט מיט די ליפּן.

— א שאָד, זיי־ער א שאָד... גענעראַל. זייער. איך וויל ניט זיין צו שטרענג....

דער קאָמקאָר איז פארשטומט געוואָרן, געציטערט און געקלאַפּט מיט די גאָלדענע ציין.

— גייט.

דער קאָמקאָר האט א קלאַפּ געטאָן מיט די אָפּצאסן, אויסגעקערעוועט זיך און נאכגעשלעפּט נאָך זיך דעם טעפּיך...

ניט די גענעראַלשע אליין, ניט די גאַנצע קאָפּטע אָבערס און שטאָב־לײַט, אפילו די דעפּוטאַטן פונעם „ראָטהויז” האט דער קאָמאַנדאַרם עפּעס ניט באַמערקט. ריידנדיק מיט זיי, האט ער געזען, ווי סע שרומפּן זיך פאר קאָעס די דעלעגאַטן און זיצן ניט אײַן אף די בענקלעך. ער האט זיי געוואָלט ארויסברענגען פון די קיילים, ביזן מעשוגאַעס דערפירן און אויסגיסן אף זיי זיין צאָרן.

די באַזוכער, די אַודיענץ־פארשוינען, זיינען געפלויגן איינס נאָך איינס אין א דערשראָקענער שערענגע. זיינען א רעגע געזעסן אפן שפּיץ פון טיפן שטול, ארויסגעקוועטשט פון זיך האכנאָעדיקע צעטראָ־גענע קלאַנגען און פארשוואונדן געוואָרן, ווי שאָטנס, אף די טעפּיכער

און נאָר ווען ס'זיינען שוין אַוועק אַלע אַודיענטן, האט דער קאָמאַנד־אַרם א ווײַז געטאָן דעם אדיוטאַנט אין יענער זײַט, ווו ס'האבן „געפּריעט” די דעלעגאַטן. סאַמע דעמאָלט, ווען די דרײַ אָפּגעריבענע גע־שטאַלטן פון די אָקאָפּעס זיינען געגאַן דורך דער טיר, האט ער ניט אײַלנדיק גענומען פון לינקס דאס טעלעפאָן־טרײַבל, און א מאַך געטאָן מיטן קאָפּ — די דעלעגאַטן זאָלן זיך זעצן. די דעלעגאַטן האבן אומהיימלעך געטופּקעט אף איין ארט, געקוקט אפן טרײַבל, אפן טיש, אף די פענצ־טער, אף דער קאַרטע מיט די רויטע פענדלעך, ווי קליידעלעך פאַר ליאַלקעס.

— זעצט זיך, הערן אָפיצירן, — האט צו זיין ווײַב געזאָגט דער קאָ־מאַנדארם און פאַרויכערט א פּאַפּיראָס.

צוויי פּראַפּאָרשטשיקעס האָבן זיך פּאָרזיכטיק געזעצט פון יענער זײַט טיש און דער דריטער, א ברוינער קאַווקאַזער, וועלכער האָט זיך געזעצט אויס, א גרוזין, האָט אַפּגעוואָרפן אין א זײַט זיין קינזשאַל, וואָס אַפּן באַזילבערטן רימען, און זיך געזעצט אַנקעגן קאָמאַנדאַרם. ווײַזט אויס, טאַקע ער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער דעלעגאַציע. דער קאָמאַנדאַרם האָט געשוויגן א ווײַל, פאַרשנדיק באַקוקט זיינע געסט און גלייך און פעסט אָנגעשטעלט זיין פּאָנים אַנקעגן דעם גרוזין:

— מיט וואָס קען איך דינען, מיינע הערן...

דער קאָמאַנדאַרם האָט באַמערקט, ווי ס'האָבן אופגעציטערט די גע־דיכטע שוואַרצע וואָנסן באַם גרוזין און די צוויי אַנדערע האָבן זיך אונטערגעהויבן אין זייערע שטולן. דער גרוזין האָט מיטאַמאָל אַרויסגע־נומען פון זיין פּאָרטסיגאַר א פּאַפּיראָס און געוואָלט פאַרויכערן, נאָר אונטער קאָמאַנדאַרמס שאַרפן בליק האָט ער אים אײַלנדיק אַרויסגענומען פון מויל און פאַרקוועטשט אין דער האַנט. די פּראַפּאָרשטשיקעס — צעקנייטשטע, שוואַרצע, אין גימנאַסטיאָרקעס מיט געלע פלעקן — האָבן אומבאַ־וועגלעך געקוקט דעם גענעראַל אין די אויגן.

— אונדזער פּאָלק וויל ניט גיין אין שלאַכט.

דער קאָמאַנדאַרם האָט אַנגעלענט זיין געגאָלטן קין אין דער דלאָניע און צוגעגרייט זיך הערן, נאָר די דעלעגאַטן האָבן געשוויגן. ווייזט אויס אין די אייגע ווערטער פונעם גרוזינער איז באַשטאַנען זייער גאַנצע שעליכעס.

— נו? — האָט זיך רירעוודיק א דריי געטאָן דער קאָמאַנדאַרם, — ווייטער!

— און מער גאָרניט.

ס'האָט א קלונג געטאָן דער טעלעפאָן און דער קאָמאַנדאַרם האָט ווידער פאַמעלעכן צוגעטראָגן צום אויער דאָס טעלעפאָן - טרײַבל. איצטיקס מאָל האָט ער זייער לאַנג גערעדט. וואַרפנדיק אין שיסעלע פון טרײַבל קורץ און אייגנגעהאַלטן: „יאָ, יאָ". די דעלעגאַטן האָבן זיך געררוקט אף די שפּיץ שטולן און געקוועטשט אין די הענט די פּאַפּיראָסן. דער גרוזינער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אן אָפּגעריבן פעקל שוועבעלעך און פאַרויכערט.

— נו? אַז־זוי, מע וויל ניט גיין אין שלאַכט?

— יאָ! מע וויל ניט גיין אין שלאַכט, — האָט דער גרוזינער אַרויסגע־לאָזט דעם רויך אין זײַט פון דער וואַנט - קאַרטע.

— און איר, אָפיצירן, זיינט געקומען צום קאָמאַנדאַרם אים צוּוויסן טאָן וועגן אַזאַ שענדלעכער זאַך? — יאָ?

— יאָ, הער גענעראַל, — האָט דער גרוזין זיך א ריגעווע געטאָן, געוואָרגן זיך מיטן רויך, און די אויגן האָט אַ בליץ געטאָן ראַכמאָנעס און פאָרזיכטיקייט.

— אַזוי, גוט, איר ווילט הערן מיין ענטפער? יאָ?

— יאָ, אייער ענטפער.

דער קאָמאַנדאַרם האָט זיך א וואָרף געטאָן צום טיש, פאַרגליווערט אין אן אָנגעשטרענטער פאָזע און די אויגן זיינען ארוף אַף דער קאַרטע.

אין דערזעלבער רעגע האָבן די בערג און טאָלן אופגעלעבט פאַר אים, זיך אָנגעפילט מיט מענטשן און פערד, ציפערן, האָבן אופגעקלונגען די קאָמאַנדע פון האַרמאַטן־שיסערס, די בערג האָבן אופגעציטערט ביזן סאַמע גרונט, און א הויכער רויך, בלוי מיט שוואַרץ און ברוין, שפּאַרט און קנוילט זיך איבער פעלזן. אין איין רעגע וועלן א כלינע טאָן פון שטיינערנע אָקאָפּעס געלע מורעשקעס — סע ציאָקען די קוילנוואַרפערס, פון די טאָלן הירזשן פריילעך גראָבע ביקסן מיט קורצע העלדזער, סע האַלטן אונטער מיט א פייף פאַרבייַ פאַרכלינעטע כייכן, ס׳פליען עסקאַדראָנען אין שערענגעס, טויזנטער בורע דלאָניעס — קאשקעטן און קאַסקעס, בערג מיט מעטאַלן און האָלץ, א פולער מאַרק מיט אמוניציע. די טעלעפאָנען און מאָרזעס שרייען אויס, טאָג ווי נאַכט, די זיבן קלאַנגען פון זיין באַרימטן נאָמען; די זיבן בוכשטאַבן פון זיין נאָמען צעוואַקסן זיך פאַנטאַסטיש, פלאַטערן מיט לופטיקע קנייטשן, דערגייען ביז די קאַרפּאַט־שפּיצן, פאַרשטעלן זיי, טיילן די ערד אף צוויי העלפטן; אופגעברויזטע מאַכנעס הוידען זיין נאָמען; גרויסע פלעצער פליעסקען אין דלאָניעס און הוידען דעם נאמען ווי אַ קינד. סע פליט איבער הענט, איבער טשובעס און פליט מיטאַמאָל אַף דלאָניעס...

— מע וויל ניט גיין אין שלאַכט? אַזוי? — דער קאָמאַנדאַרם האָט ווידער א קוק געטאָן אַף דער קאַרטע מיט די רויטע פענדלעך און אָנגעהויבן בראָדערש רעדן — גיט איבער אייער פאָלק: באַ מיר איז פאַראַן פאַר אים, פאַרן פרוטסקער פאָלק, קוילנוואַרפערס און האַרמאַטן.

דער קאָמאַנדאַרם האָט אָפגעהאַקט, פעסט און זיגעריש באַקוקט די דעלעגאַטן מיט זיינע שמאָלע קאַלמיקישע אויגן, און פלוצים אויסגעשטרעקט דעם גרוזינער די האַנט. דער גרוזינער איז אומבאַוועגלעך געזעסן אין טיפן שטול. די פראַפּאָרשטשיקעס זיינען אופגעשפרונגען און

צוקע האַקט מיליטעריש די הענט, האט דער גרוזין געשווינד זיך אופגעהויבן און אָנגעכאַפּט דעם גענעראַלס האַנט.

— אָט אזוי גיט עס איבער אַלץ. זײַט געזונט. גענוג. הינטער מיינע פּלייצעס שטייט רוסלאַנד, כ׳וועל זיך ניט גיין צאַצקען מיטן פּרוטסקער פּאָלק. יאָ, צום ווידערזען.

די פּראַפּאָרשטשיקעס האבן זיך אַפּן אָרט אויסגעקערעוועט און מיליטעריש אַוועק צו דער טיר. דער גענעראַל האט באַמערקט באַם גרוזין א צעריסענעם עלנבויגן און אים אָפּגעשטעלט.

— וואָס איז עס באַ אײַך? אַזוי זיינען אָנגעטאָן אויך אַייערע סאָלדאַטן? יאָ? פּיין לערנט איר זיי.— אַ טײַערער בײַשפּיל.

דער קאָמאַנדאַרם האט זיך אָפּגעקערעוועט צו דער קאַרטע.

דער גרוזין האָט מאָדנע טעאַטראליש, ווי אַ טשעמפּיאָן אַף דער אַרענע, ארויסגעשטעלט די עלנבויגנס, און, פאַרבײַגייענדיק דורך דער טיר, פאַרטשעפּעט זיך באַם בײַשטידל. טייקעף איז אַרײַנגעפלויגן דער אַדיוטאַנט און זיך אויסגעצויגן ווי א סטרונע.

— דער קאָמקאָר 11 איז נאָך ניט אַוועקגעפאָרן?

— ניין.

— ברענגט אים אַטהער.

און דער גענעראַל האָט ווידער אָנגעשטעלט די אויגן אַף דער קאַרטע און ווידער האָבן זיך אים פאָרגעשטעלט די בערג־שפּאַלטן, בורע שטיינערנע פעלזן, און אַף זיי מורעשקעס סאָלדאַטן פון פּרוטסקער פּאָלק. זיי שטייען קאָפּ צו קאָפּ און אַ האַנט מיט אַ טראַגישן שאָטן האַקט איבער זיי די לופט.

דער קאָמקאָר איז אַריין אונטערטעניק—אַ שאָטן. ער האָט געקוקט זיך אונטער די פיס און אויסגעמיטן דעם אומגליקלעכן טעפּיך.

— גענעראַל, מ׳ר פאָרן באַי׳ד צו אייך.

— גרייט צו דינען, דיט...

— באַלד די רעגע. מיט מיין צוג. איך וועל אופלעבן אײַער קאָרפּוס, איך אליין וועל אים אָנפילן מיט מוט.

אין קאַבינעט זיינען דערווײַל ניט זיכער אריינגעגאַן נאָך אייניקע ציווילע פּרויען און מענער, און אומרויִק געוואַרט אַף זייער ריי. דער קאָמאנדארם איז אַנטשלאָסן דורכגעגאַן פאַרבײַ זיי, און די כאַפּטע אַדיוטאַנטן פון פאַרשיידענע ראַנגען, פאר אים און הינטן אים, האָבן זיך אַ שיט געטאָן איבער די טרעפּ.

באַ דער פּאַראַד־טיר האט אָן אומופהער געקלאַפּט דער מאָטאָר.

דער קאַמאַנדארם איז אַריין אין אווטאָ. דער שלאַנקער אַדיוטאַנט האָט דורכגעלאָזט דורכן טירל דעם קאָמקאָר און אַליין ארייגעשפּרונגען פון דער צווייטער זײַט. א יונגערער — א נידעריקער, אין אַ ווייסן קיטל — האט זיך אופגעזעצט שוין בעשאַסן פאָרן, און דער אווטאָ האָט זיך איינגעשניטן אינעם טראַמוויי־געפילדער, אינעם וויגעניש און סקריפּ פון פּאַעטאָנען, אין געררודער פון מענטשן־ענגשאַפּט. פּאַרבײַ דעם אווטאָ זיינען געפלויגן עסטרייַכישע הײַזער, באַרעמהאַרציקע שוועסטער, מאַגאַזינען, קאַפּע־הייזער, סאָלדאַטן, געפּאַנגענע עסטרײַכער, סאַניטאַר־וועגעלעך מיט זייער ווייס־גרין־רויט אנלאדונג. פולגעפּאַקטע אַווטאָ־מאָבילן און מענטשן. דיזעלבע מאַסע פון מעטאַל, האָלץ, שטיין און קערפּערס האט נאָך אָט דאָ ניט לאַנג, אין יעדער שטאָט, ווען דעם גע־נעראַלס אווטאָ פלעג דורכפליען, פלעג זיך אָט דאָס אַלץ אָפּשטעלן, קלאַפּן מיט די פיס און אים שלונגען מיט אויגן. איצט האָט די מאַסע געלעבט איר אייגן לעבן, נאָר אופגעציטערט פון סירענע־פײַף און זיך אַ קער געטאָן נאָכן בורע־ווינט פונעם אווטאָ.

דעם קאָמאַנדארמס צוג — א לאָקאָמאָטיוו מיט צוויי וואַגאָנעס — איז געשטאַנען גרייט, געפּעכקעט מיט רויך און געוואַרט, זיך אַ ריס צו טאָן און יאָגן. דאָס שטופּעניש פון מענטשן־קערפּערס האט זיך צעפלויגן ווי וואַסער־שפּריצן. און דער קאַמאַנדארם מיט זיין באַגלייטונג איז פארשוואונדן אין וואַגאָן.

דער לאָקאָמאָטיוו האט אַ שרײַ געטאָן און געריךט פון סטאַנציע.

דעם קאָמאַנדארמס נערוועזער גאַנג האָט זיך געהערט אין וואַגאָן. גייענדיק, האט ער מיט די האלבצוגעמאכטע קאלמיקישע אויגן געוואָרפן בליקן אף די ווייסע ריזיקע הײַזער פון דער עסטרײַכישער שטאָט. די הײַזער האבן זיך געדרייט אף איין אָרט. דער קאמאנדארם האט מיטן בליק געדרוקט די ריזיקע פאנטאסטישע און באַוועגלעכע געבײַדעס און געהאלטן זיי אין אויג, ווי אַף דער דלאָניע. טעלעגראַפן־סטויפּעס זיינען געלאָפן פון פעלד, אָפּגעפלויגן אַף צוריק און ניט געסטײַעט, נישט געוואָרן הינטער די וואַגאָנעס זיינען אויך די דערפלעך און דערפער מיט זייערע כאַטקעס. ס'האט דער ווינט געפײַפט איבער דעכער, און פענצטער האבן דין געקרעכצט.

שטענדיק האט דער קאָמאנדארם זיך געפילט דערהויבן אין זיין צוג, ער פלעג ערשט דעמאלט „אָנהויבן לעבן מיטן פולן טעמפּ” און אויך

איצט זיינען זיינע מוסקולן אָנגעגאָסן געוואָרן מיט ענערגיע. ער האָט אַלץ געשפאַנט איבערן סאַלאָן־קוואַדראַט. דעם קאַמקאָרס פיס, פאַריסענע איבערן טעפּיך, האָבן אים גערייצט. פון מאָל צו מאָל האָט ער געוואָרפן בליקן אפן קאַמקאָרס ניט־געגאָלט פּאָנים, וואָס איז נאָך אַלץ געווען ראָז און צעמישט. ער צינדט פּאַפּיראָסן איינעם נאָכן צווייטן און ווישט דעם פאַרקנייטשטן שטערן. ער האָט זיך אַזוי פאַרטיפט אין זיינע גע־דאַנקען, אַז ער זעט אַפילע קיינעם ניט. ער פילט שוין זיין גורל און גרייט זיך נאָר „מיט הערע פאַרלאָזן זיין אַמט“. איצט באַמיט ער זיך אויסצוקלערן עפּעס א איבערקערעניש, א איבערבראָך, וועגן וועלכן מע שרייבט שוין אין די צייטונגען, וועלכע ער לייענט ניט...

דער לאָקאָמאָטיוו איז מעשוגענערווייז געלאָפן ווייטער און ווייטער.

לעבן די סעמאַפאָרן האָט ער דין געשריגן און ניט אָפּשטעלנדיק זיך אינערגעץ, דורכגעפלויגן פאַרביי פלאַטפאָרמעס, בודקעס און סטאַנציעס. נאָר אָט, דאָס פלאַכע פעלד האָט זיך גענומען הויקערן מיט מאָדנע הויקערס, פליען אַלץ העכער און העכער, און דער לאָקאָמאָטיוו איז אוועק פּאַמעלעכער.

דער קאַמאַנדאַרם איז שטיין געבליבן פאַרן פענצטער און פאַרלייגט די הענט אַף צוריק.

דער אַדיוטאַנט האָט אונטערגעכאַפּט און צעעפנט דאָס פענצטער. דער ווינט האָט זיך אַריינגעריסן אין סאַלאָן און צעלאָזט זיך, פריער פאַר אַלץ אַראָפּקערנדיק פון טיש די פּאַפּירן און קאַרטעס. א פּאַסמע שוואַרצע האָר האָט דעם גענעראַל אופגעפלאַטערט איבער דער שלייף.

פאָרזיכטיק, אַף די שפּיץ פינגער איז צוגעגאַן צו אים דער ייִנגערער אַדיוטאַנט און אויסגעבויגן פאַרן קאַמאַנדאַרם די ברוסט:

— אייער־פּרעוו־דיט־סטוואָ.

דער קאָמאַנדאַרם האָט זיך אומגעקוקט אַף אים און אָנגעשטעלט ד' דלאָניע באַם אויער.

— די דעפּוטאַטן פאָרן נאָך אונדז... אַף די בופערס.

דער קאָמאַנדאַרם האָט זיך אָפּגעדרייט צום פענצטער.

דער לאָקאָמאַטיוו האָט זיך דערנענטערט צו די קאַרפּאַטן.

בלויע, ווייסע און רויטלעכע גיגאַנטן האָבן זיך איינגעקלאַמערט אין הימל, ווי געוואָלט אים אַראָפּרייסן. ניט געקענט אים דירן פון אָרט און פאַר קאָפּס געהריזעט אים. סאָסנעס גלייכע ווי ליכט, טייכן און שטראָמען זיינען רוישנדיק געלאָפן אין טאָל אַריין.

דער קאָמאַנדארם האט זיך אַרויסגעבויגן פון פענצטער.

די טיגער-פעל פון די קאַרפּאטן אַף דער פלאַכער קאַרטע האט זיך פאַרוואנדלט אין שטיינער, הויקערס, פעלזן און טײַכן.

אָבער אויך די נאַטור האט געהאַט פארן קאָמאַנדארם איר אייגענעם זין.

ווי אַף געאָגראַפּישע קאַרטעס, האט ער אויך אף דער נאטור אָנגעווענדט זיין פראָפעסיאָנעלע געניטקייט.

די בערג-שפּיצן ווערן אין איין רעגע פארוואנדלט אין סטראַטעגישע פאָרמולעס, אין פלאַנג-אַטאַקעס, אין קאַוואַלעריסטישע אָנפליען, און די מעטאַל-מאַסן און מענטשלעכע קערפּערס האבן זיך געקנוילט אין טײַכן, שטראָמען, אין טאָלן און בערג-שפּאַלטן...

דער קאָמקאָר אַף דער קאַנאַפּע איז געקומען צו זיך, מיט קליינע טריטיקלעך צוגעלאָפן צום פענצטער און אַ פּיפּס געטאָן מיט אַ פאַלצעט:

— באלד וועט אָנקומען דער שטאַב פון קאָרפּוס.

דעם קאָמאַנדארם האט זיך אַ ריס געטאָן פון פענצטער צו דעם מיט סאַלאָן. כ'האב איין טאָג אין רעשוס צוויי-דרײַ פאָלקן. די סאַמע ערגסטע. ווי מאַכט מען עס ניט צו פאַרלירן קיין צייט?

דער קאָמקאָר האט געכאַפּט אַ קלייניקע קאַרטע פון טיש און געגערמען אַרומטאַנצן אַרום קאָמאנדארם.

ווען דער לאָקאָמאָטיוו איז שטיין געבליבן בײַ דער סטאַנציע, איז דער סיידער פון קאָמאנדארמס ארומרײַזן און באַקוקן דעם פראָנט שוין געווען באַשלאָסן — אָנהויבן פון רעכטן פלאַנג. דער בוקאָווינער פּאָלק וויל ניט גיין פאַרבײַטן. צום סאָף — קיין טאַטאַריסק, צום פּרוטסקער פּאָלק, „וווהין סע גייט איצט דער וואַגאָן פון אײַער דורכלויכט".

ווען דער קאָמאנדאַרם איז אַרויס פון וואַגאָן, האט א כאָפּטע אַדיוטאַנטן, אָבערס און שטאַבן, אים ווידער אַרומגערינגלט, און אונטערטעניק אופמערקזאַם און פאַרליבט זיך געלאָזט צום שטאַב פון קאָרפּוס.

די דעלעגאַטן זיינען אַראָפּגעקראָכן פון די בופערס און נאָכגעקוקט דעם גענעראַלס פּראָצעסיע.

דער קאָמאנדאַרם האט געקוקט מיט פאַרזשמורעטע שוואַרצע אויגן אַף די בערג-שפּיצן, אַף דורכגייענדיקע סאָלדאטן און אַלע מאָל אײַלנדיק אפּגעהאַקט געהויבן די האַנט צום דאַשעק.

גלייך אַף זיי איז פונעם הויף אַרויסגעשפּרונגען אַ סאָלדאַט מיט אַ קעסעלע. אף א רעגע איז ער מעוולבל געוואָרן, דערנאָך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געוואָלט דורכשפּרינגען.

דער קאָמאַנדאַרם איז שטיין געבליבן:

— אַ נו, קום אַהער. ווו איז דיין פּאַס, ברודערל? האַ?

דער סאָלדאַט האָט זיך נאָך מער פאַרלוירן און די פינגער באַם קאַשקעט האָבן געציטערט. דער קאָמאַנדאַרם האָט אים ווייך אָנגענומען באַ דער האַנט:

— דאָס טויג ניט, ברודערל. מע דאַרף זיין אַ גוטער סאָלדאַט, נו, גיי.

דער סאָלדאַט האָט קאָמיש, אומגעלומפּערט אַ קלאַפּ געטאָן איין שוך אין צווייטן און אַוועק.

צום קאָמאַנדאַרם איז צוגעשוווּמען דער קאָמקאָר מיט אַ ליכטיק שמייכעלע:

— כאַפּט עפּעס איבער... פון וועג... אייַער־דיטסטוואָ.

דער קאָמאַנדאַרם איז שטיין געבליבן באַם גאַנעק.

— מיט וואָס פאָרט איר? מיט פערד? מיטן אַווטאָ?

— מיט פערד, אייַער פּרעוו־דיטסטוואָ.

ביזוואַנען מע האָט געגרייט די פערד, האָט דער קאָמאַנדאַרם נער־וועז און האַרט געשפּאַנט לעבן גאַנעק, ביז בלוט געביסן די ליפּן. אויפ־הויבנדיק די אויגן צו די דורכזיכטיקע פענצטער פון שטאַב, האָט ער דערזען אויף דער וואַנט פונקט דיזעלבע פאַרביקע קאַרטעס מיט פענד־לעך, און פאַרדריסלעך זיך אַ קנייטש געטאָן.

ווען „אַ גאַנצע טוך" פערד איז צוגעפלויגן צום גאַנעק, זיינען פון שטאַב אַרויסגעשוווּמען צוויי פרויען־געשטאַלטן און מיט אַ ליב שמייכלע פאַמעלעכן צוגעגאַן צום קאָמאַנדאַרם.

— אייַער פּרע־דיטסטוואָ, מיר באַגריסן אייך זייער צופרידן.

דער קאָמאַנדאַרם האָט זיך געלאָזט צום גאַנעק, העפלעך, נאָר גאַנץ טרוקן און ערנסט געדרוקט די פרויען די הענט, אַ בורטשע געטאָן עפּעס א קאָמפּלימענט און גלייך פון גאַנעק לייַכט און יונג אַרופגעהויבן אויפן זאָטל זיין קערפּער.

אין איין רעגע זיינען די אַלע זאָטלען באַזעצט געוואָרן מיט רייַטערס, און די כאָפּטע האָט געטרירט פון הויף. לעבן דער ווילע lanina האָט דער קאָמקאָר פאַרקערעוועט רעכטס און די פערד זיינען אוועק באַרג־אַרויף.

דער קאָמאַנדאַרם האָט זיך אומגעקוקט.

בערג האָבן פאַרשטעלט די סטעפּעס און מיט די שפּיצן־ציין זיך געצויגן צום הימל.

פון דער לינקער זײַט האָט דעם קאָמאַנדאַרמס פּוס אָנגערירט אַ צווייט פערד. דער קאָמאַנדאַרם האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אַף לינקס און זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט סינע: אַף שיינע אַראַבישע פערד, אין ענגלישע זאָטלען, האָבן געריטן די גענעראַלשע מיט איר טאָכטער.

ער האָט אַ ריס געטאָן די לייצעס און אַרויסגעריטן פאָרויס. דער קאָמקאָר האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד, און אויסגלײַכנדיק זיך מיט דער פרוי, אומרויִק געוווּנקן איר.

ביידע פרויען זײַנען אַרויסגעפלויגן אַף פריִער און געריטן פון ביידע זײַטן פון קאָמאַנדאַרם.

יענער האָט זיך געשטיקט פון צאָרן.

— איאָ, די נאַטור איז אַ וווּנדער שיינע נאַטור? די גענעראַלשע האָט אויפגעהויבן איר פּאָנים צו די הויכע רויטלעכע און ווייסע בערג־ריזן, וואָס האָבן זיך אײַנגעשפּיצט אין בלויען פּאַן.

דער קאָמאַנדאַרם האָט פאַריסן דעם קאָפּ און שטײַף געקוקט אַף די בערג.

— די הויך — 1756, — האָט פונהינטן א זאָג געטאָן דער קאָמקאָר

— צי ווײַזט זיך אייך ניט אויס, — האָט די טאָכטער מאַנירלעך פאַרקרימט איר פּאָנים, אָנגעצויגן די לייצעס און שטאַרק הויך פאַריסן דעם פערד דעם קאָפּ. — ניט עמעס, ער איז ענלעך צו אַ לייב? — האָט זיך אוועקגעלייגט אינדערבריִיט און פאַרשטעלט דעם וועג די קליינע „האָרניאַשקעס”, א קאָפּ, א האַלדז, אַ ביוסט...

— כאַ־כאַ, — האָט זיך צעלאַכט די גענעראַלשע.

דערהערט דעם געלעכטער האָבן די הינטערשטע רײַטער זיך אויך צעלאַכט, און די פערד, ווי אויפגעמונטערט פונעם געלעכטער, האָבן גענומען טופען האַרט און קלאָר, שטאָלצירנדיק מיט דער אייגענער שלאַנקייט.

דער קאָמאַנדאַרם האָט אָן אומופהער געקוקט אַפן באַרג. עמעס, ער האָט זיך צעלייגט אין טאָל און האָט פאַרשטעלט, אָבער ניט דעם האָריזאָנט, נאָר דעם וועג, אונדזער כּיִעל; ער, „דער באַרג, קאָמאַנדעוועט איבער אַלע בערג־הויכן און איז גאָרניט אַזא פריילעכער...”

— און איר ווייסט, — האָט זיך צעלאַכט די גענעראַלשע, שטשירענדיק די ציין, — סע וואָלט מיר ניט אויסגעמאַכט צו פאַרברענגען „מיין רעשטל יאָרן” אין די קאַרפּאַטן. עמעס, נאַדין?

— יאָ, יאָ, יאָ, — האָט אונטערגעכאַפּט די טאָכטער, — אינדערפרי נעמען די „קרוג” און אַראָפּלאָזן זיך נאָך וואַסער.

— איר געדענקט, — האט זיך אַריינגעמישט די גענעראַלשע, „Тропой „тропой“, ווי שטייט דאָרט, идет Тамара за водой...“ נאַדין?

דער קאָמאַנדארם האט זיך געמיט צו מאַכן אַ פריילעך פּאָנים און געפירט מיט די אויגן איבער די פעלדזן. דאָרט לעבן „ביוסט“ שטייען, ווייזט אויס, קוילנוואַרפערס, און דאָרט שטייען שוין „האַרניאַשקעס“, אָבער ניט אייערע. אַפּאָנים, אַז דאָרט נידעריקער, אין די פעסטע בליג־דאַזשן, פאַרגאָסענע מיט בעטאָן, זיצן טיראַלישע רעזערוון. די צוגרייטונג דאַרף מען מאַכן מיט מאַרטירן, אַוועקשטעלן אינדערלענג פון טשערעמאָש, און שיטן. „און דערנאָך גייען די פיסגייער און נעמען מיט די הוילע הענט“.

— און איך בין מעקאַנע יענע — ווי רופט מען זיי, אָט דאָס פאָלק, נאַדין?

— גאַליציאַנער.

— ניין, נאַדין, ניין, עפּעס אַנדערש. און דעם באַרג רופן זיי אויך מיט זייערן נאָמען „טשאָרנאָגוראַ“.

גייענדיק באַרג־אַרוף האָבן די פערד פּלוצים פאַרקערעוועט לינקס און אַריין אין אָנהויב וואַלד. דער באַרג איז פאַרשווונדן צווישן די בוימער־שפּיצן פון סאָסנעס, בוקן, פיכטן, און אַ טונקלע קילקייט האט אַרומגענומען די פּראָצעסיע. דעם קאָמאַנדארם איז עפּעס מיטאמאָל געוואָרן אומעטיק. ס'האט אים שוין באַנק געטאָן, וואס ער איז געפאָרן. „מיין זאך איז צו גיבן אייך אַ פּלאַן, און איר — כאָטש שטרעקט זיך אויס... וואס איז מיין אייסעק, צי ווילן די פּרוטסקער גיין אין שלאַכט אָדער ניט? מע האט אייך געהייסן איינעמען, טאָ נעמט איין. און ווייטער — בויעט אייך אפילע שטיבלעך, מיינע ראמען. כ'האָב גאָרניט קעגן“...

— כ'האָב גאָרניט קעגן! — האט אַפּן קאָל געזאָגט דער קאָמאַנדארם.

דער גענעראַלשעס פערד איז אַביסל אָפּגעשטאַנען און מיט דער מאָרדע געכאַפּט צווייַגלעך פון ניט־בוימער. זי האט עס אַ יאָג געטאָן און דאָס פערד האט זיך אָנגעקלאַפּט מיטן קאָפּ אין פעדערשטן זאָטל.

— און איר וואָלט דאָ געוווינט? זאָגט דעם עמעס.

— איך? — האט זיך דער קאָמאַנדארם אויסגעקערעוועט. — איך וואָלט געקומען צו גאַסט.

— וווּנדערלעך! האט אויסגעשריגן פאַנאַ נאַדיאַ. פונהינטן האָבן ווידער אַלע צוזאַמען אַ לאַך געטאָן מיט פולע מיילער צום באַרג־אַרוף.

די פערד האָבן הילכיק און שווער געטראָטן איבערן הילצערנעם וועג, פוןביידע זײַטן פון ניס־בוימער און סאָסנעס זײַנען אַלעמאָל אַרויס־געשווומען גרויע געשטאַלטן. עטלעכע הארמאַטן זײַנען פאַרבייגע־פאָרן. זיי האבן אופגעהויבן זייערע פיסקעס צום הימל, ווי טפילע צו טאָן.

„טיפּעש! — האט א טראַכט געטאָן דער קאָמאנדאַרם. — געפונען ווו צו שטעלן די הארמאַטן. ניט אומזיסט שלאָגן אָפּט אונדזערע ארטילע־ריסטן אין זייערע אייגענע".

און מיטאמאָל האט זיך אים פאַרוואָלט אויסקערעווען דאס פערד, אויסזידלען דעם קאָמקאָר און פאַרקערעווען צוריק. נאָר אין דערזעלבער רגע האט פאר זיי אַ בליץ געטאָן א פאסיקל ליכט און דער הילצערנער וועג האט זיך אָפּגעהאַקט. די פערד זײַנען אַוועק מיט אַ שמאָל סטעזשקעלע. ווידער איז אַרויסגעשווומען א שוואַרצער באַרג, וואס האט פאַרשטעלט די „הארניאשקעס", און דער גענעראַלשעס פערד האט זיך אויסגעגלײַכט מיטן קאָמאנדאַרמס.

— צי דאכט זיך אייך ניט, אײַער פּרעוו־דיטעלסטווא, אַז... אז מיר זײַנען אין לאַנד פון... אַמאַזאָנקעס, און איר זײַנט א טרובאַדור...

„וויסטער נאַר!" — האט אף איר א בליק געוואָרפן דער קאָמאנדאַרם און א שוואכן שמייכל געטאָן.

ער האט פאַריסן דעם קאָפּ ארוף און געפילט ווי אַלע קעפּ דרייען זיך אויך אויס אַהין. „דער ביוסט" פון טשארנאָהאָראַ איז איצט רויטער געוואָרן און בויגעט אויסגעשניצט זיך אַפן בלויען פאָן. קושטשעס, וואס האבן פונוויטן אויסגעזען ווי האָר אף א פליכוואַטן קאָפּ, זײַנען אויס־געוואַקסן אין ריזיקע סאָסנעס, בוקן און פיכט־בוימער. דער „ביוסט" איז, ווייזט אויס, גרעסער פאַר אײַערן... דאָרט קענען שטיין צוויי ראָטעס און מיט שווערדן אָפּוואַרפן אונדזערע אף צוריק. אָט האט איר אייך אַ ביוסט... אפן גאַנצן באַרג קען שטיין אַ באטאליאָן, צוויי. און אין רעזערוו — א דיוויזיע, צוויי... אומבאַדינגט..."

און די גענעראַלשע האט אלץ געשמייכלט. אירע הויכע ברוסטן זײַנען געגאַנגען כּאַדאָראָם, זי האט הויך אײַנגעאָטעמט די לופט און מיט ליבע באַקוקט דעם אַרום.

דער קאָמקאָר איז עפּעס אויך פריילעכער געוואָרן. ער האט זיך אפילו פאָרגעשטעלט, אז פון יענער זייט וועט אַ זעץ טאָן א שראַפּנעל, פערד וועלן זיך שטעלן אף די הינטערשטע פיס, דער קאָמאַנדאַרם וועט

ווענדן צו אים זײַנע צעטראָגענע אויגן — און ער וועט מיט אַ שמייכל אויסשרײַען:

— ס'אַ נאַכטיגאַל, אײַער פּרעוו־דיטסטוואָ.

אַלע וועלן אויסשיסן אַ געלעכטער. דערנאָך — אָרדנס. ער באַקומט אַ קאָרפּוס...

די קאָמפּאַניע האָט שוין אויסגעמיטן די האַרמאַטן, אַ קלײנינקער אַרטילעריע־אָפיציר איז אַרויס פון הינטער ניס־בוימער און דערשראָקן אַ געשריי געטאָן:

— מע שיסט דאָרט!

דער קאָמאַנדאַרם האָט אינסטינקטיוו אײַנגעהאַלטן די לייצעס, אַ קוק געטאָן אויפן אָפיציר, אויף דער גרינער „האָרניאַשקע" און צוגעפּרעסט די סטרעמעניעס.

די פערד האָבן אוועקגעיאָגט מיטן טאָל.

די זון, וואָס האָט זיך געאַמפּערט מיט וואָלקנס, האָט זיך איצט מיט־אַמאָל אַרויסגעריסן פון זיי און געגומען באַשײַנען דעם טאָל. ערגעץ צווישן ניס־בוימער האָט געררישט אַ שטראָם מעשוגענערווייז.

דער קאָמאַנדאַרם האָט זיך צעשײַנט מיט אַ גוטן שמייכל.

פון צווישן די בוימער זײַנען אַרויס דרײַ רײַטער און געפאָרן דעם קאָמאַנדאַרם אַנטקעגן.

— דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק! — האָט דער קאָמקאָר מיט פרייד אַ שעפּטשע געטאָן דעם קאָמאַנדאַרם.

ווען מע האָט זיך אויסגעגלײַכט מיט די אָנגעקומענע, האָט דער פּאָל־קאָווניק פאַרקערעוועט דאָס פערד אין אַ זײַט און אויסגעצויגן זיך ווי אַ פאַנטאַסטישער ריז. זיין אַדיוטאַנט — אַ קלײנינקער, אַ שוואַרצער פּאָרוטשיק (אויך אַ גרוזינער) — האָט זיך אויסגעשטרעקט אויף דער סטרעמעניע און פלינק פאַרוואָרפן די האַנט צום דאַשעק.

דעם קאָמאַנדאַרם האָט אײַנגעהאַלטן די לייצעס.

— אײַער פּרעוו־דיטסטוואָ... דער פּאָלק איז שוין אַוועק אין שלאַכט.

— שוין אַוועק? — האָט שטרענג געפרעגט דער קאָמאַנדאַרם, און נאָך אַלץ געהאַלטן די דלאָניע באַם דאַשעק — אויסגעצייכנט.

די פערד האָבן זיך צונויפגעגאַן אויף איין אָרט.

דער קאָמאַנדאַרם האָט געדריקט דעם פּאָלקאָווניקס האַנט.

— נו, גוט. הייסט עס, איצט צום פּראָטסקער. אויסגעצייכנט. ווי קומט מען צו זיי — אַמנאָענטסטן?

— אַטהע̈ר — פאַרבײַ דער הויך 1566 — מיט דעם וועג.

דער קאָמאַנדאַרם האט א ריס געטאָן די לייצעס.

— אײַער פּרעוו־דיט־סטוואַ, עפּשער איבערכאַפּן עפּעס?

מיט אַ שוואַרצן שמייכלענדיקן בליק האט דער קאָמאַנדאַרם באַקוקט די קאַוואַלקאַדע.

— ניין, אַ דאַנק, דאָרטן.

און מע האָט זיך געלאָזט ווײַטער, מיטנעמענדיק די צווי נײַע רײַטער, וואס זיינען געריטן פונהינטן. מע האט הילכיק געלאַכט.

דער קאָמאַנדאַרם האט זיך ווידער פאַרקוקט אַפּן באַרג („טשארנאַ־גורא”).

די גענעראַלשע האט געפּײַניקט איר פערד, געטריבן עס באַגלייך מיטן קאָמאַנדאַרמס. כאָטש דעם קאָמאַנדאַרם איז עס געווען זייער ניט צום האַרצן.

— נו,— זייער גוט, און איר האט יִסורים! — האט זי מונטער אויסגע־שריגן און קאָקעטיש האלב צוגעמאַכט די אויגן,— אלץ וועט זיין אויס־געצייכנט! ס'איז נאָר אזוי זיך. אונדזערע רוסישע סאָלדאטן זיינען העלדן, וונדערלעכע גיבוירים.

— איך גלויב ניט, אַז זיי וואָלטן געקענט פאַראָטן! — האט פון א זײַט זיך אָנגערופן פאַנאַ נאַדיאַ. זיי זיינען פאָשעט געשלאָפן, איצט וואַכן זיי אוף.

— יאָ! — האט א בורטשע געטאָן אין דער וועלט אריין דער קאָ־מאַנדאַרם און ווידער פאַרקוקט זיך אַפּן באַרג.

ער איז ווידער פארומערט. די פערד האבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל.

און ווי פריער דאָרטן, איז פון הינטער די בוימער אַרויסגעריטן אנקעגן דער שטאַב־פאָלקאָווניק פון פּרוטסקער פאָלק („אין א מונדיר! גאָט מיינער”) — א מיטליעריקער מענטש, אַ פריש געגאָלטער,— האָט אָפּגיך אָפּגעגעבן דעם טראַפּארעטן ראַפּאָרט און צוגעשטאַנען צו דער באַגלייטונג. נאָך זיי זיינען נאָכגעפאָרן צוויי אָפיצירן אף מידע פאַר־שוימטע פערד. דער פאָלקאָוואָי אַדיוטאַנט איז געווען באַזונדערס אופ־געלייגט. בא יעדן ריר דעם קאָמאַנדאַרמס האט ער זיך אויסגעשטרעקט אין זאָטל, ווי א סטרונע, און געוואָרפן די האנט צום שטערן דײַטלעך און גיך, גלייך ער וואָלט אַלע מאָל אָפּגעוואָרפן הינטערן פערד עפּעס א פאַרדריסלעך־נימעסע זאַך. יעדעס מאָל האָבן זיינע פינגער אַף אַ שטיק ניט דערגרייכט צום דאַשעק און פלוצימדיק שנעל געפלויגן „פּאָ שוואַם”.

דער קאָמאַנדאַרם האט אַף אים א צאָרנדיקן קוק געטאָן. ער האט זיך אַ טריפּע געטאָן און גיך צוויי מאָל נאָכאַנאַנד א שמיץ געטאָן עפּעס צום פערד אַרונטער.

פון ביידע זייַטן האבן זיך געצויגן בלינדאַזשן און קיכן. אַלץ איז ענלעך געווען צו אַ ווילדן ציגייַנערשן טאַבאָר. קעגעניבער איז געליגן אַ דורכזיכטיקער נעפּל פון שמעקנדיקן רויך.

לעבן ווייַסינקן שטיבעלע — דעם שטאב פון פּאָלק — האט דער קאָמאנדאַרם אָפּגעשטעלט דאס פערד און לייַכט אַראָפּגעשפּרונגען. אין איין רעגע זייַנען אַלע אַראָפּגעפלויגן אַף דר'ערד. נאָר די גענעראַלשע האט אוועקגעיאָגט איר פערד אפן בערגל און מיט א טעאַטער־בינאָקל באַקוקט די טשאָרנאָהאָרא.

אַ פּאָלקאווניק מיט זעקס גאָלדענע בענדלעך אַף דער רעכטער האַנט („זעקס וואונדן”) איז הינקענדיק צוגעשפּרונגען צום קאָמאנדאַרם.

— ווּ איז אייער פּאָלק?

— אין רעזערוו, אייער דיט.

— און איצט? איצט?

— אין די בלינדאַזשן.

— איר האט דערהאַלטן די טעלעפאָנאָגראַם פון „נאַטשקאָר”? פאַרוואס האט איר ניט צונויפגענומען דעם פּאָלק?

— א סיטואַציע, אייער פּרעוו־דיט... אַן אַגיטאציע.

— איך פרעג אייך — פאַרוואָס האט איר ניט צונויפגענומען דעם פּאָלק? איר האט אַנגעזאָגט אייער פּאָלק, אַז סע פאָרט דער קאָמאַנדאַרם?

— „טאַק־טאָטשנאָ”. צונויפגערופן די דעפּוטאַטן.

— און זיי, זיי, די סאָלדאטן אַליין האט איר געזאָגט?

— טאַק טאָטשנאָ. געזאָגט.

— ווי אזוי האט איר עס געזאָגט? אינטערעסאנט צו וויסן.

דער פּאָלקאווניק האט באַוועגט די פאַרטריקנטע ליפּן.

— צונויפגערופן דעם פּאָלק? — זיי אויסגעשטעלט? איז געווען א מיטינג? צי אזוי צוגעגאַן אין יעדן באַזונדער געזאָגט?

אַ פּאָרוטשיק — א גרוזינער (גאָטעניו! דא אויך אַ גרוזינער) איז געקומען צו הילף.

ער האט „געהאַקט” מיט דער האנט צום דאַשעק, און „געשלונגען” מיט די אויגן דעם קאָמאַנדאַרם.

— נו? אַ מיטינג, פארשטייט זיך, אַן א מיטינג ווערט דאָך בא אייך גאָרניט געטאָן. באלד קלײַבט מיר צונויף דעם פאָלק.

און דער קאָמאנדאַרם האט זיך געלאָזט גיין צום שטאַב.

די גענעראַלשע איז צוגעזאָרן צום שטיבל און פוילבלעך געהאקט בלעטלעך פון א בוים.

צוויי אָרדינאַרצעס זײנען צוגעפלויגן צו איר און אָנגעכאַפּט איר פערד באַם צוימל.

— אַ דאנק, א דאנק, מע דאַרף ניט!

די פאנא נאַדיאַ האט זיך געהאט אוועקגעלאָזט צום שטיבל, נאר שטיין געבליבן, ווידער אַרוף אפן פערד און אַוועקגעיאָגט צו דער מוטער.

דער קאָמאנדאַרם האט זיך געזעצט צום טיש. און דער הויכער שלאַנקער אדיוטאַנט האט צוליב עפּעס ארויסגעכאפּט פון פּאָרטפעל אַן עסטרײַכישע „דרײַווערסקע“ און צעשפּרייט זי אַפן שפּיץ טיש.

א פארלוירענער, א דערשוויצטער איז דער פאלקאווניק געבליבן שטיין אין טיר, און דערנאָך אונטערטעניק צוגעהינקען צום טיש.

— דער פאָלק זאמלט זיך?

— טאַק טאָטשנאָ.

דער קאמאַנדאַרם האט אופמערקזאם באַטראכט דעם פאָלקאווניק. אַף דער ברוסט בא אים אונטערן קאָלירטן באנט איז געהאַנגען אַן עמאַלירט ציילעמל, בא דער לינקער זייט, קימאַט בא דר׳ערד האט זיך געבאַמבלט א שווערד מיט א געאַרגישן קאַ״עס.

— וואס הערט זיך בא אייך מיט פּראָוויאַנט? מיט וואס האָדעוועט איר דעם פאָלק?

— מע האָדעוועט, אײַער פּרעוו - דיט - סטוואָ, געלויבט דעם אויבערשטן. צופרידן מיט דער אינטענדאַנטסטוואָ.

— נו, אַשטייגער? כאַזער - שמאַלץ איז דאָ? פּעטס? באָרשטש? סופּ? פּאַסאָליעס? ליגזן? צי באַ אייך איז אויך אזוי:

„Наедимся чечевицы — отдадим и черновицы“?

— טאַק טאָטשנאָ, אײַער פּרעוו - דיט - סטוואָ. אַלץ איז פאַראַן.

— דער קאָמאַנדאַרם האָט וויסט אַ שמייכל געטאָן.

— וואָס - זשע בונטעווען זיי?

— מיר בונטעווען ניט, אײַער פּרעוו - דיט - סטוואָ.

— וואָס דען טוט איר?

— אַ קרומער שמייכל האָט זיך באוויזן אַפן פּאָלקאָווניקס ליפּן.

— דאָס הייסט באַ אייך ניט בונטעווען? די גאַנצע ארמיי רייסט זיך אין שלאַכט. דאָס פּאָלק פאָדערט מע זאָל ארויסטרעטן, און באַ זיי הייסט עס קיין בונט ניט. וואָס זשע ריידן זיי?

— פאַרשיידנס ריידן זיי. אזוי און אַנדערש... מע וויל מער קיין מילכאָמע ניט.

אַפן גלאַטן בערגל אַנקעגן פענצטער האט זיך דערהערט אַ טופּען פון סאָלדאַטן.

— און וואָס וועט זיין, פּאָלקאָווניק, אז איך וועל ריידן מיט אײַער פּאָלק, און סע וועט גיין אין שלאַכט? א, וואָס וועט זיין?

— סע וועט זיין אַ וווּנדער, אייער פּרעוו־דיט־סטווּאָ.

— אַ וווּנדער? וועט איר זיין אן איידעס פון וווּנדער. איך וועל מאַכן וווּנדער. איך וועל עס אייך באַווײַזן.

אַ שמייכל האט זיך געשלענגלט אַפן קאָמאַנדארמס ליפּן. אלע האָבן זיך צעלאַכט. אפילע דער פּאָלקאָווניק האָט געלאַכט, און דער גרוזינער איז צוגעשפּרונגען צו אים און געהאַקט מיט דער האנט פונעם שטערן ביזן קני. דער קאָמאַנדאַרם האט אַף אים ליבלעך א קוק געטאָן.

אַפן בארג האבן זיך דערהערט עמעצנס שטימען.

דער פּאָלק האָט זיך, ווייזט אויס, געזאַמלט. צום קאָמאַנדארם איז דערפלויגן:

— „אַט־דווא! אט־דווא!"

— נו, אָט, דער וווּנדער הויבט זיך אָן, — האָט זיך צעלאַכט דער קאָמאַנדארם.

דער פּאָלקאָווניק האט זיך א פאַרלוירענער אַנגעבויגן צום פענצטער.

— זיי מאַכן כויזעק... אייער פּרעוו־דיט־סטווּאָ.

— ווער מאכט כויזעק?

— מע מאכט כויזעק. אָט זעט.

אפן בארג איז געשטאַנען א כאָפּטע און איינער פון זיי האט מיט א גראָבער שטים איראָניש געשריגן:

— אַט־דווא!

פון אונטן ארויף האבן זיך געשלעפּט צעכראַסטעטע, פוילע, אייניקע באָרוועסע געשטאַלטן.

— אמוניציע האָט איר געגוג? פאַרוואָס גייט מען בא אייך באָרוועס?

— סע סטײַעט ניט פאר אלע, אײַער פּרעוו־דיט־סטווּאָ.

דער גרוזינער האט גענומען האקן טשעסט:

— די בערג, אייער פּרעוו־דיט־סטוואָ. דאָס שוכוואַרג רייסט זיך אָפּן שטיין.

דאס בערגל איז אַלץ מער באַדעקט געוואָרן מיט סאָלדאַטן.

דער קאָמאַנדארם האט זיך אָפּגעקערעוועט פון פענצטער און ווידער באַמערקט אַף דער וואַנט די קאַרטע באַשטאָכן מיט פענדלעך. ער איז אופגעשטאַנען, און מיט יונגע טריט ארויס פון שטוב. די גאַנצע באַגלייטונג זיינע האט זיך מיט ראַעש געלאָזט נאָך אים.

די געניעראַלשע מיט דער טאָכטער, וואָס האבן געהאַלטן אין דערוויי־טערן זיך, האבן, דערזעענדיק דעם קאָמאַנדארם מיט די באַגלייטער, צור־ריק זיך א וואָרף געטאָן צום שטאַב, נאָר א צען טריט פון זיי, מיטאַ־מאָל אפּגעשטעלט די דערשוויצטע פערד, און מיט קאָקעטישן געלעכ־טער נאָכגעקוקט דעם קאָמאַנדארם.

— נו, אַן אטמאָספער, — האט צעצויגן געזאָגט די געניעראַלשע און אויס־געבויגן די געפּאַרבטע ליפּן, — גרויסט זיך מיט זיין ראַנג. פע, מיעסקייט.

די געניעראַלשע האט א ריס געטאָן דאס פערד, און די טאָכטער האט איר נאָכגעיאָגט.

דערזעענדיק די פרויען, האט דער קאָמאַנדארם אומצופרידן זיך פאַר־קנייטשט, שטייף און גראַד אָנגעשטעלט דעם קאָפּ און געגאַנגען צו דער מאַכנע.

די מאַכנע איז בייזווילליק אַנשוויגן געוואָרן.

— גלייכט זיך! — האט א געשריי געטאָן דער פּאָלקאָווניק. נאָר זיין געשריי צו דער מאַכנע איז ווי פאַרבייגעפלויגן צום אָנהויב וואַלד, צו די סאָסנעס, און דאָרט אין געדיכטעניש פאַרלוירן געגאַנגען.

דער גרוזינער האט זיך געוואָרפן אַף פריער פאַרן קאָמאַנדארם און געשריגן:

— מאַכט א וועג!

די אומגעלומפּערטע מאַסע גרויע געשטאַלטן האט זיך גערוקט אַף איין אָרט און צווישן זיי האט דער קאָמאַנדארם מיט זיינע באַגלייטער גערוקט זיך ווי אין טייג אריין.

עפּעס א הויכע פיגור האט איראָניש אויסגערופן:

— וואַסער מאָך א וואַרע, דר... קריכט!

דער קאָמאַנדארם האט זיך דורכגעשטופּט פאָרויס. צו לעצט זיך אָפּ־געשטעלט און שווער אָפּגעאָטעמט.

בייזע, גרינע, שוואַרצע, בלויע אויגן, קאַשקעטן, טשובעס האָבן אַרומ־געריינגלט דעם קאָמאַנדאַרם און שטרענג געקוקט אויף אים.

— אַ גוט מאָרגן, ברידערלעך!

— ניט קיין ברידערלעך, נאָר בירגער! — האָט עמעצער אויסגעשריגן פון הינטער פּלייצעס.

אויגן, טשובעס האָבן מיט סינע געקוקט אויף אים.

— איך מיין, מײַנע הערשאַפטן...

— ניט קיין הערשאַפטן, נאָר כאַוויירים.

— איך זאָג — הערשאַפטן, ווייל איר זיינט די הערשער פון דער לאַגע. איך זאָג עס, הייסט עס, מיט אָפּשײַ — הערשאַפטן.

— מיר קענען אייער אָפּשײַ! — האָט אויסגעשריגן עמעצער פון דער מאַכנע, שוין דעם קאָמאַנדאַרם טאַקע גלייך אין די אויגן.

— איך רעכן, בירגער, אַז פונדעסטוועגן מעגט איר באַגריסן אייער קאָמאַנדאַרם.

דער קאָמאַנדאַרם האָט אויף דער מאַכנע שטאָלץ אַ קוק געטאָן. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז די געבענטשטע שטימונג פון „קויל־שוואַר־צער נאַכט" כוואַליעט אויף אים. — אין יענער רעגע האָט זיך אים גע־דאַכט, אַז דאָס בערגל אַרום אים איז מיטאַמאָל ווייך ערגעץ אריינ־געזונקען.

ער האָט זיך צוגעבויגן צו דער גלייכער שורע טשובעס, אָפּגעהוסט און פאַרוואָרפן די אויגן העט־העט ווער ווייסט ווהין, אַזש ביז צו די סאָסנעס. די כאָפּטע האָט זיך נאָך פעסטער אײַנגעפרעסט און אַזוי פאַר־גליווערט געוואָרן מיטן הויפן קעפּ, ווי אַ גיגאַנטישע וואַזע מיט פרוכטן.

— מיינט ניט, בירגער, אַז איר האָט אופגעטאָן עפעס אַן אומגעוויינ־לעכע זאַך. אינעם אוראַלטן רוים זיינען אויך געווען בירגער. אָבער כוץ בירגער זיינען דאָרט אויך געווען רעכטלאָזע שקלאַפן. דער רוימי־שער בירגער האָט אַליין געוווסט זיין פליכט און אַליין געגאַן אויף דער מילכאָמע. די שקלאַפן האָבן ניט געהאַט קיין רעכט און ניט געהאַט קיין פליכטן. דעריבער פלעג מען זיי צושמידן מיט קייטן צו די שיפן און אומראַכמאָנעסדיק שמײַסן איבער די רוקנס.

— וואָס? וואָס?

— ווער וועמען וועט שמייסן?

— וואָס רעדט ער? ש־ש...

— ש! ש!

מיטאַמאָל האָט זיך דער בליק זיינער אָפּגעריסן פון די העט־ווייטע סאָס־נעס. די מאַכנע האט אָנגעהויבן רודערן, אופגעהויבן זיך און קריכט אַף אים מיט איר הייסער מאַסע.

ער האָט אומבאַהאָלפן געקוקט אַף די באוועגלעכע טשובעס און קאַש־קעטן. אויגן אָנגעצונדענע מיט סינע האָבן געברענט פאַר אים, עפּעס האָט אים אַ שטופּ געטאָן אין עלנבויגן.

דער קאָמאַנדאַרם האָט זיך אומגעקוקט און צוגעזאָטן מיט די אויגן צו א קליין סאָלדאַטיש פּענימל.

אין אַן אָפּגעבליאַקעוועטער גימנאַסטיאָרקע, מיט א קאַרטוז אָן אַ דאַשעק, האָט ער עפּעס קרומלעך געטופּעט אַף איין פוס און שטאַרק גע־קוקט דעם קאָמאַנדאַרם גלייך אין מויל אַריין מיט שמאָלע גוטע אויגעלעך.

— אָט וואָס, ברידער... בירגער, הערט. ס'איז צו מיר דערגאַן אַ קלאַנג... איך גלויב ניט אין דעם. איך בין ספּעציעל געקומען זיך איבערצייַגן, אַז ס'אַ ליגן.

— וואָס איז אַ ליגן? ווער זאָגט א ליגן?

— וואָס רעדט ער?

— ווער רעדט עס?

— איך רעד עס — דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון אייער אַרמיי. איך וויל אייך דערציילן ווי סע האַלט. הערט אויס און ענטפערט.

דאָס הינקענדיקע סאָלדאַטיקל איז פּאַשעט אונטערגעשפּרונגען דעם קאָמאַנדאַרם אונטער די הענט. ער האט געקלאַפּט מיט די ברודנע ציין פאַר אומגעדולד און נייַגעריקייט.

— מיר קענען עס באַלד זאָגן.

— יאָ, יאָ. מיר קענען עס באַלד זאָגן.

— גענוג שוין איינריידן!

דער קאָמאַנדארם האט א הויב געטאָן דעם קאָפּ צו די אלע שטימען און ארויסגעשטעלט די ציין מיט א שמייכל:

— אָבער איר ווייסט נאָך ניט וואָס איך וועל אייך זאָגן? און איצט הערט אויס. קוקט אהין.

דער קאָמאַנדאַרם האט אופגעהויבן די הענט צו דער טשאָרנאָהארא. א ברוינע, א פעסטע, האט זי אומעטיק און שטרענג געקוקט אַף די פארזאמלטע.

— איר ווילט פרידן, — האט אויסגעשריגן דער קאָמאַנדארם, — און איך וויל פרידן.

— פרידן! — האט זיך ארויסגעריסן בא דער מאַכנע, פון די אויגן, פון די טשובעס, פון די גימנאַסטיאָרקעס.

— יאָ־יאָ, פרידן! — האט היסטעריש אויסגעשריגן דער קאָמאַנדאַרם, — אָבער א הערן־פרידן — אָן ביזאָיען.

— מיט ביזאָיען, מיט ביזאָיען! זאָל זיין מיט ביזאָיען! — האט א פלי געטאָן פון אויגן און פון טשובעס.

דער קאָמאַנדארם האט הארט פאַר זיך א קוק געטאָן. פאַר אים האבן געפינקלט אויגן, מײַלער האבן זיך געקרימט, און אופגעהויבענע ברעמען האבן זיך געבראָכן.

— איך וועל זיך מיט ביידע הענט אונטערשרייבן פאַר פרידן, אָבער ניט קיין סעפּאַראַטן.

— סעפּאַראַטן!

— וואס וועט זאגן די אַנטאַנט? אונדזוערע ברידער פראַנצויזן?

— אַ סעפּאַראַטן! — האט א זעץ געטאָן פון אלע אויגן און טשובעס.

דער קאָמאַנדאַרם האט געקוקט אין די אויגן, ברעמען, מײַלער און איינגעהאלטן אַ צעטראָגענעם שמייכל. ער האט אָפּגעזיפּצט און נערוועז פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס.

— אבער דער פרידן ליגט אָן דאָרט, הינטער יענעם בארג. איר זעט וואָס איז דאָרט? וואָס? אָט דאס ווייסט איר טאַקע ניט.

אויגן מיט טעמפּער נײַגעריקייט האבן זיך איינגעקלאַמערט אינעם קאָמאַנדאַרם. אים איז געוואָרן וואַרעם און גוט. ער האט באַמערקט אַ ציגײַער־רויך איבער דער מאַכנע, אָבער אים איז אפילע פון דעם רויך נאָך בעסער און וואַרעמער געוואָרן.

— און איך ווייס: דאָרט איז דער אונגאַרישער טאָל. דער פרידנס־טאָל. ווען מיר וועלן זיין דאָרט! וועט דער עסטרייכישער קייזער פראַנץ־יאָסיף! בעטן בא אונדז שאָלעם!

דער קאָמאַנדארם האט זיגעריש באקוקט דעם אוילעם. ער האט דערפילט, אז סאָפּקאָלסאָף האט ער שוין אָנגעטאַפּט די נויטיקע סטרונע, און א שמייכל האט זיך צעגאָסן איבער זיין פּאָנים.

— דארט איז דער העכסטער שפּיץ פון פרידן. וווער סע הערשט איבער אים — דער האלט דעם פרידן, הינטער אָט די שטיינער איז שוין מער ניטאָ קיין בערג. דארט איז שוין דרויב. פּיצלעך בערגלעך, סקירדעס. מיר וועלן זיי אַריבערשפּאַנען. איינס, צוויי — און פארטיק. און ווען מיר וועלן אָנשפּאַרן דאָרט, אף יענעם באַרג — איר זעט? — וועלן

זיי ניט האבן באַ וואָס צו האַלטן זיך. זיי וועלן זיך אַראָפּשיטן אַראָפּ אין דעם אונגאַרישן טאָל, — די בײַערישע און טיראָלישע שיסער זייערע.

דאס בערגל האָט שווער געאָטעמט און טעמפּ געקוקט אַפן קאָמאַנדאַרם.

דעם קאָמאַנדארם האָט עפּעס מיטאַמאָל אָנגעהויבן שטאַרק באַנק-טאָן.

— האט ניט מוירע פאַר יענעם טאָל, דאָרט ווינען אונגאַרן. א מוירעדיק רייך פויערים־פאָלק. דארט פירן מיר שוין מער קיין מילכאָמע ניט. דארט בלייבן מיר אָפּצורוען און וואַרטן אַף די שליסלען פון פרידן. ניט מער, מיר שטייען און וואַרטן.

ווידער האט אַ ראַכמאָנעס אַרומגעכאַפּט דעם קאָמאַנדארמס האַרץ. אים האט זיך פאַרוואָלט אַרומנעמען יעדן צעשויבערטן קאָפּ, קושן זיי אינעם שטערן, אין די ליפּן, אַרויסנעמען דעם טײַסטער און שיטן איבער זייערע אַקסלען.

— יאָ! דער אונגאַרישער טאָל! דעמאָלט וועלן אונדז מער ניט אינטערעסירן די אונגאַרן, נאָר די...

דער קאָמאַנדארם האָט זיך אַרומגעקוקט. די מאַכנע האָט זיך אויסגעקערעוועט נאָך אים.

באַ די סאָסנע־שפּיצן, וואָס זיינען שלאַנק געשטאַנען איבערן פעלזיקן אָפּגרונט, האט גענומען קנוילן זיך אַ ברוין רויכל. דאָס איז אָנגעקומען דעם קאָמאַנדארמס צוג. רעכטס פונעם רויכל אַף א פעלז, אין אַ דינאַמישער פּאָזע, איז געשטאַנען דער גענעראַלשעס פערד. די פאַנאַ נאַדיאַ איז מיט איר פערד געפלויגן אַראָפּ אין טאָל אריין, דער גענעראַלשעס פערד האט זיך אַ ריס געטאָן אַראָפּ, צום שטראָם, און פונדאָרט טראָגן זיך דינינקע פרויען־קוויטשן.

דער קאָמאַנדארם האָט אַ בוימלדיקן שמייכל געטאָן.

— דעמאָלט וועלן אונדז שוין אינטערעסירן די אונגאַרישע פרויען. וואָס אינטערעסירט דען מער דעם סאָלדאַט? וואָס האָט ער פון אַן אונגאַר? אָבער אַן אונגאַרקע — איז גאָר עפּעס אַן אַנדער זאַך. אַ שיין פאָלק, צו אַלדע רוכעס, מיט גרויסע פולע ברוסטן. און זיי הענגען אַראָפּ ווי... כאַזיירימלעך...

— האַ, האַ! — האָט זיך אופגערודערט די מאַכנע, נאָר באַלד אַנשוויגן געוואָרן, און ווידער האט אַ טעמפּע נײַגעריקייט אַראָפּגערונען פון די אויגן און טשובעס.

— און די אונגאַרקעס האָבן שרעקלעך ליב... צו שלאָפן מיט מע־נער. אַזאַ הייס־בלוטיק פאָלק. און פאַר אונדז איז עס ווי אָנגעמאָסטן.

דער קאָמאַנדאַרם האט אַ קוק געטאָן אין דער ווייט, אָפן ברוינעם רויכל פון זיין צוג, אַף דער גענעראַלשע מיט דער טאָכטער, און באַוויזן די ציין, די נאָענטסטע טשובעס האָבן אַ הירזשע געטאָן פריידיק און טעמפ.

— נו? וואָס מאַכט אייך אויס אַזאַ באַרג? אַ קאַטאָוועסל! איין שפּיי, און ער איז אינדזוערער.

— מיר האָבן שוין געשפּיגן.

דער קאָמאַנדאַרם האָט זיך אויסגעדרייט צום קאָל.

דאָס סאָלדאַטיקל מיטן קרומען זייטל האָט זיך ווידער אים אַ וואָרף געטאָן אונטער דער האַנט. ער האָט עפּעס מאָדנע געציטערט און גע־שנייצט זיין קליין נעזל.

— מיר האָבן שוין געשפּיגן, הער גענעראַל. מיט בלוט געשפּיגן. צוויי דיוויזיעס אויסגעשפּיגן, אן דאָרט — הינטער די שטיינער. איצט שפּייט נאָך איר אויס.

— האַ, האַ, האַ! — האָט זיך געקייקלט איבער די קעפּ.

דער קאָמאַנדאַרם האט שארף זיך איינגעקוקט אינעם סאָלדאַטיקל. יענעמס פּאָנים האט געשיינט. פּלוצים האָט ער אָנגענומען דאָס סאָל־דאַטל בא זיין דאַרער, וואַרעמער האַנט מיט אָפּגעבליאַקעוועטן אַרבל. די אַרומיקע האָבן זיך אָנגעשפּיצט. די ליפּן באַם סאָלדאַטל האָבן אופּ־געציטערט. ער האָט קאָמיש צוגעבויגן דעם קאָפּ צום אַקסל און געקוקט דעם קאָמאַנדאַרם אין די אויגן:

— פּאַניע גענעראַל.

— האַ?

דאס סאָלדאַטל האָט איבערגעבויגן דעם קאָפּ אַפן צווייטן אַקסל:

— זאָגט, וויפל געלט באַקומט איר?

די כאָפּטע איז אַזש געקראָכן איינס אף ס׳אַנדערע.

— האַ, האַ!

— איך? געהאַלט? ניט־זייער־פיל. ניין.

— און וויפל? וויפל?

קעפּ האָבן געאָטעמט דעם קאָמאַנדאַרם אין רוקן אריין. אים איז הייס געוואָרן, ער האט דעם קאָלנער צעצויגן.

— זיבעצן טויזנט.

— הא, האַ, האַ־הא. האַ־הא.

— וואַרט, וואַרט, ברידערלעך, באַרויִקט זיך. וואָס איז דאָ פאַראַן אַזעלעכס?

— הא, האַ.

— אַסאַך? ניין, ס׳אַ קלייניקייט, סע שטייט נאָך אַפּילע ניט, שטעל דיר פאָר.

דאָס סאָלדאַטל האָט קאָמיש, ווי אין אַ טעאַטער, אָפּגעווישט מיטן אַרבל די נאָז און ווידער אָנגעשטעלט דעם קאָפּ אַפן צווייטן אַקסל.

— און איצט וועל איך זאָגן ווי אזוי צו פאַרענדיקן די מילכאָמע.

— נו, נו, זאָג, זאָג. לאָמיר ריידן וועגן פרידן! — וועמעס איז שע־נער: דיינער, צי מיינער.

דאָס סאָלדאַטל האָט אַ שטאַרקן שמאָרע געטאָן מיט דער נאָז, און געשוויגן אַ ווײַלע.

— איך וועל זאָגן ווער איז אונדזער סוינע.

— זאָג, זאָג.

דעם סוינע טראָגט איר אונדז אַף אײַערע אַקסלען.

— רי־כ־טיק!

— הו, הו, הו, הו.

— שטערנדלעך און אַקסלבאַנטן.

דער קאָמאַנדארם האָט א מאַך געטאָן מיט די הענט.

דער אוילעם איז שטיל געוואָרן, און ווידער האבן זיך אויגן, ברעמען און מײַלער אַרײַנגעקלעפּט אינעם קאָמאַנדארמס קאָפּ.

— און אַ דײַטש — וואָס איז ער דיר — אַ ברודער?

— א דייטש?

— יאָ, יאָ, אַ דייטש.

— דער דייטש איז אַ ברודער.

דער קאָמאַנדארם איז מעוולבל געוואָרן. ער וואָלט צו נישט געמאַכט מיט די אויגן אָט דאס טובערקוליאָזע גופל זיינס, אָט דאָס „דעגענעראַטל”.

— דער דײַטש — אַ ברודער? דער דייטש איז דיר אַ ברודער?

— יאָ, יאָ, ער איז מיר אַ ברודער!

— נו, אויב דער דײַטש איז דיר א ברודער — איז גיי זשע צום צום דײַטש. איך האַלט דיך ניט, זאָלן זיי דיך האָדעווען. הינטערן קאָ־מאַנדארמס פּלייצע האט עפּעס אַ קראַקע געטאָן און אַוועקגעקוליעט איבער די קעפּ.

דער קאָמאַנדאַרם האט באַקוקט זיינע מיליטער־שטיוול, אופגעהויבן די אויגן, דערזען אין טאָל די „אַמאַזאָנקעס", די רירעוודיקע קנוילן פונעם צוג און ווידער א קוק געטאָן אף זיינע שטיוול. דערנאָך שווער אופ־געהויבן דעם קאָפּ און באַקוקט די מאַכנע.

— איז וועגן וואָס איז דאָ צו ריידן? אויב דער דייטש איז א ברודער — איז צוליב וועלכן רועך ריידן מיר דאָ? צוליב וואָס גייען מיר אין שלאַכט?

— מירן ניט גיין, ניט גיין!

דער קאָמאַנדאַרם האָט פאַרלייגט די הענט אף דער ברוסט:

— אט דאָס פרעג איך אייך טאַקע; איר טרעט אַרויס אין שלאַכט, אָדער ניין?

— מיר גייען ניט!

ס׳האָט זיך געדאַכט, אז סײַ דאָס בערגל און דאס נאָענטע וועלדל, סײַ די סאָסנעס, די בוק־בוימער, די פיכטן, די קושטשעס, די טשובעס און מײַלער האָבן מיטאַמאָל א הודע געטאָן דאָס איינע וואָרט, א וויכס און א הייס האט עס געטאָן א זעץ איבערן אוילעם מיט שרײַענדיקע קנוילן.

דער קאָמאַנדאַרם האט א שווערן זיפץ געטאָן און פאַרומערט אָנגע־בויגן דעם קאָפּ, געקוקט אף זיינע שטיוול, אף דעם סאָלדאַטלס באָר־וועסע פיס מיט די גרויסע שוואַרצע נעגל.

— נו, איז א גוטן אייך.

ער האט טרויעריק אָנגעקוקט דאס סאָלדאַטל, די מאַכנע, די אָפיצירן, דעם פּאָלקאָווניקט אַרבל מיט די זעקס גאָלדענע בענדלעך און טיף אָפּגעזיפצט.

פּלוצים האט דער פּאָלקאָווניק פונעם בוקאָווינער פּאָלק זיך א ריס געטאָן אַפן קאָמאַנדאַרמס אָרט און אויסגעשריגן:

— רוסלאַנד איז אײַערס?

— יאָ! יאָ!

— א פאָטערלאַנד האט איר?

— יאַ, יאַ! און וואס האט עס צו דיר?

די מאַכנע האט גענומען קאָכן און טרייסלען מיט די טשובעס.

דער קאָמאַנדארם האט פּלוצים אָנגעבויגן דעם קאָפּ און אריין מיט דער האנט אין קעשענע, דאס ווייסע טיכעלע האט זיך אין דער קע־שענע פאַר עפּעס פארטשעפּעט און בעשומויפן ניט געוואָלט ארויסקריכן.

דער פּאָלקאָווניק האט אופגעהויבןביידע הענט און געהאקט מיט זיי אינדערלופט.

— וואס טוט איר?—באַדענקט זיך!

עמעצער האט זיך געשטופּט דורך דער מאַסע און געפּרוווט אריינקריכן אין מיטן. א גראָבינקער, א נידעריטשקער סאָלדאַט אָן פּאָהאָנעס און אָן א פּאַס. ער האט געהאלטן אין האַנט א באַלאַלייקע. מיטאמאָל איז ער צוגעשפּרונגען צום קאָמאַנדאַרם, אראָפּגערוקט דאס היטל אף א זייַט און א זעץ געטאָן איבער די סטרונעס:

Во саду ли в огороде
Выросла морковка
Солдат бабу полюбил,
Что она торговка.

— האַ, הא, הא.

דער קאָמאַנדאַרם האט אויסגעווישט די נאָז און די אויגן, זיך אויסגעדרייט, לאנגזאם אריינגעצויגן אין זיך לופט און גענומען דורכרייַסן זיך דורכן געדרענג.

Во саду ли в огороде
Выросла петрушка
Хи, ха

— הא, הא.

דער קאָמאַנדאַרם האט זיך דורכגעריסן צווישן אוילעם, אויסגעקערעוועט, א קוק געטאָן אַפן בערגל און אין דער רעגע האט „די שטימונג פון דער קויל־שוואַרצער נאַכט" זיך צו אים אומגעקערט.

ער האט א וואָרף געטאן אינדערלופטן די הענט און אויסגעשריגן:

— איצט וועלן מיר שמועסן מיט אייך מיט האַרמאַטן און קוילנוואַרפערס!

— ש־ש...

דער אוילעם איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן.

— וואס האט ער געזאגט?

דער קאָמאנדארם האט זיך ארויסגעדרייט און מיט פעסטע טריט אַוועק צום שטיבל.

די אָרדינאַרצעס, דערזעענדיק אים, האבן אופגערודערט גענומען זיך צו די פערד. פונעם בערגל האט גאַלאָפּירט די גענעראַלשע מיט דער טאָכטער.

מיט א זייַטל איז צוגעשפּרונגען צום קאָמאנדארם דער פאָלקאָווניק. דער קאָמאַנדאַרם האט שטרענג אף אים א קוק געטאן און אויסגעצויגן די האנט צו די ווישקעס.

— איך באַפרייַ אייך פונעם פאָלק.

ער איז לייַכט און יונג ארוף אַפן זאָטל. דער גענעראַלשעס פארסאפעט פערד האט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן שטיבל.

הענט און טשובעס האבן זיך געוואָרפן איבער דער מאַכנע.

דער קאָמאַנדארם האט פעסט אנגעצויגן די ווישקעס, דאס פערד האט אויסגעגלייַכט דעם קאפ און שיין, בילדעריש אוועקגעטראָגן זיין רייַטער. אונטער אים האבן א קלונג געטאָן פערדישע טלאָען און סטרעמעניעס.

איבער סאָסנע־שפּיצן האט דעם קאָמאַנדאַרמס צוג געווארפן שיינע קנוילן רויך.

אונטערהאַלטנדיק מיט דער האנט די שווערד, האט דער פאָלקאָווניק זיך א לאָז געטאן פון דער שוועל צו די סאָלדאַטן, זיך דורכגעריסן צווישן די הייסע לייַבער, האט ער מיט א קוויטש געשריגן:

— ברודערלעך, וואס טוט איר מיט מיר? כ'בין אייך קיין באַטקאָ ניט. כ'האב זעקס וווּנדן. איך וויל נאך זעקס, זאל מען מיך דערהארגענען!

א קוויטשערייַ האט אופגעציטערט איבערן הו־האַ און געפילדער.

— וואַש־דיט — האט פונהינטן א געשריי געטאן דער קאָמקאָר. זיי לויפן אונדז נאך.

און טאַקע: דער בארג האט זיך גערירט און נאכגעלאפן.

דעם קאָמאַנדארמס שפּאָרן האבן זיך ארייַנגעשניטן אינעם פערדס בויך.

אָט־אָט איז שוין דאס שיינע רויכל פון צוג — דער סאַלאָן און...

דער געפילדער איז אַראָפּגעקראָכן פונעם באַרג און רוקט זיך מיטן טאָל. גלייך ווי די טשערנאָהאָרא וואָלט מיטאמאָל צעשפּרונגען מיט פייַפערייַ און קלאַפּערייַ, רוקן זיך פון איר די פעלזן, פאַרוואַלגערן דעם טאָל, די שטאַבן, בלינדאַזשן, און מיט פייַערדיקע, זידנדיקע שפּענדלעך שיטן זיי זיך, די פערד, אונטער די פיס. דער גערודער האט זיך גערוקט אַף די פערד, געכאַפּט זיי בא די פיס, געהויבן די טשובעס איינדערלופטן.

אָט איז דאס שמאָלע הילצערנע בריקל, א ריטשקעלע, א גרויער בריק איבערן פרוט און א קליין רויטלעך וואָקזאַלכל.

דער גענעראַלשעס פערד האט איבעריאגט דעם קאָמאַנדאַרם. זי האט, ווייזט אויס, ארויסגעלאָזט די לייצעס און זיך געטרייסלט אין זאָטל ווי

א זאַק. דער קאפעליוש איז מאָדנע געשפּרונגען באַ אירע אַקסל, ווי א פארוווּנדעטער פויגל.

דער לאָקאָמאָטיוו האט אַנגענעם און מיט פרייד געפּעכקעט און גע־אָטעמט מיט שוואַרצע נאָזלעכער.

די גענעראַלשע איז צוגעשווימען צום וואַגאָן און זיך אראָפּגערוקט פון פערד. א שפּיץ פון איר קלייד האט זיך פאַרטשעפּעט באַ דער סטרע־מניע און סע האבן ווייס א שײַן געטאָן די קורצע פיס מיט די בלויע זאָקנבענדלעך.

דער קאָמאַנדאַרם איז אראָפּ פון פערד, היל'כיק און פּאַמעלעך געשפּאַנט איבער־ טרעפּלעך און פארשווּנדן אין סאַלאָן. א הויכער שלאַנקער אַדיוּ־טאַנט האט זיך ארײַנגעריסן גלייך נאך אים און א רעגע שטיין געבליבן אף דער שוועל, צו פאריכטן דעם אראָפּגערוקטן קאַשקעט.

— געגוג. ניט דערלעבן וועט איר איך זאָל ריידן מיט אַזוינע בעהיי־מעס. גענוג. האַרמאַטן און קוילנוואַרפערס.

דער קאָמאַנדארם האט זיך שווער אראָפּגעזעצט באַם טיש און די פעלד־קאַרטע האט א שורשע געטאן אין זײַנע הענט.

זײַן אויג האט אָנגעטראָפן אין די גרויע קנייטשן פון דער „דרײַ־ווערסטקע”.

— Chornobora (אויסוורפן !).

דער קאָמאַנדאַרם האט אָפּגעוואָרפן די קאַרטע אין א זײַט, א קוק גע־טאָן אַפן אַדיוטאַנט. יענער האט נאָך אלץ צורעכט געמאכט דעם קאַשקעט. פּלוצים איז ער אופגעשטאַנען, זיך א ריס געטאָן צום פענצטער און אראָפּגעלאָזט די שירמע.

— ביטע, שרײַט וויפל אייער האַרץ גלוסט.

ער איז זיך דורכגעגאַן איין מאָל איבערן סאַלאָן, געבליבן שטיין באַם טיש און זיך ארײַנגעזעצט אין א פאָטעל.

— פארוואָס פאָרן מיר ניט?

דער אדיוטאַנט האט א יאָג געטאָן צו דער טיר און שיר ניט א זעץ געטאן די פּאַנאַ נאַדיאַ. די גענעראַלשע איז איר געהאנגען אף די הענט און זיך נאָכגעשלעפּט. דער הוט, וואָס איז איר אראָפּגעפאָרן אַפן האלדז, האט זיך פארטשעפּעט באַ דער טיר, אראָפּגעפלויגן און געבליבן שטיין אַפן פּאָל.

דער געריויש האט זיך דערנעענטערט צום בריקל, זיך געזעצט אפן וואגאן, געטופּעט איבערן דאַך, געגישטערט אין די רעדער, געפאלן אַפן

קאַרק, געפּײַפט און געשיט ווי הייסע שפּענדלעך. דער ליארם האט געדרוקט דעם וואַגאָן, געהויבן אים איגדערלופטן, און דער סאלאָן האט אָנגעווירן זיין גלײַכגעוויכט און זיך געוויגט ווי אף כוואליעס.

די גענעראלשע איז געפאלן אין ווינקל און אויסגעשטרעקט די פיס. נאַדיאַ האט זי פארשטעלט מיט איר גוף און צעשפּיליעט איר די ברוסט.

דער אדיוטאנט איז געבליבן שטיין אף דער שוועל.

— מע לאָזט ניט.

דער קאָמאנדארם איז אונטערגעשפּרונגען פונעם פאָטעל.

— וואָס?

דעם אדיוטאנטס ווײַסע, טרוקענע ליפּן האבן זיך באוועגט אָן לאָשן.

— טייקעף — לאָזן. די רעגע! כ'וועל צעשיסן דעם מאשיניסט.

דער ראַעש האט זיך געדיכט אָנגעזוצט אַפן וואגאָן, אריינגעקוועטשט דעם דאַך, געטופּעט איבערן בלעך, מיט שווערע פיס זיך איינגעקלאמערט אין די בופערעס, זיך אראפגעריסן, געפאלן, אנגעכאפּט און געפּעכקעט מיט צעשויבערטן פּײַף.

— ווו האט ער זיך באהאלטן?

— וואס האט ער געזאגט?

— פארוואס קומט ער ניט ארויס?

דער קאָמאנדארם איז אופגעשפּרונגען פונעם פאָטעל און זיך קיין אָרט ניט געפונען אין סאלאן. ס'אַראַ שיטערע שירמע! מע זעט דורך איר דאס פלאטערן פון די נימעסע טשובעס, דאס דראָענדיקע פאָכען מיט הענט, דאס פײַער פון ברענענדיקע אויגן, די קאָנוולסיוו־ציטערנדיקע מײַלער.

— פארשטעלט די פענצטער! מיטן טעפּיך! איך וויל ניט זען אָט די שאַנד!

די אדיוטאנטן האבן געכאפּט א טעפּיך און אים אוועקגעשלעפּט צום פענצטער. צעשפּרייט אים און קוים וואס זיי האלטן אים אין די הענט.

אָבער אויך דער טעפּיך העלפט ניט: קופעס אויגן שײַנען דורך אים מיט צאָרן.

— ווו איז ער, דער הונט?

דער קאָמאנדארם איז געפאלן אף דער קאנאפּע.

די פאַנאַ נאַדיאַ האט צעשפּיליעט דער מוטערס בוזעם און די ברוסטן שפּאַרן ארויס פון קאָרסעט, געלע און טרוקענע, ווי יוכטענע קאָבורעס. זי פארכלינעט זיך אין כריפּען און וויל כאפּן נאדיעס האלדז.

— דערלאנגט אים אַטהער!

דער קאָמאַנדאַרם האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער קאַנאַפּע. די אַדיוטאַנטן האָבן אָפּגעלאָזט דעם טעפּיך און אַ וואָרף געטאָן זיך נאָך אים.

בײַ דער טיר איז דער קאָמאַנדאַרם געבליבן שטיין, צורעכט געמאַכט דעם פּאַס, פאַריכט די פּאַהאָנעס און אַרומגעגאַן.

אַ גאַנצער יאַם קעפּ, אויגן, ברעמען, מײַלער און טשובעס האָבן אַ קראַקע געטאָן און גענומען רוישן.

צווישן דעם יאַם, אויף אַ בורען שטיין, אויסגעבויגן דעם קערפּער, האָט דער דעלעגאַט דער גרוזין אַרײַנגעשריגן אין דער מאַכנע אַרײַן עפּעס ווילדע, קורצע און פּישטשענדיקע ווערטער. די ווערטער זײַנען אין סמאָלע, שפּריצן אין דער פּאַרפּ׳ייצעניש — ער האָט זיי מעשוגענערווײַז מיט דער האַנט, און די קורצע שווערד בײַ זיין זײַט פּליט אום, ווי אַ צוגעבונדן שוועלבעלע.

דעם קאָמאַנדאַרמס אויג פּאַלט אינדערנידער, און דאָסזעלבע סאַלדאַטל מיטן קרומען זײַטל, דורכרײַסנדיק דאָס געדיכטעניש פון קאָכעדיקע קערפּערס, שטרעקט אויס צו־אים די דלאָניעס, כאַפּט אים בײַ די לאַמפּאַסן.

דער שמאָלער שטערן זײַנער איז אין טראָפּנס גלאַנציקן שווייס (ווי שטערנדלעך), זײַנע ליפּן ציטערן איבער די ברוינע ציין.

— שלעפּט אים אַהער.

רויטלעכע דלאָניעס האָבן אַ פלאַטער געטאָן איבער דער מאַכנע.

דער קאָמאַנדאַרם האָט זיך אַ בויג געטאָן אויף צוריק, אַרײַנגעשפּרונגען אין טיר, פאַרמאַכט זי און זיך אָנגעוואָרפן מיט דער פּלייצע. דער שלאַנקער אַדיוטאַנט האָט אַרויסגעכאַפּט פון דער קאָבורע דעם נאַגאַן, נאָר באַלד דערשראָקן זיך און אַרײַנגערוקט אים אין קעשענע.

— גיט אים אַהער! — האָט אַ געשריי געטאָן דער קאָמאַנדאַרם און אויסגעשטרעקט ביידע דינע הענט מיט לאַנגע פינגער. ער האָט קאָנווולסיוו פאַרפרעסט דעם נאַגאַן און ווידער אָנגעלייגט זיך מיט דער גאַנצער פּלייצע אויף דער טיר.

— האָ, האָ, האָ!

— כאַפּט אים!

— שלאָגט!

די טשובעס האָבן זיך ווי אַ מאַכנע פויגלען אויפגעהויבן איבערן וואַגאָן, פאַרשפּרייט אים מיט אַ גאַנצן וואָלקן פליגלען, פּאַטשן איבערן דאַך,

רײַבן אין די װענטלעך פֿון װאַגאָן, און די קאָנװולסיװע מײַלער צעציִען זיך װי גומען און שלוקערצן אַרױס אַ פֿרײדיק קראַקען.

אָנצאָליקע הענט האָבן זיך אײַנגעשפּאַרט אין דער טיר.

דעם קאָמאַנדאַנטס פֿיס האָבן זיך װײַך אַראָפּגעגליטשט אַראָפּ, צום סאָלאַן, — די טיר האָט זיך צעעפֿנט און דאָסזעלבע פּאָנים פֿונעם קרױ־מען סאָלדאַט מיטן אױסגעקרימטן מױל האָט זיך געשטעלט אױף דער שװעל.

דער קאָמאַנדאַנט האָט פֿאַרהאַקט די טיר און װידער אַנגעלײגט זיך אױף איר מיט דער פּלײצע.

— האַלט צו! — האָט ער אַ געשרײ געטאָן צו די אַדיוטאַנטן.

צװײ װײַסע הענט האָבן אַ בליק געטאָן פֿאַר זײַנע אױגן און אין דער־זעלבער רגע האָט ער אַ שװוּם געטאָן צוזאַמען מיט דער טיר אין סאַ־לאָן אַרײַן. די גענעראַלשע איז אױפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט און געפֿאַלן אױף די קני. אירע ברוסטן האָבן זיך אינגאַנצן אַרױסגערוקט פֿונעם קאָרסעט און זיך צעגאָסן אַראָפּ, אַזש אױפֿן סאַמע בױך.

דער קאָמאַנדאַנט איז אױפֿגעשפּרונגען, געכאַפּט בײַם פֿענצטער דעם טעפּיך, זיך אײַנגעװיקלט אין אים און אַנידערגעפֿאַלן אין װינקל אױף דער קאַנאַפּע.

די פֿליענדיקע טשובעס האָבן דורכגעבראָכן דעם דאַך, זײ פֿליִען דורך די טיר און פֿענצטער, אָנגעשטרענגטע ברעמען, מײַלער, װי פֿױגלען, פֿול מיט געלע צײן — אױסגעשרײען און טריט האָבן זיך צוזאַמענגע־שטױסן אין סאַלאָן, רײַסן זיך צום װינקל, שרײַען איבער זײַן אַנט־בלױזטן שאַרבן.

און אָט זײַנען הענט געפֿאַלן אױפֿן טעפּיך, אים אַראָפּגעריסן פֿאַרן קאָפּ און זיך אײַנגעװעגלט אין די פּאָהאָנעס. און נאָך הענט — רױטע מיט בלױע אָדערן — האָבן אים אָנגעכאַפּט אונטער די קני און ער איז אַרױס־געשװוּמען פֿונעם װאַגאָן.

אין קאָרידאָר האָבן זיך די טרעגער פֿאַרהאַקט, אױף אַ רגע שטײן געבליבן און אומגעלומפּערט אָנגעהױבן צו הױדען דעם קאָמאַנדאַרם.

קופּעס אױגן און מײַלער זײַנען צוגעזאָטן געװאָרן צו דעם בילד. דער קאָמאַנדאַרם האָט זיך אַ מאָדנעם ריס געטאָן און געפֿלױגן פֿון דער טיר.

פֿיר באַגנעטן (פֿיר באַגנעטן!) האָבן אים אונטערגעכאַפּט בעײסן פֿליִען. ער האָט זיך אױסגעדרײט אױף זײַ און אַ זעץ געטאָן אױף דער ערד.

— האַ־האַ־האַ.

... דעם קאָמאַנדאַרם איז גלייך קלאָר געוואָרן, אַז ער איז ניט קיין מענטש, נאָר א געאָגראַפישע קאַרטע. אַדיוטאַנטן האבן געכאַפּט פון טיש דעם קאָלירנדיקן געוואַנט, שלעפּן אים צו דער וואַנט, פּרעסן אריין באַ די עקן קנאָפּקעס, הוישן מיט די פּענדלעך, שטעקן שאַרפע שפּיצן אין דער פראָנט־ליניע. די קאַרטע שיפּעט ווייך און ציטערט אויף. פלוּצים האט זי אָנגעהויבן אומגעהויער צו וואַקסן, דער פרוט און טשערעמאַס האבן גענומען רוישן, שטראָמען האבן זיך צעקלונגען, און די בערג, אונטער דער שווערקייט פון שטיינער און סאָסנעס, זיינען געוואָרן מאָדנע אָנגעשוואָלן, זיינען ווונדערלעך געוואַקסן מיט יעדן שפּרונג; די בערג „די הארני־שקעס“ שפּאַרן זיך ארוף מעשוּנענדיק, ווערן געשוואָלן און געשוואָלן; די בערג־שפּאַלטן פאַלן אין אָפּגרונט און די שטראָמען יאָגן ווי צעדולטע.

נאָר אָט הויבט זיך אויף איבער אַלע בערג די טשארנאָגאָראַ (Chorno-„gora“)— א רויטלעכע, א בלויע, ציט זיך אויס, פארשטעלט דעם טאָל. און אט איז דער „ביוסט“. דער ביוסט וואַקסט אויך אזוי אומגעהויער, הויבט זיך אויף, קוקט זיך אַרום, אַף די בערג, אַף די וועלדער און טאָלן. אָט־אָט פאַרטשעפּעט ער זיך באַ אַ וואָלקנדל. לינקס פון אים — די דזעמבראָניאַ, דער שטאַב פון פּאָלק — פינטעלעך מענטשן, בלינדאזשן און דאָס קרומע סאָלדאטיקל. ער בויגט דעם קאָפּ אַפן לינקן אַקסל און שמייכלט איראָניש אין א זייט, צום בלויען טאָל.

„אונגאַרן“. אט איז אן אונגארקע מיט א סערפּ — זי האט אנגעבויגן אירע פולע קליבעס, און מאדנע אויסבויגנדיק זיך, שאַרט זי צונויף דעם גאלדענעם ווייץ, אירע פולע ברוסטן פאַלן ארויס פונעם העמד.

נאר אט הויבן אָן סאלדאַטן קריכן אַפן בארג „אַטאַקע“. די פיסגייער קריכן אפן ביוסט, טשעפּען זיך מיט די הענט בא די שטעכיקע דראָטן און פאַלן אראָפּ. א האַרמאט שפּרינגט עפּעס מאָדנע מיט די רעדער איבער שטיינער און אָט־אָט רייסט ער זיך אַראָפּ אין אָפּגרונט. אבער ער איז אריבערגעפאָרן דעם ביוסט און שפּרינגט אין טאָל אַריין.

אין דער ווייט האט אָנגעהויבן קנוילן זיך א בלוי רויכל. דאָס יאָגן די עסקאדראָנען. די פּיסגייער לויפן איבער. — סע באַוועגט זיך שווער די אַרטילעריע.

מיטאמאָל האט זיך די איינגעבויגענע האַנט אופגעהויבן הויך איבערן ביוסט און מיט א פייף געפאלן אַף דער פּיפּקע. די טשאָרנאָגאָרא האט

א מעשונענדיקן זיפץ געטאן און מיטאמאָל זיך אראָפּגעלאזט אַראפּ— דער ביוסט איז איינגעזונקן, האט זיך אויסגעשפּרייט און געווארן אַ טאָל. א גערויש פון פאטשיילעס און ווייץ.

ערגעץ האט זיך אָנגעצונדן אַ שײַטער.

„די זון גייט אוף".

נאָר דער שײַטער האט מיט געשריי זיך א ווארף געטאן אין א זײַט, צעפלויגן אין פונקען און אויסגעלאָשן.

אַנדרי האַלאָווקאַ

געבוירן אין 1897 יאָר אַף פּאָלטאַװשטשינע. די עלטערן — פּאָרמעגלעכע פּויערים. זײַן ערשטער בוך: „סאַמאָצװיטי", פּאָריאָג „מאָלאָדיק", קרעמענטשוג, 1919 יאָר.

בײַזונדערע אויסגאַבן:

„דאָס מיידל פון שליאַך" „סאַמאָצװיטי", „בוריאַן", „איך קען".

א. האָלאָווקאָ

די רויטע פאטשיילקע

...Козаченка вбито,
Ой убито, вбито, затягнено в жито
Червоною китайкою личенько прикрито.

(פון א ליד)

אָקסאנע איז גליקלעך: די מוטער האט אפגעריסן ליַיוונט אף א פאטשיילקע, און מיטן פראָשעק, וואס זי האט באקומען בא עפעס א ספעקוליאנטקע, האט זי זי אָפגעפארבט רויט.

ס'האט זיך באקומען א רויטע פאטשיילקע.

... די פאטשיילקע איז שוין געהאנגען אפן פאַרקן א טרוקענע, ווען אָקסאנע האט אָנגעטריבן די בעהיימעס פון פעלד.

דאס מיידל האט זיך צעשמייכלט, ווען זי האט זי דערזען, אפגיך פארטריבן די בעהיימעס אין שטאַל אריין און געשווינד צו דער פאטשיילקע, א טאפ געטאן,— נאך פיַיכט. נו, נישקאשע, סע וועט אפן קאָפּ שוין אויס־טריקענען. אָט וועט זי זי צונויפוויקלען. א צופרידענע נעמט זי אַראפּ די פאטשיילקע פונעם פלויט: היַינט איז דאך יאָנטעוו, און נאך מיטאג וועט דער זיידע פאַרטריַיבן די בעהיימעס, וועט זי גיין מיט מיידלעך צום פריצישן טיַיכל זיך באדן.

— אוי, ווי רויט זי איז! סע רייַסט אזש די אויגן.

שפרינגענדיק איז זי אריינגעלאפן אין שטוב. אין שטוב— איז אויך יאנטעוו. צוגעקליבן. די מוטער האט פון אויוון ארויסגערוקט א טעפל און אנגעגאסן באָרשטש אין שיסל.

בא דער שוועל האט דער זיידע געריכערט די פיפקע, און דער פאטער איז אַן אנגעברויגעזטער געזעסן אַף דער באנק אין ווייסן העמד,— ערשט פון קלויסטער געקומען. סע שטיל און אין דער שטילקייט

הערט זיך, ווי דורך די קלײנע פענצטערלעך זשומעט די זון מיט פּאַס־מעס שטראַלן: זש... זשזש... און עפּשער איז עס גאָר פליגן אַף די טאַפּליעס?

דער זײדע האָט אַרויסגעקלאַפּט דאָס אַש פון דער פּיפּקע, און אופגעהויבן די אויגן צום אײניקל:

— אָ, קלויבסט זיך שוין שפּאַצירן. ווי וועט דיר ליגן אין קאָפּ פּי פּאַשען? האָסטו שוין די הרעטשקע, אוואַדע, אינגאַנצן צעטראָטן?

— וואָס בין איך א נאַר, כ'זאָל זיך לאָזן אין דער הרעטשקע? — האָט געענטפערט אַקסאַנע, — סע דאַ גענוג פּאַשע אַפן פעלד.

— אַט וועל איך נאָך מיטאָג פאַרטרײבן, וועל איך זען.

אַט דאָס טאַקע האָט ער געוואָלט זאָגן. איך וועל פאַרטרײַבן, הײסט עס, און דו שפּאַציר, שפּיל אַביסל מיט כאַווערטעס. דאָס האָט ער אַף קאַטאָוועסן זיך נאָר געבײזערט. אַזאַ טעווע האָט ער שוין. דערפאַר אָבער איז דער פאָטער שוין גאַרניט אַף קאַטאָוועסן בײז געוואָרן און אַקסאַנען דורכגעבויערט מיט די אויגן:

— און די סטערטעס צעוואָרפסטו מיר? זע נאַר, כ'זאָל דיר ניט אַרײנצימבלען.

אַקסאַנע האָט אַראָפּגעלאָזט די נאָז, איז אומעטיק געוואָרן, און דער פאָטער רעדט ווײטער:

— זאָלסט מיר אופהערן פּלאָנטען פּוסטע זאַכן. — ער האָט א ווײַז געטאָן מיטן קאָפּ אַפן קרענצל בלויע בלימלעך, וואָס איז געהאַנגען אַף דער וואַנט אַרום שפּיגעלע: — פּאַשען, איז פּאַשען... קוק מיט בײדע אויגן.

דער זײדע האָט איבערגעשלאָגן:

— זאָגסט די סטערטעס, זינו, ווײַל וועט, אַשטײגער, פון זײַן פריצישער גוטס פאַר אונדז איבערבלײַבן? דאָס האָט, דאַכט זיך, דעניקין אַרויסגעגעבן דעם באַפעל, מע זאָל אויך דעם פּאַרעך אַפּטײלן.

— דאָס איז פאַר אַנדערע א באַפעל. און מיר וועלן עפּשער גאָר אינגאַנצן אָפּדרעשן. דער פּאַרעך ווײסט באַ וועמען נעמען און וועמען געבן.

ער האָט זיך צוגערוקט מיט דער באַנק, ווײַל די מוטער האָט שוין געשטעלט אַפן טיש א שיסל באָרשטש; קײנער האָט ניט באַמערקט, ווי אין זײַנע הויטע וואָנסן האָט זיך דורכגעשלענגלט א שמײכעלע און זיך ערגעץ דאָרט באַהאַלטן.

מע האט געמיטאָגט אין פֿאָדערהויז, שווייגנדיק געכלעפּטשעט פֿון די לעפֿל און געטראַכט — יעדערער פֿון זײַנס: דער פֿאַטער — וועגן די סטויגן, דער זיידע — איך, און אויך די מוטער. אָבער אָקסאַנע: — זאָל שוין זײַן גיכער נאָכן מיטאָג, שוין גיכער אין דרויסן אַרויס, און מיט כוואַליעס אויף דער לאַנקע. פֿון די צעעפֿנטע טירן זעט מען: אין גאָרטן האָבן זיך די געלע זונבלומען איבערגעבויגן איבערן פּלויט, און פֿייגעלעך שפּרינגען אויף זיי, צוויטשען. ווײַטער — אַ מאָן־שטענגל, און נאָך ווײַטער — אַ גרינער פֿאַרהאַנג, דער גאָרטן. זי ווייסט — הינטערן פֿאַר־האַנג איז די לאַנקע. צווישן ווײַסע אָסינעס צייַלעמען זיך סטעזשקעס, פּלאָנטערן זיך אין גראָז. מיט וועלכער מע גייט ניט — איז גלײַך צום פֿריצישן טײַכל, וווּ די ווערבעס שטייען געהויקערט, און די לאָזעס הענגען ווי קוטשערן איבערן וואַסער...

אויף דער גאַס האָט פּלוצים עפּעס דורכגעהילכט און מיט אַ הוקען פֿאַרבײַגעיאָגט. אַ שטויב האָט זיך אויפֿגעהויבן, מע האָט געזען ווי ער צעלייגט זיך איבערן הויף.

— קאָזאַקן, ווײַזט אויס. — האָט געזאָגט די מוטער.

און דער זיידע:

— און וווּהין פֿאָרן זיי עס אַלץ?

דער פֿאָטער:

— צוליב דעם זײַנען זיי דאָך אויף פֿערד, זיי זאָלן פֿאָרן.

ער האָט אָנגעברויגעזט די ברעמען, און אָבן שטערן האָבן זיך קנייטשן ווי שלענגלעך אַ ריר געטאָן.

אָקסאַנע האָט געקוקט דורך דער טיר. איבערן פּלויט זעט מען — פֿון מוסיעס כאַטע איז אַרויס מאַריקע און אוועקגעלאָפֿן צו דער לאַנקע. אָקסאַנע האָט זיך אַרויסגערוקט פֿון טיר און איר נאָכגעשריגן:

— מאַריקאָ! אָט גיי איך אויך...

דער פֿאָטער איז אײַנקאָפּעס געוואָרן, און דער זיידע האָט געשמייכלט אין די גרויע וואָנסן. דאָס מיידל האָט זיך אויפֿגעהויבן און אַרומגע־בונדן די רויטע פֿאַטשײַלקע.

— איז גיי איך, מאַמע.

— גיי.

און דער פֿאָטער:

— זע נאָר, פֿאַרקריך מיר ניט מיט דער כעוורע אין פֿריצישן גאָרטן. דײַן פֿוס זאָל דאָרט ניט זײַן!

אָקסאנע האט אַראָפּגעלאָזט די נאָז, און ווען דער פּאָטער איז אנ־שוויגן געוואָרן, האט זי זיך א דריי געטאן און אוועק דורך די גערט־נער צו דער לאָנקע.

מיטן וועג, צווישן די אָסינעס, נידעריקער פון די גערטנער, זיינען געגאנגען עטלעכע מיידלעך און מאַריקע פּאָרויס. אקסאַנע האט א הוקע געטאן, האט מען זיך אפּגעשטעלט, אפּגעוואַרט, און ווען זי איז געקו־מען צו לויפן, האט מען נייַגעריק א וואָרף געטאן מיט די אויגן צו דער פּאָטשיילקע.

— אוי, ווי שיין! ס'איז פון די פּראָשקעס?

— וואָדען.

— זייער שיין. ס'זאל נאר ניט בליאַקעווען.

נו, און איצט גייען זיי צום טייך. גייט זי אויך. אט איז אויך כווע־דאָרקע, זי קלייַבט אוגערקעס אפן גאָרטן, מע דאַרף זי אויך רופן.

ווען מע איז פּאַרבייַגעגאנגען כוועדאָרקעס גאָרטן, האט מאַריקע זיך אפּגעשטעלט, אַ הוקע געטאן צו דער כאַווערטע, און נאך מיט דער האנט א מאך געטאן:

— קום הער־ר!

כוועדארקע האט זיך אופגעהויבן און שווייַגנדיק געשטאנען, דערנאך אויסגעשיט די אוגערקעס פון פּאָדאָלאָק אף דר'ערד, און פּאָרזיכטיק, טרעטנדיק צווישן די הודענעס, איז זי צוגעגאנגען צו די מיידלעך.

— קום זיך באָדן.— זאגט מאַריקע.

— כוועדאָרקע האט א דריי געטאן מיטן קאָפּ:

— כ'וויל ניט.

— וואסי?

— אזוי.

דאס מיידל האט מיט אומעטיקע אויגן געקוקט ערגעץ פּאַרטראַכט. דערמאנט זיך עפּשער אין פּאָטער, וואס איז פון שטוב פארשוווּנדן, באַ־האלט זיך אויס פון קאזאַקן... און עפּשער אין די פּריצים, וואס זיינען נעכטן פון שטאט געקומען... זי האט ניט געזאגט גארניט, און די מיידלעך האבן גערופן. אקסאַנע האט אַפּילע בא דער האנט געשלעפּט:

— קום דאָך.

כוועדארקע האט שוואַך א שמייכל געטאן נאר מיט די ליפּן און איז זיי נאכגעגאנגען.

צום טײַך איז שוין ניט ווײַט געווען. אביסל איז מען מיט דער לאַנקע געגאנגען, דערנאָך איבערן ריוו — קיין פּלויט איז שוין לאַנג ניט געווען — און מע איז שטיין געבליבן באם טײַך אונטער די הויכע ווערבעס. באַרג־אַרוף האט זיך גלייך אָנגעהויבן דער סאָד, און דורך די בוימער־שפּאַלטן האבן זיך געדרויטלט די שטיינערנע געבײַדעס פונעם גוט.

מאַריקע האט זיך די ערשטע אויסגעטאן און אריין אין וואסער. די אַנדערע האבן זיך אויך גענומען אויסטאָן, נאר פלוצים איז פון סאָד ארויסגעלאָפן א קרום־פיסלדיק קליין הינטל און מיט א געפּילדער זיך א ווארף געטאן צו זיי.

באַלד זיינען צוויי פּריצעס ארויס פון אונטער די בוימער, און נאָך זיי — א יינגל מיט לאַנגע פיס אין קורצינקע, ביז די קני, פּלודערלעך — דער פּאַניטש.

די מיידלעך זיינען מעוולבל געוואָרן. סע געווען נאַענט. עטלעכע שפּאַן פון זיי. דעריבער האבן זיי קלאר געזען, ווי דער אלטער פּריצעס געל פּאַנים האט זיך מיטאַמאָל פארקרימט און פון צווישן די דינע ליפּן האט זיך ארויסגעריסן:

— מע קען גאר ניט פּאַטער ווערן פון זיי. אוועקט פונדאַנען, מיעסע מוידן! מע האט שוין אזוי אויך דעם טײַך פארמיסטיקט. מאַרש, מאַרש!..

דאס הינטל האט געפּישטשעט און זיך געריבן בא דער פּריצעס פיס. די מיידלעך האבן געכאַפּט דאס אנטאָן, און ווי מיטן ווינט אַוועק, נאר די צווייגן האבן געקנאַקט. נאכן ריוו, האט מען זיך אָפּגעשטעלט פּאַר־סאָפּעטע צווישן די זון־בלומען, און מאַריקע האט ערשט דאן אנגעטאן דאס קליידל. דעמאָלט האט זי ארויסגעשטרעקט דעם קאָפּ פון די זון־בלומען און פארקרימענדיק זיך, האט זי זיך קוויטשיק נאכגעקרימט דער פּריצע:

— אַוועקט פונדאַנען, מיעסע מוידן! הו־הו! אף דרײַ פּריצעס איין פּאָר הויזן! — האט זי גראָב צוגעגעבן.

די מיידלעך האבן אונטערגעכאַפּט. ארויסגעשטרעקט די קעפּ פונעם ווילד־גראָז, האבן זיי געקוויטשעט — געגרייצט די פּריצע.

יענע איז געווען צערייצט און דראָענדיק געפּאַכט מיטן העל־בלויען שירעם. דער פּאַניטש האט זיך געזידלט, דערנאָך געכאַפּט א גרויסן שטעקן, א שלײַדער געטאן אף די מיידלעך, — ניט דערוואָרפן.

— דיין טאטן אין קאָפּ אריין! — האט אויסגעשריגן איינע, געכאַפּט א הרודע ערד און אים אָפּגעענטפערט. אַנדערע האבן אויך גענומען

הרודעס ערד, געשלײַדערט לאַכנדיק. די ערשטע האט אופגעהערט כוועדאַרקע.

— כאַפּט זיי דער רועך! קומט, קינדער, איצט איז זייער צייט. סע קען ווערן א גאַנצע כאַסענע. קומט.

מע איז געלאָפן באַרג־ארויף, דורכן ווילד־גראָז, דערנאָך דורך גערטנער, צווישן זון־בלומען, ביז צו דער גאַס. מע איז שוין געווען באַם פּלויט, נאָר אקסאַנע האט פּלוצים א לויף געטאָן פאָרויס, זיך אפּגעשטעלט און מיט ברייטע צעעפנטע אויגן אנגעקוקט די כאַווערטעס:

— קוקט, די קאַזאַקן פירן עמעצן. זע!

זיי האבן זיך אָנגעשפּאַרט אין פּלויט און אלע איינעם צעשראָקן געקוקט אף דער גאַס.

ס׳איז דורכגעריטן א רײַטער, פון אונטער דעם פערדס טלאָען האט זיך אופגעהויבן א שטויב, און מיט א קויטיקן טול באַצויגן די גאַס. ס׳איז נאָר צו זען געווען: א כאַפּטע מענטשן האבן זיך געררוקט איבער דער גאַס. בא די זייטן — קאַזאַקן אף פערד, מיט אנטבלויזטע שווערדן, און אינמיטן — א מענטשן פינף־זעקס. פויערים אָן היטלען, אייניקע נאָר אין העמדער, זיינען געגאַנגען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, שווער נאָכשלעפּנדיק די פיס, שווײַגנדיקע. מע האט נאָר געהערט ווי די פערד קלאַפּן מיט די טלאָען.

די מיידלעך האבן פאַרהאַלטן דעם אָטעם און כוועדאַרקע האט מיטאַמאָל זיך איבערגעבויגן איבערן פּלויט און שאַרף איינגעקוקט זיך, פּלוצים א צי געטאָן אין זיך, ווי סע וואָלט איר געפעלט לופט, און א פּרוטיקל פון פּלויט האט א כראַמטשע געטאָן אונטער איר האַנט:

— דעם טאַטן אוועקגעפירט!..

מיטאַמאָל בלאַס געוואָרן, נאָכגעקוקט זיי אף דער גאַס, — מע זעט זיי ניט מער, פאַרהאַנגען מיט שטויב. מע האט געהערט: ס׳האט א סקריפּע געטאָן דער טויער פון פּריצישן גוט — איינגעשלונגען די כאַפּטע, און ווידער א סקריפּע געטאָן. און אף דער גאַס איז זיך צעגאַנגען דער אופגערודערטער שטויב, און הינטערן דאָרף איז ער אריין אין ווילד־גראָזן...

וויינענדיק איז כוועדאַרקע אוועקגעלאָפן אהיים. די מיידלעך זיינען אלע צעמישט געוואָרן. מע איז זיך צעגאַנגען.

מאַריקע און אָקסאַנע זיינען אוועק מיט דערזעלביקער סטעזשקע, וואָס צווישן די אָסינעס, הינטער די גערטנער. געגאַנגען און געשוויגן. מאַריקע — אף פריער, אקסאַנע — נאָך איר. מאַריקע האט פּלוצים געפרעגט:

— ס'איז עמעס, אקסאַנע, וואס דער פאָרעץ האט געזאגט, אז בא דיין טאטן זאל מען קיין סטויגן ניט נעמען?

— איך ווייס ניט, — האט יענע געענטפערט, און האט זיך דערבײַ דערמאנט, ווי דער פאטער האט גערעדט דערפון באם מיטאָג. זי האט א טראַכט געטאן: עפשער וועט מען טאקע ניט נעמען. אבער פארוואס? — בא אלעמען נעמט מען דאך!

— ווייזט אויס, אז ניט, — האט זי געזאגט; — איך ווייס ניט.

זי האט שוין באדארפט פארקערעווען. מאַריקע איז אוועק ווייטער און איז דורכן קאַרטאפל־גארטן געגאנגען אַהיים. געגאנגען פאמעלעך, און ניטווילנדיק, זיך אלץ דערמאנט אין דער בייזער פריצע מיטן העלבלויען שירעם, אין דער כאָפּטע אף דער שטויביקער גאס... אויך כוועדארקע איז געקומען אפן זינען — א שטארק בלאסע, און די אויגן אזעלכע דערשראקענע, דערשראקענע...

ס'האט וויי געטאן...

דער זיידע האט שוין אוועקגעטריבן פאַשן אין סטעפ: די טיר פון שטאַל איז געשטאנען אָפן, און אף דער שוועל, אנקעגן דער זון — די מוטער מיט א שכיינע.

אָקסאנע איז צוגעלאפן און צום אלעם ערשטן דערציילט, אז זי האט געזען ארעסטירטע, — מע האט זיי געטריבן איבער דער גאס.

זיי האבן אויך געזען. דאס זיינען אלע פון קאצאיִווקע, איינער נאר, סעמען (כוועדארקעס פאָטער), איז א היגער, און האט זיך אויסבאהאלטן אין קאצאיִווקע. נו, האט מען זיי געכאפט.

— איצט איז אזוי — האט די מוטער פאמעלעך גערעדט: — די כאפן יענע און נערעקן, און יענע כאפן די. און דאס בעסטע איז — זיץ און דריי זיך ניט. זיינען געקומען די באלשעוויקעס, גיבן ערד — איז אַ דאנק גאט: מיר רײַסן זיך אייביק פאַר ערד. קומט דער קאַדעט, נעמט אפ — נא, נעם, ס'איז דיין רעכט, זאל זיין אזוי. ניט אומזיסט זאגט מען: א שטיל קעלבל זויגט בא צוויי מאמעס, — האט זי פארענדיקט.

אקסאַנען איז עפעס אומעטיק געווארן. און די פאַטשיילקע, וואס ליגט אף די קני, האט ווי מיטאַמאל אפגעבליאַקעוועט. סע האט זיך דערמאנט — שוין לאנג, ס'איז נאך קיין קאזאַקן ניט געווען, האט דער זיידע נאך דער דאָרפס־פארזאמלונג, אט דאָ, הינטערן הויף, פאר אלע אין די אויגן געזאגט סעמענען:

— מאלאָדעץ סעמען, ביסט אליין א קאַפּצן און זארגסט זיך פאר קאפּצאָנים. מאַלאדעץ, זינו!

און אים אַ קלאַפּ געטאן איבער דער פּלייצע. און דער זיידע איז אַ גרויער — אַ קלוגער. צי ווייסט ער אויך וואס עס האט געטראפן?

סע געווען אומעטיק און אויך ווייטיקדיק.

זי איז געלאפן אין גאָרטן, האט באגאסן אירע בלומען. ניין, סע בודעט. און די שכיינע איז אהיים געגאנגען, די מוטער האט זיך שלאָפן געלייגט. אזא נודנעקייט! האט אקסאַנע זיך אופגעהויבן און אוועק פון הויף, און איבער די סטערנעס גלייך אוועק צום זיידן, וואס פּאַשעט באם צווינטער, לעבן דער הרעטשקע.

. . . .

דארט איז זי אפּגעווען ביזן סאמע אָוונט. און ווען די זון האט זיך געזעצט, איז זי צוזאמען מיטן זיידן אהיים געגאנגען. אביסל פריילעכער, שלאָפן זיך געלייגט מיט האָפענונג: דער זיידע זאגט דאך — מע וועט עפּשער ארויסלאזן...

אפן אַנדערן טאג איז אקסאַנע אופגעשטאנען פרי, ווי שטענדיק, נאך פאר זון־אופגאנג, און טייקעף דערקענט אפן זיידנס פּאנים, אז עפּעס אומגעוויינלעכס האט געטראפן: ער האט אַזוי קאָמיש א ווונק געטאן צו איר און פריילעך זיך צעשמייכלט:

— נו, גוטערברודער, זוך א ווינט אין פעלד. אונדזערע זיינען אנטלאפן.

— ווער?

און באלד זיך אנגעשטויסן. א בליק געטאן מיט די אויגן.

— און כוועדארקעס?

— אויך. אלע זיינען אנטלאפן. מע האט אונטערגעגראבן דעם שטאַל און היידא! די היטערס האבן דערזען, נאר צו שפּעט, ווען מע איז שוין געלאפן. מע האט אופגעהויבן אזא שיסעריי! נאר גיי לויף באנאכט, כאפּ זיי!

ער האט צופרידן געלאכט מיט די אויגן: די אנטלאָפענע האט אפּגע־גליקט. געקוקט אפן אייניקל, אף אירע גלאנציקע אויגן און נאך מער געשמייכלט.

אויך אקסאַנע האט א צופרידענע געטריבן אין סטעפּ אריין פּאַ־שען.

ביז מיטאג האט זי געפּאַשעט אײנײנעם מיט אנדערע מײדלעך. מע האט געשפּילט אין טשעכן, מע האט אויסגענײיט. דערנאך זײנען צוגע־קומען יאַטן און אנגעהויבן שטיפן: מע פארוואַרפט א שטײנדל, אדער עפּעס אנדערש. און אײנער האט אויסגעכאפּט בא אקסאַנען די רויטע פאטשײלקע און מע האט אנגעהויבן שפּילן אין „רעוואָליוציע". אקסאַנע האט זיך געבײיזערט: ס׳א גרויסע זאך צערײסן? נאר די יאַטן האבן ניט געפאָלגט. פונדעסטוועגן האט זי עס דאך צוגענומען, די מײדלעך האבן געהאָלפן. זי איז באלד אוועק פון זײ.

נאך מיטאָג האט זי אוועקגעטריבן אף איר באַליבט אָרט, נאכן צווינ־טער, ווו זײער הרעטשקע וואקסט. דארט האט זי זיך געזעצט הינטער די סטויגן, גענומען אויסנײיען א העמד, און די קו האט זיך געפּאַשעט. ארום איז אזא שטילקײט, נאר פון ערגעץ ווײַט קלינגט א שנײַדמעסער — עמעצער האט פארשפּעטיקט מיטן שניט — און אויך לערך־פײגעלעך האבן געקלונגען אינדערלופט...

דאס מײדל האט זיך אָנגעבויגן איבערן געניי און אנגעהויבן מורמלען עפּעס א לידל. פון הינטער די סטויגן האט א גאָלדענער שטראַל א בליק געטאן אף דעם לײַוונט, א בליק געטאן אף דער נאָדל, באגילט די רויטע צײלעמלעך...

— אוי, ווי שײן! ווען ס׳וואלט אף אַן עמעס טאקע געווען אזוינע בײַוול גאלדענע.

זי האט זיך אָפּגערוקט און א באַצויבערטע געקוקט אפן געניי. נאָר א קוק געטאן אין א זײַט — דאס קעלבל איז ארײַן אין הרעטשקע. און ניט באַם ברעג, נאר טאַקע אין סאמע מיט.

— אט א שאָדן־ווינקל, כ׳וועל דיר באלד געבן!

אופגעכאפּט זיך פון אָרט און געלאָפן אומקערן דאס קעלבל. פּלאָנטערנ־דיק זיך אין דער הויכער, געדיכטער הרעטשקע, פלוצים שטײן געבליבן, פארסטופּעניעט געוואָרן... — דא, אונטער אירע פיס איז געלעגן א מענטש, גאנץ אין ווײַסן אנגעטאן, דער קאפּ אפּגעדעקט, און די אויגן האבן געקוקט אף איר מיט טונקלע פלעקן. בײדע האבן געשוויגן. דער־נאך האבן זיך די אויגן־פלעקן א ריר געטאן, און דער מענטש האט געפרעגט:

— האסט זיך איבערגעשראקן? האב ניט מוירע, קינד, כ׳בין ניט קײן פארברעכער.

און אזוי עפּעס א שמײכל געטאן, ווי סע וואלט אים ווײ געטאן.

אָקסאַנע האט זיך אזש געטרייסלט אינגאנצן, נאר געשטאנען, און דער מענטש האט נאך געפרעגט:

— ניטאָ קיינער נאענט?

דאס מיידל האט זיך ארומגעקוקט, — סטעפּ... — סטויגן... — פּוסט. זי האט געזאגט:

— ניטא קיינער.

— איז גוט.

ער איז אנשוויגן געווארן און אופמערקזאם באקוקט דאס מיידל פון קאָפּ ביז די פיס, ווידער געזאגט:

— איך קוק, דיין העמדל איז געלאַטעט. אַן אָרעמע, ווייזט אויס?

— אן ארעמע, פעטער.

ער איז ווידער אנשוויגן געווארן. דערנאך זיך אופגעהויבן אפן עלנבויגן און איינגערוימט:

— טאָ הער זשע: איך באהאלט זיך אויס פון די קאזאַקן, נאר זאג קיינעם ניט, אז ניט וועט מען מיך דערהארגענען. האסט פארשטאנען?

אקסאַנע האט א שאָקל געטאן מיטן קאָפּ. דערנאך האט ער געפרעגט, צי האט זי ניט קיין וואסער. יא, זי האט אין פלעשל הינטער די סטויגן. אט ברענגט זי עס, זי וועט נאר דאס קעלבל אומקערן.

זי האט ארויסגעטריבן דאס קעלבל פון דער הרעטשקע און געלאפן צו די סטויגן נאך וואַסער, און דערנאָך מיט דעמזעלביקן שטעגל פאַרזיכטיק געגאנגען צום אַנטלאפענעם. צוגעקומען — זיך ארומגעקוקט: מע זעט ניט קיינעם. דעמאלט איז זי ווי א פייגעלע צוגעפאלן — זיך אוועקגעזעצט אין הרעטשקע, דערלאנגט דעם מענטשן די פלאש. ער איז דאָרשטיק צוגעפאלן צו דער פלאש און אינגאנצן אויסגעטרונקען, די פלאש אוועקגעלייגט אף דר׳ערד, און צום מיידל א שמייכל געטאן, און ווידער מיט ווייטיק.

— אזוי גרויס זאלסטו וואַקסן, טאכטער, — האט ער געזאגט, — און גליקלעך זאלסטו זיין... זעסט, מיטאמאָל גרינגער געווארן. פון באנאַכט אָן — סע ברענט אינעווייניק, א גוואלד. און באנאכט איז גאר קיין טוי ניט געוועז... כ׳האב געמיינט — כ׳ווער פארברענט.

אקסאַנע איז דרייסטער געווארן און געפרעגט:

— און ווו זיינט איר דען געוועז, פעטער, וואס איצט זיינט איר דאָ?

דער מענטש האט געשוויגן, דערנאך דערציילט:

— מיר זיינען אנטלאָפן באנאכט. נעכטן האט מען אונדז געכאפּט און געבראכט אין דאָרף, אריינגעוואָרפן אונדז אין פּריצישן שטאַל. מע וואָלט אונדז געוועזן אַלע אויסגעשאָסן באַנאַכט... נו, און מיר האָבן זיך אונטערגעגראָבן. אָט!

ער האט געוויזן זיינע הענט אין ערד און בלוט.

— זעסט, מיט וואס מיר האבן געגראבן! שוויס האט זיך פון אונדז געגאסן! איצט איז דאך נאַכט: — פארשפּעטיקסט א רעגעלע — יאָגסטו זי ניט אָן. און דא מוז מען ביז פארטאג אין סטעפּ זיך ארויסרייַסן... נו, האט מען זיך ארויסגעריסן... האבן די וועכטער דערהערט — אנגעהויבן שיסן. און די נאכט איז פינצטער, איז מען זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן. כאַפּ זיי!

... ער איז שוין געלאָפן איבער די סטערנעס, אז סע טוט פּלוצים אַ זעץ אין פוס, איז ער אומגעפאלן, געקראכן אויף אַלע פיר, און דא ווערט ליכטיקער און ליכטיקער. אפּגעגאנגען מיט בלוט, — ניטא קיין קויעך. דעמאָלט בין איך אריין אין דער הרעטשקע און האב זיך פארטייעט...

— האסט ניט געהערט — מע איז אַלע אנטלאָפן? קיינעם ניט דער־הארגעט?

— ניין, קיינעם ניט דערהארגעט.

— הייסט עס, אַלע. און האסט ניט געהערט — מע זוכט?

— יא, מע זוכט. באם מיטאג, ווען כ'בין געווען אינדר'היים, האט מען דערציילט, אז מע איז אויך קיין קאצאַיווקע געפארן. קיינעם ניט געפונען. דער זיידע זאגט אויך: זוך דעם ווינט אין פעלד.

— אוואדע, ווען ניט מיין פוס. אז כ'קען זיך גאר ניט רירן. און דאס באהאַלטעניש — ווי קען זיין גוט אין הרעטשקע, אז אין סטעפּ איז הויל־הויל?..

נו, ווי ס'ניט איז וועט מען זיך שוין אויסדרייען! די נאַכט וועט ער דא אָפּליגן און אויך דעם טאָג, און דערנאך וועט ער שוין קריכן ראַטש־קאָם ביז צום וואלד, וואס טונקלט אָן אַפן האריזאָנט.

— עפּשער וועט מען טאקע ניט געפינען. — האט אים אקסאַנע גע־טרייסט. — און ווען זי וועט מארגן טרייַבן די קו, וועט זי ברענגען עסן און א פולע פלאש וואסער.

דער מענטש האט א שמייכל געטאן און מיט דער האנט, אף וועלכער ס'האט זיך דאס בלוט און די ערד פארבאַקן, האט ער א פיר געטאן איבערן בלאנדן קעפּל:

— קינד מיינס, ליבס. וועסט ברענגען — וועל איך עסן. נאר אין דאַרף קיינעם קיין וואָרט ניט.

— ניין. וואס, כ׳בין מעשוגע?

און זי האט זיך אופגעהויבן, ווייל ס׳האט שוין געטונקלט און דער לעצטער שטראל האט שוין געריטלט די הרעטשקע. אָפּגעגאנגען, דער־נאך שטיין געבליבן און שטילערהייט געזאגט:

— האט ניט מוירע, פעטער. כ׳וועל ניט אויסזאגן.

•

זי איז געקומען אהיים — אף איר פּאָנים אזא סוידעסדיקייט. און דער זיידע איז געזעסן אף דער פריזבע, געראוכערט די פּיפּקע, — א קוק גע־טאן מיט האלב־פאַרמאַכטע אויגן:

— אָ, האסט, ווייזט אויס, שוין אָנגעארבעט עפּעס?

— ניין, — האט אופגערעגט געזאגט דאס מיידל, און אראָפּגעלאזט די אויגן. געשוויגן. דערנאך א טראַכט געטאן: דער זיידע איז דאך א אייגענער. ער וועט דען אויסזאגן? און נאך א ווײַלע שווייגן, האט זי דערציילט אלץ וועגן דעם מענטשן, וואס באהאלט זיך אויס אין זייער הרעטשקע.

דער זיידע האט זיך פארטראכט, געהייסן מער קיינעם קיין וואָרט ניט.

— אָ, ניין. זי פארשטייט דען ניט? (מע וועט דאך אים דערהארגע־נען) און ניט געזאגט קיינעם. נאר, ווייזט אויס, דער זיידע האט אליין ניט אויסגעהאלטן, ווייל, ווען מע האט זיך עסן געזעצט, האט דער פאָטער פּלוצים געפרעגט:

— וואס האסטו דאָרט געזען אין דער הרעטשקע?

אקסאַנען איז אזש קאלט געווארן, און דער זיידע:

— זאָג, טאכטער. ס׳איז דען פרעמדע?

דאס מיידל האט ווידער דערציילט, אלץ, ווי זי האט אים דערזען, און וואס מע האט גערעדט, און ווי ער זעט אויס...

— ער איז פארוואונדעט אין פוס. א פּלודער איז ביז די קני אָפּגעריסן, און דער פוס איבערגעבונדן און אין בלוט. ער קען זיך קיין ריר ניט טאָן. ער זאגט, אז די נאכט וועט ער אָפּליגן און דערנאך קריכן צום וואלד...

דער פאטער האט זיך פאַרטראַכט, אין א ווײַלע ארום א מרוקע גע־טאן און געזאגט:

— שא! שווייגט זשע. טויט איז פאר יעדן שרעקלעך.

און נאך דער וועטשערע — ווי אלץ פארגעסן, האט זיך געפארעט אינ־דרויסן. סע איז שוין נאכט, מע האט זיך שוין באלייגט, און ער איז נאך אלץ אינדרויסן. אקסאנע האט ניט געקענט איינשלאפן, געקוקט אין פינצטערניש פון שטוב און אומרויִק זיך איינגעהערט — א שטורעם־ווינט האט זיך געהויבן... צו ערשט — טויב און ווייט — ווייט האט ערגעץ א דונער געטאן און אנשוויגן געווארן. אונטער די פענצטער האבן די אסינע־בלעטער זיך געשעפטשעט דערשראקן. אף דער גאס זיינען פארובקעס געגאנגען, געזונגען לידער.

יונגע שטימען האבן געטרויערט און שטיל געלאשן זיך הינטער דער שטוב... א שטילקייט. מיטאמאל האט עפעס א בליץ געטאן אין שטוב, ווי עפעס וואלט אופגעפלאמט, און אף דער לאנקע האט ווי פון א הארמאט א שאס געטאן. אזש די שויבן האבן זיך צעקלונגען. ווידער א בליץ און א הילך פון סטעפ... — א שטורעם. פון הינטער דער שטוב האט דער שטורעם זיך א לאז געטאן אין סעדל, צווישן ביימער, זיך פארפלאנטערט אף א רעגע, זיך ארויסגעריסן און שוואליאם אוועק ווייטער... א רעגן האט א גאס געטאן. ס'האט געדונערט און געבליצט אין שטוב...

די מוטער האט דערמאנט גאט און זיך געצייליעמט. און אקסאנע האט פארשטעלט מיט די הענט דאס פאנים, שטיל געליגן, און אין קאפ האבן געדאנקען א בילד געמאלט: — באנאכט אין סטעפ... סע דור־נערט... אין דער הרעטשקע, אין העמד, ליגט ער, און ארום — סטעפ, הויל און שטום...

זי איז אנשלאפן געווארן.

... אופגעכאפט זיך — מיט דער טיר האט עמעצער א סקריפע געטאן (ס'איז דאך דער פאטער). אין שטוב איז פינצטער און שטיל. ערגעץ ווייט־ווייט האט א דונער געטאן און שטיל געווארן. און אונטער די פענצטער האבן מיד געשעפטשעט אסינעס...

דער פאטער האט זיך אויסגעטאן און זיך געלייגט אף דער ערד בא דער וואנט. סע שטיל. אקסאנע שלאפט ניט. פלוצים פרעגט די מוטער:

— ביסט געגאנגען?

— דער פאטער האט א מרוקע געטאן. אין א ווײַלע ארום — ווידער די מוטער:

— נו, און וואס?

— כ'האב געזאגט, מארגן פארט מען.

— און מיט די סטויגן וואס?

— וואס זאל זיין... ער האט צוגעזאגט. דער פארעך איז דען א נאַר? כ׳וועל אים עפּשער נאכמאל צונויף קומען!

אקסאַנע האט זיך אנגעשפּיצט, אזש דעם קאפּ אופגעהויבן, און דעם אויער צו די עלטערן געווענדט. זיי האבן געשוויגן. דערנאך האט דער פאטער א זיפץ געטאן, און די מוטער האט שטיל געפרעגט:

— וואס איז?

א פויזע. דער פאטער האט ווידער אָפּגעזיפצט, געענטפערט:

— זיי זיינען דאך אף פערד... מע וועט די גאנצע הרעטשקע צע־טרעטן...

מיט אקסאַנען האט אזש א וואָרף געטאן, אופגערודערט, זיך אנידער־געזעצט. די מוטער האט דערהערט:

— וואס איז אקסאַנע? שלאָף.

און דער פאטער — אויך אומרויִק:

— וואס איז?

— איר רעדט עפּעס וועגן הרעטשקע... ווער וועט אף פערד צע־טרעטן?

— אַי, נארישע. וועגן הרעטשקע... דער שטורעם, מיין איך, וועט צעטרעטן... שלאָף, שלאָף.

דאס מיידל האט זיך געלייגט, נאר געווען אומרויִק. ווידער איז פאר אירע אויגן געשטאנען א בילד: — באנאכט אין סטעפּ... די הרעטשקע און ער... ס׳האט זיך דערמאנט, ווי מע האט זיי נעכטן געפירט אף דער גאס. באם טײַך, — האט זיך אויך דערמאנט — די בייזע פריצע מיטן העל־בלויען שירעם... און ווידער — סטעפּ... קופּקעלעך סטויגן און דאס וויַסע לאטקעלע הרעטשקע...

דערנאך זיינען די בילדער בלאסער געווארן. נעפּל האט זיך אָנגערוקט — פארכאַפּט סיַי די סטויגן, סיַי די הרעטשקע.

דער פרימארגן איז געווען א זוניקער. נאר נאכן רעגן איז קאַלט געווען. דעריבער האט דער פאטער אקסאַנען ניט געהייסן טריַבן אין סטעפּ (זאלן זיי זיך פּאשען אין גאָרטן). און עפּשער איבער עפּעס אַנדערש ניט געהייסן?

נאר אקסאנע האט אינדר׳היים ניט געקענט איינזיצן. זי האט שוין אָנגעלייגט ברויט אין טאָרבעלע, א פלעשל וואסער אנגעגאסן, און אין

בוזעם — אביסל טאבעק, דער זיידע האט געגעבן: טאמער רויכערט ער. וואלט זי שוין גיכער אוועקגעטריבן, און דער פאטער, ווי אומיסטן, פלוצלים גאָר אזוי געטריי געווארן: ס'איז קאלט...

שפעטער איז ער אוועק ערגעץ פון שטוב. דאס מיידל האט גיכער ארויסגעלאזט דאס פי פון שטאל, געכאפט דאס עסנווארג — און הײַדא אין סטעפ...

ס'איז געווען הויל און פוסט אין סטעפ. פליאמעס סטויגן, ערטערווייז צעשויבערטע. צווישן סטויגן האט זיך געפאשעט פי, געבלאָנקעט דא, דארט... און אָן דאָרטן — זייער הרעטשקע, א ווײַס פאסיקל, און לעבן איר שנײַדט עמעצער; ווײַזט אויס, גערשטן, וואס טונקלט ווי אַ לאטקעלע.

אָט אַן אומגליק! ס'איז דאך גאנץ נאענט פון דער הרעטשקע. ס'וועט ניט מעגלעך זיין דאס עסן איבערגעבן.

אָקסאנע איז טרויעריק געווארן. זי איז פארטראַכט געשטאַנען בײַ די סטויגן, געקוקט אפן שניטער. — ניין, ער וועט דערזען. זי וועט גיין אין הרעטשקע, און ער וועט זיך נאך אָנשטויסן און נאָכגיין: וואס איז דאָ געשען? ניין, בעסער צוווארטן, עפשער וועט ער זיך זעצן אָפרוען אדער דאס שניטמעסער שארפן...

זי איז געשטאנען בא די סטויגן און געהאלטן אָנגעגרייט דאס טאָר־בעלע מיט דער פלאש. טאמער עפעס — האט זי געטראכט — איז אריין אין דער הרעטשקע, גלייך זי וויל כאפן א וואַכטל, אפגעבן, און באלד צוריק. אָט־אָט וועט ער נאר צוגיין צום ראנד און זיך אויסקערעווען...

פלוצים א קער מיט די אויגן — און אזש פארציטערט געווארן. פון צווינטער, — צוויי קלאפטער פון איר — האבן געיאגט דריי רײַטער, און גלייך אַטהער.

— זאל עס זיין אהערצו?

מע איז צוגעריטן צום שניטער, א דריי געטאָן זיך. ווייזט אויס, עפעס געפרעגט. דערנאך האט איינער עפעס א געשריי געטאָן און א שפרונג — אוי, אן אומגליק! — אין דער הרעטשקע אריינגעפלויגן. איז דורך אין איין זײַט, דערנאך אין מיט. אוי, פלוצים שטיין געבליבן. א געשריי און א מאַך מיט דער האנט. יענע צוויי האבן זיך א ווארף געטאן צו אים...

אין דערזעלביקער רעגע איז ווי א בארג אף אקסאַנען געפאלן — זי האט זיך שטיל צו דער ערד צוגעזעצט און פארשטעלט דאס פאנים מיט די הענט. דעם קאפ, ווי א דערשראקן וואכטל, אין סטויג פארגראבן. אינגאנצן געציטערט.

שטיל. אזוי האט געדויערט א רעגע, און עפשער א מינוט, עפשער מער. פלוצים א קנאל, — ווי מיט א בייטש א זעץ געטאן. ס'איז שטיל. און ווידער — באַך! און אין א ווײַלע ארום, ווי א וויכער, האבן דורך די סטויגן די קאזאַקן זיך דורכגעטראגן.

מיט אקסאַנען האט געווארפן און זי האט מוירע געהאט א קוק צו טאן, נאר זיך אנגענומען מיט קויעך און דערשראקן א בליק געטאן פון הינטערן סטויג. דער סטעפּ איז פארוואָלקנט געווארן (און עפּשער האט זיך איר נאר אויסגעדאכט). די שאָטנס פון וואלקן האבן שטיל, אף די שפּיץ פינגער, פארצווייפלט געבלאָנקעט אף די סטערנעס. אָ — זיי לויפן, לויפן... און זיי פאָרויס — די קאזאַקן, ווי דריי ראָבן, נידעריק - נידעריק איבער דער ערד אוועקגעפלויגן... פאר איר — די הרעטשקע צעטראטן, איינגאנצן צעטראטן.

אקסאַנע האט מיטאמאל פארהאלטן דעם אטעם און זיך ווי צוגעהערט.

— מיט פערד וועט מען פארן... — האט געשושקעט דער פאטער באנאכט: — מע וועט די גאנצע הרעטשקע צעטרעטן...

ער האט געוווסט, און די מוטער אויך. דאס האט ער די קאזאַקן דער־ציילט. ער, ער — דאס הארץ האט שרעקלעך געקלאפּט. מיט די הענט געהאלטן די עקן פון דער רויטער פאטשיילקע, פארצווייפלט זי אראָפּ־געריסן. און מיטן בלויזן קאָפּ, נאכשלעפּנדיק די פאטשיילקע אין דער האנט, האט זי זיך אוועקגעשלעפּט צו דער הרעטשקע, געבליבן שטיין. בא אירע פיס איז א מענטש געליגן אומבאוועגלעך. אפן שטערן, העכער דער ברעם, האט געטונקלט א פלעק, און אונטערן קאָפּ — א רויטע קאַליעזשע...

א נעפּל האט זיך אין אירע אויגן געוויגט, זי איז געשטאנען אראָפּ־געלאזט דעם קאָפּ. דערנאך זיך אנגעבויגן איבערן קאלטן פעטער און מיט דער רויטער פאטשיילקע אים איבערגעדעקט דאס פּאָנים, געשטאנען, פארומערט, און דערנאָך שטיל אף די שפּיץ פינגער אוועקגעבלאָנ־דזשעט...

איבער די סטערנעס געבלאָנקעט ווי א שאָטן — געקוקט פאר זיך מיט גרויסע אויגן. ווייטער, ווייטער... שוין נאר אַ פינטעלע... שאָטנס זיינען אנגעלאָפן — באַרירט זי מיט שוואַרצע פליגל, און ווייטער גע־פלויגן. די ווײַט האט געקלינגלט. און דער טאָל, אַ בלויער, אן אויסגע־העפטער פון זון, האט סוידעסדיק געקוקט אין די אויגן... און גע־וואַרט...

אָסטאַפּווישניאַ

געבוירן אין 1889 יאָר, אין שטעטל גרון, פּאָלטאַווער קרייז, בא עלטערן - פּויערים. די ערשטע בילדונג באַקומען אין דער דאָרפישער צווייקלאַסיקער שול. דערנאָך געענדיקט א מיליטערישע פעלדשער-שול אין קיעוו. געלערנט אין קיעווער אוניווערסיטעט, נאָר ניט פאַרענדיקט.

אָנגעהויבן דרוקן זיך אין 1919 יאָר. ארויסגעגעבן א גרויסע צאָל קלענערע הומאָריסטישע ווערק, וואס האבן א גרויסן דערפאָלג באַם ברייטן מאַסן-לייענער און צעגאנגען זיך אין גרויסע טיראַזשן.

אָסטאַפּ ווישניאַ

מײַן אווטאָביאָגראַפֿיע

כ׳בין אַף קיין רעגע ניט אין סאָפעק, אז איך בין געבוירן געוואָרן, כאָטש סײַ ווען כ׳בין ארויס אַף גאָטס וועלט, סײַ שפּעטער, — א יאָר צען נאָכאַנאַנד, — פּלעג די מאַמע זאָגן, אז מע האָט מיך אַרויסגעצויגן פונעם ברונעם, ווען מע האָט געפּויעט אונדזער קו „ארישקע”.

געטראָפן האָט דאָס געשעעניש דעם ערשטן נאָיאַבער (אַלטער סטיל) 1889, אין שטעטל הרוני, זינקאָווער פּאָוויט, אַף פּאָלטאַוושטשינע.

אייגנטלעך, האָט דאָס געשעעניש געטראָפן ניט אין שטעטל גופא, נאָר אין כוטער טשעטשוי לעבן הרוני, אינעם גוט פון די פּריצים פּאַן-ראָט, ווו מײַן פאָטער איז געווען אן אנגעשטעלטער.

די באַדינגונגען פאַר מײַן אנטוויקלונג זײַנען געווען גאַנץ פּאָסיקע. פון איין זײַט, א וויגעלע אַף שטריקלעך, פון דער צווייטער — דער מאַמעס ברוסט. וויגסט אַביסל, שלאָפסט אַביסל און וואַקסט זיך אזוי פּאַמעלעכקע.

געקומען בין איך אַף דער ווײַסער וועלט דער צווייטער. פאַר מיר איז געווען דער בכור, דער עלטערער ברודער, וואָס האָט מיך אַריבערגעיאָגט אַף א יאָר אנדערטהאַלבן.

אַט אזוי איז אַוועק א גאַנג: דו עסט — וואַקסטו, וואַקסט — עסטו.

די טאַטע-מאַמע מײַנע זײַנען געווען ווי אַלע טאַטע-מאַמעס: דער פאָטער — א מאַנספּאַרשוין, די מאַמע — א פרוי. מײַנע עלטערן האָבן אויך אַמאָל געהאַט עלטערן. דעם טאַטנס טאַטע איז געווען אין לעבעדין א שוסטער און געטרונקען בראַנפן. דער מאַמעס טאַטע איז געווען א פּויער אין הרוני און געטרונקען בראָנפן. דעם ווייטערדיקן אָפּשטאַם פון מײַן ייִכוס האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן צו דערגיין. דער טאַטע האָט בִּיכלאַל ניט שטאַרק ליב געהאַט צו דערציילן וועגן קרויווים, און אז איך פלעג אַמאָל

א פרעג טאָן בא דער באַבען (דעם טאטנס מוטער) וועגן זיידן אָדער עלטערזיידן, פלעג זי שטענדיק ענטפערן:

— אט אזא סטערווע געווען, פונקט ווי דו! האבן קיינמאָל צורו ניט געלאזט, פון בראָנפן געשטאָרבן, א ליכטיקן גאַניידן זאָלן זיי האָבן!

וועגן מוטערס צאַד, ווייס איך אויכעט קנאפּ. איך געדענק נאָר, אז אַ מאָל פלעג דער טאַטע אויסוואַרפן דער מאמען:

— ביסט גאָר ניט געראָטן אין דיין מאמזן, טייערינקע. צי דען טרינקט מען אזוי ווי דו?! א ליכטיקן גאניידן איר, זי האט ליב געהאַט דעם טרונק און געוווסט ווי מע טרינקט.

וועגן זיידן (דער מאמעס פאָטער) פלעגן ביכלאַל קיין רייד ניט פאָרקומען. מע האט, ווייזט אויס, ניט איבעריק ליב געהאט יענעם זיידן. ערשט העט שפעטער האב איך זיך דערוווסט, אז ער האט זיך געפרווווט אופהענגען, נאָר ס'האט אים ניט אפגעגליקט, האט ער גענומען און גע־שטאָרבן פון וויַיסן פיבער, וויַיסן, וויַיסן — ווי סע טרעפט זיך וויַיסער שניי.

אָבער ביכלאַל זיינען די עלטערן מיינע געווען נישקאָשע פון מענטשן, ווי סע קער צו זיין.

פאַר די פיר און צוואַנציק יאָר פון זייער צוזאַמענלעבן האט זיי דער אויבערשטער באשענקט סאכאַקל מיט זיבעצן קינדער, ווייל זיי זיינען, מיסטאָם, שטאַרק אנגעלייגט געווען באַם אויבערשטן.

ווען עמעצער פון די שכיינים פלעג אַמאָל דעם טאטן פירוואַרפן א ווארט:

— צי וואלט שוין ניט צייט געווען, מיכיַילא קינדראטאָוויטש, אופצו־הערן קינדלען?

האט דער טאַטע באַלד אָפּגעענטפּערט:

— נישקאָשע, אז גאָט גיט קינדער, וועט ער גיבן צו די קינדער.

געשטאָרבן איז דער טאַטע אין 1909 יאָר, אפן 58־טן יאָר פון זיין פרוכטבאַרן לעבן. אט ווי אזוי די מאַמע פלעג דערמאַנען דעם פאַר־שטאָרבענעם טאַטן אונדזערן:

— וויפל איז שוין, קינדערלעך, זינט אונדזער טאַטע איז געשטאָרבן?

— שוין א יאָר צען, מאַמע.

פארטראַכט זיך די מאַמענקע און זאָגט:

— וואָלט שוין ביז היינטיקן טאָג געווען געהאַט נאך א מין זעקס שטיקלעך ברידערלעך און שוועסטערלעך. און איך וואָלט שוין איצט פארמאָגט אזוי גרויס ווי... וויפל, קינדערלעך?

— דריַי און צוואַנציק, מאַמע.

— טאַקע, דריַי און צוואַנציק... כאַ־כאַ־כאַ א ליכטיקן גאַניידן זאָל ער האָבן.

האָב איך, הייסט עס, אנגעהויבן וואַקסן.

— ער וועט זיין א שרייבער, — האט דער טאטע אַמאָל א זאָג געטאָן, ווען כ׳בין געזעסן אפן דיל און צעפירט מיט דער האַנט א קאַליעזשע.

ווי איר זעט, איז דעם טאַטנס נעוווּע מעקויִעם געוואָרן.

נאָר וואס איז דא צו לייקענען? — געגנוג צייט איז פאַרלאָפן איידער דעם טאטנס נעוווּע איז געוואָרן אן עמעס, זאָלט איר וויסן זיין:

א שרייבער לעבט און וואַקסט ניט אזוי ווי א מענטש פון א גאַנץ יאָר.

וואס איז א מענטש פון א גאנץ יאָר? — לעבט און לעבט זיך אויס די יאָר, ביז ער שטאַרבט אַוועק.

און א שרייבער — ניט. ווען א שרייבער דערקלער, אן טערוצים דערקלער: וואָס האָט געווירקט אף זיין וועלט־אנשויונג, וואָס האט אים ארומגערינגלט נאך דעמאלט, ווען ער איז געלעגן אין דער מאַמעס שויס, און געסמאָטשקעט מיט די ליפן, ניט טראכטנדיק אפילע דערפון, אז סע וועט אַמאָל אויסקומען צו שרייבן די אייגענע אווטאביאָגראַפיע.

און איצט זיץ און טראכט, — וואס האט אף דיר דעמאלט אזוי געווירקט, וואס ביסט געוואָרן א שרייבער; א וואָסער שוואַרץ יאָר האט דיך א צי געטאָן צו דער ליטעראַטור; ווען האסטו זיך אנגעהויבן צו פארטראַכטן וועגן דעם „ווּהין קומט אַהין די לאָך, אז מע עסט אויף דעם בייגל“.

ווייל גלאַט פון דער העלער הויט ווערט מען ניט קיין שרייבער.

און אט, אז מע דערמאַנט זיך דאס אייגענע לעבן, קומט מען צום אויספיר, אז דעם שרייבער באגלייטן אין לעבן אומגעוויינלעכע טרעפע־נישן, מאָדנע דערשיינונגען, און ווען די דערשיינונגען זאָלן ניט געווען זיין, וואלט דער מענטש קיין שרייבער ניט געוואָרן, נאָר ער וואָלט גע־ווען א לייטישער אינזשינער, א דאָקטער, אדער גלאַט א בראַווער קאָ־אפעראַטער.

נאָר כאפן זיך אונטער אזוינע טרעפענישן, — איז אויס, דער מענטש שרייבט.

אף אויסצופורעמען א שרייבער שפּילט די נאַטור ביכלאַל די הויפט־ראָלע. און דעם אוקראַינישן שרייבער העלפן מיט קארטאפליעס, קאָנאָפּליעס, בוריאַן.

אויב א יינגעלע אדער א מיידעלע האט א טעווע צו פאַרטראַכטן זיך, און ארום וואקסן קארטאָפליעס אדער קאנאפליעס, אדער בוריאַן,— איז פּארטיק! מעגט איר שוין זיין זיכער, אז אט פון אזא מין וועט ווערן א שרייבער.

און ס'איז קלאר ווי דער טאג! אז א קינד פארטראַכט זיך און זעצט זיך אַוועק אף א ריינעם ארט, לאָזט מען עס דען א טראַכט טאָן ווי עס קער צו זיין?

די מוטער וועט טייקעף דורכטרייַבן:

— ווו האסטו זיך אוועקגעזעצט, א רועך אין דיינע ביינער!? סע קלעקט דיר שוין קיין אָרט ניט הינטערן כאַזער־שטאַל?!

איז ווערסטו באַלד אנטרינען, און די באַגייַסטערונג ווערט פאַר שרעק אויסגעוועפּט און דא קומען צו הילף די קאַרטאָפליעס.

אזוי פלעג עס טרעפן אויך מיט מיר. ניט ווייַט פון דער שטוב וואקסן קארטאפליעס אף די בייטן קאנאפליעס, זעצסט זיך אַוועק: דער ווינט בלאזט, די זון וואַרעמט, די קארטאפליעס וועקן געדאנקען וועגן גאָרער וועלט, וועגן קאָסמאָס, וועגן סאָציאַליזם.

און דו טראַכסט אלץ, און טראַכסט, און טראַכסט...

ביזוואנען די מוטער טוט א געשריי:

— גיי נאָר טו א קוק, מעלאשקע, צי איז ער דארט ניט איינגע־שלאָפן געווארן, פּאַוולאָ? נאר שטילערהייט, שרעק אים ניט איבער, ער זאל כאָלילע דאס העמדל ניט איינריכטן. מע קען האַלטן אין איין וואַשן?

אט אזוי איז געוועזן דער אנהויב, אזוי האב איך זיך אנגעהויבן צו פאַר־טראַכטן. זיצסט און קאלופּעסט פאר זיך א גריבל,— סע ציט דיך אלץ אין דער טיפעניש.

און די מאַמע שעלט דערווייל:

— א וואָסער שוואַרציאָר גראָבט דארט אונטער די קארטאפליעס? סע קען רויִק ניט איינזיצן, נו, אז כ'וועל עס פּאַקן!!

דאס געמיט האט זיך אויך אפּט געביטן. אט ציט עס דיך אין דער טיף,— דעמאלט גראָבסטו גריבלעך, און אט ציט עס דיך אין דער הויך, אין כמאַרעס, ערגעץ צום הימל־געוועלב, דעמאָלט קריכסטו אין שייַער אף די באַנטענעס, כאַפּן פייגעלעך, אָדער אף דער ווערבע צו די קראָען.

אזוי בין איך געוועזן א נערוועזער, אן אומרויִקער פון קינדווייז אוף: ווי נאָר דער טאַטע פלעג צו מיר א כאַפּ טאָן דעם פּאַסיק, אדער דעם קאַנטשיק—האב איך שוין די רעגע אנגעשפּאַרט טיף אונטערן בעט.

— איכ׳ל דיר באַווייזן באַנטינעס! איכ׳ל דיר באַווייזן קראָען! וואָלסטו אַפן אָרט געמיימעסט געוואָרן, וואָלט נאָך געוועזן נישקאשע. וועסט אָבער ווערן נאָר אַ קאַליקע, דו הונט איינער!

און איך ליג אונטערן בעט ניט טויט, ניט לעבעדיק, שמאָרע מיט דער נאָז און טראַכט פאַרכווישעכץ:

— גאָטעניו! וואָס מע מוז דאָ נעבעך איבערטראָגן איבער אַט דער־דאָזיקער ליטעראַטור!

פון די געשעענישן אין מיין פריער קינדהייט, וואָס האָבן געווירקט אַף מיין ליטעראַרישער צוקונפט, האָט זיך מיר איינס שטאַרק איינגעקריצט אין זיקאָרן: כ׳האָב אַ גוטן טעלעמעץ געטאָן פון אַ פערד. כ׳בין געפלויגן רייטנדיק איבערן פעלד, פלוצים אַז סע טוט דיר אַ שפרונג אַ הונט פון הינטער אַ מאַצייווע אַרויס און דאָס פערד — אַ קער אין אַ זייט! און איך — טראַך! דעם עמעסן זעץ געכאַפּט. געלעגן עפּשער אַ שאָ, איידער כ׳בין געקומען צו זיך... דערנאָך אַ וואָכן דריי געלעגן קראַנק. אַט דעמאָלט ערשט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אַף עפּעס טויג איך נאָך — אויב כ׳בין גאַנץ געבליבן נאָך אַזאַ פאַל.

עפּעס אַ פאַרנעפּלטער געדאַנק האָט מיר אין קאָפּ אַ פּיק געטאָן: ווייזט אויס, איך טויג דער ליטעראַטור. און אַזוי איז טאַקע געשען.

אָט אַזוי, צווישן דער נאַטור, פון איין זייט, און מענטשן — פון דער צווייטער, זיינען פאַרלאָפן די ערשטע טריט פון מיינע גאָלדענע קינדער־יאָרן.

דערנאָך האָט מען מיך אָפּגעגעבן אין אַ שול.

די שול איז געוועזן ניט קיין פּראָסטע, נאָר פון „בילדונגס־מיניסטעריום”. האָט מיך אַ גוטער לערער, איוואַן מאַקסימאָוויטש, אַ גרייז, אַ גוטע נע־שאָמע, אַ ווייסער־ווייסער, ווי די כאַטעס ערעוו גרינעם יאָנטעוו, גע־לערנט. געלערנט האָט ער געטריי, ווייל געוועזן איז ער די ערלעכקייט אַליין. געשטאָרבן ער איז שוין, — זאָל אים די ערד גרינג זיין. ליב געהאַט האָב איך ניט נאָר אים, נאָר אויך זיין ווירעלע, וואָס האָט אַרומגעטאַנצט איבער אונדזערע פאַרמורזעטע, קינדערשע הענט. ס׳האָט אַרומגעטאַנצט, ווייל דעמאָלט איז געוועזן אַזאַ „קאָמפּלעקס־סיסטעם”, און געטאַנצט האָט דאָס ווירעלע שטענדיק, ווען מע האָט באַדאַרפט, און צומאָל טאַקע גאַנץ אַכזאָריעסדיק.

ווו איז עס איצט, דאָס ווירעלע, וואָס האָט מיר אויסגעשליפן מיין ליטעראַרישן סטיל? ס׳האָט דאָס ערשטע זיך דורכשפּאַצירט איבער דער

האַנט, וואָס שרייבט איצט די אַוטאָביאָגראַפּיע. און איר זעט כאָטש ווי זי שרייבט? —„ווי אַ פליג רײַבט. „צי וואָלט איך ביכלאַל געשריבן, ווען סע זאָל ניט געווען זיין קיין איוואַן מאַקסימאָוויטש און באַ איוואַן מאַקסימאָוויטשן זאָל ניט געווען זיין קיין ווירעלע, וואָס האט געצוווּנגען אריינצוקוקן אין בוך אַריין?

אין יענער צייט טאַקע האט זיך אין מיר אנגעהויבן פאָרמירן מיין קלאַסנבאַוווּסטזיין. כ'האב שוין געוווּסט, וואָס איז אזוינס פּריצים און ניט־פּריצים. אָפּטמאָל פלעג מיך דער טאַטע שיקן מיט א שעליר־כעס צו דער פּריצטע און שטענדיק אָנזאָגן:

— אז וועסט אַריינקומען, זאָלסטו א קוש טאָן דער פּריצטע דאס הענטל.

— אָ,— האב איך מיר געטראַכט,— מיסטאָמע איז זי גאר א גרויסע יאַכסנטע, אויב מע מוז איר קושן די האַנט.

גאר א פארנעפּלטן קלאַסנבאַוווּסטזיין האב איך דאן געהאט. פון איין זייט — געקושט דער פּריצטע דאס הענטל (עמעסע קאָנטר־רעוואָליוציע) און פון דער צווייטער, צעטראָטן אירע בלומען־קלומבעס. א־ינמאָל פאַר־קראָכן אַפילע אף דער ווערענדע און אָנגעזשבורעט אין אירע בלומען (עמעס־רעוואָליוציאָנערע שטיקלעך).

אַן עמעסער מאַקדאָנאַלד,— צווישן סאָציאַליזם און צווישן קעניג,— גע־דרייט זיך ווי אַן אויסגעצוואָגענע מויז.

אָבער שוין דעמאָלט האב איך מיר גוט פארגעדענקט, אז פּריצים זיינען אף דער וועלט פאַראַנען.

און ווען די פּריצטע פלעג עפּעס שרײַען און טופּען מיט די פיס, פלעג איך פאַרקריכן אונטער דער פּריצישער ווערענדע און מורקען:

— וואַרט, דו עקספּלואַטאַטערן! סע וועט קומען די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע! איך וועל דיר ווייזן ווי אזוי דרײַ הונדערט יאָר פון אונדז... און אז"וו. און אזוי ווייטער.

אין שול האט מען מיך אָפּגעגעבן פרי. נאך אפילע קיין זעקס יאָר ניט אַלט געווען. אפּגעלערנט האב איך דארט דרײַ יאָר, געענדיקט די שול. געקומען אהיים, מאַכט צו מיר דער טאַטע:

— האסט נאָך ווייניק געלערנט. מע מוז דיך נאָך עריגעץ אָפּגעבן. כ'פיר דיך אָפּ קיין זינקעוו, לערן נאך דאָרט אַביסל, וועלן מיר זען וואס סע וועט פון דיר ארויסקומען.

האט מיך דער טאַטע אַוועקגעפירט קיין זינקעוו, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אים איז עס ניט גרינג אנגעקומען, ווייל מיר זיינען שוין געווען

זעקס־זיבן אירע, און סכירעס האט ער באַקומען בא דער פּריצטע 18 אדער 20 קאַרבאָווינים א כוידעש. פונדעסטוועגן האט ער מיך אפּגעפירט און אָפּגעגעבן אין דער זינקעווער צווייקלאַסיקער שול.

אָט דאָ איז די פּאַסיקסטע צייט געווען צו פּארקערעווען צום „נעאָקלאַסיציזם", ווייל געלערנט האב איך צוזאַמען מיט מ. ק. זעראָוון,* האב איך אבער ניט געוואָלט. איר פּארשטייט אַליין; — זיין א נעאָקלאַסיק דאַרף מען האבן א גוואַלד מיט געדולד: לייענען גאָראַציען, ווירגיליען, אָווידיען און אַנדערע האמערן, און זיין א היינטיקער שרייבער — איז אסאַך גרינגער. לייענסט גאַרניט, און נאָר דו שרייבסט. און אלע זיינען באפרידיקט. אזוי, אז אונדזערע וועגן, מיינע און מ. ק. זעראָווס, זיינען זיך צעגאנגען. ער — קיין רוים, איך — אף שעוטשענקעס שענגעריוויקע.

די זינקעווער שול האב איך געענדיקט אין יאָר 1903, מיט א צייגעניש, אז כ'האב דאָס רעכט צו זיין א פּאָסט־און טעלעגראַפן־באאמטער פון גאָר עפּעס א הויכן ראנג (פון פּערצנטן, דאכט זיך).

נאָר ווי קום איך צו זיין א באאמטער, אז כ'בין נאך קיין דרייצן יאָר ניט אלט געווען.

כ'בין געקומען אהיים.

— צופרי האָסטו פארענדיקט די לערע, — מאכט דער פאָטער.

ווהין טוט מען דיך אהין, אז ביסט נאָך אזוי קליין? ווערסט מוזן ווייטער לערנען, און בא מיר איז שוין דא א טוץ אכוץ דיר.

האט מיך אוועקגעפירט די מאמע אזש קיין קיעוו, אין דער מיליטערישער פעלדשער־שול, ווייל דער פאָטער האט, אלס געוועזענער סאָלדאט, רעכט געהאט אפּצוגעבן די קינדער אהין אף „קאזיאָנע קאָסטן".

זיינען מיר אוועקגעפאָרן קיין קיעוו. אין קיעוו האב איך צעעפנט א מויל אפן וואָקזאל, און אזוי געגאַן פון וואָקזאל איבער גאנץ קיעוו, אזש ביז דער הייליקער לאַווורע, ווו איך מיט דער מאַמען האבן זיך אָפּגעשטעלט.

צו אלע הייליקע קוואָרים, צו אלע באלמויפּעסדיקע איקאָנעס האב איך געקניט און געקושט אלע קאפּעליושנדיקע קעפּ, און אויסגעהאלטן דעם עקזאמען.

און פארבליבן אין קיעוו. און פארענדיקט די שול. און געוואָרן א פעלדשער.

* זעראָוו — א באוווסטער אוקראַינישער קריטיקער

א פעלדשער בין איך געווען ניט קיין שלעכטער, ווייל כ'האב באַלד אריינגעטריפט איינעם א קראנקן אין די אויגן נאשאטיר־ספירט אנשטאָט ציינק־טראָפּן.

וועגן האָנאָראַר פון יענעם קראַנקן וועל איך בעסער ניט רעדן.

און דערנאָך איז אוועק א גרוי לעבן. געדינט און גע־ערנט, אַלץ גע־לערנט — אַ מיסעמעשונע אַף דעם! אַלץ געווען אַן עקסטערן.

די מילכאָמע האט מיך אנגעטראָפן אַף אַן אַייזנבאַן, ווו איך האב העל־דיש פאַרטיידיקט „דעם קייסער, דעם טראָן און דאָס פאָטערלאַנד" פון די אויסערלעכע סאָנים, דערמיט, וואָס כ'האב געפעלדשערט אין אַן אייזנבאַן־שפּיטאָל.

ווען ס'האט אויסגעבראכן די רעוואָליוציע — האט עס מיך פאַרדרייט, געבויעט אוקראַינע. געלאָפן פון דער צענטראַלער ראַדע אין אוניווערסי־טעט, און פון אוניווערסיטעט אין דער צענטראַלער ראַדע, דערנאָך צו דער הייליקער סאָפיע, פון דער הייליקער סאָפיע צו דער „פּראָסוויטע", פון „פּראָסוויטע" אף אַ מיטינג, פון מיטינג אף א פאַרזאמלונג, פון פאַר־זאמלונג אין דער צענטראַלער ראַדע, פון צענטראַלער ראַדע, אף אַ צוזאַמענפאָר, פון צוזאַמענפאָר אַף א קאָנפערענץ, פון קאָנפערענץ אין דער צענטראַלער ראַדע, ס'איז אזוי קיין צייט ניט געווען, פּאָשעט אַ שרעק... ס'האט זיך געוואָלט אין אַרמיי זיין, און אין פּאַרלאַמענט, אין אוניווערסיטעט, אין אַלע קאָמיטעטן, און קלויבן פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד. און לידער זינגען. וואָס זאל איך אייך לאַנג בריַיען: ווו מע זינגט — דאָרט בין איך דאָ! ווו מע רעדט — דאָרט בין איך דאָ! ווו ס'איז א זיצונג — בין איך דאָ.

אַ רעגירונגס־מאַן, — מיט איין וואָרט.

בירגער־קריג. גענומען אַן אָנטייל. פליט א שראַפּנעל, באַהאַלט איך זיך. דאס גאנצע שווערקייט פונעם בירגער־קריג איבערגעטראָגן. אין די רייען נאָך פּאַיאָקעס געשטאנען, און האָלץ געפירט מיט א שלי־טעלע, און גערטנער געגראָבן.

אַמשווערסטן איז געווען צו דערשלעפּן די צוויי פּוד מעל פון דער לאַווורע ביז צו דער גאָגאָלעווער גאס אין קיעוו. כ'האב עס גע־שלעפּט דורך דער „סאָבאַטשאַיאַ טראָפּאַ", דערנאָך דורכן שעווטשענקאָ־בולוואַר. געקרעטשקעט, געזיפצט, געזועסן און צוגעזעצט זיך און

פאָרט דערטראָגן. ניט געוואָרפן די „דעראבערונגען פון דער רעוואָליוציע".
ניט גרינג געווען, נאָר מיר האָבן געזיגט.

נו, דערנאָך איז אונטערגעקומען די „פּלאַטפאָרמע", האָט מען מיך אַוועקגעזעצט.

דערנאָך מיך ארויסגעלאָזט, נאָר איך בין שוין פון דער „פלאַטפאָרמע" ניט אַראָפּגעקראָכן. וואָס בין איך א נאַר?

דעם שטאַרקסטן איינדרוק, וואָס א בוך האָט ווען געמאַכט אף מיר,— איז פילאַרעטס „קאַטעכיזיס". ס'אַראַ נימעסער בוך! מע זאָל אים נאָר דאַרפן איבערלייענען און אַוועקוואַרפן, וואָלט נאָך געווען צו דערליידן, אָבער כאָזערן אַף אויסנווייניק,— א בראַנד אַף דעם. כ'וועל עס מיין גאַנץ לעבן האָבן צו געדענקען.

ביכער האָב איך ליב געהאַט פון קינדווייז אוף. כ'דערמאָן זיך, ווען כ'האָב געפּאַקט סאַלאַמאַנס „אַראַקול",— בין איך גאַנצע טעג געזעסן איבער אים און געוואָרפן דאָס ברויט-קייקעלע אַף דעם קרייז מיט פאַרשיידענע ציפערן. כ'האָלט אין איין וואַרפן, אַז דער קאָפּ גייט מיר כאָדאָראָם, ביז וואַנען די מוטער קומט ניט אָן, טוט אַ כאַפּ דעם „אַראַקול" און א זעץ מיר איבערן קאָפּ — ערשט דעמאָלט הער איך אוף.

ביכלאַך האָב איך ליב געהאַט ביכלעך מיט ווייכע טעוועלעך.

ס'איז גרינגער צו צערייסן, און זיי פאַטשן גרינגער, ווען די מאַמע דערזעט זיי.

כ'האָב ניט ליב געהאַט דעם „רוסישן פּאַלאָמניק", וואָס די מאַמע האָט געלייענט א יאָר צוואַנציק נאָכאַנאַנד — אַ געזונט שטיק בוך. אז די מאַמע פלעג זיך מיט אים פאַרמעסטן — איז מיר די נעשאָמע אַריין אין די פּיאַטעס.

און די איבעריקע ביכער האָבן זיך געלייענט נישקאָשע.

אָנגעהויבן שרייבן האָב איך אין קאַמענעץ, אַף פּאָדאָליע, אין 1919 יאָר, אונטערן נאָמען פאַוועל גרונסקי (פּאַרוואָס בין איך געווען אין קאַמענעץ — פרעגט איר? מיסטאמע צוליב דעמזעלבן, וואָס איר!*). אָנגעהויבן פון א פּעליעטאָן. מע פרעגט מיך אַצט, ווו האָב איך גענומען מיין שפּראַך.

די שפּראַך האָב איך איינגעזויגן פון דער מאַמעס ברוסט. דאָס איז אַ שפּראַך-קוואַל אָן א דנאָ.

---

* ווישניעס א ווונק. אז פעטליורע איז דעמאָלט געשטאַנען אין קאַמענעץ.

מוטערס, האָט עס אינזינען, ווען מען פאַרשפּאָרן אייערע קינדער צו אוקראַיִניזירן.

ווער האָט אויסגעשליפן מיין שפּראַך? — די ארבעט. די ארבעט, און די אָנווייזונגען פון א. ע. קרימסקי און מאָדעסט פיליפּאָוויטש לעוויצקי, מיט וועלכע כ'האב געהאט דאס גליק צו אַרבעטן, און וועגן וועלכע איך דערמאָן זיך מיט א געפיל פון טיפער דאַנקבארקייט.

געלעבט אין קיעוו. קיין כאַרקאָוו האָט מען „מיך איבערגעפאָרן" אין 1920 יאָר אין כוידעש אקטיאבער, און אין כוידעש אפריל 1921 האב איך אָנגעהויבן צו ארבעטן אין „וויסטי" מיט וואַס. בלאַקיטני.

אין „וויסטי" האב איך אָנגעפאַנגען אלס א איבערזעצער. אַן ארבעט אַן ערנסטע, אַ פאַראַנטווארטלעכע ארבעט, א שווערע אַרבעט, ווייל סע איז מיר אויסגעקומען רעכט צו שוויצן איבער די צייטונגס־איבערזעצונגען.

כ'האב געזעצט און געזעצט, און דערנאָך טראַכט איך מיר:

— צו וואָס זעץ איך איבער, אַז איך קען גאָר שרייבן פעליעטאָנען!! און דערנאָך — גאר אליין ווערן אַ שרייבער. זע, וויפל שרייבער סע פאַראַן, און איך בין נאָך אַדאַיעם קיין שרייבער ניט. קיין באַזונדערע קוואַליפיקאַציע, טראַכט איך מיר, האָב איך ניט, קיין בוכהאַלטעריע קען איך ניט. וואָס זאָל איך אנהויבן טאָן?

בין איך געוואָרן אָסטאַפּ ווישניאַ און אנגעהויבן שרייבן.

זיץ איך מיר און שרייב. קיין ארבעט איז ניטאָ, פּאַפּיר איז פאַראַן, די ארבעט איז ניט שווער — סע ניט וואָס זעקס שאָ אַריינשרייבן כעש־בוינעס אין א בוך אריין.

פונאָנהויב איז געווען שווערלעך, ערשטנס, ווייל דאָס פּאַפּיר איז געווען נישטיקס און די טינט ניט בעסער און די בלייערס האבן זיך אָפּט געבראָכן, נאָר דערנאָך, ווען די „קניהאָספּילקע" האָט זיך אונטערגענר־מען צו באַזאָרגן מיט גוטע שרייב־מאכשירים, איז געוואָרן אַסאַך גרינגער. קלעק־פּאַפּיר האט זיך שוין באַוויזן, און מע האט שוין ניט באדארפט מעקן דעם קסאוויאַד צו דער וואַנט. די ווערק זעען אויס שענער, גע־פוצטער.

דערנאָך געקויפט אַ פּאָרטפעל — און געוואָרן אַן עמעסער געזעצטער שרייבער.

די יאָרן גייען זיך — דער סטאַזש וואַקסט. אָך, ס'איז מעכייַעדיקע זאַך דער סטאַזש! אליין, אומבאַמערקט, וואַקסט ער אָן, און דערהאַלט אַן אונדזעריקן מאמעש באַם לעבן.

און נאכן סטאַזש — איידער מע קוקט זיך ארום, — קומט די גרויסע כשיוועס.

אַז מע טוט א קוק אף די האָר, זעט מען, ווי יעדן טאָג קומט צו אַביסל כשיוועס.

אָט־אָט און ס'וועט שוין באַלד אנשטאט האָר הוילע כשיוועס זיין אַפן קאָפּ.

דעמאלט איז שוין גאָר גוט. קומסט אין רעדאַקציע, ברענגסט עפּעס, איז דעם רעדאקטער ניט באַקוועם באַלד אפּצושרעקן. און דער רעדאקטער זאָגט צום סעקרעטאַר:

— לאָזט עס דורך! ס'איז דאפקע א גוטע שמאַטע, נאָר ס'איז ניט באַקוועם: אן אלטער שרייבער... מירן עס אָפּדרוקן!

און איר, דער געאַכטעטער, וואָס איר זיינט פאַרעכנט צו דער אַלטער דעגענעראַציע, — ווען סע קומט צו אייך עמעצער פון דער יונגער דעגענעראַציע שרייבער, זאָגט איר:

— שרייבן, ברודער, איז א שווערע מעלאָכע! אַמאָל פלעג זיך שרייבן! עך, האט זיך עס געשריבן! און איצט וואָלט זיך עס אויך געשריבן, נאָר איר ווייסט, מע מוז „פארמעמוּאַרעווען" דאָס דורכגעמאכטע לעבן, ווייל פאר דער געשיכטע איז עפּעס ניט לײַטיש.

אַ צייט שפּעטער (טאַקע אין 1921 יאָר) האָב איך אנגעהויבן שרייבן אין „סעליאַנסקאַ פּראַוודאַ", ווו כ'האב בעשאָלעם געסעקרעטאַרעוועט פינף יאָר, אונטער דער אָנפירונג פון ס. וו. פּיליפּענקאָ. ס'האט זיך געאַרבעט גוט. א גוטע צייטונג געווען — א ליכטיקער גאניידן איר. זי האט ליב געהאַט פּויערים, טאַקע פון ליבע אומגעקומען.

נו, און איצט וועגן שאפונגס־פּראצעס, ווי אזוי איך שרייב.

איך שרייב אזוי: כ'נעם פּאַפּיר, א בלײַער אדער א פען אין די הענט און הויב אָן צו שרייבן, און שרייב.

כ'מעסט שטענדיק די טעמפּעראטור, ווען כ'שרייב. נאָרמאַל. סײַ פאר דעם, וואס כ'זעץ זיך שרייבן — און סײַ נאָכדעם שטײַגט זי אויך ניט.

מיטן פּולס איז בא מיר בעשאסן ארבעטן ניט אין אָרדענונג. כ'קען ניט אויסציילן. אַז כ'שרייב, לויפט די האנט איבערן פּאַפּיר — מע קען בעשומויפן די אַרטעריע ניט אָנטאַפּן. און ווארף איך די פען — האט עס קיין זין ניט צו ציילן, ווייל סע וועט שוין ניט זיין דער מאמענט פון „שאַפן". אַזוי, אַז כ'קען אייך ניט דערווייזן, וואָס סע טוט זיך מיטן פּולס, ווען א שרייבער שרייבט.

וואָס איז שווערער צום קאָפּ בעיסן שאַפן. כ'האָב געפּרוּווט דרייען מיטן קאָפּ באַם שרייבן — קומט גאָרניט אַרויס. פאַרוואָס, ווייס איך ניט. ווייזט אויס, אַז די געדאַנקען אין קאָפּ ווערן צעכליופּעט. ווען מע שטעלט אין מאָמענט פון שאַפן אַפן קאָפּ אַ הייסן טשייניק — איז אַפן אָרט פון פּראָזע באַקומען זיך לידער, און עפּעס אַזוינע מעטושטעשע. און אַז מע צעיאָגט זיך און מע טוט זיך אַ זעץ מיטן קאָפּ אין וואַנט — דעמאָלט שרייבט זיך אָן עפּעס אַזאַ פאַרפלאָנטעטער ווערליבר, אַז מע פאַרשטייט אים אַליין ניט.

דער בויך פאַרנעמט באַם שאַפן אויך ניט אַבי־אַוואָסער אָרט. ווען אַ מענטש, ווען ער זעצט זיך שרייבן, האַלט זיך מיט דער לינקער האַנט באַם פּולן בויך און מיט דער רעכטער שרייבט ער — באַקומט זיך זייער אַ לאַנגע פּסיכאָלאָגישע דערציילונג, אידעאָלאָגיש פאַרפלאָנטערט. ווען דער בויך איז אַ ליידיקער און פונעם בורטשען שפּרינגט אָפּ פון אים די האַנט, — דעמאָלט קומט אַרויס מיינסטנס אַ קורצער יאַמב, אָדער אַ שיינע נאָוועלע.

ווען מע הייבט אָן צו שרייבן, מוז מען זיצן אַפן בענקל פעסט, אַז ניט, נעמט אָן אָנטייל אינעם שאַפן אויך יענער טייל, פון וועלכן די פיס שטעקן. סע באַקומען זיך ווערק, עמעס ניט קיין שלעכטע, אָבער נע־מענדיק אין אַכט די שטורעמישע אַנטוויקלונג פון אונדזער קולטור, איז שוין צייט צו נעמען דעם קורס נאָך אַפן קאָפּ.

אַלע אָט די וואָרענישן זיינען פון דער אייגענער דערפאַרונג. איצט נאָך אַביסל וועגן ווירקונג פון געשלעכט־אופרעגונג אַפן שאַפונג־פּראָ־צעס. אייניקע פון די שעפער האַלטן, אַז די בעסטע ווערק קומען אַרויס פון אונטער דער פעדער פון אַזאַ מענטשן „וואָס איז פול ווי אַן אויג" אָנגעגאָסן מיט פאַרשיידענע געשלעכט־אימפּולסן. כ'קען ניט זאָגן, אַף וויפל דאָס איז ריכטיק, ס'איז עפּעס ניט אַזוי, לויט מיין מיינונג. ווי קען מען באַווייזן נאָכשפּירן נאָך דער „געשלעכט־פראַגע", אַז דו שרייבסט און די האַנט איז באַ דיר פאַרנומען, און דער קאָפּ אויך. איך האַלט, אַז ס'איז שווער עס צו דערגיין. בעסער איז שוין איינס פון די ביידע, אָדער שרייב, אָדער היט דעם געשלעכט־אימפּולס.

אַפן גרונט פון מיין דערפאַרונג, וואָלט איך געראָטן אַזוי צו אַרבעטן: פריער באַטראַכטן און דערנאָך שרייבן, און ניט פאַרקערט. אַזוי קומט עפּעס אויס בעסער, כאָטש סע קומט אָן אַביסל שווערלעך...

ווי שטעל איך זיך צו די איצטיקע ליטעראַרישע אָרגאַניזאַציעס?

איך שטעל זיך, כ׳שטעל זיך צו „וואַפּליטע״, צום „פּלוג״, צום „וווספּפּ״, צום „מאָלאָדניאַק״ צום „מאַרס״ צו די „נעאָקלאַסיקער״, צום „בומעראַנג״ (צי ווי מע רופט מען אים דאָרט...). כ׳שטעל זיך צו אַלעמען.

עך, טייערע כאַווײרים! געווען איז אַמאָל אַף דער וועלט אַ גרויסער פילאָ־סאָף, גערופן האָט מען אים יאָסיף, און דעם פאָטערס נאָמען ווייס איך ניט.

איז אָט דער גרויסער פילאָסאָף האָט אַמאָל געזאָגט:

— אַ שטריקעלע? גיב הער דאָס שטריקעלע אויך! אין וועג קומט אַלץ צונוץ.

פון די איצטיקע שרייבער האָב איך מער פאַר אַלע ליב כווילִיאָווין און דאָסוויטנין. ווען איר ווייסט ס׳אַרא וווּנדערלעכע שרייבער זיי זיינען! ווי ס׳איז גוט מיט זיי אַף גייעג.

ווען ס׳איז פאַרטאָג, ווען איבערן לימאַן שטייט אויף אַ זילבערדיקער נעפּל, ווען דו זיצסט אין אַ גריבל און דיינע אויגן שווימען אַרום אין נעפּל, זוכנדיק ערגעץ אָן דאָרט אַ שוואַרץ פּינטעלע, אַ טשירימטי אָדער אַ קריזשעניאַ.

אַך!

און רעכטס פון דיר,— כווילִיאָווי, און לינקס פון דיר—דאָסוויטני. ווי זאָל מען זיי ניט ליב האָבן?!

און אַז דערצו נאָך ריידן קיינמאָל ניט וועגן ליטעראַטור ניט כווי־ליאָווי אין ניט דאָסוויטני.

און די אַלע איבעריקע זיינע גוטע שרייבער, נאָר זיי ריידן ראַק וועגן ליטעראַטור, און שיסן קענען זיי ניט.כ׳האָב זיי אויך ליב, נאָר ווייניקער.

פון די אַלטע שרייבער געפעלן מיר: „נעסטאָר לעטאָפּיסיץ״, און אַסטראָמיר.

ווי באַצי איך זיך צו טעאַטער? כ׳האָב זיי ליב. כ׳האָב ליב די בערע־זילצעס, די פראַנקיווצעס, די אַדעסער, זינקאָווער... כ׳האָב אַלע ליב. כ׳האָב ליב אַפילע די אוקראַיִנישע אָפּערע. מיין ערנוואָרט. און ווען די אָפּערע־דירעקטאָרן, אַשטייגער, וואָלטן אַזוי ליב געהאַט זייערע אָפּערעס, ווי איך, וואָלט באַ אונדז, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ס׳איז פאַראַן אַזוי פיל אָפּערעס־דירעקטאָרן און אַ קינסט־אַפּטיילונג, וואָלט באַ אונדז, כ׳שווער באַ גאָט, געווען אַן אוקראַיִנישע אָפּערע. ווייל כ׳ווייס, אַז אַ טעאַטער — דאָס איז אַ גרויס געווער, און אויב דאָס איז אַ גרויס געווער, טאָ מוז מען אַ גרויס געווער צו די דירעקטאָרן, קעדיי דער טעאַטער זאָל ווערן אַ גרויס געווער.

פון באַשעפענישן האב איך אַמיינסטן ליב ציגן. פון רעמאַשים — די ווערפע. מיין ליבסטער קאָליר איז געל־ברוין. פון רייכעס — אַ פּיאַלקע. פון בלומען האב איך אמבעסטן ליב די פוקסיע. קעץ האב איך ליב צו ציען באַם ווידל. פון מאַיכאָלים איז פאר מיר דאָס געשמאַקסטע — געבראָטענע קאַרטאָפליעס זאָלן כראָמטשען אין די ציין. פרויען האב איך ליב געשוירענע און געגאָלטע, און אין שטיוול. אין גאָט האב איך אופגעהערט צו גלויבן אין צווי טעג אַרום נאָכדעם, ווי ס'איז ארויס אַ באפעל, אַז קיין גאָט איז ניטאָ.

כוץ דעם אַלעמען בין איך אַ מיטגליד פון „מאָפּר", „אַוויאָכים" „אויס־אמעראצעס", געזעלש. „זמיטשקא" און פון ליטעראַרישן קלוב אין נאמען פון וואס. בלאקיטני. כ'בין א באַוויַבטער.

אט דאס איז אלץ ווענן דער פסיכאלאגיע פון שאַפן.

אמאָל האב איך א פרעג געטאָן מיין זון:

— וויאַטשקו! וואָס ווילסטו זיין, אז וועסט אויסוואַקסן?..

— אַ מענטש וועל איך זיין.

האב איך א טראכט געטאָן:

— טאַקע, עמעס. ניט קיין שרייבער, נאר אַ מענטש. אים איז עס איצט א סאַך לייַכטער צו מאַכן איידער אונדז אמאָל. ער דארף דער פריצטע די הענט ניט קישן, און ארום אים וואקסן ניט קיין קארטאָפּ־ליעס. ניטאָ ווו צו פארטראכטן זיך.

אָט דאָ האב איך פאַרנאָטירט די וויכטיקסטע מאמענטן פון מיין לעבן און די וויכטיקסטע שטריכן פון מיין דערפאלג אין וועלט־באַנעם, וואָס האבן זיך אוועקגעלייגט אינעם גרונט פון מיין ליטעראַרישער אַרבעט. ווי אזוי זיך אַוועקגעלייגט? — וואָס גייט עס אייך אָן. זיך אוועקגעלייגט, זאלן זיי ליגן. טשעפּעט זיי ניט.

ווי איר זעט, איז די ליניע אין מיין ליטעראַרישן לעבן געווען א ריכטיקע. אַי די ארבעט טויג אין דר'ערד אריין? סע מאכט ניט. אַבי די ליניע זאל זיין א ריכטיקע.

P. S. פארוואס כ'האב זיך אַזוי צוגעייַלט מיט מיין אווטאביאגראפיע? צוליב וועלכע צוועקן לאָז איך זי אף דער וועלט ארויס? גאר פּאשעט: טאמער טרעפט זיך מיט מיר עפּעס, איז ווער וועט אָנגיין שרייבן מיין ביאגראפיע? אזוי, — אז דו טוסט עס אליין אפּ, ביסטו זיכער, אז די דאנקבארע דוירעס וועלן דיך קיינמאל ניט פארגעסן.

ו אַ ס י ל ו ו ר אַ ז ש ל י ו ו י

געבוירן אין 1903 יאָר אין שטעטל אָפּאשניא, פּאָלטאַווער קרייז. געלערנט אין שול, דערנאָך אין גימנאַזיע. שפּעטער איבערגעפּאָרן לערנען קיין כאַרקאָוו.

באַזונדערע אויסגאַבן: „אין יאַר" 1924, פארלאג „שליאַך אָסוויטי". „ערד" — דערציילונג, 1925 „קניהאספּילקא". „דאס לעבן פון א ווייס הויז" 1927.

ו. ווי־אַזשליווי

וואַלד

וואַלד, וואַלד.

הענגען איבערגעפלאָכטענע צווײַגן איבערן שמאָלן וועג. וואַכט די זון אין דורכלויכט פון בלעטער מיט איר קאַרגן קוק, שערט אונטער דאָס גראָז, פלאַסטערט אויס שאָטנס פון טעפּיכער. אנגעכמורעטע ריזן קרעכצן, באַהאַלטן זיך אין געדעכניש. קוקעט די זאָזוליע. שלעפעריק צווישן גרינס שלאָגט זיך אַרויס ווײַס קאַליר. דער וועג קרומט זיך אין געלער ליים און אין שוואַרצערד. געליימט שטייען די דעמבבעס און די בלעטער זײַנען צוגעפרווירן צום קוסט. ס'הערט זיך, ווי ס'ברעכט זיך עפּעס אַ שטיק וועלט. פאַראַיאָריק פאַרדאַרט געבלעטער רוישט. ס'איז אָפּדערנאַכט. ס'גייט אַ באָרדיקער פויער, ברומט עפּעס אונטער דער נאָז, שורשעט צווישן די טרוקענע בלעטער.

— איטש, ווי ער זינגט שיין! אַט אַ! — האָט ער אַ סמאָקע געטאָן. די טריט ווערן פינצטערער אונטערן בוים. די כאַטע באַווײַזט זיך דורך פינצטערניש פון וואַלד. די געגנדז גרעגערן, און טײַקעף לעם זיי לויפט אַ קינד אויף אַלע פיר.

— ווו איז די מוטער? — דאָס קינד האָט דערשראָקן אַראָפּגעלאָזט די ווײַעס:

— זי פּאָרעט זיך! אין שטוב דאָרטן!

ווידער הודען די וואַלדישע טריט. די זון מאַכט ראָז די הערלעך פּונעם קינד און גלעט אומעטיק דעם פאַרשמירטן האַלדז. דער וואַלד־שוימער איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב מיטן טאָרבעלע אויפן אַקסל, מיט שווערן שפּאַן און פאַרשנירעוועטע ברעמען, פאַריכט דאָס היטל אויפן קאָפּ. און זי:

— יאַרעמע! אוי, אַ צאָרע איז מיר! ווּהין טראָגט עס דיך? נאָך וואָס דאַרפסטו גיין? ס'זאָל כאָטש בעשאָלעם איבערגיין! ווייסט דאָך וואָס פאַר אַ צײַטן ס'איז איצטער: אין קיליווצער וואַלד האָט מען אַנומלטן געהאַרגעט דעם וואַלדניק. כ'בעט דיך, גיי ניט!

דאס קינד האט אויסגעטראָשטשעט א פּאר אויגן. די קו אין שטאַל האט זיך צעמעקעט.

— ס'איז ניט דיין אייסעק!

— יארעמע, כ'בעט דאך, צוליב וואס דארפסטו עס? עסן איז דאך דא וואס. גיי נישט.

— שוויַג! — זיינען די בארד און וואָנסן שטעכיקער געווארן.

— טאטע! די לעסניקעס זיינען דאך בייזע. כ'האב געהערט, ווי זיי סוויסטשען. אט אזוי סוויסטשען זיי. ער האט א פּיַיף געטאן און דער פּיַיף האט זיך צעשפּרייט איבערן גאנצן וואלד.

— פּיַיף ניט! הערסט וואס איך זאג דיר!

ס'איז שטיל געווארן. יארעמע האט צונויפגענומען די ווענטקעס, אנגעטאן דעם פּעלץ און איז אוועקגעגאנגען.

— מאמע, כ'האב אזוי אמאל מוירע פאר די לעסניקעס. יא, זיי זיינען שרעקלעכע.

און די טריט הילכן אין געדעכעניש. דער טעפּיך פון גרעזער און קוויטלעך הוידעט זיך. יארעמע שפּאַנט. ער פּאָכעט מיט די הענט און פונהינטן טעלעפּען זיך נאך די עקן פון די ווענטקעס. ער טראכט זיך:

„אוי, אנגעשראקן! ס'איז גאנץ מוירעדיק דא". א דורכזיכטיקער ציטעריקער נעפּל פאלט צו די פיס. דאס טייַכל איז טונקל, ווי יארעמע.

א מעשופעדיקער ברעג. אין ריוו כליופּעט זיך וואַסער אין זאַמד. ווייסע אָסיקעס האבן זיך איבערגעבויגן איבערן טייך; איינע איז אינגאנצן שוין אריינגעפאלן אין טייך אריין.

יארעמע האט זיך אפּגעשטעלט, ארומגעקוקט, פארווארפן די ווענטקעס אין טייך. ער האט זיך אויסגעמאָסטעט א שטיקל ארט אף א פּעניאָק, זיצט ער, די אויגן שווייגן, די בארד פרירט. ער האט א ריב געטאן א שוועבעלע, פארויכערט די ליולקע, און ארויסגעלאזט א פּאסמע ווייַסלעכן רויך.

— צי אפּדערעמעסן בין איך דא איינער אליין? — ער האט זיך ניט געגליובט. פארביסן די ליולקע.

— ס'איז אומעטיק. גיך וועט אנהויבן הוקען דער שרעק-פויגל: אי-או! דער רועך זאל אים נעמען!..

און דאס אַלטע טייַכל רוישט לעם אָטשערעט, און דער אטשערעט בויגט זיך און שאָקלט מיטן קאָפּ צום ברעג. וואַסער-געוויקסן שווימען איבערן טייַך און צווישן זיי די פּראָפּילן פון די געלע קרוינען פון די וואַסער-

ליליען. עמעצנס שפּאַן האבן זיך געלאזט הערן. יארעמע האט זיך דער־שראקן. און דערנאך האט ער מיט זיך אליין גערעדט:

— עפּשער גייט גאר עמעצער מיטן וואלד צו זיך אהיים, — האט ער זיך באַרויִקט, און אוועקגעלייגט זיך אף די הענט צוקאָפּנס.

— הו־הו, הוהו — האט זיך אנגעהויבן.

— ער האט שוין אנגעהויבן, דער פארשאלטענער! ער וועט שוין א גאנצע נאכט אזוי שרײַען, דער שרעק־פויגל.

דער אטשערעט האט זיך איינגעהערט און געזוכט אַפן דנאָ עפּעס מיט זיין שארפבלאַטיקן קוק. ס'איז שטילער געווארן ארום, נאר וואס דאס הוקען הו־הו האט אלעמאל געהוקעט אין דער פינצטערקייט און זיך געטוקט אין וואַסער.

— אט האט ער געלעבט, דער קאליאיווער לעסניק, און איצטער איז ער שוין ניטא — געשטארבן, אוועקגעהארגעט! און די פרוי זיינע — די קני׳ האבן זיך אזש בא אים געשאָקלט און טיפער האט זיך איינגעגראבן די פיס אין פײַכטן זאמד. איבערן קאפּ האט א טרישטשע געטאן, דער בוריאַן האט זיך געלייגט.

— דאס ביסטו! — ער האט זיך ארומגעקוקט און דערזעען זיין באַ־קענטן לעסניק. האט ער זיך אויך צוגעזעצט.

— איינצווייען איז כאטש אביסל פריילעכער. אז דו זיצסט אזוי אליין, איז יעדער שאָרך, יעדער גארנישט שרעקט דיך אף טויט.

— אוואדע אזוי, — און דאס רויכל מישט זיך צונויף מיטן נעפּל.

— דו ווייסט, יארעמע, יענע נאכט האט מען אוועקגעהארגעט א באנ־דיט א וואַלדניק, נאך גאר א יונגן־יונגן. אין נאוואסעליוּוצי האט א מיליציאָנער אין אים געטראפן און אַפן ארט אים אוועקגעלייגט.

— און אין פעריווצע האבן די באנדיטן א מיידל אופגעהאנגען אף א דעמבּ לעם וועג, אז ס'איז שרעקלעך אזש דאָרטן־אַרומער צו פאָרן... זי איז געווען א באלשעוויטשקע און האט אויסגעגעבן עטלעכע באנדיטן, האבן זיי זי געכאפּט און איר אפּגעטאן — האט יארעמע דערציילט.

— גארנישט קיין קאמוניסטקע. איך האב גאר געהערט, אז איבער א פארוביק, וואס זי האט אוועקגעווארפן. כ'האב זי געקאנט, דאס מיידל...

פארטראכט ברומט דער אטשערעט, ציטערט דאס טײַכל מיט יונגע כוואַליעכלעך. נידעריק בויגן זיך די בלעטער מיט די זילבערנע קאַנטן צום שטאַם צו...

— און וואס שלאגן זיי זיך צווישן זיך, די וואלדניקעס, די באנדיטן? און וואס האבן זיי צו אונדז? זיי לאזן דאך אונדז ניט רוען?

דער שנור האט א צי געטאן, ס׳האט א צי געטאן די וועגטקע.

— ס׳נעמט! וואס? א סאַם זאל דאס זיין... אוי, גוט, וואס כ׳בין אוועקגעגאנגען פון דר׳היים — קיינער וועט זיך צו מיר ניט טשעפען פון די באנדיטן. זיי לאזן דאך די נאכט רויק ניט איבערשלאפן! גאזלאנים! און איבער זיי ווערט דער וואלד א טעל און ווערט פארפאלן, ס׳רייסט באם הארצן קוקן אף אים. מ׳האַקט, מ׳האקט, ראַק מ׳האקט אויס. שוין באלד הוילע פענקעס אין וואלד. אמאל כ׳לעגסטו ארויסגיין אין וואלד אריין — און יעדער בוים הויך און שלאַנק און א געדיכטעניש אזא!.. ניין, זיי וועלן אים ניט אויסהאקן, דעם גאנצן וואלד! ס׳ניט אזא וואלד! — האט זיך יארעמע אנגעצונדן.

פון צאַפן־זײַט האט א בלאז געטאן א קאלטער ווינט. די דעמבעס האבן צוגעטוליעט איינס צום צווייטן די הויכע צווײַגן זייערע פון העט־ארוף. דער פעלץ האט בעסער געווארעמט.

— און מאטראנע? האסט געהערט: ס׳איז געשטארבן דער מאַן אירער — איז זי זיך צונויפגעגאנגען מיט דעם באנדיט טשערוואנאטשאקן! א גע־זונטער שייגעץ, אַן אייזערנער...

— גייט זי צו אלדי... — האט ער זיך אויסגעזידלט.

דער וואלד רוישט. דאס טײַכל קעמט זיך מיט ווײַסע קעמלעך.

— ס׳וועט גיין א רעגן?

— ניין! ס׳איז אזוי זיך. — האט ער א קוק געטאן אפן הימל. ס׳וועט באלד איבערגיין. א וויכערל. שטיל.

— כ׳האב דיר ניט געזאגט, היינט האט אזוי שרעקלעך געשריגן דער סיטש, אוי, שרעקלעך!.. דא איז ניט לאנג איינער דורכגעפארן, ־ האבן אים געכאפט די וואלד־באנדיטן און זאגן צו אים — צייל עם זיך איבער. האט ער זיך איבערגעציילעמט, און איצטער, זאגן זיי, שטעל אריין די פיס אין שטריק אריין.

האט מען אים אופגעהאנגען פאר די פיס. האט זיך איינער פון זיי אף אים דערבארעמט און אים דערשאסן. מיט א ייִדן האבן זיי עס אָפּ־געטאן. פון שטעטל.

— אָ־אָ־אָ... ס׳איז דען דא וועגן וואס צו ריידן!

— יא, אבער דו האסט געהערט, אז ארום און א־ום, ווו ס׳זיינען נאר דא די וואלדניקעס, האט מען אונטערגעצונדן די דערפער. האסט גע־

הערט פון דעם? געדענק, אז מ'זאָל מיט אונדזער דאַרף אויך אַזוי ניט אָפּטאָן! בלויז אַפּגעסמאַלעטע סלופּעס וועלן בלייבן.

שווער גלייכט זיך אויס דער אַטשערעט, הויבט אויף אינדערהויך די שאַרפע שפּיצן פון אַפילו די פייכטע בערגן. דאָס שטילע טייכל בלאָווט זיך. זיצן זיי, דאָס פּאַרל, געזונטע ווי די דעמבעס, זיצן ווירדיק און טראַכטן שווער. שטעלן זיך אַפּ די כוואַליעס און יאָגן ווידער איינע נאָך דער צווייטער, נעמען שטיקלעך וואָרצלען און געוויקסן, וואָס שווימען מיט אייניינעם, און בוקן זיך צו דער נאַכט, וואָס קומט אָן. די זילבערנע בלעטלעך פון דער אָסיקע רעדן זיך אומעטיק איבער. און אַדורך די דורכזיכטיקע בלאָווקייט פינטלען ווייסינקע כמאַרעלעך.

ניט ווייט האָט דערלאַנגט עמעצער מיט אַ האַק אין דעמב אַריין. יאַרעמע און זיין שאָכן זיינען שטיל געבליבן — די אויגן געווענדט צו דער זייט, פונוואַנען ס'האָט אָפּגעהילכט.

— אַהאַ! — האָט איינער פון זיי אַ מרוקע געטאָן, — מ'האַקט שוין! אָט ווו! קום באַלד.

— לאָז צורו! מ'דאַרף ניט גיין. מיסטאָמע זיינען זיי עטלעכע אירע דאָרטן.

— קום אַ קוק טאָן! — זיי זיינען אַוועק אַהין און דער קוסט האָט מיט די צווייגלעך זיי פאַרטראָטן דעם וועג.

— ס'איז פינצטער.

— שווייג און שפּאַן! — זיי זיינען נאָענט צוגעגאַנגען צום אָרט, וווּ מ'האָט געהאַקט.

— אַזש דריי! זיי האַקן דעם דעמב, וואָס איבערן מעשופּע!.. אָ, פאַרשאָלטענע!

— און אַז דער לעסניק וועט אונדז פּאַקן, — האָט זיך דערטראַגן מיטן ווינט אַ שטים.

— ער איז איינער, און מיר זיינען זאַלבעדריט. זאָל ער נאָר זיך באַווייזן, וועל איך אים גלייך צעשפּאַלטן דעם קאָפּ! דער דעמב האָט זיך אָנגעבויגן איבערן אָפּגרונט.

— באַלד!

— שטאַרקע וואָרצלען אַזעלכע! האַ?

— האַק, קיינער וועט ניט אָנקומען, ס'איז פינצטער!

יאַרעמע האָט זיך אַ ריס געטאָן, ווי אַ כייע, פּונקט דעמאָלט, ווען דער דעמב איז געפאַלן און שפּענדלעך און שטויב איז געפלויגן אַרום.

— אהא! איר זייט אינדריַיען... ווער האט געהאקט מיט דער האק? נו, ווער? זאגט! — די דריַי זיינען אליין שיר ניט אומגעפאלן צוזאמען מיטן דעמב — זאג, — האט געשריגן יארעמע, ווי ניט מיט זיין קאָל, — פאַל־מעסן וועל איך אייך איינציקווייז. ווער האט אייך דערלויבט האקן?

יארעמע האט זיך צעפּאָכעט, עמעצן א זעץ געטאן, אז ס׳האט א טרישטשע געגעבן.

— אין אונטערגרוב וועל איך אייך איבערקערן אלע! פארשאָלטענע! אוך! — עמעצער פון די דריַי, זעט אויס, איז אומגעפאלן און דער צווייטער האט שעלטנדיק א ווארף געטאן אין אים די האק, אבער ניט געטראפן נאר פארטשעפּעט זיך אין דער קאָרע פון דער ליפּע.

— אהער גיי, דו, אהער! ציטערסט, הא? — איז יארעמע אנקעגן געגאנגען. — א האק וואַרפסטו, א רועד׳ן דיין לעבן אריין! פארנעם זיך פונדאנען, אניט הארגע איך דיך אוועק אפן ארט!

— באַרים זיך ניט, דו! — האט דער דריטער זיך אופגעכאפּט. — האַלט! און א ווארף געטאן אין אים די האק. יאראמע האט זיך געוואלט אפּקערוועז און, ווי אַן אונטערגעשניטענער, האט ער זיך צוגעזעצט.

— א... אוועקגעהארגעט!.. זיי זיינען אנטלאפן, ניט אומקערוועענדיק אפילו דעם קאפּ.

יארעמע איז אנידערגעפאלן אפן פרישן פּעניאָק און די פארבלוטיקטע האק האט זיך איינגעשניטן אין זיַיט.

ס׳איז צו אים צוגעגאנגען זיין באַגלייטער.

— יארעמע, א, כ׳האב דיך געבעטן זאלסט אהער ניט גיין, צוליב וואס ס׳טוּ עס באדארפט? וואס טוט מען איצט?

יארעמע האט געקרעכצט. דער צווייטער האט זיך געפּאָרעט לעם אים און אים פארשטעלט די ווונד.

דערנאך איז ער אוועקגעלאפן צו דער כאַטע. מ׳איז שוין פונלאנג געשלאפן. ער האט אנגעקלאפּט. די איבערגעשראקענע פרוי האט רעשט געעפנט די טיר, ווען זי האט דערהערט די בסורע וועגן איר מאַן.

— אוי, ווי איז צו מיר! דאס הארץ האט מיר אבער געזאגט! כ׳האב דאך זיך בא אים געבעטן: גיי ניט, גיי ניט! זי וויינט און אין וואלד רופט זיך אפּ דער שרעק־פויגל: הו־הו, גו־הו, גו־הו! גיסן זיך צונויף איינעם די געשרייען. און יארעמעס זון איז אוועקגעגאנגען מיטן דיאַדקע ברענגען דעם פאטער אהיים.

קלאגט די צעפּאטלטע פרוי. ווישט זיך מיט די הוילע קולעקלעך די אויגן דאס קליינע יינגעלע. קוקט דער הונט אף זיי און הויבט אן מיט־אמאל אויכעט צו וואָיען.

און נאענט, לעם דער כאַטע ליגט אַפּן רויטן פעניאָק יארעמע, און אין אונטערגרוב — דער דעמב.

יורי יאַנאָווסקי

געבוירן אין יאָר 1092, אין א פארמעגלעכער פאַמיליע. געלערנט אין רעאַל-שול און אין מעכאַנישן טעכניקום, אריינגעטרעטן אין קיעווער פּאָליטעכניקום. אַף אוקראַיניש אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1924 יאָר.

באַזונדערע אויסגאַבן: „מאמוטאָווס שלאַכטן" — 1925, קניהאָספּילקא. „ערד בלוט", דערציילונגען, 1927, קניהאָספּילקאַ. „רייד", — 1927, מעלוכע-פארלאג פון אוקראַינע. „דער שיף-מאיסטער" און אנדערע.

יורי יאַנאָווסקי

די געשיכטע פון אן אַש-בעכער

באם ארבפאקאָוועץ אפן טיש שטייט אן אַש־בעכער. מיט זיין אויסערן אויסזען, מיט דער ווייסער פארב, דערמאנט ער׳א פלאטשיק מויערקעפל פון יאַם. אינדערעמעסן אבער איז עס דער ביין פון א מענטשלעכן שאַרבן.

אין טאָג פון אקטיאַבער־זיכרוינעס רויכערט מען דא מאַכאָרקע, מע דער־רויכערט ביז צו די צוויי געלע נעגל. פארטראכט שפאצירט די בלויקייט איבערן צימער. דורכן שאָכנס פלייצע וועט ארייננקוקן דער שאָכן.

דעמאלט זאָלסטו דרייסט אויסלעשן דאס ציגאַיער־אפשניצל אין אַש־בעכער, און לאז אים דארט, ווו ס׳איז אמאל געווען דער מויעך. טרייב אָפּ דעם רויך פון די אויגן און אנטשלאָסן דריי ארײַן דאס עלעקטרישע ליכט אין צימער. דערנאך, איבערלייענענדיק „אָ. פאָלובאָטאָק 19 — XI ־ 7״, שיק אָפּ דייַנע זיכרוינעס אין טאָל פון דער פארגאנגענהייט.

I

דער קלאנג האט זיך מער ניט געהערט. ער איז געשטאנען אביסל אינדערלופט ווי א מיראזש. זיין ציטערן איז אלץ קלענער געווארן. און צום סאָף האט דעם מענטשנס גראָבער אויער אופגעהערט צו פיק־סירן דעם אָטעם פון קלאנג. די לינקע האנט האט זיך אופגעהויבן צום שטערן און זיך געוואָלט עפעס דערמאנען. ס׳איז געווען זי — די מאַ־שיניסטן פון דיוויזיע־שטאַב.

איך בין געגאן אנקעגן.

כ׳האב פארלאָזט מיין געלעגער אין פאלעץ באם גראף מילאָראַדאָוויטש, ווו כ׳בין צו זיך געקומען נאכן טיף; אויסגעאָטעמט איבערן פאַרק מיין שלעכטע שטימונג; געזונגען און באזונגען דעם הארבסט. די מאשיניסטן פון שטאב איז מיר געווען א נאענטער מענטש. אירע גרינע אויגן, ווי פליגל, גרויסע ברעמען האבן געקענט ארייננקוקן אין גרונט פון יעדנס הארץ. און וואס דער שטאב וואלט ניט געטאן, וויפל ארבעט סע וואלט

ניט פֿאַרגעשטאַנען, אומעטום און שטענדיק איז די מאַשיניסטן פֿון שאַבאַט געזעסן בא דער מאַשין און אַקשאַנעסדיק אויסגעקלאַפּט בלויע אויסיעס.

— נו, נו, — האָט זי מיך אָנגענומען בא דער האַנט, און אַ טאָק איז איבער מיר דורך, — הער אויף זינגען. דײַן צוקונפֿטיקע פֿרוי בעט זײַן שטיל.

מיר האָבן ווײַטער געטראַטן אַף די בלעטער.

„מײַן צוקונפֿטיקע פֿרוי וועט ערשט דעמאָלט ווערן מײַנע, ווען מיר וועלן פֿאַרענדיקן די מילכאָמע מיט דעניקינען" — האָב איך געטראַכט. און ביז דעמאָלט — קיין שום פֿאָדערונגען. אַזאַ טנאַי.

איך געדענק נאָך אַדאַיעם דעם אײנציקן קוש, מיט וועלכן זי האָט אונטערגעשריבן איר העסקעם. זי האָט זיך אויסגעריסן פֿון מײַנע הענט אַ רויטע, און די נאָזלעכער פֿון איר אָדלער - נאָז האָבן געפֿלאַטערט:

— וויפֿל דוירעס זײַנען דאָ אויסגעוואַקסן! — האָט געזאָגט דאָס מיידל, — וויפֿל האָט אַט דער אַלטער פּאַרק איבערגעלעבט מענטשן! דער קייסער פּיאָטער דער ערשטער האָט פֿאַרפּײַניקט דעם לעצטן פּאָלובאָטאָק — דעם געקרוינטן העטמאַן, און די מאַיאָנטקעס האָט דערנאָך דערהאַלטן מילאָ-ראַדאָוויטש.

כ׳האָב זיך ניט צוגעהערט. מיר איז געווען אָנגענעמען גײַן לעבן מײַנער. וואָס גײט מיך אָן דער טויטער דאָר, די פּוילע צײַט? כ׳האָב געלעבט מיטן הײַנטיקן טאָג. מײַנע אורעלטערן האָב איך געקענט אויסציילן אַף די פֿינגער — אײנשליסנדיק שוין אויך מײַן זיידן. אַזוי האָבן מיר זיך געשמועסט.

— כאַפּ! — האָט זי פֿאַרענדיקט, ווען דער פֿאַלעץ איז שוין געווען נאָענט. זי האָט אויסגעצויגן אַ פּאַטשיילע. פֿון דער פּאַטשיילע איז אַף דער סטעזשקע געפֿאַלן אַ פּאַפּיר. מיר האָבן זיך געזעגנט. איר האַנט איז געווען קאַלט.

ווי אַ גאַנעוו האָב איך זיך געגאַנוועט צוריק. אויסערלעך — האָב איך רויִק געאָטעמט די לופֿט, נאָר אינעווייניק — געבערענט. כ׳האָב גענומען דעם פּאַפּיר. ס׳איז נאָך געווען גאַנץ ליכטיק און כ׳האָב איבערגעלייענט צוויי ווערטער, געדרוקט אַף אַ מאַשין. דאָרט איז געשטאַנען: אָקסאַנע פּאָלובאָטאָק.

II.

כ׳בין געגאַנגען אין דער שטאָט ס. דורכן פֿראָנט האָבן מיך באַגלייט אונדזעריקע. סע געווען בײַנאַשמאָשעס - צײַט. דער כוינע האָט געמיטאָגט אין די נאָענטסטע דערפֿער.

די דעניקינצעס האבן זיך אומופהערלעך געקייקלט מיט די ארמייען צו דאָרעם. די שיינע פאזיציעס בא דער שטאט ס. זיינען פאר זיי געווען נאָר אַן אָפּרו־אָרט.

כ׳בין געגאן ניט באהאלטנדיק זיך: מיין נאָמען — מאַרטשענקאָ סטעפּאַן — „אַ פויער פון דארף קאָראָלעווקע״. שוין צוויי מאל האט מען דורכגעקוקט מיין בלויען שטעמפּל, נאר קיינעם איז נאך ניט איינגעפאלן מיך כוישעד צו זיין.

אין דער פאָרשטאָט בין איך פריי געגאן מיט דער גאס.

— שטיי, — האט באשלאסן דער פאטרול אפן ראָג, — ווער ביסטו?

— א פויער, — האב איך געענטפערט און ארויסגעשלעפט דעם דאָקומענט, — איך גיי קויפן ברויט, כאוו...

כ׳האב ניט אויסגערעדט דאס גאנצע ווארט „כאווער״, נאר די ערשטע זילב איז שוין אויך געווען געגוג. דער קאזאק האט מעשוגענערווייז אויסגעשריגן און א הויב געטאן דעם נאגאן. דאס בלוט האט אין מיר אופגעקאָכט. כ׳בין אפגעשפרונגען און זיך געכאפט פארן באהאלטענעם בראַונינג.

כ׳געדענק, ווי כ׳בין דערנאך געלאָפן מיט דער גאס און געשאסן אין דעם קאָזאַקס פערד — אף די טראטוארן. מענטשן האבן געשלאסן פאר מיר די טויערן. כ׳געדענק, ווי עפּעס האט מען מיך אונטער די פיס געווארפן און א גאנצע כאָפּטע איז אנגעפאלן אף מיר. איינער א קלאפּ האט מיך אף א שטיקל צייט אַרויסגעריסן פון דער ווירקלעכקייט.

כ׳האב זיך אופגעכאפּט אין דער קאנטר־ראזוועדקע.

— ס׳איז אייך ניט געלונגען, פּאָליטרוק פון פינפטער ראָטע, — האט מיר געזאגט איינער א וואָנסיקער.

... 19־XI־3. היינט האט מען ווידער געפּאקט א באלשעוויסטישן שפּיאָן. בין געווען אפן פארהער. כ׳מוז זיך מוידע זיין, אז ער האט זיך געהאלטן גוט — דאס יינגל. מיר האבן זיך גארניט דערוווסט פון אים. כ׳האב זיך אפילע שטארק פארכידעשט, ווען ער האט פון אייניקע ווערטער אויסגעשריגן „אוי!״ סע געווען דאן, ווען דער ראָטמיסטער האט אים געזאגט: „כ׳וועל פון אייך ניט פאַרלייקענען, אז וועגן אייער אנקומען האבן מיר געוווסט, טייערער כאווער פּאָליטרוק. מיר ווייסן אויך, אז איר ווארפט אריבער אייער דיוויזיע פון אונדזער אוטשאַסטעק. אונדזער אגענט ארבעט גוט. „ווער איז ער?!״ — האט א געשריי געטאן דער אויסוווּרף. „אָקסאַנע פּאלובאָטאָק״ — האט געענטפערט דער ראטמיסטער.

צעשאָסן האבן מיר אים, און נאך 20 מיט אים, מיט חאנטגראַנאטן. סע געווען שטארק אינטערעסאנט. כ'האב היינט אפילו קיין קאַקאָין ניט איינגענומען. כ'וויל פארשרייבן דעם צופאל, אַדאַנק וועלכן דער מעכטיקער גאט, אין וועלכן איך גלויב, האט מיך געראטעוועט פון טויט.

מיר האבן זיי אלע אויסגעשטעלט אין ווינקל פון שטיינערנעם פּאַרקן. דער פּאָרוטשיק סטימין האט געגומען אין דער האנט די גראַנאַטע, נאָוויצקיס סיסטעם, ארייגעשטעלט א קאַפּסול און אפגעפירט דאָס זיכערונג־צינגל. דעמאלט איז דער באלשעוויסטישער אויסוואורף אַרויס פונדערמיט ריי, געשטעלט זיך פּאָרויס, געקוקט אַף אונדז גרויזאַם. אונדז איז שטארק געפעלן געווארן. כאָטש א באלשעוויק, נאר פונדעסטוועגן א העלד! וויל שטארבן דער ערשטער,— האב איך א טראכט געטאן, און אלע מיט מיר.

נאָר ווי צו אונדז,— ער האט אונדז אָפּגענארט.

ווען די גראנאטע איז געפאַלן בא זיינע פיס, האט ער זיך גיך אנגעבויגן און זי א שלײַדער געטאן אף אונדז. איך קען שווערן, אז כ'האב געזען איבער זיך די שווערד פון מאלעכאַמאָוועס. דעם פּאָרוטשיק סטימין האט עס דערהארגעט, דריי פארוווּנדעט, און דער רויצייער, דער באלשעוויסטישער קאמיסאר, איז ארויף אפן פארקן און אנטלאפן.

אלע איבעריקע האבן מיר געבונדן און צעהאקט מיט די שווערדן.

כ'בין געגאן אין איינע וועש— פארן צעשיסן האט מען מיך אויסגעטאן. כ'האב ניט געקענט בלייבן אין שטאט אף קיין רעגע— מע וואלט מיך געפּאַקט, און דער געדאנק, אז דארט זיצט בא אונדז א פּאַרעטער,— האט מיך געברענט.

אין עק שטאט איז א מעכײַע. די קאָזאַקן האבן צעקלאפּט א בראנפןזאוואד און ארויסגעלאזט אין די געפרוירענע ריוטשקעס דעם ספּירט און בראָנפן. אַלע זיינען געליגן אף די בײַכער און געטרונקען. קיין שײַן איז ניט געווען — א טונקלע נאכט.

כ'האב זיך צוגעמאָסטעט צווישן צוויי שיקערע און צוגעלייגט דאס מויל צום ריוטשיק. דאס איז געווען א ליכטיקע רעגע אין מיין לעבן. כ'בין געליגן אויסגעטאן אַפן נאַסן שניי און געטרונקען אַלקאָהאָל. כ'האב געדענקט: מע מוז זיך דערקלויבן צו די אונדזעריקע. וואס סע זאל ניט קאָסטן. אַלע איבעריקע געשעענישן זיינען ניט פארבליבן אין מויעך. אַמאל, ווי דורך א כאלעם, זע איך שטיקלעך.

... מיין שאָכן טרינקט פונעם היטל און זיין שינעל ליגט לעבן אים. איך ווער דער באַלעבאָס איבערן שינעל.

... אַ שניי. ביז דער ברוסט אַ שניי. וווהין מע זאָל זיך ניט קערעוועז איז שניי.

... איך פאַל אין וואַסער. די הענט ווערן צוגעפרוירן צום אָנטאָן.

... אין קאָפּ איז: „דערקלייבן זיך", „אַ פאַרעטער".

געפונען האָבן מיך אָפן וועג אונדזערע רייטער, אַוועקגעפירט אין יענער ריכטונג, וווהין ס'איז געווען אויסגעצויגן מיין קערפּער.

ווייל כ'בין געקראָכן און געקראָכן.

III

די טירן זיינען געווען געווייגלעכע, דעמבענע, און איבער זיי — אַ איקאָנע. דורך דער טיר איז מען אַריינגעגאַנגען אין סקלעפּ פון די פּאָלובאָטקעס. די מאַשיניסטן פון שטאַב איז צוריק מיט פינף מינוט אַרויס פונדאָרט.

אַ שוואַכע גרויע שיין האָט מיך דאָרט באַגעגנט. אין דער נאָז האָט אַ שלאָג געטאָן אַ רייעך פון אַלטער צעפוילטקייט. כ'בין געווען צווישן טרונעס צעבראָכענע, צעקלאַפּטע, צעעפנטע. כאַאָס און פאַרלאָזטקייט, מענטשנשאַרבנס, ביינער, פאַרצוויטעטע בגאָדים, צעפּרעסענע פון צייט — פון הונדערטער יאָרן. כ'האָב באַקוקט די ווינקלען מיט אַן אָנגעצונדן ליכט.

אין איין טרונע איז געלעגן אַ ראָבראָן פון אַלטן זייד, אַ ווייסער שאַרבן און האָר אויף אים. אויף אַ גרויסער מעשענער איקאָנע האָב איך איבערגעלייענט די לעבנסבאַשרייבונג פון אָקסאַנע פּאָלובאָטאָק — אַ מיידל פון 18 יאָר.

די ביינער האָבן געוווּסט, וואָס כ'האָב זיך געוואָלט דערשלאָגן. אָבער זיי האָבן געהאַלטן בעסאָד. כ'האָב איבערגעקוקט די טרונע, שיר ניט אָנגעצונדן זיך פונעם ליכטל. אַ קוק געטאָן אויפן שאַרבן — ער האָט געכויזעקט מיט שטילן געלעכטער אין די ווייסע ציין. דעמאָלט האָב איך דעם געלעכטער ניט אויסגעהאַלטן — אַ זעץ געטאָן מיטן פוס אין שאַרבן.

ער האָט אַ כרושטשע געטאָן און אויף אַ זייט זיך איבערגעקערט, אַ פּאַפּיר האָט אויפגעשיינט, כ'האָב איבערגעלייענט:

„דעם ראָטמיסטער מישין"...

צום סאָף:

... „די דיוויזיע האט מען אײנגאַנצן אַראָפּגענומען. איבערגעלאָזט נאָר דעם 7־טן פּאָלק. קיין געפאַר איז ניטא, שיקט אינסטרוקציעס. אָקסאַנע פּאָלובאָטאַק".

דאס איז עס! — האט מיר א קלונג געטאָן אין קאָפּ.

כ'האב פאַרקוועטשט די ציין און געזאָגט:

— כ'וועל דיך צעשיסן מיט מיין אייגענער האַנט, סוואָלאָטש!

טרוקן איז געווען מיין שטים צווישן דעם טויטן אַרום.

— קיין איין ריר ניט! — האט מיר געזאָגט יענע, וועגן וועלכער כ'האב געטראַכט.

אין סקלעפּ איז געווען נאך אן אַנדער טיר. זי איז אַריין דורך איר צום בלייכן שיין פון מיין ליכטל און געהאַלטן דעם נאַגאַן. כ'בין אופגעשטאַנען, און דער כיילעוו פונעם ליכט האט זיך געגאָסן אף מיין האַנט.

— נו, פריינט מיינער, — האט געזאָגט די שטאַב־מאַשיניסטקע, — ס'האָט דיר אפּגעגליקט ניט דערפילן דעם פיין פון מיין ראָטמיסטערס שטריקל — כ'וועל דיר באַלד געבן דעם פריילעכן, וויטיקלאָזן טויט פון א סאָלדאַט.

זי האט נערוועז באַוויזן אירע ווייסע ציין, דעם נאַגאַן האט זי אופגעהויבן און געטאַפּט אן אָרט אף מיר אים אָנצושטעלן.

— צוויי ווערטער, — האב איך געפרעגט, — דו האסט מיך ליב?

זי איז געוואָרן בלאַס.

— כ'שיק דיך באַלד אין הימלשן שטאַב אַריין.

— און צוליב וועלכע סיבעס האסטו אויסגעוויילט דעם סקלעפּ? — האב איך זיך פאַרינטערעסירט, קעדיי אפּצייען דעם סאָף.

— ראָמאַנטיק, מיין טייערער. די שפּיקן זיינען שטענדיק ראָמאַנטיקער און קלייבן אויס אַלץ לויט זייער געשמאַק.

— נאַרישקייטן... או! — האב איך זיך צוגעקוקט צום ווינקל, — וואס איז דאָרט??!

זי האָט אף א רגע אפּגעווענדט דעם בליק.

דעמאָלט האב איך איר א וואָרף געטאָן אין פּאַנים דעם הייסן כיילעוו — מיטאַמאָל איז פינצטער געוואָרן. זי האט עפּעס געשריגן און געזעצט מיט קוילן אין דער וואַנט. כ'בין געפאַלן אף דער קאַלטער טרונע און געליגן. מיין סוינע האט אופגעהערט שיסן און כ'האב דערהערט, ווי די טיר האט זיך פאַרמאַכט. כ'האב זיך געלאָזט נאך איר.

אָנגעטאפּט מיט די הענט נאר ווענט. די טיר האט זיך פון אינעווייניק ניט געעפנט. כ'האב קוים באוויזן אפּצוזוכן מיין ארויסגאנג, ווייל ס'סע שוין טאקע צייט געווען.

עפּעס איז אריינגעפלויגן דורכן לופט־לאָך,— מיט איין ריר בין איך ארויסגעשפּרונגען און אנידערגעפאלן בא דער טיר.

פונאַנהויב האט עס מיך ווי א טרייסל געגעבן, דערנאך האט א וואַקל געטאן דאס קלויסטערל איבערן סקלעפּ, און א מעשוגענער זעץ האט מיר א קלאַפּ געטאן אין אויער. דער קלאַנג איז געווען א ברייטער, ווי די נאכט. ער האט ניט געהאט דעם ווייכן קלאַנג פון א „דרײַדיומאָווקע"— ער האט דערמאנט דאס סקריפּען פון א זעג איבער א שארבן.

— דנגנג! — האב איך דערהערט.

אופגעשטאנען ווי שיקער, ספּאַטיקעט זיך באנאכט איבער שטרויכן ביז צום שטאב.

אינדערפרי האט מען אין פּאַרק אפן וועג געפונען א מיידלשן צאָפּ.

IV

— כאווײרים,— האט געזאגט דער נאַטשדיוו,— מיר האבן אויסגעהערט די אינפאָרמאציע פונעם פּאָליטאָנפּירער פון דער 5־טער ראָטע. די שטאב־מאשיניסטן האט מען ניט געפונען, מארגן איז דער רויטער אקטיאבער־טאג; ווער וויל זיך ארויסזאגן?

— יאָנטעוון דעם אקטיאבער אין דער שטאט ס...

— כאווײרים,— האט ווידער געזאגט דער נאַטשדיוו,— הייסט עס, מוזן מיר די שטאט ס. שענקען דעם אקטיאבער. מארגן האלטן מיר יאָנטעוו אין דער שטאט ס.

— רעכט!

— דער פּלאן איז אזא: היינט איז אין שטאט ס. אַן אפיצירישער באַל. היינט באנאכט דארפן 30 מענטשן פארכאפּן די שטאט ס., ארעס־טירן די אפיצירן און האלטן זיי ביז פארטאג. פארטאג וועט באווייזן אנצוקומען די גאנצע דיוויזיע. דעריקער — פארכאפּן אין די הענט דעם באַל.

... „דאס וועט זיין דער לעצטער און אנטשיידענער קאמף!" — האבן מיר זיך צוגעווינטשעוועט און זיך צעגאַן אויסצופּילן דעם פּלאן.

דער ווינט האט געבלאזן איבערן סטעפּ. שניי איז געלעגן אף פעלדער און סטערנעס. קאלטער ווינטער האט געשטאכן אין נאז. דרײַסיק ווײַסע כאלאטן זיינען אוועק איבער בלויע סטעזשקעס.

... אָט אָ דאָ, צו זייערע טריט קומען צו נאָך אייניקע, ענלעכע צו אַ פוקס אדער א ווילדן הונט. אבער מע שפירט עס נאר. כּײַעס האבן ניט ליב קיין טריט, וואס שמעקן מיט געווער. אָט זעסטו. — ער האט פאַרקע־רעוועט אין א זייט און זיך געלאָזט דורך די שניי־בערג.

עפשער טוען דיר ווי די פיס? עפשער זינגט דער ווינט צו שאַרף? עפשער זעט זיך פאַר ערגעץ א געפאר? — שפּײַ אף אלץ!

אָט זײַנען זיי אוועק אין א קייט. ווילדע יאַטן! זעען אויס ווי בושעלן.

און דא — איז דער פּאַטרול געפאָרן, צעקלאַפּט מיט טלאָען דעם שניי. די פאַטרולן האט מען פארכאַפּט לעבעדיקערהייט, ניט צעשאסן. דאס ליגן זיי פאר דיר — דרײַ קינדער פון סטעפּישן דאָן. דער שטילער דאָן־איוואנאוויטש וועט זיי מער ניט זען. זיי זײַנען טויט. מע האט זיי צעהאקט מיט דער שווערד, און דעריבער איז דא אזוי פיל בלוט. וואס דען האט מען געזאלט? — נאכשלעפּן זיי נאָך זיך?

אט איז די פארשטאָט. דאָ — זעסטו — איז מען זיך צונויפגעקומען, זיך באַראָטן, און זייערע טריט האבן איינגעשלונגען די צעטראָטענע גאסן.

הענט האבן געשטימט. סע געווען א דרינגענדע זיצונג פונעם רעוו־קאָם, דער פאָרשטייער פון N־ער דיוויזיע האט געמאכט א באריכט.

— צעגיבן דער גאנצער באַפעלקערונג דאס געווער, — האט צוגעגעבן דער אנארכיסט אליאָשע.

— אט א נאַר, זאלסט מיר מויכל זיין פאַרן וואָרט, — האט געזאגט דער אלטער מוליער, — צוליב וואס אלעמען געווער? געווער וועט האבן נאר אונדזער טייל.

פאר א זאַל דינט דעם באלעבאס שטאַל מיט היי. דאס ליכט איז פאר־שטעלט געווען פון אלע זייטן.

V

„א פארטיע פון 30 מענטשן מיט דער הילף פון רעווקאָם, — האט גע־שריבן דער נאַטשדיוו, — האט ארומגערינגלט דאס הויז, ווו דער באַל איז פארגעקומען. די פאטרולן האט מען אראפּגענומען אָן שיסערײַ, אוועק־געשטעלט אונדזערע. און פינף מענטשן זײַנען אריין אינעווייניק“.

דער שניי פון די שטיוול איז צעגאנגען אַפן פּאַרקעט. סע געווען א פײַנלעכע שטילקייט. אלע די, וואס האבן נאך פינף מינוט צוריק זיך

געפרייט,— זיינען געשטאנען אינמיטן זאַל, בלאַסע, מיט הענט אופגע־הויבן צו דער סטעליע. די נאגאנעס זיינען בא אונדז געווען האלב־אנגעשטעלט. ס׳האט מיט מיר געטרייסלט. דער פיבער האט אנגעצויגן די נערוון. אָ, שלאנגען!..

— פריער פאר אלץ — רויִק זיין! — האָט קלינגענדיק געזאגט אונדזער קאמאנדיר. — אלע מיליטער־לייט גייט ארויס אײנציקווייז דורך יענער טיר. די ציווילע, — שטעלט זיך אלע אין יענעם ווינקל. פרויען, — גייט אין יענעם צימער. ווער סע מאכט א איבעריקע באוועגונג — באקומט א קויל אין קאפּ! צו די פענצטער ניט צוגיין!

ווייטער האט ער זיך שוין ניט געקענט איינהאלטן.

— ארייַנגעפאקט! דרייַ מאל אין אייער גאָטס מוטער ארייַן!!!

כ׳האב איבערגעקוקט אלע פרויען. דא האט ערגעץ געמוזט זיין א גע־שוירן מיידל — די שטאב־מאשיניסטן. דערשראקענע בליקן האבן זיך געבעטן בא מיר, אייניקע האבן געציטערט כאלאַשעסדיק, כ׳בין געגאַן צווישן זיי און זיך צוגעקוקט צו זייערע אויגן. כ׳האב זיך די ליפּן גע־ביסן, סע ניט געווען קיינער אפילע ענלעך צו איר.

כ׳בין ארייַן אין זאַל.

איבער דער שוועל פון דער אנדערער זייט זיינען געגאַן צוויי אונ־דזעריקע און געהאלטן אונטער די נאגאנעס א געשוירענעם קאָפּ. דאס איז געווען יענץ שלאנק מיידל, דעם קאפּ איינגאנצן אראפּגעלאזט אף דער ברוסט.

— פירט ארויס אט דאס מיעסקייט א לעבעדיקע. זאגט, אז מע זאל זי ניט צעשיסן.

עפּעס האט מיר א ריס געטאן אין הארץ. כ׳האב זיך אַ כאפּ געטאָן, צוגעלאפן צום מיידל און אופגעהויבן מיט דער האנט דעם קאָפּ. אַף מיר האט א בליק געטאן מיין צוקונפטיקע פרוי.

„... אין אפּטריט, — האט געשריבן דער נאַטשדיוו, — האט מען געפונען א דעניקינישן שפּיק, וועלכער האט געדינט אין אונדזער דיוויזיע אַלס א שטאב־מאשיניסטן. מע האט זי געפירט אין הויף ארייַן מיט א באפעל זי ניט צעשיסן, נאר זי האט זיך אויסגעריסן פון די הענט, ווי א מע־שוגענע, און מע האט ניט געקענט איינהאלטן די שווערד...״

. . . .

ביז אינדערפרי איז אין שטאט געווען שוין אקטיאבער.

באם ארבפאקאווען אפן טיש שטייט אן אַש־בעכער. מיט זיין אויסזען דערמאנט ער א מויערקעפל. יעדער טאָג פון אקטיאבער־זיכרוינעס לייגט צו נאך א יאר צו זיין געשיכטע.

דער קלאנג האט זיך מער ניט געהערט. ער איז געשטאנען אביסל אינדערלופט ווי א מיראַזש.



מיכאַילאָ איוואַשטשענקאָ

געבוירן אין יאָר 1890 אין פּרילוקער קרייז. זיינע עלטערן — ערדאַרבעטער — קאָזאַקן.

באַזונדערע אויסגאַבן:

גאָוועלן: „פּרילינג - רוישן“, 1919, פאַרלאַג „סיוואָ“, קיעוו.

דערציילונג — „סטעפּן האבן געברענט“. 1923, פאַרלאַג „שליאַך אָסוויטע“.

א ביכל דערציילונגען:

„מיט זאמדיקן טייך“, 1926. מעלוכע - פאַרלאַג פון אוקראַינע, דערציילונג;

„מיט צעררייטן שליאַך“, 1927, שרייבער - פאַרלאַג „מאַסאַ“. קיעוו.

מ. איוושענקאָ

קאַיאָר

אף אירע ליפּן זיינען געליגן סימאַנים־פּאַסיקלעך פון נויט, נאר פון אירע אויגן האט געשפּאַרט א וואַרעמע שײַנענדיקע וועלט פון פאַרבאָרגענעם געלעכטער. די פּרוי האט זיך היינט אַפּדערעמעסן געפּרייט מיט יעדער שטויבעלע, וואס זי האט געטראָפן אפן וועג.

זי האט געטראַגן אף דער פּלייצע א גרויסע טאָרבע מיט טוווע: אין דער האַנט האט זי געהאַלטן אַן עמער מיט קאַרטאָפּליעס, אונטער דער פּאַכווע — א סנאָפּ קאַנאַפּליעס און נאך עפּעס א זשמעניע שמאַטקעס.

די פּיס זיינען געגאַן אין קאַלטער ראָסע, דעם קערפּער האט דורכגענומען א ניט־אַנגענעמענער פײַכטער פראָסט. ס׳האט איר ווייניק וואס אויסגעמאַכט.

שווער איז נאר געווען דער וועג מיט דער לעוואַדע, ווייל די סטעזשקע האט זיך געהויבן ארויף־א באַרג, די קוסטעס האבן פון ביידע זייטן געדראָפּעט, די פּיס האבן זיך געגליטשט איבער דער אויסגעטאָפּטשעטער פאַראָסטעטער ערד.

אבער פון אונטן האט זיך געצויגן דער נעפּל, פּאַוואָלי און פּוילבלעך, און צוזאמען מיט אים האט זיך געהויבן באַרג־ארויף אַן אָנגעפּויעטער געזאַנג פון א מאַכנע סאָלאָווייקעס, און אנקעגן, פון ערגעץ ווײַט, האט אים געקאַפּעט די שטילקייט גלייך אין די אויגן אריין.

מאָקרינע האט זיך שוין עטלעכע מאל אפּגעשטעלט דרוען הינטערן באַרג. זי האט שוין אלציינס אנגענומען א פולע ברוסט מיט געזאַנג פון פויגל, מיט סיוון בלאַט, מיט ווײַטע שטערן־בלומען פונעם סינאָזשאַט.

אירע אויגן האבן געשײַנט, ווי שטיקלעך דימענטן, און די זונשטראַלן האבן געברענט דאַרטן, ווי מיט געלבלעכן פייער.

דאס האַרץ האט זיך אנגעפּילט מיט געלעכטער, האט זי אבער ניט געוווּסט צו וועמען קאָן מען דא לאַכן.

ווי זי וואָלט צום ערשטן געזעען דידאַזיקע לעוואַדע, און אַף איר פּנים איז פאַרשטילט געוואָרן א געלעכטער, וואָס האָט זיך געהויבן פון די ברוסטן.

ווען זי איז אַרופגעגאַנגען אַפן באַרג — האָט איר אין די אויגן א שפּריץ געטאָן די זון.

דאָס פעלד האָט זיך געדרייט פון שטראַלן און ראָסע. ערגעץ אַפן האָריזאָנט איז נאָך געהאַנגען א פאַסמע סיווער נעפּל, אַרומגעהילט מיט רויך פון די יישוווים.

פון הינטערן דעמבעבנעם וועלדל האָט מען אַרויסגעיאָגט די טשערדע. דער פּאַסטעך — א קליין יינגל — האָט נאָכגעיאָגט א ביקל און שטאַרק הויך געשריגן, אַז ס'האָט אָפּגעהילכט אין די קוסטעס.

מאַקרינען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי זעט דאָסדאָזיקע פעלד צום ערשטן מאָל און מיטאַמאָל זיך דערמאָנט, אַז אַמאָל, אַמאָל איז זי אָ דאָ געווען. און דאָס יינגל האָט, דאַכט זיך, דעמאָלט אויך אַזוי הויך געשריגן אַף די בעהיימעס. ס'האָט איר שטאַרק פאַרקלעמט פאַרן האַרצן.

מיטאַמאָל איז איר געוואָרן אומעטיק, נאָר באַלד האָט זי פאַרטריבן דעם אומעט.

— א גוט מאָרגן, איוואַן — האָט זי זיך געגריסט מיטן יינגל.

— א גוטער! — האָט ער גלייכגילטיק געענטפערט.

— וועמענס בעהיימעס פּאַסעסטו?

— דעם פּעטער טראָכימס!

— אַזוי פרי גייסטו אַרויס מיט דער טשערדע?

אָבער דאָס יינגל האָט נישט געענטפערט. ער איז טיפער אַריינגעגאַנגען אין וועלדל אַריין, שעלטנדיק אַף א קאָל די בעהיימעס. גיך האָט ער זיך צעזונגען און מאַקרינען האָט זיך געדאַכט, אַז מיט אים אינאיינעם זינגען די פעלדער, די ערד, דאָס וועלדל. מאַקרינע איז איילנדיק דורכגעגאַנגען דאָס פעלד און זיך אָפּגעשטעלט באַם יאַר.

פון הינטן האָט שוין עמעצער פויל און טויב געהאַקט מיט דער האַק.

דער זיידע קירילע, מיסטרעוועט שוין... אַזוי פרי, ווי א פויגל.

זי איז צוגעגאַנגען נעענטער צו דער שטוב און זיך געוויטעט.

— גאָט העלף, זיידע!

— דו ביסט שוין דאָ, טאָכטער?.. העלף דיר גאָט, העלף!..

— איר מיסטרעוועט שוין, זיידע? — אַזוי פרי! מיט די פויגל שטייט איר אויף?

— אוואדע, טאכטערל! א נעסטל בוי איך דיר, זאלסט פריילעך לעבן, מיט גליק, טאכטערל, מיט גליק!

— א דאנק, זיידע!

— און דו, טאכטערל, אויך, ווי א קוואַטשקע, זארגסט זיך, באַלע־באטעוועסט, נעסט זיך! א מעכייַע צו קוקן אף דיר.

— עהע־זש — כ׳האב אייך איבערבייַסן געבראכט צו טראגן. אט באלד שטעל איך זיך קאָכן.

— נו, גיי שטעל זיך קאָכן! ס׳ווילט זיך מיר שוין גוט עסן!

— און ווו איז יאַקים, זיידע?

— ווער ווייסט? ער איז נאַרוואס אוועקגעגאנגען. ווי א מוילוואָר־פער איז ער: גראבט זיך שטענדיק, קאלופּעט זיך. מ׳דאַרף הארעווען, קינדער, ווייל ערד האבן מיר באקומען גוטע. די סאוועטסקע וולאַסט האט אונדז געגעבן דאפקע גוטע ערד! טאקע אפדערעמעסן גוטע!

— עי, זיידע! אוי, גוטע ערד — א גאניידן מאמעש! קיינעם פון אונדז האט זיך ניט געכאָלעמט אפילע אזא ערד.

— אסאך טאקע זיינען מעקאַנע!

דער זיידע קירילע האט גענומען די האק אין האנט, פארצויגן די ליולקע און גענומען טעסען א קלעצל.

— מ׳בורטשעט, וואס מ׳גיט דער האָלאָטע ערד, די ארעמע, און ווו־הין, זייַ זשע מויכל, ווען זיך אהינטאן די קאַפּצאנים, גיי פרעג בא זיי, הא?

מאָקרינע האט גאוניט ניט געענטפערט, אפּגעגאנגען אין א זייַט, זיך אוועקגעזעצט אף דער ערד און גענומען שיילן קארטאפל פארן איבער־בייַס.

באלד זיינען פונעם דאָרף צוגעקומען נאך צוויי ארבעטורער.

זיי האבן זיך איבערגעטאן, פארויכערט און זיך געשטעלט צו דער ארבעט.

דער וואלד האט זיך אָנגעפולט מיט מונטערע קלאנגען פון טעסען, ס׳האט געשמעקט מיט פרישע שפּענער. אי־נדערנאָענט האט געפּלעמלט דאס פייַערל, און צו די מייַסטערס האט אַלעמאל דערגרייכט דער רייעך פון צוגעסמאלעטער קאשע.

מאָקרינע איז צוגעשפּרונגען צום פייַער און גענומען מישן די קאַשע. אינגיכן האט א שאָרך געטאן. פון די קוסטעס איז ארויסגעקראכן יאַקים מיט א לאנג דרענגל אָסיקע.

מאָקרינע האט דערשראקן אופגעהויבן דעם קאָפּ:

— וואס איז עפּעס?

— אַ, ס׳איז דו? זעסט, וואס פאר א גוטע לאַטע כ׳האב געבראכט צו שלעפּן! כו!

יאַקים האט זיך צוגעזעצט און שלאבעריק גענומען דרייען א ציגאר טוטין.

דאס רויטלעכע פּאנים זיינס האט געאָטעמט מיט מידקייט און איינ־צייטיק מיט רויִקייט. פון אונטער די העלע וואָנסן האט ארויסגעקוקט א שטילער שמייכל.

— וואס זאגסטו אפּן אלטן, ווי ער ארבעט? א פארגעניגן צו קוקן! ניט אזוי?

— ע, ס׳איז שוין איינמאל אַן אלטיטשקער, א וויכטיקער!

— ס׳איז אים שווער פונדעסטוועגן, שוין ניט די יאָרן. אט אזוי הארוועט מען, הארוועט מען, און, אין איין שיינעם פרימארגן: א גוטן — און ניטא מער! דער רועך ווייסט וואס ס׳איז פאר א לעבן אזא!

— גענוג שוין מיט דער צונג מאלויצען! זאג, וואס טוט מען בעסער מיט דער בעהיימע?

— וואס איז?

— פאַרכאָם גיט ניט!

— וואס הייסט ער גיט ניט?

— אזוי און שוין: ס׳איז פּאַלאַשקעס, זאגט ער. ווי אזוי ארומער איז עס פּאַלאַשקעס, אז די מאמע האט עס אונדז אפּגעזאגט. און ער וויל אפילע ניט הערן: ווער, זאגט ער, איז געווען דערביי, ווען די מאמע האט עס געזאגט?

— ס׳וועט אים גארניט ניט העלפן. כ׳וועל די טעלעצע צונעמען, און האָדי!

— ער וועט דיר דעם קאָפּ אַראפּנעמען, אז דו וועסט בא אים די טעלעצע צונעמען, ער האט זיך געשווירן.

— זאל ער פּרוּוון.

יאַקים האט אין קאעס אויסגעשפּיגן און אוועקגעשלעפּט ווייטער די לאַטע.

די קאַשע האט געזאָטן און געבולקעט.

די מייַסטערס האבן איבערגעביסן, ווידער פּארויכערט, דער אלטער קירילע האט געסמאָקעט די ליולקע און איינקוקנדיק זיך אין געדיכטעניש, האט ער מיטן מוטנעם בליק א מאך געטאן:

אַמאָל פלעג דא דעמידאָווסקי ארויספארן אף געיעג. אוי, פלעג זיך דא טאן הינט, מאמעניו, און מענטשן! יעדער אָסיען אזוי פלעגן זיי ארויספארן, זיך אָנטישן, שרײַען! אָך, א פריילעך לעבן האבן זיי גע־האט, כאפט זיי דער וואַטנמאכער!

— ווו זיינען זיי איצטער, זיידע?

— כע, איצטער זיינען זיי ערגעץ אין כראנקרייך. איצטער איז זיי, אַמבאַ, כעוורע! איצטער בויעט טראַכים דאָ אַ כאַטע; נאך טראַכימען — פאַנעץ, סטעפאן, לוקאַ, קינדראַט. א שיין ביסל שלעק האבן זיך אנגע־קליבן!

— כ־הי, הי, הי! אונדזערע זיגן. האַ, זיידע?

— זיידעניו, און וואס וועט זיין, אויב די פריצים וועלן זיך אומ־קערן?

— כע, די פריצים, זיי וועלן זיך קיינמאל ניט אומקערן. זייערס וועט שוין קיינמאל זיך ניט אומקערן. און וואס פאר א מאָך וועלן זיי האבן, אז מענטשן האבן שוין באזעצט זייער ערד?

די ארבעטורער האבן נאך אביסל גערעדט און ווידער זיך גענומען פאר דער ארבעט.

די העק האבן מוטיק געקלאפט. איינער פון די ארבעטורער האט פאר־צויגן א לידל. אַלעמאל פלעג ער זי איבערייסן און שרײַען צו מאַקרינען:

— אַך, ווייבעלע! אזא יאָר אף מיר, שווארצכיינעוודיקע!

אבער מאַקרינע האט אים ניט געענטפערט. ערגעץ אין טיפן הארץ בא איר האט געסנאָוועט א זילבערנער פאָדעם און זי האט אים ניט גע־וואלט איבערייסן.

יאַקים איז ווידער אוועקגעגאנגען אין וואלד אריין נאך נײַע לאטעס.

באטאָג צו האט מאַטריע געבראכט פון דאָרף מיטאג, וואס זי האט אים נאך גאנצפרי אָפגעקאָכט.

— דארטן, ער, פאַרכאָם, האט מיך באגעגנט. ער האט אנגעזאגט, אז אפן דאָרף זאל מען זיך ניט פרווון ווייזן! אז ער וועט די פיס איבער־האקן!

— א מענטש פארגינט ניט! וואס דען?

— פארשטייט זיך, אז דאס גאנצע לעבן זיינס האט ער דורכגעלעבט אין ווילטיק. און מ׳שטיינס געזאגט, וואס האבן מיר איצטער? — קאָם זיך דערשלאגן צו אַן אייגענער כאַטע! און אזוי גרינג איז עס אונדז אנ־געקומען?

— יאָ! קיינמאָל װעלן מענטשן ניט מאכן שאָלעם צווישן זיך. אז קיין שטיקל ברויט פארגינט מען ניט איינער דעם צווייטן, — האָט שטיל באַמערקט דער אַלטער קירילע.

יאַקים איז ניט אָף קאַטאָװעס אינקאַעס געוואָרן:

— וואָס האָט ער זיך צוגעטשעפּעט צו אונדז, דער כאַזערינער? וואָס האָב איך אים פאר א שלעכטס געטאָן? כ'האָב אים בארױבעװעט, צי באַאוולט, צי וואָס? אז ער איז שוין יאָ אזעלכער — איז היינט נאָך נעם איך בא אים צו די טעלעצע, און זאָל ער טאָן וואָס ער וויל.

— אט, טאקע איבער דער טעלעצע האָט ער עס צוטאָן די גאַנצע צייט — ער קאָן זיך ניט בארויִקן.

— זעסט א פאַסקודניאַק! ס'איז אים װײניק דאָס, וואָס ער פאַרמאָגט אַליין, וויל ער נאָך מיינס צוראַבעװען! ניין, אזוינס וועט ניט זיין!

אוונט האָט די זון באַשאָטן מיט גאָלדענעם שטויב דעם וואַלד און די לופט, די שאָטנס דורכגעשטאָכן מיט גילדענע לעכעלעך. און די שטילקייט אין טאָל איז געדיכטער געוואָרן.

דעמאָלט האָט יאַקים געבראַכט צו פירן די טעלעצע און זי צוגעבונדן צו דער קאַטראַגע.

— טפּרו! אט דא וועסטו בא מיר שטיין, דא דאַרפסטו זיין.

יאַקים האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעאָטעמט און צופרידן זיך ארומגעקוקט.

דאָס קעלבל האָט פאַרוואונדערט ארומגעקוקט דאָס נייע אָרט, אָבער דערזעענדיק אינדערנאָענט די קוסטעס, דערפילנדיק דעם רייעך פון גראָז, האָט זיך עס בארויִקט און צופרידן געדרייט מיטן עק.

פאַרנאַכט האָט מאָקרינע זיך געפּאָרעט מיטן קעלבל: עס אנגעפויעט, אנגעהאָדעװעט, געקראַצט דעם האַלדז, אויסגעקעמט, גערעדט מיט דעם, ווי מיט א מענטשן.

— או, דו נארישקע! האָסט ניט געוואָלט גיין! וואָס איז דיר שלעכט דא? ע, פוילינקס! פּאַשע האָסטו איבערן קאָפּ, וואַסער האָסטו, שאָטן האָסטו! און אָף ווינטער וועלן מיר דיר שוין איינמאָל א שטאַל אויסבויען.

פון דער כאַטע האָבן זיך געטראָגן אָוונטלעכע קלאַנגען. עמעצער האָט געקלאַפּט נאָך מיט דער האַק.

אָבער גיך איז שטיל געוואָרן, עמעצער האָט געטופּעט.

די אַרבעטורער זיינען זיך צונויפגעגאַנגען. מ'האָט זיך צוגעזעצט אָף א סוקעוואַטן דעמב און גערויכערט.

יאַקים האט געוואָרפן די אַרבעט און צוגעגאַנגען צום אוילעם.

— האט איר שוין היינט די פענצטער ארויסגעטריבן ?

— ארויסגעטריבן, ארויסגעטריבן. די כאַטע וואַקסט, ווי גראַז מאַמעש.

— נו, אט. און איך האָב אייך היינט קראָקוועס אָנגעגרייט! לאַטעס אַסאך אנגעשלעפּט!

דער אַלטער קירילע האָט געסמאַקעט די ליולקע פאַרטראַכטערהייט.

— שלעפּ, באַכערל, שלעפּ. מיר וועלן שוין דיר אַזאַ כאַטע אוועק־שטעלן, אז ס׳וועט אַזש קלינגען.

— יאָ, יאַקים, א גוט מאַזל איז דיר אויסגעפאַלן! — האט א בלאָנדער אַרבעטורער באַמערקט.

— אָבער וואָס האָב איך אַזעלעכס געטאָן, וואָס מ׳פאַרגינט מיר ניט? אַלטער, וואָס האָב איך אַזוינס געטאָן, דו ווייסט דאָך!

— וואָס דו האָסט געטאָן?! אין קאָמנעזאָם ביסטו געוועזן? געוועזן! ערד האָסטו באַקומען, א כאַטע בויסטו זיך? נו, וואָס מער דאַרפסטו, אז מ׳זאָל דיר נישט פאַרגינען און אז דיינע פריינט טאַקע זאָלן זיך צו דיר טשעפּען.

— זעסטו, מיט פרעמדע קאָן מען נאָך אויסקומען, מיט פרעמדע קאָן מען דאָפּקע לעבן. דאָס, וואָס די אייגענע לאָזן דעם קאָפּ ניט אופהויבן — דאָס איז דאָס. מיט מיינעם וועל איך קיינמאָל ניט שאָלעם מאַכן. אז ער קלייבט זיך מיר האַרגענען.

— פאַר א קאַפּל גליק דאַרף מען בעטן מעכילע פּונקט ווי פאַר א שאַק אַווייַרעס, — האט זיינס געזאָגט דער אַלטער קירילע, ניט צוהערנדיק זיך צו די רייד פון די יונגע.

דער שמועס איז וואָס ווייטער געוואָרן שטילער. שטיקלעך געשפּרעכן זיינען פּאַמעלעך געפאַלן צווישן די שאָטנס פון פאַרנאַכט.

אין טייַכל האָבן געקוואַקעט די זשאַבעס, ערגעץ האט געשריגן דער דערקאַטש. און ווען ס׳איז שטיל געוואָרן, האָט זיך פונעם וועלדל געטראָגן די פריידיקע נעגינע פון די סאָלאָווייקעס.

שפּעטער האָבן די אַרבעטורער אָפּגעגעסן וועטשערע און זיינען זיך צעגאַנגען אַהיים.

דער לעצטער האָט שווערלעך געשפּאַנט דער אַלטער. אפן באַרג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, א ריב געטאָן א שוועבעלע און לאַנג פאַרויכערט די ליולקע. גיך איז זיין שאָטן אויך פאַרפאַלן געוואָרן אין טונק־לעניש.

ווײַט־ווײַט איז פאַרגאַנגען די לעצטע העלקייט אַפן מײַרעוו, און טײַקעף האָט זיך דער פּאַס וואַלד אונטערגעגאַרטלט מיט טונקלקייט.

מאַקרינע האָט אופגעראַמט לעם דער קאַטראַגע און שטיל גערעדט מיט יאַקימען:

— ווי גייט די אַרבעט, יאַקים? ווען קלערסטו וועלן זיי ענדיקן?

— אין אַ טעג צען אַרום, מיסטאָמע, ניט ווייניקער!

— וואָס דאַרפן זיי אַזוי ציען? זיי נעמען דאָך פאַר דער כאַטע אײַנגאַנצן, ניט קיין טאָג־געצאָלטס, אַבי איך האָב זיך געריימט שוין אין דאָרף פאַר די מאַלאַדיציעס, אַז זיי מעגן שוין קומען העלפן שמירן די שטוב. דער אַלטער נאַסטאַסי האָט צוגעזאָגט קומען שטעלן דעם אויוון.

יאַקים האָט זיך בײַז אַפגערוקט אַפן קלאָץ, געזוכט עפּעס אין קעשענע און גענומען דרייען אַ ציגאַר.

— ס'גלויבט זיך מיר ניט, — האָט זי ווייטער געמורמלט, — אַז אין צוויי וואָכן אַרום זאָלן מיר וווינען אין דער אייגענער שטוב.

מאַקרינע האָט זיך אויסגעגלײַכט און טיף אַפגעזיפצט. זי האָט געקוקט זשעדנע אין פינצטערניש און שטאַרק זיך פאַרטראַכט. דערנאָך האָט זי צום לעצטן מאָל אַ קוק געטאָן צו דער טעלעצע, איר אָוועקגעלייגט פריש גראָז און שטאַרקער זי צוגעבונדן צו דער קאַטראַגע.

אַף דער שוועל פון דער קאַטראַגע האָט מאַקרינע זיך אַפגעשטעלט אין צווייפלעניש, אָבער באַלד האָט זי זיך איבערגעצײלעמט און אַרײַנגעגאַנגען.

יאַקים איז שוין געשלאָפן.

זי האָט געפונען אַן אַלטע סוויטע, אײַנגעדעקט די פיס און ענגער זיך צוגעדרוקט צו יאַקימען, זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיך אײַנגעהערט, ווי ס'האָט געזשעוושעט אַן אײַנזאַמע בין.

מאַקרינע האָט געוואָלט אײַנשלאָפן און ניט געקאָנט. דעמאָלט האָט זי אָנגעהויבן צו טאַרען יאַקימען — ביזוואַנען ער האָט זיך ניט אופגעכאַפּט.

מאַקרינע האָט אים פאַרשיט מיט אַ פאַרשײַטן שטראָם גלוסטיקע ווערטער. זי האָט זיך געריסן די בּרוסטן און געדרוקט זיך צו אים, און געפילט, ווי יאַקימס וואַרעמע פיס פעסטען איר לײַב, ווי זײַנע געדיכטע האָר האָבן איר געקיצלט אײַנגאַנצן. זי האָט שטיל געלאַכט און געשטומט פון טיפער טײַווע.

און ווען זי האָט צעעפנט די אויגן, — האָט זי געזען דורכן כאַלעל פון פינצטערער בלאָוקייט פונעם הימל גרויסע אויגיקע שטערן, וואָס

האבן מיט קאַלטער רויִקייט, ווי מיט סאמעט, איר איבערגעבונדן דאס הארץ, און דאס הארץ האט געטיַיעט, ווי פרילינג־שניי. זי האט געהערט, ווי אין די קוסטעס האט געקאפעט די ראָסע, ווי אפגעמאָסטענע מינוטן פון דער נאכט.

ווען די צווייטע העגער האבן געקרייט, האט מאָקרינע דערהערט, אז עמעצער טופעט לעבן דער קאַטראַגע.

פריער האט זי געמיינט, אז דאס איז דער אַלטער קירילע שוין געקומען אף דער ארבעט. אבער ס'איז געוועז נאך צו פרי.

זי האט אנגעשפיצט די אויערן און דערהערט, אז די טריט זיינען געדיכטע און פאָרזיכטיקע.

עמעצער האט זיך געגאַנוועט צו דער קאַטראַגע.

זי האט נאך א מינוט זיך צוגעהערט.

דעמאלט האט זי אנגעהויבן וועקן יאַקימען.

— יאַקימע, דו ערסט?

— האַ, וואס?

— עמעצער פאָרעט זיך בא דער טעלעצע.

יאַקים האט זיך טייקעף א כאפ געטאן און איז ארויסגעשפרונגען צו דער קאַטראַגע.

מאָקרינע איז געליגן איינגעגיורעט אין דער ברוינער סוויטע, נאר איר געהער איז געוועז איינגאנצן פאַרנומען מיט יאַקימס טריט.

זי האט דערהערט עפעס טויבע און קריגערישע קולעס.

עמעצער האט עמעצן א כאפ געטאן.

דעמאלט האט ווידער עמעצער שווער אנגעהויבן טופען און עמעצער איז געפאלן.

ס'איז געוועז צוהערן עפעס א כראָפען און א כראָמטשען.

און מיטאמאָל האט א ווילדער зойк דורכגעלעכערט די לופט.

און מיטאמאָל איז שטיל געווארן.

ווען מאָקרינע איז ארויסגעשפרונגען — האט זי באלד באמערקט אַן אויסגעטאָפטשעט ערטל אפן גראָז לעם טונקלען טאָפאָל אין גרויען הייַטל פון פרימאָרגן. און איז צוגעלאפן אהין.

אונטערן קוסט איז געליגן יאַקים, קאַלט און איינזאם צונויפגעגיורעט.

מאָקרינע האט זיך א ווארף געטאן אף אים, צוגעפאלן און זיך דערשראקן, — די צעכראסטעטע ברוסט איז געוועז קאַלט.

און פון אונטער די וואָנסן האט ארויסגעקוקט א רויִקער שמייכל.

— יאַקים, דו הערסט?

זי האט אים אומראַכמאָנעסדיק געריסן און געטרייסלט, נאר יאַקימס קאָפּ האט שלאַבעריק זיך צוגעהערט צו דעם.

דעמאלט האט מאַקרינע, ווי א זשעדנע כייע, זיך צוגעבויגן צו זיינע ליפּן, זיך צוגעהערט, אים באַטאַפּט.

און א שרעקלעכער געשריי, א ייִעשדיקער און א שאַרפער, האט דורכגעשניטן דעם וואַלד. און די יאַרעס האבן אָפּגעענטפערט מיט א הילכיק-הייזעריקן ווידערקאָל, ווי א בייזער רעווען פון א שרעקלעכער כייע.

ס'איז געווען קאַלעמוטנע און קיל, ווי באשטענדיק אין פרייען פרי־מארגן.

מאַקרינע האט זיך אוועקגעזעצט און א דערשראָקענע זיך איינגעזאפּט אין דער ווייט מיט די גרויסע אויגן און געשטומט.

אינגיכן האט זיך דער וואלד אָנגעפילט מיט פריידיקן פרימארגנדיקן געזאנג.

אינדערנאָענט האבן געבולקעט די נאכטיגאַלן, די שפּאַקעס האבן זיך אויסגעצויגן אין א לאַנגער שורע, פונעם נאָענטן פעלד האט אומעטיק געשריגן די האַרליצע.

דער אלטער קירילע איז שטיל אָנגעקומען און זיך גענומען טעסען א קלאָץ.

און יעדער קלאַפּ האט ווי געהאקט מאַקרינען אין האַרץ אריין.

פון אונטערן שפּיץ טאָפּאָל איז אויפגעגאנגען די זון א לויטערע און זיך צעשפּריצט אין גלאַנציקע פונקען און געפאַלן יאַקימען גלייך אין פּאנים אריין.

פונעם סטעפּ האט זיך געטראָגן איוואַנס געזאנג.

אף א מינוטקע איז ער שטיל געווארן און באַלד זיך צעהיכצט:

— וווהין קריכסטו, באַדאַי וואָלסטו שוין געפּייגערט!

און טייקעף האט זיך ווידער איבערגעפילט דער סטעפּ מיטן ייִנגלשן געזאנג.

ווען איוואַן איז צוגעגאנגען צום וואלד, האט ער א טראכט געטאָן, אז מ'דאַרף א קוק טאָן אף דער כאַטע אין יאַר.

אין די קוסטעס האט איוואַן נאך אלץ געזונגען און זיך געשפּילט מיט זיין ווייַטן ווידערקאָל.

אז ער איז ארויסגעגאנגען אפן פּרייען, האט ער זיך געוויטעט אף א קאָל:

— א גוט מארגן, מומע מאָקרינע!
— א גוטער מארגן, איוואַסיו!
— זאָל אייך גאָט העלפן!..
מאָקרינע האט גארניט ניט געענטפערט. איוואַס האט עס ניט באמערקט. און ווייטער אנגעהויבן זינגען.
— איוואַסיו!.. זינג ניט אזוי הויך! — האט טעמפּ א זאג געטאן מאָקרינע.
— וואס איז דען?
— יאַקימען געהארגעט!
איוואַס איז אנטשוויגן געווארן.
— כע, ווי אזוי ארום?
אבער קיינער האט אים ניט געענטפערט.
מאָקרינע האט זיך אופגעהויבן פונעם אָרט. ס'איז איר געווען מאדנע. דער וואלד האט זיך איר אויסגעוויזן פינצטערער פון א הארבסטיקער נאכט. ווען זי האט אוועקגעשטעלט די ערשטע שפּאן, האט זיך די ערד, ווי אונטערגעריסן אונטער איר — ס'איז איר שרעקלעך געווארן גיין איבער דער ערד.



מיקאָלאַ כוילאָווי (פסעווד.)

געבוירן אין יאָר 1893 אין טראָסטיאַנצי, כאַרקאָווער קרייז, אין אַן ארבעטער - פאמיליע. בעיים דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע געווען עטלעכע יאָר אפן פראָנט. אָנגעהויבן דרוקן זיך אלס דיכטער אין 1917 יאָר, אין צייטונגען, דערנאָך אין זשורנאַלן.

באַזונדערע אויסגאבן: „אין עלעקטרישן דאָר" (פּאָעמע). — 1921, פארלאַג „ווסעוקרליט־קאָם" „י־גנט". — 1921, פארלאַג „ווסעוקרליטקאָם". „קאיאָר סימפּאָניע". — 1922, פארלאַג, ווסעוקרליטקאָם. „קעסל" — דערציילונג 1923, פארלאַג „האַרט". „בלויע עטיודן" — דערצל. 1923, מעלוכע - פארלאַג פון אוקראַינע. „בלויער ליסטאָפּאַד". 1926, מעלוכע - פארלאַג פון אוקראַינע. „אין אָטשערעט". „סאָלאָנסקי יאַר" — דערצל. 1924. פארלאַג „שליאַך אָסוויטי", „זלאָטשין", 1925, מעלוכע - פארלאַג פון אוקראַינע. „דער קאָטער אין שטיוול" — 1924, „שליאַך אָסוויטי". „אָסין". — 1923, פארלאַג „טשערוואָני שליאַך". „לעבן" — דערצייל. 1925, מעלוכע - פארלאַג פון אוקראַינע. און אנדערע דערציילונגען. אף יידיש איבערגעזעצט: „בלויע עטיודן", „צענטערפארלאַג".

כווילּיאָווי

אַ כאַזער

I

אין זאָאָלאָגיע שטייט געשריבן:

...„האט 44 ציין. Sus domesifcus: יאָרקשירער, טעמוואָרסטער, סופאָלקסקער, עסעקסקער און פיל אנדערע. און אויך: Sus serofa ווילדער וועפּריק — געפינט זיך אין אַזיע, געבליבן אין אייראָפּע אויך".

און ווידער מוז איך דערציילן וועגן קאַרל איוואַנאָוויטשן, און וועגן כּײַען — צווישן אנדערש, און וועגן כאזער ערשט שפּעטער.

איצטער נאך וועגן מויער און עפּשער נאך וועגן עמעצן.

מויער...

דער מויער האט 4 ארויסגאנגען, אריינגאנגען. דער ארויסגאנג—8 דירעס, א דירע — 4 - 5 צימערן. אין די צימערן (ווידער!) — נאך דירעס. אין די צימערן, אין די דירעס, ווו כּײַע, ניט ווו קאַרל איוואַנאָוויטש, נידעריקער מיט א גאָרן — 4 דירעס: כּײַע, כאווערטע זאָיעס מישפּאכע מיט זאָיען און מיט נאך 2 כאווירים — א כאווער מיט א כאווערטע. איצטער איז זי זיין פרוי (צי ווי אזוי דארט?); רײַסקי און יאבלאָטשקינא. דער פערטער — פּעטושקאָוו.

אָט.

און אָט שטעלט זיך פּאָר.

צווי באַלקאָנען: איינער העכער, דער אנדערער נידעריקער.

...צי דא, צי דארט, צי ערגעץ־ווו פּײַלט א גריל דאס גאניקל...

פאראן אזעלכע גלאנציקע, גרילצנדיקע, פול מיט פּײַלעניש. צוואנציק טריט פונדאנען גרימט א טראָמייטער־מוזיק. דאס איז אין סאָד „גאַסטראָל". און ווען ס'ווערט שטילער, שפּילט דער סימפּאָנישער אר־קעסטער.

כ׳קוק —
לאמטערנס, לאמטערנס, לאמטערנס, ווי גאלדענע שרויס. דאס איז איבער די מויערן. מ׳זעט דאס פונעם מויער, וואס אריבער די מויערן.

... און ערגעץ קלײַבט מען זיך אוועקפארן, ערגעץ־ווו וועט מען צופארן צו א סעמאַפאָר און דארטן איז ווייטער א סעמאַפאָר, און ווי־דער א סעמאַפאָר...

איז אָט —

אונטערן באַלקאָן רייסן זיך הינט, אַמאָל וויינען קעץ, וויינען קינדער אוונט. און שפעטער —

נאכט.

— מיאַאו — או - או־או!

א גאָרטנדל. פונעם גאָרטן טראגט זיך די אריע „איוואַן סוסאַנין". און צי דערפאר, וואס גלינקאָ איז א גרויסער קאָמפּאָזיטער, איז די שטאָט ניט קיין שטאט, און די פײַערן זיינען ניט קיין פײַערן: ס׳איז אומעטיק, טרויעריק און פריילעך... און ווידער... אומעטיק...

צי דא, צי דארט, צי ערגעץ־ווו פײַלט א גריל דאס גאניקל...

און ווען ס׳האט אפגעגרייַלצט די גריל (דעמאלט איז דער אוונט אָנגעקומען), איז כײַע ארויסגעגאן אפן גאניקל, זיך אריבערגעבויגן איבער דער פאַרענטשע און א רוף געטאן:

— קאַ־רל! קאַ־רל!

אזוי: דעם צונג צום גומען. כאזערט איבער:

— קאַ־רל! קאַ־רל!

א מענטש לעבט און ווייסט ניט, אז ער מאַלפעוועט. איינער מאכט „האַוו" — מאכט באלד דער צווייטער נאך „האַוו"! ווײַל אין דער נאטור איז אויך אזוי: צעווײנט זיך פריילינג מיט רעגנס, קומט דערנאך האַרבסט און צעוויינט זיך אויך מיט רעגנס. און לעטלאנד, ווידער, איז ווי א טײַכל און שטראָמט שטילערהייט. לעטלאנד דערמאנט מיר טאמיד — לאַטעטוטע.

כײַע האט אים נאכאַמאל א רוף געטאן און האט זיך אומגעקערט צו זיך אין צימער אריין.

און דעמאלט איז אף די טרעפ געווארן א רויש, א טופעניש, און ס׳איז אריינגעפלויגן קאַרל איוואַנאָוויטש אין צימער אריין, ווי א קאַנאַריקל.

— וואָש, קעטשעלע?

קאַרל איוואַנאָוויטשס „וואָש" נעמט זיך פון זיין באַלטישן אקצענט — „וואָש". דאס כריסטאָסל קאַרל איוואַנאוויטש האט א געטלעך אויסזען: א בלאָנד בערדל, און אין די גרויע אויגן — אַניוועס (דאס וואַסערל נעבן לאטעטוטע שטראָמט שטיל).

כײַע האט אנגעוויזן מיטן פינגער:

— כ'האב דארט אנגעפ... נעם טראג ארויס.

קאַרל איוואַנאוויטש איז צעמישט, ער שלאָגט זיך אָן אין עפּעס א זאך, כאַפּט דעם „גענעראַל" און שפּרינגט ארויס.

... און איצט —

און איצט — כײַע אף דער קאנאפּע. קאַרל איוואַנאוויטש, אז ער צעַ־בייזערט זיך: אַך, די פעטע פרויען (דאַכט זיך, פלאָסטערדיקע פרויען זיינען אומעטום, אפילע דארטן, ווו די גריל פּײַלט דאס גאניקל. אומעטום כאלעמען זיך... פלאָסטערדיקע פרויען)...

קאַרל איוואַנאוויטש איז אריינגעקומען מיטן ליידיקן „גענעראַל" און אים פּאמעלעך אנידערגעשטעלט אונטערן בעט.

און זיך אנידערגעזעצט... און זיך ניט אנידערגעזעצט...

כײַע האט בייז א זאג געטאן:

— גיי פונדאנען. מעגסט זיך פארנעמען. מעגסט שוין היינט מער ניט קומען.

... ווען ס'שלאגן זיך העגער און איינער אנטלויפט, דעמאלט איז בא איינעם דער טשוב אופגעשלאגן. אזוי איז אויך מיט קארל איוואנאָוויטשן.

קאַרל איוואַנאוויטש איז אוועקגעגאנגען, זיך ניט צעבייזערט, זיך איינגעהאלטן, — ער איז דאך א צאָפּן־מענטש און אין צאָפּן־קאַנט איז זייער לאנג קאלט.

און אריינגעקומען איז אהער אין א האלבער שאָ ארום (אף פינף מינוט רײַסקי — ער וווינט פון יענער זייט וואנט. ער איז אריינגעקומען זאגן:

— ס'נישט ווערט קיין שמעקטאבעק!

קיין שמעקטאבעק: מ'שרייבט טעזיסן, א טעזיסן־מעלוכע. בא רײַ־סקין איז א טעזן־טיש, ספּעציעל פאר טעזן; כ'ווער דערשטיקט! — אייך דאכט זיך ניט, אז ווען די טעזן וואלטן פארברענט געווארן, וואלטן ארויס פון זיי אלע אויסיעס „ז", זיך ארומגעדרייט ארום דער ערד, זיך אופגעהויבן און געזשומעט:

— ז־ז־ז־ז־ז־ז

— ז־ז־ז־ז־ז־ז

קאלט, איינגעגעסן, איינטאָניק...

רײַסקי שווייגט. ער שווייגט מער, ווי ער רעדט. ער רעדט זיך אויס, ווען ס'שטייט א פארטראַג וועגן... דער פאָרטרעגער כאוועֶר ווײַכקי ...כײַע האט אים גענומען פאר דער האנט און דערנאך פארן אויער, און מיט א שמייכל:

— ס'איז עמעס?

ער — אומעטיק:

— יאָ...

דעמאלט צעפירט כײַע מיט די הענט:

— אַי־אַי־אַי... אזא קלוגער מענטש און זיך אזוי באנארישט, אזוי ארײַנגעפאלן... נו, ס'איז שוין איינמאל א יאבלאָטשקינע!

און אלץ וועגן יאבלאָטשקינע, וועגן רײַסקיס פרוי (צי ווי אזוי דארט אנדערש?) און דערנאך געכיינדלט מיט די אויגן:

— אָ, טעמפּאָרא, אָ, מאָרעס! ווּהין איז אהינגעקומען די געלאסנקייט פון מענטשן? נעמט, אשטייגער, טעמע קאסאלסקי? איר ווייסט? זי זאגט: וואס מאכט דאס מיר אויס? היינט איינער, מארגן א צווייטער: ס'איז דען ניט אלצייגס פון אוועלכן בעכער טרינקן ווײַן?

זי נעמט זײַן האנט, און אביסעלע מאָט:

— כ'קען נישט! איך קען נישט אזוי!

...און קארל איוואַנאוויטש וועט ניט איינשלאפן, ביזוואנען בא כײַען וועט ניט ווערן פינצטער. איז פונונטן ניט פינצטער — הערט ער זיך צו, רוט נישט, און ווען ס'דערטראגט זיך א געשפּרעך — מאכט ער א סאלטאָמאָרטאלע, ווי אין צירק: ער שטעלט ארײַן די פיס צווישן די אײַזערנע פארענגטשעס פונעם גאניקל און פארווארפט דעם טולופּ מיטן קאָפּ אף אונטן. אראפּקוקן טאר מען נישט: ס'פארדרייט זיך דער קאָפּ, מע קאן טאקע אראפּפאלן און דערהאַרגעט ווערן אף טויט. און אזוי ווי ער טוט, קאן ער זען אלץ, וואס טוט זיך בא כײַען (כײַעס גאניק איז פונונטן, אונטער זײַנעם): צי ס'זיצט עמעצער בא איר, און אז יאָ — איז ווער?

...צי דא, צי דארט, צי ערגעץ־ווּ פײַלט א גריל די גאניקלעך, און שפּעטער וועט שפּילן א סימפאָניע אין סאָד „גאַסטראָל".

...און עמעצער וועט פאָרן ערגעץ־ווּ, ער וועט צופאָרן צום סעמאַ־פאָר, און ווייטער ווידער א סעמאַפאָר, און נאך א סעמאַפאָר...

II

אף דאָרעם האט זיך פאַרטראַכט דער יאַם. ווייטער איז יאַלטע א פּאָרט-שטאט, יאַם-בעדער. און דער יאַם שמעקט, און די וויַינטרויבן שמעקן, און די וויַינשטאָקן זײַנען אף בערגלעך. העגנגלעך ווײַנטרויבן זײַנען איינגעהילט אין בלעטלעך און גלאַנצן אזוי זאפטיק אף דער זון. אזוי גלאַנצט א יאַם-כוואַליע אין יאָגעניש, ווען זי קלאַפּט זיך אָן אין א זון-שטראַל הינטערוועגנס.

און אָט איז ליוואַדיע, אריאַנדע, אַלופּקע. אמאל האבן דא די גענוצ-זער פון ווייטער איטאַליע געוווינט... עס שמעקט מיט טוטין, און ס'פאַרשיקערט טוטין...

דא קאַנט איר אויך געפינען די לעצטע שפּורן פון ווילדער טאָטער-שאַפט. און איצטער: „שורום-בורום", רויִקע, פאַרטראַכטע טאָטערן... און די בערג: יאַילאַ, טשאַטירדאַג, קאַראַבאַז...

כײַע האט געוואָלט פאַרזוכן פריע וויַינטרויבן, — האט זי זיך אופגע-פירט איידל מיט קארל איוואַנאָוויטש, און זעלטן-זעלטן אים מאטריעך געווען מיטן „גענעראַל".

און די וויַינטרויבן וועלן טאקע גיך רײַף ווערן...

... ס'איז פרי, ס'נאָך גאר פרי: האלב עלף. די פענצטער זײַנען אף מיַירעוו-זײַט און די זון איז אף מיזרעך. די זון איז אופגעגאַן, נאר מ'זעט זי ניט, זי איז אף יענער זײַט.

(„זון, שמייכל אריין צו מיר אין קאָשיקל. צעפליעסקע מײַן גלאַנציק גינגאַלד..." — „שאַריען סימפאָניעס" — מיינס א בוך).

... און שטייען שטייט מען שפּעט אוף. קוים מיט צאָרעס אוף. מע קלאַפּט. — דער שאַפער.

צו זאָיען איז אריינגעקומען דער שאָפער און זאָגט:

— דערלויבט זיך צוזעצן. ער האט זיך נאָך ניט אופגעכאַפּט, דער... דער סאָוויעטסקע פאַרעץ?

דאס איז וועגן רײַסקין געזאָגט — ער איז נאָך אים געקומען...

ס'גייט דורך א האלבע שאָ — ער כאַפּט זיך אלץ ניט אוף. איז דער שאָפער אופגערעגט:

— עכשער זאל איך אליין... אנקלאַפּן.

און הויבט זיך אוף און זאָגט מיט קאַעס:

— פּאַ-ראַנט-וואָרט-לע-כער היפּאָ-פּאָ-פּאָטאַם.

...פאראן אָקסן אף דער וועלט און דעם עמעסן אָקסן־קאַרק פאר־מאגט רײַסקי. דער שאָפער פארהיקעט זיך ניט און היפּאָפּאָטאַם רעדט ער ארויס מיטאַמאל, און בראָקט ארײַן אַ איבעריקן „פאָ״:

— היפּאָפּאָטאַם.

סאָפּקאָלסאָף האט ער זיך אופגעכאפּט, דערדאזיקער רײַסקי. זיך אופ־געכאפּט און זיך ארומגעוואשן.

און אוועקגעפארן.

דעמאלט האט צו כײַען אנגעקלאפּט קארל איוואַנאוויטש:

— קעטשעלע, גייסט היינט אף דער ארבעט?

און זי אומצופרידן:

— און אליין פארשטייסטו נישט, אז גיין? ווייסט קלוימערשט ניט, אז בא מיר איז היינט...

און שטיל (צו זיך):

— סטויפּ!

טראגט זיך אָפּ קארל איוואַנאוויטש אף די שפּיץ פינגער. נאר כײַע שרײַט אים נאך:

— און מילך האסטו פארגעסן ברענגען, ווו איז די מילך?

ער האט, נעבעך, קיין מילך ניט געבראכט, קארל איוואנאָוויטש.

איז ער ארויס פון דער טיר און צעיאגט זיך.

...פון אלע קויכעס! אף וואס די וועלט שטייט!

אבער אים אנטקעגן קומט אָן פּעטושקאָוו: אויך ארבעטן?

— אַ־אַ־אַ...

קארל איוואַנאָוויטש האט זיך געבעטן:

אך! לאזט צורו!

און איז אוועקגעלאָפן נאך מילך. פּעטושקאָוו שמייכלט אונטער זיסלעך, לאקריצלעך, און שפּאנט אף דער ארבעט.

אפן וועג:

— אַ־אַ־אַ!..

און ס'דרייט זיך אף אים דאס גרויע קאַפּעליושל. בויגט זיך און צע־שווימט זיך. און אָט איז —

זיין שטעלע.

און שפּעטער — ענדלעך

דער אָנבײַסן.

און סמאַקעוועט מיטן מויל אָן ציין (ער איז נישט קיין אלטער), און זאגט:

— מיר מיט גריגאָרי פיאָדאָראָוויטשן...

„מיר האבן געאקערט"... דאס הייסט, מיטן נאַרקאָם. דא מיט א פאַראַנטוואָרטלעכן. דארט מיט א פאַראַנטוואָרטלעכן. דערפאר:

ארבעט, און ארבעט „און — פרימאַ".

...ווען פעטושקאָוו איז אוועק, האט זיך אופגעכאפט יאבלאָטשקינא.

א וואנט. כײַע ווײנט פון יענער זייט וואנט. כײַע קלאפט אומיסטן מיט די אָפּצאסן, ווען זי גייט איבערן צימער. און יאבלאָטשקינא אויך. ס'איז אזוי: צוויי הויפן, א פאַרקן, נעבן פאַרקן — שטעכיקער דראָט. און פון ביידע זייטן דראָט — אי דארט א הונט, אי דא א הונט:

— ר־ר־ר־ר־ר! האַוו!

— ר־ר־ר־ר־ר! האַוו!

איז אבער אינמיטן א פאַרקן.

צוועלף מאל האט אויסגעשלאגן דער זייגער אף ניקאָלײַעווער קלויסטער. אפן שאָסיי שרײַען די פראַכט־אוטאָ.

אין וווינונג איז אריינגעקומען דאס דינסטמיידל. דאס דינסטמיידל שטייט אזוי: צווישן ביידע טירן — כײַעס און יאבלאָטשקינעס.

— פרײַלן!

שפרינגען זיי ביידע ארויס.

יאבלאָטשקינא:

— איר קאנט אופראמען... מיין קעצל האט זיך שוין אופגעזעצט אפן אַ ו ט אָ מ אָ ב י ל (אוטאָמאָביל שטרײַכט זי אונטער).

צווישן אנדערש: נאך קאַרל איוואנאָוויטש קומט דער אוטאָמאָביל ניט צו פאָרן.

כײַע:

— אָי, אָי! זייט אזויפיל גוט, גיכער. ס'קאן צו אונדז באלד אָנקומען דער פ אָ ל ק ס ק אָ מ י ס אַ ר (זי שטרײַכט אונטער פ אָ ל ק ס ק אָ מ י־ ס אַ ר).

יאבלאָטשקינא האט מיט שפּאַס א קוק געטאן אף כײַען. זי זאגט: פאָלקסקאָמיסאַר?.. המ... ס'גלויבט זיך נישט...

און דערנאך מיט דער טיר: קלאפּ־קלאפּ!

און הינטער דער טיר שטייט דאס דינסטמיידל: צי אהער, צי אהין? זי איז, נעבעך, א פּאָשעט קינד, און זי פארשטייט עס נישט. זי האט זיך דערמאנט אָן דאָרף, אָן וויהאָן, אָן די שיקסעלעך, אָן טשעכן־שפּיל. זי האט זיך דערמאנט און איז אריינגעגאן אין קיך, פארזשמורעט די

אויגן, צענומען די הענט, א שפיל געטאן אינדערלופט מיט די פינגער: ווען זיך די פינגער צונויפגיין — וועל איך אופראמען צוערשט בא כײַען, אז ניין — וועל איך גיין צו יאבלאָטשקינא. זיינען זיך די פינגער ניט צונויפגעגאנגען, מוז מען גיין אופראמען צו יאַבלאָטשקינא. נאר זי האט אבער שטאַרק מוירע: וואס וועט טאקע זיין, אז דער פאָלקסקאָמיסאַר וועט קומען. ס׳איז דאך נישט אַן אַבי־ווער.

זי האט אופגעראמט בא יאַבלאָטשקינען און כײַע איז ארומגעגאנגען און אומיסטן געקלאפט מיט די אָפּצאסן. דערנאך איז דאס דינסטמיידל ארײַנגעגאן צו כײַען, און כײַע איז געליגן צעלייגט אפן בעט:

— גאָט מײַנער! וואס אזוי לאנג? כ׳האב דאך אייך געבעטן גיכער אופראמען, ס׳דאַרף צו אונדז אנקומען דער פאלקסקאמיסאַר!

און שפעטער — טויב געקרעכצט:

— אָך! אָך!

דאס דינסטמיידל:

— וואס איז מיט אייך, פרײַלן?

האט איר כײַע מיט פאַרדראס געענטפערט:

— אוי, זײַט איר א שטיק בעהיימע... פריסיע, אנטשולדיקט מיר. שוין־זשע פארשטייט איר ניט, אז איך האב א קראנקע הויב־מוטער?

...כ׳מוז דערציילן: קארל איוואַנאָוויטש פלעג קומען צו זאָיען און זאגן:

— אַך, זאָיע! איר זײַט אזא גוטער כאווער. זאל טאקע זיין, אז כײַע האט מיך נישט ליב? איך קען נישט. מיר, די צאָפּן־מענטשן, האבן לאנג, לאנג ליב...

זאָיע:

— איך, קאַרל איוואַנאָוויטש, איך וויים נישט, איך וויים נישט...

און צו דער מוטער:

— מאמע, שטילט איין סאָניען. וואס האט זי זיך צערעוועט דאָרט? פארוויגט זי...

III

זאָיע, זאָיעס מישפּאָכע. זאיע קוקט איבערגעשראקן. קיין מאַן האט זי איצטער נישט (אַמאל געהאט), זי באקומט א סאלדאַטסקע פּאַיאָק און א מיליאָן (פינף קאָפּיקעס אף גאָלד) כוידעש־סכירעס.

זאָיע קוקט א דערשראָקענע: אף דער גאַס, אנטקעגן איר פענצטער, איז א וויטרינע. ניט לאַנג נאָך איז די וויטרינע געווען א פּוסטע, און שפּעטער האָבן זיך באוויזן פּרויען־היטעלעך און זאָיע האט אנגעהויבן אביסל פארגעסן מאַרקסן.

כּיַיע פּלעג זאָגן:

— האסט דאָס מיר צו דאַנקען, וואָס דו לעבסט אזוי, נאַרעלע. ווען נישט איך, וואָלסטו געלעבט אין א לאָך ערגעץ. אט וואָס הייסט פּראָ־טעקציע?! דאַרפסט עס מיר האָבן צו פארדאנקען.

זאָיע קאָן נישט דאַנקען, און איר מאַמע זאָגט, אז אין שטוב איז נישטאָ קיין ברויט אף היינט און (א שרעק!) מ'האט היינט גארנישט געקאָכט אין עסקאַדראָן: זאָיע אַרבעט אין אַן עסקאַדראָן.

האט איר כּיַיע געזאָגט:

— נו, דאַנקען גאָט, כ'בין גליקלעך, וואָס איך פאָר שוין גיך קיין יאַלטע. און צוגעגעבן אומעטיק:

— נאָר ס'איז מיר אזוי נודנע מיט אים. אוי, ווי נודנע. איך בין צו אים אי אזוי, אי אזוי. נאָר ס'קומט גארנישט ארויס... אָבער צוריק ריידנדיק, ווי קאָן איך דאָס לעבן אָן דער סאָוונאַרקאָמקע?

דאָס איז וועגן קאַרל איוואַנאָוויטשן...

און אפן דאַך לאַטעט מען דעם דאַך. יאָרן האָבן אופגעגעסן דעם דאַך. יאָרן גייען פארבײַ און קערן זיך ניט אום.

און אפן האָריזאָנט — אַקוואַרעלן און שאָטנס פון קלויסטערס.

און נאָך א זאַך:

כּיַיע פאָרט אפּ מיט קאַרל איוואַנאָוויטש אין א האַלבער וואָך אַרום קיין יאַלטע, און יאַבלאָטשקינא און ריַיסקי פאָרן אף קאַווקאַז אין 2 טעג אַרום.

כּיַיע איז אריינגעגאַן צו זיך אין צימער אריין און זיך אוועקגע־שטעלט קעגן שפּיגל, א קוק טאָן אף זיך.

אפן דאַך האט מען געלאַטעט דעם דאַך: קלאַפּ! קלאַפּ! די יאָרן האָבן אופגעגעסן דעם דאַך.

... ס'האט געשמעקט מיט געפּרעגלט כאַזער־שמאַלץ.

כּיַיע קוקט אף זיך אין שפּיגל און זי הערט: יאַבלאָטשקינאַ קלאַפּט ווידער מיט די אפּצאַסלעך. דעמאָלט גייט כּיַיע אריין צו זאָיען און זאָגט מאָלע־קאַעס:

— א כאַזירעס!

דאס איז וועגן יאַבלאטשקינאַ. און דערציילט:

— כ'האב דען אזוי געלעבט אמאל? וואָדען? כ'מוז, נעבעך, ליידן פאר דער אידעע. מיין ערשטער מאן איז געווען א דירעקטער פון א זאוואד... יאָ...

כײַע האט זיך פאַרטראכט, א קוק געטאן אף זאָיעס מוטער, און זאָיע, א איבערגעשראקענע, האט זיך צוגעהערט.

— און ווער איז זי אזעלכענע, די יאַבלאטשקינאַ? — א שלעפערקע. נעמט, אשטייגער, ריַיסקין, איך קאן דאָך אים גוט... האסט פריער אים אמאל געזען מיט איר?.. אָך! ווען דו וואלסט געזען, ווי זי דרייט זיך דאס פאר אים, ווי א הינטל מיטן עק. און ווי זי פוצט זיך עס... פארשטייסט? ליבע.

און זי האט צוגעגעבן:

— און ער איז א פערד. ער וואלט שוין אליין געוואלט אָפּטשעפּען זיך פון איר, נאר ער ווייסט, נעבעך, ניט, ווי אזוי. האט מוירע פאר א סקאַנדאל. אַי, א טעאָרעטיקער!

... מיטאג-צייט האט געשפּאצירט אונטער זאָיעס פענצטער. אין קאָרידאר האבן געשריגן זאָיעס און איר מאמעס קינדער. אין סאָד „גאַס-טראָל" איז געגאן א רעפּעטיציע. מ'האט פארענדיקט די רעפּעטיציע און אונטער די שאָטנס פון די קוימענעס האט זיך געדרויכערט דער שליאַך.

... מ'האט אָנגעקלונגען. קאַרל איוואנאוויטש האט אריינגעבראכט דעם אָנבײַסן. זאָיע, א איבערגעשראָקענע, האט געקוקט אף דער מוטער, זי זאל, כאלילע, ניט בעטן בא כײַען קיין ביסל געקעכץ. די מוטער האט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געגאנגען עפענען די טיר און כײַע איז אוועק צו זיך.

... דער אָנבײַסן האט זיך אָנגעהויבן פון דעם, וואס כײַע איז נישט צופרידן פונעם אָנבײַסן. זי וואונדערט זיך: וואס גיט מען אלץ נאך נישט ארויס קיין שאָקאָלאד? און דער באָרשטש פילט זיך מיט פארשטינקענעם כאזער-שמאלץ.

קארל איוואַנאוויטש:

— דאָש איז, קעטשעלע, באָרשטש, באָרשטש פילט זיך טאָמיד מיט אלטן כאזער-שמאלץ.

כײַע האט ניט אויסגעהאלטן:

— פערד!

זי ליגט אפן בעט און ברויגעזט אן די ברעמען. קאַרל איוואַנאַוויטש קוקט אפן באָרשטש, ווי דער באָרשטש וואָלט געווען שטאַרק, שטאַרק שולדיק אין דעם.

... אונטערן פענצטער שפּילט א „קאַטערינקע" — „ראַזלוקע". א שטומער שרייַט:

— ע־ע־ע!

פון די פענצטער ווארפט מען, זעט אויס, פארשמאלצעוועטע פאפּירלעך. און ס'איז ווידער צו הערן: קלאַפּ! קלאַפּ! — מע לאַטעט דעם דאַך. ס'זיינען שטילער געווארן די אופשטאנדן, די דונערן, די רעוואָליוציע — לאַטעט מען דעם דאַך.

ווען כייַע עסט נישט — עסט קאַרל איוואַנאַוויטש אויך ניט. דעמאלט פרעגט כייַע:

— דו האסט זיך כאַטש דערוווּסט אף א וואסער סמאַך האָדעוועט די סאוונאַרקאָמקע דעמדאזיקן יאָלד, פעטושקאוון?

קאַרל איוואַנאַוויטש ווייסט, נעבעך, ניט וואוהין זיך אַהינטאָן:

— אַך, קעטשעלע, כ'האב פארגעסן.

איז כייַע אונטערגעשפּרונגען:

— פארגעסן, פארגעסן! שיין, זייער שיין פון דיין זייַט! א פייַנער בירגער: פארגעסן! זעסט דען נישט, אז דער פּאַרשוין איז כיטרער פון א פוקס!.. האָדעווע, האדעווע פעטושקאוון מיט סאוונאַרקאָמקע.

קאַרל איוואַנאַוויטש האט ווידער, ווי ער וואָלט געווען, נעבעך, שולדיק, א קוק געטאן אפן באָרשטש און פּלוצים זיך באַליידיקט:

— דער רועך ווייסט וואס! גייט צו אַלדי!..

און ער האט זיך אופגעהויבן און אונטערגעצויגן די הויזן.

איז כייַע מיטאמאל גוט געווארן:

— וואס איז מיט דיר? וואס איז מיט דיר? וואס נעמסטו זיך צום הארצן, קאַרל. אך, ביסטו נערוועז. אט וועלן מיר פּאָרן קיין יאַלטע...

קאַרל איוואַנאַוויטש האט פּאַוואָלי א קוק געטאן אף כייַען, א טרייסל געטאן מיטן בלאָנדן בערדל, רויט געווארן, ווי פעפער, ווידער אונטערגעצויגן די הויזן און ארויסגעלאפן פון צימער.

— צו אַלדי רוכעס!..

און איז אריין צו זאָיען:

— גענוג... איר, זאָיע, זייַט א גוטער כאַווער. זאגט מיר, ביזוואַנען וועט זי מיך מוטשען? האט זי מיך טאַקע ניט ליב? צו אַלדי רוכעס.

IV

דאָרט, אפן ברעג יאַם, ווו אלופקע, יאַלאַ, טשאַטירדאַג, קאַראַבאַז, ווו ס'וויגען די פאַרטראַכטע טאָטערן — האבן שוין געצייַטיקט ווייַנ־טרויבן.

די לעצטע טעג פאַרן אוועקפאָרן.

אינדערפרי פּרווט דאס דינסטמיידל, פריסיע, פאַרזשמורען די אויגן און מאַכט מיט די פינגער: צי וועלן זיי זיך צונויפגיין? די לעצטע טעג קלאפן זיי ווידער אומיסטן מיט די אפצאַסן: יאַבלאטשקינאַ און כייַע. פעטושקאָוו איז אוועק אף דער אַרבעט זיסלעך, צוקערלעקעכדיק, מיט א שמייכל. אמאָל גייט כייַע אף דער ארבעט אויך.

... „ארויסגעגעבן, אז... ווערט קאָמאנדירט קיין קאווקאז צוליב דינסט־איניאָנים. אלע מעלוכע־אנשטאלטן"... א. אז"ו.

מארגן פאָרן רייַסקי און יאבלאָטשקינא אָפּ קיין קאווקאז.

און פארן אוועקפאָרן איז געשען אזא סקאנדאל: יאבלאָטשקינא האט אויסגעגאסן די פּאָמאָיעס אין וואַש־שיסל, און דאס האט געזען כייַע.

האט כייַע געזאגט:

— גאט, מיין גאט, א גראָבקייט!

יאבלאָטשקינא האט אויסגעשפריצט מיט א געלעכטער:

— זייַט אזויפיל גוט און לערנט מיך ניט, כ'ווייס אליין.

— ווייסן ווייסט איר, נאר, זעט אויס, נישט אלץ, וואס מ'דארף... אך, א גראָבקייט!..

דעמאלט האט יאבלאָטשקינא אויסגעשריגן:

— אידיאָטקע!

כייַע איז בלייך געווארן:

— וואס האט איר געזאגט?

— אידיאָטקע!

כייַע איז, ווי אין כאלאָשעס, צוגעפאלן צו דער וואנט:

— אך, ס'מיר נישט גוט...

און איז מיטאמאל צוגעלאפן צו דער טיר און א געשריי געטאָן:

— מיינסט, אז רייַסקי האט דיך ליב? א פּייַג... בעסטיע!

איז אריינגעקומען פעטושקאָוו צוקערדיק און מיט א לאקריץ־שמייכל:

— אַ־אַ־אַ!

כײַע האָט זיך אָנגעצונדן:

— וואָס דאַרפֿסטו איר דאָ האָבן?

— אַ־אַ־אַ!

— פֿערד! — און איז אַרײַן צו זיך אין צימער אַרײַן.

כײַע האָט זיך שטאַרק געערגערט און אַרײַנגערופֿן צו זיך זאָיען. געזידלט יאַבלאָטשקינאַ, און וועגן פּעטושקאָוון געזאָגט:

— אָט, אַ לעבעדיקער העלד פֿאַר אַ קאָמעדיע. זיצט אין סאָוונאַרקאָמקע און הערט זיך צו, וואָס מע רעדט. אויסגעהערט אַ זיצונג און דערנאָך צו צו אַ נאַרקאָם: — „איז פֿאַרגעסט זשע ניט, סערגײ פּעטראָוויטש, אַז הײַנט 6 אַזייגער האָבן מיר נאָך אַ זיצונג". — „יאַ, יאָ... כ'געדענק". אָט אַ פֿאַרשוין! נו, כ'וועל זיך מײַנס דערשלאָגן, וועסט שוין באַ מיר זײַן אַ מאַכער אין סאָוונאַרקאָם!

זאָיע, אַ דערשראָקענע און אַן ערנסטע, האָט געדרייט אין האַנט די צײַטונג פֿאַרן 26־טן.

און כײַע ווידער:

— נו, מיר וועלן זען! כ'וועל אים נאָך פֿון דער דירע אַרויסשלײַדערן.

און ערנסט צוגעגעבן:

— דו ווייסט, אַז דאָ וועלן נאָר וווינען מיטגלידער פֿון קאָלעגיע? נאַרעלע, כ'בין אַזוי צופֿרידן, וואָס דו וווינסט שוין דאָ. איצטער וואָלסטו בעשומופֿן דאָ ניט געקראָגן קיין צימער. דאָס האָסטו שוין מיר צו פֿאַרדאַנקען.

. . . .

(סאָף! סאָף! סאָף!

דאָס קלאַפּט אין די פּויקן מײַן אומרו.

סאָף! סאָף! סאָף!).

. . . .

דער 27־טער. יאַבלאָטשקינאַ און רײַסקי פֿאָרן אַוועק קיין קאַווקאַז. פּריסיע איז אַרומגעלאָפֿן:

— פֿרײַלן!

און דער שאָפֿער האָט אָפּגעפֿירט די קוישן אָפּן וואָקזאַל.

— פּאַראַנטוואָרטלעכער... היפּאָפּאָטאַם.

רײַסקי איז אַרײַנגעקומען צו כײַען:

— זײַט געזונט!

און כײַע האָט געזאָגט:

— כ'האָב אַף אײַך אַזאַ ראַכמאָנעס..., באַ־באַשטימט... דער שאָ־פער האָט גערופן:

— די מאַשין וואַרט.

רײַסקי האָט זיך אופגעהויבן.

... און פון יענער זײַט וואַנט האָט יאַבלאָטשקינאַ דעמאָנסטראַטיוו געקלאַפּט מיט די אָפּצאַסן.

רײַסקי איז אַוועק.

. . . .

27, 28, 29.

מע דאַרף פֿאָרן. און זיי דאַרפן אויך פֿאָרן.

... צי באַ איבסענען, צי באַ פּשיבישעווסקין שטייט — שטאַרקע ליבע איז גויוועראומליבע, — און אומליבע האָט ליב.

כײַע האָט עמעצן געזאָגט:

— כ'ווייס, אַז ער איז אין מיר פֿאַרליבט ביז מעשוגאַעס, זאָל זשע זיגן מײַן אומליבע!

און צו אים:

— קאַרל! כ'האָב דיך ליב, נאָר באַ מיר איז קראַנק די הויב־מוטער, כ'בין נערוועז.

עמעצן:

— ער איז אַן עמעסער נעווראַסטעניקער. אַ פּרוי דאַרף ער האָבן. נאָר איך קען נישט! איך קען נישט!

צו אים:

— קאַרל, טײַערינקער, פאַרגעס ניט מיטנעמען קיין יאַלטע די שמאַט־קעלעך, כ'וועל זיי דאַרפן.

. . . .

אַזוי־אַזוי...

היינט גייט קאַרל איוואַנאַוויטש אַרום, ווי אַ בלישטשענדיקער סאַ־מאָוואַר.

— קאַ־אַרל! קאַ־אַרל!

און קאַרל איוואַנאַוויטש פליט, ווי אַ קאַנאַריקל...

... און היינט, אין לעצטן טאָג, איז פּאָרט געשען אַ דראַמע: קאַרל איוואַנאַוויטש איז געקומען נעכטיקן צו כײַען און מיט זיך ניט מיטגע־בראַכט קיין קישן.

כײַע האָט לאַנג געשװיגן.

אין סאַד „גאַסטראָל״ האָט דער סימפאָנישער אָרקעסטער ניט געשפּילט, — ס׳האָט דאָרט געזונגען דער מאָסקװער פּיראגאָװ.

מ׳האָט געשריגן:

— די פּלױ! די פּלױ!

נאָר ער האָט ניט געװאָלט זינגען שאַליאַפּינס פּלױ: אַ האָנאָר פֿון אַ פֿאַרשױן.

מיטאַמאָל האָט אַ קלאַפּ געטאָן דער טרומייטער־אָרקעסטער.

כײַע האָט געפֿרעגט:

— פֿאַרװאָס האָסטו ניט געבראַכט קײן קישן?

קאַרל איװאַנאָװיטש:

— כ׳האָב, קעטשעלע, פֿאַרגעסן!

— פֿאַרגעסן! פֿאַרגעסן!

און זי האָט אים אָנגעהױבן צו רײצן, און... צו רײצן:

— פֿאַרגעסן! פֿאַרגעסן!

קאַרל איװאַנאָװיטש האָט געהערט און איז בלײך געװאָרן. בלײך געװאָרן און אײנקאַעס געװאָרן, װי נאָך קײנמאָל ניט.

און מיטאַמאָל אונטערגעצױגן די הױזן, אָנגעהױבן אַרומלױפֿן איבערן צימער און פֿלוצים אױסגעשריגן, װי ניט מיטן אײגענעם קאָל:

— אױסװורף! אױסװורף! װאָס מוטשעסטו מיך? שקלאַפֿן!

דאָס בערדל האָט געציטערט בײַ אים, האָט ער נאָכאַמאָל אונטערגעסמיקעט די הױזן און געשריגן אױף אַלע קײלים.

כײַע האָט זיך דערשראָקן:

— זאָיע, זאָיעלע! אַהער, אַהער, ער װעט מיך הארגענען!

זאָיע איז אַרײַנגעקומען און קאַרל איװאַנאָװיטש איז זיך ערשט פֿאַנאַנדערגעגאַן:

— אױסװורף! שקלאַפֿן! אונדז צװײ װילסטו פֿאַרמוטשען?

איז כײַע מיט קאַעס אונטערגעשפּרונגען:

— קאַרל! װאָס זאָגסטו? גאָט מײַנער! דו פֿאַרשװעכסט דאָס הײליקסטע: צװײ יאָר האָבן מיר דאָך געװױנט צוזאַמען... אַך, גאָט מײַנער! זאָיע, ס׳איז מיר פֿינצטער אין די אױגן. אַך!

דעמאָלט איז קאַרל איװאַנאָװיטש אַרױס פֿון צימער, אַרײַנגעשפּרונגען צו זאָיען אין צימער אַרײַן. און איבער דער גאַנצער דירע געשריגן:

— שקלאַפֿן! שקלאַפֿן!

כײַע האָט ארומגענומען זאָיען:

— זאָיע לעבן, וואָס זאָל איך טאָן? זאָג מיר, וואָס זאָל איך טאָן... פֿאַרפֿאַלן מײַן יאַלטע... וואָס װעל איך איצטער טאָן אָן דער סאָוו־נאַרקאָמקע?

און װען קאַרל איװאַנאָװיטש איז אַנטשװיגן געװאָרן, האָט כײַע אומעטיק אַ זאָג געטאָן:

— כ'זאָל אַזױ געזונט זײַן, װי ער װעט גיך אָװעקשטאַרבן. כ'װאָרט שטיל אױף זײַן טױט... נאָר װאָס זאָל'ך טאָן? פֿאַרפֿאַלן יאַלטע!

און ער האָט זיך ביטער צעװײנט...

אין סאָד איז שטיל: דער אױלעם איז זיך צעגאַן. אונטערן פֿענצטער האָבן געטליִעט שטערן.

זאָיע איז אַרױסגעגאַן פֿון כײַעס צימער און אַרײַנגעגאַן צו זיך. קאַרל איװאַנאָװיטש, אַ בלײַכער, אָן אױפֿגערעגטער, איז געזעסן אױפֿן פֿענצטער:

— גענוג, אַ סאָף זאָל עס נעמען! צװײ יאָר האָט זי זיך אין מיר נױיקעם געװען. גענוג! זאָיע, גענוג!

און ער איז אַרױפֿגעגאַן צו זיך אױפֿן צװײטן גאָרן.

. . . .

דאָס איז געשען דעם 29־טן. דעם 30־טן איז פּריסיע געקומען אױפֿ־ראַמען און האָט שױן ניט געדאַרפֿט טרעפֿן אױף די פֿינגער.

... צוקערדיק, לאַקריצדיק איז דורכגעלאָפֿן פּעטושקאָװ.

און דעם 30־טן אינאָװנט איז קאַרל איװאַנאָװיטש מיט כײַען אין קוריער־צוג אַװעקגעפֿאָרן קײן יאַלטע. קאַרל איװאַנאָװיטש האָט גע־זאָגט:

— װאָס, קעטשעלע?

כײַע האָט געקוקט אין אַ זײַט...

. . . .

... און װעגן כאַזער האָב'ך טאַקע נישט דערציילט. און כ'װעל ניט דערצײלן. דער כאַזער איז צוליב דעם: אױף „אונטערלײגן אַ כאַזער”, אױף אָפּנאַרן. נישט דערצײלן װעגן כאַזער — איז אַ שפּיצל.

דער „קאָטער אין שטיוול"

ערשטער טייל

אנטקעגן דעם, וואס איר זאָגט אַ טויב וואָרט: האַפּקע.

האַפּקע — איז טויב. פלעגן מיר זי רופן ניט האַפּקע, נאר כאוועדטע זשוקל. גאָר אנדערע דיבורים, גאָר ניט טויב.

אבער האַפּטעווען — איז גרויסאַרטיק־שיין, ווײַל האַפּטעווען הייסט — אויסהעפּטן מיט גאָלד, אדער זילבער.

... פאראן א געהאַפּטעוועטער מײַרעוו, א מיזרעך — דעמאלט, ווען עס טוקן און רויטלען זיך הימלען.

געהאַפּטעוועט — איז ניט קיין צעאַקערט וואָרט, ווי א פעלד אין כעשוון־צייט, ווי גראָזן אין די קאָפּיצעס, — גראָזן, ווען ס'שפּאַרן פון זיי אָסיקעווע רייכעס.

האַפּקע — איז טויב.

איז כאוועדטע זשוקל.

און קוקט:

... אָט איז זי:

דער טיפּ: „א קאָטער אין שטיוול". אייך איז אַמאל אויסגעקומען זען אזא צאַצקעלע: „א קאָטער אין שטיוול"? ביז גאר אַ מאָדנע צאַצקעלע. אבער אזא וואַרעמס, אַזאַ נאָענטס, ווי א מאַמעס האנט מיט אַ בלוילעך אָדערל, ווי א לויטערער אָוונט אין רענדלעך פון האַרבסט!

— דער „קאָטער אין שטיוול" — איז כאוועדטע זשוקל. יאָ. איצטער פרעג איך אייך:

— פונוואנען האבן זיי זיך גענומען, אָט די כאוויירים זשוקלעך? זיך גענומען? האַ? און זיינען דורכגעגאַן פון עק צו עק אונדזער ניט־צעאַקערטע, צערויטלטע רעוואָליוציע; דורכגעגאַן די כאוויירים זשוקלעך, די „קאָטערס אין שטיוול".

... אַך, איך ווייס: ס׳איז אַן אָקטיאַבער־סאָד. פונוואַנען זיי קומען איז אַן אָקטיאַבער־סאָד.

... שטיל איז היינט אין סטעפּ, ניט איך הער קיין רײַטערס, ניט איך זע דעם „קאָטער אין שטיוול״.

פונוואַנען געקומען, אַהין פאַרשווּנדן.

... ערגעץ אומגעקומען און זיך צעוואַנדערט איבער שליאַכן, קוואַר־טאַלן, איבער טויבע וועגן פון רעפּובליק.

„קאָטער אין שטיוול״ — זיינען רעוואָליוציעס מערעשקעס.

און היינט, ווען טיף־בלוי איז דער הימל און שטילינק ווינטל האט זיך פארגאנגוועט צו מיר — שטייט אין האַרצן אין מיר א בלוילעכער אומעט.

?

יאָ! ווילט זיך מיר א געזאַנג זינגען, א ווילדן סטעפּ־געזאנג פאַר די מערעשקעס פון רעוואָליוציע. אוי, ווי דאס ווילט זיך מיר שטאַרק, נאָר —

כ׳קאן נישט: מ׳דארף דאָך ס׳זאָל זיין א געזאנג פון אלע געזאנגען, מ׳דארף דאך ס׳זאָל זיין —

אַ הימן.

דעריבער איז בלוילעך מיין אומעט: צי וועל איך שאפן א הימן פאַרן „קאָטער אין שטיוול״ און אים צעטראָגן אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקע־לעך פון אונדזער מעדינע?

וועל איך דען שאַפן אזא הימן?

. . . .

איר הוילעך:

א בלוזע, א קליידל (ווינטער — אַן אלטער שינעל), א קאַפּעליושל, שטיוול.

די בלוזע איז „כאַקי״־קאָליר, אָן קנעפּלעך. „כאַקי״,— גרין, הייסט עס, און רעוואָליוציע רודערט, קלינגט, אַקערט, טראָמבעוועט אײַן אָגרי־ניקעס, טראגט זיך איבער ווילדע גראָזן פון פעלד, לעם קוזניע, לעם שאַכטע — דאָרט, ווו דער קאָליר איז „כאַקי״.

די גאנצע רעוואָליוציע איז אָן קנעפּלעך, ס׳זאָל זיין גראַמער, מ׳זאָל קאָנען צעפירן די הענט, קאָנען אַן אטעם טאָן פריי איבער אלע פעלדער, אלע סטעפּן, אלע עקן...

— איבער גאָרער וועלט!

איר קלײדל איז אויך „כאַקי“, און אז ניט אזוי, איז פאָרט דאָך אזוי, ווײל ס'האט זיך אַלצײנס אף איר אפגעקלאַפּט דער קאָליר פון ווילדע גראָזן אין פעלד. יאָ, איר קלײדל איז אויך „כאַקי“, נאר אביסל צעריסן פונפאָרנט, אַביסל פונהינטן, א קאַפּל אין די זײַטן.

נאר דאס הינטערשטע העמד זעט זיך ניט אַרויס, ווײַל רעוואָליוציע ווײסט דא נאר אײן קאַרדענץ פון פאַרבן: רויטינק מיט „כאַקי“־קאָליר. דעריבער איז איר העמד געווען גרין: שאָטנס פון ווילדע גראזן זײנען געפאלן אף איר העמד.

אָט.

אַ קאַפּעליושל... מיט א פינפשפּיציקן שטערן. גענוג? אַניט נאָך: אונטערן קאַפּעליושל א געגאָלט קעפּל.

— ניט פאַר מאָדע, נאר פאַר פּאָכאָד, פאַר גראָמקײט.

און צו רעשט —

שטיוול.

נו, דאס איז קלאָר:

כאַפּט א קוק אפן צאַצקעלע פון קינדעריאָרן.

גענוג?

און איצט וועגן איר אויסזען, און שפּעטער —

וועגן איר...

בלאָנד? שוואַרץ?

קלאָר — א זשוקל.

און דאס איבעריקע איז דאך ניט וויכטיק...

... די אויגן... אוי, א פּאָר אויגן! אײַער גליק, וואס איך שרײַב ניט קײן ראמאַן, נאר א קורצינקן שיר.

אבער, ווי זאָגט מען דאס גארניט וועגן אויגן?

אויגן —

אויך זשוקל.

און קוקט איר זיך טיפער אַרײן אין אירע אויגן:

אַ צווײַגעלע בעז אף לעוואָנע־שײַן זײנען אירע אויגן.

און אט די נאז (פאַר שטאָט־מײדלעך דער גרעסטער גוואַלד).

— די נאָז — א פאַרבויגן קעפּל פון א טשוועקל: א קירפּאַטינקס (קירפּעק פלעגן מיר איר רופן הינטער די אויגן).

איצטער — דער ווקס.

קלאָר: „אַ קאָטער אין שטיוול“.

און אָסער אויב איך וויל אידעאַליזירן כאַווערטע זשוקל, איך וויל דאַפקע שרייבן וועגן איר דעם הוילן עמעס — כאָטש אַ שטיקל עמעס, ווײַל דער גאַנצער עמעס —

איז דאָך די גאַנצע רעוואָליוציע.

איצטער וואַרט אַוואַדע פון מיר דער לייענער אַ שיינע האַקדאָמע, אַן אויסטערלישן סאָף, און פונעם „קאָטער אין שטיוול" — שפּאָגל־נײַע העלדישקייטן, שיינע זיטן, און קעדוימע.

אומזיסט.

מיר זיינען מיט כאַווערטע זשוקל ניט קיין באַלעבעסלעך, שיינע זיטן וועלן בײַ אונדז ניט זיין,— בײַ כאַווערטע זשוקל וועט ניט זיין. נאָך אזעלכע זאַכן זײַט זיך מאַטריעך צו די גיטאַרע־העלדן פון די גיטאַרע־פּאָעמען.

כאווערטע זשוקל איז נאָר אַ „קאָטער אין שטיוול" מיט לעבעדיקע באַוועגונגען, מיט בעזענעם קוק, וואס שפּאַנט איבער ווילדע גראָזן פון רעוואָליוציע און לעכצט, ווי אַ מערעשקע, נאָך א טראָפּן זונענשײַן — אויסצוטריקענען דעם זומפּיקן געמייזעכץ...

און וועלכן — ווייסט איר אליין.

און שוין.

און קיין האַקדאָמע און קיין סאָף וועט איר זיך בא מיר ניט דער־וואַרטן, ווייל די האַקדאָמע איז אָקטיאַבער, און דער סאָף — די זוניקע טקופע, צו וועלכער מיר גייען.

שיינע סאָפן זיינען באַ גיטאַרע־פּאָעטן... אַשטייגער: „זיי האבן זיך צעקושט, סאָף". אדער: „אָ, מיין דולצינ׳יע! כ׳וועל זיך א מײַסע אָנטאָן מיט דעם קינזשאַל... שטאַרבט"...

מיר מיט כאַווערטע זשוקל ווייסן אינגאנצן ניט פון דעם. אין טאָך גע־רעדט, זיינען העלדישקייטן יאָ פאַראַן, אָבער זיי זיינען ניט אונדזערע...

— וועמעס דען?

טרעפט אַליין!

האַקלאַל: ס׳איז ניט קיין ראָמאַן, ס׳איז נאָר א קורצינקער שיר, און באַלד פאַרענדיק איך.

צווייטער טייל

אין דעם טייל קום איך אייך דערציילן וועגן אַ שטיקעלע העלדיש־קייט...

— און וועמעס, טרעפט אַליין!..

... ווינטער, געוויטער, זאַווערוכע און ווידער זאַווערוכע...

אַ צוג, באַן און רעלסן, רעלסן אין סטעפּ...

נאָך קובאַן! נאָך קובאַן! נאָך קובאַן! — לאַנג באַרבלט זיך לאָקאָמאָטיוו אין דעפּאָ: אי דאָ — אין דעפּאָ, אי דאָרט — אין דעפּאָ...

און שטייען אין שוויַיגעניש פאַרגליווערטע סטאַנציעס אין שנייען: ווער ווייסט, עפּשער וועלן מיר ווידער צוריק לויפן אַהער צעמישטע, פאַרלאָרענע, מיט אויגן פאַרסמאַלעטע, און הינטער די סטאַנציע־געביַידעס וועלן וואָיען וועלף אַפן קאַלטן סעמאַפאָר.

אָבער היינט פאָרן מיר קיין קובאַן, וויַיל מיר גלויבן אין אונדזערע פאַרסמאַלעטע אויגן.

— כאַווערטע זשוקל!

אַזוי, און כאַווערטע זשוקל!

... און, ווי זי איז אָנגעקומען אין דעם פאָלק אריין, — געוויס ווייסט איר ניט און וועט דאָס קיינמאָל ניט וויסן, וויַיל איך אַליין ווייס ניט, און קיין ליגן וויל איך ניט זאָגן: — ס'איז אַ שטיקעלע עמעס, און דער פולער עמעס — איז די גאַנצע רעוואָלוציע.

... אַף יעדער סטאַנציע איז נאָר צו הערן:

— קאָזאַקן! קאָזאַקן!

אומעטום קאָזאַקן, אומעטום באַנדיטן.

. . . .

— כאַווײרים! דאָס אַלרוסישע אויוועלע איז אין געפאַר!

„... עך, עפּעלע, וווהין קײַקלסט זיך,
צו קראַסנאָוו וועסט אַריין...“ —

און מיטאַמאָל:

„Ой на горі та женці жнуть“ *

— ... העי, כאָכאָלן! וואָס האָט איר זיך צעיאַכמערט דאָרט, געגנוג פּאַניכידען דאָרט, ס'איז אַזוי אויך אומעטיק.

... סטעפּ, געוויכער, און ווידער זאַווערוכע.

... דער פינפטער וואַגאָן איז אַ אינטערנאַציאָנאַלער. וועל איך דיר דערציילן, ברודערל, וועגן די פעלקער. דער לאַטיש, הערסטו, איז

* „אוי, אפן באַרג שניטערס שניידן“.

אַ צוגעלאָזן פּאָלק; דער יעהודי — אויך גישקאָשע; דער כאָדיאַ — קיטײַער אָדער דער טאָטער — אַ בייז, נאר א גאַנץ ווייל פּאָלק. נעם דעם כאַכאָל אָבער: א פּאַניכידע — צעיאַכמערט ער זיך וועגן פעלד, צי וועגן דער דיווטשינע, — כאָטש אנטלויף!

... סטעפּ, געוויכער, זאַווערוכע, און רעלסן — רעלסן.

— קאָזאַקן! קאָזאַקן!

ווו? וואס? ווען?

— וואָס פאר א פּאַניקע? — מאַמזיירים!

שפּרינגען ארויס הונדערטער נאַגאַנען, בראַונינגען, ביקסן.

עמעצער לעכערט דורך די פענצטערגליז, עמעצער גרייט זיך שיסן, עמעצער זעצט זיך אפן טענדער און בלײַבט ניט: דער לאָקאָמאָטיוו האט זיך אָפּגעטשעפּעט און אוועק נאָך האָלץ.

— כאווערטע זשוקל, איר האט ניט מוירע? קאָזאַקן!

שמייכלט זי: באַ זיי אין דאָרף זײַנען געווען קאָזאַקן. אָ, זי ווייסט גאַנץ גוט וואס הייסט קאָזאַקן. און ווערט עפּעס אומעטיק און פאר־טראַכט.

... לאנגע ווײַסע און ברייטע פעלדער. לאנג שוין, ווי דער לאָקאָ־מאָטיוו איז אנטרונען. קאם מיט צאָרעס געקומען, און טראָגט זיך ווײַ־טער אוועק אין ווילדן שטומען סטעפּ.

... פון סטאַנציע צו סטאַנציע, פון קאַלטער נאכט צו קאלטער נאכט.

קיין הייצונג ניטאָ. און קומט די נאַכט, קנאַקן סטאנציע־פאַרקאַנעס, קרעכצן און קוקן מיט ראכמאָנעס אף די אַרומגעריסענע מיט לעכער וואַגאָנעס:

... „גענעראַלס (פּלוינים) צוג״.

... פון ווילדער סטאנציע צו קאלטער נאַכט, פון ווילדער נאַכט צו קאלטער סטאנציע.

... כאווערטע זשוקל האט געקריגן הייצונג. און אָט ווי זי קריגט:

— מומעשי, שענקט אַ דרענגל האָלץ.

— וואס?

— גיט מיר א דרענגל האָלץ.

— נעם.

נעמט זי.

— עפּשער, טאָמער נאָך איינס?

קוקט די „מומע״:

— אַ זשוקל: „א קאָטער אין שטיוול״.

— גיט זי נאָך.

... כאוואַרטע זשוקל פאַרקײַכט זיך:

— כאַ־כאַ! — אָפּגענאַרט די מומע!

און זי האט איר גאָרניט אָפּגענאַרט, זי איז פּאָשעט אַ זשוקל.

— אַך, די זשוקלעך אין שטיוול — זײַ לאָזן מיך ניט רוען! ווי נאָר כ׳וועל ווערן א באַוווסטער שרײַבער, וועל איך אוּמבאַדינגט אָנשרײַבן א גרויסע דראַמאַטישע פּאָעמע: „דער קאָטער אין שטיוול״.

. . . .

קנאַקט דאס טשוהונענע אויוועלע, רײַסט און צופּט דעם דרויסנס ווילדע זאַווערוכע.

קיין קובאַן! קיין קובאַן!

אָט אזוי... ניט אזוי (ס׳איז כ׳ זשוקל). אָט אזוי... ניט אזוי...

זיצט באם אויוועלע ווי ווער, — צי איך, צי עמעצער אַנדערש, צי אַלע אינײנעם.

זי לערנט אונדז פאַריכטן א צעריסענעם שטיוול.

און זאָגט דערבײַ:

— מאַך זיך ניט צום נאַר. מײַנסט טאַקע, כ׳וועל זיך פּאַנקעווען מיט דיר. — דזוסקע! טאָ ניי אַליין! —

זי קאָכט אונדז וואַרעמעס, זי איז אונדזער קעכן — און ניט מער; זי איז אַן אומפּאַרטײַישע, נאר זי טראָגט שוין מיט זיך ארום אין טאָר־בעלע אַ גראָבינק ביכל:

— „וואס איז אַזעלעכס קאָמוניזם״ (אָן אַן אַוטער)... אויסגאַבע פון N־טער שלאַכט־פּעלד־סעקטער פון דער ארבעטער־ און פּויערשער רויטער אַרמײַ.

... טרעפט זיך אמאל, אז מיר זאגן איר:

— הער נאַר, כאַוואַרטע זשוקל! מ׳קאָן זיך מיט דיר א שפּיל טאָן?

דערהערן מיר באַלד:

— דזוסקע!

אונדז פאַרדריסט עס, ווײַל מיר ווייסן, אז ניט יעדערן איז „דזוסקע״! — בא אונדז איז פאַראַן א יונג באָכערל — „יאַטל״ רופן מיר אים, — אויך א קירפּיק, און מיר האבן ניט איין מאל געזעען, ווי ער האט זי ארומגענומען און זי האט געשוויגן.

... נו, ס'איז זייער אייסעק.

... זי פֿלעגט אונדז אָפּט פֿאַרווונדערן, זי פֿלעגט באַנוצן אזעלכע האַמעטנע ווערטער, האַלטן אזעלכע אײַזערנע רעדעס, אז מיר פֿלעגן זיצן מיט אָנגעשפּיצטע מויל ־ און אויערן!

איין זאַך איז קלאָר געווען: דעמאלט, ווען מיר פֿלעגן נאר טראַכטן וועגן סוינע, האט זי וועגן נאָך עפּעס געטראַכט.

— צי האסטו, סײַדן, גיט געענדיקט קיין גימנאַזיע אמאל? — פֿלעג ווי ווער א שפּאַס טאָן.

— א גימנאַזיע? גימנאזיעס זיינען פֿאַר פּריצים. און פֿאר אונדז — דזוסקע!

האט א כאכאָל פֿון א זײַט זיך אַווטאָריטעטיש אנגערופֿן:

— ס'איז א פּאָכאָדנע לעניז...

... און אינדרויסן איז געשטאנען א שווערקייט, און נאכגעהאַנגען האט זיך די שווערקייט פֿון דראָט, וואס האט זיך געצויגן איבער די סטויפּעס, דער רועך ווייסט ווו.

... זאַווערוכע, קעלט, סטאַנציעס מיט פֿארשלונגענע קלונגען, און פֿון אַלע זײַטן:

— עך, רעוואליוציע — איז רעוואליוציע.

און ווידער קאַלטע וואַגאנען, לאנגע באַנען, ווי אָקסן. און מיטאמאל:

— סטאָפּ.

— וואס איז געשעען?

— ניטא קיין הייצונג.

טשעפּעט מען אָפּ לאָקאָמאָטיוון, פֿליט דער לאָקאָמאָטיוו אין פֿינצטערן ווילדן כוישעך אריין, אין ווילדן שטומען סטעפּ.

. . . .

כ'האב נאר פֿארגעסן אט וואס דערציילן:

אָפּט, ווען דער באַן פֿלעג זיך אפּשטעלן אף א סטאַנציע „אף אַן אומ־באשטימטער צײַט", פֿלעגט כאווערטע זשוקל גיך אראָפּאַטערן די קיך, נעלעם ווערן אף לאנג פֿון וואגאָן, און אומקערן פֿלעג זי זיך באשטענדיק אַן אומעטיקע. פֿארוואס אַן אומעטיקע?

דאס וועט איר זעען ווײַטער.

. . . .

פֿלאַקאַטן! פֿלאקאטן! פֿלאקאטן!

הו ־ הו! הו ־ הו!

באַך! באַך!
פלאַקאַטן! פלאַקאַטן! פלאַקאַטן!
מיזרעך. מײַרעוו. צאָפן. דאָרעם.
רוסלאַנד. אוקראַינע. סיביר. פוילן.
טורקעסטאַן. גרוזיע. ווײַסרוסלאַנד.
אַדזשערבעדזשאַן. קרים. כיווע. בוכאַרע.
פלאַקאַטן! פלאַקאַטן! פלאַקאַטן!
דײַטשן, פּאָליאַקן, פּעטליוראַווצעס — נאָך, נאָך, נאָך...
קאָלטשאַק, יודעניטש, דעניקין — נאָך, נאָך, נאָך...
פלאַקאַטן! פלאַקאַטן! פלאַקאַטן!
א כוידעש, צוויי, דרײַ, זעקס, צוואַנציק... נאָך, נאָך, נאָך...
הו — הו! הו — הו!
באַך! באַך!

. . . .

זיינען כאדאשים געפלויגן...

איז פארבײַ... כ'וועל אייך ניט זאגן וויפל ס'איז פארבײַ: עפשער איז דאס גאָר נעכטן געשעען, עפשער גאר אייערנעכטן און עפשער גאר צו־ריק מיט אזעלכע צוויי הונדערט יאר?.. ווען ס'איז געשעען?.. עפשער האט זיך מיר גאר א בלוילעכער כאָלעם פאַרכאָלעמט?

— כ'ווייס ניט.

אינדרויסן איז זומער. א מעכײַעדיקער סטעפּ־זומער. ליגן אויסגעצויגן סטעפּעס פוןביידע זייטן דניעפּער — ניט ווײַט איז דער דניעפּער.

... שטילע נעכט אף זומערדיקע סטעפּעס.

ס'איז אזוי פארקישעפט אַרום, אזא זיסער טרויער.

איר ווייסט? זיצסט אין סטעפּ און טראַכסט וועגן זײַדענע גראָזן. ס'איז אזוי אויסטערליש: טראכטן וועגן זײַדענע גראָזן, וואס רוישן סוידעסדיק, וואס רוישן ווי א העזל: פליג! פליג! ס'איז אזוי אויסטערליש!

טוט מיר אזוי ווײמוטלעך באַנק, וואס אלע שרייבערס האבן שוין בא־שריבן דעם סטעפּ באנאכט. אוי, וואָלט איך אים שיין באַשריבן. אוי, וואלט איך אים אויסגעמאָלט אַקוראַט.

... כ'קום צופאָרן.

באַקום איך אַפן דריטן טאג א יעדידי־קוויטעלע:

„כאווער, איר זײַט הי פון פרײַטיק אָן. כ'לייג אייך פאָר טייקעף־או־מעיאַד זיך פאַרעגיסטרירן אין קאָמקערנדל".

זאג איך:

— דער סעקרעטאַר, זעט אויס, איז בא אייך א קאַנטשיק, מיסטאמע פון די אַלטע פּאַרטייער.

מיין כאַווער האט א שמייכל געטאָן:

— דיך וווּנדערט דאס קוויטל?.. ס'איז א גאַרניִשט! אַז דו וועסט די דיסקוסיע א שמעק טאָן — וועסטו זיך מעכייַע זיין. אין די געדערים ליגט זי מיר, די דיסקוסיע!

כ'האָב זיך פּאַרינטערעסירט:

— וואס פאַר א דיסקוסיע?

— וואַרט צו, וועסט זיך נאָך דערוויסן.

און נישט אויסגעזאָגט.

... כ'בין אַוועק.

— ווו איז דא דער צימער פון קאָמקערנדל?

— אַנטקעגן!

כ'קום אריין. כ'קוק — עפּעס א באַקאַנט פּאָנים. כ'פּרוו זיך דערמאָנען, און מיטאמאל דערמאַנט — ס'איז דאך דער „קאָטער אין שטיוול".

הער א מייַסע!

— איר זייַט דער סעקרעטאַר פון קאָמקערנדל?

— איך...

— דאַכט זיך, כאַווערטע זשוקל?

— יא.

— מיר זיינען דאך אַלטע באַקאַנטע מיט אייך. איר געדענקט?..

פּאַרשטייט זיך, אַז זי געדענקט. נאָר פריער פון אַלץ האט זי פּאַרע־גיסטרירט מיין פּאַרטיי־בילעט און דערנאָך זיך צערעדט:

— ס'איז קלאָר: אזא לאַנגע צייט פּאַרבייַ. כאַווערטע זשוקל האט ניט איין מאל געענדיקט — און ווידעראמאל איבערגעלייענט:

— „וואס איז אַזעלעכס קאָמוניזם" (אָן אַן אַווטער)... אויסגאַבע פון N־טער שלאַכט־פעלד־סעקטער פון דער ארבעטער־און פּויערשער רויטער ארמיי.

און שוין.

און דאס איבעריקע איז דאך אזוי פּאָשעט: שפּאַנט זיך „קאָטער אין שטיוול" איבער ווילדע גראָזן פון רעוואָליוציע און ווייסט עפּשער אליין ניט, אַז ער איז סעקרעטאַר פון קאָמקערנדל, און שפּעטער דערוויסט ער זיך און שרייבט:

„כ'לייג אייך פאַר טייקעף־אומעיאַד זיך פאַרעגיסטרירן"...

קורץ: דאס אלץ האט מיך ניט אזוי געוואונדערט, ס'איז דאך פאַרט אזא לאַנגע צייט פאַרביַי, און „קאַטער אין שטיוול" איז שוין דעמאלט געווען —

— א „פאַכאַדנע לענין"...

און מ'דאַרף אייך זאגן טאקע — א צווייטע אויסגאבע פון לענינען: א „פאַכאַדנע לענין" — אי שטרענג, אי גרויזאַם.

אט א בילדל:

כ'האב זיך פאַרזינדיקט.

כאוּוערטע זשוקל מיט אויגן פון א מעקאַטרעג:

— כאוּוער! שעמען מעגט איר זיך.

— דערלויבט... כ'בין דאך... כ'זאל אזוי... כ'בין...

כאוּוערטע זשוקל מיט אויגן פון א מעקאַטרעג:

— אייער פארטיי־בילעט!.. גיכער!

גיב איך אפ. שרייבט זי:

„כאוּוער אַלמויני־אופּלויני האט פאַרפעלט דאַן און דאַן אזויפיל און אזויפיל פארזאמלונגען. ער האט געקראגן פונעם סעקרעטאר פון קאַמ־קערנדל א האַסראַע — ארויסטראגן די פראגע וועגן אומדיסציפּלינירטקייט אף דער געזעלשאפטלעכער מיינונג פון פארטיי, אף אים איבערפירן פאַר א קאנדידאַט, אדער לאַכלוטן אויסשליסן פון אונדזערע קאמוניסטישע רייען. כסימע".

פונקט. קורץ. קלאַר. אפילע אביסל ניט אזוי, נאר וואס קאן מען מאַכן?

... אויך, ווי דעמאלט (דעמאלט אין ווילדן סטעפּ), איז זי אנגעטאָן אין „כאַקי", וויַיל רעוואָליוציע ווייסט דאך נאר איין האַרמאָניע פון פאַרבן: רויטינק מיט „כאַקי"־קאָליר. און, ווי דעמאלט, זיינען ריזיקע שטיוול אף אירע פיס, און ווי דעמאלט:

— דזוסקע!

דערזעלבער בעזן־קוק, וואס אמאל; דערזעלבער געלעכטער, און דאס נעזל — א קעפל פון א טשוועקל, — קירפּיק.

... און, ווי דעמאלט, זיינען געווען נעכט, אבער ניט אזוינע קאלטע, דאפקע וואַרעמע, פארכאַלעמטע, — זומערדיקע סטעפּ־נעכט.

קאזאקן האבן אונדז שוין ניט באַומרויִקט, נאר פון די באנדיטן אין וואַלד איז קיין רו ניט געווען. און פון דאָרעם האט זיך גערוקט אף אונדז

דער צעבייזערטער הינקענדיקער (מיר האבן אים דערשלאגן) בער פון ווייַ־
סער נאָרע פון דער גרויסער רוסישער אימפעריע.

און אט איז די דיסקוסיע (אין די געדערים ליגט זי אונדז, די דיסקו־
סיע). ס׳איז דא א רוסיש ווערטל: מ׳דאַרף זיין אף דער וואַך, און ניט
פארגעסן אין טשעקאַס מאַכט.

האט מען איבערפראַזירט:

— דיסקוסיע, הייסט דאס — זיין אף דער וואַך, אויב איר ווילט ניט
אריינפאלן אונטערן סעקרעטארס מאַכט.

כאווערטע זשוקל איז מוידיע:

— היינט איז א דיסקוסיע!

מיר:

— אָ־אך! אין די געדערים ליגט זי אונדז שוין, די דיסקוסיע! (פאַר־
שטענדלעך, ניט הויך).

— כאווער! לייַ מיר אף א מינוטקע דעם אלעפבייס פון קאמוניזם

— אַך, איר שטערט מיר, כאווער. כ׳האב פארגעסן. ווי שטייט דארט?
פו, צו אלדי רוכעס. הייסט עס, אז דער קאפיטאליזם האט דרייַ סימאָנים:
געדונגענע ארבעטקראפט... געדונגענע ארבעטקראפט... געדונגענע
ארבעטקראפט...

עמעצער זאגט אונטער:

— מאנאפּאָליזאַציע פון די פראדוקציע־מיטלען, און...

און גייט צו אלדי שווארצע... כ׳ווייס אליין, וואס צו ענטפערן.

... איצטער אין צווייטן עק צימער:

— א קאָמעדיע! קוקט נאר אָן, ווי מ׳האט זיך דאס צעראַשט. כאווער
לאווריקאוו איז אינגאנצן רויק?.. כ׳גלויב ניט. כ׳וועל דאס קיינמאל ניט
גלויבן, אז איר ווייסט שוין אלץ אזוי גוט.

דאס איז צו איינעם פון די, וואס ווייסן אלץ:

— נו, אז איר ווייסט שוין יא אלץ, טא זאגט: ווען האט טיער פאַר־
טיליקט די פראנצויזישע קאמונע — אין 71־טן יאר, צי אין 48־טן? הא?
זאגט!

— און איר, כאווער מאלאַדטשיקאוו, כאַכמעט זיך ניט, און נאַרט ניט אויס
בא יענעם. זאגט פאשעט, אז איר ווייסט ניט, וועל איך אייך אליין אויסזאגן.

מאלאָדטשיקאוו ווערט רויט, און איך ווער רויט, און אסאך פון אונ־
דזערע ווערן רויט, ווייַל די מערהייט פון אונדז זייַנען די, וואס ווייסן
אינגאנצן גארניט, נאר ווען דאס קיינמאל ניט זאגן.

— א נאַרישקייט די דיסקוסיעס, ס׳וואָלט געפּאַסט פאַר שול־קינדער.
און אינדערעמעסן, אַף א קאַפּאָרע דאַרף מען זי: ס׳איז דאָך א בור־זשואַזער מעטאָד פון לערנען. עס פעלט נאָר דער עקזאַמען מיטן אינ־ספּעקטער! און ס׳איז צו הערן:
— גיב מיר, סאָפּקאָלסאָף, אַף א מינוטקע דעם אַלעפבייס פון קאָ־מוניזם!
— פו, צו אַלדי רוכעס, ווידער פאַרגעסן. דער קאַפּיטאַליזם האָט דריי סימאָנים: מאַנאָפּאָליזאַציע פון דער פּראָדוקציע... מאַנאָפּאָליזאַציע פון דער פּראָדוקציע... מאָנאָפּאָליזאַציע פון דער פּראָדוקציע...
— איצטער זעט איר שוין, אַז איר ווייסט ניט.
— אַך, לאָזט מיך צורו, כאַוועד...
אַזוי, ביז ס׳קומט דער אָוונט.
אינדרויסן, ווי אין אַלע איבעריקע מיינע דערציילונגען (ניט אין אַלע)— דונערן האַרמאַטן. און ערגעץ אין גראָזן און דערנאָך אַף די וועגן באַ־ווייזט זיך קאַוואַלעריע. אונדזערע? מ׳זאָגט: ניט אונדזערע. וועמעס? כ׳ווייס ניט. עפּשער דעם סוינעס קאַוואַלעריע, עפּשער א רייד?
און עמעצער שטיל־שטיל הינטער גראָזן: —„עפּשער דאָ, וווּ מיר זיצן, וועלן אַף מאָרגן פאַרבלייבן פּאַפּירלעך, צעבראָכענע שערבלעך און א גייסט פון פּוסטקייט, א גייסט פון פּלייטע, א גייסט פון בלוט".
אָבער ס׳פאַרגעסט זיך.
... דער פּאָרטרעגער האָט געענדיקט.
כאַווערטע זשוקל:
— נו, כאַווער באַיקאָוו, כ׳האָב גאָרניט פאַרשטאַנען. פּונוואַנען נעמט זיך דיאַלעקטיק, אַז ס׳שטייט געשריבן היסטאָרישער מאַטעריאַליזם? ווי קלערט איר?
— דערלויבט, כאַווער פּאָרזיצער. איך, אייגנטלעך, האָב קיין וואָרט ניט געבעטן.
כאַווערטע זשוקל מיט אויגן פון א מעקאַטרעג:
— אַלס פּאָרזיצער, דערלויב איך אייך ניט, נאָר אַלס כאַווער בעט איך אייך זיך אַרויסזאָגן. מיר פּלעגן שמועסן, ראַשן, רודערן (מיט אייניקע פון אונדז פּלעג אַפילע ווערן ניט גוט).
און דאָס אַלץ האָט זיך גערופן דיסקוסיע. כאַווערטע זשוקל פּלעג זאָגן:
— דזוסקע, ניט אַזוי. אַנו, איר, כאַווער מאַלאַדטשיקאָוו?

זי פֿלעג זיך ערנסט אריינצייען אין ראָל פֿון א פּעדאגאָג.

און מיר פֿלעגן זיך בייזערן, ווײַל יעדערער פֿון אונדז האט פּארמאָגט זעלבסטליבע. פֿלעגן מיר ברענען אף אונדזער געוועזענע קעכנע, אַפֿן איצטערדיקן סעקרעטאר פֿונעם קאָמקערנדל, אַפֿן „קאָטער אין שטיוול".

... שפּעטער פֿלעג זי אוועק צו די פּרויען, געארבעט, געראַשט, צונויפֿגעזאַמלט, איינגעאָרדנט פּרויען־פֿארזאמלונגען, אף וועלכע מע האט גערעדט וועגן אַבאָרט, וועגן ליבע, רעכט פֿון קעכנס (לענין האט נאך אנגעוויזן).

און געשריגן:

— נידער מיט דער מישפּאכע! זאל לעבן די פֿרײַע פֿרוי! און פֿאר קינדלדיקער פֿרוי, פֿלעג מען זאגן:

— זאָלן ווערן אינטערנאַטן, געשאַפֿן ווערן געזעלשאפֿטלעכע וואַש־הײַזער א. אז"וו, א. אז"וו.

— ... כאווערטע זשוקל, מ'מעג ליב האבן צוויי מיטאמאל?

— דאס איז געווענדט פֿון דעם, ווי איר ווייסט דעם היסטארישן מאַטעריאליזם. איך ווייס אים קנאַפּלעך, דעריבער „האַלט איך זיך אָפּ".

. . . .

איז אט — כ'וואָלט אסאך נאך געקאנט שרייבן וועגן כאווערטע זשוקל, ווײַל ס'איז זייער אַ אינטערעסאנטע זאך. אבער איר זעט דאך אליין, אז ס'איז שוין האלב זעקס און איך מוז זיך אײַלן אף דער פּאַרטיי־פֿארזאמלונג, ווײַל דארטן —

איז כאווערטע זשוקל נומער 2 און דאס הייסט... אויב איר זײַט א פּארטייער, ווייסט איר וואס דאס הייסט.

זי האט אנגעשריבן אזוי:

„כאווער מיקאָלע (צו מיר, מיקאלע כוויליאָווין)!

איר וועט, דאכט זיך, איבערמארגן זיין אין טאַראַשטשער פּאָלק, און איך פֿאָר באלד אפּ אין דער רעזערוונער רײַטער־ארמיי: דארטן האט זיך די מאַכנאָווטשטשינע צעבושעוועט און מע מוז אַגיטירן. ס'קאן זיך טרעפֿן, אז מיר זאלן זיך שוין מער ניט זען. טאָ וויל איך בעטן: ברויגעזט זיך ניט אף מיר פֿאַר דער דיסקוסיע. איך ווייס, אז איר זײַט א מענטש מיט זעלבסטליבע. אבער בא אונדז איז א פֿינצטערניש א גרויסע און אף וויפֿל די דיקטאַטור איז אונדזערע... מיט אייןווארט, איר פֿארשטייט מיך: מיר מוזן אין א יאר, צוויי, דרײַ אויסוואַקסן ניט אף קיין נאָגל, נאר אף א גאַנצן קלאַפּטער. מיט קאמוניסטישן גרוס: זשוקל".

זי איז אבער דעם טאג ניט אפּגעפּאָרן. און מיר האבן זיך ניט געטראָפן.

געטראָפן האבן מיר זיך אט ווו.

שטעלט אייך פאָר א ליידיקע שול — די פּאָליט־אפּטיילונג. אין אלע ווינקעלעך, אף אלע טישן שלאָפט מען. — די מערעשקעס פון רעוואָליוציע. א טייל פון זיי וועט זיך צעפאָרן אין פּאָלקן, פּאָדיוון; א טייל וועט בלייבן דאָ, — אַף זיך שפּעטער צעפאָרן אין פּאָלקן, פּאָדיוון.

רעוואָליוציעס קעסט.

... פריער איז דער דרויסן געווען א העלער, שפּעטער איז פינצטערער געוואָרן — כמאַרעס האבן זיך געצויגן.

ס'האט געקאַפּעט א רעגנדל און אַפן הארצן איז אומעטיק געווען. ס'האט זיך געוואָלט וואס גיכער איינשלאָפן, נאר אין ווינקל האט עמעצער געסמאָרעט מיט דער נאז און ניט געלאָזט שלאָפן.

— כאָווער, שטערט ניט שלאָפן!

... שטיל.

ס'האט רעגן שטיל און איינטאָניק געקלאַפּט אין פענצטער. ס'האט זיך שטארק געוואָלט, אז רעגן זאל ניט קאַפּען.

און פורן זאלן ניט קלאַפּן. פאר די אויגן האט זיך צעשפּרייט דער וועג קיין מאָסקווע, דאס אָפּטרעטן אף מאסקווע, אף צאָפן פונעם סוינעס אָנגריף.

— כאָווער, שטערט ניט שלאָפן.

— שטילשווייַגן.

מיסטאָמע האט איר שוין פארשטאַנען, אז דאס האט כאָווערטע זשוקל געסמאָרעט.

זי איז צו מיר צוגעגאַן:

— קומט ארויס!

כ'האב פארוואונדערט אף איר א קוק געגעבן. מיר זיינען ארויס אַפן גאַניק.

ס'איז געליגן גרויער וועג אין נאכטן־סטעפּ. און ס'האט געקאַפּעט א רעגן.

— איר האט געוויינט?

— יא...

און זי האט זיך צעלאַכט.

— ס'איז מיר א בושע... איר פארשטייט... נאר ס'טרעפט זיך...

און זי האט דערציילט.

און דעמאלט האב איך זיך דערוווּסט, אַז כּאוּערטע זשוקל, כאטש זי איז א זשוקל און א „קאַטער אין שטיוול", ווערט איר אַמאָל אויך אוּר־מעטיק אַפּן הארצן. און צווישן יאָ און ניין:

— דזוסקע.

אויך דעמאלט האט מיר דאס קירפּאַטע נעזל דערציילט, אַז זי איז ניט 19 יאר אַלט, ווי מיר האבן געקלערט, נאר גאַנצע 25 און אַז זי האט שוין געהאט א קינד און דאס קינד האט א קאַזאַק אַף א הענגלייכטער אופגעהאנגען.

דאס אַלץ איז געשעען אַפּן ווײַטן מיזרעך. ווען זי האט באַשטימט מיטגיין מיט די רויטע — האבן זיך אין איר קאזאקן נויקעם געווען.

... כ'האב זיך דערמאַנט אין שנייַקן סטעפּ.

... ס'האט טריבלעך גערעגנט.

... פאַר די אויגן איז געליגן גרויער וועג און פינצטערע שאָטנס פון געבײַדעס.

. . . .

און ניט דאס איז דער איקער, וואס מ'האט דאס קינד אַף א הענג־לײַכטער אופגעהאנגען — מיסטאַמע איז געווען ערגערס... כ'קלײַב זיך ניט ארויסרופן קיין טרער בא אייך. איך וויל נאר, אַז איר זאלט מיר מוידע זיין, אַז ס'איז א קליינינקע העלדישקייט. און וועמענס?

— זאגט אַליין.

כּאוּערטע זשוקל № 2, № 3, № 4 (און אסאך נאך) זיינען פאַראַן.

כּאוּערטע זשוקל № 1 איז שוין ניטא.

נעלעם געווארן איז „קאַטער אין שטיוול" אין טריבע טיפענישן פון רעפּובליק. נעלעם געווארן כּאוּערטע זשוקל.

שפּאַנט „קאַטער אין שטיוול" איבער ווילדע גראָזן פון רעוואָליוציע און טראגט זונענשײַן אַף אויסצוטריקענען דעם זומפּיקן געמייזעכץ. און אַוועלכן —

ווייסט איר אַליין.

אזוי:

דער גאַלעך האט איר א נאמען געגעבן „האַפּקע" (א טויב וואָרט, אָבער האפּטעווען הייסט — אויסנייען מיט גאלד, אדער זילבער — איז דאס מאַלעכיין).

מיר האבן איר גערופן:

— כאַוואַרטע זשוקל.
אין דער געשיכטע וועט זי אַריין:
— דער „קאָטער אין שטיוול".
דער „קאָטער אין שטיוול" איז אַ טיפּ.
פּונקט. קורץ. קלאָר.
אַלץ.

לעגענדע

ס׳איז אריין א שטורעם־ווינט, אויסגעשריגן, — קלאר, קלינגענדיק:
— אופשטאַנד!

האבן זיך צערוישט די גרינע וועלדלעך, זיך צעדונערט, צעהודעט. האט אופגעוואַכט דאס טײַכל, זיך פארטראכט קאַיאָריש און זיך צעגאסן ברייט, ברייט איבער די ראַכוועסדיקע העל־בלאָע לאָנקעס. זיינען אוועק איבער קני אין וואַסער די נעפלען — פארטראכטע, אומעטיקע.

... געוויסער האט זיך געטראגן... א בערע האט געיאָגט...

... אזוי...

און אט וועגן וואס: כ׳וויל אייך וועגן א יונג מיידל קורץ דער־ציילן, ווי כ׳האב עס באם פאָלק אונטערגעהערט. אט: געוווינט האט זי אין עק דאָרף, ווו די ארעמע ווינען, ווו די ווערבעס איינגעבויגענע איבערן טײַכל הערן זיך איין.

מ׳פלעג זי רופן סטענקע (פון סטעפאנידע), קיינער האט זי ניט גענו־מען, און זי איז שוין עלטער פון צוואנציק יאר. האט זי געלעבט פרײַ: פלאַם־פײַער, בריאיק־הייס און מיט שקאָצים געשלאָפן. און גענומען האט זי וואלאָדקע, כאַסענע געהאט מיט איר, אפגעלעבט מיט איר א יאר דרײַ, און אוועק צו די פאָווסטאַנצעס.

איז געבליבן סטענקע מיט א פיצל אף די הענט און מיט א שוויגער.

דאס קינד האט לאנג ניט געלעבט, געכאפט פאָקן, און איז אין איינער א נאכט ניט געבליבן.

זי איז ארויסגעגאן, די יונגע, אף דער גאַס פאַרן טויער און זיך פאַר־טראכט.

וואָלאָדקע האט צוויי יאר געארבעט אַפן צוקער־זאוואד, פארדינט אף א פערד, געקויפט א פערד, איז דאס פערד אויך געפייגערט.

... און דער טאַטע האט געמאַזיקט די מוטער, זי איז אויך אַן אויס־געלאסענע געווען, די מוטער.

...נו, און אנדערהאלבן דעסיאַטין צוואַנציק ווערסט פֿונדאַנען...

— עך, דו, סיבירער קאַטאָרגע!

...קאַיאַר כאַפּט זי זיך אויף מיטאַמאָל (זי האט אין קלוניע געגעכ־טיקט): עמעצער ציט איר פאַר א פוס.

— ווער איז דאָס? טשעפּע זיך אָפּ!

ער האט זיך צעלאַכט:

— כעוורע, אַהער! זעט נאָר, א קרעלעכל האָב איך דערטאַפּט!

...און אָט זיינען אָנגעקומען די רויטע, די אופשטענדלער זיינען אָנגעקומען. עך, וועט פריילעך זיין, מאַמע, לעבעדיקע!

זיי האבן געשריגן:

— קאָך ניט, באַק ניט: ס'וועט אַלץ זיין! ווו ווינען דאָ בא אייך די בורזשויען?

די אַלטע (די שוויגער) האט א פּליעסקע געטאָן מיט די הענט:

— אוי, גאָטעניו! וואס פאַר א בורזשויען? סאַמע פּויערים ווי־נען דאָ.

לאַכן זיי, און דערנאָך נעמען זיי אַרויס פּאַפּירלעך, און מע לייענט פון די פּאַפּירלעך.

— און גאָרדיי פּראָן איז הי?

— הי.

— און אָסטאַפּ זאַביוואָראָטאַ איז הי?

— די.

זי האט זיך אַזש פאַרוווּנדערט, די אַלטע: אַלע כוטערניקעס האבן זיי אויסגערעכנט, און די כוטערניקעס האבן טאַקע אַף דערעמעס גע־לעבט, ווי א קאַץ אין סמעטענע.

...און דערנאָך זיינען די אופשטענדלער אַוועקגעגאַן. אָוונטצייט ווי־דער זיך אומגעקערט... אוי, האט זיך געגאָסן מילך, און קאַלבעס איז געוועזן — כאַטש האָדעווע די הינט!

— קאָך וואַרעניקעס! באַק קנישעס!

זי האט געקאָכט און געבאַקן, סטענקע...

...געשוויגן, זיך צוגעהערט, אַרויסגעקוקט... און אין פענצטערל האט אַריינגעקוקט א רויט מוילעדל, פון הינטערן וועלדל אַרויסגעקוקט. כעוורע האבן געגעסן, געקוקט אַף סטענקען, און זי האט שוין געבליט, ווי מאָן. עך, איז זי געווען שלאַנק און שיין, אָט די יונגע סטענקע, און אירע אויגן, ווי באַ א ווילדער סאַרנע, נאר כיטרע אַביסל.

... אוי, האט זי געברענט; אוי, געבליט, סטענקע... און די שוויגער האט געפרעגט:

— וואס האט איר, כעוורע, אויסגעטראכט? טאַקע א ליוואָרוציע?

— ליוואָרוציע, אלטינקע — אַן אופשטאַנד און קוויט. מיר גייען די בורזשויען קאַטעוון.

— אוי, גאָטעניו, אוי, א צאָרע אף מיר! — און זי האט זיך אָפּגע־ווישט מיטן אַרבל די טרערן.

האט דער אוילעם געפרעגט:

— ס'טוט אייך טאַקע באַנק?

— ווער... זאָלן זיי גיין צו אַלדי רוכעס. כ'האב שוין אַזאַ טעוועס: אַבי־וואָס — ווייַן איך באַלד.

און די אופשטענדלער האבן זיך אופגעהויבן, צו סטענקען צוגעגאַנגען:

— אַך, קרעלעכל! — און אייַנער האט איר אַרומגענומען.

... און א צווייטער האט זיך צעהירזשעט און איר א טאַפּ געטאָן.

די יונגע האט געשוויגן. זי האט, זעט אויס, געטראַכט... און דער־נאָך זיך צעפּאָלאָכעט מיטאַמאָל, ווי א בליץ צווישן כמאַרעס:

— פאַר פרייַהייט... זאגט איר, גייט איר?

און כעוורע האבן אויסגעשריגן:

— פאַר פרייהייט! — און די שווערדליך האבן געבריאַזגעט.

האבן זיך צערוישט די אויגן אין פלוימען־וועלדל (אונטער די ווייַעס האט ווי א פלוימען־וועלדל געזאָטן), סטענקע איז אַרופגעשפרונגען אַף דער שוועל:

— כ'וועל פינף כעוורע הייַנטיקע נאַכט אייַנשלאָפן... ווער דער ער־שטער? גיי אַרויס!

שווערדן האבן געקלונגען, מיט ראַש האט זיך צעעפנט די טיר...

... און קאַיאָר האבן די אופשטענדלער געזאָטלט די פערד, זיך אַוועק־געזעצט אַף די פערד און אַוועק פונעם דאָרף. פונפאָרנט זייַנען געגאַנ־גען די אופשטענדלער און פונהינטן איז געפלויגן זאַביוואָראָטעס פור. די פור האבן געפירט זאַביוואָראָטעס גלאַטע פערד: דער גניאַדע אין עפּעלעך, אַן אָגער, און א ווייַס פערד מיט א שוואַרצן פוס, מיט א שטעמפּל אַפן הינטן.

פון יענער צייַט אַן האט מען סטענקען ניט געזען, וועגן איר ניט גע־הערט, און וועגן איר ניט גערעדט.

... ס'האבן געדונערט די אופשטאַנדן...

ווײַטער און א סאָף

ווער פון אײַך האט ניט געזונגען: „ווערט מיר אומעטיק, ווערט מיר טרויעריק, גיי איך מיר אין סעדל פרייען זיך"... נישט קיין כמאַרעס האָבן זיך געצויגן איבער קעפּ, דאָס האבן קראָעס פאַרשטעלט דעם הימל.

... אַך, לאַנג, לאַנג, ווי מ'האט פאַרגעסן אין דער יונגער סטענקע. און ס'זיינען אַוועק שוואָכים וועגן יונגן העלד.

... דער גאַנצער געגנט האט געהודעט, האט געקלונגען מיטן יונג סטענקע, דעם רויטן פּאָווסטאַנעץ.

. . . .

ניט איין נאַכט איז אַדורך... קראָפּעווע האט זיך צוגעטוליעט צום פּאַרקן און געכאָלעמט וועגן שטורעם. שפּעטער וועט מען זינגען לידער, מ'וועט פאַרשרייבן: געווען פּרימאַק, געווען בודיאָני, געווען זיינען טויזנטער, טויזנטער...

ווען ס'האבן געברענט די פּריצישע מאַיאָנטקעס, זיינען אַנטלאָפן די פּריצים. רויטאַרמייער זיינען געגאַן פון זאַוואָדן, פון שאַכטעס, פון דאָנבאַס, פון קריוואָראָג. און געגאַן זיינען אופשטענדלער — פּאַסטעכער, בײַסטרוקעס, אַרומגעריסענע, אַרומגעשליסענע (פון דאָרטן, ווו איבערן טײַכל האבן זיך די ווערבעס איינגעבויגן). דורכגעגאַן אין דער גאַנצער ברייט און לענג די שוואַרצע ערד, שטעט, זאַמדן, וועלדער, זומפּן...

... ס'האבן געדונערט די אופשטאַנדן. ס'האבן געבושעוועט די מוירדים. און מער פון אַלעמען האט געבושעוועט דער יונג — סטענקע. פלעג מען דעם נאָמען דערהערן, איז מען פאַרציטערט געוואָרן. באַזונדערס דאָרטן, ווו ס'האבן געוווינט פּריצים, ווו ס'זיינען געזעסן כוטערניקעס.

מע פלעג זאָגן: דער יונג איז געקומען פון סטעפּ, פון כאָרטיצע געקומען אַהער, אין וואַלד זיך באַהאַלטן. מע פלעג זאָגן: נאָר פאַר פּאַסטעכער, נאָר פאַר בײַסטרוקעס איז די פרייד, פאַר די איבעריקע — איז א טויט.

דעמאָלט איז די מאַכט געווען בא די סאָנים אין די הענט. און די סאָנים האבן געציטערט, ווען זיי האבן געהערט וועגן יונגאַטש — סטענקע.

מערקווירדיק: ווי נאר ער פלעג זיך באַווײַזן, פלעג זיך צעקלינגען דער אופשטאַנד: קינד און קייט, מיט קאָסעס, דרעשערס, בראָנעס — האבן פאַריאָגט דעם סוינעס טײַלן. און וואס איז נאָך מערקווירדיקער: מענטשן מיט זיך האט דער יונג געהאַט גאר ווייניק.

מע פלעג זאגן: דער פירער סטענקע איז א שלאַנקער יונג און א לויטערער, ווי דער בלויער הימל; א מוטיקער, ווי דער שטורעם, און א שטאָלצער, ווי א שפּאַרבער. ווער ס'האט סטענקען געקאָנט, דער איז געגאַנגען אין פייַער און אין וואַסער אריין. ער האט שטענדיק געברענט, שטענדיק געלויכטן, ווי די סטעפּ־פייַערלעך אינדערפינצטער. און ווי א גרויסער נאָווי פלעג ער טרעפן,— אַזוי האט מען גערעדט וועגן אים אין די דערפער און אין די זאַוואָדן:

— לאָמיר זיך פאַרייניקן אינאיינעם! ס'גייט אף אונדז א שוואַרצע כמאַרע, ס'שלאָגט די שאָ פון נעקאָמע; העי, צעשיט זיך איבער שליאַכן — די פרייַהייט רופט. כאַפּט מעסערס, ביקסן, טראָגט דעם טויט. דורכן טויט וועט הערשן דאס לעבן. אַרויס פון די וועלדער, פון די גריבער, פון דער פינצטערניש. פליט אַרויס אַנטקעגן זיי... הערט זיך איין! הערט זיך איין! צי דען הערט איר ניט, ווי די צייַט רופט אייך! שוין־זשע זעט איר ניט, אַז מיר רייַסן זיך פון די אונטער־גריבער! איין טראָט — און מיר וועלן זיין אין בלאָוון קאַנט. וועלן מיר דעם טראָט ניט מאַכן — איז ווידער אָפּגרונט — א פינצטערער, א גליטשיקער, ווי א זשאַבע... הערט! הערט! מיר רופן אייך מיטן פייַערדיקן אופשטאַנד־וואָרט: נעמט די מע־סערס! שאַרפט די מעסערס!..

און מ'האט גענומען די מעסערס, און מ'האט געשליפן די מעסערס, און סטענקעס וואָרט האט געהילכט איבערן געגנט, איבער וואַלד, גע־הילכט ווייַט, ווייַט. מ'האט ווידער געצונדן פריצישע מאַיאָנטקעס און טשערעפּיצענע דעכער. בלוטיקע נעקאָמע האט געוויכערט און די וועל־דער האבן ווידער געהודעט וועגן יונג.

... האבן זיך אופגעהויבן די סאָנים און אנגעשיקט וועלף אַף סטענקען און פאַר דעם באָכערס קאָפּ האט מען צוגעזאגט א זשמעניע רענדלעך. ערשט דעמאָלט האבן זיך אָנגעהויבן די עמעסע אופשטאַנדן. ווי א ווינט איז געפלויגן דער יונג איבערן קאַנט און אופגעהויבן די אונטערגע־דריקטע, און די, וואס לייַדן, האבן זיך געצויגן צו אים פון אַלע עקן. און ס'האבן זיך געגאָסן גאַנצע שעפלען סויגעס בלוט.

. . . .

ס'האבן זיך געביטן די שטערן: דער אָוונט־שטערן — אף א מארגן־שטערן. טעג זייִנען געגאַן און פאַרפאַלן געגאַן הינטערן וואַלד.

שוין א יאָר, אַז דער יונג ווילדעוועט און דער סוינע קאָן אים נישט כאַפּן.

... און אָט איז דורכגעפאָרן דורך א דאָרף דער יונגער יונג, האבן זיך אויסגעשיט מענטשן אף גאַס, געקוקט אף אים, ווי ער זיצט אַף א פערד און לאַכט צו מענטשן, ווי דער אָוונט־שטערן צום טײַכל.

שניט־צײַט איז געווען, און אינאָוונט. אַפן פלאַץ האט געשמעקט מיט פעלד. די כעוורע זיינען צוגעפאָרן צום ברונעם און זיינען אַראָפּ־געקראָכן פון די פערד, די אופשטענדלער. און דער יונג איז אויך אַראָפּ־געקראָכן. א יונג, ווי א יונג, נאר אויגן — ווי בא א פערדל א יונגס. אַזוי שפּילן זיי... אַזוי...

... און איצט וויל איך צוגעבן: דער אוילעם האט ליב געהאט דעם יונג, ווי די מעווע דעם בלאָוון יאַם. נאָר דער אוילעם האט באהאַלטן עפּעס א שלעכטע מאַכשאָווע וועגן יונג, און די מאכשאָווע איז געווען אַזאַ: די קויל טרעפט ניט סטענקען, ווײַל ער האט צוטאן מיט די ניט־גוטע. אייניקע האבן געמיינט, אז דאס האט דער סוינע צוגעטראַכט און אייניקע האבן זיך פאַרטראַכט.

אַזוי...

... איז אראפּגעקראכן דער יונג, זיך אָנגעטרונקען וואַסער פונעם עמער. גייט צו אים צו עפּעס אַן אַלטינקע: איר זון האט דער סוינע געהאַרגעט — ער איז א רויטער פּאָווסטאַנעץ געווען, — גייט צו אים צו און רוקט אים אריין אין קעשענע א פּאַפּירן קערבל מיט א קיכל. קער־רעוועט זיך אויס דער יונג — ער האט עס באַמערקט. און די אַלטינקע כאַפּט אים פאַר דער האַנט, כאַפּט אים האַלדזן און קושן:

— טײַבעלע מיינס! זונעלע פײַנס!

וויינט די אַלטינקע און דער יונג שטייט און דער אוילעם קוקט אף אים.

... און דאָ האט זיך געטראָפן עפּעס אויסטערלישעס: דער יונג האט זיך א וואָרף געטאָן פאַר דער אַלטיטשקער אף די קני, איז בלייך גע־ווארן, ווי א האַרבסט־בלעטל, און אנגעהויבן בעטן:

— באַבע מיינע! פארגיב מיר די ווייטיקן דיינע. מיר זאל זיין פאַר דיינע ליידן. דו ביסט מיין אויבערשטער און קיין אַנדערן ווייס איך נישט. איך שווער מיט מענטשנס ליידן, מיט נעקאָמע, אז כ'וועל אויס־וואָרצלען דעם קויעך דעם פרעמדן, וואָס איז אף אונדז אָנגעפאַלן. איך שווער באַם נאָמען פון פרײַען מענטשן, וואס האט גענומען א מעסער אין האַנט און אנגעצונדן דאס האַרץ מיט פײַערן.

דער יונג האט אפּגעזאגט, אַרופגעשפּרונגען אַפן פערד און אַוועק מיט זיין כעוורע אין סטעפּ.

און מענטשן זיינען געשטאַנען און געטראַכט. און באַשטימט האָבן די מענטשן, אַז סטענקע האָט טאַקע צוטאָן מיט ביטגוטן.

און פון יענער צייט אָן זיינען אַוועק מיעסע שוואַכים וועגן יונג. נאָר ביַיסטרוקעס און דאַלפאָנים האָבן אים אונטערגעהאַלטן. די איבעריקע האָבן זיך פון אים אָוועקגעקערט. און שווער איז געוואָרן דאָס לעבן אין וואַלד: די וועלפישע מאַכנעס האָבן יעדן טראָט זיינעם געהיט, און די אייגענע מענטשן זיינע האָבן אים שוין ניט אונטערגעהאַלטן.

. . . .

כמאַרעס האָבן זיך געצויגן איבער וואַלד, ווו ס'האָט זיך אופגעהאַלטן דער יונג. געצויגן, וואַסער געגאָסן אויף די סאָסנעס, און די סאָסנעס האָבן געהודעט. און ניט־קלאָרע מאַכשאָוועס האָבן געפּלאָטערט און ניט־לויטערע כאַלוימעס האָבן געשוועבט, און אומעט אָן א סאָף...

... אין יענעם וואַלד האָט געלעבט אַן אַלטער זאָקן, א סיווער טשאַר־נאָמאָרעץ. מענטשן פלעגן צו אים קומען זיך דערוויסן: אַווו איז פאַר־פאַלן געוואָרן די בעהיימע, ווער האָט אַוועקגעגאַנוועט דאָס פערד. ער פלעגט אופמישן דעם שוואַרציאַמישן בוך זיינעם און פלעג דאָרט אויס־לייענען: ווו האָט זיך אהינגעטאָן די קו, ווער האָט אַוועקגעגאַנוועט דאָס פערד.

און דערדאָזיקער זאָקן האָט אויך געוווסט, ווו ס'באַהאַלט זיך דער יונג, און ער האָט דערציילט, אַז דער יונג האַלט באַם סאָף, אַז דער טויט מוז אים נעמען.

אָבער די אופשטאַנדן האָבן נאָך געדונערט און די פּריצישע מאַיאָנט־קעס האָבן געברענט.

. . . .

אָבער גיך איז אָנגעקומען דער סאָף.

שטיל, גניווויש, ווי אַ קאַץ, האָט זיך גערוקט דעם יונגס אומקום. ווי האַרבסטיקער טרויער צווישן בוימער, אַזוי האָט שטיל געשפּאַנט דער אומקום זיינער. און ער איז געקומען.

... ס'איז געווען אַ פינצטערע נאַכט, סאָוועס האָבן געשריגן, די סאָסנעס האָבן גרוליק געהודעט. פון דריי עקן האָבן זיך צעפלאַכעט בליצן. דאָס האָבן געברענט די פּריצישע מאַיאָנטקעס, דאָס איז געווען דעם יונגס אופטו. דעמאָלט איז זיין כייעל געשטאַנען אין גרינעם יאַר. און בא דער זייט איז געליגן די אופשטענדלערס אַ הונט — א געזונטער הונט־מיט־אויערן.

און מיטאמאָל האט זיך אופגעהויבן דער הונט און זיך צעוואָיעט — שטיל און שרעקלעך. און דער יונג האט דעמאלט געזאָגט:

— ס'גייט ווינטער, מ'דאַרף טיפער אין וואַלד זיך באהאלטן... ס'איז נאך ניט קיין סאָף צו נעקאָמע!

און אין דער ווייַט האט אָפּגעהילכט:

— צו נעקאָמע איז נאך ניט קיין סאָף!

און א שייגעץ האט שטיל, אומעטיק פאַרצויגן:

— אוי, פראָסט, פרעסטל, דו פייַנער קאָזאַק, דו איינער...

און ס'האט אָפּגעהילכט:

— אוי, פראָסט, פרעסטל...

און ניט געפילט האבן די אופשטענדלער, ווי ס'רוקט זיך אַף זיי דער אומגליק.

... און דאס גרינע וועלדל האבן אַרומגערינגלט וועלפישע מאַכנעס, ס'האבן זיך געגאַנוועט וועלף. שטיל האט זיך אָנגערוקט דער אומגליק.

היי, היי! געווען איז דעמאָלט א פינצטערע נאַכט, ווי די ווייַטע, ווייַטע פאַרגאנגענהייט!..

... און דערנאָך מיטאַמאָל האט מען אָנגעהויבן שיסן. געקלאפט האבן קוילנוואַרפערס. די סאָנים זיינען אָנגעפאלן אף די מורדים. און ס'זיינען זיך צונויפגעגאן צוויי קויכעס: איין קויעך — דעם יונגס, דער צווייטער — דעם וואָלפס...

לאַנג־לאַנג האבן זיך ניט אונטערגעגעבן די אופשטענדלער.

געוואונען האט אבער, איינגענומען האט אָבער דער וואָלפישער קויעך: פון אלע מורדים זיינען געבליבן נאָר דריי און צווישן זיי — סטענקע, דער יונג.

אוי, האט געהודעט דאַן שרעקלעך דער וואַלד...

. . . .

שווער איז א פויגל דערציילן, ווי מ'ע האט איר קינד געטויט. און נאך שווערער איז מיר צו דערציילן וועגן דעם, ווי סטענקע דער יונג איז אומגעקומען.

... מ'האט סטענקען געבראַכט צו פירן אַפן פלאַץ און מ'האט אים געמישפעט אפן פלאַץ. און קיינער איז אפן פלאַץ ניט געקומען. אוילעם איז אפן פלאַץ ניט געווען. און דער יונג האט געזאָגט:

— לאָזט אָפּ מיינע כאוויירים און איך וועל אליין פאַר זיך אויסקלייַבן דעם געפערלעכסטן טויט.

דעם געפּערלעכסטן טויט? היי, היי, דאס ווילן זיי, די פּריצים. ס׳זאָל זיין א געפּערלעכער טויט...

ס׳האבן געבליצט דעם סוינעס באַגנעטן, און הינטערן פּלאַץ איז געשטאָרבן די זון.

און די סאָנים האבן ניט געוווּסט, אז דער יונג האט זיי איבערגעשפּיצט. ער האט געזאָגט:

— כ׳האב זיך אויסגעקליבן א טויט פון פּאַרצײַטנס: מ׳פלעג די קאָזאַקן ארופזעצן אף פּאַליעס און די קאָזאַקן פלעגן שטאַרבן אף די שאַרפע דרענגלעך. כ׳וויל שטאַרבן אף א שארפער פּאַליע — ס׳איז דער שרעקלעכסטער טויט!

האבן זיך די סאָנים געפרייט: ס׳איז א שרעקלעכער טויט! זיי האבן פאַרשניצט א פּאַליע און זי אַריינגעקלאפּט אין דר׳ערד אריין.

דער יונג האט א קוק געטאָן אף זיינע כאַווײרים, זיך געפרייט, און געזאָגט:

— אוי, סאָנים, סאָנימלעך. אמאָל, לאנגאָגען פלעג מען טאָן אַזוי: מ׳פלעג אוילעם צונויפטרײַבן אפן פּלאַץ און יונגע מיידלעך ברענגען צו פירן. ווען א מיידל פלעג וועלן כאַסענע האבן פאַרן גאזלען, וואס איז אַפן פּאַליע געזעסן, פלעגט מען דעם גאזלען לאָזן פרײַ. איך בעט ניט קיין מעכילע, כ׳וויל נאר מ׳זאָל זיך אופירן, ווי אַמאָל: רופט צונויף דאס דאָרף.

האבן זיך צעשמייכלט די סאָנים: זאל קוקן דאס דאָרף, זאל זען דאס דאָרף, ווי מ׳קאַטעוועט באַנדיטן. און מ׳האט געקלונגען אין די גלעקער און פאלק איז זיך צונויפגעגאַן אָן א שיר. נאר דעם סוינעס כײַעל איז געווען מערער.

... דעמאלט האט געגויסעט דער אָוונט־שטערן און ס׳איז שטיל געווען אַפן פּלאַץ, נאר וואס די שווערדן האבן געקלאַפּט און אינדערווייט האט געהודעט דער וואַלד.

און דער יונג האט געזאגט:

— איצט וועל איך זיך זעצן אַפן פּאַליע... נאר הערט!..

און מיטאמאל האט דער יונג פון זיך אראפּגעריסן זיינע קליידער און מענטשן האבן דערזען, אז נישט קיין יונג שטייט פאַר זיי, נאר א הוילע פרוי, א שיינע, וואס קוקט שטאָלץ פאָרויס. און זי האט הילכיק אויסגעשריגן:

— הערט! הערט! איך שטארב פאַר פרײַהייט. נאר כ׳רוף אייך ווידער צו געקאָמע: שלײַפט די מעסערס, קוקט אף די בליצן — ס׳פלאַקערט

שוין אונדזער באפרײַונג, ס'גייט אוף א נײַער רויטער שטערן... הערט! הערט!

נאר די סאָנים האבן איר ניט געלאזט לאַנג ריידן. ווי ווילדע כײַעס האבן זיי זיך ארופגעווארפן אף איר און איר פארבונדן דאס מויל...

... און דאס פאלק האט געהודעט...

דעמאלט האבן זיך די וועלף א ווארף געטאן אַפן פאָלק און דאס פאלק צעטריבן. און סטענקע — דעם יונג — האט מען געקאַטעוועט: אָפּגעשניטן די נאָז, אפּגעשניטן די אויערן און ארופגעזעצט אף דער פאַליע.

היי, היי! ס'איז טאַקע געווען דער שרעקלעכסטער טויט...

דערפאַר דערציילט מען איצטער וועגן יונג סטענקע, וועגן דער יונ־גער פרוי, דער שיינער, דער לויטערער, ווי דער בלויער הימל; דער ווילדער, ווי דער שטורעם; דער שטאָלצער, ווי דער שפּאַרבער; נאך גרעסערע שוואָכים ווי אמאל. ס'הודען לעקאָוועד איר נאך אַדאַיעם די וועלדער אַ אייביקן ליב־געזאנג...

. . . .

און אט: לעם טײַכל, וווּ די ווערבעס האבן זיך איינגעבויגן, איז א קייווער — דעם יונגס קייווער. ס'קומען צום קייווער מענטשן, הערן ווי ס'רוישט דארט דער ווינט...

היי, היי! האבן געדונערט אופשטאַנדן...

... ס'זיינען געווען טויזנטער, טויזנטער, טויזנטער...

אַרקאַדי ליובטשענקאָ

געבוירן אין 1899 אין סטאַראָ־זשיוואַטאָוו, אומאַנער קרייז.

1922 — 1921 יאָר — אין דער רויטער אַרמיי.

די ערשטע ליד געדרוקט אין 1918־טן יאָר אין צייטונג „סקווירסקי וועסטניק“.

באַזונדערע אויסגאַבן:

„גאַרדייקאָ“—דערציילונג — 1924. מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַינע. „זיאַמאַ“ — דערציילונג, 1924, מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַינע. „קוקיל“ — דערציילונג, 1925, מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַינע. „שטורעם־וועג“ — דערציילונג, 1926, „קניהאספילקאָ“. „יוגנט־טעג“ — דערציילונג, 1927, מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַינע. „אומריינע“ — דערציילונג, 1927, מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַינע. „זי“ — 1929.

אַרקאַדי ליובטשענקאָ

ווי ער איז אנטלאָפן

(געקירצט)

איצטיקס מאָל, בא א קליין טישל אין א זויבערן, אָפּגעזונדערטן ווינ־קעלע, האבן זיך באגעגנט: רוביטש, קראַסאָווסקי און איך. דאס באגע־געניש איז געווען, ווי טאמיד, צופעליק. אונדזער צייט איז געווען צו באגרענעצט, קעדיי אפטער אַטהער ארייַנצוקומען, און ווען מע פלעג זיך ארייַנכאַפּן,— איז אויסגעטרונקען א גלעזל טיי, א פלעשל ביר, און גיך אוועק פונדאנען, פאראַרבעטע, צעטראגענע, מיט לאקאָנישע פראַזן, און אנגעשטרענגטע שמייכלען.

דאס מאל איז געווען א הארבסטיקער סליאָטע־אָוונט און גראד — זונטיק. רוביטש, רעדאקטער פון א טאג־צייַטונג, האט ניט געהאט זיך וואס צו אייַלן מיטן לייט־ארטיקל, און מיר האבן ניט באדארפט זיך כאַפּן לויפן אינדרויסן אינעם אומופהערלעכן גאָס־רעגן,— זייַנען מיר אלע דרייַ גערן געבליבן זיצן דאָ.

אַפן צווייטן שטאָק אין רעסטאָראן האט געשפילט א קווארטעט. ס׳האבן דערגרייכט אטהער ווייכע קלאנגען און אין דעם פארטישקעוועטן ווינקעלע איז געווען נאך ווארעמער, נאך היימלעכער. ס׳איז געווארן א שמועס וועגן פוילן, און דערנאך האבן קראסאווסקי און איך זיך דערמאנט וועגן אמאליקע פראָנט־געשעענישן — קראסאָווסקי האט בי־כלאל ליב געהאט צו דערציילן וועגן דעם — גערעדט זאַפטיק, בילדעריש און יעדן ארייַנגעצויגן אין שמועס.

און נאר רוביטש איז געזעסן אומבאַוועגלעך, מיט א געקנייטשטן שטערן און גרינגן, גוטן שמייכל.— אזוי האט ער שטענדיק אויסגעזען, ווען ער איז געווען מעכוץ פון דער רעדאקציע, באם אויסהערן לאנגע

פלוידערייען, און באזונדערס, בא זיכרוינעס. ער האט געקענט אויסהערן, צוציען צו זיך — און שוין. כאטש מע האט געוווסט, אז דער מענטש האט זיך ניט ווייניק אויסגעקאָכט אין קעסל פון די ערשט־פארגאנגענע איבערקערענישן.

— זײַ אזוי גוט, די פלאש, — האט ער געזאגט און צוגערוקט זיין קווערטל, ווען קראסאָווסקי האט פארענדיקט דאס דערציילן וועגן איינעם א פאַל. זיינע פינגער האבן עטלעכע מאל האסטיק ארומגעטאפט דעם קלעמער פון דער בריל — א סימען פון שטארקן אומגעדולד.

— און אָט... אט שטעלט אייך פאָר אזוי...

רוביטש האט זיך אף א רעגע ווי פארהאקט, מיר האבן זיך אָנגעשפיצט, צוגערוקט נעענטער.

— שטעלט אייך פאָר אזוי: פלוצים פאלט צו דער הימל. א רעגע, — פאר די אויגן, ווי א קאליידאסקאָפ, פליט בליצנדיק דורך א ברוין לייוונט. פון אלע זייטן — קלעפ. מוירעדיק דרייט א האנט. סע פאַטשט אין פאָ־נים. נאך א רעגע — און איר שטויסט זיך אָן, אז איר זיינט אין טעהאָם, סע לויפן אייך נאך, קייקלען זיך שטיקלעך ערד, פארשטויבן די אויגן. איר רייסט זיך אוועק נאך ווייטער — יעדער רעגע איז טייער — ווייטער פונדאנען! א קריך — וואַקלען זיך עפעס שטיבלעך, עפעס א געשטאלט, ווי א ווייסער פלעק, טוט זיך א ווארף פון א זייט. פון אונטער די פיס רייסט זיך א קליין טייכעלע, ווייטער, ווייטער! א געסעלע ברי־גראָז, אַ בוים, ווייטער!.. וועלדער קראַכן, מיט אויסטערלישן גערודער לויפן דורך הויכע פאפשויעס.

פאָק! — טרוקן, גרילציק, אבער ווייט, און אין אנדערן עק טייכל — הילכיק, צעדרייטצט ענטפערט אָפּ: טאַ־א־ק!..

איר זאמלט די לעצטע קויכעס, נאר די פאפשויעס, ווייזט זיך אויס, האבן קיין סאף ניט, — דאס פארעטערישע שורשען, דאס שורשען. און אַ פארסאַפעטער פאלט איר צו. איר קריכט נאך אביסל, איר נעמט זיך רעכטס, איר פארפלאָנטערט, פארבאהאלט די שפורן. איר בלייבט שטיין. דאס הארץ, ווי מעשוגע. דער קאפ, ווי אין צוואנגען. ווהין? וואס? ווי אַזוי? ניין! קאָנוולסיוו גראַבלט איר די ערד. איר שרעקט זיך פארן געדאנק, אַז מע קען אייך מיט געוואלד אפרייסן פונעם באָדן, אונטער דער ערד ארונטער! צעגאנגען ווערן! ווייל וואס קען זיין ערגער, ווי אוועקשטעלן זיך מיט ליידיקע הענט פאר א באוואָפנטן סוינע? פאלט איר צו מיט אן אויער צו דר׳ערד און הערט זיך צו. וויפל צייט סע

געדויערט, — ווער ווייסט: אַ רעגע, צען, עפשער א האלבע שא... און אַט — קנאקט עפעס, די פּאפּשויע שאָרכעט. מע גייט. פּאָרזיכטיק... גאזלאָניש... גנייוויש... וואס? יאָ־יאָ, מע גייט... אַנטלויפן? סע האט קיין זין ניט. וווהין? סע ווערט מיטאמאל קאלט אין בויך. א קריי־רעדיקע כוואליע טרעט צו צו דער ברוסט, פּארטרינקט זי. ס'איז ענג אין דער ברוסט, זייער ענג אין די קליינע, נישטיקע ריפּן. און סע ווערט אַזוי נימעס, שטיקנדיק צום ברעכן, און די פינגער גראָבן זיך איַין טי־פער און טיפער אין דער ערד. ניין אבער! סע קען ניט זיין! איר טוט זיך אָן א קויעך, קוועטשט צונויף די ציין, ציט זיך אויס, ווי א סטרונע, גרייט אף אלץ. איינער נאָר? — א וואָרף טאן זיך און אויסכאפּן די ביקס. אַבי די ביקס אין די הענט אַריין! און טאָמער צוויי? — אַלציינס. אַלציינס א ווארף טאן זיך! דערוף וועט נאך קלעקן קויעך. אזוי איז גרינגער.

— סססט...

און איבערן גאנצן לייַב, ווי מערעשקעס, קעלט און היץ, היץ און קעלט.

— סססט! נאך נעענטער.

האט איר שוין געהערט אזא גאזלאָניש סססיטשען? נאך אדאַיעם קלינגט עס מיר אין אויער. ס'אַן איידעלע אינקוויזיציע. ס'איז ווי א לאנגע, צעגליטע, אומגעהויער־ווייטיקדיקע אָל, וואס שטעכט דורך די איידלסטע ערטער. שוין בעסער שרייַען, בעסער גלייך א ווארף טאָן זיך, שלאָגן, נאר ניט...

— סססט... — גיבן זיי גלייך סימאנים. זיי זיינען צוויי, עפשער נאך מער. מ'האט באמערקט און מע רופט זיך צונויף. אט צעשארט מען די שטענגלעך, אט...

— סססט... Chodz tu! Antek... — אומגעדולדיקע שטילע רייד. פונערגעץ, ברעכנדיק די שטענגלעך, איילן טריט.

— Antek, niema co, on uciek.

— (אַנטעק, סע קיינער ניטאָ, ער איז אנטלאָפן).

— Uciek, mowisz, korwa go mac. — באַמקעט אן ענטפער מיט פאַרדראָס: — Uciek? a moze...

— Co moze? Morze scherokie i glembokie... Chodzmy.

— Ale jak ze?

— A niech go pioroh trasnie! Ia sobie na tem plocie majtki porwalen. Chodzmu! No?..

זיך נאָך אביסל געאַמפּערט, געשפּיגן. צום סאָף שטילערהייט וועגן עפּעס אָפּגערעדט, א קלונג מיט די קאַראַבינען־שלעסער, און אַוועק.

לײַכטער געוואָרן אפן האַרצן. אָבער מײַן לאַגע איז געווען א ביטערע, איצט וועט מען אופשטעלן אף די פיס די גאַנצע מאַכט, וואָס איז נאָר דאָ אין דאָרף, דעם גאַנצן „אַקטיוו”, פון זשאַנדאַרם ביזן לעצטן נישטיקסטן אָנהענגער פון זשעטשי־פּאָספּאָליטאַ. אײַן האָפענונג איז אַף דער נאַכט. דאָ מוז מען איבערוואַרטן ביז נאַכט און — מאַרש אַוועק. וווּהין? — דער רוּעך ווייסט. כ׳האָב פאַרלוירן די ריכטונג. ס׳וועט אויסקומען גיין און הערנאָך ווי עס איז זיך אָריענטירן.

ווען כ׳האָב זיך אביסל באַרויִקט, האָב איך באַמערקט, אַז פון מײַנע הענט, צווישן אָנגעקלעפּטער ערד טריפט דורך דאָס בלוט. אײַן נאָגל איז אינגאַנצן אָפּגעריסן, כ׳האָב אים מיט א פּאַפּשוי־בלאַט פאַרבאַנדאַזשירט. און דאָס ערגסטע: די אָרעם־קנעכל, ווי פרעמדע, צעהאַרגעטע, און די פיס — שווער, אָנגעגאָסן מיט בלײַ. דער ווייטיק האָט געוואַקסן, מידקייט האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן. כ׳האָב מוירע געהאַט, אַז די נאַכט וועט שלעכט פאַרגיין, און כ׳וועל בעשומויפן ניט קענען אויסנוצן דאָס פינצטערניש. א שוואַכקייט האָט מיך אַרומגעכאַפּט. כ׳האָב מוירע געהאַט פאַר אײן זאַך: וואָס ווען מע קומט, מע נעמט מיך, מע האַרגעט מיך, — וועט קיין אײנציקער טייל פון מײַן „איך” ניט קענען פּראָטעסטירן. — גיסט אָן, זײַט אַזוי גוט...

און כ׳בין אײַנגעשלאָפן געוואָרן. בין געשלאָפן לאַנג און שטאַרק. און ווי האָט מען געקענט ניט שלאָפן? פאַרגעסט ניט, אַז כ׳האָב שוין צוויי וואָכן אַרומגעבלאָנדזשעט. כ׳בין אַנטלאָפן פון פּוילישער געפאַנגענשאַפט. ווי אַזוי? וועגן דעם — אַן אַנדערס מאָל. כ׳האָב געוווּסט וועגן די דערפאָלגן פון אונדזער גרויסן אָנגריף, האָט עס מיך געטריבן, מיך מונטער געמאַכט.

אין די נעכט בין איך געגאַן און אין די באַטאָגן זיך אויסבאַהאַלטן אין די בוריאַנעס און וועלדער. יענע נאַכט בין איך דורכגעשווימען די סטריפּע, און פאַרטאָג באַגעגנט אף א טויבן וועג א פור. דאָס איז געווען א פויער פון פּאָדאָליע: די פּוילן האָבן אים גענומען מיט דער פור (דאָס גוטס פון אוקראַיִנע אַרויסגעפירט), אים פאַרטריבן אַזש ביז הינטער בוטשאַטש, און איצט איז ער אַהיים געפאָרן, מיט א דערלויבעניש שוין פון דער דעפענזיווע. ער איז ניט זיכער געווען, אַז עפּעס אַן אַקעגנקומענדיקער טייל וועט אים ניט הייסן פאָרן צוריק. דעריבער האָט

ער זיך געהאלטן אין א זײַט, אויסגעמיטן דעם גרויסן טראַקט. ס'איז ניט גרינג געווען אים אפצושטעלן. איך רוף אים מיט דער האנט און ער מאַכט זיך ניטוויסנדיק: העטיאַ, נאָ! — דרייט ער מיט דער בײַטש. שרײַ איך, און ער — גארניט. עפשער איז ער טויב, בלינד? — פארלויף איך פונ־פאָרנט. דאס פויערל האט א טפּררוקע געטאן און, ניט אפלאזנדיק די ווישקעס, מיט מוירע א קוק געטאן אף מיר.

— וואוהין גייט דער וועג, פעטער?

— אף באַרשטשעוו.

האב איך, הייסט עס, קיין טאעס ניט געהאט, געגאן ריכטיק.

— און ברויט האט איר, פעטער?

— ניטאָ.

— טא גיט אהער.

— ניטא דאָך, זאג איך...

— טא גיט זשע אהער, זאג איך!

פון קאפ ביז די פיס האט ער מיך אפגעמאסטן. ווייזט אויס, מיין אויסזעען און דער פאנים־אויסדרוק איז נאך געווען גענוג אימפּאָזאַנט, ווײַל ער האט זיך געקנייטשט, מיט כשאַד זיך אַרומגעקוקט. ארויסשלעפנ־דיק די טארבע, האט ער געפרעגט:

— און ווער זײַט איר דען?

— זעט איר אליין ניט?

(כ'בין געווען אין אן אלט פוילישן שינעלעכל, און אויך אַזאַ קאַשקעטל. כ'האב זיי דערטאפּט פארן אנטלויפן).

— יא, יא... אבער דאס...

— וואס?

— ווייניק מענטשן איצט... דאס... טײַכן פלייצן...

— דאס איז עמעס, פעטער, עמעס, — גיי איך אַיין, און אליין שטעק איך אףביידע באַקן, — איר זאגט עמעס...

— וואס דען... צעלאזט דאס פאלק. ניט קיין יוישער דיר, ניט קיין ראכמאָנעס. איינס נאר: מוטשען מענטשן, און פארטיק... — און קלאָגנ־דיק זיך, האט ער קורץ דערציילט וועגן זיין אומגליק מיט דער פור.

מיר האבן פארויכערט אזא מינעם גוטן געריבענעם טאַבאַקל, כאטש מיר זײַנען געווען אין א שטיל טאָלעכל, פונדעסטוועגן לאנג שטיין דא איז געווען א סאַקאָנע.

כ׳האָב זיך געניײַוויש ארומגעקוקט, און דער פֿויער, פּאַקנדיק דעם מאָמענט, האט א צי געטאָן די ווישקעס:

— נאָ־אָ!

און אין דער רעגע איז מיר אײַנגעפֿאַלן א געדאנק, א שלעכטער געדאנק, וואס האט מיך געבראַכט צו אלע ווײַטערדיקע געשעענישן. כ׳האָב אים פֿארהאַלטן:

— ווייסט איר וואס, פּעטער? איר פֿאָרט דאך אהין, ווו איך. לאָמיר אינײַנעם פֿאָרן, ווײַל סע נאך א גוטע מײַע געבליבן זיך טרייסלען... און אז מירן זיך דערשלאָגן, וועל איך שוין אין אײַך ניט פֿארגעסן...

ער האט אקשאָנעסדיק א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און א טרײַב געטאָן די פֿערד. איך בין אנטשלאָסן ארוף אפֿן וואָגן. ער האט זיך אָפּגעשטעלט, כ׳האָב אבער אים ניט געלאָזט אויסרעדן:

— פּעטער, פֿארשיט מיך מיט גראָז, פֿירט אונטער נאר ביזן פֿראָנט, און ווײַטער וועל איך אליין אויך ניט גיין. דערווײַל דאַרפֿט איר ניט מוירע האָבן, דא איז ווײניק כײַעל, און ווײַטער וועל איך אַליין אויך ניט גיין. אט אַזוי שיט צו אביסל און טרײַבט ווײַטער, און ווען מירן זיך דערשלאָגן... איר ווייסט דאך ניט ווער איך בין...

— אז ווער דו זאָלסט ניט זײַן, כ׳וויל ניט.

— וואַרט, פּעטער, — און וואס איך האָב אים אַלץ ניט צוגעזאָגט, אײַנגערעדט, געבעטן זיך, געדראָט, — דער פֿויער איז געשטאַנען אף זײַנעם. אבער אין צען מינוט ארום האָבן מיר זיך צונויפֿגערעדט. ער האט מיך געשאָלטן, אבער פֿאַרפּאַקעוועט אַפֿן דנאָ, פֿארטישקעוועט, ווי טײַערע זאַכן פֿאַרן יאריד. איך בין געליגן מיטן קאָפּ צו אים, קעדיי בעסער קענען זיך דורכשמועסן.

מיר האָבן אָפּגערעדט, אז ער גיט אַכטונג און וואָרנט מיך — אויב עפּעס אַן ערנסטע זאַך, וועל איך באַצײַטנס זיך באַהאַלטן אין די טוועס. עטלעכע מאָל האט ער מיך געשראָקן, אבער כ׳האָב אים ניט געגלויבט, כ׳האָב געוווּסט, אַז ער וויל זײַער פּאָטער ווערן פֿון מיר. סע געווען קלאָר, אז איצט האט ער נאך מוירע, נאר אָט וועלן מיר צופֿאָרן צום טראַקט — וועט ער אנהויבן זינגען גאָר אנדערש: פּאָשעט אַראָפּטרײַבן מיך פֿון וואָגן, אדער איבערגעבן מיך צו די סאָנים. א פּערספּעקטיוו, ניטא וואס צו זאגן. איין זאך נאר — ער האט אליין אויסגעמיטן דעם טראַקט. פֿאַרבײַ אונדז איז מען דורכגעגאַנגען, דורכגעפֿאָרן, גערעדט, געפֿרעגט, נאר כ׳האָב אלע מאָל געפֿילט, אז ס׳איז ניט געפֿערלעך. וויכטיקער פֿון

אלץ איז מיר געווען דאס, וואס כ'וועל זיך אויסרויען און געווינען אַ גאנצן טאָג. א גאנצן טאג! דאס איז צום קלענסטן א ווערסט פערציק,— דרײַסיק.

וואָס ווייטער איז מיר דאס הארץ געווארן עפּעס שוואכער. ס'האט געפעלט לופט. מע מוז אופשטיין, אפלאזן דעם פויער. אט נאך אביסל— און כ'שטיי אוף. מיר פאָרן, פאָרן. מיטאמאל טוט ער מיך א שטורך מיט דער בײַטש. וואָס?—מיליטער! אַסאַך! ארויס, ווי פון אונטער דר'ערד. גיכער אנטלויפן, גיכער!

אַן אײַלנדיקע שטים, אַן אָפּגעהאקטע. און איך קלער נאָך, כאָטש סע קילט אין הארץ.

— נו, קריך אַראפּ, הערסטו? אראפּ, אז ניט...

ווי א פעדערל בין אראפּ פון וואגן, און אין דערזעלבער רעגע האט פונהינטן עפּעס א קראך געטאן, א קוויטשע, א צעשיט זיך... כ'האב דערזען פונהינטן דאס דאָרף, גיך זיך א ווארף געטאן אהין. און ווייטער ווייסט איר שוין פארוואס און ווי אזוי בין ארײַן אין די פּאפּשוי־פעלדער און פארוואס איך בין געשלאפן לאנג און שטארק.

א רעגן האט מיך אופגעוועקט. ניט קיין רעגן— א גאנצער מאַבל. ס'האט דורכגענעצט ביזן ביין. כ'האב אויסגעקוועטשט מײַנע שמאַטעס און געשטעלט זיך אף א טרוקענערן אָרט. איצט בין איך געווארן דרייסטער, ווײַל אוועלכן סאָלדאט אדער זשאַנדאַרם וועט זיך גלוסטן קריכן אינעם טוי, און נאך אין אזא הויכער פּאפּשויע, און נאך אזא ניט־געלונגענעם נאָכשפּירן. כ'האב זיך ארומגעקוקט: רעכטס, אפן בערגל שטייען אנגעקלעפּט שטיבלעך. לינקס,— שארפע ראנדן פון אן אָפּגרונט, פון וועלכן בין היינט געפלויגן. און גאנץ נאענט, א טריט צוואַנציק ווייטער— א הויף. כ'האב זיך בעשומויפן ניט געריכט, אַז כ'וועל שטיין־בלייבן סאַמע הינטער אַ הײַזל. מיר האט זיך גאר געדאכט, אז איך בין אין אַנדערן עק גארטן. נו, אַזוי, אדער אזוי, נאָר כ'האב געמוזט זיצן שטיל, וואַרטן אף נאכט. זי— האב איך געטראכט— וועט שוין גיבן א אייצע, וועט ארויסהעלפן.

אַפן הויף האט מען אנגעהויבן קלאפּן מיט טירן, דערנאך צוויפּרופן די הינער. כ'געדענק א קינדערש קעלעכל האט עטלעכע מאל גיך אויסגעשריגן:

— א־בי אף אייך!.. א־בי!..

איך געדענק די זון. כ'האב נאָך אַזאַ שיינקייט ניט געזען! און עפּשער־געזען, נאָר גלייכגילטיק דורכגעגאַן. כ'געדענק אפילע א רויטינק זשוקעלע. דאָס זשוקעלע האָט דער רעגן פארשלייַדערט אַהער, ס'האָט זיך שטאַרק באַמיט, געוואָלט אָפּן בארג אַרויף, כ'האָב מיט פרייד דעם געהאָלפן. און דעמאָלט האָט מיך באַזונדערס געפּייַניקט דער געדאַנק: וועט מען מיך טאַקע כאַפּן? ס'האָט זיך נאָך שטאַרקער פאַרוואָלט לעבן, אומבאַדינגט פאַרענדיקן מיין אַנטלויפן. לעבן!

יאָ... אָבער מיין שטימונג איז גיך געפאַלן. מיינע הענט זיינען בלאָו געוואָרן, בין איינגאַנצן איינגעשרומפּן. דער אָוונט האָט זיך קיל אָנגערוקט... כאָטשבי אויפשטיין, א מאַך טאָן מיט די הענט — וואָלט דאָס בלוט זיך דערוואַרעמט, נאָר כ'בין געבונדן. עמעס געבונדן. כ'קען אפילע די הענט ניט א רייַב טאָן, נאָר איך כוקע אָף זיי. א אידיאָטישע לאַגע!

נאָר פּלוצים — א שורשען. וואָס קען עס זיין? און דאָס שורשעט און שורשעט. בלייבט שטיין אָף א מינוט און ווידער שורשעט, דערנענטערט זיך. כ'האָב ניט באַוויזן זיך צו אָריענטירן, ווי די געדיכטע גראָזן האָבן זיך צערוקט און פאַר מיר האָט זיך באַוויזן... א פרוי. א בינטעלע גראָז איז אַרויסגעפאַלן פון אירע הענט. זי האָט א קלאַפּ געטאָן מיט די דלאָניעס, בלאַס געוואָרן, עפּעס קורץ א שעפּטשע געטאָן און פאַרגליווערט געוואָרן.

מיר האָבן לאַנג געשוויגן, צוגעזאָטן צו דער ערד, פאַרזינקען די צעשראָקענע אויגן איינער אין צווייטנס.

— האָט קיין מוירע ניט... — האָב איך אָנגעהויבן שטיל, — האָט קיין מוירע ניט... שווייַגט... איך... בויגט זיך אַראָפּ, אַז ניט וועט מען אייך דערזען. בויגט זיך אַראָפּ...

זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן, ווי פאַרהיפּנאָטיזירט.

— איך בעט אייך זייער, שווייַגט. זאָגט קיינעם ניט וועגן מיר. איר הערט? כ'וועל אייך קיין שלעכטס ניט טאָן. כ'וועל זיך זיצן ביז נאַכט און וועל שטילערהייט אַוועקגיין. שטיל אַוועקגיין און קיינער וועט גאָרניט וויסן.

זי האָט זיך ניט באַוועגט. נאָר געקאָלופּעט מיט די לאַנגע וויעס.

— און אויב איר וועט זאָגן, וועט מען מיך האַרגענען. איר הערט?! מ'וועט האַרגענען.

די פרוי האָט באַרויִקט אָפּגעאָטעמט:

— יעזוס־מאַריאַ... זיינט איר טאַקע דערזעלבער?..

זי האט מיך גענויער ארומגעקוקט. די שרעק איז פּאַמעלעך אראָפּ פון איר פּאָנים, זי האט א שאָקל געטאן מיטן קאָפּ.

— און דא, — זאגט זי, — האט מען נאך אייך ארומגעיאגט, געיאָגט... באַ די שכיינים און דא...

— כ'ווייס, כ'ווייס... זיי וועלן דערהארגענען אומזיסט און אומנישט — האב איך צוגעגעבן. געוואלט געווינען איר מיטגעפיל.

דעמאלט האט זי מיך אנגעקוקט אנטשלאָסן און דורכדרינגלעך. אין אירע גרויסע שווארצע אויגן איז פאר איין רעגע דורכגעלאפן אי מורע, אי כשאַד, נייַגעריקייט, צווייפל, ראכמאנעס, ריין כייַעשער שרעק, און ריין פרויִשע ווייכהערציקייט, צערטלעכקייט.

— ווער זיינט איר? — פרעגט זי.

— אן אנטלאפענער.

— אבער ווער?

— און וועמען האבן געזוכט די סאלדאטן?

— אבער ניט קיין מאסקאַל? —

— איז אייך דען ניט אלציינס?

— איר זיינט ניט קיין מאסקאַל, — זאָגט זי, — איר רעדט אפילע רוּ־טעניש.

— א מענטש בין איך... ניט קיין גאנעוו, ניט קיין מערדער, איך שווער. און מיך פארפאָלגט מען, מיך וויל מען דערהארגענען...

זי האט נאָכאַמאָל א שאָקל געטאן מיטן קאָפּ און אזוי שטיל, האַר־ציק.

— אָרעמינקער, — זאָגט זי.

אין איר שטים האב איך געהערט א מוטערלעכקייט, עפּעס אוראַלטס, אומגעהויער־צאַרטס. „אָרעמינקער" — דאס איז געווען גענוג.

זי האט האסטיק גענומען צונויפזאַמלען דאס צעשיטע גראז, נעמט צונויף און פאַרענטפערט זיך:

— דער פּאַסטעך האט היינט איבערן רעגן צו פרי געבראכט די קו, טראכט איך מיר, כ'וועל גיין אנרייַסן אַביסל גראז. און אט האסטו דיר... נו, זיצט אייך, האט קיין מורע ניט.

און איז אַוועק אין גאָדיכטעניש. כ'בין צעטומלט געוואָרן. דאס, „יע־זוס־מאַריאַ"... ווער זשע איז זי? כ'קען זיך ניט דערקלערן. און דער־קלערן זיך מוז מען, ווייַל פון דעם איז אפּהענגיק זייער אסאַך. און טאָמער איז זי טאקע אַ פּוילישע, און וועט באַלד לויפן מיך אויסגעבן?

ניין, מע מוז אַנטלויפֿן. דערווײַל, וואָס עפּעס, מוז מען איבערגיין אַף אַן אַנדער עק גאָרטן. וואָס גיכער פֿונדאַנען. שנעל!

ווי איך האָב נאָר געגומען קריכן — ווידער אַ שורשען. אַוואַדע! כ'האָב, הייסט עס, קיין טאָעס ניט, מע איז געקומען נאָך מיר. אַ סאָף, פֿאַרפֿאַלן. די זאַנגען צעשאַרן זיך — ווייסט איר ווער? — דיזעלבע פֿרוי, מיט אַ צווײַגעלע אין דער האַנט. פֿאַרוווּנדערט קוק איך זי אָן: וואָס וויל זי נאָך? און זי:

— איך, — זאָגט זי, — האָב עס באַהאַלטן, מע זאָל זיך גאָרניט אָנשטויסן... און נעמט אַרויס געהיים פֿון אונטער דעם צווײַגעלע אַ קריגל מילך.

פֿאַרשטייט זיך, כ'האָב זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן. נאָר דערמאָלט האָט זיך מיר שוין אָנגעהויבן די פֿאַרפֿאָלגונגס־מאַניע. און וואָס, אַז זי פֿאַרקויפֿט מיך פֿאַר אַ קוואָרט מילך? וואָס, אַז זי האָט דערווײַל געשיקט אין וואָלאָסט און פֿאַרעדט, פֿאַרהאַלט מיך? וואָס?.. גאָרנישט. מע קען גאָרניט טאָן, זיץ און וואַרט. זיץ איך און וואַרט. ביז איצט איז זי געווען רויִק, קיין סימען ניט פֿון פּראָוואָקאַציע. געשיקט זיך עס זי מאַכט נאָר אַן אָנשטעל, שפּילט אַזוי גוט? ווערט טאַקע פֿאַרקויפֿן?.. ניין, סע קען ניט זיין, ניין, ווערט ניט אויסגעבן...

ערשט איצט זיך צוגעקוקט צו איר: אַ בלאָנדע, אַ מיטעלער וווּקס, גאַנץ ריכטיקע געזיכטס־צוגן. ס'איז צוזען געווען, אַז זי איז צו פֿרי געעלטערט. אירע לאַנגע־לאַנגע ווייעס זיינען נאָך שיין געווען און אין די אויגן איז געווען נאָך פֿרישקייט און יוגנט, נאָר דעם אַלגעמיינעם אויסדרוק פֿון ווייכקייט האָט געשטערט עפּעס אַ מאָדנע, איבעריקע שטרענגקייט.

זי ווערט פֿאַרקויפֿן?.. אַלצייִנס! — אַקעגנשטעלן זיך איז אומעגלעך.

דאָס קריגעלע האָט געציטערט אין מיינע הענט, די ציין האָבן געקלאַפּט אינעם ראַנד. כ'האָב שוין געשלונגען איבערן קויעך. ניט געקאָנט מער טרינקען, כאָטש כ'האָב זיך מיט פֿרייד געכאַפּט צו דער מילך. כ'האָב געפֿילט, אַז כ'האָב זייער אַ קלאָגעדיק אויסזען.

— מע האָט אייך געשלאָגן? — פֿרעגט זי.

— ניין.

— און פֿון וואָס די סיניאַקעס?

— ס'האָב איך זיך אַליין... באַם לויפֿן...

— אָרעמינקער.

כ'האב אפגעדאנקט, אפגעגעבן דאס קריגל.

— איר האט אפילע ניט אויסגעטרונקען? ס'איז אייך זייער קאַלט? וואָס איז מיט אייך? איר קענט איצט אפילע קיין טריט ניט טאָן?..

דערהערט דאס פון פרעמדע ליפּן, האב איך זיך שטאַרק דערשראָקן, האב זיך איבערצייַגט אין מייַן קראנק ווערן. אבער — טראכט איך מיר — אָפּלאָזן טאָר מען זיך ניט, — עפּשער פרעגט זי נאָר אויס?

— ניין, — זאג איך, — ניט קאַלט.

— ניט קאַלט, וואס זשע זיינט איר גרין?

— אַזוי זיך... דער ארום איז גרין, בין איך אויך גרין, — האב איך געפּרוּווט זיך אויסדרייען מיט שפּאַס.

— וואָס נאַרט איר מיך, כ'זע דאָך... האָט קיין מוירע ניט. איר טאָרט אינערגעץ ניט גיין. איר מוזט אפּרוען. כאָטש אַ טאָג-צוויי. האט ניט מוירע... זיצט דאָ אָפּ איבער נאכט און דערנאָך וועל איך קומען און וועל אייך ווי עס איז אויסבאהאלטן. גוט?

— גוט.

כ'האב אומיסטן ניט פארפירט קיין איבעריקע פּלאַפּלערייַען, קעדיי גיכער בלייבן אליין און באַטראַכטן מיין לאַגע. די פרוי איז אַוועק. ווי איר זעט, האט מיר געגליקט. אומדערוואַרט באַקומען אַ באַהעלטעניש און אָפּרו.

אויב ביז איצט איז קיינער נאָך מיר ניט געקומען, האב איך, הייסט עס, איבערגעטריבן. און טאָמער לייגט זי פּאָר דעם אָפּרו מיט א געהייַמען געדאנק, מיך צו פארהאַלטן, ווייל ס'האט איר ניט געפּאַסט דאָ לאַנג צו זיצן? דער רועך ווייסט... אַלנפאַלס, וועט ביז באנאַכט אַלץ קלאָר ווערן. אַזוי, צי אנדערש, אַנטלויפן קען איך ניט. צי ברענגט מיך די פרוי אין הויז, צי ניט — אַלצייינס. וועט מען ארומרינגלען — איז פאַרפאַלן. אַף יעדן פאַל האב איך באשלאָסן זיך איבערוקן אַפן צווייטן עק גאָרטן. זיך איבערגערוקט און האב פארשטאנען, אז די נאכט איז פאר מיר פארפאַלן. דער גאנצער קערפּער איז שווער און ווייטיקדיק. אַפילע זיצן איז שווער. די אויגן קלעפּן זיך. כ'דרימל. כ'וואַרף זיך דורך, הער זיך איין, און, ווי שיקער, ווידער צוריק אַף דר'ערד.

ס'איז שוין אינגאנצן פינצטער געוואָרן. די נאַכט איז שטאַרק און געדיכט, ווי שמירעכץ. פאַר אַנטלויפן — א מעכייַע. נאָר כ'קען ניט, כ'קען בעשוםויפן ניט.

דערנאָך האב איך זיך פאמעלעכן איבערגעקליבן צום הויף. איז מען ביז איצט ניט געקומען — הייסט עס, די פרוי וויל מיר העלפן. כ'האב ניט

באַדאַרפט קיין סאַך וואַרטן. און ווו האט זי זיך אויסגעלערנט אזוי שטיל און לײַכט זיך גאַנווענען? כ׳האב געגעבן א סימען. סע האט זיך אַרויסגעוויזן, אז זי איז שוין איין מאל געקומען, מיך ניט געפונען. יִסורים געהאַט — כ׳וועל פארפאלן ווערן אַפן וועג.

מיר זיינען צו צו דער שטוב. די פענצטער פעסט פארהאַנגען מיט שאַלעכער און לײַוונט. אַפן טיש — א לעמפל. אין שטוב איז, כוץ אונדז און אַ יִינגעלע, וואס איז געשלאָפן אַפן דיל, קיינער ניט געווען. די באַלעבאָסטע האט אַרויסגענומען פון אויוון א טאָפּ וואַרעם וואַסער און געהייסן זיך ארומוואַשן. דערנאך האָט זי ארויסגעטראגן פון קאַמער אַ פאָר געלאטעטע הויזן, א העמד און א ברוין פידזשאַקל. זי האט זיך געפאָרעט לעבן מיר, ווי א מוטער לעבן א זון, און כ׳האב זי געמוזט אלץ פאָלגן. אָונטברויט עסן האב איך זיך אָפּגעזאָגט — ס׳האט מיך ניט געצויגן צום עסן. דעמאלט — אָט הערט אויס, ווי מאָדנע סע האט מיר געגליקט — דעמאָלט האט זי מיר אנטוויקלט אירע פלענער: איך מוז זיך פאַרוואַנדלען אין יאַסקע מידוך, אירן א ווײַטן קאָרעוו פון סטאַרע זאלישטשיק, פון וועלכן מ׳האָט אינעם דאָרף געהערט, נאָר מ׳האט אים קיינמאָל ניט געזען — דאס איז אף יעדן פאל. און דערווײַל: אָט־אָ־דאָ, באַלד באַם טײַכל, ווינט איר פעטער, לעבט אינצווייען מיט זיין באַבע. זיי ווייסן וועגן מיר, געזען ווי כ׳בין אנטלאפן, און מע גלויבט ניט, אַז איך בין לעבן געבליבן. זיי זיינען אָרעם, לעבן אפגעזונדערט, און דערפאר טאַקע איז בא זיי זיכערער — מע קען זעלטן טרעפן דארט אומגעבעטענע געסט. מיט זיי איז אלץ אפגערעדט, און די אלטע לײַט וועלן צופרידן זיין העלפן א מענטשן אין אַ קלעם. אַטהין מוז מען גיין. באַלד טאקע, טייקעף. כ׳האָב גארניט געהאט קעגן. כ׳האב ניט דערוואַרט אַזאַ מיטלייד. זיך געכידעשט אף מיין דערלייזערן, אַף איר פלינקייט, איר דרייסטקייט! — אַזאַ גוט הארץ!

שטילערהייט זיינען מיר איבערגעגאַן דאס בריקל (די פרוי האט מיך אונטערגעהאלטן), שטיל זיך אַרייַנגעשליכן אין הייזל. כ׳האב געהערט, ווי מעשוגע ס׳האָט געקלאַפּט איר הארץ. און אין עטלעכע מינוט שפּעטער בין איך שוין געליגן אין פינצטערניש, צוגעדעקט מיט עפּעס אַ לײַוונט, און אונטער דער באַגלייטונג פון שלעפעריקע זיפצן פון שאָף געגלויבט אין לעבן.

פון אָט־אָ־דעם אָוונט אָן בין איך ווי אַרייַנגעפאלן אין טעהאָם פון געהענעם. כ׳האב פארלוירן דעם באוווסטזיין. פיבער, נעבל, מעשוגאעסן...

און אין די קורצע ווײַלעס פון דערלײַכטערונג, האבן מײַנע אויגן אנגע־טראפן עפּעס א טונקלע געשטאלט, וואָס האט זיך געוויגט לעבן מיר. דער בוידעם מיטן אָפּגעזונדערטן, פארשטויבטן ווינקל האט אויס־געזען, ווי א טרוגע, פון וועלכער ס'איז אומעגלעך זיך ארויסצורייסן. אַ קאַלטער שווייס האט נאך שטארקער באדעקט דאס לײַב. ווידער געפאלן, ווידער א טעהאָם, געביסן זיך, געשריגן...

בין קוים געקומען צום סייכל, אז דאס הויבט זיך שוין אָן דער דרי־טער טאָג. דער פיבער האט אין מעשעך פונעם טאָג נאך עטלעכע מאָל געמאַכט אן אָנגריף, דערפאַר אָבער צו נאכט צו, ווען געוויינלעך יעדער קרענק שטײַגט העכער, איז צו דער נאכט צו, האט זיך בא מיר גארניט געענדערט. כ'האָב געכאַפּט א פּלוצימדיקע, שאַרפע פאַרקילונג, וואָס האט זיך פון מידקייט נאָך מער פארשטארקט. פון מידקייט, ווייטיק און נער־ווזן צושטאנד. כ'האב זיך אליין געשטעלט דעם דיאגנאָז און געקומען צום אויספיר, אַז מײַן לאגע איז גאר ניט אַזוי שלעכט. אויב ס'איז גרינגער, הייסט עס, אז דער קריזיס איז פארבײַ און כ'וועל זיך שוין אַרויסדראפּען. נאר דער הוסט האט מיך געפּײַניקט. דאָ מוז מען זיצן שטיל, און ער, ווי אַפּצעלאָכעס: בוך־בו, בוך־בו! כ'האַלט זיך אײַן, אַזש טרערן אין די אויגן, דאס בלוט שמײַסט אין קאָפּ אַריין, אבער ס'העלפט ניט: סע שיסט ארויס! — בוך־בו! און טאָמער שטייט גראד א שאָכן אין הויף.

ווען מע האט אריינגעטריבן די שאָף, איז געווארן גרינגער. אויסנוצנ־דיק זייער כראָמטשערײַ, האב איך זיך געקענט אופירן פרײַער, אויסהוסטן זיך וויפל דאס הארץ גלוסט. כ'געדענק, אז דורכן לעכל, וואָס צווישן די „סניפּקעס", האָט אריינגעקוקט א פאסיקל הימל. כ'האב זיך ניט געקענט אָפּרײַסן פון דעם פאַסיקל, אַזאַ ווײַטס און קליינס. כ'האב דערפילט, אַז ס'איז אלץ קעדײַ, אַפילע קרענקען א כוידעש, געכאַפּט ווערן, געפאנגען ווערן, נאָר אַנטלויפן וועל איך סײַוויסײַ.

ווען אין מײַן פרימיטיוון פענצטערל איז פארגליווערט געווארן די נאַכט, איז אפן בוידעם שטיל ארופגעקומען זי — איר פארשטייט שוין ווער. כ'האב זי טייקעף דערקענט. אבער צוליב גרויס פאָרזיכטיקייט, בין איך געליגן שטיל, אומבאוועגלעך, ווי ניט לעבעדיק. זי האט אויך גע־שוויגן. דערנאך גענומען שאַרן מיט די הענט, אָנגעטאַפּט מײַן פּאָנים, צוגעפאלן מיט דער האנט צום שטערן, דערנאָך פאמעלעכן אראפּגערוקט זי נידעריקער. און דעמאלט, — נו, מוז איך אײַך דען דערציילן, וואָס

באדייט אַ צערטלעכקייט פאַר אזא כייעש־פאַרפאַלגטן מענטשן, א טראָפּן צאַרטקייט פאַר א פארגרעבטן סאָלדאט? — ס'איז ניט קיין סאַנטימענטן. דעמאלט האב איך שטארק געוואלט א קוש טאָן די זאָרגנדיקע, געטרייע האנט. כ'וואלט, עפשער, טאקע א קוש געטאָן, נאָר פלוצים האט א שטעכיקער הוסט מיך א כאַפּ געטאָן און כ'בין צוריק געפאלן אפן קישן. זי האט אייַלנדיק מיר אונטערגעטראגן וואסער, און פארזאָרגט מיך אויסגעפרעגט וועגן מיין קרענק. האט זיך געפרייט, וואס כ'פיל זיך שוין בעסער, און ווען כ'האָב איר געזאגט, אז איר איבערגעגעבנקייט ווייס איך גארניט ווי צו שעצן, האט זי מיך באשיידן איבערגעריסן:

— ווערט גיכער געזונט, וועט זיין פיין.

מיר האבן גערעדט מיט פארשטיקטע שטימען. ביידע אָנגעשטרענגט, זייענדיק מיר געווען אין דעם פינצטערן ווינקל, ווי צוויי גאזלאָנים פאַר א פאַרברעכן. צווישן אונדז איז, קעגן אונדזער ווילן, געוואקסן א וואַרעמע נאָענטקייט, ווי צווישן גוטע כאווירים.

איר נאָמען איז האַנאַ. סע האט איר געפּאַסט. מיט דעם נאמען האט זיך בא מיר פון שטענדיק אָן אַסאָציאירט עפּעס א פרייַעס, אומגעוויינלעכס, מיט אסאך גוטע אדער שלעכטע מעגלעכקייטן. און ווי איר וועט דערקענען שפּעטער, האב איך קיין טאָעס ניט געהאַט.

דער פיבער האט מיך טאקע גוט אויסגעמאַטערט. ס'האָט מיר שוין געפעלט ענערגיע צום שמועס. כ'האב נאר אויסגעהערט. און אויך דאס הערן איז אלץ שוואכער געווארן. די פרוי האט מיר צווויסן געגעבן, אז באַם ארייננאנג־טירל שטעלט מען אוף באַנאַכט א לייטער. דערנאך האט זי אויסגעפרעגט, צי איז מיר ניט קאלט, צי סע פעלט מיר עפּעס ניט. און שפּעטער — כ'דערמאן זיך שוין ניט איבער וועלכע סיבעס — האט זי דערציילט וועגן זיך. ס'איז מיר שווער געווען צו הערן אלץ לויטן סיידער, נאָר פון אייניקע זאַצן האב איך צונויפגעבונדן דאָס וויכטיקסטע: א יאָר זעקס צוריק האט זי כאסענע געהאט. איין יאָר געלעבט מיטן מאַן, און מ'האט זיי צעשיידט — דער קייסער האט אים, יעווגעניִן, דאכט זיך, גערופן אף דער מילכאָמע, אַזש אף די ווייַטע אַלפּן.

צוויי מאָל האט ער זיך אראפּגעכאפּט אהיים, צוגעזאָגט אינגיכן איננאנצן קומען, און איז אוועק — ווי מיטן ווינט אוועקגעטראגן. ס'האט עמעצער איבערגעגעבן, אז מע האט אים געזען אין געפאנגענשאפט, און אַז מע לאָזט אים ניט ארויס פון די קאָנצלאַגערן און, אַז ער קלויבט

זיך אנטלויפן... אבער דאס איז שוין געווען לאנג... פון יעווגעניִן איז קיין יעדיע ניט געווען — כאָטשבי איין וואָרט.

— אָרעמער... עפשער איז אים דארט אויך ביטער... עפשער וועט עפּעס א גוט הארץ אים אויך ערגעץ אויסהעלפן...

איר קאָל האט געציטערט. זי האט, ווייזט אויס, געוויינט, איינהאלטנדיק די טרערן. כ'האב געוואלט זי באַרויִקן, איר אונטערגעבן האָפענונג, נאָר זי האט זיך אופגעהויבן, און ניט־זאָגנדיק מער קיין וואָרט, פאַרשוווּנדען.

אינדערפרי האב איך זיך דערפילט בעסער און געפּרוּווט אופשטיין, די פיס האבן מיר געציטערט. כ'בין צו צו א שפּעלטיקל און — איר ווייסט וואָס? — דאָרט אַפן הויף, בא א זוניקער וואַנט איז געשטאַנען, מיט איין פוס אַף דער פריזבע, א פוילישער סאָלדאַט און מיט פלייַס געפּוצט זיך די שטיוול. כ'בין אַזוי מעוולבל געוואָרן, אַז כ'האב זיך אַזש פאַרגעסן אָפּצורוקן. דער סאָלדאַט טוט זיינס, און איך קאָן זיך ניט אָפּרייַסן פון זיין רויטן האַלדז, וואס איז באַברעמט מיט גאַלונעס. כ'האב געמאַכט א א לעכל אין אַן אַנדער אָרט, צוגעפּאַלן צו דעם מיט אַן אויג, און אין דער רעגע טוט זיך דער סאָלדאַט א דריי אויס און קוקט גלייך אַף מיר. דאָס האַרץ האט זיך מיר אָפּגעריסן. דער סאָלדאַט האט זיך א צי געטאָן. און ווייטער? ווייטער האט ער א מאַך געטאָן מיטן בערשטל און זיך געלאָזט גיין צו דער שטוב. ווייזט אויס, ער בלייבט דאָ א לענגערע צייט! ער איז עפשער ניט אַליין. און אַוואַדע: ווען כ'האָב א קוק געטאן דורכן פענצטערל אַפן דאָרף, האב איך דערזען — אַף די גאַסן, אין די הויפן און גערטנער אַסאַך גרוילעך־בלויע מערעשקעס. אט האסטו דיר!.. כ'האב אַפגיך באַטראַכט די סיטואַציע. ווען מע זאָל מיך, אשטייגער, טרעפן אין שטוב, אָדער אין הויף, וואָלט איך זיך געקאָנט אָנרופן יאַסקאָ מידוך. ווען ניט מיין קרענק, וואָלט בעסער געווען אַראָפּלאָזן זיך שטילערהייט אינדרויסן און זיך א צערייַב טאָן צווישן אוילעם. — אַן אוטאָפּיע, אוממעגלעך! א דריי אַהין, אַטהער — סע בלייבט מיר נאָר דער בוידעם, און אויב א באַגעגעניש איז אומפאַרמיידלעך, וועל איך מוזן זאגן דעם גאַנצן עמעס, נאָר, פאַרשטייט זיך, וועגן מייַנע באַלעבאַטים מאַכן א שווייַג. זאגן, אז בין אַריין אַטהער אָן קיינעמס וויסן. אַזוי. אָבער דאס אָנטאָן, דאס קריגל וואַסער, דער קישן, דער צודעק? כ'האב זיך האַסטיק גענומען צו דער אַרבעט. סע רעדט זיך נאָר האַסטיק, ווייל מע האט זיך געמוזט היטן פאַר יעדן שאָרך, קלאַפּ, און כ'האָב געמוזט היטן יעדן שריט, ווייל

די בּרעטער אַפן בּוידעם זיינען געגאַן כאָדאָראָם. פאַרבּאַהאַלטן, פאַר־מאַסקירט סיי דעם קישן, סיי דעם צודעק. דאָס קריגל געשטעלט בּאַם עק וואַנט, קעדיי אין א קריטישן מאָמענט עס קאָנען אַראָפּשטופּן אַף דר׳ערד אינעם גראָז. נו, און דאָס אָנטאָן? דאָס אָנטאָן?.. און דאָ האָב איך א טראַכט געטאָן: נו, א וואָסערן טיפּעש וועט זיך פאַרגלוסטן קריכן אַפן בּוידעם, אויבּ כ׳וועל אַליין ניט אויסזאָגן זיי? איר לאַכט? כ׳האָבּ אויך דעמאָלט א לאַך געטאָן, זיך גוט אויסגעשאָלטן, אָבּער די דעקאָראַציע ניט געבּיטן. עפּעס א זיכערקייט האָט מיר צוגעגעבּן מוט. כ׳האָבּ זיך אַוועקגעלייגט אַף דער הוילער ערד און די גאַנצע ענערגיע אָפּגעגעבּן אַף קאַמף מיטן הוסט.

אין מעשעך פון טאָג האָבּ איך אייניקע מאָל געקוקט דורך מיין פּריי־מיטיוון פענצטערל. כייעל האָט זיך אָן אופהער געדרייט. דאָס דאָרף האָט געהודעט. ס׳האָט א זעץ געטאָן א ניט־קלאָר, מאָנאָטאָן ליד, וואָס האָט זיך בּאַלד איבּערגעריסן. פערד האָבּן געהירזשעט. עפּעס זייער קריציק האָבּן געקלינגען עמער. צוויי מאָל האָט זיך געהערט אויסשיסן.

אַזוי, אַרום מיטאָג־צייט, אַפן ראָג פון צוויי גאַסן האָט זיך בּאַוויזן א בּאַטאַרייע. ווייזט אויס, א גאַנץ פּאָלק האָט געבּיטן די פּאָזיציעס. אָבּער צוליבּ וואָס איז ער מיט האַק־און פּאַק אַריין אין דאָרף? — אַזוי געשעט, ווען מע אַנטלויפט, אָדער ווען מע איילט אַפן פראָנט. מע איילט? — אויסגעצייכנט! ערשטנס, געזעגענען מיר זיך שוין; צווייטנס, הייסט עס, אַז אונדזער דערפּאָלג אַפן פראָנט אַנטוויקלט זיך. וווּנדער־לעך! — ליגנדיק אַפן בּוידעם, דערנעענטער איך זיך צו מייניקע. אָן אַנטיק! און פון דער הויך פון מיין בּאַהעלטעניש האָבּ איך קימאַט מיט שטאָלץ, מיט יינגלשן כוצפּעדיקן געפיל אַראָפּגעקוקט אַפן צערודערטן סוינע.

דער בּאַלעבּאָס מיינער... כ׳האָבּ אים ערשט איצט דערזען, — א מאַ־לעריש געשטאַלט: הויך, דאַר, אין א לאַנג־גראָבּ העמד בּיז די קני, אונטערגעגאַרטלט מיט א לעדערן פּאַסיקל, אין היימישע שטיוואַליעס. אַפן עטוואָס־צוריקגעבּויגענעם קאָפּ איז א ווילדע גריווע גראָוקייט, וואָס האָט, אַלס פּאָן, נאָך מער בּוילעט געמאַכט זיין צימרינג־פּאָנים. ווייסע צעדרייטע בּרעם־פליגעלעך, אַראָפּהענגענדיקע וואַנסן און אין די ציין — א לאַנגער, ווי אַף אייבּיק צוגעשמעלצטער פּאַיאַר *. צו דעם גיט נאָך

---

* פּאַיאַר — הוצלישע ליולקע מיט א לאַנגן ציבּעק.

צו פּאַמעלעכע באַוועגונגען און א געקאַרבטן שטעקן מיט סוקעס; גיט צו א טיפן, פילגעפּרוּווטן בליק — און אַף אייך וועט באַלד אַן אַטעם טאָן מיט טאַטרע־בערג, מיט שטרענגער שיינקייט פון פאַרקלערטן ביינ־אַשמאָשעס, מיט לעגענדעס... און אָט־אָ דעם אַלטיטשקן איז באַשערט... ניין, אָבער, כ׳וויל ניט פאַרלויפן אַף פריער. וועגן דעם — ווייטער אַביסל.

אָט, מיין באַלעבאָס גייט פּאַמעלעכקע איבערן הויף און א סאָלדאַט ווענדט זיך מיט אָפּשיי צו אים:

— Ojcze — (פאָטער).

דאַכט, אַז זיי האָבן גערעדט פויליש. און כ׳דערמאָן זיך, אַז כ׳ווייס נאָך אַלץ ניט ווער זיינען עס מיינע באַשיצער: פּאָליאַקן, צי אוקראַינער? כאָטש קיין באַזונדער באַדייט האָט עס ניט. נאָר גלאַט אַזוי, צוליב אָריענטאַציע...

דער סאָף טאָג איז אַראָפּ אָן שום באַזונדערקייטן. כ׳בין רויִק אַנשלאָפן געוואָרן. באַנאַכט האָט מיך אופגעוועקט א ריר פון א האַנט. א גראָבער ריר פון א האַנט צום פּאָנים. כ׳בין אופגעשפּרונגען, נערוועז א געשריי געטאָן.

— ששש... מע טאָר ניט.

קוים־קוים וואָס סע גרויט דאָס בוידעם־פענצטערל. סע טאָגט, צי ס׳איז א גרויע נאַכט. לעבן מיר איז א פרוי.

— דערשראָקן זיך?.. גאָרניט, גאָרניט... אַלץ וועט גוט זיין.

און לאַכט מיך אויס, אַז איך בין א פּאַכדן, אַז אומזיסט האָב איך דאָס בעטגעוואַנט באַהאַלטן און וואַלגער זיך, ווי א בעטלער. דאָס כייעל איז שוין גאָר אַוועק. מ׳זאָגט, אַז נאָך כאַיאַלעס וועלן גיין. אומרויִק. דאָ בלייבן קאָן מען ניט. אייניקע לויפן גיך דורך און אַנדערע וועלן זיך דאָ לענגער פאַרהאַלטן. וואָס־זשע טוט מען ד׳עמאָלט? — אָן וואַסער, אָן באַדינונג! אַף אַן עמעס, סע זאָל ניט געשען עפּעס. ווי מע זעט, איז דעם פעטערס הויף אויך ניט קיין באַוואָרעניש. בעסער איז אַוועק פונדאַנען ערגעץ אין א מער־זיכער אָרט. און אָט וויל זי כ׳זאָל איבערגיין צו איר אין שטוב. זאָל עס פאַר די שכיינים קיין סאָד ניט זיין, אַז יאַסקאָ איז אומדערוואַרט געקומען צו גאַסט און איז קראַנק געוואָרן.

דאָרט וועל איך רויִק ליגן אַפן אויוון. וועמען וועט איינפאַלן זיך טשעפּען צו א קראַנקן? דאָרט איז דאָס זיכערסטע. דאָרט וועל איך גיכער געזונט ווערן. אָט גייט זי אַהיים און איך זאָל אויך מיטגיין, קאָלזמאַן ס׳איז נאָך טונקל.

האַנאַ האט גערעדט זיכער און אַנטשלאָסן, גלייך זי האט אירן אַן אונטערטעניקן אָפּגעגעבן א באַפעל. ס'איז מיר ניט אויסגעקומען זיך אַקעגנשטעלן. אין א שאָ אַרום בין איך אַראָפּ אף דר'ערד און זיך אָוועקגעשלעפּט. שווער געווען צו גיין. ליגנדיק, האב איך ניט גערעכנט, אַז כ'בין אַזוי אָפּגעשוואַכט. איצט איז עס מיר קלאָר געוואָרן, און וועגן נאכאמאָל אַנטלויפן האט איצט ניט געקאָנט זיין קיין רייד.

בין געקומען, זיך איינגעמאָסטעט אַפן אויוון. יאָ, כ'האב פאַרגעסן: דעם „כאַנוקעס־האַבאַיִס" האב איך געיאָנטעוועט מיט א ציגייער. כ'האב לאָהעט — ס'ערשטע מאָל פאַר פיר טעג — א צי געטאן. — דאס ערשטע און דאס לעצטע מאל, ווייל פון מיין ברוסט האט זיך אַרויסגעכאַפּט אזא הוסט, אז די האַרנטע מיינע האט א ריס געטאן דאס שטיקל ציגייער מיט מיין וווּנדערלעכן טאַבעק־פעקעלע און מיט א ברייטן גאסטפריינטלעכן זשעסט אנגעוויזן דעם גאַסט אף זיינע נייע אַפּאַרטאַמענטן.

כ'געדענק, עפּעס אין א גוטן אינדערפרי, האב איך דורכן שלאָף געהערט שטיקלעך דיאַלאָגן:

— מאַמוניע... ווער?

געענטפערט האט א קורץ שעפּטשען, דערנאָך האט א טיר גרילציק א סקריפּע געטאן און:

— Слававйсу.

— Навіки... — אַזוי, אזוי, קראַנק געוואָרן, אָרעמער...

נאך עמעצער איז אַריין:

— Niech bedzie pochwalony! — (— זאָל זיין געלויבט!..)

און געשושקעט זיך. — אַלץ קלאָרער איז געגאַן פון מויל צו מויל דאס וואָרט „קוזין". כ'האב זיך צוגעווינט צו מיין נייער ראָל.

אין דעם אינדערפרי האב'ך זיך אָנגעהויבן היילן: מ'האט מיר געגעבן א טעפל געבריטע מילך, פונויבן איז ארומגעשווומען צעלאָזטע פוטער. האַנאַ האט געהייסן אויסטרינקען אינגאַנצן, ביזן שפּענט. און כאטש דאס געטראַנק איז שטאַרק נודנע געווען, האב איך דאָך געטריי אויסגעפילט איר באַפעל. און דעמאלט טאַקע, האט מען זי איילינק געגעבן צום פעטער. דורך דער שוועל האט זיך דורכגעקייקלט א היילכיק קעלעכל (מיין האַרנטעס זון) און גערופן זי. זי איז אַוועק. אומגעקערט האט זי זיך עפּעס אָנגעבלאָזן, קימאַט ניט גערעדט. בויגיק, ניט הויך, מיט א זעלטן פרישער שטאַלטנקייט האט זי אַרומגעפּאַדעט — פון שטוב אין הויף, פון הויף אין שטוב; אומגעדולדיק געשריגן אַפן קינד. און איך, אף מיין אָרט, האב

שרעקלעכע פײַן געליטן, ווײַל היינט, ווי אַפּצעלאָכעס, באַקט מען ברויט און דער אויוון איז העליש־פײַער. פון דער מילך אַליין האט מיך באַשלאָגן א שוויס, היינט דער אויוון, — אידעס אויסגעקומען, ווי א היציקע באָד. און אז כ'האב ניט אויסגעהאַלטן מער און געזאגט עס מיין האַרנטע, האט זי קורץ א ווארף געטאן:

— נו, איז פײַן.

עמעס, אט דער מעטאָד פון היילן איז אביסל אַכזאָריעסדיק. דעם רוי־פעס קאַרגן א וואָרט האט אויך דעם פּאַציענט געגויט שטילשווײַגן, גע־דולדיק זיין. וואָס קאן מען מאַכן... אַביסל איז זי אויך גערעכט, וואס זי לאָזט מיך ניט אראָפּקריכן. אף דר'ערד וועל איך זיך באַלד וואַרפן אין די אויגן. דא אבער בין איך פאַרשטעלט מיט א פאָרהאַנגל, וואס הענגט אף א שטריקל פון קוימען ביז דער וואַנט. כאָטש מ'האט גע־ווסט, אז יאַסקאָ מידוך האט זיך באַוויזן, דאָך איז בעסער, ווען ער דערמאנט אין זיך וואס ווייניקער.

נאכן מיטאָג, איז האַנאַ אופּגעשטאַנען פונעם טיש און זיך געגויגט צו די הייליקע בילדער. די האנט איז גיך געלאָפן איבער די ברוסטן — צייי־לעמדיק. כ'האב ניט באַוויזן צו באַמערקן, אף וועלכן אויפן האט זי זיך געציילעמט, נאָר פון דעם, וואס זי האט זיך געווענדט צו איר קינד נאר אף פּויליש, האב איך פאַרשטאַנען, אז זי איז א פּולן. דערנאך האט זי גענומען דאס קינד און איז אַוועק פון הויז, צומאַכנדיק די פעדערשטע טיר אַפן קייטל. כ'בין געבליבן דער גאנצער באַלעבאָס. געגוג זיך צו פּײַניקן אין דער דערשטיקעניש. כ'צי אַראָפּ דאס אָנטאָן, כ'צעוואַרף זיך אַפן אויוון, ווי אַפן פּליאַזש. די היץ שלעפּערט אײַן די געדאַנקען, כ'דרימל. מיטאַמאָל דערהערט זיך עפּעס א כשאָדיק גראַבלען באַם טיר־קייטל. עמעץ קלינגט ניט זיכער מיט דער קליאַמקע. עפּעס א פרעמדער דערביוועט זיך פּאַוואָלינקע צו דער שטוב. א גאַנעוו? ווער אנדערש וואָלט זיך אײַנגעשטעלט, בעיס די טיר איז געשלאָסן? די באַלעבאַטים זיינען ערגעץ אין גאָרטן, אדער בא די שכיינים און אין דער צייט... סע קלאָר — א גאַנעוו. כ'האב פאַרגעסן מיין שוואַכקייט, מיין נאַקעט זיין, כ'האב זיך א ריס געגעבן, גרייט אָט־אט כאַפּן אין די אָרעם דעם צופעליקן גאַסט. יא... די טיר עפנט זיך.

— יעזוס־מאַריאַ! — שאָקלט זיך א איבערגעשראָקענער, — ווייסט איר ווער? — אונדזער גוטער באַקענטער, דער שטאַלטנער זיידע. א פּויזע, און מיר צעלאַכן זיךביידע. איך כאַפּ זיך אנטאן, כ'דערקלער, פאר וואס

כ'האב אָנגענומען אזא פּאָזע אין מיין אויסזען, און ער פארזיכערט מיך, אז כ'האב זיך אים אויסגעדאַכט דער טײַוול אליין.

— און ווו איז האַנאַ? — פרעגט ער.

— כ'ווייס ניט.

— צי איז זי ניט בא אונדז?.. אזוי, אזוי...

סע האט זיך ארויסגעוויזן, אז ער גייט ניט פון דר'היים, נאר אריין אַפן וועג. ער דרייט זיך אף איין ארט, נישטערט מיט די אויגן אין אלע ווינקעלעך, און אומדערוואַרט שטעלט ער אָפּ זיינע אויגן אף מיר: פיל־באדייַטנדיק, פאַרשנדיק. כ'וואַרט, וואס וועט ער זאגן. נאר ער נעמט מיך דורך, בויערט מיך פון אונטער זיינע הענגענדיקע ברעמען, ווי מיט א שאַרפער אָל. אומאַנגענעם.

— וואס איז? — פרעג איך צולעצט און באַמי זיך צו זיין רויִק.

— גארניט... — זאגט ער, — גארניט...

א שאָקל מיטן קאָפּ און אַוועק.

וואס האט עס געקאנט הייסן? אביסל האב איך זיך אנגעשטויסן, אביסל געוועון צעמישט פון זיין געהיימען אופירן זיך. דאס איינציקע זיכערע איז — אז סע פארפלאָנטערט זיך עפּעס. ווער ווייסט... און ביכלאַל — כאַפּט עס דער רוער! — וואס גיכער געזונט ווערן און זיך אָפּטראָגן. כ'האב געוואלט פארגעסן. סע ניט גרינג. דער כשאד האט זיך נאָכ־אַמאל אופגעוועקט אין מיר און דעם זיידנס קוק איז ניט ארויס פון זי־קאָרן. ס'האט אינטריגירט, גערעגט.

ווען האַנאַ איז צוריק געקומען, האָט זי נאָך אין קאָרידאָר'ל אויסגעשאָסן א געלעכטער. זי האט זיך שוין דערוווסט פונעם פאָרגעקומענעם, און עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט וועגן אַלע קלייניקייטן. דער צופאַל האט ווי אָפּגעווישט די באַהאַלטענע, אומפאַרשטענדלעכע אָנשטרענגונג, וואָס האט זיך געשאַפן אינדערפרי. מיר האבן זיך צערעדט. און פּאָרט: פונעם פּאָנים־אויסדרוק, פון די באַוועגונגען, פון דעם קאָל האב איך דער־שמעקט, אַז האַנאַ האט געבראַכט מיט זיך עפּעס שלעכטס. פּאָרזיכטיק, געהיט האב איך געפרעגט: וואָס הערט זיך?

— די מילכאָמע — נאָענט... אוי, די מילכאָמע נאָענט! וועדליק אירע ווערטער — קאָכט אין דאָרף, ווי אין א קעסל. די מענטשן זיינען זייער אומרויִק, סע גייען קלאַנגען, אַז דער סוינע רוקט זיך אומופהערלעך, — מיט קיין שום קויכעס אים ניט איינצוהאַלטן. מע זאָגט, מע וועט באַלד דאָ זיין: די מאָסקאַלעס! דיזעלביקע, וואס זיינען שוין איין מאָל דאָ

געווען. ווען כאָטש דיזעלביקע. נאר מיט זיי קומען די שרעקלעכסטע, די שוידערלעכסטע — די באָלשעוויקעס!..

— הייליקע מאַריאַ! Swieta Maria! —

וואס כ'האב איבערגעלעבט אין די רעגעס,— איז איבעריק צו ריידן. דער איבערשרעק און דאס וואָרענען, פון דער פרוי, פון וועלכער כ'בין געווען איצט אָפּהענגיק, האבן מיך פאַרשטעלט דערוויַיל מיינע געפילן צו באַהאַלטן און אָנטאָן א מאַסקע. כ'האב איר מיטגעפילט. כ'האב פאָר־זיכטיק געפּרוּווט זי צו באַרויִקן.

— האט ניט מוירע,— זאג איך,— ס'איז אַלץ נאַרישקייטן, א פּאַניקע...

מיר האבן זיך געביטן מיט די ראָלן. מיעט איז גאר געווען, וואס מיין ראָל איז געווען פאַלש. און פרויען דערפילן באַלד.

זי האט פאַרומערט א קוק געטאָן פונדערזייַט:

— ווען סע וואָלט אַזוי איבערגעגאַן... און ביז ווען וועט עס זיין? א טאָג נאָך א טאָג, א יאָר נאָך א יאָר... און ווו איז דאס לעבן? כ'פרעג אייך, ווו איז דאס לעבן? און ווען וועט עס שוין קומען, דאס לעבן? ווען?

די אויגן האבן א פלאַקער געטאָן. סע קלאָר: סע געווען דאס אויס־געמאַטערטקייט פון זעקס יאָר יִסוּרים, סע געווען די רעאַקציע, דאס בענקעניש נאָך פּרימיטיוון, געזונטן גליק. זי האט זיך אָף איר שטייגער פאָרגעשטעלט דאס לעבן; מוירע געהאַט, וואס די יארן גייען אַוועק אר־מעטיק. זי האָט, ווייזט אויס, ארויסבאַגלייט יעדן טאג מיט א ווייטיק אין האַרצן. האַרציקע האַנאַ! אָבער, ווי האב איך זי געקאָנט באַרויִקן? זי האט מיך ווי געהערט און ווי ניט געהערט; זי האט נאָך אויסבאַהאַלטן אייניקע געדאַנקען, זי איז פאַרטראַכט אַרומגעגאַן איבער דער שטוב. גענומען ראָמען,— איז אַלץ איר געפאַלן פון די הענט. זי האט זיך ניט געקאָנט באַרויִקן, און אָט וואַרפט האַנאַ די אַרבעט, גייט צו צום אויוון, שפּאַרט זיך אָן אין ווענטל און פרעגט שטיל:

— זאָגט, ווער זיינט איר?

אַ־אַ! דאָ איז מיר אַסאַך קלאָר געוואָרן, אין איין רעגע איז דורכ־געפלויגן דורכן זיקאָרן דער פּוילישער שינעל, די אוקראַינישע שפּראַך, די ערינערונג וועגן יעווגענען. אַזוי, אַזוי! — סיי דאס אינדערפריענדיקע שווייַגן, סיי דעם זיידנס קוקן,— כ'האב אַלץ פאַרשטאַנען.

— ווער כ'בין? צי ווייסט איר דען ניט? — יאָס מידוכא!

זי האט א שמייכל געטאָן, נאָר, ניט אָפּווענדנדיק די אויגן און ניט בייַטנדיק די לאַגע, איינגעשפּאַרט איבערגעכאַזוערט די פראַגע. וואס האב

איך איר געקאָנט ענטפערן? זאָגן דעם עמעס — הייסט שלעפּן אויף זיך אַ צאָרע. ליגן זאָגן? וועגן וואָס ליגן? זאָגן, אַז כ׳בין אַ געשטראָפטער, — אָבער כ׳האָב שוין איין מאָל געשווירן, אַז איך בין ניט קיין גאַזלען. און דאָס וואָלט געווען דאָס ערגסטע. פֿאָרשטעלן זיך אַלס אַ פּוילישער — לעכערלעך, אַ גאַליציאַנער — אומגלויבלעך.

גוט. — טראַכט איך מיר. — און פֿאַר וועמען האַלטסטו מיך? וואָס האָסטו געמיינט וועגן מיר? צו אַ וועלכן גראַד מיך פֿאַררעכנט? מע מוז זיך דערפֿרעגן.

— און ווי מיינט איר, — ווענד איך זיך צו איר, — ווער בין איך?

— כ׳ווייס ניט... פֿונאַנהויב... גלייך ווי אַן אונדזערער, אַ רוסין. דערנאָך... דערנאָך, האָט אויך דער פֿעטער געזאָגט, אַז איר זייַנט אַ פּעטליורטשיק. באַ אונדז פֿלעגן זיך דאָ אַרייַנכאַפּן פּעטליורטשיקעס... אויך אונדזעריקע...

אַך, די וווּנדערלעכע פּרויען־נאַיִוויטעט, זייַ געבענטשט אויף אייביק! אָפֿענע קאָרטן! איצט קאָן מען איבערגיין צום אָנגריף.

— און איצט?

— וואָס איצט?

— פֿונאָנהויב, שפּעטער, און איצט? וואָס זאָגט איצט דער פֿעטער?

— איצט ווייסט ער ניט... און איך ווייס אויך ניט.

— און איך ווייס.

— וואָס?

— כ׳ווייס, איר זייַנט כוישעד, אַז כ׳בין אַ באַלשעוויק. אַזוי, אַזוי...

האַנאַ האָט פֿאַרזיכערט מיט דער האַנט, אָבער כ׳האָב זי שוין ניט געלאָזט אויסריידן. כ׳האָב זי פֿאַרשיט מיט ווערטער. כ׳האָב אויסגעקליבן די שטאַרקסטע אַרגומענטן, זיך באַרופֿן אויף מייַן אָפּשטאַמונג, אויף איר פֿאַרשטאַנדלעכקייט. פֿון אייניקע זאַכן אָפּגעכוויזעקט, אייניקע — אַנערקענט פֿאַר ריכטיק, אויף אייניקע זאַכן — זיך טיף באַליידיקט, און צום סאָף זיך מודע געווען, אַז כ׳בין טאַקע אַ פּעטליוראָוועץ. ווי האָבן זיי געקאָנט צווייפֿלען אין דעם? כ׳בין אַ דעזערטיר, כ׳האָב אין דר׳היים אַ וויַיב מיט אַ קינד. שוין דרייַ יאָר, אַז כ׳האַלט מילכאָמע. כ׳קאָן שוין ניט מער. כ׳אַנטלויף.

מייַן באַלעבאָסטע האָט מיטליידנדיק אָפּגעזיפֿצט:

— אָרעמער!..

דערנאָך האַלב־הויך, ווי צו זיך אַליין:

— אָט זײַנען דאָך דאָ אַזוינע, וואָס אַנטלויפֿן.

זי האָט זיך פֿאַרקלערט. אַף מײַן מאַזל האָט דער געשפּרעך זי צו־פֿרידן געשטעלט.

אײַנאָוונט זײַנען געקומען שכנים, און זי האָט נאָך ווידער גערעדט פֿון איר קוזין יאַס. אַף באַנאַכט אויך, ווי אינדערפֿרי, א פּאָרציע מילך מיט פּוטער. מע האָט זיך באַלייגט. סע פֿינצטער. שטיל. און מיטאַמאָל א שושקען:

— זאָגט איר, הייסט עס, סע ניט שרעקלעך?

— פֿאַרשטייט זיך, ניט... וואָס דען שרעקלעך? — גאָטעניו!..

אין עטלעכע מינוט אַרום פֿרעגט זי אַפֿן קאָל:

— און פֿאַרוואָס האָט איר זיך אָנגעשטויסן?

— וועגן וואָס?

— וועגן באָלשעוויק?

— אָט האָסטו דיר! ס׳איז דאָך אַזוי קלאָר, פֿאַרשטענדלעך...

אַף דערויף זײַנען מיר אַנשוויגן געוואָרן, אָבער כ׳האָב שוין ניט גע־קאָנט אײַנשלאָפֿן. אויך האַנא איז ניט געשלאָפֿן. כאָטש סע געווען פֿינצ־טער, אָבער כ׳האָב געוווּסט, אַז זי ליגט מיט אָפֿענע אויגן, טראַכט אײַנגעשפּאַרט, צווייפֿלט. פֿרויען האָבן פֿילנדיקע הערצער! אָן ווערטער, אָן בליקן, אינטויִטיוו, איז צווישן אונדז געוואַקסן א טויבע ניט־דער־זאָגטקייט, קימאַט קאַלטקייט. און דאָס האָט זיך טאַקע אינדערפֿרי אַרויס־געוויזן. די רעפֿועס האָט מען מיר דערלאַנגט, ווי שטענדיק. מע מוז זען אומבאַדינגט ריידן! כ׳האָב זיך איבערצײַגט, אַז צווישן אונדז שטייט אַ וואַנט. נאָך ניט קיין גאַנץ בוילעטע, אָבער פֿאָרט א וואַנט. גרייט זיך, ברודער!

אַזוי זײַנען דורך צוויי טעג. אַפֿן דריטן פֿאַרטאָג האָט זיך צעקײַקלט אַ דונער, צוערשט האָב איך געמיינט, אַז סע כאָלעמט זיך מיר. — ניין, ניט קיין כאָלעם. אין שטוב איז א שטילקייט. און דאָרט אין דער פֿינ־צטער ערגעץ — ווייטע דונערן: גו־ר־ר־ר! — און אין אייניקע מינוט שפּעטער — קורץ, ווייך: אוך! איר פֿאַרשטייט? כ׳האָב זיך אַליין ניט געגלויבט. און מיט א קרענקלעכער אָנשטרענגונג געכאַפּט די קלאַנגען. האָט זיך עס שוין אָנגעהויבן? שוין?.. כ׳האָב זיך באַמיט צו טרעפֿן ווי ווײַט זיי זײַנען, און אין דער ברוסט האָט פֿאַרכאַפּט, אין ברוסט האָט גליקלעך פֿאַרכאַפּט דער אָטעם.

אָט־דער טאָג איז געווען זונטיק, און האַנא מיטן קינד זײַנען אַוועק
אין קלױסטער. כ׳געדענק, ווען סע האט זיך נאָך איר צוגעמאַכט די טיר,
האָב איך דערפֿילט א דערלײַכטערונג. מיך האט שוין געדריקט איר
בײַזײַן. איצט האָב איך באדארפֿט גוט באטראכטן די לאַגע, ווײַל סע
האט אָנגענומען אן ערנסטן כאראקטער. דארטן — ווײַטע, נאך ניט־זי־
כערע דונערן, דא — דער זיכערער כּשאַד, באהאַלטענע פײַנטשאפֿט. אונ־
טערגעקױפֿט פֿון זײער פרײַנטלעכקײט, האָב איך זיך ביז איצט ניט גע־
קימערט צו זײַן פֿאָליטיש פֿאַרעקאָמענדירט פֿאר מײַנע באַלעבאָטים. און
צו וואס? איז זײ דען ניט אַלצײַנס ווער איך בין? זײ האָבן דאך נאר
געוואלט העלפֿן א מענטשן. אָן ספֿעק, ווען ניט דאס דורכגײן פֿון
כּײַעל, ווען ניט די פּאניק, וואלט זיך אַלץ געענדיקט זײער גוט. אָבער
וואס טוט מען איצט? אנטלױפֿן? — נײן, לױפֿן איז ניט גוט: ערשטנס,
צווײפֿל איך אין מײַנע קױכעס, און דערנאָך — אנטלױפֿן בעיס יעדער
רעגע דערנענטערט זיך דער פֿראָנט, ווען ס׳איז נױטיק די מאַקסי־
מאַלע פֿאָרזיכטיקײט, און צולעצט, אַז ס׳איז דא אַ שפּעלטיקל, ווו מע
קאָן זיך פֿאַרטײַען און איבערוואַרטן. אנטלױפֿן, — זאג איך, — וואלט גע־
ווען א מעשוגאַעס. בלײַבן? בר! גוט, אויב דאס אָנגעצױגנקײט וועט
זיך מילדערן. נאָר דער זײדע, ווײַזט אויס, איז א גוטער קריכער. ס׳אַ
ספֿעק, צי וועט ער איבערלאָזן אַ זאך ניט דערפֿירנדיק זי ביזן סאָף.
גלײַכצײַטיק, ווײַזט אויס, צעפֿלאַמט זיך זײַן פֿארביסנקײט. ער האט
שוין פֿאַרזײט א ביטער קערנדל. איצט וועט ער אָנהײבן דערבײַוען זיך
נאָך טיפֿער, טיפֿער. ער וועט ניט אויפֿהערן אגיטירן האַנען. און כאַפּט
עס דער רועך! וועגן וואס קאָן דא זײַן א גערײד? אויב דער בלינדער
פּאטריאָטיזם, אדער דער בלינדער שרעק וועט איבערפֿילן זײערע געפֿאַ־
שעס, דעמאָלט האָב איך א גלענצנדיקן אַרגומענט: כ׳בין יאַסקאָ מי־
דוכאַ. דאס ווײסן אויך די שכײנים. זײ וועלן דאך ניט גײן צו דער
גמינע ארויסגעבן זײערן א קאָרעוו. פֿון דער שטוב — אָף קײן טריט
ניט. אן עק, אַ סאָף! אפֿילע א פּאַרדראָס: אַזויפֿיל זיך אָנמוטשען, אַזוי־
פֿיל איבערלעבן, דערגײן קימאַט ביז צום ציל — און סטאָפּ. איבער אן
אײנרעדעניש פֿון אָפּגעשטאַנענע מענטשן שפּילן זיך מיטן אײגענעם
לעבן? ניט קאָנען קײן שפּאַן טאָן, קעדײ איבערגײן דאס בריקל? —
פֿאַרדריסלעך, מעשוגע. פֿון דער שטוב גײ איך ניט! זאָל זײַן ערדצי־
טערניש, פֿאַרפֿלײצעניש. אַלצײַנס.

און אט האט זיך האַנאַ אומגעקערט. כ׳שווייַג, זי גייט אויך שווייַגנ־דיק אַרום פון איין ווינקל אין צווייטן, געפינט זיך קיין אָרט ניט. זיפצט, קנאַקט די פינגער. עפּעס איז דאָ... אוי, סע דאָ! כ׳מאך אן אָנשטעל, אַז איך כאַפּ זיך אוף פון שלאָף און קוק אף איר אביסל פאַרכידעשט, פרעגנדיק. זי שטעלט זיך אפּ, קוקט אויך פרעגנדיק אף מיר. מיר הויבן אָן דעם אומשולדיקסטן שמועס. זי גייט צו נעענטער, צופּט נערוועז איר שאַלעכל. היינט איז זי גלאט באשיידן צוגעקעמט, אין א יאָנטעווודיק קלייד. זי ברויגעזט זיך היינט, וויל זיין שטרענג — דאס פּאסט איר. אָבער וואס פאַר א נארישקייט, וואס פאר אן אומעגלעכע נאַרישקייטן זי פּלאַפּלט היינט! — דאס פּאסט איר שוין גארניט. אט הערט: זי האט גע־הערט פון באָלשעוויקעס, זי איז נאך אינגאנצן אונטערן איינדרוק פונעם קסיאָנדזס רעדע. איצט ווייסט זי, אז די באָלשעוויקעס — „אומגלויביקע", פאַרפּאָלגן אלע כריסטיאַנער. באזונדערס — פּאָליאקן, און פאַרברענען קאָסטיאָלן. זי ווייסט אסאך: ווער זיי זיינען, פונוואַנען, אוועלכע זיי זיינען.

— אַוועלכע זיינען זיי? — פרעג איך איבער פאַרינטערעסירט.

זי האט אופגעציטערט. דערציילט:

— גרויסע, גרויסע... שרעקלעכע... איינויגיקע... מיט איין האנט, מיט איין פוס...

Niech Pan Bog broni! — (זאָל גאט אָפּהיטן).

כ׳האב זיך שטארק צעלאכט. האַנא האט צונויפגעקנייטשט די ברעמען, האט זיך אָנגעשפּיצט.

— איך לאך, — זאָג איך, — ווייַל כ׳האב אזעלכע קיינמאָל ניט געזען. כ׳פיר אויך מילכאָמע, אבער אַזעלכע, אף מיין וואָרט, קיינמאָל ניט געזען.

— הייסט עס, דער קסיאָנדז פּראָבאזשט זאָגט א ליגן?

— ניין, ער ווייסט פּאָשעט ניט.

— ער ווייסט, ער ווייסט. דארט זיינען אלע אזעלכע. דארט איז אַפילע מער געוויינלעכע מענטשן. אבער אזעלכע זיינען נאר די קאָמאנ־דירן. אָ!..

אויס העפלעכקייט האב איך פארשוויגן, און מיר וואָלט זיך שטארק געוואלט זען דעם כאָשעוון קסיאָנדז פּראָבאַזשט אליין. אינטערעסאנט, ווי קאָן אויסזען אזא מענטש. מיינסטנס, איז עס א דעגענעראַטיווס, גאַליקס, מיט שוים אף די ליפּן; א כצופּעדיקס, אן עסעריקס, ווי עס

פאסט פאר אן עמעסן יעזויִט. סע געווען א ראכמאָנעס אף האַנען, און צו איר גײַסטיקן פירער איז אויסגעוואקסן אזא עקל, ווען, דאכט, כ׳באַ־געגן אים — וואלט מיך ארומגעכאַפּט א גודניעסט.

— וואס טוט מען? ווּהין באהאלט מען זיך? מע זאגט, אז באנאכט האט מען געשאָסן... — זי גייט ארום און ברעכט די הענט.

— מע דארף זיך אינערגעץ ניט באהאלטן, מע דארף גאָרניט טאָן... — רעד איך זי איין.

— צו אייער קאָפּ... סע נאר איר זיינט אזא גרויסער. און זיי עסן קינדער, טרינקן בלוט פון לעבעדיקע מענטשן.

נאר דא האב איך שוין ניט אויסגעהאַלטן. האב זיך צעלאכט אַף דער גאנצער שטוב.

— גלויבט איר, הייסט עס, ניט? — טוט זי א שפרונג צו צו מיר.

— פארשטייט זיך, כ׳גלויב ניט.

— זאגט קסיאָנדז פּראָבאזשט א ליגן?

— אַוואדע, א ליגן.

— אך!..

אך, וואס האב איך אָנגעמאַכט, וואס האב איך אָנגעמאכט, אזא לײַכט־זיניקער! און כ׳האב דאך אויסגעצייכנט געוווסט די שווערע לאַגע. זיך געהיט — און נא, אט האסטו דיר. פאר איר איז קסיאָנדז פּראָבאזשט אַן ultima ratio, ווי מעג מען אזוי, ווי מעג מען?..

ס׳איז שוין ניט מער געווען דיזעלביקע האַנא. ס׳איז שוין געווען עפּעס א פרעמדס, א צאָרנדיקס, מיט אויגן פול פײַער.

— פּאני, פארצײַעט... — האב איך א שעפּטשע געטאָן באַומרויִקט.

זי איז ווי טויט געבליבן. און נאר די ליפּן האבן היסטעריש געציטערט, גרייט א שפּײַ צו טאָן עפּעס א שרעקלעך, נאך ניט־געהערט ווארט. א פּויזע — און, ווי א גאזלען, גאנוועט זי זיך צו צום אויוון, קלאַפּט מיט א קולעק אין הער וואָגט אריין, ווארפט מיר אויס:

— לײַדאק!

— פּאני, האַנאַ...

— לײַדאַק!

וואס קאָן איך טאָן? — נאר שווײַגן. ס׳איז דאס בעסטע. זאָל, — טראכט איך מיר, — איבערקאָכן. כ׳שווײַג. מיר קוקן זיך אָן לאַנג, ווי צוגעזאָטן. די פּרוי פארלירט איר ענערגיע, שלעפּט זיך צו פארשמאכט צום בעטל, פאלט אפן קישן און... וויינט, וויינט אפן ערנסטן אויפן. —

א צאָרע און א געלעכטער. נו, וואס טוט מען? די סיבע איז דאך ניט נאר אין דעם געשפרעך. ס'איז די אומאָרדענונג, די שטורעמישע אומאָר־דענונג פון אלץ, וואס האט אין די לעצטע טעג איבערגעפילט דאס גאנצע וועזן. א טראכט טאָן נאָר: אַ סוינע אין שטוב, און נאָך א וואָ־סערער סוינע! און ווער קאָן וויסן? עפשער ניט קיין סוינע? און טאָ־מער דאך א סוינע? מע קאן פארצווייפלען. מע קאָן... מיט איין ווארט, סע ביטער.

אַביסל שפעטער גייט זי צו צו מיר און זאגט ערנסט, זיכער:

— איר ווייסט, איר זיינט א שפיק.

— זאל גאט היטן.

— יאָ, יאָ, איר זיינט א באָלשעוויסטישער שפיק. און אט וואס: אַפּ־דערנאכט זאלט איר זיך פארנעמען, וווהין איר ווילט. אייַער אָטעם זאָל דא ניט זיין!

— ווארט... — נאר קיין שום פארענטפערן זיך וויל זי גארניט הערן. דעמאָלט פרווו איך זיך ווענדן צו איר געוויסן. כ'בין דאך נאך קראַנק, קאָן נאך ניט גיין — האב איך געזאָגט.

— זאָל אייך בעסער דער שלאַק טרעפן, איידער איר זאָלט מענטשן אומברענגען. אזוי קומט אייך. פאַרנעמט זיך!

איך ציילעם זיך פרום. סע מאַכט קיין איינדרוק ניט. כ'שווער באַ מיין מוטער, באַ מיין קינד, — סע ווירקט ניט. דעמאָלט ווענד איך אָן דאָס לעצטע מיטל: אויב מע גלויבט מיר שוין אינגאַנצן ניט, אויב סע מיר באַשערט אומצוקומען, טאָ בעסער וועל איך שוין בלייַבן אין שטוב. זאָל זיין, וואס וועט זיין.

— אַזוי! טאָ וועט מען אייך היינט פירן אין געפענקעניש.

— ווער?

— די זשאַנדאַרמען.

— וועמען?

— אייך.

— ס'הייסט, יאַסקאָ מידוך?

זי האָט אופגעקאָכט. פון רויט — געוואָרן טויט. אבער זיך איינגעַ־האַלטן.

די שפיל איז געווען, מיינע פריינט, אַ געפערלעכע, נאָר אַן אנטשלאָ־סענע. אלנפאלס, וועט זיך וואָס גיכער אַרויסווייזן די ליניע פון האַלטן זיך. עמעס, האַנען האָט ניט געפּאסט נאָך מער פאַרשאַרפן איר אופירונג.

זי איז געווען דער איניציאַטער פֿון דער גאַנצער מייַסע מיט אויסבאַהאַלטן און האָט געמוזט טראָגן די גאַנצע שוועריקייט פֿון אַכרײַעס (וואָס איז אויך געווען איינע פֿון די סיבעס פֿון וויינען). מוירע־האָבנדיק פֿאַרן אַלטן, וועט זי געוויס ניט דערציילן אים פֿונעם פֿאָרגעקומענעם. לויט מיין מיינונג, איז איר נאָר געבליבן צו פֿאַרשווייַגן און באַמיִען זיך ווייטער פֿירן די שפּיל: פֿאַר די שכיינים — אַלס פּלימעניק, פֿאַרן זיידן — אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, קיין שום כשאַד קאָן ניט זיין. דערלאָזן עפּעס אַנדערש — הייסט דערלאָזן, אַז זיי רעדן זיך אָן מיך אומצוברענגען. נאר ס'איז, אַוואדע, אַ נאַרישקייט. מע מוז נאָר מאָביליזירן די גאַנצע אופמערקזאַמקייט און פֿלינקייט אַף די לעצטע מינוטן פֿון פּראָנט־געשעענישן. דעמאָלט קאָן מען זיך ריכטן אַף אַלץ. נאָר טאָמער וועט די לאַגע פֿאַראַטן, און די רויטע וועט ניט אָפּגליקן ביז אַטהער זיך צו דערקייַקלען, — וואַרט איך אויס, וויפּל ס'בויטיק, און אין אייבער אַ שיינער נאַכט מאַכן פּלייטע.

כ'האָב געבעטן פֿאַרויכערן. שטעלט אייך פֿאָר, זי גייט צו צו מיר רויִק, גלייך ווי גאָרניט איז פֿאָרגעקומען, מיט אַ פּאַפּיראָס אין דער האַנט. גייט צו, לאַכט גוטמוטיק:

— סע ווילט זיך פֿאַרויכערן?

— יאָ, — זאָג איך.

— זייער?

— זייער.

און צערייַסט דעם ציגייַער פֿאַר מיין נאָז אַף שטיקלעך און פּיצלעך.

גוט, — טראַכט איך מיר, — דאָס איז ניט קיין שלעכטער סימען, מעקויעם געוואָרן מיינע נעוויעס וועגן דיין פֿאַרפּלאָנטערטקייט, מיין טייַערינקע. די אומויסגעגלעכע לאַגע צערייצט זי, זי וויל זיך נויקעמען. גוט. געדולד, טויזנט מאָל — געדולד.

פֿאַרנאַכט — אַ נייַע צאָרע. סע קומט אַ זשוואַווע מענטשעלע, שאָלעמט זיך און זאָגט האַנען, אַז דעם קאָרעוו, וואס איז געקומען צו איר, מוז מען פֿאַרעגיסטרירן אין גמינע. דער סטאַראָסטע האט אָנגעזאָגט, אַז מע זאָל עס טייקעף מאַכן, ס'זאָל זיך ניט טרעפֿן קיין אייסעק, כאָלילע.

— ער איז דאָך שלאָף, נעבעך... ער קאָן זיך אַפּילע ניט אופהויבן. ווי קאָן ער קומען צו דער גמינע? ס'אזאַ אומגליק, אַזאַ אומגליק...

דאָס מענטשעלע האָט באַדויערט. פֿונדעסטוועגן געפֿינען אַ פּאָשעטן אויסוועג: געהייסן זיך גיבן די דאָקומענטן, ער וועט עס שוין זען מאַכן גיך.

האַנאַ איז מאַסקים געווען, האָט איר אַפּילע אָפּגעדאַנקט פאַרן באַמיען.

— נאָר וואָס דען, — זאָגט זי, — יאַסקאָ שלאָפט איצט, האָט זיך די גאַנצע נאַכט געמוטשעט, און נאָר ערשט... און אָן אים — ווייס איך ניט. דערלויבט מיר מאָרגן זיי ברענגען. כ׳וועל אַליין ברענגען.

זיי האָבן נאָך לאַנג גערעדט וועגן מילכאָמע. מ׳האָט געפילט זייער פאַרלוירנקייט. כאָטש דאָס מענטשעלע האָט פאַרזיכערט, אַז קיין שרעק־לעכס איז ניטאָ, און די סאָגים, — האָט ער געזאָגט, — האָבן שוין באַקר־מען אַ פעסטן קלאַפּ. באַם געזעגענען זיך האָט ער נאָכאַמאָל דערמאָנט, אַז מאָרגן, שפּעטסטנס איבערמאָרגן, אומבאַדינגט זיך פאַרעגיסטרירן.

— גוט, גוט.

דאָס מענטשעלע איז אַרויס, און זי איז צו צו מיר פּיַל פון בויגן.

— געהערט?

געהערט.

— נו, און וואָס איצט?

— גאָרניט.

— וואָס הייסט גאָרניט?

— אַזוי, גאָרניט. קאָן איך דען ווייזן מיינע דאָקומענטן? כ׳בין דאָך אַ דעזערטיר.

— וואָס זשע וועט זיין?

— סע וועט גאָרניט זיין.

— אוי, גאָטעניו, גאָטעניו...

דעמאָלט האָט זי געגומען בעטן. אַזוי האַרציק, אַזוי צאַרט האָט זי געבעטן כ׳זאָל פאַרלאָזן די שטוב. אַ נאַיווער מענטש! זי האָט גע־מיינט, אַז ס׳האָט אַ שמעק געטאָן מיט מאַכט און דאָקומענטן, וועל איך זיך דערוועגן, אָן איבערצוטראַכטן, צו ריזיקירן. כ׳האָב צוגעזאָגט, כ׳וועל מאָרגן אַוועקגיין. האַנאַ האָט מיט האָפענונג, מיט פּיַין אַ קוק געטאָן, ווי סע וואָלט איר שווער געווען מיט מיר זיך שיידן, און געזאָגט:

— ניין, היינט.

— היינט קאָן מען ניט.

— כ׳בעט, כ׳בעט זייער: היינט.

כ׳האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. כ׳האָב פאָרט אויסגעשפּילט אַ טאָג. אַזוי אָדער אַזוי, וועט מען קאָנען מאָרגן אָפּציען די רעגיסטראַציע ביז אָפּדערנאַכט, און פאַר מיר האָט אַ שטיקעלע צייט אַ גרויסע ווערט.

— און עפשער וואָלט איר געגאַנגען? שטיל, פאַמעלעכן וואָלט איר זיך געגאַנגען? כ׳וועל מיטגיבן צו עסן אַפן וועג.

— ניין.

— אוי, שפּאַסט ניט מיט מיר, — האט זי אַ בליק געטאָן מיט די אויגן.

כ׳האב אַ שמייכל געטאָן, אָבער פונדעסטוועגן, ווען ס׳איז טונקל געוואָרן, האָב איך באַשלאָסן אויספרווון מיינע קויכעס. זיך אַראָפּגעלאָזט, געבעטן דעם שינעל, וועלכן כ׳האב געוואָלט איצט האָבן באַ זיך אַף יעדן פאַל. האַנאַ האט פּאַרדעכטיק און פאַרווונדערט נאָכגעקוקט, געשוויגן. און ווען כ׳האָב זיך אָנגענומען פאַר דער קליאַמקע, איז זי צו און פרעגט:

— ווהין?

זי איז געשטאַנען גרייט צו צומאַכן די טיר נאָך מיר, אָבער כ׳האָב זי ניט געלאָזט דאָס טאָן. באַ דער שוועל האב איך זיך רויִק אויסגעקערעוועט און רויִק זיך געלאָזט צום אויוון. די פרוי האָט מיט איין שפּרונג מיר פאַרשטעלט דעם וועג.

איינגאַנצן איין מאָמענט. די ברעמען — געבראָכן, ליפּן — ציטערן, און מיט שווערן אָטעם צווישן די ציין, מיט שלעכטס:

— אוך!..

אוך, ווי זי האט מיך פיינט געהאַט.

באַנאַכט וועקט מען. כ׳עפן די אויגן, קוק זיך איין — אַפן ברעג פון אויוון זיצט האַנאַ. וואס איז? אן אופגערודערטע, אַ מאָדנע, מורמלט עפּעס. כ׳קאָן ניט פאַרשטיין. ערשט צום סאָף האָט זיך אַרויסגעוויזן: סע האָט זיך איר געכאָלעמט אַ שרעקלעכער כאָלעם. כ׳געדענק שוין ניט וואָס, נאָר זי האָט, ווי אַ בלעטעלע, געציטערט דערציילנדיק. און וואָס איז? אָט וואָס: זי פילט, אַז דער כאָלעם איז ניט גלאַט אַזוי; דאָס האַרץ זאָגט איר, אַז סע וועט זיך טרעפן אַ גרויסער אומגליק. כ׳האָב געפּרווט זי באַרויִקן, זי אָנגענומען באַ דער האַנט, שטילערהייט גערעדט צו איר. זי האט זיך נאָענט צוגעבויגן, און קינדערש אַזוי געבעטן:

— גייט אייך פון שטוב... \ מוטשעט מיך ניט...

— כ׳וועל גיין מאָרגן.

— גייט באַלד, כ׳בעט אייך.

— מאָרגן.

— און וואָס וועל איך מאָרגן זאָגן דעם סטאַראָסטע? גאָטעניו! ער וועט אי מיך, אי אייך צום קרימינאַל...

פונדעסטוועגן בין איך געווען זיכער, אַז מיט אַזאַ אָדער אַזאַ וועג וועט מען קאָנען באַם סטאַראָסטע אויסנאַרן דעם מאָרגנדיקן טאָג. אָט־אָ־דער מאָרגנדיקער טאָג האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַזאַ טייערער, נויטיקער, ווי דער לעצטער טאָג פון לעבן. כ׳בין געווען איינגעשפּאַרט. עפּשער אַביסל רעציכעדיק, אָבער האַרט. כ׳האָב ניט געטאָרט ווייך ווערן. ניט קיין שטימונג, ניט קיין נאַרישער עגאָיזם, נאָר אַ לאָגישער אויסגאַנג: פיר און צוואַנציק שאָ פון האַרמאַטן־שיסערײַ שמעקט מיט די ברייטסטע מעגלעכקייטן. כ׳האָב געבעטן האַנען איינגיין אַף דעם, אַזוי צו זאָגן, לעצטן קאָרבן, און האָב אָנגעהויבן קאָמבינירן פאַרשיידענע טערוצים פאַרן מאָרגנדיקן פאַרענטפערן זיך — נו, כאָטשבי פאַרשליסן מיך אַף אַ שלאָס, און אַליין איבערזיצן באַ די שכיינים. נו, כאָטשבי...

— גייט אייך... גייט אייך...

זי האט אַקשאָנעסדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ און געכאַזוערט אירס: גייט אייך. פּלוצים — אַנטשוויגן געוואָרן.

כ׳בין אויך אַנטשוויגן געוואָרן. עטלעכע מינוטן שאַרפע אָנגעשטרענגטקייט, אַ גיכן קערעווע, און שרײַט פאַרצווייפלט:

— גייט!

— פּאַני, האַנאַ...

— טייקעף גייט אַוועק!

— פּאַני, האַנאַ...

— איר׳ט ניט גיין? ניין? און כ׳האָב ניט באַוויזן זיך אַרומצוקוקן, אַז אַ שטאַרקער בויגעוודיקער קערפּער איז געפאַלן אַף מיר, און שטאָלענע נייגעלעך האָבן זיך איינגעשניטן אין פּאָנים און האַלדז. מעשוגע געוואָרן! כ׳האָב קוים אָפּגעריסן די פאַרקרימטע, פאַרגליווערטע נעגל. אָפּגעריסן און מיטן גאַנצן קויעך אַ טרייסל געטאָן איר קערפּער. זי האָט זיך שיר ניט אויסגעגליטשט אַפן דיל. אַן אָפּגעשוואַכטע האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט אין אויוון און זיך צעיאָמערט... אָט אַ מײַסע! ניין, — טראַכט איר מיר, — מאַך שטיק וויפל דו ווילסט, אויספירן וועל איך. כ׳מאַך צורעכט דאָס בעטגעוואַנט, מאָסטע זיך איין, כ׳וואַרט. יאָ... זי האָט זיך באַלד אַראָפּגעלאָזט אַפן באָדן, ניט געזאָגט מער קיין וואָרט. זיך באַלייגט. סע האָבן ווידער געדונערט האַרמאַטן, ערשט פאַרטאָג האָב איך איינגעדרימלט.

פלוצים — אַ טופּעניש, אַ ליאַרם, אַ קלינגעניש. כ'כאַפּ זיך אויף — גאַנצ־פרי. דאָס פאַרהאַנגל — אַראָפּגעלאָזט.

— Matka, mleka! — (מוטער, מילך) — קלינג־קלאַנג מיט די שפּאָרן. צו אַלדי רוכעס! וואָס וועט איצט זיין? און וואָס האַנאַ? אַזוי, פּאַ־שעט — וועט עפענען דאָס פאַרהאַנגל און זאָגן: נעמט, ס'אַ שפּיק. און זי... זי גייט ווירקלעך צו, זי גייט צו, פאַרשאַרט, און זאָגט אַף פּויליש, רויִק, שטרענג:

— איר זעט?.. באַ מיר אין שטוב — אַ קראַנקער, אַ שווער־קראַנ־קער. און איר הויבט אויף אַ ראַעש. ווי מעג מען...

כ'בין פאַרסטופּנעיעט געוואָרן. אַף איין רעגע אַריינגעפאַלן אין שטיקנדיקן טעהאָם און מיטאַמאָל אַרויסגעשווימען אַף דער פלאַך, ווו עס איז געווען זייער לייַכט צו עטעמען. ווי קאָן מען זיך אַזוי אומפאַר־שעמט פאָרשטעלן?

די איינסצעניזירונג האַט געווירקט. עמעס, איינער פון די געסט האָט אַ לאַך געטאָן, און אָנגעהויבן עפּעס, צום בייַשפּיל: מיר זיינען אויך ניט ערגער פון קראַנקע, נאָר די איבעריקע צוויי האָבן אים אַײַליק איבער־געשלאָגן, געפּאָדערט עסן. האַנאַ האָט זיי געשטעלט מילך, דער עק פון פאַרהאַנגל איז אזוי געבליבן פאַרוואָרפן אפן שנירל. — די ניט־באַהאַל־טענע זאָרג האָט באַדאַרפט נאָך מער איבערצייַגן. דער כשאַד איז פאַראַ־ליזירט, און די סאָלדאַטן איז דער קאָפּ ניט דערבײַ. זיי האָבן אויסגע־הונגערט געכלעפּטשעט פון די טעפלעך, אָפּט געכאַפּט אַ קוק אין פענצ־טער, — מע האָט געהערט פונדאָרט דאָס טופּן פון פערד. מע קאָן ניט זאָגן ס'זאָל מיר זיין זייער שרעקלעך (דער סוינע איז שרעקלעך פונוויַיטנס), נאָר פאָרט... פאָרט פאַרוואָס זאָל זיך איינעם פון זיי ניט פאַרגלוסטן צוגיין צום אויוון, פאַרינטערעסירן זיך? האַנאַ זאָל געווען שווײַגן, וואָלט קיינעם גאָרניט איינגעפאַלן. אָבער האַנאַ האָט, ווייזט אויס, געדאַרפט מיך פּײַניקן זי האָט אַליין ריזיקירט, אומיכטן ריזיקירט, אין דערזעלביקער צייט... אַך, א מעשוגענע פרוי!..

זי האָט אויסגעפרעגט די געסט וועגן מילכאָמע. ד' סאָלדאַטן האָבן געענטפערט אָן כיישעק. אמיינסטן, האָט דערציילט איינער. דערזעלביקער, וואָס האָט זיך צוגעלײַכט צום קראַנקן, האָט דערציילט מיט שפּאַס, מיט אַ געמאַכט געלעכטערל:

— Uciekaj, matko! Bolszewik ne caluje...
— אַנטלויף, מוטער, דער באָלשעוויק קושט ניט.

די אנדערע צוויי האָבן ברויגעזדיק געשוויגן. געזעסן ניט לאַנג. מע האָט זיי אומדערוואַרט אַ רוף געטאָן פון דרויסן, און וואַרפנדיק דאָס עסן, האבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט. דעמאָלט האט האַנאַ אַפּגיך אָפּגעשיקט דאס קינד צום זיידן, פאַרשלאָסן די טיר און זיך דערנעענט צו מיר מיט אַן איינקויפנדיקן שמייכל:

— א, וואס, דערשראָקן זיך ?..

כ'האב אויך געענטפערט מיט אַ שמייכל, און צוגעגעבן, אַז אין ערגסטן פאַל וואָלט אויך די באַלעבאָסטע ניט אויסגעמיטן קיין אומגליק. אָבער זי האט אַפילע ניט געוואָלט הערן. זי האט ווילדעריש געלאַכט:

— וואָס,— זאָגט זי — סע ווילט זיך צום ווייבעלע? האַ? אַפּן קישעלע? האַ? אָרעם יינגעלע... און ווייסטו,— זאָגט זי — כ'האב פאַר גאָרניט מוירע, דאָס בעבעסטו נאַרישקייטן. אַף מיין וואָרט, כ'האב ניט מוירע! אָט באלד גיי איך און גיב דיך אויס די סאָלדאַטן. מיר וועט גאָרניט קומען, מע וועט נאָך אָפּדאַנקען.

און אין איר אַליין איז אַזויפיל אופגערעגטקייט, אַזויפיל בלינדע שלעכטקייט, פאַרצווייפלונג, אז אף מיין ערן־וואָרט, זי איז פעיִק אַף אַלץ.

— אַ נו, קריך נאָר אַראָפּ פון אויוון! אַראָפּ, אז ניט שריי איך. אַראָפּ!

זי האט טאַקע אַ קוויטשע געטאָן. כ'האב געמוזט אַראָפּ. א אידיאָ־טישע לאגע.

— פאַל,— זאָגט זי,— אַף די קני,— און האט מיך אַליין אַראָפּגע־שלאָגן פון די פיס: נו, בעט, בעט!..

דאָ האב איך ניט אויסגעהאַלטן, אַז כ'האָב זיך אַ ריס געטאָן, זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר. זי האט איר קאָפּ מיט די הענט צוגעמאַכט, זיך צוגעזעצט און שטיל אַזוי קלאָגנדיק:

— שלאָג ניט,— זאָגט זי,— כ'האָב דאָך געשפּאַסט...

ווי געפעלט עס אייך? זי האט שפּאַס געמאַכט! און מיט שפּאַס, גע־בויגן, שלענגלדיק זיך, איז זי ארויסגעקראָכן פון שטוב. איצט האט מען שוין געקאָנט אַף אַלץ דערוואַרטן, אָבער ניט לאָזן זי — האב איך ניט געקאָנט. אין א מינוט אַרום בין איך ביגנייווע אַרויס אַפּן הויף, און זיך אַריינגעשמוגלט אין די פּאַפּעשויעס. אַפּן דאָרף האבן א קלאַפּ געטאָן עטלעכע זעלטענע שאָס. דערנאך איז שטיל געוואָרן. אינערגעץ קיין סימען ניט פון געשעענישן. די שאָסן זיינען געווען, ווייזט אויס, צופעליקע. אַזוי

בין איך אָפּגעזעסן ביז נאַכט. באַנאַכט איבערגעקראָכן אפן פינפטן אָדער זעקסטן הויף. אויסגעקליבן דאָס בעסטע אָרט. דאָרט, הינטערן פּלויט, אין אַ פאַרוואַקסעניש פון קושטשעס זיך אויסגעבעט אַ היילעכל, פאַרשטעלט מיט צווייַגן, באַשלאָסן איבערצוואַרטן נאָך אַ שטיקל צייַט. זאָל די כאָשעווע באַלעבאָסטע מיך אויסגיבן וויפל זי וויל — אַלציינס וועט מען מיך אין דער נעסט ניט געפינען. און זי קער גאָר טראַכטן, אַז מיין פוס איז שוין ניטאָ אין דאָרף. גוט, זאָל זי זיך טרייסטן... סע ניט שלעכט געווען צו זיצן. כאָטש שפּעטער האט גענאָגט דער הונגער, אָבער ווערליק און פאָדליק — איז דאָס געווען אַ נאַרישקייט. דעריקער — ניט הוסטן, ניט שרעקן זיך פאַרן שוואַכקייט.

פאַר באַגינען, האט ערגעץ ווייַט־ווייַט אָנגעהויבן שיטן אַ קוילנוואַרפער. אוי, גיכער שוין, גיכער שוין! אויב אַ קוילנוואַרפער — הייסט עס, גאַנץ נאָענט. מעג מען, הייסט עס, זיך ניט פאַרשטעלן.

כ'האב געהאַט אַ גרונט דערצו, ווייל באַטאָג האט זיך אָנגעהויבן אַ פּלוצלימדיקע שיסערייַ. איינע האָבן געשיט פונעם אָפּגרונט, אַנדערע — פון אַקעגנדיקער זייַט, און איך בין געווען אינמיטן, און האב באַשווערט די געדיכטע שערשל־זשוקעס פליען העכער. אָבער די ערדישע פריידן האָבן מיך שטאַרקער צוגעצויגן. דאס קלאַפּעריַי האט געדויערט א מינוט צוואַנציק־דרייַסיק. ווערליק כ'ווייס, איז דער סוינע געווען באַשיצט מיט אַ וואונדערלעכער פּאָזיציע.

נאָר מע האָט אים, ווייזט אויס, אַרומגערינגלט פון פלאַנג און אים גענויט זיך מיט איר צו געזעגענען. שפּעטער — געדענק איך — האט עמעצער אויסגעשריגן מיט אַ געקוילעטער שטים: טאַראַסאָוו! טאַראַסאָוו! — און נאָכגעשריגן דאס אוניווערסאַלע ווערטל. דאס דאָרף איז איבערגעגאַנגען אין אונדזערע הענט. אַ סאָף! ס'איז געווען אין דער צייט פון אונדזער לעצטן אָנגריף, ווען — איר דערמאָנט זיך? — די רויטע זיינען אָן אָפּשטעל געפלויגן אף לעמבערג, און די פּאָליאַקן זיינען אָן אופהער געפלויגן אף די קאַרפּאַטן. און דערפאַר טאַקע איז געשען אַזאַ שנעלע טראַנספאָרמאַציע.

איר שטויסט זיך אָן, מינאַסטאַם, אַז דער פאַל מיינער ענדיקט זיך, יאָ, פריינט, ער ענדיקט זיך טאַקע. דערלויבט מיר אַ פּאָר קורצע ווערטער, אויס פאַרזיכטיקייט בין איך אָפּגעזעסן אין פאַרשטעק ביזן קומענדיקן מאָרגן, און אַן אויסגעהונגערטער, אָבער אַ זיכערער אין שטאָלצער פון זיג, בין איך אַוועק צו... נו, פאַרשטייט זיך, צו האַנען. כ'האב

דאָך געמוזט אָפּדאַנקען און געזעגענען זיך. כ'עפן די טיר — אַף דער טיר דער זיידע, זיך שיר ניט אָנגעשטויסן.

— אַ־אַ־אַ, אַ גוטן טאָג! — זאָג איך.

ער האָט ניט געענטפערט. אויפמערקזאַם, דורכנעמענדיק מיך אָנגעקוקט, געהיים אַ שמייכל געטאָן.

— וווהין־זשע גייט איר איצט? — און שפּיזט מיך, שפּיזט.

— דערווייל צו אייך... — זאָג איך — בין אַריין אָפּדאַנקען.

און ער:

— דו, באָכער, האָסט ניט אַ־דרש ווי עמעצנס גליק געגאַנוועט, אָבער שפּיל ניט מיט דעם, אוי, שפּיל ניט... — האָט ער פּילבאַדייטנד געוואָרנט מיטן פינגער און אַרויסגעשוומען פון שטוב.

דערנאָך — האַנאַ. זי האָט מיך באַגעגנט זייער פריידיק, ציטערדיק, גלייך מיר זיינען אַלטע גוטע פריינט.

— איר זיינט אַ באָלשעוויק, באַ גאָט, אַ באָלשעוויק.

— אָבער ניין, כ'בין דען מיט איין פוס, מיט איין האַנט?

זי האָט געלאַכט. זי האָט בעשומויפן ניט געוואָלט מיך לאָזן אין וועג אַריין: ערשטנס, וועט זיין אַ רעגן; צווייטנס, האָט זי געהאַלטן פאַר בעסער איבערצוווארטן ביז די נייע מאַכט וועט זיך באַפעסטיקן אין דאָרף, זי איז זיך סוימעד אַף פאַרשיידענע פראָנט־געפאַרן, אַף דער נויטיקייט זיך ברענגען אין אָרדענונג פאַרן וועג און אויסרוען, און־נאָך אַף עפּעס נויטיקס, נאָך אַ געפאַר, — מיט איין וואָרט, ס'וועט נאָך זיין צייט צום בידעווען.

זי האָט געהאַט דערצו סיבעס. אָבער דאָס וויכטיקסטע, — האָט זי ניט געזאָגט:

סע האָט זיך איר איצט געוואָלט איינהאַלטן לעבן זיך עפּעס אַ פרעמדן מענטשן, כאָטש אַף אַ טאָג, אַ שאָ. אומרו און פאַרלאָרנקייט האָבן געברענט אין אירע אויגן.

כ'האָב ניט געגעבן קיין לעצטן ענטפער. בעקיוון ניט געגעבן, ווייל פאַר מיר, דעם אַנטלאָפענעם, וואָס האָט שוין אָנגעשפּאַרט פון יענער זייט, האָט אַ איבעריקער מעסלעס ניט געשפּילט קיין ראָלע. אין דערזעלביקער צייט וואָלט אייך אָדער אַן אַנדערן דען ניט אינטערעסירט איר איצטיק פירן זיך? מיך האָט, אשטייגער, אינטערעסירט.

האַנאַ האָט באַזאָרגט גענומען גרייטן דאָס עסן. צווישן אַרבעט, דערציילט, אַז זיי אַלע, כוץ דעם פעטער, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ

קעלער, און האבן איבערגעלעבט שרעקלעכע מינוטן. כ'האב געפרעגט, צי האט זי געזען די באָלשעוויקעס.—

— ניין, אנדערע האבן געזען.

— איינוויגיקע? — פרעג איך.

זי האט שולדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דערנאָך אָנגענומען דאָס יינגעלע באַ דער האַנט און אַף א שפּאַס אים צוגעפירט צו מיר:

— קוקו, סטאַס, ס'אַ — באָלשעוויק. א־א!

— סטאַס, פון וועלכן כ'וואָלט שוין לאַנג באַדאַרפט אויסטרינקען דאָס בלוט, איז געשטאַנען צווישן אונדז און געמאַכט מיט די אויגלעך. און, ווייזט אויס, אַף זיין אויפן עפּעס באַטראַכט, ווייל ער האט געזאָגט זייער ערנסט:

— אַז ס'האט מיר א פּיק געטאָן, האב איך מיר אַזוי דערשראָקן...

אַ ווייל פּעטינק קינדעלע. ווען ער איז היימישער געוואָרן, האט ער מיר דערציילט קאָמישע זאַכן, און איך האב זיך לאַנג געשפּילט מיט אים. אין מעשעך פונעם טאָג האט אין שטוב ניט אופגעהערט דאָס טע־רעלעקען. יאָ, יאָ, כ'האָב אַזוי דעם גאנצן טאָג אָפּגעלייגט דאָס פאָרן אַף ביז אינדערפרי. יאָ, פאַרגעסן: כ'בין דאָך געגאַן אין גמינע (ניט רעגיסטרירן זיך, ניין), בין געגאַן געווירע ווערן, ווו איז דער שטאַב פון פאָלק, אָדער בריגאַדע. קיינעם דאָרט פון מייניקע ניט געטראָפן. כ'האָב זיך נאָר דערוווסט, אַז עטלעכע שאָ פריער זיינען דאָ געווען אונדזערע רייַטער, און געגעבן א באַפעל רויק ווייטער פירן די אַרבעט; אַז דער פראָנט האט זיך צוגערוקט אַף אן אַכט־צען ווערסט, אַז עפּעס א שטאַב שטייט אין שכייניש, שטעטעלע, אין טיל, א ווערסט צען־צוועלף.

אָט־זשע, — זאָג איך, — די נעכטיקע סאָנים זיינען פאַמעלעך געוואָרן פרייַנט. און סע אויך קיין כידעש ניט: געמיינזאַמע איבערלעבונגען בינדן אָפּט צונויף, אין דאָס אומאנגענעמענע — באַזונדערס, די מייַסע מיטן מעשוגענעם „שפּאַס“ — האָבן ביידע פאַרשוויגן, גלייך ווי גאָרניט געווען. זי האָט זיך געשעמט, און איך האָב ניט געוואָלט אָנהויבן דער ערשטער. און, קעדיי אויסמיידן דאָס פּריקרעקייט, גערעדט אָן אופהער, גערעדט וועגן אלץ, וואָס האָט אונדז נאָר געקאָנט אינטערעסירן אין דעם מאָ־מענט, — אמיינסטן, פאַרשטייט זיך, וועגן מילכאָמע און באָלשעוויקעס. האַנאַ האָט אופמערקזאַם זיך צוגעהערט צו מיינע רייד, ווי איינגעשטימט, אָבער כ'האב עטלעכע מאָל געכאַפּט אין אירע געדאַנקען א באַהאַלטענעם

ווידערשטאַנד. עטלעכע מאָל האָט זיך ווי דורכגעגליטשעט, צום בײַ־שפּיל, „איז ניט געראָטן אונדזער מאָן, באַגייען מיר זיך אָן". ביכלאַל, האָט מען דאָך פון איר מער ניט געקאָנט פאָדערן. ס'איז דאָך די ערשטע טעג, — זאָל זי זיך ערשט צוגעווינען.

שלאָפן האָט זי מיר געבעט אַפן באָדן, און ווען מע האט זיך באַלייגט:

— און עפּשער וואָלט איר — זאָגט זי — נאָך אַביסל צוגעוואַרט מיטן פאָרן?

אַף מיין פראַגע צוליב וועלכע סיבעס, האָט זי געזאָגט דאס, וואָס אינדערפרי. און ווען כ'האב זיך אנטשלאָסן אָפּגעזאָגט, האָט זי מיט א שמייכל שפּעטיש א וואָרף געטאָן: — איר האט מוירע איר וועט ניט באַווייַזן? איר האט מוירע אײַערע וועלן מוזן באַלד אַנטלויפן?

— ניין, — ענטפער איך, — לויפן קאָנען מיר ניט. מיט גוטן ווילן, ווען...

— טאַקע?

אָט אַזאַ איינגעשפּאַרטס!.. באַנאַכט האָט זי געדאַוונט. כ'האָב זיך געפילט ניט גוט, נערוועז, געשלאָפן מיט איין אויג. און געהערט, ווי הייס אירע ליפּן האבן געשעפּטשעט:

— Blogoslawión owoc zywota twego, jezus...

אינדערפרי האט האַנאַ גיך אוועקגעשטעלט דעם איבערבײַסן און ווידער פאָרגעלייגט איבערוואַרטן א פּאָר טעג. כ'האב אַקשאָנעסדיק א מאַך געטאָן מיטן קאָפּ. דעמאָלט האט זי גענומען די עמער, געבעטן צוּוואַרטן אַביסל און איז אַוועק. ס'איז אַוועק א מינוט פינף, צען, פופצן — ניטאָ. כ'שטיי אוף, כ'גיי, קוק ארויס, כ'זעץ זיך ווידער, — ניטאָ. כ'האב פאַרלוירן דאָס געדולד. גיין אַוועקוואַרפן ·אַזוי די שטוב — ניט באַקוועם. אבער וואַרטן, ווער ווייסט וויפל, — איז אויך ניט מעגלעך. כ'האב זיך געגעבן נאָך צען מינוט צייט. כ'טראַכט: קומסטו ניט, דאַרף מען ניט. און אַפן הארצן נודיעט עפּעס אַזוי. צום סאָף שנײַד איך אָפּ א רעפטל ברויט, לייג עס אין קעשענע, נעם זיך באַ דער קליאַמקע, — אַנטקעגן קומט האַנאַ.

— איך קום אייך מיט פולע עמער, — זאָגט זי לאַכנדיק און בעט פאַרצײַען, וואָס זי האט זיך פאַרהאלטן. וואַרט, כ'וויל נאָך עסן אַפן וועג איינבינדן און וועל אייך באַגלייטן אַביסל. איר ווייסט דאָך ניט דעם וועג.

דעם וועג האב איך טאַקע ניט געוווּסט (כאָטש ס'אַ נאַרישקייט), אָבער אָפּזאָגן זיך פון אירע לעצטע טויוועס, פון איר גאַסטפרײַנטשאַפט? — איר וואָלט, מינאַסטאם, אויך זיך ניט אָפּגעזאָגט. זי איז פאַרזאָרגט גע־

לאָפּן פון שטוב אין קאַמער אריין, פון קאַמער אין שטוב, אַרומגעדרייט, געפּאַטיעט איבער דעם קלומעקל, גלייך זי וואָלט געגרייט אין וועגן וועג אריין. סאַפּקאָלסאָף האט זי אַרופגעוואָרפן אַף זיך א גרויסן שאַל און באַהאַלטן דאס קלומעקל אין די פאַלדן. מיר גייען.

סע געווען א וווּנדערלעכער פרימאָרגן, קיין איינציק וואָלקנדל, קיין קלענסטן סימען אַף רעגן. כ'האב דערמאנט האַנען, אַז זי איז ניט קיין איינגעגעבענע טרעפערן. האַנאַ האט א שמייכל געטאָן און מיר זיינען אַנשוויגן געווארן. זי האט אויסגעזען רויק, אַפילע שטרענג. געקוקט אַראָפּ, אינגאנצן פאַרטיפט אין די געדאַנקען. און נאָר איר שטערן האט זיך פון צייט צו צייט מינענדיק געקנייטשט. מיר זיינען אַרויס.

כ'האב געמיינט, דאָ זאָגן מיר זיך זייַגעזונט. ניין, זי האט געפירט גלייך צום טראַקט. זי האט מוירע געהאט כ'זאָל זיך ניט אַראָפּשלאָגן פון וועג. ווידער געשוויגן. אַן אָנגעשטרענגט שווער שווייַגן. קיינער פון אונדז האט עס ניט געוואָלט איבעררייַסן.

כ'קיק זיך אום, — ווייַט פאַרגאַן. כ'בלייַב שטיין. און זי:

— אָט זעט איר יענץ טאָלעכל? ביז אַהין צופירן און — גענוג.

כ'האב געמוזט איַנגיין. ווייזט אויס, דאס איז איר געווען אנגענעם, נאָך א מין האַלבער שאָ אָנגעצויגן געשוויגן. און אָט איז דאס לאַנג קנוי־טיק טאָלעכל. איין ברעג איז געווען פאַרוואַקסן מיט געדיכטע קושטשעס, דער צווייטער — אַ קרומער, הויליער צום סטעפּ. מיר זעצן זיך אפן ברעג. דערציילט מיר דעם וועג. איצט איז שוין גאנץ נאָענט.

— נו, זייַט געזונט, — זאָג איך.

— גייט ניט.

— ווי אַזוי?..

— גייט ניט, איר הערט? בלייבט ווינען באַ אונדז. באַ מיר...

כ'האב פאַרכידעשט אופגעהויבן דעם קאָפּ און פלוצים — כ'ווייס ניט ווי אַזוי סע געשען — ליפּן אין ליפּן שטאַרק, הייס. איין קוש, אבער אַזעלכער וועט מער קיינמאָל ניט זייַן.

— גייט ניט.

כ'האב צונויפגעדרוקט אירע הענט, און אַוועק. עטלעכע שפּאַן ווייטער זיך אַרומגעקוקט — זי שטייט אומבאַוועגלעך.

— מיר וועלן זיך נאָך זען! — האב איך א געשריי געטאָן, נעמענדיק א פריילעכן טאָן, כאָטש, דעם עמעס זאָגן, האט מיך ארומגעכאַפּט א לייַכטער טרויער.

tous comprendre — tous pardonner* — און מיר איז געווען א ראַכמאָנעס אַף דעם פון וועג־אַראָפּגעפירטן מענטשן.

יאָ, מיינע פריינט...

כ'הויב אָן אַראָפּצוגיין מיטן טאָל. דאָס סטעזשקעלע איז קרום, פאַר־פלאָנטערט. כ'כאַפּ זיך אָן באַ די קושטשעס, און יעדעס מאָל ציט מיך זיך אומקוקן, גלייך ווי עפּעס א קויעך פאַרהאַלט דאס אָנרירן די צוויַיגן.

יאָ... סע עפנט זיך פאַר מיר א ברייטערער, אָפענער וועג.

איך פאַרהאַלט די טריט, ווייל צום לעצטן מאָל זיך אומקוקן און אין דעמזעלביקן מאָמענט: באַ־באַך! באַ־באַך! — נאָכאמאָל. וואָס פאַר א שעד? אינסטינקטיוו פאַל איך צו צו דר'ערד. קריכן צוריק? — ס'אַ מע־שוגאַעס. דאָ? — וועט מען צעשיסן. גיכער הינטערן בערגל, גיכער אַף הינטן. און כאַפּנדיק זיך פאַר די צוויַיגן האָב איך זיך בלינד א וואָרף געטאָן אַראָפּ.

מע האָט געשאָסן פון א רעוואָלווער. ווער האָט געשאָסן — ווייס איך ביז איצט ניט. כ'צווייפל, אַז האַנאַ, אַשטייגער. מיר האָט זיך דעמאָלט געדאַכט, אַז דער שיסנדיקער שטייט אַסאַך רעכטער. און ביכלאַל איז ער א שלעכטער שיסער, ווייל דער ציל איז באַ אים געווען אַזוי, ווי אַף דער דלאָניע.

א נו, אַזאַ געשיכטע איז עס, ווי איר זעט.

---

* איז פאַרשטיין — הייסט אַלץ מוחל זיין.

VIA DOLOROSA

טעג דורכזיכטיקע ווי טרערן, לעצטע טעג פֿון דער פֿולברוסטיקער בלויקייט און פֿלאַטערדיקע קליאָנען. און אין די פֿרימאָרגנס אַף אַראָפּגעפֿאַלענע בלעטער בליען אויף זילבערדיקע שערשעלס.

אין די סעדער, אין לייַכטער סאַראַבאַנדע — טאָפּאַזן, בורשטינען, פֿלאַמען.

און סע ווילט זיך אויסטרינקען דעם הימל, סע ווילט זיך כּויזעקן פֿון אַלע, וואָס פֿלאָנטען זיך פֿאַמעלעך, ניט פֿלינק אַף די אַלייען, סע ווילט זיך מער ווי מע דאַרף מאַכן מיט די הענט, אומיסנע שטופּן זיך, אָדער אָננעמען פֿולע קעשענעס מיט פֿלאַמפֿייַערדיקע בלעטער און שטיפֿעריש שיטן די דורכגייער ווי בעייס אַ קאַרנאַוואַל. סע גלוסט זיך דערמאָנען די קינדעריאָרן, און פֿאַרשייַט זיך קייַקלען איבערן סטעפּ...

אָבער די טעג געהערן ניט מיר. זיי פֿאַלן אין קעסל פֿון געדיכטן שוים. דער געשעפֿטלעכער ברויז כאַפּט אונטער, יאָגט. זיי זייַנען — רעגעס אומבאַמערקטע.

נאָר זעלטן אַמאָל קומען פֿאַרנאַכטן, — מייַנע, די באַזונדערע האַרבסט־פֿאַרנאַכטן, מיט מוט און בראַנדזע.

— וווהין זאָל איך הייַנט גיין?

כ'האָב פֿאַרקערעוועט צום פּאַרק. ווי שטענדיק, האָב איך אָפּגעגעבן מייַן ענערגיע דעם טאָג. די קרעפֿטיקע לופֿט האָט מיך געשיקערט, און נאָך אַ צייַט בלאָנדזען אין די אַלייען, האָב איך מיט אַ לייַכטער אַנגענעמער מידקייַט זיך אַוועקגעזעצט אַף אַ באַנק ניטווייַט פֿון טויער.

אַ זעלטענע לאַנדשאַפֿט האָט זיך דאָ צעשפּרייט. פֿון אַ מעשופּע־באַרג האָט מען געזען, ווי סע האָט געגויסעט דער באַזיגטער טאָג — אין דער ווייַט, איבערן צעשויבערטן הויקער פֿון קוימענעס האָט זיך איבערגעקערט אַן אָנגעבראָכן קעסעלע, ארויסגעכליופּעט אַ צעשמאָלצענע געדיכטעניש, וואָס האָט פֿוילבלעך גערונען אינדערלענג פֿון האָריזאָנט. אַפֿן ברייטן דנאָ האָבן זיך אַרויסגעטיילט עטלעכע קוואַרטאַלן. לויפֿנדיקע גאַסן־

סטעזשקעס, אן אייזנבאַן־הויף מיט קליינע לאָקאָמאָטיוון און וואַגאָנעס, ווי קינדערשפּילעכלעך. א געקליבענע קרעלן־שנור פון סיגנאַל־לאַמטערנדלעך, און די פּאָדעם פון רעלסן זיינען געלאָפן ערגעץ העט־העט ווייט, אין דער אופרעגנדיקער, פארציענדיקער ווייט, וואָס איז אייביק ניט אויסגעפאָרשט, וואס וואַרט אייביק אַף נייע אומבאַקענטע העלדן...

אונטן — איז דער אומופהערלעכער שטאָטישער ברויז. דאָרט האט זיך באַוועגט דער רירעוודיקער, באַריידעוודיקער מערעזשקעס־הויפן און איבער אים האבן געדרעוועט סירענען, און פונוויטן האבן דרייסט געשריגן לאָקאָמאָטיוון, ווי זיי וואָלטן געטריבן, צוגעגעבן מוט: שנעלער! שנעלער!

כ׳האב לאַנג ניט געקענט אָפּווענדן די אויגן, ווי כ׳וואלט עס צום ערשטן מאָל דערזען און עפּעס האט מיר קיצלענדיק געדריקט דאס הארץ. כ׳האב זיך דעמאלט דערמאנט אין מיינעם א פריינט, א באַגייסטערטן באָכער און אביסל א ראָמאַנטיקער:

— דאס לעבן! ס׳איז פאַראַן אין דעם אַזוי פיל איבערציייגנדיקע קראַפט און פולקייט, אַז ס׳איז שווער זיך צו דערלויבן גלייכגילט אָדער שוואַך צו זיין. און סע האט מיר באַנק געטאָן, וואס מיין כאַווער איז איצט אף די אָוונט־קורסן.

עטלעכע טריט פון מיר האט זיך מיט א טונקעלן ביוסט געהויבן א מענעסטרעל פונעם אָפּגעלעבטן יאָרהונדערט און אויך געקוקט אין דער ווייטקייט, נאר ער איז געווען אַזוי פאַרטרויערט, שטרענג ווי א מאַסקע פון א יאַפּאַנישן נאָ. און אויך ארום איז געווען רו — נאר פון פלאַטערדיקע, ווי לאַמפּאַדעס, רויטע קלאָנעס האט געקאַפּעט און געקאַפּעט הויפנס גאָלד. א אייגנאַרטיקע שיינקייט: אַזאַ פייערלעכקייט אינעם בלעטער־פאלן, אַזאַ זקיינישע סייכלדיקייט אין פארקלערטקייט פון בוימער.

דער טאָג האט געגויסעט און די אויבערשטע צווייגלעך פון די בוימער זיינען געווארן לייכט, ווי זיי וואלטן זיך געטראָגן אינדערלופטן. פון די בוימער־געדיכטעניש האט פאָרזיכטיק זיך געהויבן דער שאָטן און ווייך פארשפּינט די מענטשלעכע געשטאלטן, וואס האבן געזונקען אין דער פאַלנדיקער בראָנדזע. נאר איינער א פאַרשפּעטיקטער שטראַל האָט געבלאָנקעט צווישן אַלייען, זוכנדיק ווו אמבעסטן אויסציען די איינגעמידטע הענט און צום סאָף זיך אויסגעצויגן אין דער ברייט פון דער אַלייע, צופאלנדיק צום איינזאַמען פרויען־געשטאלט אין שוואַרצן, וואס איז געזעסן אביסל ווייטער, אַף דער אנקעגנדיקער זייט. מיט דער לעצטער

אָנשטרענגונג האָט ער אָנגעצונדן אירע רויטלעכע קוטשערלעך. און עפּעס האָט די פֿרוי אַליין זיך אַ צי געטאָן צום שטראַל אין דאָרשטיקייט פֿון שפּעטער אָבער ריינער צערטלעכקייט. אונטערשטעלנדיק די באַק אונטערן שטראַל, האָט זי געקוקט אין אַ זייט — דאָרט, וווּ אינעם פֿאַנטאַסטישן ביינאַשמאַשעס האָבן געגליווערט הויכע טויער־קאָלאָנעס, ווי סאַלמאַנאַסאַרס אָבעליסקן.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די פֿרוי איז געווען טרויעריק. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך פֿאַרשטיי זי — עפּעס ניט קלאָר, נאָר ריכטיק, אַזוי ווי איך פֿיל די מוזיק פֿון שטאָט, דאָס פֿאַרטראַכטקייט פֿון ביימער, די שעפֿע פֿון לעבן אין זיין גאַנצן פּלאָנטער פֿון קאָנטראַסטן.

ווען דער שטראַל איז פֿאַרלאָשן געוואָרן, איז דאָס פּאָנים מיט די רויטע קוטשערלעך געוואָרן ווי טריוואַקס, נאָר די דין־געשניצטע מויל־ליניע האָט זיך אַרויסגעטיילט ווי אַ וווּנד, און די אויגן האָבן זיך באַהאַלטן אין שאָטן אונטערן הוט־ראַנד. זי האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס, אַ קנייטש געטאָן דעם טאַבאַק און... אין פֿאַרלעגנהייט זיך אַרומגעקוקט. אין אַ רעגע אַרום, דערזעענדיק מיין פּאַפּיראָסן־רויך, האָט זי זיך ניט דרייסט אויפֿגעהויבן. כ׳האָב פֿאַרשטאַנען. נאָר אַן אַנדערער האָט פֿריער דערלאַנגט, אַ הויכער, אַ פֿלינקער, וואָס האָט זיך פּלוצים באַוויזן אויף דער אַלייע און זיך פֿאַרנויגט מיט אַ געמאַכטער העפֿלעכקייט.

ער איז געווען ניט קיין דרייסטער. זי האָט זיך צעלאַכט.

ערגעץ האָט אַ סירענע אַ געשריי געטאָן ווי אַ פֿאַרווונדעטע חיה. און איבערן פּאַרק זיך דורכגעטראָגן.

דעמאָלט זיינען זיי אויפֿגעשטאַנען און פֿאַמעלעכן (ער — אַרומקוקנדיק זיך, און זי — פֿאַרטראַכט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ) געלאָזט זיך גיין אין דער שאָטנדיקער טיף. פֿאַרבייגייענדיק לעבן מיר, האָט די פֿרוי גלייכגילטיק אַוועקגעלייגט די האַנט אויף איר טאַליע, אַ לייכטן שמייכל געטאָן — שפּילעוודיק האָט זיך אויסגעבויגן דאָס רויטס פֿון די ליפּן...

— וואָס?..

כ׳האָב שאַרף זיך איינגעקלאַמערט מיט די אויגן אין דעם געשטאַלט, כ׳האָב אַ געשריי געטאָן מיט אויגן.

זי האָט זיך אומגעקוקט.

ניין, כ׳האָב זיך אינגאַנצן איבערצייגט, אַז ניין.

י ע נ ע האָט געהאַט האָר שוואַרצע, ווי אַ האַרבסטיקע נאַכט, און אייד־לערע, שענערע געזיכטס־צוגן. יענע איז געווען קלענער און שלאַנקער.

ס׳איז נאר א איראָניע, א רעפלעקס. יענע, די עמעסע — זי איז ווײַט ווי א כאָלעם... ווײַט ווי אַן אָונטיקע דערינערונג, ווען אין די ווײַכע אָרעמס פון מידקייט, אין געוועבן פון קאַפּריזע אַראַבעסקן — איז אַלץ, אי דער פארשווונדענער קאמף, אי די פארשווונדענע יוגנט. יאָ, ס׳אַ רעפלעקס, א שאַרפער, אן אומדערוואַרטער.

און פון פּאַרק־געדיכטעניש, דורכן פּאַפּיראָסן־רויך, שטייט יענע ווײַטע אף דער אַלטער וועראַנדע באַדעקטער מיט פּלוּישטש, א מיידלש־ריינע, מיט לײַכטע באַוועגונגען, גייט זי ארויס אין ווייסן קלייד, און מיט א מידן קוק זעצט זי זיך אין לאָנגשעז. אף אירע קני ליגט אָפן א בוך, נאר זי בלעטערט אים פוילבלעך מיט פײַנע פינגערלעך, פארזשמורעט די אויגן. דערנאָך זיפצט זי אָפּ, קרומט די מויל־ווינקלען אין א שמייכל און ציט אויס מיט איר מעלאָדישן, ווי בײַ א קינד, קעלעכל:

— פּאַפּאַ... Jl mennue...

— O, mon Dieu!.. — אָרעם מיידעלע מײַנס... אבער פּאַרוואָס, פּאַרוואָס?

זי האט א שײנינק הינטל, מיט א פרעכטיקן באַנט אפן האלדז, אָראַנזשע־קאָליר, פּלינקע ליווערטקע, וואס שפרינגט אזוי קאָמיש, אדער סע דרימלט לעבן די פיס אף איר אויכגעניײטן קישן. דאס הינטל קען מען זעצן מיט זיך באַם טיש, האָדעווען פונעם אייגענעם שיסעלע, אדער ווארפן פון דער ווערענדע, ווי א פילקע, און לאַכן פונעם ניט־געלונגענעם שפרונג. מע קען פיל זאַכן. מע קען נעמען א פּאַעטאָן, וואס גלאנצט אף דער זון, אָנזאָטלען stell'y און, טרינקענדיק די קרישטאָלענע פעלד־לופט, יאָגן צום דעמבן־וואלד — שוואָמען, פילעניצעס, אָזשינעס, שטאַר־קער געריך פון טשערנעשקע, בלומען און גראָזן... אדער אף דער לאָנקע, ווו סע שמעקט נאך מיט שווייסיקן היי־שניט און רײַסנדיקן קרעכצן פון שלײַף־שטיינער, אדער אף די פּלאַנטאַציעס, ווו סע הערן זיך פאַרזאָרגטע אויסגעשרייען פונעם אופזעער און די מוזיק פון הונדערטער אָנגעשטרענגטע מוסקולן.

— Jl m'ennuie

מע קען אויך גיין צום טײַך — אַן אָפּגעצאמט אָרט, א שיפל, א קרעפטיקער רייעך פון טאָטערשן גראָז, די בויגיקע כאַבאַזע און א טונקל־צוציענדיקע טיפעניש. מע קען אויך גיין צו שכיינים: העפלעכע, גוט־דערצויגענע יונגעלייט (טעניס, קראָקעט) מאַניקירטע, געקליבענע ווערטער,

געקראָכמאַלעטע, געטאָקטע באַוועגונגען, וואָס מוזן אופֿרעגן מיט זייער דאָפּלטן אינהאַלט, שאַרפֿע אָנצוהערענישן און זיסן בײַגעשמאַק.

— Jl m'ennuie... Jl m'ennuie

ציען זיך אויס די ליפּן־ווינקלען.

— אָבער, סיוזען... דו מוזט דאָך אָפּרוען פֿון דער שטאָט.

— Jl m'ennuie...

דאָס וואָרט האָט זיך מיר אײַנגעקריצט אין זיקאָרן, נאָר דעמאָלט האָב איך ניט געוווּסט וואָס סע באַדײַט — כ'האָב זיך נאָר אָנגעשטויסן. מיר האָט מען דעמאָלט פּאָרטרויעט אַן אַלטע שקאַפֿע, וואָס האָט געפּאָכט מיט די זײַטן, אַף צו פֿירן וואַסער. און פֿאָרנדיק זיך בײַ די גאַזאָנען, האָב איך יעדן טאָג געהערט דאָס וואָרט.

אָט: — אָן אַ היטל, אַ פֿאַרברענטער, מיט אונטערגעקאַטשעטע הויזן פֿאָר איך צו מיטן פֿעכל. בײַ דער אַרבעט הער איך דאָסזעלבע, ניט געענדערטע, אײַנגעגעסן וואָרט. דערנאָך הער איך, אַז סיוזען בלײַבט אַליין — אַזוי וויל זי. סע שטיל. אַ פֿאַרינטערעסירטער הויב איך בײַ־גנייוועט אויף דעם קאָפּ און זע גלייך אַף מיר געווענדט אַ בינאָקל.

איך קער זיך אָפּ אײַלנדיק און צעמישט. סיוזען לאַכט. סיוזען זאָגט, אַז בינאָקלען שיסן ניט און בעט ווידער ווײַזן איר דאָס פּנים. און ווען סע העלפֿט ניט דאָס בעטן, הויבט זי אָן צו דראָען. מײַן אַקשאָ־נעס רייצט און פֿאַרכאַפּט זי, זי שרייט. און מיטאַמאָל פֿאַלט מיר אַפֿן קאָפּ אַ טײַערער אינקרוסטירטער בינאָקל. איך כאַפּ אים, פֿאַרמעסט זיך און... פֿאַרהאַלט זיך — מיר געפֿעלט דאָס סוידעסדיקע, גלאַטינקע זאַכענישל.

— כאַ־כאַ! — קלינגט סיוזען, — טו בעסער אַ קוק אין דעם. דריי און קוק. קוק אַף מיר. כאַ־כאַ!

פֿון די צימערן גייט צעטומלט אַרויס ער, מיט אַ געדיכטער גרוילע־כער באָרד, פֿרייד און כידעש.

— פּאַפּאַ! אוי, ווי קאָמיש! ווי קאָמיש!..

ער זאָגט איר עפּעס אַף אַן אומפֿאַרשטענדלעכער שפּראַך, ער לאַכט לאַנג און טרייסלט זיך, און איך באַהאַלטנדיק די באַליידיקונג, לייג לאַנג־זאַם אַוועק דאָס בינאָקל אין בוזעם אַרײַן.

— ?!

סיוזען פֿאַרגייט זיך מיט אַ נאָך מער קלינגענדיקן, גליקלעכן געלעכ־טער. דערנאָך הייסט זי זיך אָפּגעבן די זאַך, נאָר איך בין שטום, טויב געוואָרן. זי לויפֿט, זי שטופּט מיך, נאָר איך בין פֿעסט. איך פֿיל,

אז אויב איך וועל אַרויסנעמען דאָס שיינע גלאַטע זאַכענישל, וועל איך עס א זעץ טאָן אין דר׳ערד אַריין. איך וועגד די אויגן גלייך אַף סיוזען — אַף איר פּאָנים שפּיגלט זיך אָפּ די שטאַרקייט פון מיין קאַעס. זי האט זיך איינגעשרומפּן. פּאַרזיכטיק אָפּגעטראָטן.

— היי, דו!.. פליט א דראָונג פון דער וועראַנדע, נאָר סיוזען וואַרפט זיך צו אים און פאַרמאַכט אים דאָס מויל.

איך פאַרענדיק רויִק מיין אַרבעט און מיט א געווינטער באַוועגונג כאַפּ איך די שקאַפע פּאַרן צוימל.

דו, אָפּגעקראָכענע גניאַדע שקאַפע, דיך האָבן שוין לאַנג די הונט צע־ריסן אינעם פאַרטריקנטן טאָל. נאָר ניט דיין מיעסער טויט און ניט דיין העסלעך לעבן האבן דיר ניט געשטערט צו ווערן א פּערסאָנאַזש אין דער קאָמעדיע. געהאָרכזאַם, ווי שטענדיק, האָסטו זיך יעדן טאָג באַוויזן פאַר דער וועראַנדע.

Jl m'ennuie — און דו ביסט געווען אַן איידעס, ווי די מעלאָדישע שטים האט אַלע מאָל געפרעגט וועגן בינאָקל, ווי מע האט קאָמיש גע־רעדט, ווי נאַיִוו האט מען זיך צונויפגערעדט, און ווי צום סאָף האט מען אָנגעזאָגט קומען באַנאַכט אין גאָרטן, ווען מע וועט שפּילן אַפן ראָיאַל. אָ, ווען די עלטער וואָלט אין דער ניט אויסגעטריקנט ביז לעצט די ראָמאַנטישע געפילן, וואָלסטו זיכער געווען פאַרשטאַנען צוליב וואָס האט מען דיך, א פּאַרסאָפּעטע און א קויטיקע, געצערטלט מיט איידעלע הענט־לעך. נאָר אויס טראַדיציאָנעלער אנשטענדיקייט האָסטו נאָר מעכאַניש געפּאָכעט מיט וויידל...

... איך ליג אין ׳טונקלניש אונטער א דאַך פון דריי צעצווייַגטע לינדן, איבער בלומען, איבער גראָזן און איבער מיר וויגט זיך עמעצנס טרויער. די קלאַנגען — צוערשט שוואַכע, אָפּגעריסענע, דערנאָך איילנדיקע, פּייַערדיקע.

זיי יאָגן איבער איינס דאָס צווייטע, ווי זיי וואָלטן זיך געיילט אָנזאָגן עפּעס א בעהאָלע. אַמאָל שמייכלען זיי מיט האָפענונג. נאָר סע יאָגן אָן אַנדערע, דראָענדיקע, שטאַרקע. און אָט איז קאַמף. מע לויפט, מע לויפט, ביזוואַנען מיט אַן אויסגעשריי פון קרענקלעכער איינ־געשפּאַרטקייט פאַלן זיי באַזיגט אונטערן געקרעכץ פון געדיכטע אומ־באַרעמהערציקע באַסן...

Jl m'ennuie... זינגט, ווייזט אויס, אונטער סיוזען, ווייל ס׳איז עפּעס אַזוי אומויסגעגלעך, שווער.

כ'הויב אָן אומגעדולדיק זיך אַרומצוקוקן. סע אינטערעסירט מיך וואס ווייטער וועט זיין, נאָר איך אײַל זיך צו דער גאַראַכאָווער באַלקע: היינט איז קופּאַלאַ און ס'איז דאָרט פריילעך.

— אַך! — האט זיך סיוזען לײַכט דערשראָקן, ווען כ'בין איר אַנקעגן געקומען.

א מינוט שווײַגן מיר אין טיפער אָנשטרענגונג.

— יאָ... — וואַג איך און ווער ווידער אַנשוויגן.

— ד'יר געפעלט?

— וואָס?

— ווי איך שפּיל?

— יאָ.

— ס'איז מיין באַליבטס. ס'איז — „די האַרבסט ליד" טשאַיקאָווסקיס...

און לאַכט פלוצים, שטיל, שטיקט אין זיך דעם געלעכטער.

— דו קענסט דאָך סײַווי ניט טשאַיקאָווסקין... כי־כי־כי... און איך זאָג דיר, דו ווייסט אויך ניט וואָס א בינאָקל איז... כי־כי־כי...

איך הער ווי פון נעפּל אַרויס. קיין איינציק וואָרט. דערנאָך הויב איך אוף פון דר'ערד דאס בינאָקל (כ'האב עס נאָך באַטראַכט באַטאָג) און דערלאַנג עס איר.

— נאָך וואָס?

— מע דאַרף ניט. כ'האב שפּאַס געמאַכט.

סיוזען הויבט די אַקסל, ניט אַנשלאָסן ציט זי אויס די האנט. איך וואַרט, אז איצט וועט זי מיר זאָגן „אַנטשולדיק", נאָר זי בויגט אָן דעם קאָפּ און לאַכט אזוי מאָדנע, לאַכט שטילערהייט.

— יאָ... מאַך איך נאכאמאָל און פּרווו זיך איצטיקס מאָל גיין.

— ווהין גייסטו?

— אף קופּאַלאַ.

עטלעכע שפּאַן שפּעטער לויפט מיר סיוזען איבער דעם וועג:

— וואַרט צו... כ'גיי אויך.

די האָריכאָוואָ באלקא. א שײַטער. דאָס ווערדל, וואס נאָכן גאָרטן, ציטערט, טרייסלט זיך פון געזאַנג און געלעכטער. נאָך פונוויײַטן — טומלדיקע געשטאַלטן, ווי א ווילדע אָרדע אַפּן פאָן פון פײַער.

— אהאָ!

אונדזער פלוצימדיק דערשיינ'ן באַראַשט. די איבערגעריסענע ליד פאַלט אין איר פלאַטערדיקן פאַרגיין זיך, דער געלעכטער הערט אוף.

מע מוז צעטרײַבן די צעמישטקייט, און איך הויב אָן שפּרינגען איבערן שײַטער, מיט גאַזלאָנישע אויסגעשרייען. איך שפּרינג אונטער, שרײַ, מאַך מיט די הענט און ווען סע הויבן אָן איינציקווײַז צושטיין צו מיר נאָך אזוינע שאַסטיקעס, און איבערן וואַלד צעקוליען זיך ווידער לידער, — ווער איך פאַרשיקערט. איך לויף צו צו סיוזען אין שיקערער באַגײַסטערונג, וויל זי פירן טאַנצן, נאָר זי טרייסלט זיך אָפּ דערשראָקן און אַף אירע ליפּן לויפט דורך דערזעלבער שפּילעוודיקער, מאָדנער שמייכל.

— דאָ איז פײַכט... פיר מיך אָפּ אַהיים...

איך מוז פאָלגן. כ'בין פאַרגאַפט. כ'בין אויסער זיך, אָבער כ'מוז. מיר גייען.

אַפן וועג, ווו סע הויבן זיך אָן די צעטרעטענע גראָזן, כאַפּט זיך סיוזען לויפן און פאַלט.

— נו... זאגט זי אזוי טויב און לאַנגזאַם, ווען איך בויג זיך אָן איבער איר, קעדיי איר העלפן, און כאַפּט מיך אַרום מיטביידע הענט.

איך שווײַג אומגעלומפּערט.

— נו!..

... גניאָדע שקאַפע, אַפילע דו, אַזאַ גלייכגילטיקע און שטילע, אַפילע דו האסט מיט כשאַד א פינטל געטאָן, און צוגעמאַכט אַן אויער, ווען די פוכקע הענטלעך האבן אַפן צווייטן טאג מיר אריינגערוקט דרײַ רובל, און דיר א פאַטש געטאָן איבער דער מאָרדע. ווער פון אונדז האט מער באַקומען? און דיר איז גארניט איינגעפאַלן, אז איצט וועל איך דיך איינגאַנצן פאַרלאָזן. דאס גרינע פאַפּירל האט מיר עטלעכע טעג געברײט די פינגער, ווי א שטיין געצויגן די קעשענע, נאָר דער כיישעק איז געווען צו גרויס...

און דאס מיידל אין שימערירנדיקן קלייד ליגט אין לאַנגזשעז מיט א ריינעם, ווייכן אויסדרוק אַפן פּאָנים.

Jl m'einnue... א קרומער שמייכל צוקט די ליפּן.

די אויגן פאַרמאַכן זיך מיד, און איידלע פינגערלעך מאַכן צו פויל דאס ביכל. דאס מיידל שטורכעט, רייצט דאָס הינטל.

— Monsieur!

איך הער דאס לאַנגע שורשען — ס'איז דער פּלושטש אף דער וועראַנדע, אָדער פאַלנדיקע בלעטער. איך זע די ווייכע קאָנטורן פון בוימער...

— Monsieur!

איך כאַפּ זיך אוף. אומבאַמערקט זיינען די שאָטנס געדיכט געוואָרן און דער מענעסטרעל האט זיך געוויגט, געזונקען ווי א פאַנטאַסטישע

זעונג אין דער פֿאַנטאַסטישער סטיכיע. אָבער כ׳האָב מיטאַמאָל דערקענט דיזעלבע פּרויען־געשטאַלט אָנגעטאָן אין שוואַרצן.

— Monsieur, מיר דאַכט, איר האָט שוועבעלעך?

כ׳האָב אָפּגעזוכט דאָס קעסטעלע.

— און עפּשער האָט איר אויך אַ פּאַפּיראָס? מײַנער איז אַ קאַפּ צעריבן.

איר פּראָסטקייט איז מיר געפֿעלן געוואָרן. כ׳האָב גערן אַרויסגענומען דעם פּאָרטסיגאַר. זי האָט זיך באַשיידן אַוועקגעזעצט לעבן מיר.

— ביטע, — און דאָס אָנגעצונדענע שוועבעלע, וואָס כ׳האָב צוגעטראָגן צו איר פּנים, האָט אַ ציטער געטאָן, אַראָפּגעפֿאַלן. ווי אַ קורצער אומרויִקער געשריי האָבן זיך אַף אַ רגע־לע נאָר אַרויסגעכאַפּט פֿונעם טונקלניש די עקן פֿון איר קאַרמין־שמייכל און אַ פֿאַרמאַסקירטער שווערער בליק. צעטומלט האָב איך אַרויסגענומען פֿונעם פּודעלע אַ גאַנצן פּאַק פּאַפּיראָסן. ווידער אָנגעצונדן.

— כי־כי־כי...

אײַנדרינגלעך, אָנגעשטרענגט קוק איך זיך אײַן אין דעם פּנים, אין די אויגן, וואָס האָבן זיך ביז איצט באַהאַלטן אונטערן הוט. דער רעפֿלעקס האָט מיך ניט אָפּגענאַרט. יאָ, דאָס איז געווען סיוזען. אָבער, ווײַ, ווי זי האָט זיך געביטן!

— כי־כי־כי... איר דערקענט? און איך האָב אײַך נאָך פֿריִער דערקענט. נאָר כ׳געדענק ניט, ווו האָב איך אײַך באַגעגנט.

איך האָב געזאָגט:

— אַהאַ־אַ־אַ! — און זי האָט מיטאַמאָל פֿאַרטויבט איר אופֿרעגונג און פֿאַרכידעשטקייט מיט אַ טערפּקע, הייזעריקן, הילכיקן געלעכטער.

ווער וואָלט עס פֿריִער געטראַכט, קוקנדיק אַף דער אײַנזאַמער, פֿאַרטראַכטער פֿרוי אַ באַשײַנטע מיטן לעצטן אָוונטיקן שטראַל, ווער וואָלט עס געקענט זאָגן, אַז זי קאָן אַזוי גראָב לאַכן? זאָל עס הייסן, אַז דאָס שוואַרצע באַשיידענע אָנטאָן איז געווען נאָר אַ צודעק פֿאַר ציניזם, און דער אומעט צוליב כויזעק־מאַכן?

כ׳האָב זיך פֿאַרלוירן. בין אופּגעשטאַנען.

— Monsieur, Monsieur... — האָט זי געזוכט אַ וואָרט, אָנכאַפּנדיק מיך פֿאַרן אַרבל, אָבער מײַן נאָמען האָט זי קיינמאָל ניט געוווּסט, און וועט ניט וויסן, און מיט אַ געדעמפּטער, נידעריקער, סוידעסדיקער שטים האָט זי אָנגעהויבן גין־גיך:

— קום, קום, קום, מײַן ייִנגעלע... האָב ניט מוירע... איך ווײס דאָך צוליב וואָס דו זיצסט דאָ. קום צו מיר, האָב ניט מוירע...

כ'האָב זיך אַרויסגעריסן און דעמאָלט האָב איך דערהערט אַ שטילן, האָפֿענונגסלאָזן קרעכץ:

... אַ גאַנצן מעסלעס ניט געגעסן...

כ'האָב אַרויסגענומען דרײַ רובל, געגעבן איר, און אַליין זיך אַוועקגעײַלט פֿון דאָרט.

— Mersi... אָבער וואַרט, נאַרעלע, קום מיט מיר... קום.

אין אַ רעגע אַרום האָט מיט אַ ווידערקאָל מיר נאָכגעיאָגט אַ פֿײַנלעכער, גראָבער געלעכטער:

— אַך־כאַ־כאַ! אַט סוואָל־ל־ל...

און אין האַרבסטיקן פּאַרק האָט זיך צעטראָגן מיט ברוסטיקן, סאַרדאָנישן פּאַרכלינען זיך:

— האָט זיך דער־שראָ־אָקן! כאַ־כאַ!

באַם טויער האָבן אופגעפלאַקערט לאַמטערנס. דאָס געזיכט פֿון מענעסטרעל האָט קרענקלעך אַ צוק געטאָן און באַלד געוואָרן נאָך קעלטער, שטרענגער.

כ'בין אַרויסגעגאַן. אַנקעגן האָט געדעוועט אַ סירענע, אַז מאָרגן וועט ווידער טאָג זײַן.

איוואַן מיקיטענקא

געבוירן אין 1897־טן יאָר אין דאָרף ריוונע, זינאָוויעווער קרייז.

באַזונדערע אויסגאַבן: „אַף זוניקע האנעס", 1926, מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַינע. „ברידער" — דערציילונג, 1927, „וווספּ". „איך גיי" — פּיעסע, 1927, פאַרלאַג „באַסא". פייערן — פּאעמע, 1927, מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַינע.

אין יידיש איז איבערגעזעצט זיין דערציילונג „ברידער".

איוואַן מיקי־ענקאָ.

נונעק.

פרימאָרגן.

דער לאַנדשאַפט איז ווי פאַרגאָסן מיט בלוט פון פאָוסטאַנצעס.

לאַנגזאַם איז ארויסגעקראָכן פון הינטערן באַרג די זון ווי אַ גראָבער קאַוואַלעק און זיך אָנגעשפאַרט מיטן בויך אינעם וועג.

אָס אַזוי וועט זי אָפּשטיין אַביסל, ווערן וואַכנדיק, און דערנאָך — אַ שפרונג־אונטער פון דער ערד אַף צוויי סאַזשען, און אַזאַ שפּריץ טאָן!.. וועט צעשיטן רובינען איבער די כוטעדס, באגילדן יעדן פּראָש אין טײַכל, פּארהניטען די געגּ־זען־פּוס־גראָזן און יעדן בלאַט אַף די אָסאָקעס, און אוועקשווימען, פרייענדיק זיך, איבערן בלויען אָפּגרונט...

ס׳איז דער סאמע ברענענדיקער כוידעש יון.

און ביזוואַנען דער פאַרטאָג בלישטשעט נאָך מיט טוי־טראָפּן, איז גרינג אַרויסצושפּרינגען פון דער קלוניע אינדרויסן, אָנטאָן אף די פערד דעם געשפאַן און ארײַנפּראַווען די האַרבע...

הײַדאַ, נונעק, נאָך היי...

מע פירט דאָס היי פון ווײַט, אַזש פון פריצישן, אַכט ווערסט. ס׳אַ שטיקל וועג.

... אָנגעגאָסן אַ פעסעלע, די מוטער האָט שוין אַ וואָרף געטאָן אף דער האַרבע א זעקעלע מיט ברויט...

ווי געשמאַק איז ברויט מיט ציבעלע אין פעלד...

שטעלסט אוף פינף סטויגן, טוסטו זיך דעמאָלט אַזאַ וואָרף אינעם היי... — כראָמטש־כראָמטש... (סע ווערט דאָ־פּא־טריקנט!).

און אז מע פאַרהאַלט מיט דער בײַטש די ווישקעס, און מע לייגט זיך אוועק אינדערלענג האַרבע, אָנהאלטנדיק זיך באַם שטריק —

שווימט מען אוועק...— דאָס היי שורשעט, באַוועגט זיך, שווימט, און דו שווימסט אויך...

און דאָס פאָרט גאָר די האַרבע און ניט סע שווימט דאָס היי. אַלציינס.

און:

Вы же-ртво-о-о-ю па-лі-і і в борь-бе ро-ко-вой...

לאַנג געזונגען. עפּשער אַ ווערסט דרײַ.

און די זון קאָכט, ציט ארויס די טוי־טראָפּן פונעם פּאָנים...

פאַראן רויטע טוי־טראָפּן?

אָט וועט עס דיר באַלד אויפקאָכן, וועסטו שוין זען רויטן טוי...

. . . .

... איך וועל דיך ניט פאַרגעסן, פאַרשאָלטענער בייסאַלמען, ווו אין נאָמען פון פאַן סקאָראָפּאַדסקע האָט זיך געגאָסן דאָס הייסע בלוט פון מיינע אייגענע אף די ביינער פון מיינע עלטערזיידעס...

... מיט יענעם טוי איז דורכגעוועבט מיין מויעך...

די דערינערונגען וועלן זיך ניט איינשטילן און ניט פאַרגעסן ווערן, ביזוואַנען מיין האַרץ וועט ניט פאַרפוילט ווערן און דער וואָרעם פון אייביקייט וועט פון אים ניט מאַכן שטויב פאַר נײַע אופשטאַנדן...

. . . .

— א, העי, נוניק, שוין איינגעשפּאַנט?..

— באַלד, באַלד, אָט שוין!..

ער איז אַ יידיש באָכערל — לייזערס זון. ער וואָלט אין דער וועלט אריין געגאַן מיט זיין טרויער... נאָר געבליבן איז ער באַ אונדז אף „ארבעט". מיר שלאָפן צוזאַמען, פירן היי...

און אינאָוונט, ווען איך גיי צו האַלען אַפן כוטער, וואַרט מיך נונעק אָפּ באַם שפּײַכלער, קוקט אַפן וואָלאָסאָזשאַר, הערט די געשרייען פון שקאָצים און דאָס קוויטשערײַ פון מיידלעך... און טראַכט וועגן זיינע ברידער.

ער זאָגט:

...— די קאָזאַקן האָבן דערהאַרגעט אַלע דרײַ... דער טאַטע נעמט זיך שרעקלעך צום האַרצן. ער וויינט פון פאַרטאָג ביז נאַכט. אוי, מיין טײַערער טאַטע...

און אָט פאָרן מיר צוזאַמען נאָך היי.

און אַפן וועג זינגט ער אזוי „Вы жертвою палi“ ,אז כ׳קען ניט אויסהאַלטן. ער באַקומט דעמאָלט אזוינע אויגן ווי אַ קעלבל, וואס מ׳האָט באַ דעם ערשט געקוילעט די מוטער.

און ער זאָגט:

דער וואַלד־היטער איז דאָך אַ קאָמוניסט... ער איז אַזאַ באָלשעוויק... ער זאָגט: „נונעק, ביסט אַ זשיד". כ׳ווייס דען אַליין ניט?.. שווײַג איך. ווייל ער וועט ניט שלאָגן, נאָר גלאַט אַזוי ריידן... — „נו, און די מאַכט די סאָוועטישע, — פרעגט ער, — ווילסטו?.. אוי, אוי!.. ווער וויל עס ניט?.. אונדזעריקע ווילן עס אַלע, אָבער ווער פרעגט זיי?.. „נו, טאָ נעם זשע איין אַ שטומעניש, ביז וואָס ווען...״

נונעק ווערט אַנשוויגן, אָבער אין מיין קאָפּ שווימען דורך זיינע טרויעריקע ווערטער...

... און אַ יענער וואָווק, איז פונקט אַזאַ באָלשעוויק ווי דער וואַלד־היטער, אויב ניט קיין גרעסערער. עפשער מיין איך, אַז אין דאָרף איז מער ניטאָ?.. אָהאָ, אזוי פיל געזונט זאָל ער האָבן, נונעק, וויפל באָלשעוויקעס ער קען... אָט איז וואָווק און דער וואלד־היטער, זיי זיינען דאָך פויערים, נאָר זיי האָבן ראַכמאָנעס אַף נונעקס טאַטע, וואָס ער האָט אַזוי פיל יִיסורים.

אוי, איוואַן, איוואַן... מיינע ברידער, זיי זיינען, ווייַזט אויס, געווען אַזוינע באָלשעוויקעס... אַפילע דער וואַלד־היטער האָט זיי געפּאָלגט.

— און וואָס, ווען די דייטשן דערוויסן זיך וועגן וואַלד־היטער?.. האַ?..

נונעק ווערט בלאַס ווי די וואַנט, קוקט מיט אָפּגעשטעלטע קייַלעכיקע אויגן.

— און פון וועמען וועלן זיי זיך דערוויסן?.. ווי אזוי?.. סײַדן עמעצער וועט אויסזאָגן!

— און דו... וואָלסט ניט געזאָגט?..

— איך?!.. פאַר וואָס פרעגסטו מיך אַזעלעכס?.. זאָל מען מיך שנײַדן; אַף שטיקלעך... זאָל מען מיך...

. . . .

— נו, טאָ גיכער זשע, נונעק! קום פאָרן.

מיר זיינען שוין געווען פון יענער זייַט הויף.

נאָר פלוצים מיט ביקסן אנקעגן — אַסאַך... אין גרויע מונדירלעך — שנײַדן איבער דעם וועג...

איינער:

— פאַניע, סטאָפּ! קום אַף אַ סכאָדקע. גיך!

זאָג איך:

— מיר מוזן פירן היי... ווייל ס'שוין איבערגעטריקנט.

נונעק האָט אויך געוואָלט ריידן... מאַך איך אים: — שאַ, שווייַג!

— גיי אַף אַ סכאָדקע! schnell! און אויך די, וואָס זיינען אַפן וואָגן. איינס, צוויי...

זיי הויבן די ביקסן און סע קוקן שוין די שוואַרצע לעכלעך גלייַך מיר און נונעקן אין שטערן אריין...

מיר שפּרינגען אראָפּ פון דער האַרבע...

... — פירט אריין די פערד, — זאָג איך דער איבערגעשראָקענער מוטער.

און מיר גייען ביידע נאָך די דייַטשן.

... ביזן פלאַץ איז ווייַט:

נונעק שווייַגט. איך שווייַג אויך. און די פויערים — די דייַטשן האָבן זיי אויך אַזוי צונויפגעזאַמלט — טופּען מיט די באָרוועסע ברייטע פּאָדאָשוועס, מע גייט כאָפּעטעסוויז, מע פלאָנטערט זיך און מע שמועסט גאָט ווייסט וואָס...

נאָר די דייַטשן פאַרשטייען סייווי ניט...

גאַנצע שטויב־וואָלקנס שטייען אוף פאר אונדז.

אַפּן בייסאַלמען, הינטערן דאָרף איז אַ מאַכנע מענטשן.

און גוואַלדן.

און די זון איז געפּערלעך. שפּאַצירט ארום אינעם בלויען אָפּגרונט.

מיר גייען.

אונדז צאַנקעגן — צעשויבערטע, פאַרצווייפלטע יידענעס און אונדזערע מוטערס, ווי צעדולטע, רייַסן זיך זשמעניעס האָר, ווי קאָנאָפּלעס, צערייסן די לופט מיט ווילדע, ניט קיין מענטשלעכע געשרייען...

סע פאָרן פורן, האַרבעס, וועגעלעך, לאַסט־וועגעלעך.

און צאַף די וואָגנס — בלויע, צעמוטשעטע, צעהאַקטע מענטשן. מע רירט זיך ניט, מע קרעכצט נאָר שווער. פאַרפּייַניקט.

— אָ־א־או־אי־י! הי־י... וויי מירר...

— וואו־ו־ו־י...

גיטאָ קיין קויעך צו גיין. אָפּרוען כאָטשבי.

מע טאָר ניט.

פונהינטן גיט איינער נונעקן איבערן קאָפּ:

— Gehen! —

... און איינעם אַן אַלטן האָט מען אַוועקגעטראָגן אין אַ רעדנע.

און פון אונטער דער רעדנע, גלייך אַפן הייסן שטויב האָט געטריפט איבערן וועג שוואַרץ געדיכט בלוט. פון בייסאַלמען אָן ציט זיך אַ סימען. כ'האָב געזען — ס'איז נונעקס אַ פעטער. ער איז געווען אַ זייגערמאַכער און געהאַט אַ גרויס געזינדל.

סאַרע, — איז זיין טאָכטער. פאַר גרויס אַגמעסנעפעש איז זי געפאַלן אַפן וועג און עסט די שוואַרצע ערד.

— טאַ־א־א־טע!.. יה־י־י... ווייז מיר...

נונעק האַלט זיך באַם קאָפּ — אַ שטאַרקן קלאַפּ געכאַפּט. נונעק האָט ניט געזען דעם פעטער מיט סאַרען. איך ווייס — ער האָט זי ליב געהאַט. זי איז פון זינען אַראָפּ.

מיר גייען, אָנהאַלטנדיק זיך ביידע באַ די הענט, ווי פאַרקאָוועט מיט איין קייט. איך און נונעק.

די פויערים — אַ צעשראָקענע כאָפּטע.

מיר דערנעענטערן זיך...

אַ שמאָלינק טויערל באַם בייסאַלמען, — צוויי וואַך־סאָלדאַטן שטשירען די ציין. און דאָרטן, וויַיטער, אַ ברעגלאָזער, טעמפּער, רעוונדיקער פּאַכעד.

אַפן בארג, נאָכן שפּייַכלער שטייען הארמאטן, קוילנוואַרפערס.

דריבנער, טויזנט־טייליקער טויט איז שוין אָנגעצילעט אַף מעטאַלענע סטענגעס, ער גלאנצט קעגן דער ברענענדיקער זון.

טוט מען זיך אַ ריר:

— טאַ־טאַ־טאַ־טאַ!..

— צססס, נונעק! אינעם גראָז אריין... נאָך מיר. (אַ צי).

— Woin?.. Zurück!.. —

— זעך!.. גלייך אין שטערן אַריין, סע האָבן אַ פלאם געטאָן כיל־פאַרביקע פייַערלעך.

מיר גייען.

מע פירט אונדז ערגעץ דורכן מענטשן־געדיכטעניש.

און די מאַכנע איז גרוי, מיט דולע'אויגן, צעכראַסטעט און באָוועס, פעלדיש, מרוקענדיק — קריכט פאַר שרעק אַף ציילעמער, צענעמט די קוואָרים פון די אייגענע.

און סע רעוועט, רע־וע־עט...
יעדערער דערוואַרט יעדער רעגע זיין ריי.
... אָט באַלד שוין...
צווישן די קוואָרים געפינט זיך דאָס אָרט, ווו מע פּײַניקט...
אָט:
צוואַנציק גלאַנצנדיקע און רויטע פון אָנשטרענגונג „soldaten“ מיט אנגעשפּיצטע ביקסן, און אינמיטן רינג — אין ווייסע הענטש־קעס, אין זייער אַ פּײַנעם קאַרטוז — דער „Herr leutenant“.
איך זע: לעבן אים זיינען פאַראַן אונדזערע, אייגענע פּענימער, אוקראַי־נישע, נאָר אין גרויע, דייטשישע מונדירלעך.
זאָל זיין...
מיר הערן:
Слетущі!..
— פּײַנלייב לייזער!
איצט איז נונעק, ווי פייל פון בויגן.. ארויס:
— טאַטע!!!
מיר זיינען אינמיטן.
מיר זען: אַ באַנק און אַ פעסל.
צוויי מיט פאַרקאַשערטע אַרבל, אין בלויזע העמדער. אין זייערע הענט — נאַראַפּניקעס מיט דראָטיקע שפּיצן.
די נאַראַפּניקעס זיינען נאַס, גליטשיק...
דער לייטנאַנט כ־יפּעט ארויס:
— Лейзер Фойнлейб! Польшовик — снаешь?..
לייזער איז אַן אַלטער גלעזער. ער האָט אַ פערדל. ער האָט נאָר איין דימענטל אַף שנײַדן גלאָז... פאָרט ער אַרום מיטן פערדל איבער די דערפער.
— וואָס ווייס איך?.. שויבן אריינשטעלן...
נונעק שרײַט אויס צום לייטענאַנט!
— סע מיין טאַטע! ער ווייסט גאָרניט...
— Zurück! schwein. לייזער פּײַנלייב! אַ קוילנוואַרפער ווייסטו?
— אוי, ווי! אַ קוילנוואַרפער?.. אַוועלכער איז ער... איך בין אַ ייִד...
— איינס!..
— איך ווייס נאָר... דעם וועג... אפן בייסוילעם...

— צווײ! דו ווײסט?..

— טאַטע, נײן, איר זעט דען ניט, אַז ער ווײסט פון גאָרניט?

— Was?.. Nehmen!

טײקעף אַ כאַפּ געטאָן, פאַרדרײט די הענט, מע האַלט.

איך שטײ שוין אַלײן. נונעק קוקט מיך אָן מיט אויגן פול מיט טײַ־נעס, וואס רײסן דאָס האַרץ. דערנאָך ווערט נונעק וואַקלענדיק און ווײַס ווי די וואַנט...

ווײַמען האט ער דערזען?..

איך טו אַ קוק: — דער וואַלד־היטער און וואָווק.

זײ שטײען אינעם געדיכטאַײט. אײנגעקלאַמערט מיט די אויגן אין נונקעס פּנים... אין זײנע אויגן. אַלײן געל און רויִק, ווי דער טויט...

— דרײַ! דו ווײסט?..

דער לײטענאַנט האט אַ מאַך געטאָן מיט דער הענטשקע.

מ'האט לײזערן איבערגעבויגן איבערן פּאַס און אַראָפּגעריסן פון אַלטן לײַב די בגאָדים...

גיך און ריטמיש האט אַ סווישטשע געטאָן:

— זשוויט... זשוויט... זשוויט!

... בלוילעך־רויטע פּאַסן, ווי שלאַנגען, האבן זיך אָנגעבלאָזן אַף דער הויט, אָנגעבראָקנעט און געפּלאַצט...

אַ געדיכטער, שוואַרצער טוי איז אַרויסגעטראָטן...

און געטריפט...

מײנע אויגן האבן זיך אָנגעפילט מיט יענעם טוי...

כ'האב דערהערט:

— או־ו־ו!.. פאַרשאַלטענע, אויסוורפן!..

... נונעק האט אומגעוואָרפן אײנעם אַ פּײַניקער און אַ כאַפּ געטאָן אין די הענט דעם פאָטערס קערפּער...

— וואָס ווײסט אַן אַלטער ייִד, רויצײעך! לײזער פּײנלײב ווײסט, אַז זײנע דרײַ זין זײנען געמײמעכט... טאַטע! ווײסט שוין ווײנען אַפן בײסאַלמען נאָך אַלע פיר זין מיטאַמאָל...

דער לײטענאַנט איז אויפגעקאָכט געוואָרן, אויסגעכאַפּט באַם סאָל־דאָט דעם נאַראַפּניק, און אַ פּליאַסקע נונעקן איבערן פּאָנים.

ס'האט אַ שפּריץ געטאָן גלײך אין די אויגן.

— פּאָלשאָוויק סנאַיש??.

נונעק האָט זיך אויסגעבויגן ווי אַ שלאַנג און אַ שליידער געטאָן פֿײַן אין געדיכטעניש, וווּ סע געשטאַנען דער וואַלד־היטער מיט וואָווקן.

— אוי־י!.. סאַ אַ ספּריטנע איר זיינט... מע קען אים דען כאַפּן מיט די הענט?..

— אַ קוילנוואַרפער ווייסטו?..

— אַ קוילנוואַרפער?.. פּכע... ווייניק קוילנוואַרפערס איז דאָ?..

— איינס... צוויי...

— און נונעק, מיטן גאַנצן קויעך:

— יידן! ווער פון אונדזער פאָלק וועט ניט אויסהאלטן, זאָל בעסער אויסגיין פון נאַראַפּניקעס. און ווער ס'וועט עפענען זיין פאַסקודנע מויל, און אויסגיבן צוליב געשעפט, דער איז ניט קיין ייד. און ווען סע וועט קומען די שאָ, זאָלט איר זיינע פארשטונקענע קישקעס ארויס־וואַרפן פאַר די הינט...

דאָס שעלטן האָבן געהערט מיינע אויערן.

דער אלטער לייזער איז געליגן אַ פארכאַלעשטער.

און נונעקן האָט מען צוגעבונדן צו דער באַנק.

ס'האָט געסווישטשעט לאַנג, ריטמיש, אומופהערלעך. און צו דער באַנק זיינען צוגעקלעפּט געוואָרן שטיקלעך פלייש מיט האָר...

... און אין דער לופט — אומענטשלעכע, ווילדע געוואַלדן און אַ רעווען...

דער סאמע ברענענדיקער יוני־כוידעש.

די זון פאַרבראַט נונעקס בלוט אויף דער באַנק, ווי אויף אַ בעקן...

נונעק פארקריצט מיט די ציין און וואָיעט, דערנאָך ווערט ער אנ־שוויגן... פּאַמעלעך ווערן זיינע אויגן פארקלעפּט. ווי שטריקלעך פאַלן נונעקס הענט פון דער באַנק. און דער קערפּער טוט אַ ציטער און אַ ציט זיך אויס ווי אַ סטרונע...

— Schneller!

— זשוויט, זשוויט, זשוויט!..

... איינער האָט אָנגענומען באַ דער האַנט.

— גענוג, ער איז שוין...

— Schneller! Schneller!

. . . .

. . . .

נונעקס קערפּער איז טויט.

נאָר לאַנג נאָך קאַטעוועט מען אים, און שטיקלעך הויט קלעפּן זיך צו דער באַנק...

אַ ג׳גאַנטישער רויטער פיַיער דרייט זיך פאַר מיר... נונעקס טויטע אויגן בויערן מיר דעם שטערן:

— אוי, איוואַן, איוואַן... ווער וועט דען אויסגיבן...

אן אויסצוג פון פּראָטאָקאָל.

אין איינעם אן אָוונט אין אַ ווײַטן ראַיאָן האָט דעם מיליציע־נאַטשאַלניקס ווייב געהאַלטן באַם שטאַרבן. געווען איז דער ראַיאָן אין די קאַלטע הוילע סטעפּעס, אין אַ דאָרף. געגויסעט האָט זי אום ווינטער. אַ פּוסטער פּאַרנאַכט איז געווען ארום איר. די עטלעכע גראַד העכער נול האָבן ריזלענדיק געטריפּט אַף איר שטערן. און אַף די וויעס האָט זיך שוין געזיפּט דער אומזיכטבאַרער אַש פון טויט.

דער פאַרקלערטער מיליציע־נאַטשאַלניק — אַ פּאַרטיזאַן פונעם אַכצנטן יאָר, וועלכער האָט געזען אַסאַך בלוט און קאָנטר־רעוואָליוציע, איז געשטאַנען אינמיטן שטוב אין דעם שינעל און אין שווערן שווײַגן אופגענומען דעם סאָף פון זיין ליבער. דאָס איז ער אַקאָרשט געקומען פון דער ארבעט און דערזעען, אז איר (דעם ווײַבל זיינעם) איז היינט גאָר שלעכט געוואָרן.

— ליאָווקע!.. איך שטאַרב, — האָט דאָס ווייבל צעהיצט אַ שושקע געטאָן מיט טרוקענע ליפּן.

— די היץ עסט מיך אוף...

און אף אירע באַקן האָבן זיך צעבליט צוויי רויטע פלעקן, ווי פאַרשפּעטיקטע מאָן־קעפּלעך פון אומעטיקן געלן הארבסט.

— בייג זיך אָן צו מיר, ליאָווקאָ.

ער האָט אָפּגעריסן פון דיל די אונטערגעקאָוועטע שטיוול און אָפּגעמאָסטן צוויי גלייכע פּאַמעלעכע טריט, איבערגעבויגן איבער איר זיין גרויסן שווערן קערפּער.

זיין גוף איז געווען איינגעמידט, איינגעקוטעט אין שינעל, ווי אין אַ פּאַנצער פון סאָוועטישער רויִקייט. דאס ניטגעגאָלט פּאָנים, דאָס צעפלאַצטע פון פרעסט האָט דערפילט אַף זיך די לײַכטע פּאַרע, וואָס איז געגאַן פון דעם ווײַבס ברוסטן און האָט שוין געשמעקט מיט טויטע לונגען, ער האָט זיך נאָך מער איבערגעבויגן איבער איר.

— לעב... שטאַרק זיך, גיב זיך ניט אונטער... — האָט ער אַ פּאַרצווייפלטער געקוקט אין אירע אויגן, וואָס האָבן זיך געלאָשן אַלץ טיפער און אומראַכמאָנעסדיק.

— אָט וועל איך דעם לאָמפּ אָנצינדן און אונטערהייצן דאָס אייוועלע.

... ווען באַ אַ קאָמונאַר שטאַרבט אַ ווײַב און זיי האָבן זיך ליב געהאַט נאָך ווען ער איז געווען אַ פּאַרטיזאַן פונעם אכצנטן יאָר, איז אים אוואַדע זייער ביטער. א ווייטיק ניט אויסצוהאלטן. גלוסט זיך פאַרשעלטן די קאַלטע גלייכגילטיקע סטעפּעס.

מיטן מאַלינאָווע קאַרטוז, וואָס מע האָט אים אין שטאָט ארויסגעגעבן, האָט דער מיליציע־נאַטשאַלניק געפּאָכעט איבערן האָלץ פון אייוועלע, דער „רומינקע", עס צעבלאַזן, עס זאָל גיכער וואַרעם ווערן. נאָר אומזיסט. ווייל נאָר אַ געדיכטער סמאָלע־רויך פונעם נאסן שטיקל האָלץ האָט זיך איינגעגעסן אין די אויגן.

און ווען לאַנגע שאַרפע פײַפעלעך האָבן גענומען כריפּען אין דעם ווײַבס ברוסט, האָט ער אוועקגעוואָרפן דעם קאַרטוז אפן דיל און איז צו צו איר.

אינדרויסן איז שוין געווען אינגאנצן שטיל. ס'איז דאַן געווען א שפּעטע ווינטער־נאכט. געשלאָפן זיינען ניט נאָר די שכײנים, נאָר אויך דער פּאָרזיצער פון אויספּירקאָם און דער סעקרעטאַר פונעם פּאַרטיי־קעמערל.

און אין דער שאָ האָט דאָס ווייב פון מיליציע־נאַטשאַלניק געגויסעט.

פון מאָל צו מאָל געכאַפּט מיט דער ברוסט די געדיכטע רויכיקע לופט, ברייט צעעפנט אַפן לאָמפּ גרויסע אויגן, פול מיט אומויסדריקלעכער פּײַן אַ פיר געטאָן מיט זיי איבערן מאַנס פּאָנים און פארשטילט געוואָרן.

און סע איז געוואָרן אזוי שטיל אין צימער, ווי אין אַ גרוימער, הילכיקער טרונע. פון אונטערן הויכן פּײַכטן שטערן האָבן געקוקט אַפן מיליציע־נאטשאַלניקס פאַרגליווערטן געשטאַלט צוויי ווייסיע אויגן, וואָס האָבן שוין גאָרניט געזען.

דעמאָלט האָט ער זי איבערגעדעקט ביזן האַלדז מיט דער קאָלדרע און זיך געזעצט צום טיש.

. . . .

... קיינער קען ניט וויסן, וואָס סע טראַכט א קאָמונאַר, ווען אַלע שלאָפן — און דער סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קעמערל שלאָפט, און ער

אַליין זיצט בײַם טויטן ווייב. און קיינער קען ניט זאָגן, צי וויינט ער דעמאָלט, צי רויכערט ער אָן אַ סאָך ציגאַרעטן, צי עפּעס טראַכט ער זיך, ווי ער האָט זיך געשלאָגן מיט באַנדיטן, און דעמאָלט האָט זי אים ליב באַקומען — די, וואָס איז איצט טויט. קיינער קען ניט וויסן.

פֿאַרטאָג איז אויפֿגעשטאַנען דער מיליציע־נאַטשאַלניק פֿונעם טיש און אוועקגעגאַן. ער איז געקומען צום סעקרעטאַר פֿון פּאַרטיי־קאָמערל, זיך דערוואַרט ביז יענער איז וואַכנדיק געוואָרן און זיך אויפֿגעזעצט אויפֿן בעט. דעמאָלט האָט אים דער נאַטשאַלניק געזאָגט:

— געשטאָרבן בײַ מיר דאָס ווייב.

דער סעקרעטאַר האָט געקוקט אויף אים לאַנג, אומפֿאַרשטענדלעך, דערנאָך אויפֿגעשטאַנען, צוגעגאַן א טריט נעענטער.

— געשטאָרבן הייסט עס? אינגאַנצן געשטאָרבן?..

— יאָ.

און זיי זײַנען געשטאַנען אַזוי אַ מינוט פֿינף: איינער — אינעם הוילן וועש, מיט טונקעלע רעדער אונטער די אויגן פֿון איבערגעמידקייט, און דער צווייטער — אין אַ ציגל־קאָלירטן שינעל מיט אַ ניט־געגאָלטן שטרענגן פּנים.

— מם, — האָט געזאָגט דער סעקרעטאַר, — זי האָט געטאָן ניט לויטן פּלאַן.

— מע דאַרף צונויפֿרופֿן אַ זיצונג פֿון קאָמערל, — האָט געזאָגט דער מיליציע־נאַטשאַלניק, — באַשליסן ווי אַזוי זי מעקאַבער זײַן.

— אַ זיצונג? וועגן דער לעווײַע? זי איז דאָך... אַן אומפּאַרטיייִשע.

— יאָ, אַן אומפּאַרטייִשע, — האָט געזאָגט דער מיליציע־נאַטשאַלניק און איז פּאַמעלעך בלאַסער געוואָרן. דערנאָך דערפֿילט אַ ווייטיקדיק צוקן אין די שלייפֿן.

זיי זײַנען געשטאַנען נאָך אייניקע מינוט איינער קעגן אַנדערן, דערנאָך האָט דער סעקרעטאַר זיך אָנגעטאָן, און מע איז אַוועק צונויפֿרופֿן אַ זיצונג.

די האָנען האָבן שוין צום דריטן מאָל געקרייעט, אָבער אינערגעץ האָט זיך נאָך ניט געהערט קיין גערויש. ווו־ניט־ווו האָבן זיך פֿענצטער אָנגעגאָסן מיט וואַרעמער גרעלקייט. דאָס האָבן די סאַמע רירעוודיקע באַלעבאָסטעס זיך געכאַפּט צו דער פֿאַרטאָגעדיקער אַרבעט. ווײַל מענטשן, וואָס האָרעווען, האָבן שטענדיק מיט וואָס זיך צו באַשעפֿטיקן.

אויף דער זיצונג פון קעמערל זיינען געקומען אַלע פיר קאָמונאַרן און די זעקס קאַנדידאַטן.

אין צימער פון קעמערל האָט מען אנגעצונדן א ביילעוון ליכטל, אוועקגעשטעלט אויף דער שרייבמאַשין, און דער סעקרעטאַר האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג.

— דאָס וואָרט פאַר אינפאָרמאַציע באַקומט דער כאַווער גושטשאַ.

עמעצער איז אָפּגעגאַנגען צו דער שיועל און זיך אויסגעשנייצט די נאָז, שטרענג, לאַנג. דערנאָך געזאָגט:

— סע קאַלט.

אין דער מיטלסטער טאַבליע איז געווען אַ לעכל. דאָס לעכל איז פאַר־קלעפּט געווען מיט אַ פּאַפּיר, אָבער דאָס פּאַפּירל איז אַביסל אָפּגע־שטאַנען און לייכט געפלאַטערט פון ווינט. פונדעסטוועגן האָט זיך אויף דעם קיינער ניט אומגעקוקט, ווייל אַלע זיינען געווען אין די היטלען און געזעסן — ווער פאַרוקט די הענט אין די אַרבל, און ווער סע האָט זיי באַהאַלטן אין די קעשענעס.

דער מיליציע־נאַטשאַלניק האָט גענומען דאָס וואָרט און אינפאָרמירט די פאַרזאַמלונג וועגן טויט פון זיין ווייב.

די פיר קאָמונאַרן און די זעקס קאַנדידאַטן זיינען לאַנג געזעסן און געשוויגן. דערנאָך האָט דער סעקרעטאַר א טראַכט געטאָן אויפן קאָפּ, אַז פריער דאַרף מען זיך אַרויסזאָגן און דערנאָך צוטראַכטן עפּעס ווייטער.

מע האָט אָנגעהויבן ריידן.

פריער האָט איינער זיך אַרויסגעזאָגט, אַז דער טויט איז שטענדיק אַזוי: ניטאָ, ניטאָ, און פּלוצים איז ער דאָ. און אַז מענטשן קענען קעגן דעם גאָרניט טאָן. דערנאָך האָט מען ווייטער גערעדט: איינציקע — פאַר־דומפּן, מיט מיטלייד. ווייל אַלעמען האָט באַנק געטאָן, אַבער וואָס קען מען מאַכן. דער מיליציע־נאַטשאַלניק האָט פאָרגעשלאָגן:

— איך בעט מע זאָל מעקאַבער זיין. דאָס פּאַרטיי־קעמערל זאָל נע־מען אָנטייל. פאַרשטייט מיך, כאַווײרים.

— וואָס, דאָס פּאַרטיי־קעמערל זאָל? דאָס פּאַרטיי־קעמערל זאָל מע־קאַבער זיין?

— יאָ. ווי דען, צום גאַלעך גיין? ווי מיינט איר? צום גאַלעך?

איינער האָט גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט:

— טאַקע אַן עמעס... א מאָמענט. נאָך מיין מיינונג איז דער מאָמענט אַן ערנסטער און א פאַראַנטוואָרטלעכער.

און די איבעריקע האָבן אויך גענומען זאָגן:

— וואָס איז דאָ צו ריידן, ס'אַ מאָמענט...

— אָבער דאָס פּאַרטיי־קעמערל איז אויך...

— וואָס קער זיך עס אָן?

— איז ווי־זשע? ווי אַזוי זאָל מען מעקאַבער זיין?

דערנאָך האָט מען געזאגט:

— כאַווער גושטשאַ, דאס פּאַרטיי־קעמערל איז דאָך אויך ניט קיין באַגרעבונג־ביוראָ. נו, געשטאָרבן... וואס קענען מיר טאָן? בארעכן, נו, געשטאָרבן...

— יאָ אָבער אַן אויסוועג? אוועלכער אויסוועג?

מע האט ווידער לאנג און אָנגעשטרענגט גערעדט:

— דעריקער, ס'איז ניטאָ קיין אויסוועג. דאס איז עס. געשטאָרבן, דער טויט איז געקומען, אבער ווי אזוי צו קווורע ברענגען, ווי אזוי? דעריקער, וואס סע האט צו אונדז קיין שייַכעס ניט, און ווי זיך נויהעג זיין, ווייסן מיר אויך ניט. איינס נאָר ווייסן מיר: זי האָט געלעבט מיט א מיט־גליד פונעם קעמערל. דאס איז דער איקער. נאָר קיין שייַכעס האט עס ניט...

ס'איז שוין לאַנג צעשמאָלצן און פאַרלאָשן געוואָרן דאס ליכטל אף דער מאַשין. צום פענצטער איז פאמעלעך צוגעקראָכן דער אינדערפרי און צערונען געוואָרן אין די ווינקלען. אין פּאַרטיי־קעמערל האט מען אומופהערלעך דעבאַטירט און געקלערט.

דער מיליציע־נאַטשאַלניק איז אופגעשטאַנען, ארומגעגאן אָנגעשטרענגט איבערן צימער, געמאַכט אלע מאָל פיר טריט איבערן צימער און זיך אויס־געקערעוועט אפן ארט מיט זיין גאנצן שווערן קערפער.

— נו? — האט ער געפרעגט, און זיך אָפּגעקערעוועט צו דער וואַנט. צווישן די ברעמען האָט זיך אים איינגעשניטן אַ טיפער טרויער.

אָבער דאָס מאָל האט מען באשלאָסן אזוי:

גע הע רט:

וועגן דעם, אז באַם כאַווער גושטשא איז געשטאָרבן די פרוי און ווי מען זאָל זי מעקאַבער זיין.

באשלאסן:

אזוי ווי דאס קאָמקעמערל ווייסט ניט, ווי זי מעקאבער צו זיין, און אזוי ווי אָט די בירגערן איז דעם קעמערל אַ זייטיקע פערזאָן, אן אומ־פּאַרטייאישע פרוי, וואָס האָט ניט קיין אומיטל־באַרע שייכעס צום קאָמקעמערל, געפינט מען פאר ניט מעגלעך זי מעקאַבער צו זיין אַפן פּאַרטייאישן אויפן.

ס'האָט שוין געטאָגט. דער טאָג האָט זיך אוועקגעלאָזט אין פארפלאָנ־טערטן געוויינלעכן געפילדער פונעם קליינינקן צענטער. צום אויספירקאָם זיינען פורן צוגעפארן און געראַשט מיט די רעדער אין די שפּיציקע שטיינער פונעם ניט־פארענדיקטן פלאַסטער. אפן וועג האבן באַלעבאַטים געטריבן זייער פי צום פויען. אַ זינגענדיק מעקען האָט זיך געהערט, שטיקלעך פראָסטע רייד האבן זיך געטראָגן.

אף יעדערן האט די ארבעט געווארט.

אַלע האָבן זיך אוועקגעיילט.

דער מיליציע־נאַטשאַלניק איז געקומען אין קאַנצעליאַריע, צום טיש זיך געזעצט. דער מיליציאנער, וואס איז אף דער וואַך געשטאנען, האט אפגעגעבן א באריכט, אז די גאַנצע נאכט האט זיך גארניט ניט געטראָפן, און זיך גענומען אָנזורונקען גלייך פונעם עמער, וואס איז געשטאנען אפן פענצטער.

ער האָט לאנג געטרונקען, קרעכצנדיק און ליאַפּנדיק מיט די וואָנסן.

— געפרישטיקט, כאווער נאַטשאַלניק, — האט דער מיליציאָנער אַ פרייַנטלעכן שמייכל געטאן צום נאַטשאַלניק און מיט א טיכעלע אקוראַט זיך אָפּגעווישט די וואָנסעס.

— פאראָרדענונגן וועלן עפּעס זיין? דער נאטשאַלניק האט מיטן בלייַ־ערל א פּיר געטאָן איבערן טיש, געכאפּט אַ קוק אף ליבקנעכטס אלטן פּאָרטרעט, וואס הענגט שוין דאָ פונלאנג, און שטיל דעם כאַוער געבעטן:

— איר האט א ווייב כאַווער. היינט דארף הילקע שטיין אף דער וואַך. בעט איַער פרוי און נאָך עפּעס אַ שכיינע זאָלן קומען צו מיר אהיים. מיינע איז הייַנטיקע נאכט געשטאָרבן. אפטאָן, וואָס מע באדארף. אפּ־וואַשן... אנטאָן, אוועקלייגן אַפן טיש. נאָר מייַן טיש איז צו א קליינער. מע דאַרף אַ גרעסערן. אַף מיינעם וועט ניט זיין גוט...

דער מיליציאָנער האָט אויסגעשריגן: „וואָס רעדט איר!”, דערנאָך דעם קאָפּ אָנגעבויגן, אוועק צום צווייטן טיש און געזאָגט:

— ע־עך... ביטער...

און איז אוועקגעגאַן.

דער מיליציע־נאַטשאַלניק איז אויך אַביסל געזעסן און אוועק. ער האט דעם נעכטיקן טאָג גאָרניט אין מויל געהאט, און צוויי נעכט ניט גע־שלאָפן. האָט דער קאָפּ ווי געטאָן און די פיס זיינען אביסל שלאַבעריק געוואָרן באַם גיין.

זיך אָפּגעשטעלט פאַר זײַן טיר, לאַנג געזוכט דעם שליסל. דערנאָך דערמאָנט זיך, דער שליסל איז געלעגן אין בוזעמקעשענע.

געעפנט די טיר, געשטאַנען אַביסל אויף דער שוועל, דערנאָך אַרײַנגעגאַנגען און ווידער לאַנג געקוקט אויף דער טויטער, די ווײַסע אירע זײַנען אײַנגעזונקען פאַרגליווערט געוואָרן און עטוואָס צוגעמאַכט די אויגן. אויפן דיל איז געלעגן דער מאַלינאָווע־קאַרטוז. אין דער „רומינקע" — אַ שוואַרץ סאָסנע־קלעצל.

דער מיליציע־נאַטשאַלניק איז געשטאַנען לאַנג, ביז וואַנען סע זײַנען געקומען די צוויי פּרויען. זיי האָבן גענומען צוקלײַבן אין צימער, דערנאָך פּאָרען זיך באַם מעס. איינע פון זיי האָט אַ טאַפּ געטאָן די טויטע בײַ די שפּיץ פינגער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון דער קאָלדרע, פאַרשמײַעט אַ קוק געטאָן אויפן מיליציאָנערס פּרוי און אויך איר געזײַעט:

— נעם אָן, נעם אָן... האַלט אַביסל באַם פוס... זי זאָל ניט קומען צו כאָלעם.

דעם מיליציאָנערס פּרוי האָט אַ רעגע זיך אָפּגעהאַלטן, דערנאָך אויך זיך אָנגערירט אין די קאַלטע פינגער און אָפּגעזיפצט. זיי האָבן געקראָגן אַן אַנדערן טיש, און פּאָרענדיק זיך, גערעדט שטילערהייט און יענע האָט זיך געצײַלעמט, די אַנדערע זאָל ניט זען.

דער מיליציע־נאַטשאַלניק האָט גענומען פּאַפּיר, זיך אָנגעבויגן באַם פענצטער און אָנגעהויבן שרײַבן.

ער האָט פאַרטראַכטערהייט גענעצט דעם כעמישן בלײַער אין די ליפּן און אָנגעשריבן די ערשטע שורעס:

„צום קרוטאָיאַרישן פּאַרטיי־קאָמיטעט.
פון כ' גושטשאַ, מיטגליד פון ק. פּ. (ב) או.
מעלדונג.

אָבער דערנאָך האָט ער אָוועקגעלייגט דעם בלײַער און לאַנג געפירט מיטן נאָגל איבער דער קאַלטער קלינגענדיקער טאַפּליע, וואָס איז באַמאָלט געווען פון פראָסט, ער האָט שטאַרק צונויפגעקוועטשט די ברעמען, זיי האָבן זיך צוגערוקט איינס צום צווייטן, ווי צוויי סנאָפּעס אָפּגעבריענטע, אָפּגעקלאַפּטע פון ווינט, און גענומען שרײַבן. אויף די שווערע איבערגאַנג־ערטער האָט ער געטראַכט לאַנג, ניט אויסגלײַכנדיק די פּלייצע, געדרייט דעם בלײַער אין די פאַרטריקנטע ליפּן.

די צוויי פרויען האבן שוין לאנג צוגעקליבן אין שטוב. איינע איז געבליבן באם מעס, אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אַף דער האנט און א פארמאַטערטע געדרימלט. די צווייטע איז אוועק צו די שכיינים.

דער קורצער טאָג איז פארגאנגען, און ס׳איז שוין ווידער געווען אָוונט. גושטשאַ האט אַלץ באַוועגט מיט דער פּלייצע, ווי אַ ריז, געבויגן איבערן פּאפּיר, ביזוואנען סע איז גוט טונקל געוואָרן.

צום סאָף האט ער זיך אופגעהויבן, צונויפגעוויקלט די מעלדונג, פארוקט זי אינעם ארבל-לאַץ, און אוועק צום סעקרעטאַר.

ווידער האבן זיך פארזאמלט אין קעמערל פיר קאָמונאַרן און זעקס קאנדידאטן. דער מיליציע-נאטשאַלניק האָט געבעטן איבערקוקן זיין איניען.

דער סעקרעטאר האָט לאנג געשוויגן. פון אָנשטרענגונג איז דער קאָפּ אים אנגעגאסן געוואָרן מיט עפּעס שווערס. געפילט, אז די ברוסט ווערט באַדעקט מיט שוויים, האָט ער, ניט עפּענענדיק די פארזאַמלונג, אָנגעהויבן ענטפּערן אַף זיינע אייגענע געדאנקען:

— נו, ווי וועלן מיר נאָכגיין נאָך אַ טרונע פון אַ פרוי, וואס איז געשטאָרבן דערפון, וואָס איר צייט איז געקומען, און וואָס פּאַקטיש איז זי אין קיין שלאַכט ניט געפאלן, גיין און זינגען, און מוזיק נאָך דערצו. זאָגט שוין איר אליין!.. און פאָנען אויך, האָט עמעצער געזאָגט. ווו האָבן מיר דען פאָנען? דערנאך וועלן די פּויערים זאָגן: קוק נאָר אָן, ווי מע איז זי מעקאבער, דעם נאטשאַלניקס ווייב. מיט וואָס איז זי בעסער פון אונדז?״

— און ווי מיינסטו, כאוועך סעקרעטאַר, ווי אַזוי דען אַנדערש? באַגראָבן אַ מענטשן ווי אַ... כ׳ווייס ניט וועמען און... א וואָסערן איינדרוק וועט דאס מאַכן? און ווען באַ דיר שטאַרבט אוועק דאס ווייב? אָדער באַ מיר?..—

דער מיליציע-נאטשאַלניק האָט געשוויגן.

דער סעקרעטאַר האט אויך געשוויגן.

דערנאך איז אופגעשטאנען איינער, פארפּרעסט די ציין און טיפער אָנגערוקט אַף די ברעמען דאס היטל.

— כ׳האב געגוג טויטן געזען, דער רועך ווייסט עס, — האט ער געזאָגט און זיך פארטיפט אין זיינע אייגענע ווערטער. — צוטאָן געהאט און בייגעלעבט, נו, אָבער אזוינס האט זיך מיר נאָך ניט געטראָפן. און וואס מע דארף טאָן — כאָטש הארגעט מיך — ווייס איך ניט.

אן אנדערער פון א ווינקל האט צוגעגעבן:

— דער איקער, וואָס סע פעלן אונדז נאָך פיל קליינינקייטן, מיר ווייסן נאָך גארניט. אלע פּאַראַזיטן שוין דערקוועטשט, און די קליינינקייטן פעלן נאָך.

און ווו נעמט מען זיי? דאס איז דיר איין פאַקט. און דער צווייטער פאַקט איז, אַז מירן זיי דאָך סײַווי געפינען. געפינען און באַשאפן, פון אונטערדר׳ערד ארויסגראָבן. האָט עס אינזינען, כאַווײרים.

אָבער דאס האָבן אלע אָן אים אויך געוווסט. ווי גיט מען זיך אָבער איצט א אייצע? — אַף דער הייסער שאָ...

און מע האט געטראַכט: „די וועגן וועלן מיר שוין געפינען. אָבער דערווײַל — איז ניט קלאָר..." און דעריבער האט יעדנס הארץ אומרויִק געקלאַפּט.

— נאר איין אויסוועג בלייבט מיר, — האט געזאָגט דער מיליציע־נאטשאַלניק, און אָפּגעטראָטן צו דער טיר.

— אָפּפירן אַף אַ וואָגן צום בייסאלמען און אליין מעקאַבער זיין? — האָט מען אים געפרעגט.

— אזוי קומט עס אויס.

אלע האָבן דערפילט דעם טיפן ווייטיק און דערשלאָגנקייט.

דער מיליציע־נאַטשאַלניק האָט אוועקגעלייגט אפן טיש די „מעלדונג".

— ווי איר פארשטייט, כאַווײרים, — האט ער געזאָגט, זיך אויסגעקערעוועט מיט דער ברייטער פּלייצע, זיך איינגעהויקערט און ארויס.

ארויס איז ער אַף דער שטילער גאַס, אַ קוק געטאָן אַף די שטערן, רויִק און ניט צו דערלאנגען, האָבן זיי געשײַנט איבער דער ערד. דורכן פענצטער האט ער דערהערט א ראַעש אין צימער פון קעמערל. ס׳איז אים געקומען פאר די אויגן דאס איינזאמע צימער, דאס פאַרפרוירענע פענצטער און דאָס אייוועלע מיטן שוואַרצן קוימען דורך דער וואַנט. לעבן אייוועלע — אן אָפּגעבערענט סאַסנע־קלעצל, אפן טיש ליגט דאס ווייב אנגעטאָן אין ווײַסן, אין שווארצע שיך. ער האָט קלאָר און מיט ווייטיק אַ טראַכט געטאָן:

— ניין, איך וועל זי ניט פירן אַליין אַפן פורל!..

דער סעקרעטאר האט גענומען פון טיש אַ פאפיר, עס אויסגעגלײַכט אַף די קני.

— איך קלער, כאַווייִם, מיר זאָלן אָנהויבן די זיצונג, — האט ער געזאָגט האָפענונגלאָז. אט וועל איך אייך פריער איבערלייענען זיין מעלדונג:

„דעם קרוטאָיארישן פארטיי־קעמערל.

פון כאוו. גושטשאַ, מיטגליד פון ק. פּ. (ב) או.

מעלדונג.

דער סעקרעטאַר האָט זיך אַף אַ רעגע אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אַף די כאַווײרים, אָפּגעזיפּצט, און װײַטער געלײענט:

... כאַווײרים, מיר אַלע זײַנען מיטגלידער פון פּאַרטײ און קאַנדי־דאַטן פון ק. פּ. (ב) או. כ'וויל קײן סאַך וועגן דעם ניט רײדן. מיר איז אַ ווײַטיק פאַר דער אומפּאַרטײיִשער, אָבער קײן טויטן קען מען פונעם קייווער ניט אומקערן. אָנגעליטן האָט זי זיך פאַר איר קורצן לעבן ניט ווייניק.

אין 1919 יאָר אין דעקאַבער איז געווען אַ קאַלטער ווינטער. איך האָב דעמאָלט אָנגעפירט מיט אַ פּאַרטיזאַנישער טייל אין אַן אַנדער ראַיאָן, ווו אונדזערע זײַנען אומגעקומען ווי די הינט. דאָרט טאַקע האָב איך זיך באַקענט. זי איז נאָך ניט געווען מיט מיר, נאָר דאָך אַסאַך מאָל מיך געראַטעוועט פון צאָרעס. עפּשער האָט זי עס געטאָן צוליב מיר, ניט באַוווסטזיניק, אָבער די רעוואָליוציע האָט דערפון געוווּנען, און מײַן פרוי, וואָס האָט מיך געוואָלט ראַטעווען פון די דראַזדאָווער אָפיצירן, — זי פלעג זיי פאַרעדן די ציין, — איז געלאָפן צו מיר אינעם ריוו, קימאַט אַ באָרוועסע און פאַרקילט די ברוסט, דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן צו הוסטן. סע אַרט מיך ניט, וואָס פריער, ווי מע זאָגט, האָט זי געהוליעט מיט אַן אַנדערן, אַבי ניט מיט קײן סאָנים פון דער רעוואָליוציע, וואָס זי פלעג זיי אַפילע נאָענט צו זיך ניט צולאָזן. דאָס מעלדע איך אײַך ווי אַ קאָמוניסט. איצט וועל איך אײַך זאָגן, וועגן דעם באַוווסטן באַנדיט פּשעניטשני. אין טריבונאַל ווייסט מען, אַז איך האָב אים געכאַפּט און מיט מײַן אייגענער האַנט דערשאָסן, ווי אַ פאַרעטער, וואָס איז פריער געווען אין אַ פּאַרטיזאַנישן טייל. ווער איז אַזוינס דער פּשעניטשני? — אַ פאַרעטער, וועלכער האָט פאַר פעלדפעבלשע בענדלעך פאַרקויפט דרײַ קאָמוניסטן און מע האָט זיי אופגעהאַנגען אין שטאָט אַנקעגן דער קאַוואַליעריסטישער שול. דאָס איז איר ברודער — פּשעניטשני, זי האָט מיר אַליין אָנגעוויזן, ווו ער באַהאַלט זיך אויס, און איך האָב אים צעשאָסן, און זי האָט דערנאָך געזאָגט: „דער הונט איז ווערט דעם טויט". וויפל אונדז איז ניט אויסגע־קומען צו זײַן אין אַ שלעכטער לאַגע, זאָל זי געווען כאָטש איין מאָל, אָט די אומפּאַרטײיִשע פרוי, ווירקן אַף מיר שלעכט אדער ניט אונטער־האַלטן מיך ווען סע נויטיק. מע רעדט ניט וועגן דעם, סע ווייסט עס קיינער ניט. אָבער איך רעכן, אַז אַ פרוי פון אַ קאָמוניסט, אויב זי איז ניט

פונעם סוינעס, נאר פונעם אייגענעם קלאַס, — איז אַ קעמפער פאר דער רעוואָליוציע, וועלכן מיר מוזן מעקאַבער זיין ווי אַ כאַווער. עמעס, סע געווען שוין לאַנג. יאָרן זיינען אוועק. איצט איז זי געשטאָרבן אלס אַ פרידלעכע בירגערן. סע מאַכט אבער ניט אויס. וואָס זשע זאָל איך טאָן? אוועקלייגן די טרונע אַף דער פור און אָפפירן זי אַליין אפן בייסאלמען? — אזוי קומט עס אויס. אָבער איך וועל עס ניט טאָן, און דאָס קעמערל מוז געפינען אַן אויסוועג פון דעם אומגליק. מיר איז אָן דעם אויך גענוג שווער, און ס'א ווייטיק צו ריידן וועגן דעם. איך פארלאָז זיך נאָר אַף אייך, ווי אַף קאָמוניסטן, אז איר וועט שוין געפינען, ווי אזוי צו מאַכן פאר די ארבעטנדיקע מאַסן פון פויערטום, אַז דאס קעמערל זאָל אויך אין דעם פאַל ווייזן אַ וועג, כאָטש דאָ גייט ניט וועגן לעבן, נאָר וועגן טויט. אַף דערויף פארענדיק איך די מעלדונג.

מיטגליד פון ק. פּ. (ב) או. גושטשאַ".

דער סעקרעטאר איז אַנשוויגן געוואָרן. איינער פון די צען איז אופגעשטאַנען, צוגעגאן צום טיש און געזאָגט:

— וואָס זשע קען מען צוטראַכטן? די מעלדונג איז ריכטיק. אָבער זאָגט, ווי דארף מען טאָן?

— מיר האָבן פאָנען? — קימאַט ניטאָ. מוזיק האבן מיר? — ניטאָ... לעווייַע־געזאַנגען... ניטאָ... „סמעלאָ טאָווארישטשי" און „ווי זשערטוואָיו פאַלי". מער קענען מיר ניט...

— און דעם אינטערנאַציאָנאַל.

מע איז אנשוויגן געוואָרן.

— ניין, אינטערנאַציאָנאַל פאַסט ניט אַטהער. ווי קומט אַטהער אינטערנאַציאָנאַל? וואָס זשע וועסטו זינגען? „שטייט אוף איר אלע..."

— ניין, סע פאַסט ניט.

— און „מונטער כאַוויירים" פאסט אָבער אויך ניט...

מע האָט לאַנג געשוויגן, געדרייט ציגייערס, באקוקט די אייגענע צעריסענע שטיוול. איז דערנאָך אופגעשטאנען דער סעקרעטאַר און אפן קאָל געמאָלדן:

— מע דארף זיך באַראָטן מיט דער מאַסע.

— מע דאַרף... אלע האָבן איינגעשטימט.

— רופן די ארעמפּויערים. — דאס האט מען שוין לאַנג באַדאַרפט. איניינעם וועלן מיר שוין באַשטימען.

— כאַוויירים, ס׳איז שוין זייער שפּעט. מע האָט שוין צוויי געקלונגען.

— מאָרגן פאַרטאָג וועלן מיר שוין באַשליסן.

— מאָרגן, אומבאַדינגט באַשליסן.

... אזוי איז מען זיך צעגאַנגען אַהיים.

ס׳האט אָנגעהויבן טאָגן. ס׳איז שוין דער דריטער טאָג געווען.

דער סעקרעטאַר האט זיך אפילע ניט צוגעלייגט, געהאַלטן נאָר אין איין רויכערן אַ ציגאַרע נאָך אַ ציגאַרע און טיף און ביטער פאַרצויגן. איצט האָט ער באַטראַכט די פראגע וועגן די פאָנען. און ס׳איז אים איינגעפאלן אַ געדאַנק: „די קאָאָפּעראַציע האט אן אייגענע פאָן.״ אַן אויסוועג! פארוואָס האט ער פריער וועגן דעם קיין טראַכט ניט געטאָן?.. אָט. נאָר אף דער פאָן זייערער איז אָנגעשריבן:

טויט די פּריוואַטע קרעמערס און ספּעקוליאַנטן! נאָר דורך קאָאָפּעראַציע וועלן מיר דערגיין צום סאָציאַליזם!!!

דער אופשריפט אַן און פּאַר זיך איז אַ גוטער, נאָר...

דער סעקרעטאַר האט צוגעשפּאַרט דעם שטערן צו דער שויב און זיך בארויִקט. און פּאָדערהויז האט אַ קלאַפּ געטאָן די קליאמקע. סע זיינען געקומען די מיטגלידער פון קעמערל מיט די ארעמפּויערים. מע האט אין פּאָדערהויז לאַנג געטופּעט, אפּגעקלאַפּט דעם שניי. דורך דער אופגעעפנטער טיר האט זיך אריינגעריסן דער ברענענדיקער פראָסט. מע איז אריין, זיך אוועקגעזעצט. אין צימער איז נאָר דאָס אָרט, וואס איבער די קעפּ, פריי געבליבן.

— די טאגאָרדענונג איז דיזעלבע — האט דער סעקרעטאַר אויסגערופן, — נו, לאָמיר פּראַקטיש...

— כ׳בעט אַ וואָרט, — האט איין ארעמפּויער געזאָגט, אויסשטרעקנדיק די האַנט.

מע האט אים געגעבן דאס וואָרט. ער האט א ריב געטאָן די דלאָניעס אין די קני און געזאָגט:

— פון ק. נ. ס. וועלן זיין אַ מענטשן פינף און צוואנציק — מענער און פרויען.

— וואָס? איר האָט שוין דען גערעדט מיט זיי? דער ארעמפּויער האט אופגעהויבן די קאַרע קינדערשע אויגן, וואס האָבן געשפּילט אין שײַן פון ניט קיין פריילעכע קנייטשעלעך.

— יאָ. מיר האבן גערעדט דערפון, כאַוועד סעקרעטאַר, — אריינהוקענדיק אין די הענט, און באלד האבן אַלע אָנגעהויבן רעדן.

— אזוי ווי די פּארשטאָרבענע איז שוין געווען אזאַ מין נאָך פונעם נײַנצטן יאָר און כוץ דעם טאָקע כאַסענע געהאט פאַרן נאַטשאַלניק, קומט איר מע זאָל זי מעקאבער זיין אַפן סאָוועטישן שטייגער. מיר רעכענען, אז זי האט עס פאַרדינט. וועלן אָן אַ סאַך מענטשן גיין. איר מיינט, אַז דאס פאָלק האלט טאָקע אזוי שטאַרק פונעם גאלעך.

דעם סעקרעטאַר האט זיך דערפילט מאָדנע, וואס פּלוצים איז אלץ אזוי קלאָר געוואָרן. ער האט אַף אלעמען אַ קוק געטאָן, איז געוואָרן לעבעדיקער און האלב געפרעגט, האלב באשטעטיקט:

— אָט דאס איז עפּעס אַנדערש. דאָס פארשטיי איך. אַפן סאָוועטישן שטייגער הייסט גאָר ניט, אז דאס קעמערל אליין דארף גיין און זינגען „ווי זשערטוואָיו פּאַלי". כאַווײַרים! איצט וועגן פאָנען. מיט פאָנען? אָדער, ווי מיינט איר?

— פארשטייט זיך!

— אַלע פאָנען צונויפנעמען. אַלע, וועלכע ס'זיינען דאָ.

— אַוועלכע איז דען דאָ באַ אונדז? אז ס'איז גאָר ניטאָ...

— סע דאָ — האט דער סעקרעטאר געזאָגט. — אַ גוטע פאָן האָט די קאָאָפּעראַציע. אָבער אנגעשריבן איז אַף איר „טויט די קאַפּיטאַליסטן", עפּעס אזוינס.

— אַ ריכטיקער אופשריפט.

— יאָ, ריכטיק איז ער, נאָר ער פּאַסט ניט פאר אַזא פאַל. — האט צוגעגעבן דער ארעמפּויער מיט די קאַרע אויגן, — און אָפּרײַסן די אויסיעס קען מען ניט?

— פארוואס ניט. מיסטאם קען מען.

— ע, ניין, — האט אַ צווייטער דערווידערט, — אָפּרייסן דאַרף מען ניט. צו וואָס קאַליע מאַכן אַזאַ זאַך? מע קען איבערקערן מיטן אופשריפט אראָפּ און צודעקן אַזוי די טרונע.

האָט מען אזוי באַשטימט: איבערקערן מיט די אויסיעס אראָפּ און צודעקן די טרונע. אזוי וועט זיין פייערלעך און ביכלאל שענער. די

אַרעמפּויערים און די מיטגלידער פונעם קעמערל דאַרפן קומען 12 אזייגער צום ארויסטראָגן דעם מעס. און די צווייטע פּאָן נעמען אין דאַרפסהויז, כאָטש ס'אַ קליינע.

דער סעקרעטאַר האָט מיט אַ גרינג האַרץ פאַרשריבן עס אין פּראָטאָקאָל און דערנאָך אַן אויסצוג געמאַכט.

אַ פאַרמאַטערטער פון צאָרעס און וואָרטעניש האָט דער מיליציע־נאַטשאַלניק איינדערפרי באַקומען אַ פּאַקעט. צעריסן דעם קאָנווערט, איז ער צו צום טיש, איינגעבויגן זיין שוואַכן, צעקאָשמעטן קאָפּ איבער דער טויטער און איבערגעלייענט:

אויסצוג פון פּראָטאָקאָל № 127

„די זיצונג פון קרוטאָיארישן קעמערל פון ק. פּ. (ב) או.

געהערט:	באַשלאָסן:
וועגן דער לעוואַיע פון דער בירגערן גושטשאַ.	מעקאַבער זיין די פרוי פונעם מיטגליד פון קעמערל לויטן סאָוועטישן שטייגער. ארויסטראָגן דעם מעס באַשטימען אַף 12 אַזייגער באַטאָג, און אנטייל נעמען, באַגלייטן דעם מעס אַפּן בייסאַלמען דאַרפן פערזענלעך אַלע מיטגלידער פונעם קעמערל צוזאַמען מיט די אַרעמפּויערים, מיט געזאַנג פון רעוואָליוציאָנערע לידער און מיט רויטע פאַנען. (אונטערשריפט)”

אַף אַ באַזונדער פּאַפּירל האָט דער סעקרעטאַר געשריבן:

„כאַווער גושטשאַ, בייזער זיך ניט, ברודער. ווייסט אַליין ווי ס'איז אונדז שווער. געניט אין די זאַכן זיינען מיר דאָך ניט. נעם זיך אין די הענט. מיט קאַמ. גרוס, דיין...”

דער מיליציע־נאַטשאַלניק האָט די ברעמען אויסגעגלייכט און אופגעוועקט די צוויי פרויען, וואָס זיינען אנשלאָפן געוואָרן, זיצנדיק אַף די בענקלעך. ער האָט זיך פאַר זיי אוועקגעשטעלט און אַפּן קאָל נאָכאַמאָל איבערגעלייענט.

— וואָס, אַשטייגער, הייסט עס דען? — האָט איינע ווי צו זיך אַליין געזאָגט און געפינטלט מיט די אויגן.

ער האָט דאָס פּאַפּירל אריינגעלייגט אין קעשענע און שווייַגנדיק, שטאָלץ ארויסגעגאַן פונעם צימער.

אָלעקסאָ סליסאַרענקאָ

געבוירן אין 1891 יאָר, אין יישעוו קאַניוצאָוו, כאַרקאָווער קרייז. זיין פאָטער — אַן ארבעטער. געענדיקט אַן אַגראָנאָם־שול. געווען אפן פראָנט.

אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1911 יאָר. אין 1919 האָט דער פאַרלאג „סיאַיוואָ" ארויסגע־לאָזט זיין ערשט ביכל לידער: „אַפן ברעג פון קאסטאליען".

באזונדערע אויסגאבן: „פלאַנטאַציעס", דערציילונג, 1925, „קניהאספילקא". „הונדערטער טויזנט", 1925, „קניהאספילקא". „שטיין־וויינטרויבן", דערציילונג, 1927, „קניהאספילקא". „שטורעמשפורן", — 1927, פארלאג „אוקראַאינסקי ראָביטניק".

אַ. סליסאַרענקאַ.

דער פּרעזידענט פון דער זויערקרויט-רעפּובליק

(היסטאָרישע מאַטעריאַלן צונויפגעזאַמלטע פון א זייטיקן מענטשן)

אריינפיר

ס'איז געשען אין יענער צײַט, ווען אַ ליאַדע באַלעבאַטישער בוכהאַלטער האט גיכער געקאָנט ווערן א פעלד-גענעראַל און אַ ליאַדער-דיאַקל — פּרעזידענט פון א רעפּובליק, איידער איצטער זאָל אַן אַרבעטלאָז שרײַבערל קריגן אַ שטעלע.

ס'איז געשען אין יענע פײַערלעכע טעג, ווען דירעקטאָרן פון בענק זיינען געוואָרן גאַלאָכים, דאָרפשרײַבערלעך — דיפּלאָמאַטן, און גאַלאַכישע טעכטערלעך — אַנאַרכיסטקעס.

ס'איז געשען אין יענע טעג, ווען אַ קאַראַט זאַלץ האט געקאָסט טײַערער פון אַ קאַראַט בריליאַנטן.

ס'איז געשען . . .

נאָר — גענוג לייריק!

דער לייענער ווייסט שוין, ווען ס'איז געווען.

פאַרשטייט זיך, דער לייענער, וואס איז פאַר די לעצטע צען יאָר ניט געווען קיין פערמער אין אַווסטראַליע, אָדער אַ קאָווביאָי אין מעקסיקע, צי אַ פירער פון די פּאַלינעזער, — נאר דער, וואָס האט געווינט אין אוקראַינע, — לעערעך צווישן 41° און 52° צאָפן-ברייט און 25° — 40° פון מיזרעך-לענג (פון פּולקאָוו).

כ'וויל ניט אין דערדאָזיקער עמעסער געשיכטע אַריינפלעכטן שרײַבערישע גוזמעס, אָדער פאַרשיידענע אויסטראַכטענישן. ניין, כ'וויל אייך עמעס און ערלעך דערציילן די געשיכטע פונעם פּרעזידענט פון דער

זויערקרויט־רעפובליק אַפּן סמאַך פון דאָקומענטן און איידעס־זאָגן פונעם כאָשעוון מאַקסיוטע מאַקסיוטעוויטש שווייַקע — דעם געוועזענעם מיטגליד און סענאַטאָר פון דער זויערקרויט־רעגירונג.

עמעס, איך בייַט אָפּט איבער די נעמען פון די ערטער און פון די העלדן, — נאָר אזוי טוען אַלע בעקאָוועדיקע שרייַבער, צו וועלכע מע קאָן אויך מיך פאַרעכענען.

אָבער נישט נאָר דאס פאַרהיטן ליטעראַרישע טראַדיציעס האט מיך געצוווּנגען בייַטן די נעמען, נאָר אויך מאַקסיוטע מאַקסיוטעוויטשעס האַ־שאָרע, וואס ער האט אַרויסגעזאָגט אזוי:

— פאַרשטייט זיך, איר קאָנט נוצן די עמעסע נעמען, נאָר, פאַרשטייט איר, ס'איז ניט עסטעטיש, ניט עטיש און ניט אנגענעמען, אַז עפּעס אַ לומפּ — וואס כאָטש ער האָט אין דער פאַרגאַנגענהייט אַ סטאַזש פון אַ פּרעזידענט, — זאָל שמייַסן א בעקאָוועדיקן פּראָלעטאַרישן שרייַבער...

דאָס איז געזאָגט געוואָרן אזוי, אז דער אַוטער פון דידאָזיקע שו־רעס האט עס גענומען אין אַכט, קעדיי אויסצומייַדן יעדן קאָנפליקט מיטן עקס־פּרעזידענט, וועלכן די בורזשואַזע פּרעסע וואָלט געוויס צעלייגט אַף טעלערלעך.

כ'מוז דאָ וואָרענען מייַנע כאָשעווע לייענער, אַז די יעדיעס, וואָס איך האב באַקומען פון מאַקסיוטע מאַקסיוטעוויטש שווייַקע, פאַלן ניט טאָמיד צונויף מיט די מאטעריאַלן, וואס כ'האב באקומען פון אַנדערע קוועלן, דעריבער וויל איך זיך דערלויבן אין אַזעלכע פאַלן נעמען אַף זיך די ראָל פון א בוירער און אליין באשטימען, ווו ליגט דער עמעס. ווייַל מיין הייסטער פארלאנג איז — דינען דער רייַנער גערעכטיקייט.

וואָס ס'האט דערציילט מאַקסיוטע מאַקסיוטעוויטש שווייַקע

איך בין קיינמאָל ניט געזעסן אין טורמע, כ'האב טאָמיד אָפּגעגעבן כויוועס, כ'האב יעדע וואָך געביטן וועש, און בין בעטעווע געווען אַן אַנשטענדיקער מענטש. כ'זאָג „כ'בין געווען", און ניט נאָר געווען, נאר כ'בין איצטער אויך. כ'בין הייס איבערצייַגט אין דעמדאָזיקן, ווי גאָט אין זיין קעדושע.

כ'בין שטענדיק געשטאַנען אין א זייַט פון יענע פאַרשוינען, וועמעס ספּייקעס מע דאַרף אַלע שאַבעס אויסצוואָגן. זיינען אָבער אנדערע צייטן

אָנגעקומען און מיר איז אויסגעקומען צו שטיין נאָענט צו יאַסקע הוילמויעכל — וועמענס ספּייקעס אַלע וועשערס פון דער וועלט וואָלטן ניט דערוואַשן.

ביזוואַן זויערקרויט איז נאָך ניט געוואָרן די הויפּטשטאָט פון דער מעדינע,— בין איך געווען א פּאָשעט שרײַבערל אין וואָלאָסט. זונטיק, נאָך דער גאַנצער וואָך האָרעוואַניע, פלעג איך זיך גיין אין קלויסטער און נאָכן דאַוונען פלעגן מיר מיטן „פּאָטערל״ גערוואַסי נעמען צו ביסלעך בראַנפן; אינאָוונט, פאַרשטייט זיך, א פּרעפעראַנסל, דערנאָך — אין בעט אַריין. די צייט האָט זיך געקײַקלט פּאַמעלעך און ליבלעך.

איז אָנגעקומען די מילכאָמע און מיט איר איז פאַרשוווּנדן דאָס גאַנצע אַנשטענדיקע לעבן פון אונדזער שטעטל זויערקרויט. דער ווײַבערשער מין, וואָס איז ניט צופרידן געווען מיט דער מילכאָמע, האָט דעם גאַנצן גרימצאָרן אויסגעגאָסן אַף מיר. ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז מיך, אַזאַ ליטישן מענטשן, אַזאַ אָנגעזעענעם בירגער פון מײַן פאָטערלאַנד, האָבן די סאָלדאַטקעס געמיימעסט... — איז ווי קאָן מען זיך ווײַזן פאַר מענטשן?

דאָס „פּאָטערל״ גערוואַסי האָט פונעם אָמעד געמוסערט דאָס אויסגעלאַסנקייט פון פאָלק, נאָר ווער וואָס? — די באַפעלקערונג האָט זיך אפן כעשבן פון די ניט־„געזעצלעכע כאַסענעס״ געפּרוכפּערט און געמערט אין אַסאַך א גרעסערער פּראָפּאָרציע, ווי פריער.

יאַסקע הוילמויעכל האָט אָנגעשאָלטן אין מאַמען אַריין זײַן פאָטער יאָראַפּיי מאַכטאָדאָוויטש דעם קרעמער, און געזאָגט, אַז ער גייט אפן פראָנט און ווערט א פּראַפּאָרשטשיק...

און ווען דעם „פּאָטערל״ גערוואַסיס טאָכטער איז אַנטלאָפן מיט א בלישטשנדיקן זעמגוסאַר, האָבן מיר — איך און דער פאָטער גערוואַסי, און יאַראַפּיי מאַכטאַדאָוויטש — באַשלאָסן, אַז ס׳וועט געוויס זײַן א רעוואָליוציע. און אַזוי איז דאָס טאַקע געשען...

וואָס ס׳טראַכט דער אָוטער וועגן דעם

מאַקסיוטע מאַקסיוטעוויטש׳ רעדט ניט צו דער זאַך: אַזאַ מין טעווע האָבן שוין די כוטערניקעס — אָנהויבן פון אָדעם־האָרישענען. וואָס גייען אונדז אָן דעם גאַלעכס טאָכטער מיטן זעמגוסאַר און די יעדיעס, ווי ס׳האָט זיך פאַרמערט די באַפעלקערונג פון זויערקרויט אין מילכאָמע־

צייט? כ׳קלער, אז דאס אַלץ האט גאר א קנאַפּע שײַכעס צו די שפּעטערדיקע זויערקרויטישע געשעענישן און מיר וועלן מער פון דעם ניט שמועסן.

מירן רעדן וועגן עצעם־זאַך.

די רעדע פון יאַסקע הוילמויעכל און ווי מע האט אים אויסגעוויילט פאַר א פּרעזידענט

„געהערטע בירגערס, בירגערכעס און מוידן! אײַערע מאַנען האבן בלוט פאַרגאָסן, מיר זײַנען ניט אוועלכע סע ניט איז קאָהעלשע־ווײַבער, נאר בירגער, מיר ווילן ניט עסן קיין לינזן. און פאַרדערפאַר, אווי ווי מיר ווילן ניט עסן קיין לינזן, נאר מיר ווילן זיין פרײַע „גראַזשדאנעס", זאל טאַקע לעבן די „דעמאָקראַטיטשעסקע רעפּובליק" און סע זאל קלעקן ערד פאַר יעדערן!

איך בין ניט קיין באלשעוויק, כ׳בין א גוטער פרײַנט דעם פאָלק; לאָמיר זאָגן, לעמאָשל, אז אויב מע האט מיך ניט געמאַכט פאַר קיין פּראַפּאָרשטשיק אפן פראָנט — איז ווייל איך מאכן א רעוואָליוציע, און די כעוורע, וואס זיצן אף די קלעצער, זײַנען מײַנע כאַוויירים און זיי וועלן זיך פאַר אייך אָנעמען, אויב איר וועט מיך אַוועקשטעלן פאַר א פּרעזידענט.

איך בין ניט קיין אַבי־ווער. און אויב דער טאַטע האט מיך פאַרשאָלטן — איז ער א בורזשוי און א רוצח אין זיין טאַטע־מאַמעס לעבעראַרײַן, און די, וואס זײַנען סאָלדאטן, מוזן אונדז אונטערהאלטן, ווײַל די, וואס האבן בלוט פאַרגאסן, וועלן מערער ערד באַקומען...

און אף דער סטאַנציע שטייען נאך הונדערט מענטשן. און ווער סע האלט ניט מיט מיר און האלט מיט די בורזשויען — דער וועט זיך קראַצן.

כאַוויירים, סאָלדאטן און סאָלדאטקעס, די, וועלכע וועלן די פאָלקסמאַכט אונטערהאלטן, וועלן ווערן די סאַמע ערשטע מענטשן... טאָ שרײַט זשע אַלע: הוראַ!"

די רעדע האט זיך פײַערלעך פאַרענדיקט. יאַסקען האט מען געהוידעט אַף די הענט. די סאָלדאטן האבן מאַסקים געווען מיט דער פּאָליטישער דעקלאַראַציע פון יאַסקע הוילמויעכל, נאר די פראַגע וועגן אים אויסקלײַבן פאַר א פּרעזידענט איז ניט אַריבער קלאָר.

די קלאָרקייט דערין האט אריינגעטראָגן יאַסקע. ער איז באַלד אַרויף אַפן גאניקל, און אויסגעשריגן:

— איז אזוי ווי איר האט מיך אויסגעקליבן פאר אַ פרעזידענט, וועל איך שוין זען מיט אייך אָנפירן, און ווער ס׳איז א בורזשוי און איז ניט צופרידן, און ווער ס׳איז א באָלשעוויק און רייצט דאס פאָלק,— וועלן מיר שוין זען אים א צאַפּן אַפן עמעסן אָרט אַריינשטעלן!

דאס פאָלק איז זיך אהיים פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט אויסגעשרייען: „זאָל לעבן די פרייַע, ניט אונטערטעניקע זויערקרויט - רעפובליק״. און יאַסקע הוילמויעכל איז אָפּגעפאָרן צו דער סטאַנציע.

די ספייקעס פונעם היסטאָריקער

כ׳ווייס ניט, ווי אריינטראָגן אין פינקעס פון די געשעענישן דידאזיקע צוויי געשיכטלעכע פאקטן פון דער זויערקרויט - רעפובליק, דעריקער, אין א וועלכן כראָנאָלאָגישן סיידער:

א) די גרינדונג פון דער רעפובליק,

ב) די וואַלן פונעם פרעזידענט.

ווערליק יאַסקע הוילמויעכלס רעדע,— איז די רעפובליק שוין געווען געגרינדעט ביז זיין אָנקומען קיין זויערקרויט; איז וואס זשע דען? צום אָנהויב איז געווען, זעט אויס, א פאָשעטע רעפובליק און דערנאָך— ווערליק די אויסגעשרייען פונעם פאלק — „אַ פרייַע, ניט אונטערטעניקע זויערקרויט - רעפובליק״.

מוזן מיר די פראַגע איבערלאָזן אף א דיסקוסיע פאר די קומענדיקע דוירעס.

אין וואס איז זיכער דער אָווטער

ס׳איז פינקטלעך באַוווסט, אז קיין קלאָר - באַשטימטע גרענעצן האט די זויערקרויט - רעפובליק ניט פארמאָגט. איר טעריטאָריע האט אויסגעזען, ווי א פעטער פלעק אף ריין פאַפיר, וואס איז פאַמעלעך צעגאנגען געוואָרן איינעם מיט דער רעגירונג פון זויערקרויט און אייניעם מיט איר פרעזידענט יאַסקע הוילמויעכל.

געשעענישן, וועגן וועלכע ס׳איז נאך ניט דערציילט געוואָרן

הינטער זויערקרויט ציט זיך א שמאָלע באַנליניע, וואָס איז געוואָרן די סיבע פון די וויַיטערדיקע געשעענישן.

אין איינעם א זומער־אינדערפרי, מיט א גיכקייט פון 3 ווערסט אַ שאָ, האט א הייזעריקער לאָקאָמאָטיוו געבראַכט צופירן פיר טעפּלושקעס און אין כאַלאָשעס שטיין געבליבן א ווערסט דרײַ הינטער זויערקרויט.

אין די טעפּלושקעס, אף די טעפּלושקעס און הינטער זיי, אפן לאָקאָמאָטיוו, פונפּאָרנט און פונהינטן האבן זיך נאָכגעהאַנגען מענטשן אין גרויע שינעלן. א מענגע מענטשן אין גרויע שינעלן.

ווי מיר האבן שוין געזאָגט, האט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט א ווערסט דרײַ הינטער זויערקרויט און דער לאָקאָמאָטיוו האט זיך גענבעכדיק צעניסט אף אלע קיילים.

ס'האבן קיין קאַפּ ניט געהאָלפן די מונטערע אויסגעשרייען: „דריי האַווריליא!“ און „דאַיאָש זויערקרויט“ און די מונטערע הויסאָפּעס. דעם לאָקאָמאטיוו, ווײַזט אויס, זיינען אינגאנצן אויסגעגאנגען די קויכעס.

איז אָנגענומען געווארן יאַסקע הוילמויעכלס פּאָרשלאג — א קנעל צו טאָן מיטן מאַשיניסט, וואס סאַבאָטירט קעגן דער רעוואָליוציע און קעגן אירע בעסטע 350 פּאָרשטייער.

דעם באַשלוס האט אונטערגעהאלטן די גאנצע באַפעלקערונג פון די טעפּלושקעס, נאר אויספילן דעם באַשלוס איז ניט אויסגעקומען: דער מאַשיניסט האט געמאַכט די פּלייטע.

די קאָכעניש איז געווען א גוואלדאָוונע. אין א פײַערדיקער רעדע האט הוילמויעכל געפּאָדערט פּראָטעסטירן קעגן דער קאָנטער־רעוואָליוציע און אלס פּראָטעסט איבערקערן דעם צוג אין גרובן אריין, און אליין זיך א לאָז טאָן צופוס.

אף אַזאַ אויפן האט זיך אײַנגעשטילט דאס קאָכעניש, און אין א שאָ ארום איז שוין דער צוג געליגן איבערגעקערט אַפּן זײַט גרובן, די רעדער מיט א דאנק צום הימל אויסגעשטרעקט.

דער הימל אָבער האט געשוויגן, נאר די זון האט געהירזשעט מיט אַ שטומען גאלדענעם הירזשערײַ איבערן איבערגעקערטן צוג און איבער די פּארשוינען, וואס האבן אוועקגעשפּאנט לעבעדיק צו דער סטאַנציע זויערקרויט.

מאַקסיוטע מאַקסיוטעוויטש רעדט וועגן דער עצעם־זאַך

פון דער סטאַנציע זויערקרויט זיינען זיך אלע שוין לאַנג צעלאָפן, כוצן וועכטער מיטן טעלעגראַפיסט. די ביידע האבן ניט געהאט וווהין צו אנטלויפן, זיי האבן מיט גענויטקייט פון גוטע סטראַטעגן זיך

געקערעוועט צווישן די כוואַליעס פון דער רעוואָליוציע און קיין איין מאָל ניט געשטרויכלט געוואָרן. ווען די כוואַליע מיט יאַסקען אין דער שפּיץ איז אנגעלאָפן אַף דער סטאַנציע זויערקרויט — איז דער וועכטער מיטן טעלעגראַפיסט ארויס אַקעגן. דערביי האט דער טעלעגראַפיסט געהאַלטן אַ רעדע, וואס האט זיך געענדיקט אַזוי:

„די זויערקרויטישע ערד האט שוין לאַנג אַף אייך געוואַרט! הוראַ!"

דידאזיקע רייד האבן ארויסגערופן בא יאַסקען דעם געדאנק צו גרינדן אַ רעפּובליק.

די רעוואָליוציאנערע כוואַליע האט זיך אָפּגעשטעלט אַף דער סטאַנציע, ווייל דא האט באדארפט ווערן דעם פּרעזידענטס רעזידענץ. מע טאָר ניט לייקענען, אַז פון די 350 מאַן איז געבליבן בא די 70. נאר דאס האט יאַסקען ווייניק-וואָס געאַרט. דער מאַכט-אַפּאַראַט איז געווען איינגעשטעלט.

אַפן צווייטן טאָג נאכן מיטינג און נאכן אויסקלייבן דעם פּרעזידענט, זיין הוילמויעכל געקומען צו מיר און קאַטעגאָריש געשטעלט די פראַגע: — פאַר וועמען ביסטו?

ער איז אויסגעצירט געווען מיט באַמבעס פון פאַרשיידענע מאַרקעס, מיט רעוואָלווערן, קוילנוואַרפער-סטענגעס, מיט א שווערד, און א קינזשאַל, און אפן רוקן האט זיך אויך טעלעבענדעט א ביקס.

דאס צירונג איז פון א מיליטער-מאַן, נאָר מיך וועסטו ניט איבערשרעקן. איך האב אָפן און קלאָר געענטפערט:

— איך שטיי פאַרן עמעס!

— דריי זשע ניט מיטן ווידעלע, דו אַלטע ציג, — האט ער זיך דערלויבט אויסצודריקן אף מיין כעשבן — זאָג גלייך: פאר רעפּובליק, צי פאר בורזשואַזיע?

— פאר רעספּובליקע... — האב איך ארויסגערעדט און זיך געטראַכט: רעפּובליקעס זיינען דא פאַרשיידענע, אזוי, אז איך נעם אף זיך ניט קיין פאראנטוואָרטלעכקייט, אז איך זאָג אזוי. נאר הוילמויעכלען האט מיין ענטפער ניט צופרידן געשטעלט.

— פאַר וועלכער רעפּובליק? — האט ער מיך פארטריבן אין א לאָך.

— פאר א דעמאָקראַטישער, — האב איך געזאָגט. — דעמאָקראטישע זיינען אויך דא אלערליי!

— ווי רופט זי זיך דידאזיקע דעמאָקראטישע רעפּובליק? — האט ער מיך נאך ענגער פאַרטריבן.

אַזוי כאַפּט א באַלעבאָסטע הינער. פריער פּאַרטרייַבט זי די הון אין הויף, פונעם הויף אין קאַמער, פונעם קאַמער אינעם ווינקל צווישן די צעבערס און דאָרטן מוז שוין די הון אַרייַנפאַלן אין דער באַלעבאָסטעס הענט.

כ׳האָב קיין אויסוועג ניט געהאַט.— זויערקרויט! — האָב איך אויסגעשאָסן און אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַדעקט.

— גיב די לאַפּע! — האָט יאַסקע א כאַפּ געטאָן מיין האַנט און פרייַנטלעך זי געדריקט — וועסט זיין בא אונדז דער עלטסטער סענאַטאָר: אַלערליי פּאַפּירן שרייַבן...

אָט אזוי בין איך געוואָרן א סענאַטאָר!

א בריוו פונעם טעלעגראַפיסט וועקלענקאָ צו זיין פריינט אַנטאָן בוריאַשנא וועגן די געשעענישן אין זויערקרויט

(דערקלערונג צו דער בריוו)

דער טעלעגראַפיסט, וואָס האָט באַגעגנט יאַסקע הוילמויעכלען אפן פּעראָן פון דער סטאַנציע זויערקרויט מיט דעם פּסעוודאָ־קלאַסישן פּאַסעק: „די זויערקרויטישע ערד וואַרט שוין לאַנג אף אייַער קומען, האָט געהייסן וועקלענקא.

פיר טעג נאָכן אויסרופן די רעספּובליקע, כאַלעמענדיק ווערן פּאַרקער־מיניסטער, האָט ער זיך איינגעוואָונט פאַרמאַכט אין זיין צימער און פעסט באַשלאָסן אנשרייַבן אנטאָנען.

ווייַזט אויס, אז אַנטאָן בוריאַשנע האָט אייניגעם מיט אים געענדיקט אף טעלעגראַפיסט, נאָר ער האָט גיך געמאַכט א קאַריערע, אַלס געהילף־נאַטשאַלניק, ווייַל ער האָט כאַסענע געהאַט פאַר א באַן־נאַטשאַלניקס אַ קרויווע, אן אלטע, א פערדישע.

וועקלענקא האָט געשריבן א גאַנצע נאַכט און פּאַרטאָג האָט ער אַרייַנגעוואָרפן אַ גראָבן פּאַקעט אין פּאָסטקעסטל, און גאָר פאַרגעסן, אַז דאָס קעסטל האָט מען שוין לאַנג ניט געעפנט, און אז דעם שליסל האָט פאַרפירט מיט זיך דער אַנטלאָפענער באַן־נאַטשאַלניק.

וועקלענקא האָט הינטער די אויגן געגלויבט דעם פּאָסטקעסטל, און דעריבער אים פאַרטרויט זיין לעצט ווערק, געטראַכט זיך: אַמאָל וועט עס דאָך דערגיין.

און נאָכן לאַנגן ליגן אין בלעכענעם קעסטל איז די בריוו אַרייַן צו מיר אין די הענט.

די בריוו

טייערער פריַינט אַנטאָן!

כ׳האב דיר א לאנגע צייט ניט געשריבן, נאר אז כ׳האב איבערגע־לייענט, ווי מ׳האט פאַרטריבן דיין נאטשאַלניק אנהויב רעוואָליוציע, און ווי די רעפּובליקאַנער האט ארויסגעטריבן דיין מיעסע מאַלפּע, האב איך ווידער דערפילט א ליבע צו דיר אין מיַין הארצן.

פארשטייט זיך, ביסט וויַיט אוועק אין דיין ארבעט און קאָנסט קוקן פון אויבן אַראָפּ אַף דיין פריַינט דעם טעלעגראפיסט, נאר איך, ברודער, בין ניט פון די. כ׳וועל צו דיר זיך ניט אָנהויבן שלעכט באציען אפילע ווען איך וועל ווערן אינערן־באן־מיניסטער, וואס, דאכט מיך, דארף גיך געשעען.

נאר הער די מיַיסע פונאָנהויב:

„שוין פיר טעג, אַז בא אונדז איז א רעפּובליק און היינט איז געוועזן בא מיר דער פּרעזידענט.

דער פּרעזידענט פון דער זויערקרויט־רעפּובליק, ברודערל! — געקומען צו מיר און געזאָגט: וועסט זיין בא אונדז, כאווער וועקלענקאָ, אַזוי ווי א מיניסטער. וויַיל — זאָגט ער, — איך בין פּרעזידענט און האב ליב די באַן.

אָט, ברודער, צו וואס כ׳האב זיך אויסגעדינט — און אלץ די רעוואָ־ליוציע!

קאָלזמאַן די זויערקרויט־גווארדיע פון אונדזער פּרעזידענט הערשט אין זויערקרויט, האב איך באקומען א שלאָג־אופגאבע אָפּרעמאָנטירן דעם איין־איינציקן לאָקאָמאָטיוו, וואס איז געשטאַנען אין קלעם־ווינקל, קעדיי ס׳זאל זיין „באַוועגלעכער באַשטאַנד” פארן רעפּובליקאַנישן טראַנ־ספּאָרט. און שטעל דיר פאָר, פונוואַנען האבן זיך גאָר די מיַיסטערס גענומען. מיט איין ווארט, מיר האבן פארלאַטעט דעם לאָקאָמאטיוו און איין טעפּלושקע מיט איין פּלאַטפאָרמע. די טעפּלושקע האט מען באַ־שלאגן מיט בלעך (אָפּגעריסן אים פון סטאַנציע־קלאָזעט) און אף דער פּלאטפאָרמע, הינטער די זעק מיט זאַמד, האט מען אוועקגעשטעלט א קוילנוואַרפער. דאס איז אונדזער פּאַנצער־צוג צו באשיצן די רעפּוב־ליק אַף אונדזער שמאָלער באַנליניע.

און איך לעב ווי אין קעז און פּוטער. די גוואַרדיע פארזאָרגט מיך מיט אַלץ, וואס איך דארף. ווען ס׳זאל זיך אזוי ציען נאָך א פּאָר כאַ־דאָשים, — וואָלט מיר אויסגעקומען אַריַינצושטעלן צוויקלען אין די פּלודערן.

נאָר אַן אווײַרע איז, וואס די רעפּובליק לעבט ערשט פיר טעג און סאָנים האט זי, אז ס'וואָלט געקלעקט אף פיר יאָר מילכאָמע.

אין דאָרף גיי איך ניט, איך רודעווע נאָר אַף דער סטאַנציע. וועגן דאָרף, זאָגט מען, אַז דארט פירט אײַן אונדזער מאַכט די אָרדענונג, צוערשט האט מען אריינגעזעצט צוויי פּויערים דערפאר, וואס זיי האָבן געזאָגט, אז אונדזער מאַכט באַשטייט פון הוילע אויסוואורפן. דעם גאַלעך האט מען געהייסן דאַווגען אין קלויסטער „פאר אונדזער פירער „הויל־מויעכל" און פאר דער גאנצער רעגירונג און פאר אלע כאַוויירים זיינע". אַוואַדע, נאָך ווי אזוי געדאַוונט, — דער רועך נעמט אים אזש!

ערד וועט מען טיילן אין אָסיען, אַז מ'וועט די טווע צונויפירן — אָט וועט זיין אַ קאָפּדרייעניש! שוין איצט זאגן די פּעטערלעך, אַז דער פּרעזידענט וועט זיך קראצן.

סע באוומרויקט אונדז די שכייניסדיקע רעספּובליקע זעלענאָיאַרסק. סע זיצן דארט די באָלשעוויקעס מיט זייער ראַט און ס'פירט דארט אָן דער מאַטראָס כוועדארעץ. סע זיינען פונדאָרט געקומען פּויערים און דערציילן, אַז כוועדאָרעץ קלויבט זיך קומען קיין זויערקרויט.

אז אונדזערע שקאָצים האבן עס דערהערט, איז געוואָרן אַ איבער־קערעניש. איצט נעכטיקן שוין אַלע אַף דער סטאַנציע, דער פּרעזידענט אויך, און אין דאָרף אריין גייט מען נאר באַטאָג.

וואָס סע וועט זיין — ווייסן מיר ניט, נאָר מיר וועלן זיגן, ווײַל דער מאַטראָס איז אַפּן יאם אַ קויעך און אַף דער יאַבאָשע טויג ער ניט!

באַזונדערס לעבעדיק האט געארבעט דער דערנערונגס־מיניסטער, כאָטש ס'האט אים געטראָפן א מיכשל: די גויעס האבן אים געמאַזיקט מיט קאָראָמעסלעס. בא אונדז זיינען די רעכטע גויעס!

נו, זײַ געזונט. אויב דו האָסט כיישעק זיין אַ געהילפס־מיניסטער באַ מיר, טא הויב זיך אוף און קום צו מיר צופאָרן.

דיין פריינט וועקלענקאָ.

די אונטערהאַנדלונגען צווישן דער רעגירונג פון דער זויערקרויט־רעפּובליק מיטן זעלענעיאַרער ראַט פון די ארבעטער־פּויערים־ און סאָלדאטן־דעפּוטאַטן

דער מאַטראָס כוועדאָרעץ האט זיך באַזעצט אין זעלענעיאַר און אַק־שאָנעסדיק אונטערגעראבן די יעסוידעס פון דער דעמאָקראַטישער אָר־דענונג.

ער האט ניט נאר אָרגאַניזירט אין זעלענעיאַר דעם אַרבעטער־און סאָלדאטן־ראַט, נאר ער האט אויך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן די באָלשע־וויסטישע ווירקונג אין דער אַרומיקער סוויווע. אַזוי אַרום, האבן זיך צו־נויפגעשלאָגן, ערגעץ צווישן זויערקרויט און זעלענעיאַר, די אינטערעסן פון די, אַזויגערופענע, צוויי סוביעקטן פון צווישנפעלקערלעכער רעכט.

אַז יאַסקע הוילמויעכל האט דערהערט, אַז כוועדאָרעץ האָט געוואָרפן אַן אויג אַף דער זיכערער און ווילטיקער זויערקרויט־רעפּובליק, האט ער צונויפגערופן די נאָענטסטע מענטשן פון זיין רעגירונג און זיך לאַנג מיט זיי בעראָטן.

און ס׳איז אָנגענומען געוואָרן:

1) אויסרופן אַף דער טעריטאָריע פון זויערקרויט און אויסער די גרענעצן, אַז דער מאַטראָס כוועדאָרעץ איז אויסער דעם געזעץ.

2) מוידיע זיין, אַז דער מאַטראָס כוועדאָרעץ איז אַן אַגענט פון דײַטשן קייסער ווילהעלם.

3) אָנהויבן פירן מיט אים אונטערהאַנדלונגען וועגן שאָלעם און צו־ליב דעם שיקן אין דאָרף זעלענעיאַר מאַקסימאַלסטע מאַקסיטעוויטש שווייקע, אַלס סענאַטאָר, און זשערעבענקאָ מיקאָלאַ — אַלס דיפּלאָמאַט.

ווי דער לייענער זעט, גרייטן די ערשטע צוויי פונקטן ניט צו צום דריטן, נאר אין יענער שטורעמדיקער צײַט און אין יענע אויבנדער־מאָנטע ברייטן פון ערדקײַלעך איז די לאָגיק ניט געווען אזוי אומבאַ־דינגט נויטיק, ווער רעדט נאך אין די דעמאָקראַטישע קרײַזן. די לאָגיק, דידאזיקע איידעלע פריצע, האט זיך אָפּגעזאָגט פון צו זיין אַן איידעס פון יענע היסטאָרישע געשעענישן.

וועל איך טאַקע דעם דינוועכעשבן דא איבערגעבן פון שווייקעס קוועלן און אויך אַפן סמאַך פון די מאַטעריאַלן, וואס כ׳האָב באַקומען פון זײַטיקע פאַרשוינען.

די מייסע איז אַזאַ:

„קאַיאָר, אַפן צווייטן טאָג נאָך דער זיצונג, האט מען אָנגעפּאָמפּעט דעם לאָקאָמאָטיוו מיט וואַסער און אים אײַנגעהייצט. די טעפּלושקע און די פּלאַטפאָרמע מיטן קוילנוואָרפער האט מען צוגעטשעפּעט פונפאַרנט — מ׳האָט אַנדערש ניט געקאָנט. א מאַן צוואַנציק באַוואָפנטע גוואַרדייער האבן זיך אויסגעזעצט, ווו ווער ס׳האט געוואָלט, און שווייקע און זשע־רעבענקאָ האבן פאַרנומען די טעפּלושקע. אַפן לאָקאָמאָטיוו האט מען

אַרויסגעהאנגען אַ ווײַסע שאָלעם־פֿאָן און מ׳האט זיך א לאָז געטאָן: „דאַיאָש זעלענעיאַר״ — אין וועג אַריין.

מאַקסיוטע מאַקסיטעוויטשן איז געווען קאַלעמוטע אפֿן הארצן — האט ער טיפֿזיניק ארויסגעקוקט דורך דער אָפֿענער טיר. די איבעריקע פֿאַרשוויגן זיינען געזעסן מיט ערנסטע פּעניִמער, מיט אן אויסזען פֿון פֿול אָפּשײַ צו דער וויכטיקער אַרבעט, וואס זיי האבן זיך גענומען דורכפֿירן.

דער צוג האט זיך לאַנג געשלעפּט און אַלעמאָל צוגעשטאַנען. היבטער א באַרג פֿלעג אויסקומען אַראָפּקריכן (אַפֿילע די הויכע דיפּלאָמאַטן), אַראָפּקריכן און אונטערשטופּן דעם צוג, און ווען צו „זעלענעיאַר״ איז, לויט אַלע סימאָנים, פֿארבליבן ניט מער, ווי א וויאָרסט זיבן, זיינען די פֿנײַ אַראָפּגעקראָכן און אַוועק פֿאָרויס צופֿוס.

אין „זעלענעיאַרער״ וואָלאָסטנאַי אופּראַווע איז געווען אָנגעוויכערט און א ליאַרעם איז געשטאַנען ניט איבערצוגעבן. דער ראַט פֿון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן האט פּונקט אָפּגעהאַלטן א זיצונג, ווען אין זאַל האבן אויפֿגעטראָטן די פֿולמעכטיקע פֿאָרשטייער פֿון דער זויערקרויט־רעספּובליקע.

ווען די נײַע מענטשן האבן זיך באַוויזן, האט זיך צו זיי דער פֿאָרזיצער פֿון דער פֿארזאַמלונג, דער מאַטראָס כוועדאָרעץ, אזוי אָנגערופֿן:

— פֿונוואַנען זײַט איר און וואָס ווילט איר? ווײַל ס׳איז קאנטיק געווען, אַז ס׳איז ניט קיין זעלענעיאַרער פֿארשויגן.

די פֿראַגע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אומדערוואַרטעט, און ביזוואַנען שווײַקע האט דאס מויל צעעפֿנט עפּעס אַרויסזאָגן, האט זשערעבענקאָ אָפּגעענטפֿערט:

— מיר זיינען פֿאָרשטייער פֿון דער זויערקרויט־רעפּובליק, און מיר זיינען געקומען, אַז די, וועלכע זיינען באָלשעוויקעס, זאָלן זיך אונדז אונטערגעבן!

איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. כוועדאָרעץ איז אופֿגעשטאַנען, אַ מאָל צוויי א טרייסל געטאָן מיט די ברייטע קליאָש־פֿלודערן און צווישן די ציין צו זשערעבענקאָן א גריליק געטאָן:

— אַ רועך אין אײַער מאַמע מאַמעס אַריין, איר זײַט געקומען אַהער אַ קאָנטער־רעוואָליוציע אָנמאַכן? — און מיט דיזעלבע ווערטער צו מאַקסיוטע מאַקסיטעוויטשן.

די דיפּלאָמאַטישע באַציונגען האבן זיך אָנגעהויבן פֿאַרשאַרפֿן. שווײַקע האָט דערפֿילט, אַז ער קאָן דאָ פֿאַלן א קאָרבן פֿון כוועדאָרעצס

דיפּלאָמאַטישן אָנגריף — האט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר, אַרי־בערגעשפּרונגען דעם פּאַרקן און וואַיִוורעך. כוועדאָרעץ האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים, נאר ווען ער האָט געפּרווּוט אַריבערשפּאַנען אַריבער די שטאַכעטן, האט ער זיך פאַרטשעפּעט מיט זיינע קליאָשעס און גע־בליבן הענגען, ווי אַ פויגל. די קליאָשעס זיינען צוגעפּאַסט צו יאַם־דינסט און האָבן לאַכלוטן ניט געטויגט דער דיפּלאָמאַטיע אַף דער יאַבאָשע.

שווייקע איז אַנטרינען געוואָרן אַדאַנק כוועדאָרעצס מיַסע, זשערע־בענקען, אָבער, האָט מען פאַרהאַלטן.

קוים אָונט־צו, האט מאַקסיוטע מאַקסיוטעוויטש דערשלעפּט זיך צום באַן, וואס איז געשטאַנען אין פעלד. די שקאַצים האבן שטיל אויסגע־הערט שווייקעס באַריכט וועגן דער אויסערלעכער לאַגע און וועגן די אונטערהאַנדלונגען און, ווען שווייקע האט געענדיקט, האט אַ גוואַר־דייער אָפּגעהאַלטן אַזאַ רעדע:

— ברידערלעך! קומט בעסער צו כוועדאָרעצן דינען! לאָמיר זיך נישט נאַרן, דאָרטן איז טאַקע די עמעסע פאָלקסמאַכט און כוועדאָרעץ איז אונדזערער אַ יאַט — איינס צווי און צענעריקט, — נישט ווי יאַסקע הוילמויעכל, וואָס בלאָזט זיך, ווי אַ אינדיק... ער מאַכט זיך אויך פאר אַ גאנצן פּרעזידענט! אַ טענויפעס איז ער, ניט קיין פּרעזידענט!

דער מיטינג האט זיך צעפלאַקערט און די שפּאַלטונג האָט זיך אָנגע־הויבן. דער באַן־גאַרניזאָן האט זיך צעטיילט אַף צוויי ניט גלייַכע העלפטן: אף איין צאַד איז געשטאַנען מאַקסיוטע מאַקסיוטעוויטש דער ברייטהאַרציקער דעמאָקראַט, און אף דער צווייטער זייט — די גאַנצע באָל־שעוויזירטע מאַסע.

און ס'האט זיך געענדיקט מיט דעם, אַז מאַקסיוטע מאַקסיוטעוויטש איז אַוועק צופוס קיין זויערקרויט, און די באָלשעוויזירטע גוואַרדיע האבן זיך גענומען שטופן דעם כוילענויפלדיקן לאָקאָמאָטיוו קיין זע־לענעיאַר.

די היסטאָרישע זיצונג פון דער זויערקרויט־רעגירונג

אַפן מאָרגן, נאכן עסן, איז פאָרגעקומען די וויכטיקע זיצונג פון דער רעגירונג. אַ פאָרטראַג געהאַלטן האט שווייקע.

— בירגער, ברידער און כאַוויירים! — האט ער אָנגעהויבן זיין רעדע — כ'האב פאַר אייך אייַנגעשטעלט מיין לעבן און וועגן זשערעבענקען רעד איך שוין ניט, ווער ווייסט, צי דערכעט ער נאָך.

ער האט אויסדערציילט, מאַקסיוטע מאַקסיוטעוויטש, וועגן אַלץ וואס איז זיך פאַרלאָפן; אויסדערציילט גענוי, פּאַמעלעך און בעהארכאָוועדיק, און נישט פאַרגעסן איבערגעבן באַ וואס פאַר א מיינונג וועגן פּרעזידענט יאַסקע הוילמויעכל, האט זיך געהאַלטן יענער גוואַרדייער. — האָט יאָסקע הוילמויעכל געכאַפּט פונעם טיש עפּעס אַ געוויכטל און אַ לאָז געטאָן אין שוויַיקען און טאַקע אים אַראָפּגעהאַקט פון דער גאַנצער הויך פון מעלוכע־מענטש, ווי לעהאַוודל א פייגעלע פון א בוים. און שוויַיקע איז אַנידערגעפאַלן מיט א גוליע אַפן שטערן, ווי א געוויינלעכער בירגער.

אַזוי ליגנדיק, האט ער זיך געכאַפּט, אז יאַסקע קלייַבט זיך אים אַ צווייטע נאדיזנע שענקען — איז ער אופגעשפּרונגען און אַרויס דורכן פענצטער, ווייַל די טיר האט עמעצער צוגעהאַלטן. נאָכיאָגן שוויַיקע האט קיינער ניט נאָכגעיאָגט, נאר דער פּרעזידענט האט אים נאָכגעבענטשט:

— ב... יאריזשקא! אַ רועך... און אזוי וויַיטער, אַף א שורעלעך פיר מיט פּעטיט, וואס די צענזור האט אויסגעמעקט.

ווען דער פּרעזידענט האט געהאַלטן בא דער פינפטער שורע, פינקטלעך, האט זיך אַף דער שוועל באַוויזן זשערעבענקאָ. דאס אויג איז אים געווען געשוואָלן און זיין באַק איז געווען אופגעטראָגן, ווי אַ כמאַרע.

לאַנג האט ער געפּליטעט אַף דער פאַרווונדערטער זויערקרויטישער אַסיפּע וועגן זיינע מאַסאָעס.

— און כוועדאָרעץ זאָגט מיר, „דו, זאָגט ער, הינטישער זון, פאַרנעם זיך פונדאנען און גיב איבער דיין באַדאָסטן פּרעזידענט, אַז זונטיק קום איך צו אייך מיט אונדזערע שקאָצים אויסקלייַבן א ראַט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן אין זויערקרויט. און וויַיטער זאָג אים, אז אויב ער וועט טרייַבן שטיק, וועט צו אים זיין קאַפּוט"... — אַזוי האט פאַרענדיקט זיין דע־ציילונג דער אומעטיקער זשערעבענקאָ.

ס'איז אויסגעקומען באַלד דעם פּרעזידענט מיט אַלע מיניסטאָרן אַוועק אַפן וואָקזאַל — אָרגאַניזירן די באַשיצונג פון דער רעפּובליק, ווייַל ביז כוועדאָרעצס אָנגריף איז געבליבן נאָר אַ מעסלעס.

אין וועג האבן אַלע געשוויגן און יעדערער האט געקלערט וועגן זיינס.

די עמעסע אנטוישונג איז פאָרגעקומען אַפן וואָקזאַל. פון די שקאָצים האט קיינער ניט געסטייַעט. דער איינציקער מענטש אַף דער סטאַנ־

ציע — דער שוימער, — האט דערציילט, אַז צוריק מיט אַ שאָ האָבן די גוואַרדייער פאַרלאָזט דעם וואָקזאַל און אַוועק אין דער ריכטונג פון זעלענעיאַר. די באָלשעוויזם־קרענק האט זיך, זעט אויס, צו זיי אויך אַרייַנגעכאַפּט.

— כאוויירים און בירגער! — האט יאַסקע הוילמויעכל מיט א סמוטנע קאָל זיך אָנגערופן צו די מיטגלידער פון דער רעגירונג און צום סטאַנציע־שוימער — ס'וועט אויסקומען זיך עוואַקויִרן...

אָבער די מיניסטאָרן האבן זיך געשושקעט צווישן זיך און געשוויגן.

— מ'דאַרף אָנעמען נייעם כייַעל, מ'דארף מאכן א מאָביליזאַציע...

— לאָז צורו, ברידערל! ס'וועט פון דעם גאָרניט אַרויסקומען — האט אים איבערגעשלאָגן דער ערד־מיניסטער.

די מער היציקע האבן זיך אָפענער אַרויסגעזאָגט:

— מאַך, אַז דו ווילסט, נאר זע, אַז מ'זאָל דיר ניט אָנמאַכן! וועסט איצטער קיין פור ניט אַרויסטרייַבן!

— כעוורע, וואָס איז דאָ איצטער פאַר אַ רייד! זיך אָפּגעשפּילט און געגוג! אייביק וועט מען דאָך אונדז ניט האָדעווען טיט כאַזיירימלעך און אויפעס! קיינער וועט דאך אונדז ניט האָדעווען!

שטיל... הוילמויעכל קוקט אַף די שפּיץ שטיוול און די איבעריקע ווער ווו.

— כעוורע, — האט איבערגעריסן די שטילקייט זשערעבענקאָ — קומט אַלע צו כוועדארעצן!

דאס איז געווען אַרויסגעזאָגט זייער אומגעריכט, נאר, ווי ס'איז נאָך פריער אָנגעוויזן געוואָרן, האט די לאָגיק אין יענע צייטן גאָר שוואַך געוועלטיקט.

אַף זשערעבענקען האט זיך אַרופגעכאַפּט יאַסקע הוילמויעכל, אים אויסגעזידלט אין מאַמע אַריין, אין גאָט אַריין, אין קייווער אַריין, אין רעפּובליק אַריין, אין מיניסטער אריין, אין זויערקרויט אַריין א. אז״וו. — געענדיקט, האט ער שטיל זיך אויסגעקערעוועט און איז אַוועק צופוס מיט די באַן־רעלסן אין אַנדער ריכטונג פון זעלענעיאַר.

דאס איז געווען אי דעמיסיע, אי עוואַקואַציע.

די עקס־מיניסטאָרן האבן זיך געמאַכט צו ציגאַרן־טוטין, זיך פריילעך געפּיפקעט און זיך אַוועקגעלאָזט צו זעלענעיאַר.

— שאַנטראָפּאַ! — האט א שפּייַ געטאַן דער סטאַנציע־שוימער און אָרייַנגעשפּאַנט אין זיין בודקע.

מאַקסיוטע מאַקסיוטעוויטש ענדיקט זיין דערציילונג.

... האַקלאַל, די רעוואָליוציע האט מיך אויסגעמאָרדעוועט אזוי, אַז ס'איז גארניט שײַעך זיך דערמאָנען.

און כוועדאָרעץ איז איצט מיין פירער, ער איז פּאָרזיצער פון ריי־אויספּירקאָם אין זויערקרויט, און איך בין זיין סעקרעטאַר און זשע־רעבענקאָ איז בא אונדז נאַטשאַלניק־מיליציע. נישקאָשע, פון כעוורע איז געווארן ווילע יאַטן.

אָבער ווו יאַסקע איז אַהינגעקומען — ווייסט קיינער ניט. אייניקע זאָגן, אַז ער איז אַוועק אין א באַנדע, אַנדערע — אַז מ'האט אים גע־כאַפּט בא אַ גניוועָ...

סאָף

מיין שרייבעריי וועגן דער זויערקרויט־רעפּובליק האט אַסאַך כעס־רוינעס, נאר דער אַוטער איז וויניק שולדיק אין דעם. מיין ווילן איז באַשטאַנען אין באַקענען דעם לייענער מיט די עמעסע מאַטעריאַלן און ניט שרייבן קיין דערציילונג.

וועלן מיך די קריטיקער אויסזידלען, וועט מיך דערפאַר די וויסנ־שאַפט־אַקאַדעמיע לויבן.

אין דעם איז דער אווטער איבערצייגט.

אַ צופֿעליקע דרייסטקייט

איז דיר אַמאָל אויסגעקומען זען ווי אַ מיעס פּנים ווערט פּלוצים אָנגעצונדן מיט עפּעס אַ אינעווייניקסטער קראַפֿט, מיט אַ ליכטיקייט?

— מיט פֿייַער, — האָט פֿאַריכט קעלמער.

— זאָל זיין, מיט פֿייַער, און ווערט זעלטן שיין... אָדער אַ פֿאַרבאַקענער פּאַכדן ווערט פּלוצים דרייסט, העלדיש, אָדער קאַפּריר: אַ מענטש, וואָס שעמט פֿאַר אַ העלד, שרעקט זיך איבער פֿון אַ נאַרישקייט, פֿאַר אַ הינטל, אַשטייגער, אָדער פֿאַר אַ מויז...

— סע טרעפֿט זיך, — האָט אַ בורטשע געטאָן קעלמער.

סעריאָזשאַ איז געליגן נאַקעט, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, פֿאַרדעקט מיט אַ הוט דעם קאָפּ פֿאַר די ברענענדיקע קרימער זון־שטראַלן. זיי האָבן ביידע אויסגעקליבן דאָס פֿאַרשטופּטע ברעג־ווינקל, ווו מע האָט געקענט אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די געזעלשאַפֿטלעכע אַנשטענדיקייט, די אַלערליי אָנגעהאַנגענע שמאַטעס. כ'האָב אַפֿילע אַ טערמין צוגעטראַכט: צופֿעליקע ענדערונגען. למשל: צופֿעליקע שיינקייט, אָדער צופֿעליקע דרייסטקייט.

— און קיין טעאָריע וועגן דער צופֿעליקייט האָסטו נאָך ניט צוגעטראַכט?

— ניין, נאָר די סיבה דערפֿון איז, זיכער, די נאָך ניט־קלאָרע פֿיזיאָלאָגישע פּראָצעסן, אָדער עמאָציעס... דער רועך ווייסט זיי!

די זון האָט געבראָטן זייערע נאַקעטע לייַבער, און אויפֿן זאַמד איז אַלע מאָל אָנגעלאָפֿן אַ פֿאַרבאָרגענע כוואַליע, און געלאָפֿן צוריק אין יאַם אַריין, ווי זי וואָלט זיך געשעמט פֿאַר די נאַקעטע באָכערים.

— און נאַראָנים ווערן אַמאָל צופֿעליק קלוג? — האָט גיפֿטיק געפֿרעגט קעלמער.

— קלוג... — יאָ, אָבער טאַלאַנטפֿול — קיינמאָל ניט, — האָט אים אָפּגעהאַקט סעריאָזשאַ און גענומען מורמלען אונטער דער נאָז זיין באַליבט לידל.

קעלמערן האט זיך ניט געגלוסט ריידן, נאר ער וואָלט זיך ניט אפּגע־
זאגט צו הערן, קעדיי כאָטש אַביסל צעטרייבן די נודנעסט פון ברענענ־
דיקן קוימער טאג.

סעריאָגא האט געסאָפּעט און באַמיט זיך דערלאַנגען מיטן פוס די פּאָ־
טיליצע.

— אין א טאג פיר אַרום, וועל איך דערלאַנגען מיטן פוס... סע
פעלט נאך א דריי סאַנטימעטער...

ער האט זיך אוועקגעלייגט, נאר געשוויגן ניט לאַנג.

— טעאָרעטיש דערלאָז איך אַסאַך צופעליקע ענדערונגען, נאר אף זיך
האב איך אויסגעפּרוווט נאר די צופעליקע שיינקייט און צופעליקע
דרייסטקייט... וועגן ערשטן וועל איך ניט דערציילן — וועסט סיי ווי
ניט גלויבן, און וועגן צווייטן, אויב דו ווילסט...

— מיר בעטן, מיר בעטן, כאָווער סעריאָגאָ!..

סעריאָגא האט ווידער דערמאָנט דעם פוס, אַז אין פיר טאג אַרום מוז
ער זיין אף דער פּאָטיליצע, איבערגערוקט דעם הוט אַפן רעכטן אויער
און אָנגעהויבן:

„דאס אָרט, וווּ ס'איז געשען, — רעכטבערעגיקע אוקראַינע, אין צייט פון
רעוואָליוציע, דאס צווייטע יאר. איך בין דעמאלט געווען א „מיטפילנ־
דיקער", אָבער באַגלייך מיט 90% פון דער באַפעלקערונג ניט געגלויבט,
אַז באַ אונדז וועט זיין סאָוועטן־מאַכט...

„איינמאל דערלאַנגט מען מיר א פּאַפּירל: „סע ווערט אייך פּאָרגע־
לייגט און אז"ו טייקעף אַרויספאָרן אין שטאָט ק. אינסטרוקציעס און פּאַ־
פּירן וועט איר דערהאַלטן אין קרייזפּאָלקאָמבילד...

„זאגן, אז כ'האב שטאַרק כיישעק געהאט וואַרפן דאס איינגעזעסענע
אָרט אינעם גובערניאַלן צענטער, וואלט איך ניט געזאָגט, נאָר דעם באַפעל
האט מען געמוזט אויספילן.

„אין פּאָלקאמבילד האט מען מיר בעסאָד געזאגט, אז די לערער פון
דער „גימנאַזיע" אין ק. — זיינען ניט קיין זיכערער עלעמענט, דער פּאָל־
קאמבילד פּאַרטרויעט זיי ניט און וויל צווישן זיי האבן אַן אייגענעם
מענטשן... מיט איין וואָרט, אַפן צווייטן טאג בין איך געפאָרן אין א
פּאַרשטופּט פּאָליעסער שטעטל, וואס די געגנטן זיינע האבן געשעמט מיט
זייער שטאַרקן פּאָליטישן באַנדיטיזם.

„אין שול האט מען מיך באַגעגנט קאַלט. די לערער, פּאַרשטייסטו מיך,
אַלע אין אויסגענייטע העמדער, אין די ווינונגען — „באַטקאָ טאַראַס"

באהאנגען מיט האַנטעכער... אַזא אַטמאָספער, אַז כאַטש נעם און טראָג מיט א מעסער...

— אָן סענטענציעס, נאָענטער צום איניען...

— שלאָג ניט איבער... „מע האט מיך באזעצט אין א באזונדער ציר מער אין שול, אין לערער־קוואַרטיר — האט מען מיר געזאגט,— איז קיין פרייע וווינונג איז ניטאָ. שפּעטער האב איך זיך דערוווּסט, אז צימערן זיינען יא געווען, נאָר מע האט, ווייַזט אויס, מוירע געהאט פאר מיר.

„באַנאַכט איז עפּעס א פּאַכעד געווען צו זיצן איינער אליין אינעם גרויסן, ניטבאַלויכטענעם, צווייגאָרנדיקן הויז פון דער געוועזענער גימנאַזיע. און מיין צימער איז געווען אַפן צווייטן שטאָק מיט די פענצטער צום אלטן פּאַרק...

„כ׳וואָלט געגאַן צו עמעצן פון די „קאָלעגעס" זיצן אַביסל, נאר וואסר ווען!.. די זון באווייַזט נאך ניט פאַרגיין,— פאַרהאַקט מען שוין די לאָדנס און די טירן מיט צווייפודיקע פאַרוקערס — און מע שלאָפט, ווי די סוסליקעס אום ווינטער...

„די באַלויכטונג — איז א קאַנעצל. מיט איין וואָרט, אזאַ „לאַגעלע" האט מיך געבראַכט דערצו, אז כ׳האב אופגעהערט שרייַבן לידער און אָנגעהויבן שרייַבן א ראָמאן...

„סע געווען אין האַרבסט, די קינדער זיינען אין שול ניט געגאנגען. כ׳האב געפּרווּווט ריידן מיט די לערער — סע קומט גארניט ניט אַרויס. פונאנהויב האב איך ניט פארשטאַנען, ווו ליגט דא דער הונט באגראָבן, נאר צופעליק געהערט א שמועס צווישן צוויי לערער: — „זייַט מיט אים פאָרזיכטיק, ער איז א קאָ־מו־ניסט, מע האט מיר אין פאלקאָמבילד געזאגט"...

— „וואס רעדט איר?" — „ער איז טאַקע ספּעציעל געשיקט געווארן, קעדיי אויסצופאָרשן וועגן אונדז"... ער איז דאָך אַן אוקראַינער... און שרייבט לידער"...

„דעמאָלט איז געווען אזאַ מיינונג, אַז אן אוקראַינער קען ניט זיין קיין קאָמוניסט, אין דעם האבן געגלויבט, ווי אין ציילעם, אַלע פאַטריאָטישע קאָאָפּעראַטערס, לערער און די אַווטאָקעפאַלישע גאַלאָכים.

„איצט האב איך פאַרשטאַנען, פאַרוואס אַנטלויפן אַזוי פון מיר אט אָ די אינדיווידיומען אין די אויסגעניייטע העמדער.

„כאָטש איך בין דעמאלט אין פאַרטיי ניט געווען, נאר צו וויסן געבן, אַז כ׳בין, הייסט עס, ניט קיין פאַרטייער, האב איך ניט געוואלט, און סע ניט קעדיי געווען — מע וואָלט סייַווי ניט געגלויבט.

„אַרום שטעטל אין די וועלדער האָבן זיך אופּגעהאַלטן באַנדעס, און זיצן אין שטעטל איז פּאַר אַ פּאַרטייער אומעגלעך געווען, און ווער סע פלעג זיך אַמאָל יאָ אַריינכאַפּן אין שטעטל, איז ער געווען באַזאָרגט מיט פאַלשע פּאַפּירן, מייגסטנס מיט קאָאָפּעראַטיוו־מאַנדאַטן.

„סע געווען דאָס עמעסע שטיקל צייַט! כ׳האָב באַטראַכט מיין טרויע־ריקע לאַגע, און אויף יעדן פאַל געגרייט אַ וועג אויף אָפּצוטרעטן. דאָס פענצטער פון מייַן צימער האָט אַרויסגעקוקט אין אַלטן פּאַרק אַרייַן, און כ׳האָב צוגעטראַכט: געקויפט אַ לאַנג שטאַרק שטריקל, אייַנגעקרעמפּע־וועט עס צום בעט מיט איין עק, און דאָס איבעריקע צונויפגעוויקלט און פאַרשטעקט אונטערן מאַטראַץ. כ׳האָב געפּלאַנעוועט אַזוי: אַז מע וועט אָנהויבן ברעכן די טיר, לאָז איך זיך אַראָפּ אויפן שטריקל אין פּאַרק, און דערנאָך רוף מיך קנאַקניסל!..

„איינמאָל, כ׳וואַש זיך אַרום באַם גאַנעק, און דער שול־פּאַרוואַלטער, אַן אַלטער כאַזער פון די גימנאַזיע־לערער, גייט צו צו מיר און זאָגט:—
„בעסער וואָלט איר, קאָלעגע, געפאָרן אין אַ שטאָט אַרייַן, ווייַל פאַר אייך, אַלס אַ קאָמוניסט, איז דאָ ניט זיכער... דער אַטאַמאַן פּידלוזשני איז היינטיקע נאַכט געווען אין שטעטל... געפרעגט וועגן אייך...“—
„נישקאָשע,— זאָג איך,— ניט מעסוקן...“ און איך זייף זיך דאָס פּאָנים מיט אַ באַזונדערן כיישעק... כ׳שפּייַ דערויף, הייסט עס. און דאָס האַרץ קלאַפּט מיר, ווי סע וואָלט זיך אונטערגענומען אָניאָגן אין איין מינוט ביז הונדערט פּופּציק.

— איך בין, פאַרשטייסטו מיך, ניט פון די שטאַרק דרייסטע... די נערוון, און...

— איך גלויב עס דיר אָן באַווייַזן,— האָט קעלמער אַרייַנגעהאַקט.

— גלויב דיר געזונטערהייט... און סעריאָזשא האָט געשמאַק אויסגע־שפּיגן דורך דער ליפּ.

„מייַן ערשטער געדאַנק איז געווען אַנטלויפן, נאָר דערנאָך זיך באַ־טראַכט, מע וועט לאַכן...

„צוויי טעג האָט מען גאָרניט ניט געהערט, האָב איך זיך באַרויִקט. איינמאָל, נאָך מיטאָג, ליג איך באַ זיך אין צימער, קומט צו דערזעלבער לערער:—„דערלויבט אַרייַנצוקומען“. אַרייַנגעקומען, אַ גלעט געטאָן דאָס בערדל:—„קאָלעגע, איך מוז אייַך וואָרענען... דער אַטאַמאַן מאַכאָווי איז דאָ אין שטעטל...“ און מיט אַזאַ שמייכעלע, פאַרשטייסטו מיך, מיט אַזאַ קעלעכל, אַז כ׳האָב זיך אַזש ווי פון אַ קייט אָפּגעריסן.—„נו, האָב

איך אַ קראַץ! סע האָט אייך דען מאַכאָווי געשיקט, צי וואָס?״ — געזאָגט צוליב אָנשרעקן, נאָר ווער פון אונדז ביידן האָט אין דער רעגע מער מוירע געהאַט, איז ניט קלאָר...

— דו, אַוואַדע, — מאַכט קעלמער ווידער.

— שטער ניט... דער לערער איז בלאַס געוואָרן, הענט און פיס האָבן אים געציטערט: — „וואָס רעדט איר, קאָלעגע, — כ׳בין אַן אַלטער רעוואָליוציאָנער!״ — און זיך צעוויינט. ביז כ׳בין פון אים פּאָטער געוואָרן, האָב איך זיך גוט אָנגעמאַטערט.

„אָפּדערנאָכט האָב איך אויסגעפּרוּווט, צי איז דער שטריק גענוג שטאַרק צוגעבונדן צום בעט, געמאַכט נאָך אַ פּאָר קניפּן, ס׳זאָל זיין גרינגער אַראָפּלאָזן זיך, פאַרהאַנגען דאָס פענצטער און געזעצט זיך שרייבן בריוו...

— צו וואָס? — האָט קעלמער ניט אויסגעהאַלטן.

— כ׳ווייס אַליין ניט. ווייַזט אויס צוליב דעם, צוליב וואָס מענטשן, וואָס טרינקען זיך אָפּ אַ שיף, וואַרפן אין יאַם אַריין אַ פלאַש מיט אַ בריוו, — זאָלן מענטשן וויסן, אַז ער איז, הייסט עס, בעשאָלעם דערטרונקען געוואָרן.

„מיט איין וואָרט. כ׳זעץ זיך און שרייַב. פּלוצים הער איך, עמעצער טאַפּט די קליאַמקע פון מייַן טיר. דערנאָך קלאַפּט מען שטיל אָן... נו, טראַכט איך מיר, שוין ווידער דערזעלבער לערער, דער רוועך טראָגט אים...

„איך עפן די טיר — עפּעס אַן אומבאַקאַנט מענטשל.

— „איך שטער אייַך ניט, פּאַניע? אין צימער איז אַרייַנגעקומען אַ אינטעליגענט, פון די, וועלכע זייַנען זייער פיל פאַראַנען אין די קליינע שטעטלעך. אַ ליוסטרינען רעקל, אַן אויסגעגנייט העמד מיט אַ טראַדיציאָנעל שנירל אַנשטאָט אַ שניפּסל. אַזוי טוען זיך אָן די קליינשטעטלדיקע קאָאָפּעראַטערס, לערערס און דיאַקעס.

— „זעצט זיך, כאַווער, בין גרייט אייך אויסהערן.

— „אַ דאַנק, פּאַניע״. ער האָט אַקשאָנעסדיק ניט געוואָלט זאָגן „כאַווער״, און איך האָב עס גלייַך באַמערקט.

„ער זעצט זיך באַם טיש, שלעפּט אַרויס פון דער קעשענע אַ „נאַגאַן״ און לייגט אים לעבן זיך. די נעשאָמע איז מיר אַרייַן אין די פּיאַטעס, ס׳האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי סע וואָלט געזאָגט: סייַווי, וואָס פאַר אַ כילעק — אַ רעגע פריער אָדער שפּעטער?

— „איך בין, פּאַניע, אַטאַמאַן פידלוזשני״. אין קאָפּ איז ווי אַ בליץ דורכגעפלויגן איין וואָרט נאָר: „פּיפּטער״...

„איך פאַרזיכער דיך אַז ניט מײַן קינדהײַט און ניט טאַטע־מאַמע האָב איך דעמאָלט אין זינען געהאַט. אין קאָפּ האָט זיך מיר געדרייט דאָס שטריקל באַם בעט, געדרייט און געבונדן זיך מיט טויזנטער שלייפן און קניפּן. אומזיסט האָב איך פאַר דעם באַצאָלט דרײַ פונט זאַלץ.

„פאַניע, איר זיינט אַ שרייבער, כ'האָב געלייענט אײַערע לידער אין זשורנאַלן. איז אָט, וויל איך, אַז איר זאָלט דורכקוקן דאָס אָ".— ער האָט מיר דערלאַנגט אַ גראָבן העפט, דריבנע באַשריבן מיט אַ בלײַער.

„מײַן האַרץ האָט פּאַמעלעך אָנגעהויבן צו קלאַפּן, און דער מויעך האָט רירעוודיק געזוכט אַן אויסגאַנג.

— לאָזט עס איבער, כ'וועל איבערלייענען...

— ניין, לייענט באַלד, און זאָגט אײַער מיינונג...

„כ'האָב געהאַלטן פאַר איבעריק זיך אײַנצושפּאַרן — דער זיבן מאָל געלאָדענער נאַגאַן איז געווען אויף זיין צאַד.

„כ'געדענק שוין איצטער ניט די לידער, נאָר כ'ווייס, אַז ער האָט אין זיי קיינעם ניט פאַרגעסן; די „זשידעס", די „מאָסקאַליעס", די „פאַר־קויפטע", די „פאַרעטער". ער האָט אַפּעלירט אי צום „באַטקאָ טאַראַס", אי צו דער „נעניע אוקראַינע". די לידער האָב איך געלייענט לאַנג און אַזוי געטרײַ, ווי כ'האָב נאָך קיינעמס לידער ניט געלייענט ניט פאַר דעם, און ניט נאָכדעם געלייענט.

„ווען כ'האָב דערלייענט ביזן סאָף, האָט מײַן מויעך אָנגעהויבן אַרבעטן איבער דער איבערגאַנגס־פאָרם.

— באַשטימט טאַלאַנטפול. אָבער איר מוזט אַרבעטן איבער זיך, שלײַפן אײַער בריליאַנט, וועט ער בליען מיט אַלע פאַרבן ווי אַ רעגנבויגן... און אינאַלגעמיין — גוטע לידער.

— נו, און מיטן אינהאַלט זײַנט איר מאַסכים?" — כ'האָב באַמערקט אַ זער לײַכטן שמייכל אויף די שפּיץ ליפּן.

„אין דער פראַגע האָב איך דערפילט אַ שאַרפע באַליידיקונג. ער, אָט דער באַנדיט, כויזעקט פון מיר! ס'האָט זיך אין מיר אויפגעהויבן די אַק־שאַנעסדיקע שטײַפקייט פון אַ מענטשן פון אַ העכערער ראַסע, וועלכער וויל אויף קיין שפּאַן ניט אָפּטרעטן פון זיין ווערט.

— ניין, מיטן אינהאַלט בין איך אינגאַנצן ניט מאַסכים. איך רעד פון דער טעכניק, און ניט פון אינהאַלט פונעם ליד!

— און בענעגייע טעכניק האָט שוין בײַ דער העכערער ראַסע קיין מוט ניט געסטײַעט?.. — האָט גיפטיק געפרעגט קעלמער.

— נו, האָב איך געזאגט אַ ליגן. וואָלסט אויך געזאגט אַ ליגן... האָט אים סעריאָגאַ אָפּגעהאַקט.

„מײַן גאַסט איז אופגעשטאַנען, גענומען דעם „נאַגאַן“ און זאגט:

— נו, פאַרשטייט זיך, איר זיינט דאָך אַ קאָ-מו-ניסט?..

„פון לייענען די לידער איז דער פּאַכעד פאַמעלעך צעשטרײַט געווארן, אָבער איצט האָב איך דערפילט אַ פּלוצימדיקע דרייסטקייט. עך, ס׳איז גוט צו זײַן דרייסט!.. און קוקנדיק אים אין די אויגן, האָב איך אָפּגעהאַקט: — „יאָ, כ׳בין שוין לאַנג אַ קאָמוניסט!..“

„ער האָט אַ שפּאַן געטאָן צו מיר. כ׳בין געשטאַנען פאַרגליווערט.

— אַ גוטן טאָג, — האָט ער מיר געדרוקט די האַנט. — דער ערשטער מענטש זאגט מיר אין די אויגן, אַז ער איז אַ קאָמוניסט.

„כ׳האָב געהערט ווי ער איז געגאַן איבער די טרעפּ און געצונדן שוועבעלעך. מײַן צופעליקע דרייסטקייט האָט זיך אויסגעוועפּט גיך, ווי עפּיר, און כ׳האָב ניט געוווסט, צו וואָס זיך נעמען, צי צום שטריקל, וואָס איז צוגעבונדן באַם בעט, אָדער צו דער טיר, קעדיי זי פאַרבאַריקאַדירן. ס׳האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַזאַ מלאָסט, און כ׳האָב דערפילט אַ זייער גרויסע שוואַכקייט. קוים צוגעמאַכט די טיר, האָב איך פאַרלאָשן דאָס ליכט, אַ וואָרף געטאָן זיך אַפן בעטל, און ניט אויסטועענדיק זיך אַנשלאָפן געוואָרן.

„צי בין איך לאַנג געשלאָפן, ווייס איך ניט. מיטאמאָל זיך אופגעכאַפּט. ווײַטע שאָסן האָבן זיך געטראָגן פון דער זײַט, ווו די באַנסטאַנציע איז. כ׳בין מיטאמאָל וואַכנדיק געוואָרן, און ס׳האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַן אומגעהויערע שרעק. אַנקלויפן, טייקעף אַנקלויפן!

„ס׳האָט שוין געשאַריעט, ווען כ׳בין אַרויס מיט אַ קלומעקל פון דער שול. אַפּגיך אַריבער דעם פאַרקן, קעדיי ניט צו גיין מיט דער גאַס און זיך געלאָזט מיטן אויסגעהאַקטן וואַלד צו דער באַנסטאַנציע.

„די סטאַנציע געפינט זיך פינף ווערסט פון שטעטל, נאָר די פינף ווערסט האָבן מיר אויסגעוויזן ווי אַ האַלבע ווערסט. כ׳בין שטיין געבליבן באַם וויַיזער, קעדיי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. אַרום איז שטיל, נאר באַם זײַטוועג האָט געפּעכקעט אַ לאָקאָמאָטיוו. „ווײַזט אויס, ער מאַכט מאַנעווערעס“, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן און זיך אויסגעקערעוועט גיין צו דער סטאַציע.

„מיטאַמאָל אַ קלאַפּערײַ פון ביקסן-שלעסער: — „שטיי!“ — כ׳האָב זיך אָפּגעשטעלט. פון הינטער די ביימלעך זיינען אַרויס צוויי רויטאַרמייער.

„מ'האט לאַנג אויסגעפרעגט, באַקוקט די דאָקומענטן, געטאַפּט מײַן קלומעקל, אַלץ אין אָרדענונג.

— „קומט מיט אונדז!". מיר זײַנען צו צום ראָג, וווּ ס'איז שטיין געבליבן דער פּאַנצער־צוג.

„ווידער דיזעלבע פּראָצעדור מיטן איבערקוקן די פּאַפּירן און קלומעקל. און ווען מע האט זיך איבערצײַגט, אַז כ'בין ניט קײַן באַנדיט, נאר א גאנץ אנשטענדיקער מענש...

— זיי האבן שטאַרק א טאָעס געהאט.

— כ'בעט דיך, קעלמער, אָן כאָכמעס, סע מיר שוין דערעסן!

„כ'האב זיך דערוווּסט, אַז אין דער נאַכט איז דער באַנדיט מאַכאָווי אָנגעפאַלן אף דער סטאַנציע, דערהאַרגעט דרײַ טשעקאַ־אַגענטן, און די אָנגעשטעלטע זײַנען זיך צעלאָפן.

„כ'בין געקומען אף דער סטאַנציע. די קאַסע איז געווען צעקלאַפּט. דער טעלעגראַף אויך, די בילעטן צעשיט איבערן זאַל פון דריטן קלאַס. די באַנדיטן האבן דאָרט פאַרבראַכט ניט איין שאָ.

— און ווו זײַנען די דערהאַרגעטע?

— אַפן עק פּעראָן.

„כ'בין אַוועק אַהינצו און האב דערזען דרײַ טויטע מענשן. די פּענימער זייערע זײַנען געווען איין בלוטיקע מאַסע, די פוס אָן שטיוול... אָבער וואס אידעס?.. אף איינעם פון זיי האב איך דערזען דאס באַקאַנטע ליוסטרינען רעקל און אן אויסגענייט העמדל מיט א שנירל..." *

* ווייזט אויס, אז באם דערציילער איז א טאָג פריער, געווען א טשעקיסט, וועלכער האט זיך אומיסנע אויסגעגיבן פארן אָטאַמאַן פּאָדליוזשנע. מע פלעג עס טאָן צוליב דעם, קעדיי זיך צו באקענען מיט דער שטימונג פון אינטעליגענץ, איידער סע דאַרף אָנפאליען א באַנדע.

איוואַן סענטשענקאָ

געבוירן אין 1901 יאָר אין דאָרף שאַכאווקע, פּאָלטאַווער קרייז. געענדיקט א לערער־סעמינאַר. דאס ערשטע מאָל געדרוקט זיך אין „סעליאַנסקא פּראַוודא".

באַ"ונדערע אויסגאַבן: „וועסנע", 1923, „שליאַך אָסוויטי". „יארעמא קאווון" — דערציילונג, 1923, פארלאג „מאלאדי ראָביטניק". „ווו איז זי",— 1924, „טשערוואָני שליאַך". „דער שלייף" — דערציילונג, 1925, מעלוכע־פארלאג פון אוקראַינע. „דערציילונגען", 1925, מעלוכע־פארלאג פון אוקראַינע. „די געשיכטע פון א קאַריער", 1926, מעלוכע־פארלאג פון אוקראַינע. „ו אָגניאַך ווישנעוויך זאַווירויך", 1926, מעלוכע־פארלאג פון אוקראַינע. „א פּאַראָווע מיל", 1926, מעלוכע־פארלאג פון אוקראַינע. „איז זאפּיסאָק", 1927, מעלוכע־פארלאג פון אוקראַינע. „סקאַרב", דערציילונג, 1927, מעלוכע־פארלאג פון אוקראַינע.

איוו. סענטשענקאָ.

ווע̇סנע - צײַט

אַפן טײַך.

קאלעמוטנע פרילינג - וואסער, ווי קאַווע: אי לעם, זאמד, אי שווארצערד. באטאָג איז די זון אַ וואַרעמע. שײַנט אומבאדינגט, ווארעמט. ווארעמט אויס די ביינער און יינגט דאס בלוט. ווער ווייסט עס ניט? פרילינג איז די גאס, ווי אַ קופּע מערעשקעס אָוונטצײַט. מ'האט זיך ליב. אמאָל שלאָגט מען זיך איבער אַ מיידל. נאר זעלטן. ס'איז ניטאָ איבערוואס: באָכערים — ווייניק, און מיידלעך — אַסאַך. ס'קלעקט פאר אלעמען.

ס'איז פאראַן אפילע אַזעלכע — „פארטיקע", איבערגעצײַטיקטע, וואס שפּאַצירן ארום עלנטערהייט. — „מיקאלײַעווסקע" — רופט מען זיי. קיינער רעדט מיט זיי נישט, קיינער שאַדכנט זיי ניט; קיינער דארף זיי ניט... און עפשער, ווער ווייסט?

אַפן טײַכל שווענקען ווּוסטיאַ אין האלינע רעדנעס. שווענקען און הענגען זיי טריקענען אַף די קוסטעס: אַסאַך ווינט, אַסאַך זון... ניט שלעכט רויטלען זיך די פענימער. ווערן טאַקע גוט רויט ביזן אָוונט. וועלן זיי אויסטריקענען די פענימער — ווי די רעדנעס.

ווּוסטיאַ גלײַכט אויס די פלייצע: נו, זי האט זיך אײַנגעמידט אַביסל. שוין די פינפטע רעדנע. נאך פינף געבליבן. צען. איר נאַדן...

גייען יונגע ווײַבלעך מיט דער גרעבליע און רעדן צווישן זיך: — וועמענס נאַדן טריקנט זיך דאָרט?

די צווייטע קוקט זיך אײַן אַף דער זון, — מיקאָלײַעווסקע... סערגייעוונעס... און זיפצט... זי זאָגט: אן אומגליקלעכע מויד — וויפל איז זי שוין אַלט? — די עלטסטע.

די זון שײַנט, די זון פאַרגייט. קוטשעראַוועו זיך טעג, גרינען זיך די לאָנקעס. פריילעך צאָקעט אין קאָרע דער פיקהאָלץ. די יאָרן קלאפּט

אויס אויסגערעכנט די זאָזוליע. און אַז זי וועט זיך אַף דער פראַגע אָפּרופן און אַ זעץ טאָן אַכט און צוואַנציק, וועט קיינער ניט רויט ווערן און וועט ניט זאָגן: זאָזוליע, ביסט אַ ליגנערן! טרעפט זיך אַמאָל, אַז זי טרעפט טאַקע פּינקטלעך.

פּאָרעט זיך דער ווינט אין מיסט, יאָגט סקאַלקעלעך אַנקעגן זון, און האַלינע זאָגט: גייט עס צו אַלדי רוכעס! אַף קאַפּאָרעס דאַרף איך עס! און וואַרפט די רעדנע אַפן ברעג אַוועק. די נאַסע רעדנע פאַלט שווער און נאַס. האַלינע גלײַכט זיך אויס און קוקט אַפן טײַך: ראַכוועס, פריי־לעך און ברויזיק. ווי ס'פלעג זיין אמאָל אַפן האַרצן.

פאַר איר וועט די זאָזוליע אויך אפּקלאַפּן אויסגערעכנט און אויסגע־מאָסטן אַכט און צוואַנציק...

א הויכע. אַ דאַרע. אַ שטעקן. און דאס האַרץ לעבט דאך און דאס בלוט לעבט.

ס'ווילט זיך און ס'גלוסט זיך... זי ווייסט אליין ניט וואס...

וווּסטיא איז אַ נידעריטשקע — א גראָבע, מיט ברויזיקע ברוסטן און שטאַרקע אָרעמס. זי האט ליב לעבן — האַלטן פון איר די כעוורע־באָ־כערים, און אז מ'גייט אַהיים אונטער דער לעוואָנע, זאָגט מען: — מאָרגן וואַרט. כ'וועל קומען.

זי נעמט און גיט וואָס מ'באַדאַרף.

דערפאַר האט זי אַסאַך סאָנים...

לוקעריא.

יעדער בלאָז פון ווינט, יעדער פאַל פון זון־שטראַלן, אדער דער שטעל פון אַ באָכער, רייצן איר אוף, קיצלען איר איבערן גאנצן קערפּער. טשאַד. מילדקייט. ניט צו פארשטיין. אָט אַזוי: אַ באַלן גיין און גיין מיטן שליאַך, נאַכיאָגן, אבי א קוק טאָן אין פּאָנים אריין; אַבי אים גע־פינען, אָניאָגן, צי טרעפן — „אים".

ארויסגיין הינטער שטאָט הינטער וועלדל, אונטערשטעלן דעם קאָפּ, דאס לײַב אונטער קלאָרקייט פון הימל און טראכטן, טראכטן... קלערן. און דערנאָך אָפּרייסן אַ גרעזל קאַלישינע... קוקן, וווהין אַ פייגעלע פליט.

אין כאַטע — פענצטער. קליינינקע, שײַנינקע פענצטער.

די מוטער שרײַט:

— וואס פאר אַ רועך שטייסטו דאָרטן באַם פענצטער? האסט ניט וואָס צוטאָן, אינדר'ערד ארײַן!

לוקעריאַ שפּרונגט אָפּ. ענטפערט:

— וואס איז דען? כ׳האָב געוואָלט א קוק טאָן אַף דער גאס, ווי סאלדאַטן גייען.

— צי אַ פּיסטערנער לאָשאַק!

— און אַז, מאמע...

נארישע זון, נארישער ווינט... נאריש איז לוקעריאַ.

קלינגען די טעפּלעך, רייבט דער וויכעט, און פונעם קאָפּ גייט בא איר ניט ארויס „ער": פּעטראָ, פּעטרוס... פּעטיאַ...

אָוונט.

די פּארנאכטן זיינען ווי אַמאָל — אויסגעשטערנטע, פינצטערע, ווי אַמאָל. פּאַראַן לעוואָנעדיקע, פייַנע — ווי געפליגלטע. ווי פליענדיקע. ווי אַ מייַסע.

אבער היינט איז פינצטער.

ווסטיאַ האט באגעגנט פּעטראָן.

— וווהין?

— כ׳שפּאציר.

גייען זייביידע. אהין, וווּ ס׳ניטאָ קיין מענטשן.

דער באָכער ברענט. טוליעט זיך. פּעסטעט זיין גווורעדיקן קערפּער. קושט און מליעט.

פינצטער. ס׳איז אזוי פינצטער, אז ס׳פּאדרייט זיך אזש דער קאָפּ, אזש די פיס בויגן זיך.

פונעם טייַך שווימט א ווייַס־ווייַסער נעפּל — שווימט, צי אין קאָפּ אריין, צי אין בלוט אריין. נעפּל.

אהיים גייט מען שפּעט. מ׳שווייַגט.

לעבן הויף זיצט לוקעריאַ און קוקט.

און דערנאָך גייט זי אַהיים... אליין.

די שטים פון בלוט.

אין דאָרף געשעט עס פּאָשעט. מ׳גייט זיך צונויף און מע צעגייט זיך. פּעטרוס קומט יעדערן אַפּדערנאַכט צו לוקעריען. זיי האבן זיך ליב.

פּעטרוסעס „פּאַפּאַשאַ" קנייטשט זיך, ער זאָגט: דער רועך נעמט זיי! ס׳איז נישט קיין פּאָר. אָבער פּעטרוס ווייסט עס אויכעט. ער קלייַבט זיך נאָך ניט כאַסענע האבן. שפּעטער... איצטער שעפּטשעט ער איר: — כ׳האָב דיך ליב... און זי שעפּטשעט.

היינט איז דער הימל אַ שוואַרצער, אַזאַ שוואַרצער; ווי מ׳וואָלט אים מיט טינט אָפּגעפאַרבט. עפּשער דאכט זיך נאָר.

דער ווינט שלאָפט. ס׳כאָלעמט זיך אים גאָרניט. ער איז מיד פאַרן טאָג. האַלינע איז אויך מיד. שלאָפט זי. זעט זי: עמעצער ליגט לעם איר... נעמט זי ארום, פעסטעט זי, קושט.

אַף דער באַנק דרייט זיך די מוטער און האַלינע שעפּטשעט: שפּעטער, שפּעטער, מ׳וועט דערהערן. די מוטער זיפצט. האַלינע זיפצט אויך, אופכאפנדיק זיך. ס׳איז אַ כאָלעם געווען.

ווּסטיאַ שלאָפט אויך ניט — אָבער זי איז ניט אליין. מע שעפּטשעט זיך: — זאָגסט אַ ליגן! — כ׳זאָל אזוי לעבן! — אַז ער האָט ליב, און ער קריכט אַ פארשיקערטער. אבער ס׳איז דען ניט אלציינס? זי ווייסט די ווערט פון ווערטער אין אַ דושנער נאכט. אזוי זאָגן אלע... כע! — דאס וואָרט איז פאלאָווע, — אָבער דאס בלוט וועט קיינמאָל ניט זאָגן קיין ליגן.

זי האט ליב דאס לעבן. זי האט ליב אלץ, וואס ס׳גיט אַ יונג, אַ פאלש - עמעסדיק לייַב.

פינצטער. כמארעס. ס׳וועט גיין אַ רעגן.

פעטרוס שאַרט זיך צו איר נעענטער. ס׳איז דושנע. ווייכלט זיך דאס לייַב... און דארטן איז אַזאַ גרין גראָז.

ליגן זיי.

טשאד. אומפארשטענדלעכקייט. מילדקייט.

ס׳בויגט זיך איַין דער קאָפּ...

ס׳וואַקסט, וואַקסט דאס בלוטיקע קנייַלעכל.

אראָפּגעקייַקלט. אָפּגעבריט. אוי, ווי ס׳טוט וויי... אוי!

ס׳וועט געוויס גיין א רעגן. עמעצער וועט וויינען.

„פּאַפּאַשאַ״.

דער „פּאַפּאַשאַ״ האָט ענדלעך אים געזאָגט: גיין! ער האָט פייַנט צו ריידן איבעריקע ווערטער און פאַטערן אומזיסט צייט. ער איז פארנומען מיט זיינע געשעפטן. ער בויעט איצטער אַ מיל פון צוויי גאָרנס. מ׳האט שוין געבראַכט צו פירן דעם קעסל. ווי צונויפגעוויקלטע שלענג ליגן די פאַסן. ס׳שמעקט מיט הובליענעס — מיט סאָסנע. מע מאַכט שפּאַכלערס. לוקעריעס פאָטער איז א טעסליער... נאַ — אַ פייַנער מעכוטן! די קאמפּאַניע איז ווי אָנגעמאָסטן! קוועל אָן! דעם באָכער איז אַ בושע

עפּעס ענטפּערן. ער פֿאַרמאַכט אַף אַ מינוט די אויגן און זעט פּאר זיך די לייוונטענע ספּאָדניצע און די רויטע ליטקעס.

— ווו זיינען דיינע אויגן?

ווי הייס אייזן פּאַסעוועט אים דאָס האַרץ.

דער באָכער שטייט. אין די אויגן באַ אים — אכזאָריעסדיקע פֿייערלעך...

ער וועט שוין היינט אָפּטאָן אַ שפּיצל! אָהאָ!

טיכאָן — דער טעסליער, דער „שוואַר“, גריסט זיך בינעימעסדיק און פֿריילעך. — ער האט דעם „איידעם“ באַגעגנט. פּעטראָ ווירט פּאַ־וואָלי דעם קאַשקעט און גייט אַוועק ווייטער. און דער טעסליער, ווי גלייכגילטיק, נעמט זיך פֿארן הובעל. מיט וואס פֿאר אַ פֿאַרגעניגן וואָלט ער עמעצן אַ הובלע געטאָן איבערן קאָפּ.

אָבער קיינער זעט ניט, וואָס ס׳קומט פֿאָר באַ יענעם אין האַרצן — ס׳איז דאָרט פֿינצטער, זאָגט מען.

באַנאַכט.

זונטיק וועט מען לאָזן די מיל. די, וואָס האבן געארבעט פֿריער אַף דער אַלטער מיל, וועלן בלייבן אַף דער ארבעט. ס׳וועלן קומען יונגען און מיידלעך. ס׳וועט זיין ווסטיע, לוקריאַ, האלינאַ... אלע וועלן קריגן ארבעט!

פֿיליפּ פּעאדאסיעוויטש — דער פּאַפּאַשאַ — איז אַ פֿריילעכער, ער רייבט זיך די הענט. — היי, ווי נאָר ס׳וועט אַ הודע טאָן, וועלן זיך באַלד אנהויבן שיטן צו אים אין קעשענע ארייַן מאַטביילעך! ער טרינקט איצטער מיט זיינע גוטעברידער און ס׳איז אים פֿריילעך. די צעכראסטעטע ברוסט זיינע איז פֿול מיט היץ; היינט מעג מען זיין פֿריילעך, היינט מעג מען שיקערן ביזן דנאָ!

גאַס. אבער הינטער די גערטנער איז בעסער. מ׳האט זיך צונויפֿגע־רעדט זיך טרעפֿן אין קלוניע. מ׳דארף זיך צוויילן קאַלזמאַן די לעוואָנע איז נאָך ניט אופֿגעגאנגען!

ערגעץ זינגט מען. וויַיט־וויַיט הינטער דער לאָנקע איז די לעוואָנע.

ס׳האווקען די הינט. — אין דער דורכזיכטיקער לופֿט הערט זיך דייט־לעך, וויַיט.

די הינט וועלן האווקען, אז זיי וועלן דערזען! ער רוקט זיך אַ שי־קערער צום פּאַרקן, נעענטער צום פּאַרקן. די פֿיס פּלאָנטערן זיך.

און ווּסטיען איז אַלצײנס! צי דער זון, צי דער טאַטע. זי נעמט אַלע אויף, ווער ס׳ע קומט מיט גוטן און ווער סע קומט מיט געלט.

— אַן אויסגעלאַסענע... „אַ געליבטע״... פאַר אַסאַך. וואָס איז זי שולדיק, וואָס זי האָט ניט קיין מאַן? זי נעמט וואָס מע גיט און זי גיט וואָס זי קען.

אַ נארישע נאַכט. אין קלוניע זײַנען זיי אײנצווייען. זי פאַרדעקט זיך און הערט גלײַכגילטיק, וואָס ער רעדט צו איר. דער „פּאַפּאַשע״ זאָגט: — אַ הינטישער זון... ס׳געפעלט מיר ניט... ס׳לוינט ניט... אָט... דײַן ווײַבערשע זאַך איז אים צו געבן צו פאַרשטיין... כע־כע־כע! דאַרפסט אים דערוויזן, אַז בא אַלע פרויען זײַנען אַלצײניקע... מיט איין וואָרט, דו פאַרשטייסט?

— זי פאַרשטייט. פאַרוואָס זאָל זי ניט פאַרשטיין? שטיל. פינצטער. דורך דער שפּאַרונקע קוקט אַרײַן אַ שטראַל פון לעוואָנע. צי וועט ער פאַרשטיין, וואָס דער טאַטע וויל פון אים?

— אַן אנהויב איז דאָ... אַז ער זאָל זיך ניט פאַרנודען? מאָרגן וועל איך אַ שיק טאָן אַף אַ פּראָבע!

סאָף

אַז אַלע האָבן זיך אָנגעשיקערט, האָט פּעטראָ אַ געשריי געטאָן: — כעוורע ס׳איז דאָ אַ נײַעס!

אַלע האָבן מיט נײַגעריקײַט זיך צוגעהערט און אנשוויגן געוואָרן.

— זאָג.

— ער זאָגט אַ ליגן, — האָט נאַסטיע אַ געשריי געטאָן, — זײַן מײַסע האָט שוין אַ באָרד! אַ נײַס איז באַ מיר דאָ אַפן דענעק, נו, ווער טרעפט?

זי האַלט אַ פלאַש בראָנפן אין האַנט און שפּריצט מיטן רויטלדיקן לײַב, ווי מיט בלוט מאַמעש.

— נו! איר זײַט שטום געוואָרן! וואָס? דער בורזשויטשיק, זאָגט איר, זאָל ריידן? גייט עס! שטילער! שטומעניש! — עך, הינט מיט אויערן! — ווער וועט וועגן מײַן פּראָלעטאַריש מאַזל עפּעס אַ זאָג טאָן? קיינער? כאַפּט אײַך דער רוּעך!

זי קערט אײן זיך אַרײַן אַ שקאַליק און זעצט זיך צו עמעצן אַף די הענט, — עך, מײַן שפּילפייגעלע, מײַן אָפּגעבאַרעטס!

פּעטראָ ציטערט פאַר קאַעס. איצטער שרײַט ער העכער: — אַ נײַס! און האַקט יעדער וואָרט: עס פאַרקויפט זיך אַ מיידל אַ יונגע, אַ שיינע, ווי אַ קייסערינע. לוקעריאַ באַוויַיז זיך! פרישע סכוירע, ציין ווי פּערל, אַ מיַילעכל ווי באַ אַ קווייט — אינגאַנצן איז זי ווי אַ בוקעט, אַ יעפּייפיע!

— נו, ווער דינגט, ווער דער ערשטער, ווי טײַער! גיב אָפּטרעט־געלט!

א געלעכטער האט אויסגעשאסן אין כאַטע:

— אוי, אַ באָכער! אוי, פּעטרוס!

עפּעס האט איר אַ שטאַרקן קלעם געגעבן פאַרן האַרצן. לוקעריאַ האט זיך אופגעהויבן. אין די אויגן איז איר מוטנע געוואָרן, זי האט קוים אַ קוק געטאָן ארום זיך. זי האט קיין וואָרט ניט געקאָנט ארויסריידן...

— וויפל ווילסטו אָפּטרעט־געלט, — האט עמעצער און ווינקל ניט אויסגעהאַלטן און א פרעג געטאָן.

אָבער פּעטראָ האט ניט געענטפערט — איז עמעצער אַ שפּרונג געטאָן און אים אַ זעץ געטאָן מיט אלע קויכעס אין פאַרשוויצטן פּאָנים אריין — ס'האט אַזש א הילך געטאָן: נאַ, נאַ דיר!

ס'איז געוואָרן שטיל. אזוי שטיל, אז ס'איז געווען צו הערן, ווי נאַסטיעס האַרץ קלאַפּט.

— אַך דו, פּאסקודסטווע! — פּעטראָ, ווי אַ מעשוגענער, האט זיך א וואַרף געטאָן אַפן מיידל...

ס'האט אַ געשריי געטאָן, די בענק האבן אנגעהויבן צו קנאַקן, ס'האט א פינטל געטאָן און ס'איז באַלד פאַרלאָשן געוואָרן דער לאָמפּ.

אינדערפינצטער האט מען געשלאָגן פּעטרען.

בושע, קאַעס און באליידיקונג האבן אים געדרוקט דאס האַרץ. ס'האט ווי געטאָן די באַק. סע האָט געבראָכן דער אַקסל; עמעצער פון דער כעוורע האט אים אַ גוטן זעץ געטאָן אינדערפינצטער.

— אנו, וואַרט אויס, היינט! ער וועט זיך אין זיי ערשט נויקעם זײַן — אָהאָ, וועט ער זיך נויקעם זײַן. אלע וועלן צו אים אנקומען אין מיל אריַין בעטן ארבעט...

ס'וועט זיי שוין גלאַטיק ניט אָפּגיין...

די גאַס בעט זיך גרוי, זי רוקט זיך, פאַרקרײַזלט זיך, אָט פאַרשווינדט זי אין קעלטל, אָט שווימט זי ארויס מיטאַמאָל אונטער שײַן פון לעוואָנע און דעמאָלט זעט מען, ווי ס'גילדלען שטיינדעלעך און ס'ברענט, ווי טײַערע ברילײאַנטן צעבראָכן, גלאָז.

ער גייט, ווי ער וואָלט זיך געיײַלט. אָט איז וווּסטיעס הויף. ער האט זיך פארטראַכט אַף אַ מינוט, און באַלד מיט הארטן טראָט איז ער אַרײַנגעגאנגען דורכן טויער...

ער איז מיטאַמאָל ווי געליימט געוואָרן: די טיר האט זיך צעפּראַלט און פון קלוניע איז ארויסגעגאנגען אַ פיגור.

די לעוואָנע האט געלאַכט אין פּאָנים, זיך געהוידעט אַף צעפּאַטלעטע כמאַרעס, ארומגעלאָפן, ווי אַ האָז איבער די דעכער, און דער זון און דער טאַטע זיינען געשטאַנען שווײַגנדיק און געקוקט איינער אַף דעם אנדערן.

גריגאָרי עפּיק

געבוירן אין יאָר 1901, אין דאָרף קאַמענקאַ, דניעפּראָפּעטראָווסקער קרייז. דער פאָטער — אַן ארבעטער-מעטאַליסט. אין 1920 יאָר האט עפּיק גענומען אנטייל אין דער רויטער אַרמיי. שפּעטער געארבעט אף פּראָפעסיאָנעלער, אדמיניסטראַטיווער און פּאַרטייאישער ארבעט.

באַזונדערע אויסגאַבן: „ארומרינגלונג”, מעלוכע-פארלאַג פון אוקראַינע. „אַן אַ באָדן”, מעלוכע-פארלאַג פון אוקראַינע.

גריגאָרי עפּיק

ראַדיא-אַמאַטאָר

I. פון סטעפאַן איוואַנאָוויטש קוראָטשקעס בלאָקנאָט אין כאַראָל און אין דער הויפּט־שטאָט

ווי איר ווילט אייך, נאָר סטעפאַן איוואַנאָוויטש קוראָטשקע איז אַ מענטש אַן אויסערגעוויינלעכער. קיינער אף גאַנץ כאַראָל האט אים ניט געקענט אויסוואַרפן, אַז ער איז אָפּגעלאָזט אָדער פּרינציפּלאָז. קיינער האט אים ניט געקענט באַשולדיקן אין לייַכטזין, אין ניט ריכטיקער אריענטאַציע, אָדער אין ניט געשטעלטקייט.

קיינמאָל ניט, פאַר זיין גאַנץ פּערציקיאָריק לעבן, האט סטעפאַן איוואַנאָוויטש זיך ניט אויפגעהויבן פון בעט פאַר דרייַ פערטל נייַן, און ניט געלייגט זיך שלאָפן שפּעטער פון צען. אפילע דעמאלט, ווען איבערן שטאָט האבן זיך געריסן שראַפּנעלן און אין די שטאָטישע רעסטאָראַציעס האט מען געהאָדעוועט אויסשליסלעך מיט „שראַפּנעל"; און אויך דעמאָלט ניט, ווען די מעלוכע האט צוליבן דורכפירן די גאָרטן־קאַמפּאַניעס ארויסגעגעבן א באַפעל אָנצוהויבן די אַרבעט אין די אַנשטאַלטן פון 7 אזייגער אינדערפרי.

— קיין שום זאַך קען ניט צעשטערן די אָרדענונג,— פלעג זאָגן סטעפאַן איוואנאָוויטש,— קלויבנדיק זיך אלע פרימאָרגן צו דער קאַנצעליאַריע פון קרייַז־זעמסטווע.— קיינער האט קיין רעכט ניט צו צעשטערן די איינגע־פירטע אָרדענונג,— האט ער געטייַנעט אַן אנדערס מאָל, אָנשטופנדיק דעם אָפּגעבאַרעטן פּאָרטפעל, וואס איז געמאַכט געווען פון אַן אלטער כאָליעווע, מיט קרייַזפּראָדקאָמישע פאַפירן.— אָרדענונג, דעריקער איז אָרדענונג, ווייל אַף דעם שטייט די וועלט.— האט אָפּט איבערגעכאַזערט קוראָטשקע איצט און יעדן אינדערפרי; פונקט האַלב נייַן, איז ער

געגאַנגען איבער שמאָלע שטרענג־געשטיינערטע געסלעך, ביז צו דער ביבליאָטעק פֿון טעכניקום, ווו ער איז שוין זײַט צוויי יאָר פֿאַרוואַלטער. דאָס, וואָס ער איז פֿון א קאַנצעליאַריע־אָנגעשטעלטן בײַ דער קרײַז־זעמסטווע פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין א נאַטשאַלניק פֿון סוב־אָפּטייל פֿאַר צעטיילן „אינדיווידועלע פּאַיאָקעס" בײַם קרײַזפּראָדקאָם און, צוליב ליקווידאַציע פֿונעם לעצטן, געוואָרן א פֿאַרוואַלטער פֿון א פֿופֿצנטויזנט־בענדיקער ביבליאָטעק בײַ דעם געוועזנעם סעמינאַר,— דאָס דאַרף קיינעם ניט כידעשן. ווען די רעוואָלוציע איז געקומען, איז סטעפּאַן איוואַנאָוויטש אַלט געווען דרײַסיק יאָר, פֿאַרמאָגט א יונג ווײַבל, גלאָפּירע פֿאָליקאַרפּאָוונע,— און א פּרינציפּיעל אומפּאַרטייאישע אָריענטאַציע. און כאָטש זײַן אָריענטאַציע האָט ניט אינגאַנצן האַרמאָנירט מיט זײַן פֿילאָסאָפֿישער סיסטעם, פֿונדעסטוועגן איז גענוג געווען צו קומען אף איינער פֿון די פֿיל זיצונגען, ווו סטעפּאַן איוואַנאָוויטש פֿלעג אַרויסטרעטן אַנטשלאָסן און אָן א מינדסטן קאָמפּראָמיס,— איז גענוג געווען צו קומען, קעדיי זיך איבערצײַגן ניט נאָר אין זײַן לאָיאַליטעט, נאָר אפילע מער... לאָרד קערזאָן געדענקט נאָך דעם הייסן פּראָטעסט סטעפּאַן איוואַנאָוויטשס; וועגן אָסטין טשעמבערלען האָט קוראָטשקע קיין וואָרט ניט געקענט אויסהערן אָן א סינע־פֿײַערל אין די אויגן; קעגן פּילסודסקין האָט קוראָטשקע פּראָטעסטירט; דעם פֿארעטער טשאַן־קאַי־שי געדראָט מיט הענגען. ניט מוירע געהאַט פֿאַר גאָרניט. און אַרויסגעטרעטן קעגן אַלע אָפּאָזיציעס, געצאָלט אַלע האַלוואָעס, ניט דורכגעלאָזט קיין איין אָרטקאָם־זיצונג, קיין איין אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג. סע נאָך ניט געווען אַזאַ פֿאַל, אַז סטעפּאַן איוואַנאָוויטש זאָל דורכלאָזן זײַן נאַטשאַלניק אָן אן אונטערטעניקער פֿאַרנויגונג, אַז ער זאָל אים ניט עפֿענען די טיר, און דורכלאָזנדיק אים, דורכלאָזן נאָך עמעצן פֿריער איידער זיך אַליין,— ווײַל ער האָט באַדאַרפֿט מיט ווירדע נאכגיין באַגלייטן דעם נאַטשאַלניק.

און נאָך האָט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש ליב געהאַט—טעאַטער און אוקראַינישע פּאָעזיע. „שעווטשענקעס „טאָפּאָליע" און „קאַטערינע" קען איך אף אויסנווייניק ווי ס'דאַוונען"— האָט ער זיך באַרימט. און ווען אין שטאָט פֿלעג קומען סאַקסאַגאַנסקעס טעאַטער, שפּילן: „יאַק קאָזאַקאָוו באַטאַ טשאַרקאַ"...— האָט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש מיט גרויס אינטערעס געגרייט זיך צו דער פֿײַערלעכער באַגעגעניש און אומבאַדינגט געקויפֿט א בילעט ניט ביליקער פֿון דער דריטער ריי פּאַרטער. אָבער ניט דערמאָנען, אַז אויך אין דער אוקראַאינישער ליטעראַטור איז קוראָטשקע

ניט געבליבן הינטערשטעליק — וואלט עס פּאַשעט געווען אַ פּאַר־ברעכן. סטעפּאַן איוואַנאוויטש האט אויך געקענט די נײַע, — „רעוואָליר־ציאָנערע״ — ליטעראַטור, ווי ער פלעג זאָגן, און באַזונדערס זיך געציאַצ־קעט מיט גראַמען פון איינעם אַ דיכטער, וואס זיין נאמען פלעג סטעפּאַן איוואַנאוויטש פארגעסן און ווען וועלכן די פּראָלעטאַרישע קריטיק האט זיך זייער ריכטיק אָפּגערופן, אז די רעוואָליוציע האט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיין פּאָעזיע אין אַזעלכע גרויע און נודנע פארבן, אז סע שווער זי צו דערקענען . . .

סטעפּאַן איוואנאָוויטש האט, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט אײַנגיין אף אזא אומבערעכמאָנעסדיקן אורטייל. ער האט שטאַרק ליב געהאט זיין דיכטער, אים הייס פאַרטיידיקט און פלעג ער זיך נאר דערמאנען אין פאַרגאַנגענע טעג, אַזוי האט ער באלד געגומען לייענען דעם דיכטערס אַווטאָביאָגראפישע לידער וועגן זיין אָנטייל־נעמען אין דער רעוואָ־ליוציע:

„צוזאמען זיינען מיר געפארן: — איך נאָך בלומען,
און ער צו זאַמלען דעם פּראָדנאַלאָג״.

— פונקט ווי וועגן מיר! — האט געטראכט סטעפּאַן איוואנאָוויטש . . .

און אין די שטילע אָוונטן, ווען קוראָטשקע האט זיך געגרייט לייגן שלאָפן און דער קאָטער זײַנער איז צו אים געקומען, האט ער אָפט ליב געהאט צו דעקלאַמירן דעם שטאַרקסטן שיר פון זיין באַליבטן פּאָעט: „דער שוואַרצער קאָטער״. ער פלעג זיך דאַן זעצן אפן בעט, די פיס ארײַנ־שטעקן אין טיפע קאַלאָשן, אף די קני אוועקזעצן דעם קאָטער, לײַכט גלעטן זיין פעטן רוקן און ליריש דעקלאַמירן:

איז געקומען אין מיין שטילן צימער
דער שווארצער קאָטער — קומער . . .
פון בייזער טרעפּערקע . . . צעלייגט זיך,
ציט א פרילינג־פרישע טרוים־ליד דאָ,
פון שוידער־דארשט פון קראַקער קראָ,
פון הערצער ווײַסע שנייען־בלאָ,
סע פאסט אזוי זיך בלוט דערצו
און וועגן גאָט פון ווילדער אומרו . . .

סטעפּאַן איוואַנאָוויטשן האָט מען ניט געקענט כוישעד זיין, אַז ער איז אַ צווייפּענימדיקער אָדער אַ פּליט. אַן אָפּנהאַרציקער, צוגעלאָזטער און פריינטלעכער, אָן באַזונדערע מעשוגאַעסן — איז ער געווען אינגאַנצן ווי אַף דער דלאָניע.

— איך בין נאָר פּאַרן עמעס, — האָט געענטפערט קוראָטשקע, ווען עמעצער פון די כאַווײרים פלעג זיך דערפרעגן באַ אים וועגן זיין פּאָליטישן קרעדאָ. — פאַרן עמעס בין איך, פאַרן עמעס, טײַערינקער, — האָט ער געשיט דריבנע בײד, און פון די דריבנע רײד האָט אויך דריבנע געשפּרונגען זיין רויטלעך בערדל, וואָס איז געווען ווייס און אויסגעריבן ווי אַן אַלטער בעזעם. ס'בערדל האָט זיך אָנגעהויבן גלײַך פון אונטערן קאָלנער אַרויס און סוידעסדיק אַראָפּגעהאַנגען אַף זיין קלײנינקער ברוסט, כאָטש ביכלאַל איז אין זיין געשטאַלט ניט געווען קיין שום סוידעסדיקס און קיין אומגעווײנלעכס. אַ קלײנוווּקסיקער אַ באַשײדענער, אַ שטילער ווי די נאַכט אין סטעפּ, מיט קלײנע אויסגעבליאַקעוועטע אויגלעך, אַ פלינקער פון געבוירן אָן, און אַ שטאַרק פלינקער, וואָס האָט גאָרניט געפּאַסט פאַר זיינע יאָרן. סטעפּאַן איוואַנאָוויטש, האָט, ווי געזאָגט, ליב געהאַט צו באַדינען נאַטשאַלסטווע און געטאָן עס שטענדיק מיט פאַרגעניגן. אָבער ווען ס'פלעג אים אויסקומען צו באַדינען אַביסל אַן עלטערן, ווי דעם קאַנץ־נאַטשאַלניק פון קרײַזעמסטוואָ, דעמאָלט האָט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש אויסגעפּילט זיין ראָליע מיט דאַנקבאַרקייט, שטאָלץ, און מיט היסלײַוועס.

— אַ מענטש איז געבוירן און געשאַפן געוואָרן, קעדײ צו דינען אַנדערע, — האָט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש באַגײַסטערט גערעדט. — אונטערגעבן זיך און פאָלגן! — פלעג ער צוגעבן. און כאָטש קײנער פון די פילאָזאָפן האָט נאָך ניט באַשטעטיקט זיין געניאַלן געדאַנק, פונדעסטוועגן האָט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש זיך פון אים ניט אָפּגעזאָגט, אויפריכטיק אים דורכגעפירט אין לעבן, און ניט קוקנדיק דערויף, וואָס געבוירן איז ער אַפן שטורעמדיקן דאָרעם, די קינדער בונטעווען זיך שוין אין די וויקעלעך, פונדעסטוועגן איז קוראָטשקע געווען אַ פּראַקטישער מענטש און גוט געוווּסט, אַז ער איז ניט אײנער. — זיי מאַכן זיך נאָר אַזוי, — האָט ער מיט זיין ווײך־טענאָרל געזאָגט וועגן אַנדערע, — זאָלן יענע פריידענקער מיך אָנרופן קנעכט, זאָלן זיי כויזעקן פון מיין פּרינציפּיעלער אומפּאַרטײיִשער אָריענטאַציע, זאָלן מיר אפילע אָנשפּײַען אין פּאָנים, אָבער איך ווייס: ס'איז אונטערלעקערס און ליגנערס, מע

מוז זיין אָרנטלעך צו זיך אַליין, מיר דאַרפן וויסן ווער מיר זיינען! איך בין ניט קיין קנעכט; הונדערטער, טויזנטער אַזוינע ווי איך — זיינען קיין קנעכט ניט. מיר זיינען מענטשן, מיר זיינען געשאפן געוואָרן, קעדיי צו דינען די שטאַרקערע... יעדע זאַך, און א מענטש אוואדע און אוואַדע, האט זיין אָרט, און ווען ער פאַרלאָזט עס, ברעכט ער דעם געזעץ, צעשטערט די אָרדענונג, ער איז א פארברעכער, — אזוי האט געטײַנעט קוראָטשקע, און קיין איינציק מאָל האט נאָך ניט געטראָפן, אַז קוראָטשקע, בעייסן פאַרטיידיקן זיינע מיינונגען, זאָל העכערן דאָס קאָל, אדער ווערן אופגערעגט. רויק און זיכער האט ער גערעדט, רויק און זיכער זיך באַוועגט.

הערנדיק אים, האט מען אף קיין רעגע אַפילע ניט געקענט אָנקומען צו דער קאַפריזער דאַמע, צו די געפילן, — זיינע רעדעס זיינען געווען מוסטערן פון קאלטער, רויקער לאָגיק, פאַר וועלכע סע האבן צוריקגעטראָטן די סאמע שאַרפסטע עמאָציעס. זיין רויקער בליק, זיינע אויסגערעכנטע באַוועגונגען, זיין זיכערע אינטאָנאַציע, די לאַנגע האפּסאָקעס צווישן יעדע צוויי ווערטער, ווי אויך זיין פאַמעלעכער און פעסטער שפאַן צו זיין שטענדיקן פלאץ — ווען ניט ער האט געפירט די פאַרזאמלונג — אלץ האט געפירט צו איין זאך: — צו אייַזערנער לאָגיק. ניט אומזיסט האט מען וועגן אים גערעדט: ווען סטעפאַן איוואנאָוויטש רעדט אף אַ פאַרזאַמלונג, איז ער פאָשעט אומגעווינלעך. עמעס, דעמאלט פלעג קוראָטשקע ווערן אויס קוראטשקע, ער האט אָנגעפירט מיט זיינע געדאַנקען, ווי דער בעסטער פישער מיטן שיפל, און מיט זיינע באַוועגונגען האט ער אָנגעפירט ווי אַן אלטער, נאָך א „ניקאָלייַעווער“, „דוואָרניק“ מיטן בעזעם.

צו דער אַרבעט איז סטעפאַן איוואַנאָוויטש שטענדיק געקומען פינקטלעך און אהיים געגאַן פינף מינוט שפעטער ווי אַלע. אמאָל, ווען מ'האט באַדאַרפט, האט ער געקענט אויסזיצן אויך מער ווי פינף מינוט, נאָר דאס האט זיך געטראָפן נאָר דעמאָלט, ווען אין אנשטאלט איז לענגער ווי געווינלעך געבליבן זיצן איינער פון די נאַטשאַלניקעס. מיט איין וואָרט, סטעפאן איוואַנאָוויטש איז, ווי איר זעט, געווען א גאַנץ פינקטלעכער אָנגעשטעלטער, און ס'האט אים נאָך קיינמאָל ניט אויסגעפעלט דער נויטיקער טאַקט און אויסגעהאלטנקייט בא געשעענישן און באַזונדערס אין באַציונג צו מענטשן.

נאָר סע פאַראַן זאַכן, וואָס אויך די געניאַלסטע מענטשן קענען זיי ניט מאַסיג זיין. פאראן דערשייַנונגען, וואס סע קען זיי ניט בייַקומען

אַפילע דער שטאַרקסטער מענטש, דער דיקטאַטאָר איבער ערד און רוים, דער בראַווער הערשער איבער יאַם־טיפענישן און בערג־שפּיצן. דאָס געשעעניש, וואָס האָט געטראָפן מיט סטעפאַן איוואַנאָוויטש קוראָטשקע, איז איבערגעגאַן אַלע מעגלעכע און אומעגלעכע גרענעצן, איז העכער פון די מענטשלעכע קויכעס: ס׳איז כוצפּעדיק, ווי אַ ווינט פון שפּיץ־באַרג, אַנגעפלויגן אַף קוראָטשקען, ס׳האָט אופגערודערט זיין יאַם, צעשטראָמט, צעגאָסן זיך מיט קאַלטן אומרו און מיטאַמאָל פאַרטרונקען אַלץ. אַזעלעכס האָט זיך קוראָטשקען נאָך קיינמאָל אין לעבן ניט געטראָפן, קיינמאָל האָט אים אַזוי טיף ניט אופגעקאָכט, קיינמאָל איז סטעפאַן איוואַנאָוויטש נאָך ניט געווען אַזוי פאַרלוירן און אומבאַהאָלפן.

— אַז כ׳האָב זיך גאָרניט געריכט אַף אַזאַ אומגליק... כ׳וועל אומקומען ווי אַ הונט... איצט וועט מען מיר שוין אופמישן אַלץ... מע וועט שוין ניט מויכל זיין... ניין, מע וועט ניט מויכל זיין — האָט געזיפצט סטעפאַן איוואַנאָוויטש, דערמאָנענדיק זיך אין דער באַיאָרטער כאַווערטע מאָטאָראָשנע, וואָס האָט געאַרבעט אַלס סעקרעטאַר אין טעכניקום. קוראָטשקע האָט זיך מיטאַמאָל אופגעכאַפּט פונעם געפלאָכטענעם וואָלטערישן שטול און אַרויסגעגאַן אין קאָרידאָרל. ער האָט דערפילט אַ נויטיקייט זיך אויסרעדן דאָס האַרץ און דעריבער זיך געווענדט צום ווייב:

— גלאַפיראָטשקאַ, נעכטן האָט זי אומיסנע בעייס איך בין געווען דערביי, גערעדט וועגן וווציק — האָט מיט אומרו געזאָגט קוראָטשקע — האָט זיך נאָכגעפרעגט, צי האָב איך ניט געביטן מיין אַדרעס, דערנאָך שטאַרק זיך דערפרעגט וועגן פאַרטקעמערל, געקוקט צו מיר, און פאַר מיינע אויגן דעמאָנסטראַטיוו אַרויסגערופן דעם פאָרשטייער פון די סטודענטן...

— טאַקע אַן עמעס? — האָט אים גלאַפירע פאָליקאַרפּאָוונע מיטגעפילט אין זיינע אומענדלעכע יסורים.

— עמעס, — האָט סטעפאַן איוואַנאָוויטש אָפּגעזיפצט. גלאַפירע פּאָליקאַרפּאָוונע האָט אופגעהערט אָנצוצינדן דעם פּרימוס און אומגעדולדיק מיטן גאַנצן גוף געוואַרט, ער זאָל אויספירלעכער דערציילן.

— עמעס, גלאַפיראָטשקאַ, אַוואַדע עמעס, — האָט קוראָטשקע איבערגעכאַזערט. ניין, טאַקע אין אַ פאַרשאָלטענעם טאָג זיינען מיר אַריבערגעפאָרן אינעם צענטער אריין. ס׳איז אַלץ געגאַן אַזוי גוט, צו גאָט און

צו לײַט, און איצט האסטו דיר. נו, ווער האט עס געקענט וויסן, אז בײַ אונדז וועלן זיין אזוינע סטודענטן...

— ס'איז דער רועך ווייסט וואס, די הײַנטיקע סטודענטן, סטיאָפּאָטשקא...

— יאָ, יאָ... איצט וועל איך שוין וויסן! שוין! אָנגעטאָן א שטריק אפן האַלדז פאר גאַרניט. אָפּגענאַרט. באַגראַבן. ניין, אַרויסקריכן וועל איך שוין ניט, כ'וועל שוין ניט ארויסקריכן, — האט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש זיך געקלאָגט, — איצט וועט עס דעם גאַנצן צוטרוי, דעם גאַנצן אַווטאָריטעט אָפּטראָגן ווי מיטן ווינט, ווי מיטן וואסער אָפּשווענקען...

אָט מיט אזוינע ניט קיין פריילעכע געדאַנקען האט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש זיך געקליבן גיין שלאָפן. ער האט הײַנט שוין ניט געקענט אַרומגיין זײַנע צוואנציק מינוט אינעם צאַרט-בלויען כאַלאַט, איז זיך פאַרגעסן אַף אַ גאַנצער שאָ שפּעטער אין דעם און אפילו קיין גלעט ניט געטאָן דעם שוואַרצן קאָטער, וועלכער איז אלע טאָג געקומען אין דערזעלבער צייט און אונטערטעניק אונטערגעשטעלט דעם אויסגעבויגענעם רוקן פאַרן באַלעבאָס. מיט איין וואָרט, ס'איז אָנגעפלויגן א וויכער, פאַרכאַפּט סטעפּאַן איוואַנאָוויטשן, צעוויכערט אים, פאַרדרייט און אומבאַרעכמאַנעסדיק ארײַנגעשמיסן אים אין טונקלען אָפּגרונט...

II. וואס איז פאַר אַ סימען, אז סע כאָלעמט זיך א שניי און א נײַער מויער אָן טירן

אינאָוונט האט קוראָטשקע לאנג ניט געקענט אנשלאָפן ווערן, און דעם צווייטן טאָג זיך אופגעכאפּט, ווען ס'האט נאָרוואָס אנגעהויבן שאַריִען. ער האט ניט אופגעהויבן זיך, ווי שטענדיק, נאָר פּאָשעט אַראָפּגעשפּרינגען פון בעט.

— וואס איז מיט דיר, קאָטיקל? — האט אים געפרעגט דאס ווייב. — וואָס ביסטו אזוי צערודערט?.. דערצייל, קאָטיקל, דערצייל, וואס האט זיך דיר געכאָלעמט? — האט זיך מיט צאַרטקייט דערפרעגט גלאַפּירא פּאָליקאַרפּאָוונע, וואס האט באַלד באמערקט זײַן פאַרלוירענעם אומרויִקן בליק. זי איז צוגעגאַן צו אים נעענטער, אַוועקגעלייגט אים די האַנט אפן אקסל, שטיל געגלעט און ווידער געפרעגט:

— וואס האט זיך דיר געכאלעמט? דערצייל, קאָטיקל. א שלעכטער כאָלעם?..

— אַ, — האָט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש געוואָלט זיך אָפּטשעפּען פון דער פראַגע און ווידער אָנגעקוקט זיין ווייב מיט אומרויִקע אויגן, אין וועלכע ס'האָט זיך אָפּגעשפּיגלט טויט־שרעק און אַבסאָליוטע אומבאַהאָלפנ־קייט.

— זאָג־זשע, קאָטיקל, וואָס האָט זיך דיר געכאָלעמט? זאָג, — האָט אים געבעטן גלאַפירע פּאָליקאַרפּאָוונע.

נאָר סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האָט ווי ניט געהערט, געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און ניט גערירט מיט קיין אייווער, ער האָט געשוויגן און דאָס שווייַגן האָט זייער באַאומרויִקט און געשרעקט גלאַפירע פּאָלי־קאַרפּאָוונע. וואָרום יעדן פרימאָרגן, טאָג נאָך טאָג, יאָר נאָך יאָר, פלעג איר סטעפּאַן איוואַנאָוויטש דערציילן זיינע כאָלוימעס, גלאַפירע פּאָליקאַרפּאָוונע פלעג זיי געטריי אויסהערן און נאָך געטרייער מיט אלע פּיטשטשעווקעס פאַרשרייבן אין אַ העפט, און דערנאָך געוואָרט, וועלכער פון די כאָלוימעס וועט מעקוייעם ווערן און ווי אַזוי. זי האָט שוין געהאַלטן בײַ ענדיקן דאָס צענטע העפט פון אירע און סטעפּאַן איוואַנאָוויטשעס כאָלוימעס, און כויך דעם געהאַט נאָך צוויי העפטן מיט קאָמענטאַריעס צו דעם אָדער יענעם כאָלעם. אויסער דעם, האָט גלאַפירע פּאָליקאַרפּאָוונע נאָך געהאַט איין העפט מיט קורצע ענטפערס, ווו אלע אויסערגעוויינלעכע כאָלוימעס זיינען געווען אויסגעשטעלט לויטן אַלעפבייס, און די ענטפערס אויף זיי פלעג זי געפינען אין מעשעך פון איין מינוט. עמעס, אַזוי ווי זי האָט דערמיט צוטאָן געהאַט טאָגטעגלעך, האָט זי שוין דאָסראָוו פון די כאָלוימעס געוווּסט אויף אויסנווייניק, נאָר סטעפּאַן איוואַ־נאָוויטש האָט זיך ניט געקענט פאַרלאָזן אויף איר און טאָמיד איבער־געכאַזערט:

— גלאַפיראָטשקע, קוק נאָר בעסער אַריין! קוק, — ווייַנשעלע מייַנס — האָט ער געבעטן. און ווען גלאַפירע פּאָליקאַרפּאָוונע האָט זיך איבער־געבויגן איבערן העפט, פלעג ער שטיל, ווי צו זיך אַליין, צוגעבן:

— ווייבער האָבן לאַנגע האָר און קורצן סייכל. יאָ... יאָ...

אָבער איצט האָט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש ניט געבעטן דאָס ווייב אים פּויסערכאָלעם זיין דעם מאָדנעם כאָלעם זיינעם, און שטאַרק באַמיט זיך צו באַהערשן און ניט פאַרלירן צום איבעריקן דעם מוט. ער איז שטיל געשטאַנען אינמיטן שטוב, ניט גערירט זיך, און מיטן בליק גע־בלאָנקעט זייער וויַט, אָנגעשטרענגט זיך צוגעהערט צו זיך, ווי אַ פערד, ווען סע טוט אים ווי אינעווייניק.

— גלאַפּאָטשקאַ, עפּעס וועט מיט אונדז געשעען...— האָט ער געזאָגט טראַגיש.— ניט אומזיסט האָט זיך מיר אַ גאַנצע נאַכט געכאָלעמט אַזאַ כאָלעם... אַ פּאַלעץ, דו פֿאַרשטייסט...

— אַ פּאַלעץ, אָך! — האָט גלאַפּירא פּאָליקאַרפּאָווּנאַ אַ היכּ געטאָן און אַ שווערן פּליעסק געגעבן מיט די הענט.

— אַ פּאַלעץ און קיין טירן איז ניטאָ... דו פֿאַרשטייסט? כ׳גיי, כ׳זוך און...

— ניטאָ קיין טירן? — האָט מיט מוירע און פֿאַרצווייפֿלונג איבערגעפֿרעגט גלאַפּירא פּאָליקאַרפּאָווּנאַ. זי האָט זיך טייקעף אַ וואָרף געטאָן צום קאַסטן צו געפֿינען דעם העפֿט.

— וואַרט. נאָך ניט אַלץ...

— ניט אַלץ? וואָס רעדסטו? שרעק מיך ניט, טייערער! דערצייל! סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האָט אָפּגעאָטעמט, גלאַפּירא פּאָליקאַרפּאָווּנאַ האָט אָפּגעאָטעמט.

— און סע ברענט... סע ברענט און איך געפֿין ניט קיין טירן...

— סע ברענט? — האָט טראַגיש איבערגעפֿרעגט דאָס ווייב.

— יאָ,— האָט געזאָגט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש.

— סע באַטייט טפֿיסע,— האָט מיט פֿאַרצווייפֿלונג זייער שטיל אַרויסגערעדט גלאַפּירא פּאָליקאַרפּאָווּנאַ און אַראָפּגעלאָזט דעם העפֿט.

— כ׳האָב געוווּסט,— האָט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש אָפּגעזיפֿצט, געטאָן עטלעכע שפּאַן און אַוועקגעזעצט זיך טיף אין אַ ווינקל.

— זיי האָבן מיך פֿאַשעט אומגעבראַכט,— האָט ייִעשדיק געשעפּטשעט גלאַפּירא פּאָליקאַרפּאָווּנאַ דורך די טרערן.

— אַ סאָף,— האָט שווער אָפּגעזיפֿצט קוראָטשקע. ער האָט זיך געשטעלט אויף די פֿיס, פֿאַרזיכטיק אַראָפּגענומען פֿונעם בעט אַ האַנטעך און פֿלוצים אַ וואָרף געטאָן זיך אויף די קני.

— בעט גאָט, גלאַפּאָטשקאַ, בעט גאָט! זאָל ער אונדז מוחל זיין, וואָס מיר האָבן אים פֿינף יאָר פֿאַרהאַנגען מיט אַ האַנטעך,— ער האָט מיטאַמאָל זיך אויפֿגעהויבן און גענומען קושן די קליינע בלעכענע איקאָנקע.

— כ׳האָב דיר דאָך געזאָגט: טו ווי דו ווילסט! נאָך וואָס האָט מען באַדאַרפֿט פֿאַרהענגען? ווער האָט עס בײַ דיר געמאָנט? ניין, אַ הײַנטוועלטיקער מענטש! דער פֿאָרזיצער פֿון אָרטקאָם האָט דיר צוגעזאָגט קומען. איז ער געקומען? — האָט זי אים אויסגעוואָרפֿן.

— דער אומגליק איז פאר אים געקומען, — האט געזיפצט סטעפאַן איוואַנאָוויטש.

— גאָטעניו, מאלאָכים הייליקע, זײַט מויכל. — גלאַפירא פאָליקאַרפאָוונע האט אופגעהויבן איר פאָנים און אזוי פאַרשטאַרט געבליבן. — זײַט מויכל, מאלאָכים הייליקע, — איז צו קוראָטשקען דערפליגן איר שטילער מורמל.

— זײַט מויכל דעם פאַרפירטן! ס'איז ניט זיין שולד... — און גלאַפירא פאָליקאַרפאָוונע האט זיך צעוויינט. שטייענדיק אף די קני, האט זי דעם שטערן צוגעגויגט צום ברוק, געכליפעט און שטאַרק געציטערט. די אַקסל האבן זיך טרויעריק געהויבן און אַראָפּגעלאָזט, און זי האט געיאָמערט, געבעטן, געשאָלטן, זיך מיסוואדע געווען און ווידער געבעטן.

— עפשער האסטו... — האט סטעפאַן איוואַנאָוויטש געזאָגט זייער שטיל און ניט דרייסט.

— וואָס, עפשער האסטו!.. האט ווי א דונער א הוקע געטאָן אף אים גלאַפירא פאָליקאַרפאָוונע און זיך ווידער אָנגעבויגן צום בעטן.

— עפשער האסטו ניט דארט אויסגעלייענט?

טו א קוק, ליובעניו, גלאַפאָטשקאַ, — האָט געבעטן סטעפאַן איוואַנאָוויטש. — טו א קוק, איך בעט דיך.

— דאָרט! — האָט ווידער א דונער געטאָן „גלאַפאָטשקאַ" און פלוצים, ווי א סאָלדאַט, אופגעשפרונגען אַף די דיקע פיס. זי האָט געטאָן עטלעכע טריט אַפּן וועג צו דער וואַנט און אומבאַשלאָסן שטיין געבליבן.

— מע דאַרף דאָס אלץ אַראָפּנעמען, — האָט זי געזאגט, מיט מוירע זיך אַרומגעקוקט און מיטן פינגער געוויזן אַף דער ריי פאָרטרעטן פון רעוואָליוציאָנערע טוער. — סטעפאַן איוואַנאָוויטש האָט א דריי געטאָן מיטן קאָפּ אַף ניין.

— אַזוי הייסט עד...

— ווער הייסט, גלאַפאָטשקאַ?

— דער הייליקער מאַלעך אונדזערער. — האָט פרום אַרויסגערעדט גלאַפירא פאָליקאַרפאָוונע. — ווער וועט זיך דערוויסן! גאָט וויל זיי ניט אָנעמען, — האָט זי מאָטיווירט איר פאָרשלאג און אָנגעהויבן פאָרען זיך באַ די פאָרטרעטן.

סטעפאַן איוואַנאָוויטש האָט זיך אפילע ניט געקענט א ריר טאָן, געזעסן פאַרלוירן און אומבאַהאלפן, געפירט מיט די אויגן פון פאָרטרעט

צו פּאָרטרעט און מיט ווייטיק צוגעקוקט, ווי אומגעוויינלעך פלינק גלאַ־פּירא פּאַליקאַרפּאָוונע נעמט זיי אַראָפּ פון די צוועקעס און לייגט זיי אָן איינס אַפּס צווייטע.

— ריינוואַשן מוז מען זיך, — האָט זי א זיפץ געטאָן אַראָפּנעמענדיק פון דער וואנט דעם לעצטן פּאָרטרעט. — ריינוואַשן זיך הייסט ע ר, — האט איבערגעכאַזערט גלאַפּירא פּאַליקאַרפּאָוונע.

סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האט שווער אָפּגעזיפצט.

— ריינוואַשן זיך, — האט ער איבערגעכאַזערט נאָר מיט די ליפּן. כ'האב שלעכט געטאָן, גאָטעניו. זײַ מיר מויכל... פּופציק יאָר אָפּגעלעבט ווי אלע מענטשן, און איצט האט זיך פאַרגלוסט צו זיין א היינטיקער. זײַ מיר מויכל, — האָט ער א כריפּע געטאָן. דערנאָך אופגעשטאַנען פון זיין ווינקל און מיט פּאָרזיכטיקע טריט אוועק צו דער שוועל.

— וווּהין גייסטו? — האט אים איבערגענומען דאָס ווייב.

— לעצווירעך, גלאַפּאָטשקא! — האט בעטנדיק געזאָגט סטעפּאַן איוואַ־נאָוויטש און ניט דרייסט, פּאָרזיכטיק איבערגעטראָטן די שוועל.

ווען סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האט זיך אומגעקערט אין שטוב, איז גלאַפּירא פּאַליקאַרפּאָוונע, ווי ס'האט געשײַנט, געווען שוין אינגאנצן בארויִקט און זיך געפּאָרעט באַ דער באַלעבאַטישקייט, זי האט נאָר זעלטן־ווען אופגע־הויבן די אויגן צום מאַן און דאַן שטיל עפּעס געמורמלט, — אויסגערעכנט פּינקטלעך די היינטיקע הויצאָעס אַפּן מאַרק, אָדער א טפּילע געשעפּטשעט. אינקאָעס איז זי שוין מער ניט געווען, — דאָס האט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש באַלד דערקענט, ווי נאָר ער האָט געעפנט די טיר און אריבער די שוועל.

איר בליק איז ווידער געוואָרן ווייך, די באַוועגונגען — רויִק, אפילע אביסל פּאָרזיכטיקע, און דאס גאנצע געשטאַלט אירס האט אויסגעדרוקט טרויער און פאַרצווייפלונג.

— כ'וועל אויסטריקענען סעכערלעך, — האט מיט ווייטיק געזאגט גלאַפּירא פּאַליקאַרפּאָוונע. זי האט אנגעצונדן דעם פּרימוס, צוגעגאַן צו סטעפּאַן איוואַנאָוויטשן און צארט אָנגענומען אים פאַר דער האנט:

— כ'בין זיך מוידע — מיר האָט זיך אויך געכאָלעמט...

— וואס? — האט זיך א כאַפּ געטאָן סטעפּאַן איוואַנאָוויטש. — זאָג, וואָס, גלאַפּאַטשקא? — איז ער ווידער צערודערט געוואָרן.

— שניי... עפּעס אומדערוואַרטס... א ווילד־פרעמדס, שלעכטס... — האט גערעדט צו זיך גלאַפּירא פּאַליקאַרפּאָוונע. — שניי אפן קאָפּ, ווי שניי

אַפֿן קאָפּ, — האָט אַלץ געשעפּטשעט דאָס ווייב, ווי זי וואָלט גאָר דעם מאַן פֿאַר זיך ניט געזען.

— אַ גרויסער? — סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האָט זיך אומגעקערט צום בעט, שווער זיך אוועקגעזעצט און אופמערקזאַם, מיט שרעק געוואַרט אַף ענטפֿער.

— אַ גרויסער...

— באַטאָג, צי באַנאַכט? — האָט זיך קוראָטשקע גאָר דערשראָקן.

— באַנאַכט. — האָט זי געענטפֿערט מיט אַ שווער האַרץ.

— טפּיסע... טפּיסע קומט מיר, — האָט אומעטיק באַשטעטיקט סטע־פּאַן איוואַנאָוויטש. — טפּיסע, הייסט עס, — האָט ער ווידער אָפּגעזיפֿצט

— אַ גאַנצע נאַכט האָט דער הונט געוואָיעט... אַ גאַנצע נאַכט גע־וואָיעט...

— ער פֿילט, נעבעך, דעם באַלאַבאָס אומגליק, — האָט געיאָמערט גלאַ־פֿירא פּאָליקאַרפּאָוונע.

— ער פֿילט, — האָט מאַסקים געווען סטעפּאַן איוואַנאָוויטש.

דער זייגער האָט הילכיק אַ כריפּ געטאָן, הייזעריק ניין מאָל גע־קוקעט ווי אַ קוקוק, און ווייטער האָט זיך רעגלמעסיק געוויגט דער אומרו. אין צימער איז געווען אַזוי שטיל, אַז סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האָט געהערט די מינדסטע שאָרכן אונטערן פֿענצטער און אַפֿילע דאָס טעמפּע קלאַפּן פֿון זיין האַרץ. דאָס פּאָרפּאָלק האָט לאַנג געשוויגן און קיינער פֿון זיי האָט זיך ניט דערוועגט צו שטערן די אומגעווייגלעכע שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אומעטום, און געהאָלפֿן וועבן די אומרויִקע געדאַנקען. נאָר די שטילקייט האָט שוין אָנגעהויבן דרוקן, שרעקן מיט איר שטומער סוידעסדיקייט און נערווירן דאָס פּאָרפּאָלק.

גלאַפֿירא פּאָליקאַרפּאָוונע, אַלס אַ פֿרוי, אַ דרייסטערע פֿון סטעפּאַן איוואַנאָוויטשן, אַ מער גאָטספּאָרכטיקע און אַ מער אָנגעלייגטע בײַ גאָט, (אַזוי איז זי זיכער געווען) האָט די ערשטע צעשטערט די שטילקייט:

— איצט פֿאַרלאָז זיך נאָר אַף גאָט, — האָט זי געזאָגט שטיל, און הילכיק אויסגעשנײַצט די נאָז אין שפּיץ גרויען פֿאַרטעך.

— אַף גאָט, — האָט ער נאָכגעזאָגט, ווי אַ ווידערקאָל.

— וואָס ס'זאָל ניט געשען, נאָר היינט וועט עס קלאָר ווערן... פֿאַל ניט אַראָפּ בײַ זיך!

— היינט, — האָט אויך געזאָגט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש און אויסגעצויגן די האַנט צו דערלאַנגען דאָס העמד, וועלעכס ער האָט שוין פֿריער אָנ־געהויבן אָנטאָן און אופגעהערט.

קורטשקע האט זיך היינט געקליבן זייער פּאַמעלעך, באַוועגט זיך נאָך פּאַמעלעכער און זייער פּאַרזיכטיק, גלייך זיין גורל הענגט אָפּ אין דעם, ווי אַזוי און וווהין ער וועט א טרעט טאָן אין זיין אייגענעם צימער.

— היינט איז די לעצטע זיצונג פון פּאַרוואַלטונג פון טעכניקום. נעכטן האט דער דירעקטער (דאס וואָרט פלעג סטעפּאַן איוואַנאָוויטש שטענדיק אונטערשטרייַכן און ארויסרעדן באַזונדערס פעסט) געזאָגט, אַז ער וועט שטעלן מיין איניען אַף דער זיצונג. נאָכדעם איז סטעפּאַן איוואַנאָוויטש שטיל געבליבן, אופמערקזאַם ארומגעקוקט זיך און צוגעגאַן צו דער שאַפע זיך אָנטאָן.

— די גאַנצע נאַכט האט די שאַפע געקנאַקט,— האָט ער געשעפּטשעט,— א גאַנצע נאַכט געשפּאַלטן זיך,— האָט ער איבערגעכאַזערט,— ווי געקלאָגט פּאַר עמעצן, און געגומען דעם מאַנטל.

— פעלן טאַקע אנדערהאַלבן טויזנט, סטיאָפּאַ?

— אנדערהאַלבן,— האָט ער אָפּגעזיפצט און עפּעס מאָדנע צוגעגאַן צום ווייב:

— גיב איבערבייַסן, גלאַפּאָטשקאַ.

גלאַפירא פּאָליקאַרפּאָוונע האט געפאָלגט.

— איך גיי שוין. עפּשער וועל איך קענען זעען וואַדימיר קירילאָוויטשן, היידן מיט אים, דערפרעגן זיך.

גלאַפירא פּאָליקאַרפּאָוונע איז ניט געווען קעגן. זי איז צוגעגאַן צום פּרימוס און אין א רעגע ארום אַוועקגעשטעלט אַפן טיש א פּריש־געבאַקענעם אייער־קוכן.

— עס כאָטש אָפּ אַביסל, סטיאָפּאַ... עפּשער שוין אנשטאָט א מיטאָג אויך...

סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האט איר דאַנקבאַר א קוק געטאָן אין די אויגן און געזעצט זיך צום טיש. ער האט אָפּגעבראָכן א שטיק ברויט און צו־זאַמען מיט א שטיקל איי עס ארייַנגעשטעקט אונטער דער רויטלעכער וואָנסן־סטריכע.

— אויסגעלאָפן דעם גאַנצן מאַרק... קוים געפינען. ניטאָ קיין פרישע. אוועלעכס דו נעמסט ניט אַף דער שייַן, איז עס שלעכט,— האט גלאַפירא פּאָליקאַרפּאָוונע שטיל געקלאָגט.

— היינטיקע צייטן איז עס דען אייער? אַמאָל איז געווען, עמעסע, יאָ, און איצט...— האט מיט וויטיק געזאָגט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש.— דו געדענקסט, באַלד נאָך אונדזער כאַסענע, גלאַפּאָטשקאַ? האסט יעדן

פֿרימאָרגן געמאַכט אַ אײערקוכן, אַ פּוכקן מיט אַ ציבעלקע און מיט שמאַלץ... אַמאָל... — ער האָט געשוויגן אַ רגע, אָפּגעזיפֿצט און אָן כּיישעק אופֿגעהויבן זיך.

— זײַ געזונט, גלאַפֿאָטשקאַ... מירן זיך עפּשער מער קײנמאָל ניט זען. מיר שײדן זיך אָף אײביק. זײַ געזונט, — האָט ער אַרומגענומען גלאַפֿירא פּאָליקאַרפּאָװנען. גלאַפֿירא פּאָליקאַרפּאָװנע האָט ארומגענומען סטעפּאַן איװאַנאָװיטשן און געקלאָגט זיך אָף די סטודענטן.

— פֿאַרשניטן אַ יונג לעבן. זײַ געזונט, פֿײגעלע, זײַ געזונט, — האָט זי געקרעכצט און באַגלײט אים צו דער דריטער שװעל. דערנאָך נאָכאַמאָל געדריקט אים די ציטערדיקע האַנט און געזאָגט:

— איצט איז אַ האָפֿענונג נאָר צו גאָט, סטיאָפּאַטשקאַ...

— צו גאָט, — האָט איבערגעכאַזערט סטעפּאַן איװאַנאָװיטש און אומגעקוקט זיך אָפֿן װײַב.

ער האָט לאַנג געקוקט, װי גלאַפֿירא פּאָליקאַרפּאָװנע האָט זיך אַלץ מער דערװײַטערט, געהינקען איבער דער גאַס און אָפֿט געהויבן די האַנט מיטן טיכעלע צום פּאָנים.

סטעפּאַן איװאַנאָװיטש האָט אופֿמערקזאַם געקוקט נאָך איר, דערמאַנט זײַן װײַטע יוגנט, דאָס דאָרף, דעם גײַסטלעכן פּאָליקאַרפּ עװגראַפֿאָװיטש, דאָס קלײנע סעדל, די אַמאָליקע יונגע גלאַפֿירא פּאָליקאַרפּאָװנע, די הײנטיקע זיצונג, װוהין ער גײט, און אין די אויגן האָבן זיך ביטערע טרערן געשטעלט. ער האָט זיך ניט געריכט פֿונעם אָרט, איז האַכנאָעדיק געשטאַנען און מיט אומגעדולד געװאַרט, אַז גלאַפֿירא פּאָליקאַרפּאָװנע זאָל זיך אומקוקן אָף אים. ער האָט זיך טאַקע ניט טויע געװען:

װען גלאַפֿירא פּאָליקאַרפּאָװנע איז צוגעגאַן צו איר גאַנעק, האָט זי זיך שװער אויסגעדרײט, אופֿגעהויבן די האַנט מיטן טיכעלע און אַ פּאָכע געטאָן צו סטעפּאַן איװאַנאָװיטשן, ער האָט אַפּגיך ארויסגעצויגן זײַן טיכעלע און אויך געפּאָכעט.

— פֿאַרבלײַב געזונט, טײַבעלע, — האָט ער דאָרט געמורמלט — עפּשער אָף לאַנג, און עפּשער... און איבער זײַנע אויסגעדאַרטע באַקן האָבן זיך אַראָפּגעקײַקלט טרערן, גרויסע, װי אוקראַיִנישער אַרבעס.

— זײַ געזונט, קאָטיקל, — האָט געזאָגט ערגעץ גלאַפֿירא פּאָליקאַרפּאָװנע און װידער צוגעטראָגן צום פּאָנים די האַנט מיטן טיכעלע.

III. סטעפאַן איוואַנאָוויטש קוראָטשקע וויל זיך פאַרגעסן, נאָר ער באַמערקט, אַז מע שפירט אים נאָך

ווען סטעפאַן איוואַנאָוויטש איז געבליבן אַליין, האָט ער א קוק געטאָן, קען זיין צום לעצטן מאָל, אין יענער זייט, ווו גלאַפּיראַ פּאָליקאַרפּאָוונע איז פאַרשווונדן און פאַרקערעוועט רעכטס באַם ראָג. ער איז געגאַן פאַמעלעך: פונדאַנען ביז צום טעכניקום איז געווען נאָענט, און אומעטיקע געדאנקען זיינען אופגעשווימען כאָפּטעסווייַז איינער נאָכן אנדערן און איינער אומעטיקער פונעם אַנדערן. סטעפאַן איוואַנאָוויטש האָט אופמערקזאַם אין געדאַנק דורכגעטראַכט אַלע אַמאָליקע און איצטיקע געשעענישן, זיינע אַרויסטרעטונגען אַף די אָרטקאָם־פאַרזאַמלונגען, און באַזונדערס אסאַך געטראַכט וועגן סעקרעטאַר פון טעכניקום, דער כאַווערטע מאָטאָראָשנע.

„זי האָט קיינמאָל ניט געהאַט צו מיר קיין צוטרוי" — האָט ער זיך דערמאָנט. שטענדיק אָנגעברויגעזט, אַפילע צאָרנדיק, האט זי מיט איר אויסזען אַליין טאָמיד באַאומרויִקט סטעפאַן איוואַנאָוויטשן און געצווונגען אים צו זיין געהיט, באקלערן יעדן שפּאַן און יעדעס וואָרט. אָבער דאָס אַלץ זיינען געווען קלייניקייטן. די עמעסע שטראָף איז געקומען ערשט דעמאָלט, ווען ער האט זיך דערוווּסט, אַז מאָטאָראָשנען האט מען אריינגענומען אין פאַרטיי.

„יאָ, איצט וועט זי שוין אויספירן! זי וועט אירס אויספירן, אָבער פאַרוואָס? וואָס טראָגט זי אַזאַ סינע צו מיר? פאַרוואָס?" — האט ער טראַגיש געשטעלט די פראַגע. סטעפאַן איוואַנאָוויטש האט זיך מיט שרעק דערמאנט, אז נעכטן, ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט איר אין קאָרידאר, האט ער באַמערקט, ווי זי האט אַ קוק געטאָן אף אים מיט איר סוידעסדיקן שמייכל און ווי עפּעס מיטאַמאָל באַשלאָסן, האט זי פעסט פאַרקערעוועט צום דירעקטערס קאַבינעט.

„אים וועט זי אויך איבערצייַגן. זי וועט זאָגן, אַז כ'בין א פאַרברעכער, אַז כ'האב אומיסטן אַלץ געטאָן, אז כ'האב געגאַנוועט... פון איר קען מען אַלץ דערוואַרטן. יאָ... יאָ... איך מיין..." — סטעפאַן איוואַנאָוויטש איז מיטאמאָל בלייך געוואָרן און מיט ווייטיק זיך געכאַפּט באַם הארץ. ער האָט קוים איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און שווער פאַרענדיקט: — „זי האט שוין צו וויסן געטאָן וועגן מיר אין געפּעו... איך ווייס... איך..." — סטעפּאן איוואַנאָוויטש האט זיך ווידער דערמאָנט

אין איר סוידעסדיקן שמייכל, און אַז דערזעענדיק אים, האָט זי דעמאָנסטראַטיוו פֿאַרקערעוועט צוריק און אַוועק גלייך צום דירעקטער. קוראַטשקע האָט זיך אויך דערמאַנט, ווי אַזוי ער איז דעמאָלט ווי אַן אָפּגעבריטער אַריין אין בייסהאַקיסע און דאָרט געוואַרט ביז מאַטאַראָשנע וועט אַרויסגיין, ווײַל באַמערקנדיק איר אויסזען, האָט ער געוואָלט כאַטש איבעם גאַנג אירן טרעפֿן וועגן וואָס, אייגנטלעך, טראַכט זי. אָבער ווען מאַטאַראָשנע איז אַרויס פֿונעם דירעקטער און אַפֿילו ניט פֿאַרקערעוועט אין קיין אַנדער זײַט, נאָר גלייך אַוועק צום פֿאַרטקעמעריל, איז פֿאַר סטעפֿאַן איוואַנאָוויטשן דער איניען איינגאַנצן קלאָר געוואָרן.

— הייסט עס, מע וועט מאַסערן, — האָט אויך איצט, ווי דעמאָלט, געשעפּטשעט סטעפֿאַן איוואַנאָוויטש, און ווידער פּונקט אַזוי ווי נעכטן פֿונעם בייסהאַקיסע, האָט ער זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פֿינגער און אַוועק אַזוי איבער דער גאַס. נאָר ער האָט ניט באַוויזן אָפּגיין קיין צוואַנציק טריט, ווי הינטער אים האָט זיך דערהערט אַ יונג האָפֿערדיק געלעכטער. אַ דערשראָקענער האָט סטעפֿאַן איוואַנאָוויטש זיך צוריק געשטעלט אויף די פּיאַטעס און מיט פּאַכעד זיך אַרומגעקוקט, ס'זײַנען אים נאָכגעלאָפֿן דרײַ אָפּגעריסענע העפֿקערקינדער, מיט שוואַרצע פּענימער ווי די נעגערס, און אַלע זײַנען זיי געגאַן אויף די שפּיץ פֿינגער, פּונקט ווי ער.

— דיאַ־יאַ־דיאַ, מאַך נאָכאַמאָל אַזוי! — האָט אויסגעשריגן איינער פֿון זיי, און געמאַכט אויף די שפּיץ פֿינגער עטלעכע טריט צו סטעפֿאַן איוואַנאָוויטשן:

— ד־יאַ־יאַ־דיאַ, גיי נאָכאַמאָל אַזוי, — האָט נאָכגעזאָגט אַ צווייטער און געמאַכט דאָסזעלבע. דער דריטער האָט אויך אונטערגעהאַלטן זײַנע כאַווײרים, וואָס זײַנען שווײַגנדיק אין אַ שערענגע געשטאַנען אַנקעגן אים און געוואַרט.

סטעפֿאַן איוואַנאָוויטש האָט זיך אומגעקוקט אויף זיי און פֿאַרגליווערט געוואָרן. מ'האָט נאָר געקענט זען, אַז ער שפּירט עפּעס באַזונדערס אופֿמערקזאַם נאָך די קינדער, צי דראָענדיק, צי גוטהערציק, מאָדנע געשוויגן.

— דיאַ־יאַ־דיאַ, מאַך, — האָט ווידער אויסגעשריגן דער עלטסטער.

— שו־או־ו־ו, — האָט מעשוגע אַ רעווע געטאָן סטעפֿאַן איוואַנאָוויטש, די רעגע זיך אָנגעבויגן און געכאַפּט אַ שווערן ציגל. די

קינדער זײַנען זיך צעלאָפֿן און די רעגע ניט געסטײַעט ערגעץ הינטער די פֿאַרקנס.

סטעפֿאַן איוואַנאָוויטש איז געשטאַנען נאָך אַ ווײַל און געשאָלטן; נאָר ניט זעענדיק מער די קינדער, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט ווײַטער. ער איז געווען שטאַרק פֿאַרצאָרנט, ווײַל די אומדערוואַרטע באַגעגעניש האָט אים ביז לעצט צערײַצט און צעשטערט אַלע זײַנע געדאַנקען וועגן היינטיקער זיצונג. אָנשטאָט זיך צו באַרויִקן, איז ער געוואָרן נאָך נערוועזער, און קומען אין אַזאַ צושטאַנד אין טעכניקום האָט אים גאָר ניט געלוינט. דעריבער האָט קוראָטשקע פֿאַרקערעוועט לינקס, אַרומגעגאַן דעם גרויסן פּלאַץ און אַוועק גלײַך צום מאַרק.

— אַלציינס ניטאָ וואָס צו אײַלן זיך, כ'וועל זיך עפּשער אַביסל באַרויִקן, — האָט ער באַשלאָסן. דערנאָך האָט זיך קוראָטשקע קלאָר דערמאָנט אין זײַן לעצטע רעדע אויף דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג, ווי ער איז אַרויסגעטראָטן אַלס פֿאָרזיצער פֿון „קינדער־הילף“־קעמערל. סטעפֿאַן איוואַנאָוויטש האָט זיך דערמאָנט אין זײַן דעמאָלטיקן אומגעווייניכן דערפֿאָלג און זיך אַביסל באַרויִקט.

דער אינדערפֿרי איז געווען איינער פֿון יענע וווּנדערלעכע ערעוו־האַרבסטיקע אינדערפֿריען, ווען דער הימל איז אָן איין וואָלקנדל, אומענדלעך בלוי און טיף, און ווען מע קוקט אין זײַן טיפֿעניש, ווילט זיך לאַכן און וויינען, ווילט זיך הויבן די הענט אַרויף און באַדויערן, וואָס דער מענטש האָט ניט קיין פֿליגל זיך אַ לאָז צו טאָן אין דער צוזיענדיקע, אומענדלעכע בלויקייט. אָבער סטעפֿאַן איוואַנאָוויטש האָט גאָרניט באַמערקט. שוין לאַנג זײַנען פֿאַרשוווּנדן יענע גליקלעכע שאָען, ווען קוראָטשקע האָט געקענט אָנקוועלן פֿון קוינדזשיס „מאַלאָראָסיע־נאַכט“, שוין לאַנג זײַנען אַוועק די טעג, ווען ער פֿלעג אַלע כוידעש ברענגען פֿון מאַרק פֿאַר אַ האַלבן קאַרבּ אַ העל־פֿאַרביקע „נאַטאַלקע־פּאָלטאַווקע“, אָדער „איכאַוו קאָזאַק זאַ דונאַי“, ווי, ניט קוקנדיק אויפֿן XX יאָרהונדערט און צען יאָר רעוואָליוציע, איז, כּוץ די געציאַצקעטע מענטשן, נאָך געווען אָנגעמאָלט צו איין אוקראַיִנישע קרעניצע, צו דרײַ אוקראַיִנישע טאָפּאָליעס, צעבליטע זון־בלומען, אַ שטאָרך בײַ דער כאַטע, וואָס מיט אַ נידעריקן סטריכע־ראַנד און אַ געפֿלאָכטענער פֿאַרקן מיט אַ בענקעלע צום אַריבערקלעטערן. נאָר איז זינט סטעפֿאַן איוואַנאָוויטשן דער קאָפּ דערבײַ, אַז דורכגייענדיק איצט דעם מאַרק האָט ער אַפֿילו גאָרניט ניט געזען; ער האָט אַפֿילו ניט באַמערקט, ווי לעבן אים איז פֿאַמעלעך

דורכגעגאַן אַן אַלטער רומענער מיט אַ פֿאַרביקן פּאָפּוגײַ, און אַפֿילו
ניט געהערט, ווי דער פּאָפּוגײַ האָט ווילד אַרויסגעכריפּעט זײַן „הו־ו וק״
און אַ פּאַטש געטאָן מיט די גרינלעכע פֿליגל, און דאָס האָט סטעפֿאַן
איוואַנאָוויטש שוין גראָד קיינמאָל ניט דורכגעלאָזט. ווען ער פֿלעג נאָר
אַמאָל באַגעגענען דעם רומענער מיטן פּאָפּוגײַ, אַזוי האָט ער אים אָפּ־
געשטעלט, פֿאַרזיכטיק אַרײַנגערוקט אַ פֿינגער אין שטײַגל, און ווײַך,
ווײַך צעצויגן:

— פּאָ־פּאַטש־קאַ, דו־ו־ר־אַק.

— הו־ו־וק, — פֿלעגט ענטפֿערן דער פּאָפּאָגײַ און סטעפֿאַן איוואַנאָ־
וויטש האָט צופֿרידן געשמייכלט און געגאַנגען ווײַטער.

קוראָטשקע איז זיך געגוג אָנגעגאַן אַפֿן מאַרק, און מוירע האָבנדיק
צו פֿאַרשפּעטיקן, האָט ער שוין געוואָלט אַרויסגיין פֿון די געדיכטע
מאַרק־רונדוקעס, — נאָר פּלוצים האָט ער זיך ווידער דערמאָנט אינעם
אינדערפֿרי און אין גלאַפֿירע פֿאָליקאַרפּאָוונע.

— ס׳כיעס וועט מען אַרויסציִען, — האָט ער דערהערט איר ראַכמאָ־
נעסדיק קאָל.

סטעפֿאַן איוואַנאָוויטש האָט מיטאַמאָל זיך דערשראָקן אומגעקוקט,
אָבער דאָס ווײַב ניט דערזען. פֿאַרבײַ אים האָבן געאײַלט דאָרפֿישע
מיידלעך מיט מילך אויף די קאַראָמיסלעס, רירעוודיקע דאָרפֿס־יונגען,
אַלטע באָבעס מיט קאָשיקעס און קרעמערלעך מיט שטעלעכלעך. ער
האָט זיך נאָך צוגעהערט, אַביסל געשטאַנען און ווײַטער געגאַן.

— ס׳כיעס וועט מען אַרויסציִען... — איז ווידער דערפֿלויגן צו אים.

ער האָט פֿאַר פּאַכעד זיך לאָז אַ געטאָן און ווידער שטיין געבליבן,
דערמאָנט האָט זיך דער אינדערפֿרי, קלאָר פֿאָרגעשטעלט, ווי אַזוי
ער איז אופֿגעשפּרונגען פֿונעם בעט און פֿאַר גרויס צעטראָגנקייט אָנ־
געטאָן דאָס העמד קאַפּויר, און ווי גלאַפֿירע פֿאָליקאַרפּאָוונע האָט שטאַרק
דערשראָקן אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט, ווען זי האָט עס דערזען,
און טראַגיש געזאָגט:

— ס׳כיעס וועט מיזן אַרויסציִען...

— בעסער וואָלסטו דאָרט געשוויגן מיטן כיעס דײַנעם... וווּהין
וועל איך איצט גיין? — האָט זיך געקאָכט אויף איר קוראָטשקע, און
ווײַל ער האָט קיין רו ניט געקענט געפֿונען פֿון פֿול טראַכטן, איז ער
אָנשטאָט אין טעכניקום אַוועק הינטערן שטאָט.

די ציצונג פֿון טעכניקום־פֿאַרוואַלטונג איז באַשטימט געווען אָף זעקס אינאָוונט. כּוץ דעם, איז די פֿראַגע וועגן ביבליאָטעק געשטאַנען די לעצטע, און אַזוי ווי סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האָט ניט געהאַפּט צו זעען זיך מיטן דירעקטער, האָט ער דעריבער גענוג צייט געהאַט גיין הינטערן שטאָט, כאָטש אַביסל אָפּרוען. עמעס, ער האָט אַביסל מוירע געהאַט פֿאַר אַזאַ שפּאַציר אײנמיטנדרינען און איבערגעטראַכט:

— מע וועט נאָך מיינען, אַז כ'וויל אַנטלויפֿן,— נעכטן האָט ער וועגן דעם אַ זאָג געטאָן דעם ווייב, ווען סע געקומען צו רייד...

נאָר אַז סטעפּאַן איוואַנאָוויטש איז פֿריער ניט אַנטלאָפֿן, וועט ער איצט, ווען אין עטלעכע שאָ אַרום מוז די פֿראַגע אינגאַנצן קלאָר ווערן, אַוודאי און אַוודאי ניט אַנטלויפֿן... דאָס איז פֿאַר אים קלאָר און, דאַכט זיך, קלאָר פֿאַר יעדערן...

— און עפּשער קומט מיר גאָר קיין טפֿיסע ניט. גאָט ווייסט, אַז כ'בין ניט שולדיק,— האָט אינדערהויך געזאָגט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש און זיך אַרומגעקוקט. ער איז שוין געווען הינטער דער שטאָט, לינקס פֿון אים, ווײַט אין סטעפּ, איז געשטאַנען אַ גרויסער פּאַרק מיט אַביסל שוין פֿאַרגעלטע ביימער־שפּיצן, און הינטער אים, צו דער שטאָט־צו, אַ ברייטער וועג.

— וואָס פֿאַרט עס דאָרט? — האָט מיט אַ הילצערדיק קאָל געזאָגט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש און געבליבן ווי פֿאַרשטיינט. ער האָט זיך שטאַרק אײַנגעקוקט אינעם ווײַטן וועג און קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט פֿון יענעם פּינטל, ווו סע געשטאַנען אַ שטיינערנע געביידע, און הינטער איר האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע שטאָטישע הײַזער. ווען אין דער רעגע וואָלט אהין אַ קוק געטאָן אַ יונגער מענטש מיט אַ גוטער ריִע, וואָלט ער מיסטאַמע באַלד דערקענט, אַז בײַ דער שטיינערנער געבײַדע איז געפֿאָרן אַ רײַטער, און פֿון הינטער זיין פּלייצע האָט זיך געהעצקעט אַ קאַראבין, בײַם זײַט — אַ שווערד. אַ מיליציאָנער איז עס געווען. אינגיכן האָט, ווײַזט אויס, אויך סטעפּאַן איוואַנאָוויטש דערזען ווער סע איז, ווײַל ער האָט ווי אַ איבערגעשראָקענער האָז זיך אַ ריס געטאָן פֿון שליאַך, פֿאַרקערעוועט צום פּאַרק, גיך אַרומגעלאָפֿן דעם געדיכטן, ווייסן מאַסלינעס־בוים, מיט מוירע אומגעקוקט זיך, דערזען, אַז קיינער האָט אים ניט באַמערקט, איז ער מיט אַלע קויכעס אַוועקגעלאָפֿן.

— מ'האָט דערזען... הייסט עס, מע האָט מיר די גאַנצע צייט נאָכגעשפּירט... איצט וועט מען נאָך באַשולדיקן, אַז כ'האָב געוואָלט

אנטלויפן, באהאלטן זיך פון געריכט... הייסט עס, זיי האָבן טאַקע געמאַסערט... ס'האט מיט אים געוואָרפן און ער איז מיט אַלע קויכעס געלאָפן דורכן פּאַרק צו דער שטאָט. אָפּגעלאָפן באַ א קילאָמעטער און זיך שטאַרק איינגעמידט, האט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש געפונען אַ באַשיצט ערטעלע, און זיך צוגעזעצט אביסל איבערכאַפּן דעם אָטעם. זיינע פיס, דאס האַרץ און דער הייסער קאָפּ האָבן געמאנט, געבעטן רו, אָבער דער אָנגעשראָקענער קוראטשקע האט זיך אַלע מאָל אָפּגעריסן פונעם אָרט, צוגעפאלן צו דר'ערד, געבויגן זיך צו די קושטשעס און נאָכגעשפּירט, צי האט מען אים ניט באמערקט, צי יאָגט מען אים ניט נאָך. דער ארום איז געווען שטיל און נאָר פון דער ווייטער שטיינערנער געבייַדע האט זיך פון צייט צו צייט געהערט א שוואַך טופּען פון פערדישע טלאָען. ס'האט באַומרויקט און געצווונגען אָנשפּיצן די אויערן.

סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האט זיך צוגעלייגט אַפן פארגעלטן גראָז, וואס איז געווען צוגעפּלעטשט פונעם ערשטן אומדערוואַרטן פראָסט, און מיטאַמאָל אויפגעשפּרונגען. ערגעץ גאָר נאָענט האָבן זיך דערהערט פאָרזיכטיקע טריט, און קוראָטשקען האט זיך באַלד פאָרגעשטעלט א טראגיש בילד, ווי מע כאַפּט אים. ער האָט זיך ווידער אָנגעבויגן. די טריט האָבן זיך געהערט פון אונטערן געדיכטן ניס־בוים, וועלכער האט פאַרשטעלט דעם אָנקומענדיקן פאַרשוין. אָבער ווען קוראָטשקע האט דערהערט, אַז די טריט דערנעענטערן זיך, האט ער באַשלאסן צו לויפן, אָבער ווען ס'האט שוין גאָר נאָענט, באם קוסט, א שורשע געטאָן, — האט קוראָטשקע זיך באַלד צוגעזעצט, געמאַכט א פּאָנים, אז ער איז שטאַרק פאַרנומען מיט די שנירלעך פון זיינע שיך און זיך אָנגעבויגן. די טריט האבן ווידער א שורשע געטאָן אין טרוקענע בלעטער גאָר נאָענט לעבן קוראָטשקען. צערודערט און שטאַרק איבערגעשראָקן האט ער זיך געבאָברעט מיטן שנירל און מיטן גאנצן געביין צוגעהערט זיך, געוואַרט מיט ציטער, אז אט וועט א קלונג טאָן די שווערד, אַ קנאַק טאָן דער רעוואָלווער, און מע וועט אים באַפעלעריש הייסן — גייט נאָך מיר. אָבער דער פאַרשוין, וואָס איז צוגעקומען און שטיין געבליבן הארט באַ זיינע פיס, האט ווארטנדיק געשוויגן, און ווען סטעפּאַן איוואַנאָוויטש, איבערגעשראָקן אַף טויט, האט קוים אופגעהויבן דעם קאָפּ, האָט יענער שטיל געזאָגט:

— גיט, איך בעט אייך, א פּיטאַקל.

סטעפּאַן איוואַנאָוויטש איז אופגעשפרונגען, באַקוקט דעם בעטלער מיט אַ שטרענגן בליק, און נאָך שטרענגער, מיט סינע געזאָגט:

— די אָרלאָוועך גיב איך ניט! מיר האָבן גענוג אוקראַינישע בעטלער!

— ניין, שוין בעסער אליין! — האט ער געזאָגט, ווען דער אומצופרידענער בעטלער איז פאַרשוואונדן. — בעסער אזוי... וועט קומען אַ גרינגערע שטראָף. — סטעפּאַן איוואַנאָוויטש איז אנשוויגן געוואָרן, זיך פאַרקלערט און אומדערוואַרט ארויסגערעדט:

— נעמענדיק אין אַכט די אָפּנהערציקע כאַראַטע... דערנאָך איז קראָטשקע גיך אופגעשטאַנען, און אַז דאס פערד־שע טופען איז שטיל געוואָרן, איז ער ארויס אַפּן שליאַך.

פון שטאט האבן זיך אומגעקערט די לעצטע, פאַרזאַמטע פויערשע פורלעך, אַ פאָר — א יינגל און א מיידל — האבן זיך געיאָגט אף נייַענקע וועלאָסיפּעדן הינטער דער שטאָט, און הויך, ערגעץ אין אומענדלעכער בלויקייט, האבן געהודעט פּראָפּעלערן, ווי א מאַכנע וווּנדערלעכע בינען.

סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האט שוין פאַרגעסן די צייט, ווען ער איז געווען הינטער דער שטאָט אין אזא מעכטיַעדיקן פאַרנאכט, און קוקנדיק ווי די זון זעצט זיך הינטערן בארג, דערציילן גלאַפּירע פּאָליקאַרפּאָוונען וועגן זיינע ארויסטרעטונגען אף אלגעמיינע פאַרזאַמלונגען.

די ארויסטרעטונגען און די געזעלשאַפטלעכע ארבעט פלעגן זיך באַ אים בינדן מיט דער גוטער האָפענונג אף געהאלט־העכערונג און מיט דעם אויסגעכאָוועטן טרוים וועגן „א אייגן קליינינק־קליינינק שטיבעלע בא דער זיַט פון דער הויפּטשטאָט”, ווי ער פלעג עס אָפּט זאָגן.

סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האט איצט ניט געטראַכט וועגן שטיבל, ער האָט אפילע ניט דערמאָנט זיך אין גלאַפּירא פּאָליקאַרפּאָוונע. נאָר איין געדאנק, אַן אַקשאָנעסדיקער, ווי דאס קלאַפּן פון יאַם אינעם ברעג, און אַן אומרויִקער, ווי דאס קראַקען פון א ראָב, האט אים באַהערשט.

יעדער בוים, יעדער זעמדל, יעדער פעניאָק, יעדער ריר פון דינינקן צווײַגעלע, האט זיך אים געדאכט, טוט אים אף צעפּיקעניש און וואָרנט אים.

ער האט זיך מיט שרעק אַרומגעקוקט, זיך פאַרזיכטיק אָנגעבויגן, קעדיי באַם גיין ניט פאַרטשעפּען קיין צווײַגעלע, געטראָטן פאַמעלעך, מוירע געהאַט זיך א קרום צו טאָן, צוגעקוקט זיך צום שליאַך, באַגלײַך ער וואלט דא געגאנגען צום ערשטן מאָל און דער מינדסטער אָפּנויג פון וועג וואָלט באטיַיט א פּלוצימדיקער סאָף.

נאָר סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האָט געטראַכט ניט נאָר פון דעם. ס'איז באַוווּסט, אַז גרויסע ליידן דערהויבן דעם מענטשנס גײַסט, שטאַרקן זײַן געמיט. קוראָטשקע האָט עס איצט זער דײַטלעך געפילט.

— וואָס גייען מיר אָן די קליינע באַליידיקונגען? — האָט ער געפרעגט זיך אַליין. מ'האָט געלאַכט פון מיר... פאַרשעמט, געזידלט, אָפּטמאָל מיך אינגאַנצן ניט באַמערקט, נאָר וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס אַלץ? וואָס איז עס אין פאַרגלײַך מיט אונדזער אומגליק? און צי וואָלט איך דען ניט אַלץ פאַרגעסן, ווען מע זאָגט מיר:

— ביסט פרײַ, אַלץ וואָס איז געווען ביז איצט, וועט מען דיר מוחל זײַן אויף אייביק, טרעט אַרויס אויף פאַרזאַמלונגען, נעם נאַגרוזקעס, לעב רויִק מיט גלאַפירע פאַליקאַרפּאָווּנע... ביסט פרײַ...

— פרײַ, — האָט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש געזאָגט אויפן קול און פלוצים שטיין געבליבן. אין זײַן מוח האָט איצט אינגאַנצן געהערשט וולאַדימיר קירילאָוויטש טשערעפּאָק, דער דירעקטאָר פון טעכניקום, און אַ פרײדיקער לאַנג-דערוואַרטער שמייכל איז געקומען אויף זײַן אײַנגעמידט פּנים.

— און אפשר... — האָט געזאָגט קוראָטשקע, און מיט האָפענונג אַ נעם געטאָן שפּאַנען, מוירע געהאַט פאַרשפּעטיקן, ניט קומען צו דער צײַט.

IV. קוראָטשקעס לעצטע מינוטן אויף דער פרײַהייט

גיין האָט מען באַדאַרפט ניט ווײַט, און באַם ערשטן ראָג איז סטעפּאַן איוואַנאָוויטש אַרויסגעגאַן אויף דער גוט-באַקאַנטער גאַס און באַלד דערזען דעם קענטלעכן ראָזעווען דאַך פון טעכניקום. דער דאַך האָט זיך אין דער גאַס געהויבן העכער פון אַלע הײַזער, און אים האָבן איבערגעשטײַגט די גאָטישע קופּאַלן פון פּוילישן קלויסטער, וואָס זײַנען לײַכטער פון קיפּאַריסן-קאָנוסן, און שטרענגער פון הוילע פעלזן.

סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האָט אַ צײַט-לאַנג געקוקט אויף די הויכע גאָטישע שפּיצן, און ווידער, ווענדנדיק די אויגן צום ראָזעווען דאַך, האָט ער מיט פּאַכעד געטראַכט:

— אפשר אין אַ שעה אַרום וועל איך אונטער אָט דעם רויִקן ראָזעווען דאַך שוין פאַרברענגען מײַנע לעצטע מינוטן? אפשר וועל איך מער ניט קענען...

סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האָט אומהיימלעך אופגעציטערט, גלייך ער וואָלט אומדערוואַרט צעקוועטשט מיט דער הוילער פּיאַטע אַ גליטשיקן פראָש. קוקנדיק אפן דאַך, האָט ער מיט ווייטיק געזאָגט:

— אָבער צי וועט ער זיך ענדערן כאָטש אַף א האָר? צי וועט דער אַלטער פאַרזשאַווערטער דאַך דערפילן, אז אונטער אים איז א מענטש אומגעקומען? און וואס וועלן דערנאָך טראַכטן פון מיר די מיטגלידער פון אָרטקאָם? וואס וועט דערוף זאָגן מאריא איוואַנאָוונע? — האָט זיך אינדערהויך געפרעגט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי איין מאָל אף א פאַרזאמלונג, ווען ער האָט באַזונדערס דרייסט „קריטי־קירט" די אדמיניסטראַציע, דרייסט אָנגעוויזן, אז דעם לערנפּלאַן פון טעכניקום האָט מען אויסגעפילט ניט אף ניינציק פּראָצענט, ווי ס׳האָט באַשטעטיקט דעם דירעקטערס־פאַרטרעטער, נאָר אף פינף און אַכציק, איז דעמאָלט מאַריא איוואַנאָוונע צוגעגאַנגען צו אים, אָנגעקוועטשט די לינקע האַנט אף איר הויכער ברוסט, און געפרעגט שטילערהייט:

— סטעפּאַן איוואַנאָוויטש, צי דען האָט איר ניט מוירע? זאָגט מיר...

— פאַרשטייט איר מיך, איך שרייב אַביסל, — האָט גאַנץ אָפן געענט־פערט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש און געמאַכט א וויכטיקע מינע.

— הייסט עס, איר מעגט אַלץ און האָט פאַר גאָרניט מוירע? — האָט מאַריע איוואַנאָוונע געפרעגט מיט אָפּשיי.

— כ׳קען דורכטרייַבן ווען כ׳וויל, — האָט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש זיך באַרימט פאַר איר.

ווען ער האָט זיך איצט דערמאָנט אין דעם שמועס, איז אים געוואָרן נאָך שווערער אפן האַרץ. ער האָט געוווסט, אז מאַריא איוואַנאָוונע איז בא זיי אין פאַרוואַלטונג אַ פאָרשטייערן פון ערגעץ און כאָטש זי האָט דאָרט ניט קיין באַשטימונגס־רעכט, פונדעסטוועגן וועט זי עפּשער אַף דער זיצונג קומען, — נאָר באַלד האָט זיך קוראָטשקע דערמאָנט, מיט וועלכן אָפּשיי ס׳האָט זיך באַצויגן מאַריאַ איוואַנאָוונע צו זיינע רעדעס, האָט ער זיך באַרויקט אביסל. דערנאָך דערמאָנט זיך אינעם האַלטן לע־רער פון דייַטש, מיראָן יאַקאָוויטש, וואס פלעג אויך שטענדיק קומען אַף די זיצונגען פון טעכניקום. ער איז אויך, ווי מאַריא איוואַנאָוונע, געשטאַנען אף סטעפּאַן איוואַנאָוויטשעס זייַט, און דערמאָנענדיק זיך איצט אין דעם, איז קוראָטשקע געוואָרן אומרויִק און אַליין ניט געוווסט: צי זאָל ער זיך פרייען, וואס ער האָט גוטע פרייַנט, און זיך רעכטן אף

זייער מיטהילף, צי בעטן גאָט, זיי זאָלן „צוליב וויכטיקע סיבעס״ ניט קומען אַף דער זיצונג און דערמיט פאַרגרינגערן זיינע שמערצן. סטעפאַן איוואַנאָוויטש האָט זיך אויך דערמאָנט זיינע לעצטע שמועסן מיט וולאַדימיר קיריליאָוויטשן וועגן ביבליאָטעק־איניאָנים, און באַמת זיך איצט צו געפינען אין זיי עפּעס גוטס פאַר זיך.

— כאָטש ער איז אַ קאָמוניסט, אָבער ניט אַזאַ ווי די מאַטאַראָשנע. ער איז ווי אַלע מענטשן. ער הערט אויס, גיט אַן אייצע, רעדט אויס דאָס האַרץ... עמעס, אַביסל אַ שטרענגער, אָבער ער איז אַ מענטש, ער וועט מיך פאַרשטיין...

סטעפאַן איוואַנאָוויטש האָט זיך אויך דערמאָנט זייער ביידנס נעכטיקן געשפּרעך, זיין רויִקן טאָן, זיין צוזאָגן הילף, און איז אַביסל פרייליכער געוואָרן. אַ פונקעלע פון האָפענונג האָט זיך אַרויסגעריסן פון אונטערן דיקן פּלאַסט און אַ וואַרעמען שמייכל געטאָן צו קוראָטשקען. סטעפאַן איוואַנאָוויטש האָט געוווּסט, אַז דער דירעקטער איז אַ מענטש מיט פּרינציפּן, אַ פעסטער אין זיינע מיינונגען, און נעכטן, ווען קוראָטשקע (ער וועט עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן) האָט געבעטן וולאַדימיר קיריליאָוויטשן, ער זאָל אים ניט אומברענגען, האָט טשערעפּאַק געזאָגט:

— דער איניען איז ניט ווערט מע זאָל אים צעבלאָזן... מירן ווי עס איז אויסקומען צווישן זיך... האָט קיין יִסורים ניט, סטעפאַן איוואַנאָוויטש,— האָט אים געטרייסט דער דירעקטער.

סטעפאַן איוואַנאָוויטש איז אים שיך ניט געפאַלן צו די פיס, שטאַרק געדאַנקט און אַ צופרידענער אַרויסגעשפּרונגען. נאָר אין קאָרידאָר, ווי סע שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן (אַ פאַרשאָלטענער, קאָרידאָר), האָט ער אָנגעטראָפן גלייך אַף דער כאָוורטע מאַטאַראָשנע. זי האָט עפּעס באַזונדערס פאַרדעכטיק אָדער גרינגשעציק אים אָנגעקוקט, און ווען סטעפאַן איוואַנאָוויטש האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, האָט זי אים נאָכגעיילט, דעריאָגט און ווי מיט וואַרענונג איבערגעפרעגט:

— איר האָט ניט געביטן אייער אַדרעס, כאָווער קוראָטשקאַ? און פון דער פּראַגע, און פון איר קאָלטן „כאָווער קוראַטשקאַ״ איז סטעפאַן איוואַנאָוויטשן פינצטער געוואָרן אין די אויגן און ס׳האַרץ האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט.

— ניין, ניין,— האָט ער איר גיך געענטפערט.— דערזעלבער, דערזעלבער, כאָווערטע מאַטאַראָשנע,— ער האָט באַמת זיך צו שמייכלען, און עפּעס אומפאַרשטענדלעך געמורמלט. זי האָט אים צערייצט אָנגעקוקט,

עפּעס באַזונדערס רעציכעדיק, זי האָט פֿאַרלאָזט דעם שטאַרק־צעטראָגענעם סטעפּאַן איוואַנאָוויטשן אין קאַנצעלאַריע, פֿאַר קאַעס אַ קנאַק געטאָן מיט דער טיר, אַרויסגעפֿלויגן אין קאָרידאָר. קוראַטשקע איז פֿיל פֿון בויגן צוגעשפּרונגען צו דער טיר, דעריאָגט זי, געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער זי האָט זיך שאַרף אויסגעקערעוועט און דעמאָנסטראַטיוו אַוועק גלייך צום דירעקטער.

סטעפּאַן איוואַנאָוויטש, ווי ס׳איז שוין איבן דערמאַנט געווען, איז אַריין אין בייסהאַקיסע און געוואָרט ביזוואַנען זי וועט אַרויסקומען, קעדיי כאָטש עפּעס געוווירע ווערן. די מאַטאַראַשנע איז טאַקע אײַנגיכן אַרויסגעקומען און פֿון דירעקטער אַוועקגעלאָפֿן גלייך צום פּאַרטקע־מערל. קוראַטשקע האָט קלאָר געהערט, ווי זי האָט הויך אויפֿן קאָל גערעדט, דערנאָך אַרויסגעגאַן און שטרענג, אומבעראַכמאַנעסדיק אויסגערופֿן:

— כאַוואַר קאַליוזשני, כאַוואַר קאַליוזשני!..

אויף איר רעווען (אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי רעוועט) איז דורכן קאָרידאָר דורכגעלאָפֿן דער פֿאָרשטייער פֿון די סטודענטן, כאַוואַר קאַליוזשני, און איז אויך פֿאַרשוווּנדן הינטער דער טיר.

סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האָט דעמאָלט אַליין פֿאַר זיך אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל — „איצט איז אַ סאָף” און אויף די שפּיץ פֿינגער אַרויס אויף דער גאַס.

איצט דערמאָנענדיק זיך אין דעם אַלץ, האָט ער שוין קיין גליקלעכן סאָף ניט געקענט דערוואַרטן.

ניט מאַריע איוואַנאָוונעס און מיראָן יאַקאָוויטשעס שטיצע, ניט אַפֿילע דעם דירעקטערס הילף־צוזאָג האָבן געקענט איצט קוראַטשקען געבן די מינדסטע האָפֿענונג. פֿון דער מינוט אָן האָט זיך אַלץ פֿאַר אים באַפֿאַרבט שוואַרץ און דערמאָנט אין טויט.

— קיין ערגערע קליפּע פֿון איר איז אויף דער וועלט ניטאָ, — האָט קוראַטשקע אַ זאָג געטאָן אויפֿן קאָל וועגן מאַטאַראַשנע און געבליבן שטיין בײַ דער סאַמע טיר פֿון טעכניקום. ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ צום שטאָט־זייגער, דערזען, אַז ביז דער זיצונג איז געבליבן נאָר פֿינף און דרײַסיק מינוט, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן צוריק. ער איז דורכגעגאַנגען עטלעכע גאַסן, נאָר ניט פֿאַרקלענערט דעם טראָט און שטאַרק געניטשעטערט עפּעס מיט די אויגן.

— אָט איז ער, — האָט זיך דערפֿרייט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש און פֿאַרקערעוועט צו יענעם שטיוול־פּוצער, וואָס איז געזעסן לעבן לעס

קורבאַסעס טעאַטער אױפֿן ראָג פֿון סומסקער געסל, און װאָס אױף זײַן ברעטעלע איז געשטאַנען מיט גרױסע אותיות: „דאָ איז די גענעראַלע רײניקונג".

— ער, דער פֿראַנצױז, דער שװײצער אָדער דער דײַטש, רײניקט גוט... אונדזערע קענען ניט, און הײַנט איז עפּשער דאָס לעצטע מאָל, — האָט געזאָגט סטעפּאַן איװאַנאָװיטש און שױן אױפֿגעהױבן דעם פֿוס צו שטעלן אים אױפֿן קעסטל.

— הײַנט ניט, — האָט געזאָגט דער פּוצער און העפֿלעך אָפּגערוקט דאָס קעסטל צו דער װאַנט.

— איך בין בײַ אײַך אַ שטענדיקער, — האָט קימאַט געבעטן סטעפּאַן איװאַנאָװיטש און װי פֿאַרשעמט אָדער אַנטױשט אַראָפּגעלאָזט דעם פֿוס.

דער פּוצער האָט גאָרניט געענטפֿערט.

— אײן מאָל אין לעבן בעט איך אײַך ניט אָפּזאָגן! כ'קען זיך הײַנט קײנעם ניט פֿאַרטרױען — האָט געבעטן קוראַטשקע, — קײנעם, איר פֿאַרשטײט?

— ניט! איך באַלד אַװעק! — ניט, — האָט רױִק איבערגעכאַזערט דער אױסלענדער און, קעדײ פּאָטער צו װערן פֿון קוראָטשקען, זיך אױסגעקערעװעט צו דער װאַנט, דערזעענדיק, אַז פֿון טעאַטער איז אַרױס אַ מענטש מיט אַפּישן און מיט קלײ. דער מענטש האָט שטרענג אַראָפּגעריסן פֿון װאַנט די „װײַסע מױל", אָנגעשמירט אַן אַפּישע מיט קלײ און צוגעקלעפּט צו דער װאַנט. סטעפּאַן איװאַנאָװיטש, װאָס איז אין מעשׂך פֿון די עטלעכע רגעס שטיל געװאָרן, האָט באַטראַכט זײַן לאַגע, און באַשליסנדיק בעשומױפֿן ניט אָפּצוטרעטן — האָט ער געהעכערט די שטים און געזאָגט אַנטשלאָסן:

— הערט װאָס איך זאָג אײַך! איך קען הײַנט ניט בײַ קײנעם! אַ „רעשיטעלנע" טאָג, איר פֿאַרשטײט מיך?

אָבער דער פּוצער איז געװען, װײַזט אױס, שטאַרק פֿאַרינטערעסירט, און מיט פֿאַרגעניגן געלײענט די בערעזיל־אַפּישע אױפֿן סעזאָן 1928 — 1929.

— אָטעלאָ... אָטעלאָ שעקספּירס, — האָט ער שטיל אַ מורקע געטאָן.

— כאַװער! — האָט געקרעכצט קוראָטשקע, — כאַװער!

— פּיעסקעס פֿאַרשװערונג אין גענואַ, שילערס — האָט זײער שטיל געמורמלט דער פּוצער.

— כאַװער, ביז איר פּוצט מיר ניט אָפּ, גײ איך ניט אַװעק „רעשיטעלנאָ".

דער פּוצער איז דורכגעלאָפן די אַפּישע ביזן סאָף, און ווי דערמאַנט זיך אין עפּעס, זיך די רעגע אויסגעדרייט, אַ קוק געטאָן אויף סטעפּאַן איוואַנאָוויטשן און אַרויסגערוקט זיין קעסטל, אויסגעקלאַפּט מיט די בערשטלעך זיין באַליבטן טראַ־טאַ־טאַ טראַ־טאַ־טאַ און פאַרגעלייגט קוראָטשקען גיכער שטעלן דעם פוס.

סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האָט זיך דערפרייט, גיך געכאַפּט און אַוועקגעשטעלט דעם פוס.

— רעשיטעלנאָ קיינעם ניט! — האָט ער איילנדיק געזאָגט, — רעשיטעלנאָ, — האָט קוראָטשקע איבערגעכאַזערט, געוואָלט ריידן ווייטער און דערשראָקן זיך פאַרהאַקט. ער האָט עפּעס שטרענג און מוסערדיק זיך אַליין אויסגעוואָרפן, און שטיל, ווי ער וואָלט זיך וועלן פאַרענטפערן, געזאָגט: — „רישוטשע". ווי האָב איך עס פאַרגעסן? — „רישוטשע", — האָט ער ווידער צאָרנדיק געזאָגט...

ווייל סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האָט פּרינציפּיעל און קיינמאָל ניט באַנוצט די „רוסישע" שפּראַך, און ווו סע זאָל אים ניט געווען אויסקומען ריידן, אַרויסטרעטן אָדער דערציילן, איז ער אַרויסגעטראָטן נאָר אויף אוקראַיניש, פּרינציפּיעל.

דעריבער באַנוצנדיק איצט דאָס רוסישע וואָרט „רעשיטעלנאָ", האָט ער זיך ניט געקענט מוחל זיין דעם גרויסן פאַרברעכן, זיך געמוטערט און געסטאַרעט אומבאַדינגט געפינען אַ פאַרענטפערונג.

— כ'בין געווען צערודערט. צערודערט זיך... — האָט ער געטראַכט. אָבער סטעפּאַן איוואַנאָוויטש איז געווען אַ מענטש אַ באַוווסטזיניקער, האָט ער באַלד אָפּגעוואָרפן דעם טערעץ און טייקעף געפונען די ריכטיקע סיבה.

— סע געווען אומיסטן, — האָט ער געזאָגט. — זיכער אומיסטן — האָט קוראָטשקע באַרויקט זיך אַליין, און ניט גלויבן האָט מען ניט געקענט. דער פּוצער האָט אים דערפירט ביז פאַרצווייפלונג, האָט ער ניט אָפּגעטראָטן און באַשלאָסן דערשלאָגן זיך זיינס. זעענדיק דעם פּוצערס קאַלטבלוטיקייט, האָט ער זיך געוואָרפן אויף דער לעצטער אַפּערע, פּאָשעט אויף אַ פאַרברעכן, און געזאָגט דאָן ס'וואָרט „רעשיטעלנאָ" נאָר צוליב דעם, אַז דער טרוקענער, האַרטער מענטש זאָל סאָפּקאָלסאָף פאַרשטיין ווי וויכטיק און נויטיק ס'איז אים היינט צו פּוצן די שיך.

שטייענדיק איצט אויף איין פוס, האָט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש געקוקט איבערן פּוצערס קאָפּ און שטאַרק אופמערקזאַם געלייענט די אַפּישע. ער

האָט דורכגעבליקט עטלעכע מאָל פֿון אויבן ביז אַראָפּ און אומפּאַרשטענדלעך, פֿאַרזאָרגט איבערגעציילט: — שעקספּיר, שילער, גיוגאָ, מערימע, „שילער", גאָליאַ, סוליוואַן, מאָהעם, י. דנעפּראָווסקי, ט. שעווטשענקאָ, — ער האָט אַרויסגעצויגן ביידע הענט פֿון די קעשענעס און ווידער צוגעזאָגט צו דער אַפֿישע. און ווען סטעפֿאַן איוואַנאָוויטש האָט ווידער ביזן סאָף דורכגעקוקט, האָט ער טייקעף צוגעטראָגן ביידע הענט צום פּנים און ניט אַראָפּלאָזנדיק פֿון דער אַפֿישע קיין אויג, האָט ער אָנגעהויבן ציילן פֿינגער נאָך פֿינגער...

— אַכט און דריי... — איז אופֿגערעגט געוואָרן סטעפֿאַן איוואַנאָוויטש, מוסערדיק, פֿילבאַדײַטנדיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף דער אַפֿישע, און פֿאַרומערט, ווי ער וואָלט זיך געווענדט צום פּוצער, געזאָגט:

— וואָס זשע איז עס פֿאַר א טעאַטער?.. דרײַ אוקראַינישע פּיעסעס: „זשאָקעריא"... אָטעלאָ... און ווו איז ערגעץ „זאַלאָטע טשערעווואָ". — האָט ער פֿאַרענדיקט מיט עפּעס א באַזונדערער סינע.

דער פּוצער האָט באַמערקט קוראָטשקעס אומרויִקייט, עטלעכע מאָל א קוק געטאָן אויף אים, באַמיט זיך צופֿאַרשטיין אין וואָס דאָ גייט, א רײַב געטאָן צום לעצטן מאָל דעם שוך, אופֿגעהויבן דעם קאָפּ צו סטעפֿאַן איוואַנאָוויטשן און צופֿרידן געזאָגט:

— גוט. זייער גוט... רוסקי כאַראָש! רוסקי מאָלאָדעץ! — האָט דער פּוצער רעזיומירט קוראָטשקעס שטימונג. און וואָלט דער פּוצער געווען ווי עס קער צו זיין אינפֿאָרמירט וועגן דער אוקראַינישער נאַציע, און כאָטש אביסל באַקי געווען אין דער הײַנטיקער אוקראַינישער ליטעראַטור, וואָלט ער עפּשער געהאַט אן אַנדער מיינונג און וואָלט בעשוםאופֿן ניט געגלויבט גריגאָרי קאָסינקע, וואָס באַשטעטיקט, אַז די העלפֿט פֿון דער אוקראַינישער נאַציע קלאָמערשט באַשטייט פֿון דיכטער און דראַמעמאַכערס.

זוכנדיק געלט צו באַצאָלן דעם פּוצער, האָט סטעפֿאַן איוואַנאָוויטש זיך לאַנג געפּאָרעט אין קעשענע. ער האָט געשאַרט, גאָרניט געפֿונען און אָנגעהויבן שוין איבערצוטראַכטן. זיין פֿריילעכע שטימונג און די זיכערקייט, אַז דאָס אײַנגעגעבענע שוך־פּוצן איז א סימען אויף א גליקלעכן סאָף פֿון דער זיצונג, איז פּאַמעלעכן צעפֿלויגן געוואָרן. דאָס, וואָס דער פּיאַטאַק, וועלכן ער האָט אינדערפֿרי אַרײַנגעלייגט אין קעשענע, איז ניטאָ אַפֿן אָרט, איז א שלעכטער סימען. אָבער קוראָטשקע האָט ניט נאָכגעגעבן,

ער האט איבערגעקערט די לעצטע קעשענע, כשאָדיק געטאַפּט יענע, וואס האבן זיך ניט געוואָלט איבערקערן, און פאַרכידעשט געהויבן די אַקסל.

— נו, ווען וואָלט עס איינגעפאַלן? וואס הייסט עס, כ׳האב פאַרגעסן? — האט ער לעסאָף געזאָגט, אַרויסגענומען פונעם טייסטער אַ גרויסן קופּערנעם פּיאַטאַק, אָפּגעגעבן דעם פוצער, מיט פרייד און האָפענונג געשטעלט זיך אַפן ברוקיר און גיך אוועק מיט דער גאַס.

דער פוצער האט אים פאַרכידעשט נאָכגעקוקט, פאַרוואָרפן איבערן אַקסל זיין קעסטל און אויך אַוועק.

ביז דער זיצונג איז נאָך געווען א מין פערטל שאָ, און פאַרשפּעטיקן איז גאָרניט געווען אין זיינע אינטערעסן. דאס האט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש זייער גוט געוווסט. פונדעסטוועגן קומען פריער האט זיך אים אויך ניט געגלוסט.

— מע וועט נאָך מיינען, אַז כ׳האב עפּעס מוירע, אָדער כ׳בין אופגערעגט, — און סטעפּאַן איוואַנאוויטש האָט זיך דערשראָקן אומגעקוקט, אָבער ער האט ניט באַמערקט ארום זיך ניט קיין באקענטן און ניט עפּעס אומגעוויינלעכס. אַלץ איז געווען ווי שטענדיק: די גאַסן זיינען צו ענג פאַרן רירעוודיקן מענטשן־שטראָם, די אַוטאָס האבן געיאגט מיט א ניטדערלאָזבארער גיכקייט, ניט קוקנדיק אף אלע געזעצן פון קאָמוירט, און קעגן ווילן פון די פּאַסאַזשירן האט פּאַמעלעכן זיך גערוקט דער נייַעקער טאַקסי.

אף די ראָגן זיינען געשטאנען מיליציאָנערן, איינגעמידט פון גשטאָטישן טאראַראם, און הויבנדיק די הענט, פון מאָל צו מאָל רעגולירט די באַוועגונג. יאַטלעך האבן איינס נאָכן אַנדערן הילכיק אויסגעשריגן „וועטשערניע ראַדיאָ” און געשווינדער פון אַוטאָס דורכגעלאָפן די שמאָלע ליבקנעכט - גאס. אף דער עלעקטראָסטאַנציע האט נאָך אַלץ געהאָרעוועט מיט ביטערן שווייס די „טורטשאַנקע” און די האַלבמיליאָניקע שטאָט איז יעדן אָוונט געבליבן עטלעכע שאָ אין פינצטערניש. מיט איין וואָרט, דאס איז געווען א שטראָם פון פאַרשיידנארטיקע מענטשלעכע פיגורן, שוואַרצע אַוטאָמאָבילן־קערפּערס, יונגע שטימען, און אוטאָ־סירענען און מיליציאָנערישע פייַפלעך, צעשפּארנדיק דעם שמאָלן שטיינערנעם קאָרידאר, האט דער שטראָם געיאָגט אין אלע זייַטן, אומצופרידן געבריזט, און פאַקנדיק די נאָענטסטע זייַטיקע געסלעך, פּאַמעלעכן אָפּגעשוואַכט געוואָרן. האט עס דעריבער סטעפּאַן איוואַנאָוויטשן ניט באַזונ־

דערס געכידעשט, און גיך, קעדיי ניט פֿאַרשפעטיקן, אַוועקגעלאָזט זיך צום טעכניקום, און דאס זיינען געווען שוין די לעצטע רעגעס, ווען סטעפֿאַן איוואנאָוויטש האט געקענט זאָגן זיין באַליבט וואָרט:

— „איך, קוראָטשקע, סטעפֿאַן איוואַנאוויטש געהער נאר זיך אליין און טו נאָר דאס, וואס איז מיר צום האַרצן". אין א שאָ אַרום, עפשער אפילע אין עטלעכע מינוט אַרום, וועט קוראָטשקע שטיין אויג אף אויג מיט דער געפאר, און כאטש ער האט זיך ביכלאַל ניט אנערקענט פֿאַר שולדיק, איז ער דאָך געווען זיכער, אפילע מער ווי זיכער, אז דאָ קומט זיין סאָף.

מיט יעדן טריט, וואס קוראָטשקע האט זיך דערנעענטערט צום טעכניקום, איז געוואַקסן זיין אומרו, און די געדאַנקען זיינען געוואָרן אַלץ שווערער און צערודערטער. זיין געשטאלט האט זיך געזעצט, געהויקערט און אלץ קלענער געווארן, די באַוועגונגען און טריט אלץ דריבנער, און אלץ נידעריקער איז געפאלן זיין קאָפּ. נאר סטעפֿאַן איוואַנאוויטש איז געגאַן פֿאָרויס.

פֿאַרלאָזנדיק דעם לעצטן טריט פֿרייע סאָוועטישע ערד, איז ער ארוף אפן גאנעק פון טעכניקום און זיך מיטאמאָל איינגאַנצן געביטן. זיין אויסזען האט איצט דערמאָנט אן אָדלער, וואָס א מעכטיקער שטורעם האט אים פֿאַרכאפט ווייט פון זיינע בערג און מוז זיך אונטערגעבן און פאלן אַן אומווירדיקער אף דער ערד.

אריינגעקומען אין קאַנצעליאריע, האט זיך סטעפֿאַן איוואנאָוויטש אומזיכער אָפּגעשטעלט באם הענגער, און באמיט זיך צו זיין רויִק, ער האט זיך אַרומגעקוקט מיט אַזאַ בליק, אין וועלכן א געניטער מענטש וואלט געקענט אויסלייענען אלע זיינע געדאַנקען און פלענער. אין קאַנצעליאַריע איז קיינער ניט געווען, האט זיך קוראָטשקע צוגעיילט, מוירע געהאט צו פֿאַרשפעטיקן צו דער זיצונג. ער האט זיך פֿאָרגעשטעלט, אז די זיצונג האט זיך מיסטאם שוין אָנגעהויבן און גענומען אפדערגיך צוצוקלערן, וואס פאר א טערעץ קען ער זאָגן וועגן זיין פארשפעטיקן. אָבער זיינע געדאַנקען האבן זיך שווער געפלאָנטערט איינער אין צווייטן און קעגן זיין ווילן פארהאלטן אים אין קאַנצעליאריע.

— דאס ווייב איז קראנק געוואָרן, — האט ער לעסאָף א שעפטשע געטאן, געעפנט די טיר צום קאָרידאר און מיטאַמאל דערשראקן, גלייך ווי עמעץ וואלט אים א זעץ געטאָן אין האַרצן, איז ער אָפּגעשפרונגען צוריק.

— א, איר זײַנט טאַקע געקומען, כאַוועו קוראָטשקע,— האָט אים באַגעגנט א קאַלטע פרויען־שטים.

פון דער טיר איז גיך אַרויס די כאַווערטע מאָטאַראַשנע און שיר ניט אים אומגעוואָרפן פון די פיס.

זי האָט אײַלנדיק א כאַפּ געטאָן פון טיש א גרויסן בויגן פּאַפּיר און צוגעלאָפן צו קוראָטשקען, קימאַט באַפּוילן:

— צעשרײַבט זיך, אז מ׳האָט אײַך צווויסן געטאָן... אָט־דאָ, אָט־דאָ. שרײַבט קלאָר אײַער נאָמען,— האָט שטרענג געזאָגט די כאַווערטע מאָטאַראַשנע. און ווען קוראָטשקע האָט זיך צעשריבן, האָט זי גוט פאַרוויקלט דעם בויגן פּאַפּיר און גיך אוועק.

— שוין אוועקגעלאָפן זאָגן... הייסט עס, הײַנט מאַכט מען א סאַך צו מיר,— האָט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש מיט ווײַטיק א קרעכץ געטאָן און קוים זיך נאָכגעשלעפּט נאָך איר.

אין האַלב פינצטערן קאָרידאָר איז שוין קיינער ניט געווען און נאָר אין לעצטן צימער האָט זיך געזען שײַן.

קוראָטשקע האָט געטרעטן פאָרזיכטיק און צו זײַנע אָנגעשפּיצטע אויערן זײַנען דערפלויגן פון ערגעץ אַסאַך פאַרשטיקטע שטימען, אָדער א הילכיק און דראָענדיק געלעכטער.

סטעפּאַן איוואַנאָוויטש איז דורכגעגאַן נאָך עטלעכע טריט און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז די שטימען מיטן געלעכטער קומען פונעם פאַרטײַקעמערל־צימער און אז צווישן זיי איז אויך דאָ מאָטאַראַשנעס שטים. ער האָט געמאַכט קלענערע שפּאַן און אויסגלײַכנדיק זיך מיטן צימער האָט ער קעגן זײַן ווילן געשטעלט זיך אף די שפּיץ פינגער און געבליבן שטיין. נאָר די טיר האָט זיך פּלוצים אַן עפן געטאָן און שיר ניט אים אומגעוואָרפן.

די ערשטע איז פון דער טיר קימאַט ארויסגעפלויגן די כאַווערטע מאָטאַראַשנע, און נאָך איר זײַנען פאַמעלעכער אַרויס — „דער פאַרטרעטער פון דירעקטער", דער געזאַנג־לערער, און דער לעצטער איז אַרויס דער פאָרשטייער פון די סטודענטן, כאַווער קאַליוזשני. ער האָט דורכגעלאָזט זײַנע כאַווירים און, אויסגלײַכנדיק זיך מיט סטעפּאַן איוואַנאָוויטשן, געפרעגט:

— נו, ווי פילט איר זיך, כאַווער קוראָטשקע? האַ?

סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האָט זייער שטאַרק געקוקט אף יענע, וואָס זײַנען אַוועק מיט דער מאָטאַראַשנע און אפילע ניט געהערט די ערשטע פראַגע.

— נו, ווי פילט איר זיך היינט? — האט דער סטודענט איבערגעכאַזערט און אוועק אָניאָגן זייניקע.

— „ני... נישקאָשע" — האט געוואָלט און ניט געקענט אויסריידן סטעפאַן איוואַנאָוויטש. ער האט זיך פארהאקט, געערגערט זיך, און ווען ס'איז אים קלאָר געוואָרן, אז דאס האט מאָטאראשנע איצט זיכער אַגיטירט איר גאנצע „פאַרטיי" קעגן אים, האט ער שוין געוואָלט פאַרקערעווען צוריק, נאר פון צווייטן עק קאָרידאָר האט ער דערהערט א באַקענטע שטים:

— סטעפאן איוואַנאָוויטש, אייך דארפן מיר טאקע...

קוראָטשקע האט באַלד דערקענט דעם דירעקטער און פארגעסנדיק אין אלץ, מיט אלע קויכעס זיך געלאָזט לויפן צו אים.

V. וואס האט געטראַכט קוראָטשקע, גייענדיק פון דער זיצונג

סטעפאַן איוואַנאָוויטש איז אריין אין צימער גלייך נאָכן דירעקטער, גיך ארומגעקוקט דעם אוילעם, פאָרזיכטיק אויסגעמיטן די כאַווערטע מאָטאראשנע און געזעצט זיך עטוואס ווייטער, לעבן מאריע איוואַנאָוונע. ווען יענע האט אים דערזען, האט זי, ווי שטענדיק, פריינטלעך א שמייכל געטאָן און עטוואס אופגעהויבן, זיך אים דורכצולאָזן. דערפון האט זיך איר גאנצער פולער קערפער פריער א שווערן וויג געטאָן, לויז צעבויטעט זיך און ווידער פאַרנומען דעם גאנצן שטול, ווי טייג אין א שיסל. ווייטער פון איר איז געזעסן מיראָן יאקאָוויטש. ער האט מיט גארניט ניט ארויסגעוויזן זיין שטימונג, און, ווי געוויינלעך, מיט צוויי פינגער געדרייט דעם שפיץ באָרד, וואס האט גארניט אויסגעזען דייטשיש, געדרייט אים אומאופהער און פלייסיק געריבן. קוקנדיק אף אים, האט מען געקענט מיינען, אז דער מענטש איז היינט עפעס נערוועז, נאר ער איז געווען ווי שטענדיק אין צושטאנד פון זיסער רויִקייט.

ניט מיטן בליק, ניט מיט די באַוועגונגען האט סטעפאַן איוואַנאָוויטש אַרויסגעוויזן עפעס אויסערגעוויינלעכס און נאָר אָפט צוגעטראָגן צום מויל דעם גרויסן פינגער פון זיין רעכטער האנט און איינגעשפארט געביסן דעם נאָגל. א טעווע, פאַרשטייט זיך, ניט אַזאַ גוטע, נאר נעמענדיק אין אַכט, אז אין ביטערע מאָמענטן פון נערוועזער אָנשטרענגונג האט זיך אַפילע דער דרייסטער ראָבאָספיער באַנוצט דערמיט — האט קוראָטשקע שוין

מער ניט אָפּגעריסן די האַנט פון די ציין. צוערשט האָט ער פּאַשעט געביסן דעם נאָגל מיט די פֿעדערשטע ציין, דערנאָך האָט עס אים, ווייַזט אויס, מער ניט צופֿרידן געשטעלט; האָט ער אים געפּרוּווט אַרייַנשפּאַרן צווישן צוויי ציין, געזוכט שפּעלטעקלעך פון די פֿעדערשטע ביז די באַקציין, נאָר דער נאָגל פֿלעג פֿאַרפֿאָרן טיפֿער, אַ שניט טאָן, האָט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש אַוועקגעכאַפּט די האַנט און גיך געפֿינגלט מיט די פֿאַרטרערטע אויגנלעפֿלעך.

— לאָמיר אָנהויבן, — האָט שטיל געזאָגט וולאַדימיר קירילאָוויטש און געזעצט זיך אויף זייַן שטול. ער האָט גלאַט אַזוי אַרייַנגעקוקט אין צוויי שופֿלעדלעך פון זייַן גרויסן טיש און, ווייַזט אויס, גאָרניט ניט דערזען דאָרט, האָט ער רויִק גענומען בײַ מאַטאַראַשנען דעם בויגן פּאַפּיר. און ווען אַלע, ווי אָפּגערעדט, האָבן זיך אויסגעהוסט, האָט וולאַדימיר קירילאָוויטש שטיל געזאָגט:

— דער טאָג־סיידער... דערנאָך האָט ער ניט אײַלנדיק אויסגערעכנט די פֿראַגן, וואָס מ'האָט זיי באַדאַרפֿט באַהאַנדלען אויף דער הייַנטיקער זיצונג, און גלייַך ווי אומיסטן אונטערגעשטראָכן:

— די פֿראַגע וועגן ביבליאָטעק...

סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האָט מיט מוירע זיך אַ הויב געטאָן פון בענקל, נאָר דערזען, אַז אַלע האָבן עס באַמערקט, האָט ער זיך ווידער באַהערשט און זיך שווער אַוועקגעזעצט. אין קאָפּ איז אים דורך אַן אומרויִקער געדאַנק וועגן די הייַנטיקע כאַלומעס. ער האָט שטאַרק מוירע געהאַט, אַז מאַטאַראַשנע זאָל ניט איבערציִען אויף איר זייַט דעם דירעקטער וולאַדימיר קירילאָוויטשן, זייַן געדאַנק האָט זיך איבערגעטראָגן צו דער באַיאָרטער, אייַנגעהויקערטער מאַטאַראַשנע און אָפּגעשטעלט זיך בײַ איר. אָבער ניט וולאַדימיר קירילאָוויטש, וואָס איז געזעסן אינמיטן באַם טיש, ניט מאַטאַראַשנע, ניט דעם דירעקטערס פּאָרטרעטער, קיינער האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין שום אויסערגעוויינלעכס.

ניט קיין קלוימערשטע שטרענגקייט, וואָס טרעפֿט זיך אָפּט אין אַזעלכע פֿאַלן, ניט קיין דראָענדיקע בליקן, גאָרניט האָט ניט אויפֿגעדעקט זייערע געדאַנקען און ניט אויסגעגעבן זייערע פּלענער.

אָבער סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האָט פֿאָרט עפּעס באַמערקט. ער האָט געהאַט אַ באַזונדער פֿעיִקייט באַמערקן דאָס, וואָס אַנדערע וואָלט גאָרניט אייַנגעפֿאַלן. קוראָטשקע האָט געקענט דערפֿילן די מינדסטע אָנצוהערעניש, ווען קיינעם איז עס אַפֿילע אינזינען ניט געלעגן. און ער האָט גוט

פאַרשטאַנען, אַז דעם געזאַנג־לערערס שמועס מיטן סטודענטן־פאָרשטייער, כאַווער קאַליוזשני, האָט געוויס אַ שייַכעס צו אים. און דאָס, וואָס וולאַדימיר קירילאָוויטש צוּט די ברעמען און כאַפּט זיך באַם קאָפּ, איז עס אויך נאָר וועגן זיין אייניען. קוראָטשקע האָט קלאָר דערזען און דערפילט, ווי מאָטראָשנע האָט מיטאַמאָל צעריסן אַ שטיק פאַפּיר און שטרענג אַ קוק געטאָן אין זיין זייַט אַריין; ער האָט דערזען, ווי מאַריאַ איוואַנאָוונע האָט מיטפילנדיק אַ קרעטשקע געטאָן און אַוועקגעלייגט די האַנט אַף איר הויכער ברוסט. סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האָט, מיט אומרו און האַס צו זיין וויסטן גוירל, פאַרפּיקסירט, אַז כאַווערטע מאָטראָשנע האָט דערלאַנגט קאַליוזשנין אַ בויגן פּאַפּיר מיט אַ בלייַער, און ווי יענער, וואַרפנדיק בליקן אַף אים, האָט איצט מיט אַ צו שטרענגן אויסזען געשריבן די רעזאָליוציע. און דאָס האָט ווידער איידעס געזאָגט, אַז זיי האָבן אַלע געמאַכט איין האַנט קעגן אים, און אַז קאַליוזשני האָט איצט געשריבן די רעזאָליוציע זיכער קעגן אים.

— מיר הייבן אָן, — האָט ווידער געזאָגט וולאַדימיר קירילאָוויטש און איבערגעגעבן דאָס וואָרט זיין פאַרטרעטער. יענער האָט פּאַמעלעכן צעלייגט פּאַפּירן און נאָך פּאַמעלעכער אָנגעהויבן אַ לאַנגן פאַרטראָג וועגן די רעזולטאַטן פונעם לערניאָר און לערן־פּלענער אַפן קומענדיקן יאָר. ס'האָט אויסגעזען, אַז קיינער הערט אים ניט. דער כאַווער קאַליוזשני האָט אין ווינקל אַפן קאָל גערעדט מיטן געזאַנג־לערער, מאַריאַ איוואַנאָוונע האָט אָפּט צוגעבויגן זיך צו סטעפּאַן איוואַנאָוויטשן, געסאָפּעט און געקרעטשקעט, און קוראָטשקע אַליין האָט אוואַדע ניט געקענט זיין קיין צוהערער.

סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האָט ניט געהערט וועגן וואָס סע רעדט דער פאַרטרעטער, און שטאַרק אַכטונג געגעבן אַף די מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג, באַמיענדיק זיך ניט דורכצולאָזן קיין קלענסטע ענדערונג אין זייער שטימונג. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אויך זיי הערן ניט דעם פאַרטראַג, און וואַרטנדיק אַף דער ביבליאָטעק־פראַגע, שפּירן זיי נאָך קוראָטשקעס מינדסטן ריר. קוראָטשקע האָט עס גוט געוווּסט און ווירדיק געהאַלטן זיך, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מענטשן מיט אַזאַ געזעלשאַפטלעכן פּאַרנעם.

— זאָל מען זיך מיינען וואָס מע וויל, — האָט געטראַכט קוראָטשקע, — איך קען זיך איצט פאַרלאָזן נאָר אַף זיך.

— פאַרלאָז זיך צַף גאָט — האָט אים ווידער ווי עפּעס אַ שושקע געטאָן פונהינטן. ער האָט זיך איבערגעשראָקן, דערמאָנט זיך אינעם

פרימאָרגן, אומרויִק זיך א ריגעווע געטאָן אפן בענקל און זיך אומגעקוקט. ער האט ווידער ווי דערהערט גלאַפּירא פּאָליקאַרפּאָוונעס צארטע, עטוואס ווייטיקדיקע שטים, און גלייך ווי אירע טריט וואָלטן זיך דערהערט אַטהער פון קאָרידאָר.

— דאס קען ניט זיין! — האט קוראָטשקע געזאָגט אפן קאָל און גאָר פאַרגעסן אין די אַרומיקע. — זי וואָלט זיך דען דערוועגט? — האט ער פארכידעשט געפרעגט זיך אַליין.

דער פּאָרטרעגער איז ענדלעך אנשוויגן געוואָרן און סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האט באַמערקט, אז אלע האבן פאַרכידעשט אָפּגעווענדט די בליקן פון דער טיר צו אים.

ער האט זיכער געוווּסט, אז גלאַפּירא פּאָליקאַרפּאָוונע קען אַטהער ניט קומען. ווען ער וואָלט זי דאָ אפילע דערזען, וואָלט ער זיך אויך ניט געגלויבט. ווער וואָלט געקענט גלויבן, אז די פּערציקיאָריקע פרוי, וואס איז איר לעבנלאנג געגאַן נאר אַפן מאַרק און איין מאָל אין וואָך אין קלויסטער, וואלט געקענט עפענען די טיר פון דירעקטערס קאַבינעט, און נאָך בעייס א זיצונג. ס'האט ניט געקענט זיין! — דאס האט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש גוט געוווּסט און ווען די טריט עמעצנס אין קאָרידאר זיינען שטיל געוואָרן, האט ער גלייך פאַרגעסן אין גלאַפּיראַ פּאָליקאַרפּאָוונע און אָנגעשטרענגט געוואָרט וואס וועט ווייטער זיין.

ווי ס'האט זיך איצט אַרויסגעוויזן, איז דער פּאָרטראַג געווען געענדיקט און ס'האט זיך אָנגעהויבן איינע פון יענע אינהאלטסלאָזע ארומרעדענישן, וואס זייער איינציקער ציל איז: אָרגאניזירטע צייט־פאַרשווענדונג. סטעפּאַן איוואנאָוויטש האט ניט געדענקט ווער ס'האט גערעדט דער ערשטער, וועגן וואס דער צווייטער, מיט וואס ער האט מאַסקים געווען און אף וואס ס'האט ניט איינגעשטימט דער דריטער פון די רעדנערס. נאר ווען פון ווינקל האט אַ בורטשע געטאָן כאוער קאַליוזשניס קאָל, האט קוראָטשקע אָנגעשטעלט די אויערן און אויסגעדרייט זיך צו אים מיטן גאנצן קערפּער.

קאַליוזשני האט זיך פּאַמעלעך אופגעהויבן און מאַנירלעך צורעכטגעמאַכט דעם קאָלנער פון יענעם געוויסן בלויען העמדל, וואס אייניקע קאָמוניסטקעס־אינטעליגענטקעס טראגן עס ווי א צוגאב צום קליידל און ווי א מיטל צו ווערן ענלעכער און נעענטער צו אַרבעטער.

קאַליוזשני האט גערעדט קורץ (וואס סע טרעפט זיך זעלטן מיט שלעכטע רעדנערס) און זיין רעדע פאַרענדיקט אַזוי:

— מיר דאַכט, כאַווייריםֿ, אַז דאָס ערשטע, וואס מיר קענען פּראַקטיש טאָן צו פאַרבעסערן דעם שטייגערלעבן פון דער סטודענטנשאַפט, איז דאס פאַרגרעסערן די וווין־מעגלעכקייט. ווי ס׳איז ניט מאָדנע... עפשער וועט עס גאָר אייניקע פאַרכידעשן... עפשער מיך שלעכט פאַרשטיין...

ער האט זיך אביסל פאַרהאַקט, געטראַכט א ווײַל און דערנאָך אנטשלאָסן פאַרענדיקט:

— דער גרעסטער אומגליק איז בײַ אונדז דאס, וואס די כאַסענעגעהאַטע לעבן ניט אייניינעם. נעמט, אַשטייגער, די אַרבפאַקאָווצעס... לערנען קומט אויס אַ יאָר זיבן, און פון אַזאַ לעבן ווערט מען נאָר דענערווירט. וועגן דעם, זײַט וויסן, טראַכטן אלע אַזוי.

וולאַדימיר קירילאָוויטש האט לײַכט א שמייכל געטאָן און איבערגענומען דאָס גלעקל פון דער רעכטער אין דער לינקער האנט.

— וועט זיין ווייניקער אַבאָרטן,— האָט געזאָגט אַביסל ציניש מאָטאַראָשנע און גלײַכגילטיק אָנגעבויגן זיך צום פּראָטאָקאָל.

— א מאָדנער מענטש,— האט איר געענטפערט קאַליוזשני.— דאָ ווינען דאָך ניט קיין מאָנאַכן. איר...

וולאדימיר קירילאָוויטש האט אומצופרידן פאַרצויגן די ברעמען און לײַכט, אלס פּראָטעסט, א קלונג געטאָן אין גלעקל. אלע האבן מיט אים איינגעשטימט און אַפילע סטעפאַן איוואַנאָוויטש אויך.

קאַליוזשני האט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר אונטערגעגעבן זיך דער אַלגעמיינער שטימונג און אַנשוויגן געוואָרן.

באַנוצנדיק זיך דערמיט, וואס אַלע שווײַגן, האט קוראָטשקע אָנגעבויגן זיך נאָענט צו מאַריא איוואַנאַוונע און שטיל א מורמל געטאָן:

— מ׳האט שוין געמעלדעט וועגן מיר אין גע־פּע־ו...

מיט מאריע איוואַנאָוונע האט א וואָרף געטאָן. זי האט ארופגעלייגט די פּוכקע האנט אַף די הויכע ברוסטן און זיך צוריקגעבויגן צום אָנלען.

— וואָס רעדט איר? אַן עמעס? — האט געפרעגט איר גאַנצער געשטאלט.

— מאָטאראָשנע,— האט שטיל צוגעגעבן סטעפאַן איוואַנאוויטש.— און קאַליוזשני האט שוין אָנגעשריבן די רעזאָליוציע קעגן מיר. אָט נאָר וואס.— סטעפאַן איוואַנאָוויטש האט אָפּגעזיפצט.

מאריא איוואַנאָוונע האט מיטפילנדיק א קוק געטאָן אַף אים און ווידער אויסגעגלײַכט זיך. זי האט אופמערקזאַם, מיט פאַראַכטונג געמאסטן

די מאָטאָראָשנע מיטן בליק, דערנאָך א קוק געטאָן אַף קאַליוזשנין און פלוצים צוגעבויגן זיך צו מיראָן יאַקאָוויטשן.

— מ'האט געמעלדעט וועגן סטעפאַן איוואַנאָוויטשן אין גע־פע־ו... מאָטאַראָשנע... קאַליוזשני...

מיראָן יאַקאָוויטש האָט פאַרכידעשט, צי פאַר שרעק גענומען פינטלען מיט די געלע וויעס און נאָך מער ציפן דאס בערדל. ער האט נאָך עפּעס איבערגעפרעגט באַ מאַריאַ איוואַנאָוונע. און ווען יענע האט אומבאמערקט פון אים זיך אָפּגעדרייט, האט מיראָן יאקאָוויטש צוגעבויגן זיך צום ווירטשאַפטס־פאַרוואַלטער.

— אין גע־פע־ו געמעלדעט,— האט ער אים שטיל געשושקעט. דער ווירטשאַפטס־פאַרוואַלטער, א מענטש אַ פראַקטישער און אַ „מאַטעריאַליסט" פריער פאר אַלץ, האט ניט געגלויבט און איבערגעפרעגט. מיראָן יאַקאָוויטש האט באַשטעטיקט, נאָר, ווייַזט אויס, אים ניט איבערצייַגט, ווייַל יענער האט אומפאַרשטענדלעך געהויבן די אַקסל און מיט א פרעגנדיקן בליק געקוקט אפן דירעקטער.

דערווייַל האט מען שוין געהאלטן באַ דער לעצטער פראַגע, און סטעפאַן איוואַנאָוויטש האט מיט ציטער באַמערקט, ווי וולאַדימיר קירילאָוויטש האט גענומען יענעם בויגן פאַפיר, צו מעלדן וועגן דער „ביבליאָטעק־פראַגע", נאר פלוצים האט עפּעס אלעמען ווייך א זעץ געטאָן אין די אויגן און ס'איז מיטאַמאָל פינצטער געוואָרן.

אין קאָרידאר האט עמעצער מיט א בענקל א טראַך געטאָן און זיך יאָמערדיק צעויקעט, נאר קיינער פונעם אוילעם האט זיך ניט דערשראָקן.

א מענטש געווינט זיך צו אפילע צום געדאַנק, אַז ער מוז אומבאַדינגט שטארבן, אויב נאר ער טראַכט וועגן דעם אָפט.— וואָס זשע האבן געהאט צו שרעקן זיך די כאַרקאָווער דערפון, וואס די גאַנצע האלבמיליאָניקע שטאָט איז מיטאמאָל געבליבן אינדערפינצטער? — די „טורטשאַנקאַ" פלעג עס דאָך באַווייַזן קימאט אלע טאָג.

— זייַט אַזוי גוט, ברענגט ליכט,— האט רויִק באַפוילן וולאדימיר קירילאָוויטש,— נייַן אַזייגער וועט זיין שייַן. די האלבע שאָ וועלן מיר אַרבעטן בא ליכט,— האט ער צוגעגעבן.

די מאָטאָראָשנע איז באלד אַריין אין קאַנצעליאַריע און זיך אומגעקערט מיט אַן אָנגעצונדן ליכט.

— די ביבליאָטעק־פּראַגע, — האָט דערהערט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש. — מיקאָלאַ גנאַטאָוויטש, איר האָט דאָס וואָרט, — האָט וולאַדימיר קירילאָוויטש געווענדט זיך צו זיין פּאַרטרעטער.

מיקאָלאַ גנאַטאָוויטש האָט איבערגעזעצט זיך פון זיין אָרט נעענטער צום ליכטל און גענומען דעם רעוויזיע־אַקט, נאָך אים האָט זיך אופגעהויבן דער ווירטשאַפטס־פּאַרוואַלטער און איבערגעזעצט זיך אַף מיקאָלאַ איגנאַטאָוויטשעס אָרט. ער האָט שטאַרק געקוקט דעם דירעקטער אין די אויגן, און ווייזט אויס, געוואָלט כאַפּן א גוטן מאָמענט צו וויסן געבן אים וועגן עפּעס שטאַרק וויכטיקס.

— נו, דער איניען איז קלאָר און קורץ, — האָט זייער ווייך אָנגעהויבן מיקאָלאַ גנאַטאָוויטש.

סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האָט זיך אונטערגעהויבן אַף די הענט און אַזוי פאַרשטיינט געוואָרן. ער האָט אין דער ווייכער אינטאָנאַציע קלאָר דערפילט דעם שטרענגן, אומבעראַכמאָנעסדיקן פּסאַק, און ניט רירנדיק מיט קיין אייווער, ניט פינטלענדיק מיט קיין אויג, מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם זיך איינגעהערט וואָס וועט ער ווייטער ריידן.

— פאַר צוויי יאָר איז פאַרפאַלן געוואָרן אַנדערהאַלבן טויזנט ביכער. די פּרייז פאַר זיי איז לויטן אַקט 2870 רובל און 15 קאָפּקעס... — אַלע האָבן געשוויגן און באַזונדערס שטאַרק זיך איינגעהערט. מיקאָלאַ גנאַטאָוויטש האָט אָנגערופן נאָך עטלעכע צאָלן, אָנגערופן נעמען פון די, וואָס האָבן דעם רעוויזיע־אַקט אונטערגעשריבן, און דערנאָך אַנשוויגן געוואָרן.

עטלעכע רעגעס האָט געהערשט א שטילקייט, וואָס הערשט, דאַכט, נאָר אין יענעם מאָמענט, ווען דער טאַליען צערוקט איילנדיק דעם שטריק און טוט אים אָן דעם פאַרמישפּעטן אַפן האַלדז. קיין וואָרט, קיין שעפּטש, קיין מינדסטן ריר. ס'איז בעעמעס געווען יענער מאָמענט, ווען יעדער און אַלץ האָט געשוויגן. ווען ז'אָס שווייגן וואָלט געדויערט נאָך עטלעכע מינוט, וואָלט קיינער ניט געקענט אָרעוו זיין, אַז סטעפּאַן איוואַנאָוויטש וועט ניט אַראָפּ פון זינען. בלאַס, מיט אומרויִקע אויגן, קוים האַלטנדיק זיך, קעדיי ניט אַראָפּצופליען פון בענקל, האָט ער זיך אַלץ ארומגעקוקט און שטאַרק געציטערט.

— ווייטער — האָט געהייסן וולאַדימיר קירילאָוויטש, און זיין געוויינלעך־שטיל קאָל האָט איצט זיך אויסגעדאַכט ווי אַ דונער.

אפן סמאַך פון די עקזיסטירנדיקע באַשטימונגען האט די קאָמיסיע געהאַלטן פאַר נויטיק אָפּרעכענען צען פּראָצענט אף „לעיִבעד". דאס מאַכט אויס פאר צוויי יאָר דריי הונדערט ביכער.

— אָ־אָ, — האט געזאָגט קאַליוזשני. — נישקאָשע פון אַ „לעיִבעד"...

סטעפאַן איוואַנאָוויטש האט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און מיט פּאַכעד אומגעקוקט זיך אף קאַליוזשנין.

— פינף הונדערט פופציק ביכער איז פאַרפאַלן געוואָרן בא די סטודענטן... דאָ קען מען אויך ניט באַשולדיקן...

קאַליוזשני האט אנטשלאָסן אופגעהויבן זיך, פאַריכט דאס העמדל און גראָב איבערגעשלאָגן דעם פאַרטרעטער. אופגעבראַכט האט ער געמעלדעט זיין פּראָטעסט קעגן אַזאַ אויבערפלעכלעכן כעשבן, און געפאָדערט אומבאַדינגט א שטרענגע אויספאָרשונג.

מאטאראָשנע איז געזעסן שווייַגנדיק און אופמערקזאַם נאכגעשפירט נאָך זיינע רייד, גלייך זי וואָלט מוירע געהאט דורכצולאָזן קאַליוזשניס א וואָרט. נאָכשפּירנדיק נאָך איר, האט סטעפאַן איוואַנאָוויטש ניט געקענט ניט זען, ווי זי איז מאַסקים מיט קאַליוזשנין וועגן א שטרענגער אויספאָרשונג און וועגן שטראָף. סטעפאַן איוואַנאוויטש האט געזען, ווי זי האט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און דראָענדיק געקוקט אף קוראָטשקען.

— איז אזוי, הונדערט, הונדערט צוואַנציק, לויט אונדזער מיינונג, האט מען צוגעגאַנוועט פון דער ביבליאָטעק, ווייַל ניט אַלע שאפעס פאַרשליסן זיך ווי עס קער צו זיין, — האט ווייטער דערציילט מיקאָלא גנאַטאָוויטש, — וועל קאַליוזשני איז אַנשוויגן געוואָרן... — צוויי הונדערט פופציק איז פאַרפאַלן געוואָרן בא די פּעדאַגאָגן...

— טויזנט צוויי הונדערט — האט אַפן קאָל מיט אַ פאַרגרינגערט האַרץ געזאָגט מאַריא איוואַנאָוונע.

— ס'איז אומדערהערט! — האט זי איבערגעשלאָגן מאָטאָראָשנע און ווי אַן אָפּגעבריטע אופגעשפּרונגען פונעם אָרט.

דער ווירטשאַפטס־פאַרוואַלטער האט זיך גיך אָנגעבויגן צו וולאדימיר קירילאָוויטשן און ניט אַראָפּלאָזנדיק קיין אויג פון מאָטאראשנען, וועלכע האט געוואָלט עפּעס נעמען דערווייַזן, אים איינגערוימט:

— זי האט געמעלדעט אין גע־פּע־ו...

וולאַדימיר קירילאָוויטש האט אים פאַרכידעשט אָנגעקוקט און גלייַכגילטיק, ווי ער וואָלט דערוף קיין שום אַכט ניט געלייגט, א מאַך געטאָן מיט דער האנט.

— ס׳איז אומדערהערט! זאָג איך, — האט ווידער א דונער געטאָן מאַטאָראָשנע, — דא איז דען דאָס אָרט פאר אזעלכע פראַגן? צי איז דען מעגלעך אפן עלפטן יאָר פון רעוואָלוציע דערלאָזן און פאַרשוויַיגן אַזעלכע פאַרברעכנס? מע מוז זיין בירגער! שוין צייט זיך א נעם צו־טאָן ווי געהעריק צו אַזעלכע באַלעבאטים, ווי קוראָטשקע און...

סטעפּאַן איוואַנאָוויטש איז פון בלאַס בלוי געוואָרן. אייַנגעשפּאַרט דעם בליק אין מאַטאראשנען, האט ער, ווי אַלע אַנדערע, געשוויגן און אָפּט אומבאהאלפן געפינגלט מיט די שיטערע וויעס, נאָר ווי אַזוי סע האָט ניט גערעדט און ווי סע האָט ניט דערוויזן די כאַוועריטע מאַטאָ־ראָשנע, איז די מערהייט געווען „פאַר״ סטעפּאַן איוואַנאָוויטשן און „קעגן״ איר.

— כ׳וועל ריידן אָפן, — האט געזאָגט מאטאראָשנע, ווי דראָענדיק עמעצן און ווי זי וואלט זיך געקליבן צו מעלדן עפּעס אומגעוויינלעכס. — מיר האבן זיך ניט וואס צו באַהאַלטן, — זי האט זיך אומגעקוקט צו קוראָטשקען און געזאָגט עס אזוי, אַז ס׳ליכט איז שיר פאַרלאָשן גע־וואָרן. — איך מיטן כאַוועער קאַליוזשני האבן געטאָן אַלץ, מיר... מאַטאָ־ראָשנע האט פלוצים אָפּגעהאַקט, ניט פאַרענדיקט איר געדאַנק און אומ־געקוקט זיך צו דער טיר.

אין דער מינוט האט די טיר פון קאָרידאָר זיך אָן עפן געטאָן, און אַ מענטש, באַוואָפנט מיט א רעוואָלווער, האט זיך אַרייַנגעשטעלט.

— אָט... — האט נאָך אַרויסגערעדט מאַטאָראָשנע, ווי זי וואָלט אַלע־מען אָנגעוויזן אפן מענטשן, וואָס האט זיך אינעם טונקעלניש באַוויזן.

— אַן אַגענט, — האָט איבערגעראָשט א שושקע געטאָן מאַריאַ איוואַ־נאָוונע צום דייַטשן־לערער און געכאַפּט זיך באַ די שלייפן.

מיראָן יאַקאָוויטש האט מיט דער גאנצער האנט פאַרקוועטשט דאס בערדל און עס פאַרוקט אין מויל.

קוראָטשקע האט זיך ווי אונטער א שווערן קלאַפּ איינגעבויגן אַפן בענקל און פאַרשטיינערט געוואָרן.

— ווער איז דאָ דער דירעקטער? — האט שטרענג געפרעגט דער באַוואָפנטער און זיך אויסגעקערעוועט צו וולאַדימיר קירילאָוויטשן, וועל־כער איז געזעסן אריבנאָן.

— איך. וואס דאַרפט איר?

— אייַער פאַמיליע איז טשערעפּאָק?

— יאָ. איר דאַרפט צו מיר?

— איך דאַרף אייך האָבן, — האָט מיט דערזועלבער שטרענגקייט גע־זאָגט דער מענטש, און ווי מיטן גאַנצן געשטאַלט זיינעם געפאָדערט עפּעס אַן ענטפער.

— ביטע. וואָס אשטייגער? — האָט וולאַדימיר קירילאָוויטש געפרעגט באַומרויִקט.

— מיר מוזן בלייבן אויג אף אויג, — האָט געמעלדעט דער באַ־וואָפנטער.

א טויט־שטילקייט האָט דאָס צימער אָנגעפילט, אַ וואָרטעניש אף שלעכטס און אויסערגעוויינלעכס, אַלעמענס אויגן זיינען צוגעזאָגט גע־ווען צו סטעפּאַן איוואַנאָוויטשן. אייניקע — מיט א טיף ראַכמאָנעס און מיט־לייד, און אנדערע — גאָר פאַרכידעשט אָדער צופרידן.

אָבער די טויטע שטילקייט האָט ניט לאַנג געהערשט. די זיצונגס־מיטגלידער האָבן זיך ניט לאַנג איבערגעקוקט שווייַגנדיקערהייט. יעדערער פון זיי איז שוין געווען אויספירלעך אינפאָרמירט וועגן באַדייַט פונעם באַוואָפנטן „נאַליאָט“ אף דער זיצונג פון פעדאַגאָגישן ראָט, און גוט פאַרשטאַנען צו וואָס ער וועט סאָפּקאָלסאָף ברענגען. מיר קענען ניט באַהויפּטן, אַז גראָד אין דער מינוט האָט יעדער פון די מיטגלידער געפילט אף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַזוינע גרויסע שאָדנס אין אַנשטאַלט, נאָר אַז יעדער פון זיי האָט איצט באַגערט אַראָפּנעמען זי פון זיך און אינגאַנצן צו איר קיין שייַכעס ניט האָבן — דאָס איז געווען גאַנץ קלאָר.

נאָך א רעגע שווייַגן, זיינען זיי גיך געקומען צו זיך און פלוצים אָנגעהויבן ריידן אַלע מיטאַמאָל, צעשטערט די פייַנלעכע שטילקייט. דאָס צימער האָט פאַרצווייפלט אַ ליאַרם געטאָן מיט אומפאַרשטענדלעכע אויסגעשרייען, אָפּגעקלונגען מיט הויכע זיפצן און טייקעף פאַרפולט גע־וואָרן ביזן ברעג מיט דראָענדיקן בורטשען, אומרויִקן שושקען און קורצע טייַנעס.

מיראָן יאַקאָוויטש, וואָרפנדיק אַלע מאָל א קוק אַף סטעפּאַן איוואַ־נאָוויטשן, וואָס איז געווען צוגעצוויאָקעוועט צום בענקל, האָט געמור־סערט דעם געזאַנג־לערער, אַלעמיַ ער כאַווערט זיך מיט מאָטראָשנען. דער געזאַנג־לערער האָט זיך גערוקט צוזאַמען מיטן בענקל אין אַ ווינקל, פאַרזיכערט מיראָן יאַקאָוויטשן, אַז ער האָט קיין שום שייַכעס ניט צום אייסעק און מיט מוירע געקוקט אף מאָטראָשנען. מאַריא איוואַנאָוונע האָט זיך גערוקט אין פאָטעל צווישן מיראָן יאַקאָוויטשן און דעם געזאַנג־

לערער, באַמיט זיך עפּעס צו דערווײַזן, אָפּט און אָפּן קאָל געזיפּצט און טראַגיש געוואָרפן די הענט אַף אירע הויכע ברוסטן. קאַליוזשני האָט זיך געערגערט, ער האָט אַקשאָנעסדיק געוואָלט עפּעס דערווײַזן דעם דאַרן ווירטפּאַרוואַלטער, אַלע מאָל אומגעדרייט זיך צום שווײַגנדיקן סטודענט, וואָס איז געזעסן לעבן אים און קלאַפּנדיק אים איבערן קני, האָט ער אָפּן קאָל גערעדט צום ווירטפּאַרוואַלטער.

— אַליאָשאַ! פֿאַרשטייסט, אַליאָשאַ! מיר האָבן צו דעם קיין שײַכעס ניט. שולדיק איז אין אַלץ קוראָטשקע, ער איז דאָך דער פֿאַרוואַלטער מיט דער ביבליאָטעק. פֿאַרשטייסט? — האָט אים קאַליוזשני אַלץ דערוויזן.

קוראַטשקע איז געווען בלאַס, אַזש בלוי און שווײַגנדיק, אַפֿילע ניט געפּינטלט מיט קיין ווייע, געקוקט צו דער טיר, הינטער וועלכער ס'ע זײַנען פֿאַרשוווּנדן דער דירעקטער מיטן באַוואָפֿנטן מענטשן. ער האָט געוואַרט, אַז אָט אין עטלעכע רעגעס אַרום וועט אין צימער צוריקערן וולאַדימיר קירילאָוויטש, ער וועט זיך פֿילן שלעכט, און ווי מעכילע־בעטנדיק פֿאַר זײַן פֿריערדיקן טרייסטן, וועט ער שטיל זאָגן: „סטעפּאַן איוואַנאָוויטש, מע בעט אײַך באַלד גיין אין געפּעו...".

דער ווירטפּאַרוואַלטער האָט זיך שטאַרק צוגעהערט צו קאָליוזשנים רייד, דערשראָקן געהויבן זיך פֿון בענקל, געלאָפֿן צו דער טיר, אָפּגעשטעלט זיך, און ווידער צו קאַליוזשנין. מיקאָלאַ גנאַטאָוויטש, — דעם דירעקטערס פֿאַרטרעטער, — האָט זיך, ווײַזט אויס, געפֿילט ניט שטאַרק גוט. ער איז געזעסן אין א זײַט, אָפּט אומגעקוקט זיך אַף די פֿאַריסענע קריגערייען, וואָס זײַנען שוין אַלעמען דערעסן. און מיט אומרויִקן בליק אַלע מאָל אָפּגעשטעלט זיך אַף דער לעצטער צאָל פֿון רעוויזיע־אַקט, וואָס האָט געוויזן 2870 רובל מיט 15 קאָפּ. און נאָר די כאַווערטע מאַטאַראַשנע איז געזעסן אַף איר אָרט און נערוועז געפּירט מיטן בלײַער איבערן זיצונגס־פּראָטאָקאָל. זי האָט ניט אַרויסגעוויזן ניט קיין באַפֿרידיקונג, ניט קיין שרעק, נאָר דענערווירט געווען; ווײַזט אויס, דערפֿאַר, וואָס מ'האָט איר אַזוי גראָב איבערגעשלאָגן די היציקע רעדע. אָבער אין ווינקל, וווּ ס'איז איצט געזעסן די מערהייט, איז געוואָרן א גרויסער געפּילדער — זי האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און באַגעגנט זיך מיט מיקאָלאַ גנאַטאָוויטשעס בליק, און די רעגע אויפֿגעשפּרונגען פֿון בענקל:

— כ'האָב נאָך ניט געענדיקט... — מיקאָלאַ גנאַטאָוויטש האָט געפּאַקט אַף זיך איר שטרענגן בליק און אַביסל אונטערגעהויבן זיך פֿון אָרט.

— איך האב געוואָלט זאגן, אז ס'גייט ניט אינעם כאווער קוראָטשקע, אים קענען מיר אויסגעצייכנט גוט, די זאַך גייט אין דעם, אַז ניט קוראָטשקע, נאר איר, מיקאָלאַ גנאַטאָוויטש, זיינט פאראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ; איר, און ניט קוראָטשקע פירט אָן מיט דעם לערן-טייל פון טעכניקום, איר האט צוטאָן מיט די פעדאַגאָגן. איר מוזט פאַרשטיין, אז פיר הונדערט סטודענטן האבן געפאַטערט פינף הונדערט פופציק ביכער, און פופצן פעדאַגאָגן — צוויי הונדערט פופציק ביכער! איר פאַרשטייט וואס דאָ טוט זיך? זעט איר שוין ווער ס'איז דאָ שולדיק? איר אדער קוראטשקע? — האט זי האַרט געפרעגט.

מיקאָלאַ גנאַטאָוויטש האט זיך אומרויִק א ריגעווע געטאָן אַפן בענקל, אופגעהויבן זיך און שטיל, קוים-קוים געזאגט:

— פאַרשטייט זיך איך, איך בין מאַסקים, כאַווערטע.

סטעפּאַן איוואַנאָוויטש האט פון הינטערן שטערן געווארפן א קוק אף מיקאָלאַ גנאַטאָוויטשן, מיט פאַכעד איבערגעפירט די אויגן אף מאטאַראשנען און ווענדנדיק זיך אויסשליסלעך צו זיך, האט ער שטיל א שעפּטשע געטאָן:

— זע נאָר ווי זי מאַכט זיך געפייגערט. מ'האט זיך אָנגערעדט און איצט כויִזעקט מען...

— דאס איז גוט, — האט צופרידן געזאגט מאטאראשנע. ס'איז גוט, וואס איר שטימט איַין, — האט זי איבערגעכאַזערט, און ווען זי האט דערזען, אז כוץ מיקאָלאַ גנאַטאָוויטש און סטעפּאַן איוואַנאָוויטשן הערט זי קיינער ניט, איז זי אַן אופגעבראַכטע צו צום אוילעם.

— אומזיסט פילדערט איר אַזוי — האט צערייצט א געשריי געטאָן מאטאראשנע. — ווער וועט אייך גלויבן, אז שולדיק איז נאר קוראטשקע? — איז זי אַרוף אַפן געזאַנג-לערער.

— ווער דען? — איז קאַליוזשני געווארן אופגעבראַכט, שטאַרק באַליידיקט, וואס מאַטאראשנע האט גענומען רויִרן די שווער-דערוואָרבענע פּאָזיציעס.

— ווער? — האט איבערגעפרעגט מאטאראשנע, — איַיערע סטודענטן! איר! די הונדערטער ווילדע יאַטן, וואס קענען ניט אָפּהיטן און אָפּשאַצן א בוך. ווער וועט אפילע גלויבן, אַז סטודענטן האבן צוגעגאַנוועט בא דער מעלוכע פינף הונדערט פופציק ביכער!

— כ'האב דאָך דערפון טאַקע גערעדט! — האט אויסגעשאָכן קאַליוזשני.

— גערעדט, — האָט אים מאַטאַראַשנע איבערגעשלאָגן. — איר האָט אַלץ אַף סטעפּאַן איוואַנאָוויטשן אַרופגעלייגט דעם קלאָץ! אַז ער, ער איז אין אַלץ שולדיק... איר און אײַערע כאַווײרים, מיקאָלאַ גנאַטאָוויטש מיט זײַנע פּופּצן פּעדאַגאָגן. אַט ווער סע שולדיק! אָט וועמען מע דאַרף צוציִען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט. זיי זײַנען די שעדיקער, און ניט סטעפּאַן איוואַנאָוויטש, — האָט אופגערעגט געזאָגט מאַטאַראַשנע און אַנשוויגן געוואָרן. זי איז אָפּגעלאָפן פונעם אוילעם, אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט אין טיש און קימאַט אַנידערגעפאַלן אַפן בענקל.

מאַריאַ איוואַנאָוונע האָט זיך פאַרכידעשט איבערגעקוקט מיט מיראָן יאַקאָוויטשן, קאַליוזשני — מיטן לערער פון געזאַנג, און מע האָט אײַלנדיק וועגן עפּעס אָפּגערעדט. דער ווירטשאַפט־פאַרוואַלטער האָט אַלע מאָל פאַרריכט זײַנע בלויע ברילן און נערוועז געשפּאַנט פון ווינקל צו ווינקל. סטעפּאַן איוואַנאָוויטש איז אַן אײַנגעהויקערטער, אומבאַוועגלעך געזעסן אַפן שטול און מאָדנע געקוקט אַף מאַטאַראַשנען. מיקאָלאַ גנאַטאָוויטש איז ניט אַוועק פון זײַן אָרט, ניט אופהויבנדיק דעם בליק פון דער הינטערשטער שורע פון רעוויזיע־אַקט, האָט ער געפילט ווי ווייטיקדיק סע שטעכט אים אין די אויגן.

נאָר אָט האָט זיך די טיר געעפנט און וולאַדימיר קירילאָוויטש איז געשווינד אַרײַנגעגאַנגען, איז צו צו זײַן פּאָטעל און פּאַמעלעכן זיך אַרײַנגעזעצט. זײַן געשטאַלט האָט ניט אויסגעדריקט ניט קיין אומרו, ניט קיין אַנטוישונג, נאָר אַ סוידעסדיקער, קימאַט אַ איראָנישער שמייכל האָט געבלאָנקעט אַף זײַנע ליפּן.

מיטאַמאָל האָט אופגעבליצט עלעקטרישע שײַן און די שוואַרצע שאָטנס פון די ווינקלען זײַנען אַוועק פלוצימדיק, ווי זיי זײַנען געקומען.

— מ'האָט מיך שטראָפירט אַף פופציק קאָפּיקעס...

אַלע האָבן זיך קוים באַמערקט און שווײַגנדיק אַ רוק געטאָן פאָרויס און אין כידעש פאַרגליווערט געוואָרן.

— כ'האָב ניט פאַרעגיסטרירט דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט, — האָט שמייכלענדיק דערקלערט וולאַדימיר קירילאָוויטש.

וואַלעריאַן פידמאָהילני

געבוירן אין 1901 יאָר אין דאָרף טשאַפּלי, קאַטערינאָסלאווער קרייז, אין א פּויערשער פאַמיליע. געענדיקט א „רעאַל-שול״, געלערנט אין אוניווערסיטעט נאָר ניט פאַרענדיקט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1919 יאָר.

גרעסערע ווערק: „ווערק״, ערשטער באנד, 1920 יאָר, „אוקראַיני-פארלאַג״. א זאַמלונג דערציילונגען „די פּראָבלעם פון ברויט״ און אנדערע.

וואַלעריאַן פּידמאָהילני

דער זון

וואַסיורענקאָ איז אַראָפּגעקראָכן פון דער פּלאַטפאָרמע, פול אָנגעטאַסעוועטע מיט ציגל, און אָנגעהויבן אָפּטרייסלען פון זיך דעם שטויב. זײַנע גרויע לײַוונטענע הויזן זײַנען געווען רויט פון דעם ציגל־שטויב און אומזיסט האט ער זיך געסטאַרעט אָפּראָשן דעם שטויב. האט זיך געשלאָגן אָן די קניעס מיט זיין לאַנגער דאַרער האַנט.

— מ׳וועט זיי דאַרפן אויסוואַשן אַפן טײַך, די הויזן — האט ער זיך א טראַכט געטאָן, — און איז אָפּגעגאַנגען אין א זײַט. ווײַט האט ער ניט געוואָלט אַוועקגיין, ביזוואַנען דער צוג וועט ניט אָפּפאָרן. ער האט ליב געהאַט מאַשינעס, באַזונדערס, פּאַראָוואָזן. אף דעמדאָזיקן צוג האט ער געוואַרט אין שטאָט אַפן וואָקזאַל אַזש אַנדערהאַלבן מעסלעס, ער האט ארומגעבלאָנקעט א פאַרכליאַנעטער איבער די רעלסן, דאָ זיך צוגעלייגט שלאָפן, דאָ פּלוצים פלעג ער זיך אופכאַפּן אף די טרייסלדיקע פיס און יאָגן, דער רועך ווייסט ווו, מיט איין פאַרלאַנג אין האַרצן — אַבי וואס ווײַטער פאַרבלאָנדזשען ערגעץ, און ערגעץ אומקומען... אָבער גיך פלעג ער זיך ווידער צוזעצן און מיט שווערן קאָפּ שאָקלען, אַרומפירן מיטן צונג איבער די ליפּן, פאַרכליאַנעטע און פאַרקלעמטע. ער וואָלט גענומען אביסל וואַסער טרונקען, האט ער אָבער געוווּסט, אז די וואַסער וועט ער פון אינעווייניק אַלצייינס אויסקערעווען.

אָפּט פלעג אים אָן וואַסער פאַרנודען אַפן האַרצן. די וועלט פלעג זיך אים דרייען פאַר די אויגן, רויטע שרעקלעכע קרײַזן, און אונטערן גאָרגל פלעג זיך אונטערקײַקלען א מיִעסער שלוקערץ. ער פלעג זיך אַוועקלייגן אף דער פּלייצע, פּרווון פּאַוואָלי דעכען, די אויגן פאַרגלאָצטע. פונדעסטוועגן האט זיך אים אייַנגעגעבן דורכלעבן דעם גאַנצן טאָג, געגעסן האט ער נאָר אינדערפרי און דאס — א שטיקל ברויט, גרויס ווי א פינגער.

און ערשט נאכדעם, ווי דער אָוונט איז פאַרבײַ און די גאַנצע נאַכט אויכעט — ערשט דעמאָלט איז אָנגעקומען דער צוג און האט אים פאַר־נומען, אַן אויסגעדייווערטן פון שלאָפלאָזיקייט און הונגער, א פארכושטן. נאָך די קויכעס האבן אים נאך ניט פאַרלאָזט, כאָטש אַלע אייוורים זײַנע זײַנען געווען אײַנגעהילט, ווי אין א מין שפינוועבס... א היים איז געבליבן פופצן ווערסט צופוס. איצטער וועט ער ניט טאן שוין אַזאַ נאַרישקייט, ווי עסן אינדערפרי און דערנאָך זיך מאָרדעווען ביז מיטאָג. שוין בעסער לײַדן ביז באַטאָג, דערנאָך ביזן אָוונט — אַזוי וועט זײַן גרינגער...

דער צוג האט א פײַף געטאן און גערירט פון אָרט. וואַסיורענקאָ האט באַגלייט דעם צוג מיט די אויגן ביז אַרונטערן בערגל און דערנאָך האט ער זיך אויסגעקערעוועט און אַוועקגעשפּאַנט. ערשט איצטער האט ער דערזעען, אין ווינקל לעם דער סטאַנציע, זײַן שוואָגערעק, אָלעקסע קאָרניטשוק, וואס איז געזעסן מיט נאָך א פינף פויערים אף דר׳ערד לעם א קופּע פּולע זעק. זיי זײַנען אויך אָנגעקומען מיט דעמזעלבן צוג. דאס האַרץ האט אים אָנגעהויבן קלאַפּן פון קינע און האָפענונגלאָזיקייט. ווי ער האט זיך דערנעענט צו זיי, האט ער דערזעען, אז זיי עסן ברויט מיט כאַזער.

— ווויל אײַך, — האט זיך געגריסט וואַסיורענקאָ.

קארניטשוק האט אופגעהויבן צו אים דעם קאָפּ און זיך צעלאַכט.

— ביסט אויך דאָ? — האט ער געפרעגט, — ווי־אַרומער?

— כ׳בין געווען אין שטאָט — ענטפערט וואַסיורענקאָ, כ׳בין געפאָרן פאַרקויפן דאס לעצטס שוין. נאַ, אַזוי גייט עס... — ער האט א מאַך געטאן מיט דער האַנט: — שוין בעסער ניט לעבן אף דער וועלט! פאַר דער מאַמעס קלייד, פאַר מײַן אויסגענייט העמדל, פאַר די הראַבליעס און פאַר א לאָפּאַטע — אט וואס כ׳פיר אהיים.

ער האט באַוויזן א לאַבל ברויט, וואס ער האט געטראָגן אונטער דער פאַכווע.

קאָרניטשוק האט זיך צעלאַכט אינדערגאַנצער ברייט פון זײַן געגאָלט פּאָנים:

— און מיר זײַנען אַזש אין פּאָלטאַווּשטשינע געווען... עהע, לעבט מען דאָרט א וועלט! דו, באַכערל, האסט שוין מיסטאָמע פאַרגעסן אין אַזא לעבן. דאָרט לייגט מען כאַזערפלייש אין באָרשטש, פון קיין הינטן־פלייש ווײַל מען ניט וויסן, טאַקע ברויט עסן זיי, ניט פון מאַקוכע, ניין, ניין! נו, האבן מיר דאָרטן אָנגעביטן זיך, זעסט. — ער האט א קלאַפּ געטאן איבערן לאַנטעך מיט דער האַנט.

וואַסיורענקאָ האט כמורנע א קוק געטאן אף קארניטשוקן, אף די פויערים, וואס מיט אים, אף די לאַנטעכער מיט ריינער, פרימער ווייץ. ער האט אף א מינוט א טראכט געטאָן, אַז עפשער וועט זיין שוועסטער, מאריקע, אַריינטראָגן אהיים כאָטש א קלומעקל ווייץ... נאר ווער וואָס, אומזיסט גאָר האָפן! ניט אַזאַ איז זי, און אלעקסע דאסגלייַכן, זיי וועלן ניט געבן! ער וועט גיכער זיך לאָזן קוילען, איידער ער זאָל עמעצן צולאָזן צו א זערנע.

און קארניטשוק האט געייצעט:

— אַהין, באָכערל, וואָלסטו גאָר געדאַרפט פאָרן אף פאַרדינסטן. מ׳נויטיקט זיך דאָרט שטאַרק אין אַרבעטער, אוי, נויטיקט מען זיך! וואָלסט דאָרט גוט פאַרדינט. וואס וועסטו זיך דאָ נודען?

— און די מוטער? האט שלאבעריק א פרעג געטאן וואַסיורענקאָ.

— אָ! — האט זיך פאַרוווּנדערט קאָרניטשוק; — שוין זשע איז זי נאך ניט געשטאָרבן?

— זי קרענקט אַלץ...

— זי איז לעבעדיק צו אַלדי רוכעס, די אַלטע וואַסיוריכע! נו, אָבער צוויי הונדערט יאר וועט זי דאָך ניט לעבן... וועט זי אוועקשטאַרבן, איז געדענק, באָכערל, מייַן וואָרט: הויב זיך אוף און פאָר קיין פאָלטאַוושטשינע. דאָרטן וועסטו גוט פאַרדינען. דאָרטן וועסטו א בסולע געפינען. און שיינע מיידלעך זייַנען דאָרטן איז א רועך אין זייער האַרצן אַריין! פאַרציען זיי א לידל, גייט דאס הארץ כאָדאָראָם אַפילע בא אַן אַלטן.

— כ׳וועל שוין גיין, — האט ער א זאג געטאן צו רעשט.

— גיי, גיי, און זאג דאָרטן אָן מייַן וואַסילן, זאָל ער ארויספאָרן אהער מיט די פערד, פאַרנעמען דאס ברויט. הערסט? פארגעס ניט!

— כ׳וועל איבערגעבן...

וואַסיורענקא איז אדורך די סטאַנציע און ארויסגעגאַן אַפן שליאַך. די זון האט זיך שוין הויך אופגעהויבן און אָנגעהויבן פאַרען. דער געלער, טויטער סטעפ האט זיך צעלייגט אף וויפל דאס אויג קאָן זעען. ער איז געגאנגען מיט די אויסגעברענטע פעלדער, וואס האבן געלויכטן מיט ליסע בערגלעך פון אומגעקומענער טווע. און וואס מערער ער האט זיך געלאָזט אין סטעפ אריין, אלץ א גרעסערע שטילקייט און א גרעסערע היץ האט אים ארומגעהילט. אַפילע די באָבע־שטעפערס האבן נישט געגרימט און פליגלעך זיינען ניט געפלויגן. די אומברעגיקע בריאיקע געל־

קייט האט געשניטן די אויגן. ער איז געגאַנגען ווי איבער כורוועס פון נאך א גרויסער סרייפע, ווו דאס פײַער האט אומגעבראַכט דאס טײַערסטע, דאס אייגענע, ווו ס'וואָלט אָפּגעברענט געווארן זײַן אומגליקלעך האַרץ.

ווען ער איז אָפּגעגאַן א וויאָרסט פינף 'פון דער סטאַנציע, האט ער פלוצים דערזעען ליגן אַפן וועג א געבונדענעם מענטשן. ער האט זיך איבערגעבויגן איבער אים און דערקאָנט זיין דאָרפסמאַן סטעפאַן בעזרוקאַווי. קיין מעסער האט ער מיט זיך ניט געהאט, האט ער מיט די ציין איבערגעביסן די שטריק. סטעפאַן האט נאך געקרעכצט.

— וואס איז מיט אײַך, סטעפאַן? — ווער האט עס אײַך אָפּגעטאן? כ'האב זיך אַזש דערשראָקן, אז כ'האב אייך דערזעען.

— אוי, פרעג ניט, ברודערל! — האט געקרעכצט בעזרוקאַווי, זיך אויסגלײַכנדיק די ביינער, — כאָטש הענג זיך איצטער... באַראַבעוועט, באַגאַזלט, געבליבן בא גאָרנישט...

סטעפאַן האט שווער געסאָפּעט, גענישטערט עפּעס אין קעשענע, אין פאַזוכע, אַרויסגענומען א שטיקל פאַפּיר און אביסל טוטין און פאַרדרייט א ציגאַר.

— פײַער האָסטו?

— ניין.

וואַסיורענקאָ האט זיך לעם אים צוגעזעצט און אָפּגעווישט זיך מיטן אַרבל דעם שווייס אַפן האלדז.

דיאַדקע סטעפאַן האט א זיפץ געטאָן און דערציילט:

— דו ווייסט דאָך וויפל אירע כ'פאַרמאָג, פינף מײַלער אַ כוצן ווײַב מײַנס, און אלע האבן ליב זשערען. האט מען אופגעגעסן די קאַטשאַנעס, האט מען אופגעגעסן דעם גערשטן — ס'קלעקט נישט. די קינדער שרײַען גוואַלד, דאס ווײַב רײַסט די הויט פון מיר... איז געפייגערט די שקאַפע — האט מען אָפּגעקאָכט א יושקע. דאס ערשטע מאָל — ס'גייט ניט, פאַרזוכט צום צווייטן — געבראָכן, און צום דריטן מאָל — אַראָפּגעשלונגען. נאר אף וויפל האט עס געקאָנט סטײַען? האב איך זיך שוין געוואָלט נעמען צו דער צווייטער שקאַפע — האט זיך צוגעזעצט צו מיר מײַן אַלטע — כ'זאָל פאָרן ערגעץ בײַטן עפּעס אף ברויט. האבן מיר אײַנגעשפּאַנט די שקאַפע — שלעפּט זי ניט, האב איך זיך אליין צוגעשפּאַנט — און אַרויסגעפאָרן. און כ'האָב דאַפקע אויסגעביטן אף צען פוד ברויט און די שקאַפע אויך צוגעפּאַסעט אביסל און כ'פאָר אַהיים און טראַכט זיך, וואָס פאַר א פרייד

כ׳פיר אַהיים... איז באַנאַכט, ניט איך זאָל וויסן, ניט איך זאָל הערן — געבונדן האט מען מיר, פון וואָגן אַראָפּגעוואָרפן, א וויאָקע צו דער שקאַפּע און אַוועקגעיאָגט. כ׳האב געליאַרעמט, כ׳האב געשריגן, און אזוי ליג איך א גאַנצענע נאַכט און א טאָג, און עמעצער זאָל דאס אָנקומען! האָסטו מיך באפרייַט, איז וויים איך ניט, ווי זאָל איך דיר דאַנקען...

— און אין פּאָנים האט איר זיי ניט דערקאָנט?

— ווי אין פּאָנים! באַנאַכט, זאָג איך דאָך דיר, — ווועמען ווועסטו דערקאָנען.

דיאַדקע סטעפּאַן האט געסמאָקעט, געסמאָקעט דעם נישטפּאַרויכערטן ציגאַר און אויסגעשפּיגן:

— וואָס כ׳האב שוין ניט איבערגעטראַכט אָט דאָ ליגנדיק! כ׳האב דאָך קיין אויג ניט צוגעמאַכט. די אַלטע קאַנדזיוביכע זאָגט: ס׳איז פון גאָט, און מענטשן האבן מויל און אויערן אַראָפּגעהאַנגען. און איך זע ערשט, אַז מיר זייַנען פּראָסטער בוריאַן, וואָס וואַקסט באַם וועג. גייט א רעגן — וואַקסן מיר, באַקט די זון — וויאַנען מיר און גייען פאַרפאַלן. גאָרנישט זייַן מיר נישט ווערט. און האָנאָר האבן מיר אסאַך. ס׳איז דאָ וואָס צו עסן — איז דאָ האָנאָר! און וויפל שלעפּן זיך אַרום איצטער איבער די דערפער פון די הויכהאָנאָראָווע שטאָטישע פאַרשוינען, וואָס האבן געשריען: מיר! מיר! אָט אין פּיסטשאַנער מיל האט זיך אָנגעדונגען פאַר א סטאָראָזש עפּעס א פּראָפעסער; עפּשער צען שפּראַכן זאָגט מען, קאָן ער, אפילע טאָטעריש קאָן ער. און אז ס׳איז ניטאָ וואָס צו קייַען, זונעלע, וואַרפט מען אלע כאַכמעס אין א זייַט אַוועק. עך, ווען גאט וואָלט אף דער וועלט געוועז, וואָלט עס גאר אַנדערש געגאַנגען.

וואַסיורענקאָ האט זיך ראַפּטום א כאַפּ געטאָן:

— אוי, דיאַדקע, — האט ער אים א רוף געטאָן, — קום אהיים.

— אוי, באַקט עס הייַנט, — האט א זאָג געטאָן סטעפּאַן, פּאַוואָלי זיך אופהויבנדיק. — האָ! האָ! געדענקסט, באָכערל, פאַריאָרן איז צו אונדז געקומען אַן אַגיטאַטער; געדענקסט, ווי ער האט געשריגן, אז מיר וועלן, אַזוי צו זאָגן, מיט מאשינעס די ערד אַקערן, מיט א מאַשין רעגן אָנלאָזן? און ווו איז ער איצטער, דער מאַמזער? — א רועך אין זייַן טאַטן אַרייַן מיט זייַן מאַשין איצטער!

ווייַטער זייַנען זיי געגאנגען שווייַגנדיק. אָנהויב דאָרף, ווען זיי האבן זיך געדאַרפט צעשיידן, האט סטעפּאַן אומעטיק א זאָג געטאָן:

— ס׳האט זיך אויסגעשיט מייַן ציגייַער, עך!

וואַסיורענקאָ האט אַפן וועג צו זײַן כאַטע קיינעם ניט באגעגנט. אין דאָרף, פונקט ווי אין סטעפ, איז געווען ליידיק, פוסט און הייס. ער האט אויסגעמיידט הײַזער מיט פאַרמאַכטע טירן און פענצטער, אײַנגעוואַליעטע קלוניעס און הויפן פאַרוואַקסענע מיט ווילדגראָז. אין לופט האט זיך גע־פילט בלויז דער שטויב, וואס האט זיך געהויבן פון אונטער די פיס. נישט קיין הינטישער האַווקען, נישט קיין כריוקען פון א כאַזער, נישט קיין מענטשלעכע רייד האבן ניט אופגערעגט דעם דושנעם שטויב; און פאָרויס, אַפן לויטערן האָריזאָנט, האט אויסגעזעען דאס דאָרף, ווי אן אויסגעמאָלט שטיל לעבן.

ווען ער איז שוין געשטאַנען גאָר נאָענט צו זײַן הײם, האט ער דער־זען די אַלטע קאָנדזיובּיכע, וואס איז געגאַנגען צו דעם פאַרזאַמלונג־שטיבל. דאָרטן פלעגן זיך צונויפזאַמלען אַלע. פון קאַיאָר פלעגן אָנקומען אַהין די עלטערע מענטשן מיט די ליולקעס די ליידיקע, די ווײַבער מיט די קינדער — אַלע פלעגן זיך צונופקומען אין „זבאָרניע" אַרײַן. טאָג נאָך טאָג פלעגן זיך ציִען געשפרעכן וועגן הונגער, וועגן שווערן מאַזל, וועגן דעם, אז זייען וועט ניט זײַן דאס, וועגן וואָס מ'האט גערעדט, און אַז ס'ניט געווען וועגן וואָס צו ריידן, פלעג מען גאָר זיצן און שווײַגן.

די אַלטע קאָנדזיובּיכע, וואס איז שוין אַלט געווען קימאַט הונדערט יאר, פלעג אויך יעדן טאָג קומען אין „זבאָרניע" ארײַן און לערנען מוסער די מענער און די ווײַבלעך, אַבי מ'פלעג איר נאָר וועלן הערן.

וואַסיורענקאָ איז ארײַנגעגאַנגען צו זיך אין הויף אַרײַן. זײַן כאַטע איז שוין געווען אזוי אַלט, אַז ס'איז איר אויסגעקומען אונטערשפאַרן מיט דרענגלעך, „זי נעמען אין א רעמל",— ווי ס'פלעג אויסלאַכן דער וואָ־לאָסט־שרײַבערל. דאָ טאַקע איז געלעגן דער אײַנגעפאַלענער קעלער. די קלוניע האט ער שוין פונלאַנג פאַרקויפט פאַר א פוד גערשטן. אין קאַמער איז געווען פינצטער און קיל. ער האט זיך אָפגעשטעלט און טיף אַרײַנגעאָטעמט אין זיך די פײַכטע לופט. און ווען ער איז ארײַנגעטראָטן אין שטוב אַרײַן, האט א געדיכטער אַווער אים א זעץ געטאַן אין נאָז ארײַן, אין קאפ ארײַן, אַזש ער האט פאַרהאַלטן דעם אָטעם. טייקעף איז אים ניט גוט געווארן, ס'האט אים אָנגעהויבן צו שטיקן אין האַלדז און פאַר די אויגן האבן אָנגעהויבן שווימען רויטע רייפן. ער האט זיך צו־געשפאַרט צו דער וואַנט.

א שלאַבעדיק קאָל האט שטיל געפרעגט:

— ווער איז דאָרט?.. אָך...

וואַסיורענקאָ האָט אָבער באַלד ניט געקאָנט ענטפערן. די פּיס האָבן געציטערט, די הענט געליימט, און ער איז געשטאַנען בײַ דער וואַנט, שלינגענדיק די לופט.

— דאָס בין איך, מאַמע. — האָט ער קוים ארויסגערעדט.

ס'איז ניט געווען אַפילו אַף וואָס זיך צו זעצן. די טיש־און בענק, דעם קופערט האָט מען שוין פונלאַנג — נאָך באַם סאַמע אָנהויב קרענקן פון זײַן מוטער, — אויסגעפאַרקויפט.

וואַסיורענקאָ איז צוגעגאַן צום אָרט, וווּ ס'איז געלעגן זײַן מוטער, און זיך צוגעזעצט לעם איר.

— כ'בין פאַרמאַטערט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, אַ נאַכט ניט גע־שלאָפן, אַסאַך וועג צופוס... כ'האָב געבראַכט ברויט. און וואָס מאַכט איר? מאַריקע איז כאָטש אַרײַנגעקומען?

לאַנג האָט די מוטער ניט געענטפערט. און וואַסיורענקאָ האָט זיך אויס־געדאַכט, אַז מאַריקע איז טאַקע געווען, טאַקע געהאָדעוועט דער מאַמען, טאַקע אופגעראָמט, און אַז אַף ווײַטער וועט זי אויך קומען, און עפּשער וועט זי אריבערנעמען די מוטער צו זיך.

— ניט געווען...

יאָ, די טאָכטער די געווירנטע איז נישט געקומען געווירע ווערן צו דער מוטער. פאַרשאָלטענע געווירנטע!

— מאַמע, — האָט ער געזאָגט. — כ'וועל אײַנעצן דאָס ברויט און איר וועט עפּשער איבערקײַען. דערנאָך וועט איר זיך אויסטאָן און כ'וועל אַוועקטראָגן דאָס גרעט צום טײַך אויסוואַשן. ס'איז דאָ דערשטיקט צו ווערן, אַזאַ געדעכטעניש. עפּשער וועל איך נאָך אַ פּישל כאַפּן אַף אַ יושקע.

די מוטער האָט געשוויגן. אַכט כאַדאָשים, אַז זי ליגט אַן אויסגעמאַ־טערטע, אַן אויסגעטריקנטע, אַן אומבאַוועגלעכע און קרעכצט אַ גאַנצן מעסלעס.

וואַסיורענקאָ איז אַרויסגעגאַנגען צום שוואָגער אין הויף אַריין, צו קאָרניטשוקן. ער איז דורכגעגאַן דעם שליאַך, אַ שמאָל זײַטיק געסעלע, און זיך אָפּגעשטעלט לעם אַ כאַטע מיט אַ בלעכענעם דאַך און געמאָלטע פענצטער. אַ שיינע כאַטע און אַסאַך קלאָפּעט האָט ער געהאַט מיט איר, אָלעקסע. בעשאַס כײַעל פלעג דורכגיין — פלעג מען באַשטענדיק בײַ אים די שטוב צונעמען פאַרן שטאַב. און הינטער זײַן קלוניע האָט מען צע־שאָסן צוויי העטמאַנצעס, זעקס מאַכנאָווצעס און דרײַ קאָמוניסטן. לאַנג האָט מען דאָס בלוט אָנגעזען, קינדער פלעגן גיין קוקן.

אַפּן הויף איז קיינער ניט געווען און וואַסיורענקאָ איז אַרײַנגעגאַן אין קאַמער. ס'האט נאָר די טיר א ריפּע געטאָן, ווי ס'באַלד אַרויסגעלאָפן מאַריקע.

— דו ביסט עס?! — האט זי אויסגערופן, — גאָטעניו, ווי פּאַסקודנע ס'איז, וואס ס'קיין הונט ניטאָ! כ'וויג דאס קינד הינטער דער שטוב, — אין שטוב איז הייס, אַז אָטעמען איז ניטאָ מיט וואס, — און דא קאָנסטו גלײַך אין כאַטע אַרײַן און נעם זיך וואס דו ווילסט. ווו זײַנען די כעוורע אַוועק... סירקען אונדזערן האט מען צוגעגאַנווּעט און כ'ווייס ווער: די זינטשענקעס די פּאַסקודנע האבן אים אופגעגעסן, כ'האב אַליין געזעען זײַן ווידל הינטער זייער קלוניע... אט גאַזלאָנים! די מיסעמעשונע זאָל זיי טרעפן. נעכטן גיי איך אין קעלער אַרײַן, טרעף איך גריצאַיערע יורקע פּאָרעט זיך באַם ברויט. אין גאָרטן האב איך אים דעריאָגט, קאם דאס שטיקל ברויט בא אים אויסגעריסן. ביידע הענט האט ער מיר צעביסן, דער בײַסטרוק. כ'קום אהיים, האט מען בא מײַן סעריאָגען דאָס שטיקל ברויט זײַנס אויסגעריסן. וויפל צאָרעס כ'שטיי דאס אויס פון די אַלע כארציזיאַקעס!..

— אָ דאָס בין איך געקומען אָנזאָגן, — האט וואַסיורענקא געזאגט, — כ'בין געווען אַף דער סטאַנציע, איז אַלעקסע אויך דאָרטן. ער האט באַפוילן, מ'זאָל אַרויספאָרן מיט די פערד און די איבעריקע פוּיערים זאָלסטו אויך מודיע זײַן.

מאַריקע האט זיך א וואָרף געטאָן רופן וואַסילן מיט די פערד:

— וואַסיל, וואַסיל, ברענג די פערד!

וואַסיורענקאָ האט זיך צוגעזעצט אַף דער פּריזבע. מאַריקע רופט אים ניט אין שטוב אַרײַן. זי האט מוירע, עפּשער וועט ער בעטן עפּעס עסן.

ווען דער וואָגן איז אַרויסגעפאָרן פונעם הויף, האט מאַריקע ווידער ווי באַמערקט איר ברודער.

— ביסט נאָך דאָ? — האט זי אים געפרעגט. — מ'דאַרף די שטוב פאַרשפּאַרן, כ'גיי דאס קינד פאַרוויגן — קיינער זאָל אין שטוב ניט אַרײַן און כאַלילע ניט באַגאַנווענען.

— מאַריקע — האט געזאגט וואַסיורענקאָ: — כ'בין געווען אין שטאָט און אויסגעביטן דאס לעצטע אַף א לעבל ברויט. כ'האב די מוטער אָנגעהאָדעוועט. נאָר אף וויפל וועט עס קלעקן? אַלצדינג האב איך אַרויסגעטראָגן — די כאַטע איז ליידיק, און איך בין — אַזוי ווי דו זעסט. אַלעקסע האט טווּע געבראַכט. לײַ מיר א פוד. כ'וועל דיר אָפּאַרבעטן. ניט אייביק וועט דאָך זײַן דער הונגער — ס'וועט געראָטן, וועל איך דיר אָפּ־

צאָלן. ווייסט דאָך, אַז כ'בין אַן אַרבעטורער! לײַ מיר, מאַריקע! ניט פון מײַנעטוועגן בעט איך דיך — כ'בעט דאָך פאַר דער מאַמען.

— א פוד! — האט זיך צעשריגן מאַריקע, — ביסט פון זינען אַראָפּ, ס'וואַלגערן זיך בא מיר פודן ברויט! פיר קינדער ווערן געשוואָלן בא מיר פון הונגער. כ'האב זיך אָנגעלײַען איבערן קאָפּ, — כאָטש די פערד פאַרקויף! צי ס'האט זיך מיר געכאָלעמט, — ווי קאָן מען עס אַרויסזאגן א פוד ברויט? מענטשן האבן אויסגעטראַכט, אז בא אונדז איז אַלץ דאָ — און דו באָמקעסט נאָך! דו ביסט דאָך אַן אייגענער, א ברודער, און זאָגסט אויך אזעלכע זאַכן. דערוואַרט זיך...

— מיטן לעצטן דאַרף מען זיך טיילן, און דו האסט דער מאַמען כאָטש א זערנעלע געגעבן פאַר דער גאַנצער צײַט?

מאַריקע האט ניט אויסגעהערט ביזן סאָף, א שאָקל געטאן מיטן קאָפּ:

— אַלע זאגן עס און איך זאג: שלעכט באַגייסטו זיך מיט דער מאַמען. ביסט ניט קיין ייִנגל, שוין דרײַ און צוואַנציק יאר, דאַנקן גאָט, אַלט, און פירסט זיך אוף ווי א קינד. גאָט רופט די מוטער צו זיך, און דו האלסט זי אויסגעלאַסן איין אַף דער וועלט. דו מוטשעסט איר, גריצע, אַנעווײַרע האסטו אין איר! זי בעט בא דיר ניט קיין עסן און דו שטאָפּסט זי. וואס איז, זי איז דיר מערער טײַער, ווי מיר, ווי? כ'זע דאָך, אז ס'איז גאָטס ווילן דערבײַ, אַז ס'איז אַנעווײַרע קעגן גאָט, — מאַריקע האט אויסגעווישט די טרערן: — לאָז רויִק שטאַרבן...

וואַסיורענקאָ האט א שמייכל געטאָן און א מאַך געטאן מיט דער האַנט:

— הייסט עס, אַז א מאַמע שטאַרבט אַוועק, דאַרף מען זי דערשטיקן? אַזוי ווי וואלאטשענקא זיין ווײַב, אָדער פעטריכע איר קינד?

ער האט זיך אופגעהויבן, א קוק געטאָן אַף דער שוועסטער און אַוועקגעגאַנגען, — ניט דערלעבן וועט זי, אז ער זאָל זי נאָכאַמאָל בעטן. זי איז א פאַרשאָלטענע קורקולעכע, נאָר ניט קיין שוועסטער. ניט אומזיסט רעדט מען אַזוי וועגן די קורקולן, — אײַזן, שטיין, ניט קיין האַרץ איז בא זיי...

ער האט פאַוואָלי אַוועקגעשפּאַנט אַהיים, זיך אַוועקגעזעצט אין כאַטע אינדערקיל, — די היץ איז א געפערלעכע, די לעצטע קויכעס גייען אויס! מיטאָג-צײַט איז שוין פונלאַנג דורכגעגאַנגען און ער האט סאַכאַקל איין שטיקעלע ברויט אינדערפרי איבערגעקײַט. ס'האט אים אָנגעהויבן נודען — האט ער זיך געמוזט אַוועקלייגן הינטער דער כאַטע אַפן רוקן. ער איז אַזוי אָפּגעלעגן לאַנג — די זון איז שוין אף מײַרעוו פאַרגאַנגען

און ער איז נאָך אַלץ געלעגן. די אויגן זיינען ניט פאַרמאַכט, די הענט אונטערן קאָפּ, — ניט ער האט געטראַכט, ניט ער איז געשלאָפן. ס'איז געווען שטיל, אַפילו אינדערקיל — דושנע, און דער שטויב פון גאַס, ווי אַ נעפּל האט זיך געשפּרייט פאַר די אויגן. ווידער האבן פערד געטופּעט און אַ וואָגן האט געסקריפּעט — דאס איז קאָרניטשוק און די איבעריקע פויערים געפאָרן פון דער סטאַנציע אהיים, געפירט די אויסגעביטענע טווע.

ווען די זון איז פאַרגאַנגען, האט זיך וואַסיורענקען אויסגעוויזן, אַז ער פילט זיך שטאַרקער. ער האט זיך געוואָלט אופהויבן, נאָר פון דעם איינעם געדאַנק האבן אים די אייוורים אָנגעהויבן שטעכן. ער האט אַ קרעכץ געטאָן און אָנגעהויבן איינשלאָפן צוביסלעך.

אינדערפרי האט זיך וואַסיורענקאָ אופגעכאַפּט שפּעט — די זון איז שוין גוט אופגעגאַנגען. פון צופיל שלאָפן האבן אים געבראָכן די ביינער, ס'האט געזשומעט אין קאָפּ און די הענט האבן בא אים געציטערט. אינעווייניק האט אים געלעכצט, געצויגן: דער בויך האט זיך ווי ארופגעצויגן צום גאָרגל. פון מויל האט געטראָגן אַ פוילקייט, און ער האט געשלוקערצט און געפילט דעם שווערן אָווער פונעם מויל. ער האט געוואָלט שפּייַען, איז אָבער קיין סלינע ניט געווען.

ער איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַריין אַ שאָקלנדיקער. די פוסטקייט אין די הוילקייט פון שטוב, דאס אומריינקייט און דאס קאָם־קאָם אָטעמען פון דער מוטער — האבן אים נאָך מערער פאַרשווערט און געדריקט זיין האַרץ. די לופט איז געווען אין שטוב, ווי פון פאַרצוויטעט וואַסער, און ס'האט זיך אים געדוכט, אַז דאס האט דער שלעכטער אָווער פון זיין מויל פאַרגאָסן די שטוב.

וואַסיורענקאָ האט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער לוטקע; די שטוב איז מיטאַמאָל ערגעץ דורכגעפאַלן, זיך פאַרדרייט און אַוועקגעשווימען פון אים העט ווייַט, ווייַט.

— דאָ איז מיר מייַן טויט, — האט ער אַ טראַכט געטאָן, פאַרמאַכנדיק די אויגן.

פונדעסטוועגן האט אים נאָך געקלעקט קויעך זיך צוזעצן אף דער ערד, כאָטש דער קאָפּ האט אים געשאָסן.

— מאַמע, — האט ער אַ זאָג געטאָן.

די קראַנקע האט קאָם אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ. ס'האבן אף אים גלייַכגילטיק געקוקט אויסגעלאָשענע אויגן פונעם געלן, אַזש בלאָוון פּאָנים;

אַריבער די אויגן האָט זיך אַראָפּגעשלאָגן אַ קאָלטענעוואַטע פּאַסמע נישטצעקעמטע סיווע האָר, און אינמיטן פּנים האָט געשוואַרצט זיך אַ ווילדע לאָך פונעם אָפענעם מויל. וואַסיורענקען האָט זיך געדאַכט, אַז די מוטער קוקט דורכן מויל און ניט דורך די אויגן. די מוטער איז ניט געווען צו דערקענען: דאָס פּנים אירס האָט אויסגעזען אינגאַנצן פרעמד, די קנייטשן, די שאַרפע נאָז און די פּעדימלעך, וואָס האָבן בא איר אַראָפּגעהאַנגען פון די אַקסלען אויפן אָרט פון הענט, האָבן אויסגעזען שרעקלעך.

— מאַמע, וואָלסט עפּעס געגעסן? — האָט אַ פרעג געטאָן וואַסיורענקאָ.

די קראַנקע האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן פונעם אָרט. זי איז געלעגן אויפן רוקן, די אויגן האָבן געקוקט, ניט געפינטלט. דעמאָלט האָט דער זון אָפּגעבראָכן אַ שטיקל ברויט, עס איינגעווייקט אין וואַסער און איר אַריינגעלייגט אין מויל אַריין.

— מאַמע, שלינגט אַראָפּ! — האָט ער איר געהייסן.

די קראַנקע האָט פּאַוואָלי אַראָפּגעשלונגען, אַ מאַך געטאָן מיט די ליפּן.

— מאַמע, שלינגט אַראָפּ! — האָט ער ווידער געהייסן.

צום אָנהויב האָט ער גלייכגילטיק געהאָדעוועט דער מוטער, און ווייטער האָט ער אָנגעהויבן פילן אין דער דושנער כאַטע ריינע, געשמאַקע רייכעס פון צעווייקט ברויט. דאָס גערוך האָט אים געקיצלט דאָס האַרץ און ער האָט געאָטעמט טיף, מיט פולע לונגען; ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן לעבל ברויט און אַ שמעק געטאָן. פונדערנאָענט, אויסטערלישע, שיקערע שטראָמען האָבן זיך געטראָגן. ער האָט אַ ציטער געטאָן. די סלינע האָט אים מיטאַמאָל אַ זעץ געטאָן פונעם מויל, ער האָט זי ניט אויסגעשפּיגן, זי איז אַראָפּגערונען מיט שווערע טראָפּנס פון דער באָרד אויף דער ברוסט.

— שוין צייט כ'זאָל אויך נעמען עפּעס עסן, — האָט ער מיט אופרעגונג אַ טראַכט געטאָן — כאָטש איין מאָל אין טאָג, שוין צייט...

וואַסיורענקאָ האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיקל, אַריינגעלייגט אין מויל אַריין און לאַנג געקייט, ניט אַראָפּשלינגענדיק; און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן גיך שלינגען, פאַרכיקענדיק זיך, און מיט יעדן שלונג האָט ער זיך ווי אָנגעגאָסן מיט רו און קויעך. ער האָט פּאַוואָלי זיך באַרויִקט און דער קאָפּ איז אים לויטערער געוואָרן.

— כ'בין נאָך גענוג געזונט. — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — עך, ווען ניט די מוטער — וואָלט איך דען פאַרפאַלן געוואָרן? כ'וואָלט אויף פּאָלטאַווּשטשינע,

צי אף קיעוושטשינע זיך א לאָז געטאן און וואָלט מײַנס פאַרדינט. די מוטער האט מיך... נאָר וואס וועסטו דא אופטאן? — כ׳בין דאָך ניט מאַריקע און ניט וואָלאָדטשענקאָ — כ׳זאָל דושען מענטשן. כ׳וועל שוין לעם דער מאַמען אַרומגיין...

און ווײַטער איז אים געוואָרן גרינגער אַפן האַרצן. הונגער־טרוימען האבן אים אַרומגעכאַפּט. ער האט געטו׳אַכט איצטער וועגן א מאַשין, וועלכע וואָלט געקאָנט לאָזן רעגן. אז מ׳קאָן אַזאַ מאַשין אופבויען — אין דעם האט ער ניט געצווייפלט; ער האט זיך נאר פאָרגעשטעלט, אַז אַזאַ מאַשין דאַרף זײַן עפּשער הונדערט מאָל גרעסער פון א פּאַראָוואָז, און דעריקער, דאַרף די „קישקע״, דורך וועלכער ס׳וועט פליסן די וואַסער, זײַן א גוואַלדיק לאַנגע, קעדיי זי זאָל קאָנען מיט איין עק ווייקן אין אָקעאַן. דורך דערדאָזיקער קישקע ציט מען אַרויס וואַסער אַזש אָט אַהער, דאָ וואַרפט מען זי אונטער אינדערלופטן און פון אויבן פאַלט שוין אַראָפּ א רעגן. פעלדער שוינען זיך, די זערנע גיסט זיך אָן און די זאַנגען בויגן זיך צו דר׳ערד פון שווערקייט... און דער דיאַדקע סטעפּאַן זאגט, אז מיר טויגן אף גאָרנישט. שפּײַ אויס און צעוויש... און א באַן איז אויך — שפּײַ? און א יאַראָפּלאַן? און ליסטריטשעסטווע אויך? אָ, ער האט געלייענט, אַז ווען ס׳וועט אָנקומען די קאָמונע — וועט אומעטום זײַן ליסטריטשעסטווע. און הונגער קאָן זײַן בעשאַס קאָמונע? ער ווייסט, אַז קאָמונע איז א גוטע זאַך, — נאָר דאס פאָלק אָבער, גיי רייד. אָט טימיש אודאָווענקאָ, אשטייגער, וואס האט געהאלפן דעם פּאָרעץ אַרויסטרײַבן און איז אַרומגעגאַן מיט א רויט טיכל אַרומגעבונדן און די גאַנצע צײַט געשריגן פאַר דער פרײַהייט — האט זיך איצט צו סאָכרערײַ צוגעכאַפּט, פאָרט אַרום אַיינקויפן ברויט און זאגט:

— פאַרוואָס זאָלט איר זיך ניט צונויפקומען און מיר גוט אַרײַנלייגן אין די יאָרן אַרײַן, וואס כ׳האב אײַך אַמאָל פון פּאַנטעליקע שיר ניט אַראָפּגעקלאַפּט?

און דער לערער זאגט:

— קאָמונאַ — איז א פײַג אונטער דער נאָז.

— א נאַריש פאָלק! ברויט גיט אונדז, זאגן זיי. מיר וועלן אונדזערס אָן קאָמונע דורכלעבן. אומעטום טויט... אַלטס און יונגס — טויט, טויט, קיין וועלט ניטאָ, און אַליין זיצט מען אַפן אָרט און מע רוקט זיך ניט — נו, קאָסעט עס זיי... — נאַראָנים, — האט ער אף א קאָל א זאג געטאן און באַמערקט עפּעס אומרויִקס. א דערשראָקענער האט ער

אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן אַרום זיך. לעם אים איז געלעגן, אַף דעמזועלבן אָרט, ווו נעכטן, דאס לעבל ברויט, בלויז א קליין אָפּגעבראָכן רעפטל. ער האט זיך ניט געוואָלט גלויבן: ער האט זיך איינגעבויגן, א זוך געטאָן אַף דר׳ערד — עפּשער איז אַראָפּגעפאַלן א שטיקל. ניין, ניין. דאס האט ער אופגעגעסן דאס גאנצע ברויט און אַליין ניט באַמערקט. שרעק האט אים אָנגעגאָסן פול א פולן. ער איז געבליבן שטיין, ווי א דראָנג האָלץ.

— א מיִעסע בריִע וואס כ׳בין, — האט ער געשעפּטשעט, — די מוטער באַראַבעוועט. פון ווייטיק און פון סינע איז ער אַזש גרוי געוואָרן. אַף דער מוטערס זייט האט ער זיך געשעמט א קוק טאָן, ס׳איז אים מיִעס געווען צו הערן, ווי ס׳גרימט בא אים אין בויך. ער האט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— גייט עס צו אַלדי!

בא אים אינעווייניק האט זיך ווי עפּעס אָפּגעריסן און מיטאַמאָל איז אים גלייכגילטיק אַלץ געוואָרן. ער האט פּאַוואָלי אַרויסגעשלעפּט פון אונטער דער מוטער די שמאַטעס, וואס זיינען אונטער איר געלעגן, גע־נומען די ווענטקע און אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. אין הויף האט ער אָנגעגראָבן ווערים. מ׳האט געדאַרפט גראָבן לאַנג און טיף, ביזוואַנען ער האט זיי דערביוועט. דערנאָך איז ער אוועקגעגאַנגען צום טייך. די היץ פון דרויסן האט אים געמאַכט נאָך מערער גלייכגילטיק.

וואסיורענקא איז צוגעגאַנגען צום טייך און זיך אפּגעשטעלט, די וואַסער איז געלעגן פאַר אים א שטילע, אַן אומבאַוועגלעכע און אָפּ־שפּיגלדיק אַף איר דעק דעם הימל דעם באַרמינען, דעם הימל אין כמאַ־רעס. דאס זאַמד און די שטיינער האָבן אים געבריט די פיס.

ער האט זיך אויסגעטאָן און אנגעהויבן וואַשן. ער האט אומראַכמאָנעס־דיק געריבן און געפּראַטשעט די געלע אומריינע טראַנטעס, געריבן אין זאַמד, געקלאַפּט איבער שטיין און געשווענקען אין וואַסער. דערנאָך האט ער צעהאַנגען דאס גרייט אַף די שטיינער, און אַליין, א נאַקעטער, האט ער זיך אַוועקגעזעצט כאַפּן פיש. ער האט געבלאָנקעט פון שטיין אַף שטיין, אַלעמאָל אַפּסנײַ פאַרוואָרפן די ווענטקע. א באָבער האט ער געכאַפּט — האט ער אים געהאַלטן אין האַנט, — און מער האט ער גאָרניט געכאַפּט. דאס גרייט האט זיך אויסגעטריקנט, בעהיימעס זיינען אנגעקו־מען זיך פּאָיען. קינדער האָבן זיך געבאָדן. וואסיורענקאָ האט אַריינ־געוואָרפן דעם געכאַפּטן באָבער אין טײַך אריין און איז אַוועק צוריק אַהיים.

אינדר'היים האט ער זיך ניט געפונען קיין אָרט; פריער האט ער זיך צוגעזעצט אין דרויסן פון כאַטע, דערנאָך איז ער אריַינגעגאַנגען אין קאַמער אריַין; דא איז געווען קילער, האט ער זיך אַוועקגעלייגט. באַלד אָבער איז ער אופגעשטאַנען, ווידער אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַריין — די זון האט אים געשמעקט גליַיך אין פּאַנים אַריַין, איבערן קאָפּ האט זיך געצויגן דער הימל, ווי א פלאַמיקער טעפּיך, און אַרום איז געווען שטיל און די כאַטעס — טויט.

— איז ווי אַזוי איז דאס געשען? — האט ער זיך געטראַכט. — ווי אזוי האָב איך עס ניט באַמערקט? עך, מ'זאגט דאך: הונגעריק — אומזיניק.

וואסיורענקאָ האט געקוקט דעמדאזיקן געדאַנק לאַנג, ביזוואַנען ס'איז אים פּריקרע, אומעטיק און מיִעס געווארן. דער קאָפּ איז בא אים אַראָפּגעהאנגען, די הענט — מל'יאָווע. ער האט א קוק געטאָן אַפן אייַנ־געפאַלענעם קעלער, אַפן בוריאַן אין הויף און אף זייַן כאַטע אין „רעמל".

— הע־הע, האט ער הויך א זאג געטאָן, — ס'נעמט שוין א סאָף... אַן אַנדערער קען כאַטש א שטוב פארקויפן, און איך — א פּייַג.

ער האט אַראָפּגערוקט דעם דאַשעק פון היטל איבער די אויגן און זיך אַוועקגעלאָזט אין „זבאָרניע".

לעבן דער „זבאָרניע", ווי שטענדיק, איז געשטאַנען אַסאַך אוילעם. קיין באַלעגיפים, פּארשטייט זיך, האט מען דא ניט געזען. וואס האבן זיי דאָ צו טאָן?.. די פרויען זייַנען געשטאַנען באַזונדער, די מאנסבלען באַזונדער, און קומען זיי זיך צונויף, הייבט זיך אוף א ל'יאַרעם. הייַנט איז אַזוי: אַלע — איין קופּע. אינמיטן שטייט די אַלטע קאנדזיוביכע און אַנטקעגן איר — סטעפּאַן, א צעפּאַטלטער, אָן א היטל.

— כאָסעדרייע ביסטו, אַלטע, — האט ער געזאגט, — האָר סיווע און סייכל אף קיין האָר.

— און דו ביסט א פּאַרשיאָלטענער, — האט געל'יאַרעמט די אַלטע, — און דו ביסט אַן אַנטיכריסט! אַוועקט פון אים, מענטשן, דער סאָטן ליגט אין אים. קומט מיט מיר אין גאָרטן אַריַין, וועל איך אייַך וויַיזן. מיט מייַנע אויגן געזעען — מיקאָלע אוגאָדניקס איקאָנע איז אינגאַנצן א נייַינקע געווארן. אוילעם איז זיך צונויפגעלאָפן א וועלט און די באַלשעוויקעס מיט קאָנטשיקעס צעטרייַבן. גאט מייַנער, אָט א וונדער!

— גאָט האט זיך אַף אונדז דערבאַרעמט און הייסט אונדז לייַדן. בין איך אַנידערגעפאַלן אף די קניִעס און פרעג: גאָטעניו, ס'וועט זייַן א

געֶרעטעניש? און איך הער: עמעצער שעפּטשעט — ס׳וועט זײַן א גע־רעטעניש! שנײַדט מיך און בראָט מיך, אויב איך זאג א ליגן!

— א וואס פאַר גאָט האט עס מיט דיר גערעדט? — האט איר גע־פרעגט סטעפּאַן; — עך, אַלטע! עפּשער וועט מיר גאָט א לעבל ברויט אָפּבאַקן? נאָר איר רעדט מיט גאט, און קיין נוץ פון אים איז ניט צו זעען. איקאָנעס באַנײַט ער, אָ, און וואס קען מען האבן דערפון?

די פויערים האבן זיך צעלאַכט.

— גאָט זעט, אַז מיט מענטשן האט ער ניט וואס צו טאן, — האט אַרײַנגעזאָגט דער דיאַדקע פּיליפּ, — רעמאָנטירט ער זיך.

אָבער די פּאָלאָדיצעס האבן שוין אַרויסגעפירט די אַלטע קאַנדזיור־ביכע פונעם רעדל אין א זײַט און זי האט שוין געהאַלטן אין ווײַטער־דיקן דערציילן. דיאַדקע סטעפּאַן האט א שפּײַ געטאן:

— אוי, איז זי א מיעסע קלאַוטע, די אַלטע מעכאַשייפע! זי מאַכט נאָר מוטנע אַרום. נאָר וועגן גאט פּריידיקט זי. וואס איז דאס פאַר האָפן צו גאט, אַז מיר וועלן געשוואָלן פון הונגער? מיר זעען דאָך אונדזער לעבן. וואס זאָלן מיר זיך אָפּנאַרן? מיר פּייגערן פון הונגער! אט וואס...

— מיר פּייגערן, נאָר ניט אַלע, — האט א זאג געטאן דער נידעריטש־קער פּיליפּ. — טעמיש, זעסטו, האט שוין פאַר דער טאָכטער א פּיאַנע געקויפט, א לערער אַף פּיאַנע אַראָפּגעבראַכט. ער לויבט זיך פאר אַלע־מען, אַז נאָך הײַנטיקן ווּעסנע מוז ער אומבאַדינגט קויפן א מעלויעצע־מאַשין, — באַ מיר, זאָגט ער, פּאַ־יעווראָפּייסקאָמו וועט זײַן.

— צען קאַטעס האט ער שוין אָפּגעקויפט, — האט אומעטיק עמעצער צוגעגעבן, אַז פאַר צוויי פּוד גערשטן האסטו א קאַטע!

— עך, ווען אַלע האבן ברויט געהאַט, איז דעמאָלט א ראַזוויערסטקע געווען, און אַז נאָר די באַלעגופים האבן ברויט, האט מען אײַנגעפירט דעם פּראָדנאַלאָג. באַ די באַלעגופים נעמט מען דאס איבעריקס ניט צו, איז ווי אַזוי זאָלן מיר ניט פּעגרען פון הונגער?

א גאַנצע קאָמפּאַניע איז געשטאַנען לעבן דער „זבאָרניע", באַ אַסאַך זײַנען די פרויען געשטאָרבן, די קינדער זיך צעלאָפן, די שטוב האט מען פאַרקויפט פאַר 2 פּוד גערשטן; ווײַל וואס דאַרף מען א שטוב, אַז קיין פרוי איז ניטאָ, קיין באַלעבאַטישקייט ניטאָ, ביסט אײנער אַליין, עלנט ווי א שטיין. קומט מען מיט די פּודן צו דער „זבאָרניע"; אָט דאָ וווינען זיי, די גרויסע וואַנסאַטע יעסורימים, ביז וואַנען זייערע פּודן וועלן אויסגיין, און אַז ס׳וועט גאָרניט בלײַבן פונעם ברויט — וועט מען אָנהייבן

געשוואָלן ווערן. אַן אַנדער ברייִרע! היינט איינער, מאָרגן דער צווייטער. און קוקסט זיך אַרום, איז ער פּיפּטער. מ'וועט אים אָפּטראָגן אַפן צווינטער, מ'וועט אים באַגראָבן און אַף זיין אָרט זיצט שוין אַן אַנדער יאָסעם. ס'ווערט ניט ווייניקער אין צאָל! נעכטן איז געשטאָרבן וואַסיל, היינט — פּאַנאַס, מאָרגן — איך. און אַזעלכע ווי דער דיאַדקע פילים, פלעגן זיך ווערטלען:

— ווי גיך, — פרעגט ער, — וועל איך מיטן קאָפּ פאַרלייגן?

מ'האט זיך געמוטשעט שטיל, געבאַהאַלטן זיך. אַז ס'פלעג שווער ווערן, פלעג מען אָפּגיין קרעכצן אין א זייַט, און צווישן מענטשן זייַן פריילעך — כניקע ניט! ס'איז דאָך אַלעמען שווער, ביסט ניט איינער.

און ס'איז אַזוי פּראָסט: שפּאַנט, שפּאַנט אַן אויסגעדייוועטער מענטש, אַזש די ביינער קנאַקן, מיטאמאָל, זעסטו, הייבט ער אָן קייַלעכיק צו ווערן, ווי ער וואָלט זיך מיט זאַפט אָנגעגאָסן, דעם שטיוול פון פוס ניט צו אַראָפּנעמען. אַזוי גראָב ווערט ער מיטאמאָל. נאר ווי דאס פּאָנים ווערט בלאָוו, ווי א מילץ — דעמאָלט מעגסטו יאָ געבן, ניט געבן עסן, ס'וועט אַלציינס ניט העלפן. געשוואָלן — און א סאָף, אַן עק. ער וועט א קריך טאָן אַביסל און אין מיט גאַס, אָדער הינטער א פּאַרקן, לעבן א כאַטע, — וווּ ס'וועט אויסקומען, — וועט ער שוין אַנידערפאַלן אַף אייביק.

— אָט גייט מיין אויסלייזער! — האָט א זאָג געטאָן דיאַדקע סטעפּאַן, ווען וואַסיורענקאָ איז צוגעקומען.

— וואס מאכסטו, באָכער, ווי לעבט זיך?

— שלעכט, — האט יענער געענטפערט, — ס'טאגט שוין בא מיר. אט דאס בין איך געקומען פרעגן — ווי מאַכט מען ברויט פון קורייַ?

— לאָז צורו, — האט דיאדקע פילים א זאג געטאָן, — זאָלסט זיך ניט דער־וועגן באַקן. קורייַ צענעמט דעם בויך, באַלד ווערסטו געשוואָלן און — אַף יענער וועלט.

— איז ווידער שלעכט, אַז ס'איז ניטאָ באַ וואס זיך צו פאַרטשע־פּען, — האט אָפּגעזיפצט וואַסיורענקאָ.

וואָס דאַרפסטו זיך פאַרטשעפּען? — האט דיאַדקע סטעפּאַן א מאַך געטאָן, — לאז זיך אַראָפּ אַפן דנאָ. ס'איז דאָך אַ כויזעק — מוטשעסט זיך, מוטשעסט זיך, האַרציקער, דו וועסט אַלציינס די פיסלעך אויסציִען. גיב אַ קוק, ווען איך בין אַהיים געקומען נאָכדעם, וואס דו האסט מיך גע־ראַטעוועט, האט מען שוין מייַנע פונלאנג צו גאָט אָפּגעטראָגן. און די

בעווערע, די פינף, די קינדער, נעמט ניט דער רועך. מ'איז מיך באַפאַלן, מ'קוקט אַף מיר. האב איך א זעץ געטאָן מײַן קולעק איבערן טיש — אַנטלויפט צו אלדי, אז איך זאל אײַער דעך דאָ ניט הערן! האבן זיי זיך דערשראָקן, זיך צעשיט, ווי די געלע מײַז. כ'האב פאַרשלאסן די כאטע און בין איבערגעגאנגען אין „זבאָרניע". דיין שוואָגערוק, קאָרניטשוק, גיט מיר אָנדערהאלבן פוד פאר דער כאטע און איך נעם ניט, זאל ער זיך וואַרגן. וואס וועל איך האבן פונעם פוד? — די קינדער וועל איך ניט אָנהאָדעווען, זיך ניט ראַטעווען; ברענט עס! וועל איך אַוועקפֿייגערן, וועלן מיך די ווערים עסן, וועל איך וויסן, אז כ'האב געלעבט. ריכטיק, כאַווער? — ער האט א קלאפ געטאן איבער דער פלייצע דעם דיאדקע פיליפ.

דער נידעריטשקער דיאַדקע האט זיך צעלאַכט:

— אזא סטערווע וועלן אפילע די ווערים ניט עסן.

די מאָלאדיצעס האבן אַוועקגעפירט די אַלטע קאָנדזיובּיכע, זי אָנהאָדעווען — זי האט פון קאָהעל געלעבט. לעם דער „זבאָרניע" איז געוואָרן שטיל; מ'איז געזעסן קופקעסווײַז און שטיל געשמועסט. אָבער וואַסיורענקאָ האט זיך דערוווּסט א שטיק נײַעס — מאָרגן וועלן קומען אַמעריקאַנער און וועלן טיילן עסן פאַר די קינדער און קראַנקע. קיינער האט אין דעם ניט געגלויבט. וואַסיורענקאָ איז אַרײַנגעגאן צום סטאַראָסטע פארשרײַבן די מוטער, און דער סטאַראסטע זאגט:

— מיר האבן שוין גענוג געשוואָלענע פאַר די אַמעריקאַנישע צוזאָגעכצן.

און די אַמעריקאַנער זיינען טאַקע געקומען. נישט אַף מאָרגן נאָר אין דרײַ טעג אַרום, און נישט קיין אַמעריקאַנער, נאר די אָנפירערס פונעם פאָוויט. מ'האט צונויפגעקליבן עטלעכע מענטשן, פון די אָנגעזעענסטע — דעם סטאַראסטע, דעם לערער, טעמישן און א געוועזענעם קרעמער. — מ'האט זיך געייצעט, און אופגעעפנט אַ גאָרקיך. די פרויען האבן זיך געשלאָגן פאר דעם, ווער ס'זאל קאָכן און די אלטע קאָנדזיוביכע האט געזאגט:

— עסט ניט, מענטשן האַרציקע, רירט זיך ניט צו צום סאַם. ס'איז דאָך פונעם סאָטן; איר זעט דאָך, אַז יידן פירן דאס עסן. פו־פו־פו!..

אַז מ'האט ארויסגעגעבן דעם ערשטן אָנבײַסן, איז דאס גאנצע דאָרף געשטאנען לעבן דער קאהעלשער כאַטע. מ'האט ארויסגעגעבן נאָר די, וועמען דער סטאַראסטע האט פאַרשריבן. מ'האט אַרויסגעגעבן קאַשע

מיט מילך, ווייס ברויט, און צו אַ גלאָז קאַקאַאָ. די גליקלעכע פלעגן גיך אַוועקגיין און די איבעריקע פלעגן אומעטיק זאָגן:

— האַלעווײַ וואָלט מען בעסער געגעבן גערשטן־ברויט, נאָר אַלעמען. אָט דאָס איז דער עמעס.

מ׳האָט גערעדט, אַז דער סטאַראָסטע האָט פאַרשריבן נאָר דעם, וועמען ער האָט געוואָלט, און זיך האָט ער פאַרשריבן אַזש צוויי מאָל. און די אייגענע זיינע און זיינע גוטע פרײַנט.

דער אוילעם פון דער „זבאַרניע" איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט שטיל־שווײַגנדיק, ביזוואַנען מ׳האָט ניט געענדיקט דאָס אַרויסגעבן.

— אָט אַ כאָכמע, — האָט געזאָגט דיאַדקע פיליפ, — מ׳טיילט פאַר די קינדער, פאַר קראַנקע און מיר געהערן ניט צו דער קאַטעגאָריע.

און ווו זיינען מיינע קינדער — האָט דיאַדקע סטעפאַן זיך דער־מאָנט, — צעזייט און צעשפּרייט, ערגעץ צעלאָפן זיך ... ס׳איז טויזנט מאָל בעסער — אַז זיי וועלן אַוועקשטאַרבן קליינערהייט, — וועלן זיי פון קיין צאָרעס ניט וויסן.

מ׳האָט גערופן צעהאַקן האָלץ פאַר דער גאָרקיך, האָבן אָבער די פויערים פון דער „זבאַרניע" שוין ניט געהאַט קיין קויעך. און דער דיאַדקע סטעפאַן האָט באַוויזן זיין האַנט — זי איז געווען געשוואָלן, פוכקע, ווי בא אַ קליין קינד. ער איז געשוואָלן געוואָרן, דער דיאַדקע.

וואַסיורענקאָ האָט אין אײַלעניש געטראָגן דאָס עסן צו זיך אַהיים. ער איז געבליבן אָן קויכעס פונעם אויסשטיין אין ריי און פונעם הונ־גערן דרײַ טעג נאָכאַנאַנד, ווײַל דאָס לעצטע שטיקל ברויט האָט ער באַהאַלטן פאַר דער מוטער. זיין פּאָנים איז געוואָרן ווי אַנדערש: די באָרד איז אים געוואַקסן קופּקעסווײַז, די אויגן זיינען אײַנגעפאַלן, און די נאָז איז געוואָרן אַ דינינקע, ווי אַ שפּענדל. אַליין האָט ער זיך אויסגעצויגן אינדערהויך און אויסגעזעען אַ שרעקלעך הויכער. ער האָט באַקומען אַ געוווינהייט — זיך רײַבן דאָס פּאָנים מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט אָפּגעווישט דעם אָנגעלאָפּענעם שוויס.

ווען ער איז אַרײַנגעקומען אין כאַטע אַריין, האָט וואַסיורענקאָ קאָם איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און אויסגעכריפּעט:

— מאַמע, איר הערט ... מ׳האָט געגעבן, כ׳האָב געבראַכט ...

ער האָט אַף אַ מינוט פאַרשמורעט די אויגן, זיך אָפּגעווישט מיט דער דלאָניע דאָס פּאָנים. ער האָט זיך געוואָלט אײַנבויגן צו דער מוטער.

די מוטער האט זיך ניט אָפּגערופן. דער זון האט אַנידערגעשטעלט דאס עסן אַף דר'ערד און זיך איינגעבויגן צו דער קראַנקער מוטער — זי איז שוין געלעגן טויט. ער האט מיטאַמאָל דערפילט די טויטלעכע קעלט פון איר לייב, אָבער ער האט זי געמינטערט, גערופן:

— מאַמע, איר הערט! כ'האב געבראכט עסן. עסט... קאַשע, גוט ברויט... מאַמע, איר הערט?

די מוטער האט געשוויגן. וואַסיורענקאָ האט זיך אופגעהויבן און אַ מאַך געטאן מיט דער האנט:

— עך, טאַקע ניט אויסגעהאלטן, שוין א מאַזל אזא; א גאַנץ לעבן זיך אָפּגעמוטשעט און אָוועקגעשטאָרבן אין א שווערער שאָ. עסן גע־קראָגן,— איז עס איבעריק. ווער ווייסט, עפשער ווען ער וואלט דעמאָלט ניט געווען אופעסן דאס ברויט, וואלט זי עפשער לעבן געבליבן. און איצטער איז אַלץ פארפאלן: נישט אים, נישט איר.

וואַסיורענקאָ האט זיך אַוועקגעזעצט אף דער ערד און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ס'האט אים ווײ געטאן יעדער גליד פון קערפּער, ס'האבן אים געקלעמט הענט און פיס, אין קאָפּ איז אים געווען קאַלט און אין מויל טרוקן.

מיטאַמאל האט ער זיך דערמאָנט וועגן דעם עסן, וואס ער האט גע־בראַכט. אַלעמיי זאָל עס לעיבעד גיין? די מוטער איז געשטאָרבן, דאַרף זי גאָרניט, אָבער ער קאָן עס אופעסן.

וואַסיורענקאָ האט גענומען די שיסל אין האנט און פּלוצים שטאַרק זי אַרומגעכאַפּט. אַ מין מעשוגאַעס האט אים אַרומגעכאַפּט נאָכן ערשטן שלונג: ער האט געריסן דאס ברויט, געקרעכצט, געשלוקערצט און צו־געפאלן צו דער שיסל מיטן גאַנצן פּאָנים. אין א מינוט האָט ער זי אויסגעליידיקט און אויסגעלעקט מיט דער צונג. דאס עסן האט באַ אים אויסגעזויגן דאס לעצט ביסל קויעך; ער איז אַנידערגעפאלן אַף דער ערד און געלעגן, זיסלעך זיך קוויקנדיק מיטן וועלקן פון זיין קערפּער, מיט רו און מאַטקייט.

פאַרנאכט האט ער זיך אופגעהויבן און זיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער. ער האט זיך געפילט שלאַבעריק, נאָר מוטיקער, ווי פריער. איצטער, נאך דער מוטערס טויט,— היי, זיינען אים אָפּן די וועגן! ער וועט זיך אָנדינגען, ער וועט ווערן א מענטש. ער וועט פאָרן אַף קיעווסקשינע, צי אַף פּאָלטאַווסקשינע. אף ברויט וועט ער אומעטום פאַרדינען, אן אָרבעטער איז ער אַ גוטער, א איבערגעגעבענער.

ער האט זיך א צי געטאָן, נאָר די הענט האבן זיך אים אַראָפּגעלאָזט. ער האט ניט קיין קויעך... ווי טויג ער איצטער צו דער אַרבעט, ווער וועט אים נעמען? און דער וועג איז דאָך א ווײַטער, ער וועט ערגעץ אומפאַלן, אַוועקשטארבן אין וועג, אינמיטן סטעפּ.

אומעט און נודניש האבן אים אַרומגעהילט. ער האט זיך דערמאָנט, אַז אין שטוב ליגט א מעס, איז אים אַביסל שרעקעדיק געוואָרן, ביינאַשמאָשעס. ער האט אופגעעפנט די טיר — אָפן הימל איז אופגעגאנגען אַ בלייכע לוואָנע און אָפן האָריזאָנט האבן זיך געצילעוועט שטערן.

וואַסיורענקאָ האט צונויפגעדרוקט דעם פויסט. צום ערשטן מאָל פאַר דער גאנצער הונגער־צײַט האט זיך אופגעכאַפּט אין אים אַ פאַרדראָס און אים צונויפגעקלעמט דאס הארץ. ער האט זיך אָנגעברויגעזט און אַראָפּגעלאָזט די ברעמען.

— אַזוי, — האט ער זיך געטראַכט, — געהאָדעוועט, לעבן איר אַרומגעגאנגען און איצטער ציט זי מיך צו זיך. לעבן און אַרבעטן האט זי געקענט און שטאַרבן זיך ניט אויסגעלערנט. עך, ניטאָ וואס צו ריידן!

ער האט געפילט, אַז די קויכעס גייען אים אויס, אַז ער וועט דעם הונגער ניט איבערלעבן, און אַ שטאַרקער ווילן צום לעבן האט אין אים אופגעפלאמט, ווי אַ העליש פײַער. ער האט געוואָלט אַרבעטן, ער האט געוואָלט זיך לערנען, איז גיי, כאָטש צי זיך אויס. ס'האט אין אים געברענט יעדער אייווער.

און וואָס וואלט דען געשען, ווען איך פאַרשווײַג, אַז די מאַמע איז געשטאָרבן, און דערצייל קיינעם ניט? ער איז אַזש דערשמעליעט געוואָרן פון דעמדאזיקן געדאַנק. ארויסגעבן עסן וועט מען פאַר איר און איך וועל זיך האָדעווען: כאָטש אף דרײַ־פיר טעג, ביזוואַנען איך וועל געזונטער ווערן — זיך קענען אָנעמען מיט קויעך, אַוועקגיין פונעם דאָרף און צו עפּעס זיך דערשלאָגן.

דער געדאנק האט אים פאַרכאַפּט און ניט אָפּגעלאָזט. דרײַ טעג שווײַגן — און ער איז געראטעוועט.

אָבער ווי האלט מען דרײַ טעג אַ מעס אין שטוב בײַ אַזעלכע היצן? ס'וועט זיך דאָך פילן איבער די גאסן; אַרויסטראָגן דעם קערפּער... — וועט מען זעען. איז דאך ווידער שלעכט. וואָס טוט מען, וואס פאַר אַ אייצע גיט מען זיך?

ער איז געשטאַנען א פאַרקלערטער און געפילט זיך פאַר שטארק אומגליקלעך. און לעבן האט זיך געוואָלט, אוי, נאָך ווי אַזוי!

דרײַ טעג — דרײַ טעג און ער איז געראַטעוועט.

ער איז געשטאַנען לאַנג, ווי אַ געפּלעפּטער. די לעוואָנע איז גע־שווומען אין מיט הימל, און פון טײַכל האָט זיך געקײַקלט אַ קילבלעכקייט. ער האָט איבערגעכאַזוערט צו זיך אַליין, איבערגעכאַזוערט עטלעכע מאָל:

— אויס מאַמע. ניטאָ די מאַמע.

מיטאַמאָל האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט. ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין כאַטע מיט פולן שפּאַן, ארומגענומען דעם מעס מיט די אָרעמס, אַרויסגעטראָגן אים און אַ וואָרף געטאָן אין אײַנגעפאַלענעם קעלער אַרײַן. דערנאָך זיך צוגעהערט — שטיל, שטיל.

אויף מאָרגן האָט וואַסיורענקאָ זיך געבראַכט עסן. ווען ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין כאַטע, האָט ער פון שרעק שיר ניט אַרויסגעלאָזט די שיסל פון דער האַנט: אויף דער ערד איז געלעגן זײַן מוטער. ער איז געבליבן שטיין און די האָר האָבן זיך בײַ אים אויפגעשטעלט. דער־נאָך האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דאָס האָט ער בײַנאַכט אַליין אומיסטן אוועקגעלייגט אַ הייפל שמאַטעס, קעדיי מענטשן, וואָס וועלן אַרײַנקומען פון דער גאַס, זאָלן מיינען, אַז ס׳ליגט אַ מענטש.

ער האָט אַוועקגעשטעלט די שיסל, אָבער דער שרעק האָט אים ניט פאַרלאָזט. ער האָט אַרומגעקוקט די כאַטע — זי איז געווען ליידיק, אַרומ־געקאַלופּעט, פול מיט שטויב.

ער איז געווען שרעקלעך מיד, אָבער ער האָט זיך אויפגעהויבן, — ניין, ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. קיינמאָל האָט זײַן האַרץ ניט געקלאַפּט אַזוי היציק; ווי מיט אַ שלײַפערל האָט אים געשניטן דער געדאַנק: ער האָט אַרויסגעוואָרפן זײַן מוטער, ווי אַ נעווײלע, ווי אַ געפּייגערטן הונט. זײַן ערשטער פאַרלאַנג איז געווען אַנטלויפן ערגעץ ווײַט־ווײַט, און דער ווינט זאָל אים ניט דעריאָגן און ניט כאַפּן, אָבער ער איז גע־ווען צו שלאַבעריק, און פון מינדסטער באַוועגונג האָט אים וויי געטאָן.

— וווהין לויפט מען? — האָט ער זיך געטראַכט פול מיט ייִעש, — אַז איך בין אויסגעהונגערט... איך וועל שוין אַזוי אומקומען...

ער האָט זיך געריבן דאָס פּאָנים און אָנגעברויגעזט די ברעמען.

ער האָט זיך גענומען באַרויִקן. דאָס נעכטיקע האָט זיך אים אויסגעוויזן גאָרניט אַזוי שרעקלעך. קיין מענטשן האָט ער דאָך ניט געקוילעט. באַלײַטנס איז בעסער? הע, ער האָט געזען אַנדערע זין און טעכטער, כאָטשבי זײַן מאַריקע אַליין. ווער קאָן אים עפּעס אויסוואָרפן?

— אוי, בין איך א באָק,— האָט ער זיך געטראַכט,— נאָך א מין באָק! ס'איז א נאַרישקייט, כ'וועל לעבן, כ'וועל אַרבעטן און כ'וועל נאָך צונויף קומען. איך וועל זיך לערנען, איך וועל גראָבע ביכער לייענען, יעדער ביכל איז ווי די זון גייט אויף. ס'איז ביטער געווען זיך לערנען אַמאָל, אָבער איצטער איז דאָך אַנדערש,— אויס פריצים, ס'איז אונדזער ריי איצטער.

ער האָט ווידער געטרוימט וועגן קיאָווטשינע און פּאָלטאַווטשינע. ווי זאָגט קאַרניטשוק — נישט קיין הונטיש פליש, נאָר שינקע לייגט מען דאָרטן אין באָרשטש אַריין; פאָר אַהין, וועסטו דאָרט גוט פאַרדינען!

ער האָט גענומען דעם מיטאָג אין די הענט, אַוועקגעשטעלט און אַליין זיך אַוועקגעזעצט לעבן דעם בערגל שמאַטעס. ער האָט זיך עפּעס מאָדנע געפילט, ווי א מענטש, וואָס ער האָט אופגעהויבן א צו שווערע מאַסע; ער האָט ניט געהאַט קיין קויעך, ניט קיין געדאַנק אין קאָפּ — אויסגעקאָסעט, צעטראָטן און מיטן ווינט צעשאָטן.

דער טאָג האָט זיך געצויגן לאַנג; אָט-אָט האָט זיך געדאַכט, אז עס וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן. וואַסיורענקאָ איז געזעסן צונויפגעדרייט, און געפילט, ווי ס'ווערן פאַרשטיינערט די פיס און געליימט די הענט. ער האָט ניט געוואָלט זיך אופהויבן, אין קאָפּ — א גרויקייט, א איין-סאָפּיקע, ווי צווישן שנייען און סטעפּ, באַנאַכט. ס'פלעג אים אַרופשווימען א געדאַנק, אַז וויבאַלד א מעס — איז ער דאָך אויס מענטש; אַז א מענטש איז מען ביסקל מ'שטאַרבט, און שטאַרבט מען... און ווידער האָט ער געטראַכט וועגן פּאָלטאַווטשינע, ווו ברויט איז דאָ אַסאַך און אויך פאַרדינען קאָן מען, און די געדאַנקען, דידאָזיקע עפּעס פאַרנעפּלטע און פרעמדע, זיינען צעגאַנגען אין גרויקייט פון מויעך.

שטיל איז אָנגעקומען דער אָוונט. וואַסיורענקאָ האָט אים באַמערקט, ווען ס'איז שוין געוואָרן נאַכט. ער האָט זיך קאַם אופגעהויבן און מיט קאַעס צעוואָרפן אין אַלע זייטן די צונויפגעדרייטע שמאַטעס, דערנאָך איז ער אַרויסגעגאַנגען און אַוועקגעשטעלט זיך לעבן קעלער.

— דער געוויסן מוטשעט,— האָט ער א טראַכט געטאָן,— אָט וואָס. ער מוטשעט, ער פּאַלמעסט, ער עקט מיך. איך בין פאַרפאַלן!..

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אף דער פריזבע און זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט פאַרן קאָפּ. ווען ער האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ, האָט שוין געטאָגט, אַף מיזרעך-זייט זיינען געשווימען ראָזע כמאַרעלעך, געקייקלט זיך, זיך אָנגעגאָסן מיט פלאַם און ס'איז אופגעגאַנגען די זון.

דעמזועלביקן טאג, — און עפשער אָפּן צווייטן — איז געקומען צו גיין מאַריקע. זי האט געפונען דעם ברודער אין כאַטע — ער איז געלעגן אף דער ערד און זיך ניט גערירט.

— לעבסט נאָך? — האט זי צו אים א רוף געטאן.

ער האט זיך אופגעהויבן, געקוקט אף דער שוועסטער, ווי ער וואָלט איר ניט דערקאָנט.

— וואס האסטו אויסגעגלאָצט א פּאָר אויגן? דאס בין איך, מאַריקע. מ'זאָגט, אַז די מוטער איז געשטאָרבן. פאַרוואָס גייסטו ניט נעמען עסן?

— געשטאָרבן, — האט ער געענטפערט.

מאַריקע האט דערזען אף דער ערד א שיסל מיט קאַשע, קאקאאָ און א שטיק ווייַס אַלטגעבאַקן ברויט. פליגן האבן זיך אָנגעזעצט אף דעם, ווי שוואַרצע כמאַרע.

— האָ! — האט זי אויסגעשריגן, די אַמעריקאַנער טיילן אַזאַ עסן! אַנו, גיב פאַרזוכן!

וואַסיורענקאָ האט זיך א וואָרף געטאן אף איר און מיט א צעדולטקייט א געשריי געטאן:

— טשעפּע ניט! ס'איז דיר קאַרג דייַן אייגנס!

— ווייַ־וויי, — האט זיך מאַריקע איבערגעציילעמט, טפו אף דיר. קוק אים נאָר אָן, ווי ער איז משוגע געווארן. כאַפּט דיך דער רוען; זאג, ווו האסטו די מאַמע אַהינגעטאן. האָסט זי באַהאַלטן?

ער האט געשוויגן. מאַריקע האט זיך צעלאַכט.

— עפּעס קיינער האט ניט געזען, ווו דו האסט זי באַהאַלטן... ווו איז זי?

ער האט געשוויגן. מאַריקע האט א געשריי געטאן:

— פאַרשאָלטענער! דו האסט זי אופגעגעסן!

זי איז אַרויסגעלאָפן. וואַסיורענקאָ איז געבליבן זיצן און בייז געקוקט, ווי די פליגן האבן באַדעקט דאס אַמעריקאַנער עסן.

עפּשער אין א מינוט אַרום איז דער גאַנצער אוילעם פון דער „זבאָרניע" שוין געשטאַנען לעם וואַסיורענקעס כאַטע. אַלע זיינען געלאָפן קוקן — אַזוינס איז נאָך ניט געווען, אַז מ'זאָל אופעסן א מוטער!

פאָרויס האט געטופעט די אַלטע קאנדזיוביכע. זי איז אָנגעלאָפן די ערשטע און איבערגעציילעמט די כאַטע:

— ראַטעווע און באהיט אונדז פון מענטשנפרעסער...

דער הויף איז געווען איבערגעפילט מיט אוילעם. די פרויען האבן זיך געשטופּט פאָרויס. מ'האט איבערדערציילט, אז עמעצער האט געזען, ווי

וואַסיורענקאָ האָט געשניטן פון דער מוטער שטיקער פלייש און באַנאַכט געקאָכט א יושקע. ס'האָט געהאַלטן פאַר א סוואָרע, אז סאוואטשינס קליין יינגעלע, וואס איז פאַרפאַלן געווארן, האט אויך וואַסיורענקאָ אופ־געגעסן.

דער פאָרזיצער פונעם דאָרפראַט האט א קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקן אין טיר:

— גיי ארויס!

וואַסיורענקאָ איז אַרויסגעגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט אף דער שוועל. אַלע האבן זיך צעזיקעט — ער האט זיך אָנגעהאַלטן פאַר דער טיר, אויסגעזעען, ווי נאַרוואָס פון קייווער, — א דאַרער, א צונויפגעדרייטער, ווי א הויקער.

— זײַ זיך מוידע, דו האסט אופגעגעסן די מוטער? — האט זיך צו אים געווענדט דער פאָרזיצער.

— ניין, — האט געענטפערט וואַסיורענקאָ, — זי איז אַליין געשטאָרבן און איך האב זי אַרויסגעוואָרפן אין קעלער אריין.

— ס'אַ ליגן, — האט געליאַרעמט דער האמוין.

דער פאָרזיצער פון דאָרפראַט האט ארומגעקוקט דעם קעלער. דאָרטן איז געלעגן א קערפער.

— וואס האסטו געטאָן? דו ווייסט דאָך, ווי ס'איז שטרענג מיט די מייסים? — ס'זאָל קיין זאַראַזע ניט זײַן! האסט זיך געפוילט באַגראָבן!

די פרויען זיינען געווען אומצופרידן. זיי האבן גערעדט צווישן זיך, אַז וואַסיורענקאָ האט שוין גוט אַרומגעגעסן די מוטער און אַז ער וואָלט זי הײַנטיקע נאַכט פאַרענדיקט עסן, האט מען איבערגעשלאָגן:

— זאָלסט מיר באַלד פאַרשיטן דעם קעלער! ס'זאָל מיר קײַן זאַראַזע דאָ ניט זײַן! הערסט?

וואַסיורענקאָ האט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— ניין, — האט ער זיך אָנגערופן, — כ'האב ניט קיין קויעך...

און די מוטער אין קעלער אַרײַנוואַרפן האט דיר געטראָגן קויעך?

דער אוילעם איז זיך צעגאַנגען. די אַלטע קאנדזיוביכע האט געזאגט, אַז דאם אָרט מוז מען פאַרהייליקן.

די אַלטע באַבעס האבן נאָכגעבאָמקעט:

— נו, א זונדל א גערעטנס!..

וואַרזעל, 1923

סערגיי פּיליפּענקאָ

געבוירן אין 1891 יאָר, אין קיעוו. געענדיקט די קיעווער גימנאַזיע, דערנאָך דעם קיעווער אוניווערסיטעט. אין 1905־טן יאָר אָנטייל גענומען אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן מיט פּובליציסטישע אַרטיקלען אין צייטונג „אוקראַינ־סקי גאָלאָס", אין ריגע. אין 1917 יאָר געווען אפן ריגער פראָנט. רעדאַגירט די צייטונג „נאַראָדנאַ וואָליאַ", אריין אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אין 19 8 יאָר. רעדאַגירט די צייטונג „באָלשעוויק", „וויסטי", „קאָמוניסט" און „סעליאַנסקאַ פּראַוודאַ". שפּעטער גענו־מען אנטייל אף די פראָנטן קעגן דעניקינען און פּאָליאַקן. נאָכן פראָנט, ווידער גענומען אַן אקטיוון אנטייל אין ליטעראַרישן לעבן, געאַרבעט אין די פאַרלאַגן „קניהאָספּילקאַ", „טשערוואָני שליאַך", מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַינע.

באַזונדערע אויסגאַבן: „באַיקיווניציאַ". — 1922, מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַינע. „עוואַנ־געלי פון דער צייט", 1923, מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַינע. „סקאַלקעס פון לעבן" — דער־ציילונג, 1925, „קניהאספּילקאַ". „הינטער טשערניגאָוו" — דערציילונג, 1927, מעלוכע־פאַרלאַג פון אוקראַינע. „מעשאָלים", 1927, פאַרלאַג „אוקראַינסקי ראָביטניק". „ליבע געשעענישן" — דערציילונג, 1927, „פּלוזשאַנין".

ס. פיליפענקאָ.

אַ כאַוועריש̇ע טוּווע

סע געוועו אַמאָל, — בעיס אין יעדן צימער האט אומבעראַכמאָנעכדיק געטשאַדעט אַן אײַזערנע „בורזשויקע“ און די בירגער פון דער פרײַער, סאָוועטישער רעפובליק פלעגן זיך אנשטאָפּן מיט „דעמבענער“ קאַשע אָן זאַלץ, און כליעפּטשען „טיי“ פון געטריקנטע אויבס־בלעטער, אָן צוקער. פונדעסטוועגן איז דאס לעבן געוועזן ברויזנדיק־פול, פול מיט האפענונג: בייזע שלעק און צאָרעס וועלן זיך אָפּטראגן, זיי מוזן זיך אפּטראָגן, אבי נאר ארבעטן, ארבעטן איבער די קויכעס.

און אלץ פלעג פארכלינעט ווערן אין דער ארבעט, אָן אפרו, ביז איבערן קאָפּ.

די אויגן האבן בא אים שטענדיק געברענט מיט קעמפערישן מוט, דאס ליכטיקע פּאָנים האט געאָטעמט מיט קראַפט און געזונט, גלײַך ווי ער וואָלט זיך ניט גענערט מיט די פאַנטאַסטישע קאַשעס און צוגעפארבטן אָקרעפּ, גלײַך ווי ער האָט זיך ניט געוואַלגערט יעדע נאַכט אַפּן האַרטן דאַטשע־בעטל, געלייגט זיך שפעט נאָך האַלבער נאַכט, געפאַלן פון די פיס פאַר מידקייט און אָפטמאָל באנאַכט פארגעסן אויסצוטאָן די שווערע שטיוול, אדער צווארפן האָלץ אין דער שטינקענדיקער „בורזשויקע“.

אין יענעם קאַלטן, קלאָרן פרימארגן האט ער זיך אופגעכאפט מיטאַמאָל, ווי ער איז געוועזן אָנגעטאָן נאָך פון נעכטן — אין שווארצן לעדער־רעקל, — זיך אופגעכאפּט פון אַ פלוצימדיקן, קורצן, נאָר ענערגישן קלאפּן אין טיר.

ער איז אופגעשפרונגען, טייקעף אראָפּגעטרייסלט פון זיך די רעשטן פון יונגן, געזונטן שלאָף, צוגעגלעט אַפגיך דעם צעשויבערטן קאָפּ.

— גייט ארײַן! — האט ער אויסגעשריגן צו דער טיר, יונג און קלינגעוודיק.

אויף דער שוועל — א מיידל מיט א מעגערשן קאַשקעטל, פון אונטער וועלכן סע סטאַרטשען ארויס אקשאַנעסדיקע פּאַסמעס בלאָנדע האָר.

א קיילעכיק פּנים, געדיכט באַשיט מיט קלייען, א קירפּאַטע נעזל, פּוכקע, בלוטפולע ליפּן, א ווייך געמבעלע. קליינע אויגלעך — שוואַרצע קאַרשן — קוקן פריינטלעך און פאַרשייט. די מענטשעלעך אין זיי, ווי קליינע שרעטעלעך, לויפן, שפּרינגען. און אַליין איז זי איינגעצן, ווי א ראַב הינדעלע, אין א וואַטאָוון, סאָלדאַטישן סוויטקעלע, אין א קורץ קאָלירנדיקן קליידל, און מיט אָנגעפּרוירענע רויטע הענט, פון פראָסט.

עפּעס איז עס אזא אַפגעריבנס, צעשויבערטס, און דאָך אזא האַפער־דיק־פאַרשייטס — פון יענע הינדלעך, וואס גייען דרייסט פאַרביי דעם פאַרשעמטן, געזונטן, קודלאַטן הונט, און וועלכע צוונגען אים פאַר־בידעשט אַפּטרעטן דעם וועג פאַרן קליינעם כוצפּעניק.

— כאַווער, הייגט איז דער יאָנטעוו פון מאַראַס שעווטשענקאָ. איר מוזט לייענען אויף דער פאַבריק א שיינעם פאָרטראַג. מיך האָט געשיקט דער קולטקאָם. אנהויב — אַכט איינאָוונט.

די טערעלעקעס זיך אַנטשלאָסן, שאַפּט זיך מיט אים, ווי מיט אַן אונ־טערטעניקן. די שרעטעלעך אין אירע פּעך־שוואַרצע אויגן האָבן שוין באַוויזן ארומטאַפּן דאָס גאַנצע צימער, אָפּשטעלן זיך אויף אַ רעגע אויפן טיש מיטן ניט־געענדיקטן קסאַוויאַד, אויפן צעוואָרפענעם געלעגער, שמוציקע שטיוול, און אויף אַלעסעס צעטראָגן פּאַנים.

— וואָס פאַר אַ קולטקאָם? אַוואָסערע פאַבריק? איך מוז פאַרענ־דיקן אַן אַרטיקל...

— איך בין דער קולטקאָם; ס'הייסט, כ'בין דער פאָרזיצער פון קולט־קאָם אויף דער מאַכאָרעטשנע. איך מוז האָבן אַ לעקטער אויף הייגט. און דעם אַרטיקל קענט איר שרייבן מאָרגן.

— אָבער, כאַווערטע...

— כ'קום נאָך אייך פּונקט האַלב אכט. וויפיל האַלט אייער זייגער? לאָמיר פאַרגלייכן.

— כ'האָב ניט קיין זייגער! און...

— טאָ זייט־זשע איינאָוונט איינדר'היים. כ'וועל קומען צו פאָרן, געדענקט־זשע. א גוטן אייך!

און די שטיוועלעך אירע קלאַפּן שוין ערגעץ פון יענער זייט טיר.

— האָט זיך אָנגעקלעפּט! כ'האָב גאָרניט באַוויזן זיך אָפּצוזאָגן. גע־פאַטערט אַן אַרטיקל! נאָר טייוול וואָלט מען מיך אריינגעפּאַקט. דער

טאָג פון טאַראַסן — איז דער בענעפיס פון אַלע אוקראַיִנישע רעדנער: כ'וועל זיך סײַווי ניט אויסדרייען... מ'וועט מוזן, ווײַזט אויס, צוהעלפן...

און כ'האָב זיך געזעצט שרײַבן. נאָר ס'האָט זיך עפּעס ניט געאַרבעט.

פאַר די אויגן האָט געשווינדלט אַ רונדע פרויען־געשטאַלט, מיט לע־בעדיקע באַוועגונגען און באַפעלעריש קעלעכל:

„מאַכט אַ שיינעם פאָרטראַג!" וואָס זאָגסטו אַף איר? — ניט אַבי וועלכן, נאָר אַ שיינעם... אַ פאַריסן נעזל. ווײַזט אויס, פון דאָרף: טערעלעקעט אַף אוקראַיִניש, ווי אַרבעס פון אַ זאַק שיט זיך. מאַכן, הייסט עס, אַ שיינעם פאָרטראַג?

כ'האָב ווידער אַ קוק געטאָן אַפן אַרטיקל — און אָפּגערוקט אים אין אַ זײַט. ס'קען וואַרטן. מע מוז טאַקע אַף אַן עמעס באַטראַכטן, אַוועלכע רעדע צו האַלטן, ס'זאָל ניט אויסקומען קיין טראַפאַרעט, סע זאָל אַמ־בעסטן אָנקומען צו די אַרבעטערנס, צום פרויען־האַרץ.

ס'האָט שוין געטונקלט, ווען אַלעס האָט ווידער דערהערט דעמזעלבן קו.יצן, ענערגישן קלאַפּ אין טיר.

— פאָרטיק? פאָרן מיר! אַ דאָס איז פײַן! — זי האָט דערזען אַפן טיש דעם קאָבזאַר מיט צעטעלעך צווישן די זײַטלעך, אַף ציטאַטן: — בעסער ווי טאַראַס אַליין, קען קיינער וועגן אים ניט זאָגן. ניט עמעס, ווען ער לעבט איצט — פאַרשרײַבט ער זיך פאַר אַ באָלשעוויק? ער וואָלט גע־שמיסן די פּריצים, אַז סע וואָלט אַזש אַ רויך געגאַן! די סינע, וואָס ער האָט געהאַט צו זיי! און קינדער האָט ער ליב געהאַט...

דאָס מיידל האָט זיך אַף אַ רגע פאַרהאַקט, איבערן פּנים איז דורכ־געלאָפן אַ לײַכט וואָלקנדל, נאָר אין אַ מינוט אַרום האָט זי שוין אָן אויפהער געפּלאַפּלט אַפן וואָגן, אין וועלכן סע געווען אײַנגעשפּאַנט אַ שקאַפּע, וואָס האָט געהינקן אַף אַלע פיר.

— פון וועלכער גובערניע זיינט איר? פון פּאָלטאַווע? איר רעדט מיטן פּראָסטן לאָשן? באַ אונדז האָבן די גרעסטע קענער גאַרניט ניט קיין אוקראַיִניש געלייענט, כוץ קאַטערינע און נײַמיטשקע. אייניקע קענען נאָך, כוץ דעם, דעם „זאַפּאָוויט". כ'האָב זיי אויסגעלערנט. איר קענט זינ־גען? אַלע פּאָלטאַווער קענען זינגען. מע וואָלט נאָך באַדאַרפט אַ דראַמ־קרײַז אָרגאַניזירן, נאָר ווען ליגט עס איצט אין קאָפּ? אַז דער איקער איז — אײַנאָרדענען די פּראָדוקציע. די פּויערים גלויבן אונדז שוין

גאַרניט. זיי זייען זייער „סאַמאָטרעסט״ — „מיר דאַרפֿן ניט אײַערע מאַכאָרקע״, זאָגן זיי.

— אָוואַ!.. אָוואַ, כ׳בין קוים לעבעדיק אַרויס. פֿיר אַביסל גרינגער, דו, בלינדער לירניק! וועסט נאָך אַרויסטרייסלען די נעשאָמע באַם רעדנער אַף דעם טײַוולאָנישן וועג... הער, טרײַב גיכער! שוין שפּעט.

— טאָ וואָס־זשע זאָל איך טאָן: גיכער טרײַבן, צי גרינגער פֿירן? — האָט איראָניש געפֿרעגט דער פֿויער. — איר זעט דאָך: ס׳אַ שלעכט בריקל, מוז מען זײַן געהיט.

אָלעס איז קיינמאָל ניט געווען אין דעם שטאָט־טייל. פֿון ביידע זײַטן האָבן זיך געצויגן שטיינערנע ווענט פֿון אומבאַקענטע הײַזער, לאַנגע פּאַרקנס. קיין איינציקער לאַמטערן. איינצלנע געשטאַלטן פֿון פֿאַרשפּעטיקטע דורכגייער, די טריט הילכן אָפּ אין דער פֿראָסטיקער לופֿט. פֿונווײַטן זעט מען ניט־קלאָרע קאָנטורן פֿון אַ בריק איבער אַ קליין טײַכל, און נאָכן טײַכל שוואַרצן זיך די נידעריקע הײַזער־שורעס פֿון דער פֿאָרשטאָט. די פֿאַרשטאָט איז ווי צוגעגליאַנגעט געוואָרן צו דער ערד, זיך פֿאַרטײַעט, און אָנגעשפּיצט כאַפּט זי די נאַכטיקע אומרויִקע קלאַנגען.

— אַ יאָ, סע שרעקלעך? באַ אונדז, אַז סע ווערט נאַכט, שטעקט מען די נאָז ניט אַרויס. אונטער דעם בריקל זיצן אַמאָל גאַנאָווים. איר האָט געהערט: „פּעטער גיב דײַן פּעלץ?״, ניט געהערט? און איר שרײַבט נאָך אַרטיקלען! ס׳איז געווען: סע גייט עמעצער אין אַ פּעלץ, קומט אים אַקעגן אַ יאַטל און בעט: „פּעטער, גיב אָהער דעם פּעלץ, סע קאַלט.״ — „פֿאַרנעם זיך,— ענטפֿערט יענער, — אַוועק!״ און דאָס יאַטל כאַפּט אים באַם אַרבל: „פּעטער, גיב דעם פּעלץ, פּעטער!״ — „טשעפּע זיך אָפּ, שאָסטעק!״ „פּעטער, דעם פּעלץ... אוי, וואָס שלאָגט איר מיך!״ און פֿון אונטערן בריקל רוקט זיך אַרויס אַ געזונטער שאַרלאַטאַן און מאַכט צום דורכגייער: „וואָס שלאָגסטו דאָס קינד? מע רעדט צו דיר: גיב דעם פּעלץ! אַ נו, טרייסל זיך אַרויס!״ און ער טרייסלט אַרויס... אַזאַ בריקל איז עס. אָט אַ צײַט! ווען וועלן מיר שוין איבערקומען?.. וואָס שווײַגט איר אַלץ? דעם עמעסן אָראַטער האָב איך מיר אָפּגעזוכט!..

— ווען האָב איך געזאָלט ריידן? — דערציילט בעסער: אַ גרויסע פֿאַבריק באַ אײַך? מע אַרבעט גוט?

— ווער מיר גרויס? קימאַט אַלע זײַנען זיך צעלאָפֿן: ווער סע האַנדלט מיט בייגעלעך אין מאַרק, ווער סע בײַט אין די דערפֿער אַלטע שמאַטעס אַף עסנוואַרג. איר פֿאַרשטייט שוין אַליין, ווי קען מען גוט

ארבעטן? — אין א כויזעש פארדינט מען אַכט הונדערט, און אַ פונט ברויט קאָסט צוויי הונדערט פופציק. האָט מען דריי פונט מיט אַ ווײדעלע פארן גאנצן פאַרדינסט, — אַ האלב פונט אַ טאָג; עס צעזעצטערהייט און זינג לידער. אוי, שווער איז דעם אַרבעטער־מענטש. און סע געפינען זיך נאָך אזוינע פאַסקודניאַקעס, וואָס שטעכן די אויגן: „אַהאַ, באַם קייסער איז בעסער געווען, אַהאַ!" אָט האט איר אייך פּאָליט־אויפקלערונג! וויפל האב איך זיך אָנגעהאָרעוועט... און אין קרייַזל באַ מיר איז דאָ גאַנצע צוואנציק שטיק. נאָר ביכלעך פעלן. איר האט, מינאַסטאַם, אי־בעריקע? כ׳וועל מאָרגן אַרייַנקומען, צונעמען. אָט וועט מען זיך פרייען! און בעבעין האָט איר? כ׳האב שוין לאַנג געוואלט איבערלייענען בעבעלן, אלע ריידן וועגן אים, און איך פארשטיי ני בע, ני מע... וואָס־זשע שווייַגט איר אַלץ? אט, אַ רענדל אַ וואָרט! ווי זשע וועט איר האַלטן אַ רעדע, אַז מע קען פון אייַך קיין וואָרט ניט ארויסשלעפּ?.. אָט, וואַרט. מיר קומען באַלד אָן. אָן דאָרט, באַם פאַרקערעווען, איז די מאַכאָרעטשנע.

באַם געמויערטן טויער איז געהאנגען אַ גרויסער לאַמטערן און אין זייַן געלער שייַן האָבן זיך געבאָדן צוויי אָפּגעבליאַקעוועטע רויטע פאָ־נען. נאָכן טויער — אַ שוואַרצער אָפּגרונט, דער פאַבריק־הויף.

— איצט, מיט דער סטעזשקע צום הויפּט־קאָרפּוס. אָבער ניט אַהין, דאָרט איז אַ קאַליעזשע! פאַמעלעכן, כאַוער. דאָ זיינען טרעפּ. ציילט אָפּ צען טרעפּ. ס׳אַראַ באַלעבאַטים באַ אונדז! וואָלט מען כאָטש אָנגעצונדן עפּעס אַ שפּענדל! כאָטש צוליב יאַנטעוו. אַטהער, רעכטס. טוט זיך ניט אויס, סע קאַלט באַ אונדז. מ׳האט געוואָלט רעמאָנטירן די דאַמף־היי־צונג — ווייסט איר דאָך אליין — סע פעלן קוילן, אַפילע די באַנען. אַ צייַט, נו־נו!

אין צימער פונעם פאַבזאַווקאָם — פּראָסטע טישן, פּראָסטע ניטגע־פאַרבטע בענק. אף אַ וואַנט זשמורעט לענין אָן אויג, און סע הענגט אַ פּלאַקאַט וועגן לייַז און סאָציאַליזם. אָ, איצט וואָלטן אייניקע עפּשער דערפון געלאַכט, נאר וואָלטן זיי געוווסט, וואס די בייזע לויז האָט אָנ־געמאַכט! באַזיגן זי איז גאָרניט אַזאַ קליינע רעוואָליוציאָנערע געשעע־עניש... אונטער דער לויז זיצן פאַבזאַווקאָמאָוצעס אין גרויע שינעלן, עטלעכע פרויען. מע רעדט אַפן קאָל. דאס מיידל מיטן לאַנג־דערוואַרטן גאַסט באַגריסט מען מיט פרייד. מע באַפאַלט זי, ווי בינען אין בינען־שטאָק. און זי, ניט איבערכאַפנדיק דעם אָטעם:

— אָט האָב איך אײַך געבראַכט אַ רעדנער. און די מוזיקער זײַנען אַלע דאָ? פאַרוואָס האָט איר קיין וואַסער ניט צוגעגרייט פאַרן רעדנער? איר טרינקט דאָך וואַסער בעשאַסן רעדן? ניין? נו, איז נאָך בעסער. ווײַל מיט דער וואַסער קומט עס עפעס אויס פריציש, און קיין פלאַש האָבן מיר אויך ניט. מע קען דאָך ניט שלעפן אַן עמער אויף דער טריבונע! איר וועט פרווון אונדזער מאַכאָרקע? כאַווײַרים, זײַט מעכאַבעד! וואָס גלעקלט איר, ווי דער „צאַר־קאָלאָקאָל“ אין מאָסקווע?

— און איר זײַנט די „צאַר־פושקאַ“, קען איך אײַך זאָגן, — האָט אַלעס ניט אויסגעהאַלטן.

— איר האָט ניט געטראָפן, ווײַל זי שיסט ניט... אַ־אַ, אַרײַנגעכאַפט?.. נו, קומט אויף דער טריבונע. כאַווערטעס, לעשט אויס דעם לאָמפ, ס'זאָל ניט ברענען אומזיסט. און אויף דער סצענע צינדט אָן. אַזוי. דעם פאָרהאַנג! גייט אַרויס. אָט אַן אומגעלומפערטער! און ווו האָב איך געפאַקט אַזעלעכס אויף מײַן קאָפ?

די טריבונע — איז ניט קיין טריבונע: לאַנגע טישן צוגערוקטע איינס צום אַנדערן, אָנגעשטאָפט בענק, ברעטער, וואָס בייגן זיך אונטער דער וואָג פון מענטשלעכן קערפער. אין די פענצטער פעלט א העלפט שויבן, די לעכער זײַנען פאַרשטעקט מיט געלן דיקט. ווי ריפן פון אַ קאָלאָסאַלער סטראַשידלע טיילן זיך אַרויס אונטער דער סטעליע גראָבע באָנטינעס און פאַרגייען ערגעץ ווײַט, אין דער טיפעניש פון דער פאַבריק, וועלכע איז געדיכט געפאַקט מיט מענטשן.

די הונדערטער אָנגעשטרענגטע אויגן האָבן אַלעסן עלעקטרעזירט. ער האָט גערעדט אויף דער באַקאַנטער טעמע מיט אַ יונגער, הייסער אַרציקער ש.טים. גערעדט וועגן די שווערע צײַטן פון פאַנשטשינע; פון דער קליינער אָקסאַנע, וואָס איר ביטער גוירל האָט דער דיכטער ניט פאַרגעסן ביז זײַן טויט; וועגן די אומגליקלעכע פאַרפירטע מיידלעך; וועגן דער בלינדער, וואָס האָט אונטערגעצונדן דעם פריצישן הויף; וועגן דער פירשטן־רעפנינאַ, וועלכע איז אַזוי גוט געווען צום טאַלאַנטפולן קינסטלער, נאָר געווען פאַר אים ניטדערגרייכבאַר; וועגן לוקעריען, מיט וועלכער טאַראַסן איז דאָך ניט אויסגעקומען אויסצובויען א אייגענע נעסט; וועגן הויכן קייווער, וואָס אויפן דניעפער־בערגל...

ער האָט גערעדט און געזען, ווי באַיאָרטע אַרבעטערנס שאָקלען מיטפילנדיק צו מיט די קעפ; ווי מיידלשע פענימער ווערן פאַרומערט; ווי

דראָענדיק סע הויבן זיך קנייטשן אַף די שטערנס באַ ארבעטער. באַ־קענטע בילדער, באַקענטע צאָרעס...

„... און ער האט אונדז אָנגעזאָגט קעמפּן מיט די פּריצים, ער האָט נע־וויעס געזאָגט, אַז די מאַשין וועט אופרעסן די טראָגנען און די קיסריי־האַמאַלכעס; אַז מענטשן וועלן זיך צונויפקומען אין פריד און פריידן, און פריי־לעכע דערפער וועלן באַהערשן די מידבער, מיר וועלן אופבויען לעבע־דיקע דערפער און ריזיקע שטעט".

— אַ דאַנק! אַ שיינעם דאַנק! אופגערודערט האט איר די פּאַבריק. איר הערט ווי זיי פּאַטשן? אָט אַ צײַט באַ אונדז, שוין בעסער גאָרניט ריידן. מע איז בייז און מע וויל ניט הערן קיינעם. ברויט, זאָגן זיי, גיב און מײַסעס באַהאַלט אַף שאַבעס... און וועגן טאַראַסן: ער איז טאַקע אַן אייגענער. אן אייגענער סײַ אין צאָרן, סײַ אין די באָבע־מײַסעס... פּארוואָס האט איר מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט, אַז ער באַוויינט, באַקלאָגט דעם גוירל פון געשענדטע מיידלעך, און די עלטערן, וועלכע טרײַבן ארויס פון שטוב די געשענדטע — זאָגט ער זיי קיין האלב וואָרט ניט, אַני מור־מור, גלײַך ווי סע דאַרף אזוי זײַן? וואָלט ער געהאַט אַ טאָכטער, טאַראַס, און זי וואָלט אים געבראַכט אַ קינד אין שטוב ארײַן, — וואָלט ער זי, מינאַסטאַם אויך געשיקט הינטער די פּלויטן, און דערנאָך אָנגעשריבן אַ ראַכמאָנעס־לידל, — אָט, וואָלט ער געזאָגט: „ס'אַראַ שרעקלעך גוירל באַ איר, גאָטעניו ליבער!" דער אַל־טער האט שטאַרק געהאַלטן פון די דאָרפישע מינהאָגים... נאָר וואָס איז דאָ וועגן אים צו ריידן מיט אונדזערע פּאַבריק־ארבעטער, — וואָלט איר בעסער גערעדט צו זיי וועגן פּאַיאָק און וועגן לוין־אָפּצאָל! וואס איך האב געהאַט פון זיי אויסצושטיין, צאָרעס מיינע... גייט זשע ניט אַוועק. וווהין וועט איר גיין באַנאַכט און נאָך איבער אונדזערע באַרימטע בריקלעך? מע האט מיך שוין איינמאָל געוואָלט אויסטאָן, נאָר כ'האב געהאַט פולע קעשענעס מיט מאַכאָרקע, האב איך זיי פאַרשיט די אויגן און געכאַפּט די פיס אַף די פּלייצעס. ס'אַ געלעכטער! אָט אַ צײַט. מע זאָל זיך גאָר קיינמאָל ניט דאַרפן אומקערן צו איר... אַף וועמען ס'איז דער גרעסטער ראַכמאָנעס — איז אַף די פאַרוואָרלאָזטע. זיי גייען אויס, ווי בלומען אַפן פראָסט. און וויפל פון זיי גייען אַף שלעכטע וועגן! און מע זאָגט נאָך, אַז זיי זיינען די בלומען פון אונדזער לעבן. צוליב זיי דאַרף מען האָרעווען. און וואס פאר אַ גליק האָבן מיר? דער קאַמף פאר זיי, ניט עמעס? קיין אנדער גליק איז ניט פאַראַנען.

דעם מיידלס געזיכט איז ווידער פֿאַרפֿינצטערט געוואָרן, ווי אין נעפּל זיך איינגעהילט, די שרעטעלעך זיינען געוואָרן אויסגעלאָשן, די מויל־ווינקלען, ווי בײַ אַ קינד, פֿאַרקרימט, אַראָפּגעלאָזט. זי האָט קוים־באַמערקט אַ זיפֿץ געטאָן, אַ שאַרפֿן טרייסל מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט אָפּגעטריבן אַן איינגעגעסענע פֿליג, זיך אויסגעגלייכט און ווידער זשוואַווע זיך געווענדט צו אָלעסן:

— איר ווילט פֿאָרט אַהיים גיין? אַ וואָסער אַרטיקל! כ'האָב דאָך אײַך געזאָגט — מאָרגן וועט איר ענדיקן. סע ברענט ניט. און פֿאַרגעסט ניט אָנצושרייבן אין צייטונג וועגן אונדז: אַזוי און אַזוי, הייסט עס, די מאַכאָרעטשניקעס האָבן אויך געיאָנטעוועט טאַראַסן. איך וואָלט אַליין אָנגעשריבן, ווי שטענדיק, נאָר שלעפֿן זיך אַלע טאָג אין שטאָט אַרײַן איז אומעגלעך, ניטאָ קיין צײַט. וויפֿל כ'האָב זיך שוין אָנגעמאַטערט! — אומגליק! גייט ניט, מיר וועלן אײַך דאָ באַשטאַטן אַף נאַכטלעגער. כאַפּט דערווײַל אַ קוק אַף די טענץ. וואָס? די הויפּטפּאָליט־בילדונג איז קעגן „טאַנצערײַ"? אַ נאַר איז זי, אײַער הויפּטפּאָליט־בילדונג, אָט וואָס! צו וואָס האָט מען געשאַפֿן קלובן — צוליב נודנעסט? מיר האָבן אויך אייגענע מוזיק. די רויטאַרמייער האָבן מיר נאָך צוגעזאָגט אַ גרויסע פּויק... כ'וועל פֿאָרן זונטיק אין שטאָב אַרײַן, וועל איך אים ברענגען צושלעפּן. און זיי פֿון אונדז — אַביסל מאַכאָרקע אַ געשאַנק. דער רויט־אַרמייער — ער איז דאָך הויל און בלויז. ס'אַ ראַכמאָנעס אַף זיי... און איר טאַנצט? אַ וואַלס? ניין, אַ פּאָלקאַ איז פֿריילעכער. אַ וואַלס איז פֿאַר צוגעדולטע פּריצעס. און פֿאַר אונדז — אַ פּאָלקע. היי, כלאָפּצי, דאַיאָש „קאָקעטקו"!

אָלעס האָט ניט געפֿילט, ווען זײַנע פֿיס האָבן אָנגעהויבן פֿלעכטן מאָדנע פֿיגורן באַגלײַך מיט אַלע מאַכאָרעטשניקעס און מאַכאָרעטשניצעס צוזאַמען. פֿאַר זיינע אויגן האָבן געשווינדלט צעשפּיליעטע פֿוטערנע קעלנער, רויטע, ווײַסע, בלויע, אויסגעגנייטע און ניט אויסגעגנייטע מיידלשע פּאַטשיילעס, האָזישע קאַפּעליושן מיט אויערן, שאָפּענע היטלען און מיליטערישע קאַשקעטן. סע האָבן געקלונגען אין די אויערן מעשענע טאַצן, שאַרפֿע קלאַרנעט־קלאַנגען, און דאָס טעמפּע הודען פֿון באַסן. שווערע שטיוול האָבן אים אָנגעטראָטן אַף די פֿיס, ער האָט עמעצן געשטופּט מיט די אַקסל, מיט די זײַטן.

אין פֿונקט פֿאַר אָלעסעס פּנים האָט געגלאַנצט אַ קירפּאַטע נעזל, פֿול באַזעצט מיט שווייס־פּערלעך, די שרעטעלעך האָבן געשפּילט,

געבאָדן זיך אין סמאָלע, און געשײַנט האָבן פּײַכטע, גלײַכע ווײַסע ציין — דאָס אײנציקע שײנע, וואָס דאָס פֿלינקע מײדל האָט פֿאַרמאָגט. זי איז געווען אַזוי פֿאַרכאַפּט מיטן טאַנצן, אַז זי האָט זיך אײנגאַנצן אָפּגעגעבן דעם פּאַשעטן טאַנץ און מיטן בויגעווודיקן קערפּער געדרוקט זיך צום פּאַרטנער.

— אײ, גוט! אַ נו, נאָכאַמאָל! נאָר האַלט שטאַרקער מײַן האַנט, קאַוואַליער מײַנער! האָט קײן מוירע ניט, כ׳וועל ניט כאַלעשן.

דער אַרבעטער־באַל האָט געהודעט, געדרײט זיך ווי אַ וויכער. מע האָט פֿאַרגעסן די שווערע אַרבעט, די פֿאַרומערטע, אומויסגעשלאָג־לעכע נויט. אַנשטאָט אײַנגעבױגענע געשטאַלטן, פֿאַרביסענע פּנימער — אַ גרויסער אָנגעלויף, אַ זאָרגלאָזער, אַ פֿרײלעכער.

אין דער קאַלטער לופֿט פֿונעם גרויסן זאַל־ווערקשטאָט האָבן ווײַסע קנוילן פּאַרע פֿון צעוואַרעמטע מענטשלעכע קערפּערס זיך צעוויפֿגעגאָסן מיטן פּאַפּיראָסן־רויך. וויפֿל גאַז־לאָמפּן — וואָס און ווען מיר עלעק־טריקע! — האָבן טשאַדנדיק געפֿינטלט אין דער שטיקנדיקער לופֿט און אָפּגעוואָרפֿן אַפֿן פֿאַל מעשונעדיקע שאָטנס. געפֿילדער, טופּערײַ פֿון צענדליקער פֿיס, אַ קלינגענדיקער, ברײטער געלעכטער, און אַ הוסטן פֿון פֿאַרקילטע גאָרגלען... אוי, אָט דער הוסט! טאַקע נאָר ער האָט געשטערט אַלעסן מאַכן דעם פֿאָרטראַג, פֿון מאָל צו מאָל פֿלעג ער זיך אַ גאָס טאָן איבערן גאַנצן זאַל מיט הײזעריקע כוואַליעס, און דערמאַ־נען אין פּײַכטן, קאַלטן לעבן, אין לאַטעס אַף פּלײצע, אין קרענק, אין שטענדיקן ניטדערעסן...

סאָפּקאָלסאָף האָט זיך פֿאַרהוסט אויך זײַן פֿלינק־פּיסיקע דאַמע.

— אָט אַן אומגליק! ס׳איז פֿון מאַכאָרקע. טשאַכאָטעטשנע האָבן מיר דאָ אָן אַן עק. און די שיך רײדן ווערטער... וואָס קען מען טאָן?.. נו, קומט אָפּרוען, און איר טאַנצט אַ קאָזאַק, כלאָפּצעס! זעצט, אַז די טאַצן זאָלן פּלאַצן און בורזשויען זאָל קילן אין האַרצן. מײדלעך! אַנו, ווער גײט אַ קאָן? נו, מאַכט קײן פֿוילע שטיק ניט!

אַ מונטערע, אופֿרעגנדיקער ניגן האָט אַ וויכער געטאָן איבערן זאַל. אינמיטן פֿון ענגער צושויער־ראָד האָבן זיך אַלע מאָל אַרויסגעכאַפּט אײן פּאָר נאָך דער אַנדערער, באַרימענדיק זיך מיט כיטרע דרײדלעניש, אומדערוואַרטע פֿאַרטלען. זײ האָבן זיך אַלײן אונטערגעטריבן און אָנ־געשטעקט די אַודיטאָריע. די מוזיק האָט גענומען דעם געהעריקן טעמפּ, די טענצערס האָבן זיך שיר צעשיט, די צושויערס פּנימער האָבן גע־

שײַנט פון צופרידנקייט און פרײלעכער פאַרינטערעסירטקייט. אַ קלײ־ניקייט — זײַט־ווען האָט מען זיך ניט געפרייט אַזוי!

אַלעס מיטן מיידל האָבן זיך קוים דורכגעשטופּט דורכן געדרענג פון מענטשן. די האָר זײַנען צוגעקלעפּט געוואָרן צום פאַרשוויצטן שטערן. די ברוסטן האָבן שווער געאָטעמט. נאָך איין בליק אַף דער אַרבעטער־מענגע.

— נו, איצט וועט מען זיך שוין באַגיין אָן מיר. סע דרייט זיך עס ריידל! קומט צו מיר דערווײַל, צי וואָס. דאָ אין אונטערשטן שטאָק וווין איך, בײַ דער קאָנטאָר. איר זײַנט אוודאי הונגעריק? קיין בו־פעטן אין די קלובן וועלן מיר נאָך אַזוי גיך ניט האָבן. סײַדן מיט קערלעך קען מען איצט מעכאַבעד זײַן. דאָס איינציקע גוטס. אָט, אַ צײַט אַביסל! נו, צען טרעפּלעך. איר געדענקט?

דאָס קליינע צימערל, אין וועלכן די פאַרפאַלגערן האָט געבראַכט צו פירן אַלעסן, האָט דעם פאַרפאָלגטן אונדזערן שטאַרק איבערגעראַשט. ער האָט בעשומויפן ניט דערוואַרט צו געפינען דאָ אַזאַ עטיל ווינקעלע; ער האָט ניט געקענט דערלאָזן, אַז דאָס מיידל, וואָס זעט אויס אַזוי מאַנסבלש, וועט קענען אַרויסווײַזן אַזוי פיל ווײַבלעכן געשמאַק, אַזוי קענען אויסבויען פון גאָרניט אַ ריינינק, ריינינק נעסטעלע. און אים איז ווידער אַפן זין געקומען דער ערשטער אײַנדרוק: אַזאַ קליין הינדעלע איז דאָס קירפּאַטע מיידל. און ווען זי האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס רעקל און עס מיטסע קאַשקעטל — איז זי אינגאַנצן ענלעך געוואָרן אַף אַ קליין פייגעלע, אַ קײַלעכיקס, אַ ראַבינקס, סע טופּעט מיט די פיסלעך, אַרבעט און קלאָגט זיך:

— אַבי כ'האָב אײַך פאַרבעטן! און מיט וואָס וועל איך אײַך האָדע־ווען? סײַדן קאַרטאָפליעס מאַכן. מיט בוימל, גוט?

זי האָט געריייניקט די קאַרטאָפל, געוואַשן זיי, צעהייצט דעם אויוון, דאָס פאַריסענע נעזל האָט אַזש אינגאַנצן באַהאַלטן זיך צווישן די באַקן און די ליפּן האָבן זיך קאָמיש צונויפגעלייגט אין אַ ראָזעווע רערל, ווי בײַ אַ קליין קינד, וואָס וויל עמעצן אַ סמאָטשקע טאָן.

אַלעס האָט דערווײַל ווידער פאַרכידעשט באַקוקט אַלץ, וואָס איז גע־ווען אין צימער: אַ געשטיקט פירהענגל אַפן איינציקן קליינעם פענצטער, עטלעכע גאַנץ־גוטע בילדער אַף די ווענט, וועלכע זײַנען געווען אויס־געווײַסט מיט אַסאַך בלויקייט, און צווישן זיי, אַפן בעקאָוודיקסטן אָרט, אין אַ שיין רעמל, עפּעס אַ רעפּראָדוקציע פון אַן אַלטער גראַווורע: אַף

אַ וואַלד־לאַנקע שפּילן קינדער אין בלענדזעניש; קרומע זון־שטראַלן, וועלכע רײַסן זיך דורך צווישן ברייטע בלעטער, פאַלן מיט העלע פלעקן אַפן גראָז, שפּיגלען זיך אַף די פרישע, קינדערשע פּענימער. דאָס גראָז איז געדיכט באַקווייטלט מיט פילפאַרביקע געוויקסן — און ווי גרויסע בלומען אַף דער לאַנקע, קומען די קינדער מיט פריילעכע פּענעצלעך, ווי עפּל־צוויט, אין לײַכטע פאַרביקע קליידלעך. און אונטער אַ ניס־ביימל, אין סאָף לאַנקע זיצט אַ פרוי מיט אַן אַרבעט אַף די קני און קוקט אַפן פריילעכן בינט מיט א ליבלעך־גוטן בליק.

אַ קליין טישעלע באַם פענצטער איז צוגעדעקט מיט אַ צײַטונג, וועלכע איז געווען ערטערהווײַז אונטערגעשטראָכן מיט רויטן בלײַ־שטיפט. איבער אים — א געשניצט פאַלעטשקעלע מיט ביכער, ריין פאַר־וויקלטע אין קאָלירנדיקן פּאַפּיר. איבער דער טיר האָבן אַראָפּגעהאַנגען אין לײַכטע פאַלדן, לאַנגע ביז צו דר'ערד, אויסגענייטע האַנטעכער, ווי אייגנאַרטיקע גאַרדינעס. אַלץ איז געווען אין ווייכע פאַרבן, האַרמאָניש צוגעפּאַסט איינע צו דער אנדערער. אַף אַלץ האָט זיך געשפּירט אַ פיינקטלעכע באַלעבאַטישע האַנט, אַ זאָרגעוודיקע און אַ איבערגעגעבענע.

זײַן כידעש האָט ניט געהאַט קיין שיר. פונוואַנען האָט זיך גענומען דאָס באַרישנעסקע צימערל, ווי באַ אַ קורסיסטן פון פאַרמעגלעכע דאָרף־באַלעבאַטים, אָט דאָ, לעבן דער קויטיקער, אָפּגעדראַשפּעטער פאַבריק־קאָנטאָר, — איצט, ווען די אומרויִקע, האַרבע צײַט האָט אונדז צוגעוווינט קיין אַכט ניט לייגן אַפן ארום, שפּעטיש באַציִען זיך צו די לעבנס־באַקוועמלעכקייטן ? — ווען פאַראַכטן די באַקוועמלעכקייטן רעכנט זיך קי־מאָט פאַר אַ באַזונדערן „שיק", אַ העלדישקייט — סײַ דאָרט, וווּ ס'איז נאַטירלעך, ניט קיין פּאָזע, און סײַ דאָרט, וווּ ס'איז אַנקעגנגעזעצט דער „קליינבירגערלעכקייט" — און וווּ דאָס אליין איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דער קליינבירגערלעכקייט, וווּ ס'איז א טיפעשעוואַטע גאַדלעס פון אומקול־טורעלע פאַרשוינען.

און דאָס איז די וווינונג פון אַ מיידל, וועלכע האָט אים אָנגענומען באַ די לאַצן מיט אַזוינע ניט־ווײַבלעכע, קימאַט ברוטאַלע מיטלען, אַ מיידל, וואָס האָט געקאָמאַנדעוועט אַפן יאָנטעוו, ווי אַ רויט־אַרמייִשער סטאַרשינאַ באַם מושטרעווען, וואָס גייט אין א מאַנסבלשן קאַשקעטל און אין אַ ייִנגלשן רעקל!

אָבער אין איר איצטיקן אָנטאָן, אין פּראָסטן ווײַסן קאָפּטל, וועלכע האָט ווייך אַרומגענומען איר קײַלעכיקע פיגור — האָט זי אָלעסן אויס־

געוויזן אלס אַ צוציִענדיק, סימפּאַטיש ווײַבעלע, עפּעס גאר אַן אַנ־דערע, ווי יענע, פון יענער זײַט שוועל.

זי האט באמערקט זײַן איבערגעראַשטן בליק, און מיט אַ געענדערטן טאָן, ווי זי וואָלט זיך אנטשולדיקט, האט זי געזאָגט:

— צו מיר קומט קיינער ניט און קיינמאָל ניט. איר — זײַנט צופעליק און אַן אויסנעם. איך בין אַליין, איימיק ווי אַ שטיין אין פעלד.

די שרעטעלעך אין די לעבעדיקע אויגן האָבן זיך באהאַלטן. אפן ניט־גלאַטן, נידעריקן שטערן האט זיך אוועקגעלייגט אַ פאַלדל. דאָס גאנצע פּאָנים איז ווי גרוי געוואָרן, באַזונדערס — מיִעס, ראַכמאָנעסדיק, אביסל לעכערלעך.

און אָלעס האָט זיך ווידער דערמאַנט זײַן ערשטן אײַנדרוק. אָבער איצט איז דאס געווען אַ נאַס הינדעלע, וועלכס האָט זיך אין אַ באַ־העלטעניש אײַנגעשרומפּן פון קאַלטן רעגן, אָנגעסטאָװבורטשעט די פע־דערלעך, אונטערגעבויגן די פיסלעך, און טרייסלט אָפּ זיך פונעם געוויטער.

דאס מיידל האט טיף אָפּגעזיפצט און שטיל געפרעגט אָלעסן:

— און איר זײַנט אַליין? ניט קיין ווײַב, ניט קיין קינדער? אַ שאָד! איר זײַנט דאך אזאַ... בלוט און מילך זײַנט איר. דאס איז איצט זעלטן. אלע זײַנען אויסגעמאַרכעוועט ווי נאָך אַ לאַנגער קרענק. אַז זיי גייען, סקריפּען באַ זיי די גלידער, אָט־אָט צעשיטן זיי זיך.

זי האט מיט פאַרשנדיקן בליק ארומגעטאפּט זײַן שלאַנקע געשטאַלט, זײַנע ברייטע פּלייצעס, זײַנע שטאַרקע פיס. אָלעס האָט זיך דערפילט אומהיימ־לעך פון די אָפּשאצנדיקע בליקן, ווי זי וואָלט געקויפט אַ בעהיימע אַפן יאַריד, און דערבײַ נאָך מוירע געהאַט, מע זאָל זי כאַלילע ניט אָפּנאַרן. און גלײַכצײַטיק האָט ער דערפילט, אַז ער איז טאַקע אַף אַן עמעס גע־זונט און יונג, — אים איז אַזש ענג געוואָרן אין דעם פּיצל נעסטעלע, און אלץ האט אים דאָרט אויסגעוויזן ווי שפּילצײַג, און די באַלעבאסטע פונעם ברעקל צימערל — איז אויך אַ קליינינק באלײדיקט מיידעלע, וואס סע ווילט זיך זי צוטוליען צו זיך, טרייסטן.

זי האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אין ווינקל פון בעט, איז אײַנגעהויקערט געוואָרן, און מיט אַ פארשטילטער, טרוימערישער שטים געזאָגט, קוקנדיק ערגעץ ווײַט־ווײַט איבער אָלעסעס קאָפּ, איבערן בילד מיט דער קינ־דער־שאַר.

— קינדער — דאס איז דאָך אַזאַ גליק... ווי קען מען זײַן אָן קינדער?

און אנשוויגן געוואָרן. ארומגעכאַפּט די קײַלעכיקע קני מיט די הענט און זיך געוויגט, ווי זי וואָלט פאַרוויגט אַ קינד. געדאַנקען, ווי לײַכטע וואָלקנדלעך, האָבן זיך געמינעט אַף איר שטערן. די ליפּן האָבן געשײַנט מיט אַ טרוימעריש שמייכעלע.

און פּלוצים — צו אָלעסן בעטנדיק:

— הערט, — טוט מיר די כאַווערישע טויווע!

אָלעס האָט פונאַנהויב ניט באַנומען. דאָס מיידל האָט איבערגעכאַ־זערט:

— ס'אײַך דען שווער? און מיר — איר וועט מיר טאָן א טויווע, וועלכע מע קען גאָר ניט אָפּשאצן. איך קען ניט מער אזוי. איר פאַרשטייט, איך קען ניט. מײַנע געדאַנקען דרייען זיך אלץ ארום איינס, אַלץ וועגן דעם. ניט אַרבעטן, ניט שלאָפן רויק. אט איז מיר הייס, אָט איז מיר קאַלט, און אַזא מלאָסט, אַזאַ מלאָסט... כ'בין שוין אַלט פינף און צוואַנציק יאָר; און איך קען שוין מער ניט. איר הערט? — האָט זי קימאַט אויסגעשריגן פאַרצווייפלט, איר פּאָנים איז פאַרויטלט געוואָרן, זי האט שווער געאָטעמט, און די האלב־אָפענע ליפּן האָבן באַוויזן צווי פּײַכטע, גלאַנציקע רייען. זי האט זיך אויסגעגלײַכט און שטאַרק צונויפגעפּרעסט אַף די קני די ענג־פארפלאָכטענע פינגער, אַזש די פינגער־שפּיצן זײַנען ווײַס געוואָרן, דעם שטערן לײַדנדיק פארקנייטשט.

אָלעס האט זיך דערפילט שלעכט. די געדאנקען האָבן געוויכערט ווי אַ שטורעם. וואָס איז עס? וווהין האט ער זיך ארײַנגעפּאַקט? וואָס איז עס פאר אַן אופירונג? — זי וויל אים אײַנריידן, ער זאָל ווערן איר געליבטער, צי וואָס? אַזאַ מין גאָר!

דאָס מיידל איז ווי דורכגעדרונגען אין זײַנע געדאַנקען, און צאָרנדיק אויסגעשריגן:

— וואס טראַכט איר זיך? איר מיינט: אָט אַן אומגליק — זי לייגט פאָר זײַן מיר אַ געליבטע! אַ מאַנסבל גלוסט זיך איר, ווערט מעשוגע פאר טײַנעג! אַ־אַ, איר קערעוועט זיך אָפּ, די אויגן אראָפּגעלאָזט? ניין, מײַן טײַערינקער! וואָלט איך נאָר געוואָלט, וואָלט שוין דאָ ארומגעגאַן אַ גאַנץ בינטל. מאנסבלען זײַנען דערוף גיריק. פאר וועמען האַלט איר מיך, — פאַר אַן אויסגעלאָזטער פּליאָנדרע? איך זאָג דאָך אייך כאַווערישע: איך וויל א קינד, איך קען ניט לעבן אָן אַ קינד. און קיינער זאָל זיך מיר אַטהער ניט דרייען, ניט דולן... אָן אַ פאָטער זאָל עס זײַן, אָבער אַ געזונטס, אַ שטאַרקס. אָט פארוואָס כ'האב זיך געווענדט צו

אייך... איר וועט דאָך ניט גיין צו מיר, ניט עמעס? קוקט מיר אין די אויגן, — אַ יאָ?

און זי האט זיך קימאַט געטוליעט צו אָלעסן, פרעגנדיק ארייַנגעקוקט אים אין די אויגן, צאַרט געשעפּטשעט, ווי געבעטן זיך באַ אים, ווי פאַרנאַרט:

— ס'איז דאָך אַזאַ פּיצעלע, אומבאהאָלפנס, סע וויל אַזוי לעבן, און סע פאַרשטייט נאָך גאָרניט. סע וואַרפט מיט הענטעלעך און קען גאָר־ניט כאפּן... כ'וואָלט געהאָרעוועט צוויי מאָל מער: פאר אַלעמען, און פאר אים, פאר מייַן ליב ברעקל קינדעלע...

פאר פרייד און ליבע האבן אין אירע ברייט־צעעפנטע אויגן גע־גלאַנצט קליינע טרערעלעך, איר גאנצע מיידלשע געשטאַלט איז גע־וואָרן עפּעס קלערער, צאַרט־פרייַנטלעך, ליבלעך־צוציִענדיק; די הענט צונויפגעלייגט אַף דער ברוסט, ווי אין אַ געבעט; דורך טרערן, שטיל־שטיל איבערגעכאַזערט:

— ס'אַזאַ פּינינקעלע... און סע וויל לעבן... און קען זיך גאָר קיין אייצע ניט געבן...

אָלעס האָט זי מער קיינמאָל ניט געזען. ווען דערינערונגען פלעגן שטיל אַ ווייע טאָן אַף אים, און אין זייַן פאָרשטעלונג פלעג זיך אויס־שניצן אַ פּאַרטישקעוועט ווינקל באַם איינזאַמען מיידל, ווו צו דער קינדער־שאַר אַף דער וואַלד־לאָנקע איז, ווייַזט אויס, צוגעקומען נאָך איין קליין באַשעפעניש, — פלעגן אים דעמאָלט שטענדיק ארומכאַפּן אַ גרויס צערטלעכקייט, א געפיל פון שטילער ליבשאַפט צו זיך פאר דער טויווע, און אַ דאַנקבאַרקייט צו דעם, וועלכער האט אים געגעבן די מעגלעכקייט די טויווע טאָן. ער האָט אָפט געטראַכט: אָט גייט אַ קינד, עפּשער איז עס זייַנס? און אַלע קינדער זייַנען אייגענע. ווי גוט! ווי שיין...

איינס נאָר פלעג אים שווער מאַכן: ער האָט זיך ניט דערוווּסט דעם נאָמען פונעם ברויזנדיקן מיידל. זי האט דורכגעשוועבט אין זייַן לעבן ווי אַ לייַכט ווינטעלע און אַנטרינען געוואָרן אין די אומענדלעכע ברייטן פון דער ראַטן־ערד, אַ קליין ענערגיש מערעזשקעלע, מיט אַ גרויס האַרץ, פול מיט אַן אויג מיט מוטער־ליבע און ווייַבלעכער צאַרטקייַט.

— ווי זשע הייסט זי? פונוואַנען איז זי? ווו איז זי איצט? ניין, מע דאַרף ניט, מע דארף בעסער ניט. אַזוי איז גלייַכער. פּאָשעט — אַ

כאַווער, פּאָשעט — אַ מענטש. זי האט דאך ווידעראַמאָל געבעטן באַם געזעגענען זיך, שטאַרק דריקנדיק אָלעסן די האַנט:

— וועט איר צו מיר, הייסט עס, קיינמאָל מער ניט קומען, און מיך ניט זוכן? זאָל עס בלײַבן אַזוי, כאַווערִיש, גוט?

און סע איז געבליבן כאַווערִיש.

א פּאָר טשוויאַקעס

(פון בוך „באַטיצן פון א רעדאַקטער”)

אין קליינעם פּאַרטישקעוועטן צימער איז ליכטיק און וואַרעם. דער באַלעבאָסטעס געטרייַע, זאָרגעוודיקע האַנט האט אומעטום צעוואָרפן ווייכע טעפּיכלעך, קישעלעך, אויסגענייטע טישטעכלעך, געמערעזשעטע סערוועטלעך. עפּעס קען מען אינעם צימער גאָר קייַן שאַרף וואָרט ניט אַרויסזאָגן, און סע וועט זיך ניט באַקומען: אויך דאָס שטאַרק קאָל וועט דערטרינקען ווערן אין די אָנצאָליקע פּוכקע באַפּוצעכצן, וועט צעדרויבלט ווערן אף טויזנטער איבערקרייַצנדיקע כוואַליעס, וואס וועלן פאַרשלינגען איינע די אַנדערע.

מיר זיצן אַקסל בא אַקסל אף א נידעריקער, ברייטער קאַנאַפּע מיטן באַלעבאָס — דעם דיכטער. ער דערציילט באַגייַסטערט וועגן זייַנע רייַזעאייַנדרוקן אף קאַווקאַז, ווו ער איז דאָ ניטלאַנג געווען בעשאָס זייַנע אָפּרו־טעג.

דער דיכטער האט אַן אָנגעזועענע שטעלע אין א ראַטן־אַנשטאַלט און ביכלאַל איז ניט גאנץ קלאָר, פאַרוואָס איז ער א פּאָעט.

— א שאָד, אַך, ס'אַראַ שאָד, וואס איר זייַנט ניט געווען אף קאַווקאַז. איך רעקאָמענדיר אייַך זייער. אַזויפיל מעכטיקע שטאָלצע שיינקייט, סע פאַרכאַפּט דעם אָטעם! דו שטייסט א פאַרקישעפּטער, פילסט זיך אַזוי נישטיק, א גאָרניט, א פּיגמיי. מיר דאַכט, כ'וואָלט פונדאָרט קיינמאָל ניט צוריקגעקערט. כ'וואָלט זיך באַזעצט ערגעץ צווישן בערג און געטרונקען די קוועלנדיקע וואַסערן פונעם לעבנסקוואַל. און פּאָעמעס וואָלט איך געשאַפן איינע אין דער וועלט; פּונקט אַזוינע מעכטיקע, שטאָלצע, ווי די בערג אַרום, ווי די פעלזן, ווי די אָפּגרונטן, ווי דער יאַם...

טרוימעריש האט ער זיך אָפּגעוואָרפן אַפן אָנלען פון קאַנאַפּע און געשטראָמט מיט ווייכן שטראָם זייַנע דערינערונגען, ניטווילנדיק געזאַמלט די ווערטער צום גלאַטן ריטם פון זייַנע געדאַנקען. אין אַקעגנדיקן פענצטער

האבן זיך דעכער פון שטאָטישע הײַזער צונויפגעשטופּט אָן א סיידער מיט פלאַטשיקע דרײַעקן. צווישן זיי האבן וווּ־ניט־וווּ אַרויסגעשטעקט שאַרפשפּיציקע קופּעלן, וואס פאַר דער צייט פון דער רעוואָליוציע זײַנען זייערע ציילעמס שוואַרץ געוואָרן און אָפּגעקראָכן. האבן מאַכטלאָז צע־שפּרייט אינעם גרויען שטאָטישן שטויב זייערע הענט, ווי זיי וואָלטן זיך געקלאָגט אף זייער ביטערן גורל. נאָך דעם פּאָעטס פאַרזשמורעטע אויגן האבן, ווײַזט אויס, געזען אין די הויפּנס בלעך און געלע ציגל די ווונ־דערלעכע פּאסן פון שניי־שפּיצן; די פאַרויכערטע נעפּלען האבן זיך גע־שלענגלט, ווי לײַכטע בערגיקע וואָלקנדלעך, און אונטן האבן די קויטיקע גאַסן געברויזט מיט די וואַסערפאַלן, רוישיקע בערג־שטראָמען, וואס באַלעבן מיט זייער אוראַלטן גערויש די גרויע פעלזן פון זייערע מע־שופּע־ברעגן.

אַזוי פיל פרידלעכע פאַרגעניגנדיקע צופרידנקייט, וואס קומט פון כשי־וועסדיקן לעבן, האט געררוט אַפן פּאָנים פון דעם גלאַטינקן, אויסגעהאָדע־וועטן מענטשן (דאס שניפּסל, ווי א פּאַך־פייגעלע, אונטער ראָזעווע געמבע). כ׳האב ניט אויסגעהאַלטן:

— איך זע אין אײַערע ווערטער א ווידערשפּרוך. פּיגמייען קענען ניט שאַפן קיין גרויסאַרטיקע פּאָעמעס.

דער פּליסיקער שטראָם האט זיך אָפּגעהאקט. דעם באַלעבאָס ווײַבס האבן אַן אומרויִקן פלאַטער געטאָן, און די אויסגעקעכלטע האַנט האט געגומען צורעכטמאַכן אַן אויסגענייטן קישן, וואס האט זיך אַוועקגעלייגט אף דער קאַנאַפּע קרום און דערמיט צעשטערט די שטוביקע אָרדענונג, וואס די גוטע באַלעבאָסטע האט אײַנגעפירט.

די באַלעבאָסטע איז געקומען צו הילף, און נאָך אונטערגעשטראָכן מײַן כויזעקדיקן געדאַנק:

— און איר ווייסט, ער האט שוין טאַקע גאַנץ פיל אָנגעשריבן וועגן קאַווקאַז. סע קומט אַרויס אַזוי שיין. דעקלאַמיר אביסל פאַרן גאַסט, קאָ־טיקל.

איר געשטאַלט, וואס באַשטייט אינגאַנצן פון ווייכע האַלבקײַלעכער, האט מיר שטענדיק דערמאָנט אין דער אופגאַבע פון קוואַדראַטור פון קרײַז און דאס האט שטענדיק אַרויסגערופן א ניט־אײַנגעשטימטן, מאַכט־לאָזן קאַעס: אַזא געוויינלעכס, א קײַלעכיקס, און קענסט עס ניט בײַ־קומען, ניט איבעראַנדערשן. סע שלענגלט זיך אַרום מיט ווייכע רינגען — און קענסט ניט געפינען דעם קניפּ צום צעבינדן. אפילו צום באַלעבאָס

כאַפּט ארום א מין ראַכמאָנעס: דאס מאַזל האט אים פאַרוקט צווישן קישנס, מיט וואַטע אים פאַרלייגט די אויערן,— און אַליין איז ער ווי א שטיק וואַטע, דער קאָטיקל...

— ניין, ניין ריר זיך ניט, קעצעלע! כ'וועל אַליין דיינע לידער דער־לאַנגען,— וואָרקעט די באַלעבאָסטע און שווימט מיט קעצישע טריט אי־בערן צימער צום רייניקן שרייבטישל אין ווינקל.

דער פאַכעד — אומפאַרמיידלעכקייט פון דער דעקלאַמאַציע — צווינגען מיינע אויגן אומבאהאָלפן אַרומבלאָנקען, זוכן ווי צו ראַטעווען זיך. די פאַרשאָלטענע פיס דער באַלעבאָסטעס שפּאַנען צום שרייבטישל מיט זי־כערע, נאָר מאָדנע, ווייכע טריט. מיין בליק פאַלט מאַכטלאָז אף די קע־צישע פיס און זעט אף זיי ווייך־לעדערנע קאַווקאַזישע טשוויאַקעס.

— אַך, דאס זיינען יענע טשוויאַקעס? — שריי איך פּלוצים אויס זי־געריש, און אָנגעשטרענגט דריי איך זיך אויס צום באַלעבאָס.

— יאָ, יאָ,— האט ער איבערגעשראָקן געגומען גיך שיטן. און צוגע־לייגט די שפּיץ פינגער צום פוכקע מויל,— איך האב אייך שוין, דאַכט זיך, געזאָגט: די טשוויאַקעס האב איך פאַר מיין ווייב געבראַכט פון קאַווקאַז. ס'א וווּנדערלעך, גוטע אָרטיקע שוכוואַרג. געקויפט אין אן אַול אין די בערג...

— עפּעם ענלעכס האט איר מיר דערציילט,— דריי איך זיך אויס פון קלאָרן ענטפער און קלויב נאָכעס פון זיין פאַרלוירענער צופרידנקייט, פון זיין דערנידעריקט־בעטנדיקן בליק און דערשראָקענע פינטלענדיקע אויגן. זיין ווייסע, געכאָוועטע האַנט ציפּט דאס שניפּסעלע, גלייך סע וואַרגט אים דעם פעטן האַלדז, און דאס זיידענע פאַך־פייגעלע פאַר־קרימט די גלאַט־אויסגעשפּרייטע פליגעלעך. דאס שטעלט מיך שוין אינ־גאַנצן צופרידן און איך קוק באַרעמהערציק אף די קאַווקאַזישע טשוויאַ־קעס, וואס די באַלעבאָסטע שטעלט ארויס באַרימעריש פאַר מיינע אויגן, איינציייטיק שוין קאָקעטירנדיק מיט די פולינקע ליטקעס אין די אָנגע־צויגענע זאָקן.

— קוקט, א מין עלעגאַנטקייט!

— אָ, אף אייערע פיסלעך איז אלץ עלעגאַנט! — שיס איך אויס פּיי־ערלעך דעם אָפּגעריבענעם קאָמפּלימענט און גיב נאָך צו מיטן זעלבן טאָן: קיין שום קאַווקאַזישע שיינקייט האט ניט געקענט צווינגען אייער מאַן צו פאַרגעסן אין אייך — און אָט זיגט די שאַפונג פון מעכטיקן קאַווקאַז באַ אייך אונטער די פיס, איר טרעט אף איר.

דער באַלעבאָס האט ווידער אומרויִק א ריגעווע געטאן אף דער קאַנאַפּע, געוואָלט זיך אָנשטויסן, וויפל איראָניע איז באהאלטן אין מײַנע ווערטער; אָבער דער צופרידענער שמייכל פון זײַן קײַלעכאַרטיקער ווײַב בארויִקט אים.

— יאָ, ער איז געווען אזוי ליב און האט ניט פארגעסן צו ברענגען מיר דאס געווונשטע געשאַנק.

נעקאָמע — אַך ס'אַראַ זיסער געפיל דאס איז! סע האט געטאַנצט אין מיר א זיגערישן טאַנץ דעם גאַנצן אָוונט און נאָר אדאנק דעם, האב איך זיך געלאָזט אף אומענטשלעכע ליידן: אויסהערן ערנסט, מיט קאָפּ, א גאנצן פּאַק לידער פון א קאַווקאַזישן וואַנדערער. ס'האט פּאָקסטראָטירט אין מיר אויך דעמאלט, ווען כ'בין אהיים געגאַן און דערמאנט זיך דאס אונטערלעקערישע ווינקען פונעם באלעבאָס, זײַן פאַרלוירנקייט. זײַן ציטערניש. דעם גאנצן אָוונט האט ער געשוועבט צווישן שרעק און פרייד, ווען ער האט די שרעק אויסגעמיטן. פון די קלענסטע אָנצוהערענישן איז ער אָנגעשפּיצט געווארן, קאַלט, ווײַס ווי די וואַנט, און ווידער צעשוימען געווארן ווי ראָשטשינע, גערויטלט זיך און געשײַנט פאר צופרידנקייט. און אַלץ נאָר צוליב א פּאָר טשוויאַקעס... ווייכע, דיקהויטיקע, ווי דאס פּאָרפאַלק, א פּאָר טשוויאַקעס...

מיינט ניט, אז דער סאָד פון זיי איז א קאָמפּליצירטער און אינעם סאָד ליגט דאס גאנצע כאַריפעס פון דער דערציילונג. כ'וואָלט ביכלאַל ניט געוואָלט, אז ס'זאָל אין דעם ליגן א וואָסער סע ניט איז כאַריפעס. פּאָשעט, כ'האב ניט ליב קיין צופרידענע מענטשן און מיר דוכט זיך, אז זיי האבן ניט וואס צוטאָן אף דער וועלט, און כוץ דעם, בין איך... איך בין קיינמאָל ניט געווען אף קאַווקאַז. עפשער דעריבער בין איך זיך אזוי ניט געניט נויקעם...

אַלנפאלס, די געשיכטע איז געווען אזוי:

אין איינעם א שיינעם פרימאָרגן, ווען סע גלוסט זיך אזוי שלאָפן נאך א גאנצער נאַכט רעדאקטאָרישער ארבעט, האט אין טיר פון מײַן איינזאַמען צימער עמעצער אײַנגעשפּאַרט און גראָב גענומען קלאַפּן, — אין איינעם א שיינעם פרימאָרגן, ווען סע ווילט זיך אזוי שלאָפן...

— כ'פּאָר גלײַך פון קאַווקאַז — און צו אײַך. דערלויבט אף א מין האלבער שאָ לאָזן די זאַכן. טוט זיך ניט אָן, איך בעט אײַך, אָט שוין פארשווינד איך, שלאָפט, מײַן טײַערער, רויִק! שלאָפט!

און טאַקע: ער איז באלד פארשוווּנדן געווארן, דאס פעטינקע מענטשעלע מיטן זײַדענעם פאַך - פייגעלע אַפן האַלדז. און אין א מין שאָ ארום

האט ער שוין ווידער געקלאַפּט מיט דער צונג (שלאָפּט, הייסט עס, רויִק), דערנאָך פאַרסאַפּעט אופגעשלאָסן א נײַינק טשעמאָדאַנדל, אַרײַנגערוקט אין דעם א פאַרוויקלט פּעקל אין א בעזוענעם סקריפּענדיקן פּאַפּיר און מיט א זיס קעלעכל זינגעוודיק פאַרענטפערט זיך:

— כ'האָב, פאַרשטייט איר מיך, פאַרגעסן צו קויפן אף קאַווקאַז טשוויאַקעס פאַר מײַן ווײַב, און זי האט אזוי געבעטן. כ'האָב זיך דערמאָנט צוריקצווועגס, בין איך איצט געלאָפן אַפן מאַרק. איצט קען איך גיין אַהיים. זײַט געזונט. א דאַנק. קומט אַרײַן. כ'וועל דערציילן אסאך אינטערעסאַנטע זאַכן.

און שטעלט אײַך פאָר, איך קום טאקע אָפט מאָל אַרײַן צו אים — אויסצוהערן, פאַרשטייט איר מיך, אסאך „אינטערעסאַנטע זאַכן". אט ווייס איך, אשטייגער, אף געוויס, פונוואַנען סע שטאַמען די קאַווקאַזער שטאָלצע טשוויאַקעס, אין וועלכע סע טרעטן די פעטע פיס פון דער כאָשעווער באַלעבאָסטע פונעם פאַרטישקעווען, וואַרעמען צימער און זעלבסטצופרידענעם מאַנדעלע מיטן פאַך־פייגעלע אַפן האַלדז. און ווער סע ווייסט כאָטש דעם קלענסטן סאָד, דער פילט זיך העכער פון אנדערע. צי זאָל איך זיך אָפּזאָגן פון אזא פאַרגעניגן?

14/XII 1928

פעטראָ פאַנטש

געבוירן אין 1891 אין שטעטל וואַלקי, כאַרקאָווער קרייז, בא א פאָטער א סטעלמאַך.
אין 1905 יאָר פאַרענדיקט די פאָלטאווער אַגראָ־שול. גענומען אנטייל אין דער אימפעריאַליסטישער מילכאָמע אלס ארטילעריסט. בעשאַס דער רעוואָליוציע — אין דער רויטער ארמיי. אין 1922 יאָר געדרוקט זיינע ערשטע זאַכן אין וואַלקעווער צייטונג „נעזאַמאָזשניק".
באַזונדערע אויסגאַבן: „אלטע נעסטן", 1923, פארלאג „שליאַך אָסוויטע". „דאָרט, ווו ווערבעס שטייען באַם טייך", — דערציילונג, 1923, „שליאַך אָסוויטע". „ביי פּעפּאָדאַבני", 1924, פארלאג „שליאַך אָסוויטע". „פון יענער זייט לעבן". — דערציילונג. „אין שטעטעלע בע". — דערציילונג, 1925, „קניהאָספילקא". „א קאַליזשע" — דערציילונגען, 1925, „קניהאָספילקאַ". „א שטרויענער רויך", — דערציילונג, 1925, מעלכע־פארלאג פון אוקראַינע. „דער גאָט פון געטער". 1926, מעלוכע־פארלאג פון אוקראַינע. „מייזן־לעכער". — דערציילונג, 1926, מעלוכע־פארלאג פון אוקראַינע. אין יידיש איז איבערגעזעצט „בלויע עשאַלאָנען". — ד. פעלדמאַן. צענטרפארלאג, 1929.

פּ. פֿאַנטש

די געשיכטע פֿון אונדזערע טעג

דער רעדאַקטער קרוק איז געזעסן בײַם שרײַבטיש און פֿאַנאַנדערגעקליבן די אָנגעקומענע פּאָסט. ער האָט מיט אַ לענגלעך שפּיציק שערל אָפּגעשניטן די ברעגן פֿון קאָנווערט, מיט איין אויג אין קאָנווערט אַרײַנגעקוקט און מיטן צווייטן, פֿון צײַט צו צײַט, אין אַ זײַט אַזוי אָפּן קינסטלער סאַמסאָן געקוקט. סאַמסאָן איז געזעסן אויף דער לוטקע פֿון פֿענצטער און כמאַרנע באַטראַכט דעם מויער, וואָס אַנטקעגן, און דעם שילד אויפֿן מויער וו. ר. נ. ג. (וו. ס. נ. כ.). טשאַדאָ, דער באַוווּסטער אָרטיקער קריטיקער, האָט פֿאַרלייגט איין האַנט אויף הינטן און נערוועז געשפּאַנט איבערן קאַבינעט, זיך אָנגשטויסנדיק אַלע מאָל אָן אַ בענקל.

ווען איך בין אַרײַנגעקומען אין קאַבינעט, האָב איך דערהערט:

— ס'איז גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, אַז אײַער שול טויג אויף אַכציק און נײַנציק אויב אין אייראָפּע האַלט מען פֿון איר. אויפֿן צענטן־יאָר רעוואָלוציע פֿריידיקן מאָנומענטאַלע קונסט, הייסט פֿאַרשלעפּן די רעוואָלוציע אין אַ הינטערגעסל, הייסט זיך אומקערן צום מיטלאַלטער. אַדרעבאַ, גיט מיר צו פֿאַרשטיין, ווער דאַרף עס איצטער האָבן אײַערע הילצערנע פֿלוסטערדיקע פֿאַרשוינען, געמאָלט אויף דעמזעלביקן אויפֿן, ווי די וולאַדימירער געצן־בילדער?

סאַמסאָן האָט זיך אָנגעברויגעזט, איז צו צום פֿענצטער און אַ זאָג געטאָן:

— די מאָנומענטאַלע קונסט האָט אונדז איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה.

טשאַדאָ האָט אַרויסגעשנעלט דורכן אָפֿענעם פֿענצטער זײַן פֿאַרלאָשענעם ציגאַר און אויסגערעדט:

— די מאָנומענטאַלע קונסט האָט געקאָנט אויפֿבליִען נאָר דעמאָלט, ווען דער מענטש האָט פֿון זיך געהאַלטן, אַז ער איז די קרוין פֿון דער וועלט, דאָס

אויסדערוויילטע פון דער וועלט. אזא מין סאָרט באַנעמען דערשייַנונגען האט געקענט דויערן ביסקל אין אונדזער לעבן האט זיך אַרייַנגעריסן די ריזיקע מאַשין. אָבער איצטער, ווען איבער אונדזערע קעפּ יאָגן עראָפּלאַנען, ווען ארום-און ארום הודען טעלעגראַפן, טעלעפאָנען און ראַדיאָ,— אין א צייַט אזא, קומען און ווי אַ בלינד הינטל זיך פּלאָנטערן אף אַלטע וועגן, אַפן אלטן שטייגער! ווי קען מען אזא גוואלדאָוונע קלאַסן-באַוועגונג איבערגעבן דורך אלטערטימלעכע מיטלען? נאַרישקייטן! די רעוואָליוציע איז ניט קיין פאַרגליווערטע פאָרם מיט אויסגעגלאָצטע אויגן פון א איקאָנע, קאַפּויר,— הוילע באַוועגונג, פול העלדישקייט, אופבּרויז און קאמף. ווען איר וואָלט דערווייַזן, אז מ'קען אויסנוצן די אלטע פאָרם פון פעאָדאלן בורזשואזן סטיל אף שאפן א סינטעטיש-נייַעם, נו, לאָמיר זאָגן, א ראַדיאָ-סטיל, צי ווי אַזוי דאָרט,— דאָס איז אנדערע דיבורים: שוין פונלאנג צייַט און די באַדינגונגען פאָדערן עס, אָבער ווער און ווו זייַנען די פּרוּוון? באַ אייך, יעדנפאלס, איז דאס ניט ניקער.

— אף יעדער זאַך איר צייַט,— האט אָפּגעענטפערט סאמסאָן,— איר זעט ניט די פּרוּוון און איך זע ניט די פּאסיקע באַדינגונגען, ווי איר זאָגט.

— וואס הייסט איר זעט ניט? — האט זיך פאַרוווּנדערט אָנגערופן דער רעדאקטער,— וואס הייסט איר זעט ניט? איר שלאָפט, מייַן שפּילפייגעלע! אויב איר דרימלט, קען איך אייך אופוועקן. אָט דאָ אָ ליגט בא מיר,— און ער האט ארויכגערוקט דאס שיפלאָדל,— א לעבעדיקער דאָקומענט, א פריש-צאַפּלדיקער דאָקומענט.

— אייַערע דאָקומענטן — האט א פּאָכע געטאן מיט דער האַנט דער קינסטלער,— אייַערע אַרבקאָרישע בריוועלעך וועלן אַנטוישן, סאָפּקאָלסאָף, דאס גלויבן אין די קויכעס פון דער ארבעטערשאַפט.

דער רעדאקטער האט א וואָרף געטאָן אפן טיש דאס שערל, טיפער אַרויסגערוקט דאס שיפלאָדל, ארויסבאַקומען פונדאָרטן עפּעס א קסאוויאַד און אונטערגעטראָגן אים, סאמסאָנען.

— און איך גלויב נאָר פאקטן!

— פאַקטן! און איר זיצט צו אלדי שוואַרציאָר אין פאַרמאַכטע צימערן און זעט ניט קיין לעבעדיקן אַרבעטער און האט ניט קיין לעבעדיקע פאַקטן! כ'האב דאָך דעם אַרבקאָר ניט געצוווּנגען ער זאָל מיר אָנשרייַבן דאסדאזיקע.

— ווער?

— א געוויינלעכער אַרבקאַר. כ'ווייס אפילע ניט ווי ער הייסט. און אַזעלכע דאָקומענטן וועל איך קיינמאל ניט בײַטן אף אײַער נײַער מאָלערײַ, אף אײַערע אויסשטעלונגען.

דער קינסטלער סאמסאָן האט א שמייכל געטאָן, פון פענצטער אַראָפּ־געשפרונגען און רויִקער א זאָג געטאן:

— נו, גוט, איז וואס איז דאס פאַר א דאָקומענט?

— זעצט זיך צו און הערט. א האלבע שאָ האב איך צײַט צו לייענען. וועלן מיר הײַנט ניט פאַרענדיקן, איז מאָרגן אויך א טאָג.

— גוט.

— גוט.

דער קריטיקער טשאדאָ און איך האבן זיך אַוועקגעזעצט אף דער קאנאפע, און דער קינסטלער — באם ווענטל פון קאבינעט, — האט פאַרויכערט זײַן ציגאַרל.

— די זאך האט ער אַ נאָמען געגעבן „די געשיכטע פון א צופאל". פאַרוואס אזוי? וועט איר ווײַטער זען. איז אָט:

„דאָרט, ווו אין רויכעדיקן סטעפּ האבן זיך איבערגעפלאָכטן די רעלסן, ווי אין א שטאָלענער נעץ, דאָרטן האבן הונדערטער קוימענס זיך אופגעהויבן פון דר'ערד צום הימל אַרוף, ווי פאַרלאָזטע איינזאמע פאַליעס אפן וואסער. זיי שטייען, די קוימענס, צו פיר, פינף מיטאמאָל און פאַר־כלינען זיך טאָג און נאַכט אין פײַפעניש, אין הודעניש. אַף דעם ערטל, וועגן וועלכן איך וויל אייך דא דערציילן, זײַנען געשטאנען אַכט קוי־מענס. פון דער באַנסטאַנציע ביז דער נאָענטסטער, אף גאַנצע פיר ווערסט ליגן אויסגעצויגן, ווי גרויע לעמפערטן, אַכט זאַוואדן. און אין טאָל אינדערנאָענט, ווי עמעצער וואָלט אלטע ציגל צעוואָרפן, ליגט צע־וואָרפן אַן ארבעטער־כוטער.

אינדערווײַט אף שטאָלענע שפרונדזינעס האבן ראשיק געיאָגט פאַר־שמאָלצעוועטע לאָקאָמאָטיוון און הייזעריק זיך איבערגערופן מיט די זאַ־וואָדן, ביז סאמע אין הימל איז צעגאַנגען דער לעצטער רויך.

דידאָזיקע גרופּע זאַוואָדן האט געהערט דער אקציאָנער־קאָמפּאַניע „כעמישע זאַוואדן".

בעשאַס מילכאמע האבן די אלע זאַוואָדן געאַרבעט צוליבן פראָנט. די אַקציעס פון דער געזעלשאפט האבן געהאלטן אין איין שטײַגן. ווען מיטאמאָל האט אויסגעבראָכן די רעוואליוציע, טייקעף נאך דער ערשטער

א צווייטע און די גאַנצע אדמיניסטראַציע מיט אלע קעסט־לייט האבן זיך אוועקגעלאָזט מיטן יאַם אין אייראָפּע ראַטעווען די אקציעס.

פון דעמאָלט אָן האבן איבער די וואַרשטאַטן אין צעך אָנגעהויבן לויפן מייז.

מיטריטש פלעג אַזוי דערציילן:

— פלעגסט אריינקומען אין צעך אַ קוק טאָן, פלעג שווערער אומעט דיר ארומכאפן: פאַוווטינע ארום און ארום, שטרוי צעוואָרפן, און קיזיקעס ביז איבער די קניִען. און ווער רעדט באַנאכט — בעסער קום ניט אַריין: סאָוועס, סאָוועס, ווי די קישעפמאַכערנס, ווי די שיידים אפן ליסן באַרג. דאָס דערפל, ווידער; דער כוטער אויך, לעהאוודל, ווי א בייסוילעם.

בעשאַסן בירגערקריג איז דאס אָרט א מאָל צוואַנציק איבערגעגאנגען פון האנט צו האנט. און יעדערער האט געשריגן:

— כעוורע, כעוורע, לאָזט גאָרניט איבער, די הינט די ווייסע וועלן עס אלציינס אומברענגען!

— ריכטיק! — האבן אלע מאסקים געווען און געשלעפּט אלץ, וואס האט זיך געלאָזט. די מאַשינעס און די סטרומענטן זיינען פארפאַלן געווארן און דער הויף איז פאַרוואַקסן אין גראָוון צאָפּ אריין.

— אף וואס טויג א זאוואָד אָן פרעפּאראטן? — פלעג זאָגן מיטריטש.

— ס'איז דאך דאסזעלבע, וואס אַן אַרבעטער אָן א זאַוואָד.

זיי האבן געלעבט, די אַרבעטער, איינס אין איינס צווישן זיך, — די אַרבעטער מיטן זאַוואָד. אבער ביזוואנען קען מען דאס זיצן אין קאלטע שפּייכלערס און ווארטן, זיצן און צוהערן, ווי די אַלטע טאטעס שטשירען די ציין און זיינען ניט צופרידן, וואס די יוגנט לויפט אפן פראָנט?

קימאט אלע וואָך א מיטינג, און קימאט יעדער מיטינג פלעג זיך ענדיקן מיט קריגעריי און מיט געשריי:

— זײַ א קאָמאַנדיר, דו!

— און פאַרוואס ניט ער?

— א כאָכמע!.. ביסט קלוג, ווי א פּאַרטיזאַן.

— ווער דאַרף עס האבן קאָמאנדירן, — האט זיך געוווּנדערט אַנטאָן. — קלייבט מיטריטשן פאַרן עלטסטן און שוין.

— וואס מיינסטו, אַז מיטריטש; מיר קענען מיטריטשן!

יעדע וואָך פלעג מען צונויפזאַמלען דעם אוילעם אף א מיטינג. מע פלעג זיך צונויפקלייבן, מע פלעג אָרגאניזירן שאבעסניקעס, בויען אַרקעס

אפן פלאץ, און אפילע אפן ברידערלעכן קייווער פון די צעשאָסענע כאווײרים האט מען אַװעקגעשטעלט א דענקמאָל, א מאַצייווע פון צעבראָכן גלאָז. אבער די הוטעס זײַנען אלץ געשטאנען אומעטיקע, פאַרלאָזטע ווי קאטאפאלקעס, און אָוולדיק געקוקט אפן ווילדגראָז, אפן בוריאן מיט די לעפישע קוימענס.

און ס'האט איינמאָל געטראָפן, אז מיטן ווינט האט זיך צום כוטער פאַרטראָגן א פײַף. דער פײַף איז באלד איבערגעגאַנגען אין א לאַנגן פאַרכלינעטן הודען, און יעדערער, וואס האט זיך נאָר דירן געקאָנט, איז אין גאס ארויס און אנגעשטרענגט זיך צו געהערט צום הודעניש. ווי אַ ווײַטע מוזיק העט־העט פון יענער זײַט באַרג, פון הינטער די אַלטע הוטעס, ווו די קוימענס האבן שטיל געטרוימט וועגן פארגאַנגענע טעג, האט זיך צעשאַלט דערדאָזיקער פײַף.

און ווי נאר אין טאָל איז אָפגעשטאָרבן דער לעצטער קלאנג, דער לעצטער אָטעם פון דעמדאָזיקן הודען, האבן זיך אלע שטיבלעך, אלע הערצער איבערגעפילט מיט קינע אין דעמדאָזיקן גרויען טאָג, וואס האט צעשפרייט איבערן כוטער די פײַכטע לײַוונטן פון קאַלטע נעפלען.

דעמדאזיקן אָוונט נאָך איז איבערן אַרבעטער־כוטער דורכגעלאָפן אַ ייִנגל און יעדערן געווּפן:

— אפן מיטינג גייט! אפן זאַוואד! מע רופט!

— די פאַרטיזאַנער האבן שוין ווידער אַ סובאָטניק אויסגעטראַכט.

מיטן נאָמען „פארטיזאנער" פלעג מען דעמאלט רופן אלע, וועלכע פלעגן טראָגן גרויע שינעלן. און כאָטש די מערהייט אוילעם זיינען אָפגעווען אסאך יאָרן אין דער רעגולערער רויטער ארמיי, זיך אויסגעוואַלגערט אף אלע פראָנטן, נאָר באם צונאָמעניש „פארטיזאן" זײַנען זיי געבליבן.

אַפן בריקל פון דער גלאָז־פאבריק צווישן כעוורע איז געשטאַנען עפעס א פרעמדער פאַרשוין, א קרעפטיקער, א ברייטפלייציקער מיט אַ פאָנים א פירעקעכדיקס, מיט אויגן אײַנגעפאלענע, אופגעפלאמטע.

די אַרבעטער, וואס אַרום, האבן געקוקט אף אים, ווי עפעס אַף א נײַער זאַך, וואס האט זיך אָקאָרשט פלוצלינג באַוויזן. ווערליק זיין לעדערנע קורטקע, וואָלט מען אַפילע יאָ געקענט טרעפן ווער ער איז, איז אָבער דאָס לעדער געווען אזוי אָפגעריבן, און די נאָז דעם כאַווערס איז געווען צו פאַריסן און צו ברייט, אז מע זאל פון דעם ערשטן מאל דערקענען פונוואַנען און ווער ער איז.

— ווער ביסטו אַזעלכס ?— האט זיך סאפקאָלסאף צו אים געווענדט אַן ארבעטער, וואס אפן בריקל.

— סוויר, אַן אַרבעטער,— האט ער אים רויִק געענטפערט.

— אַן ארבעטער ? איך בין אויך אַן אַרבעטער ! סאפראָן הייס איך. איז זאָג זשע טאקע, כאַווער, צוליב וואס האסטו אונדז צונויפגערופן ? אף וואס דארפסטו אונדז ?

— מע דארף זיך שטעלן צו דער אַרבעט.

— ווו ?

— בא אייך.

— ס'איז דאָך ניטאָ בא וואָס.

— דאַרף מען טאָן, אז ס'זאָל זיין.

— ביִסטו צוליב דעם געקומען,— האט זיך פארקרימט סאפראָן און ביטלדיק א מאַך געטאָן מיט דער האנט.— אָבער סוויר האט רויִק ארומגעקוקט דעם אוילעם און באַמערקנדיק, אז אסאך אוילעם האט זיך צונויפגע־קליבן, האט ער מיטאמאָל מיט א הילכיק קאָל, ווי בייז, אָנגעהויבן :

— כאַוויירים ! דעם סוינע אף די פראָנטן האבן מיר בייַגעקומען. קאָלטשאַקן, יודעניטשן, פּעטליורען, וורואַנגעלן, פּאָליאקן — האבן מיר געטאָן זייער רעכטס. איז פארוואס, כאַוויירים, דאַרפן מיר צוזעען איצ־טער אזא ביזאָיען, וואס איבער אונדזערע פּאַבריקן נעסטן סאָוועס ? ביז־וואן וועלן די פענצטער אונדזערע זייַן באהאנגען מיט שפּינוועבס ? אַף וועמען ווארט איר ? די פּאַבריקן ווערן מיט מאָך באוואַקסן ! זאָגט אַליין !

די ארבעטער האבן פאַרדראָסלעך געקוקט אפן רעדנער און טיף גע־זיפצט.

עטלעכע „פּארטיזאנער" אין גרויע שינעלן האבן אויסגעשריגן :

— מע דארף די פּאַבריק לאָזן !

— ווי אַזוי !

— מיט די הענט !

— מיט הוילע פינגער ?

— מיט הוילע,— האט געשריגן סוויר.— וויַיטער אזוי דויערן טאָר ניט ! די ווארשטאטן פּאַרטיליקט, די פּאַסן צעשניטן אף פּידמעטקעס, צעגאנוועט די שייַבעס ! אף אנדערע פּאַבריקן איז אנדערש ! דאָרטן, ווו די ארבעטער האבן די פּאבריק אָפּגעהיט,— לעבט די פּאַבריק !

— און מיר האבן דען ניט געהיט ? ווייניק אונדזערע האט מען דאָ צעשאָסן ?— האבן די עלטערע אַרבעטער געבורטשעט.

— אזוי געהיט, אז די גלאָז־ביטלעך צוויטען? בעסער וואלט שוין דעניקין עס כאָרעוו געמאכט, איידער צוזעען, ווי איר קענט זיך קיין אייצע ניט געבן, ווי איר קענט גארניט טאָן.

— פונוואנען ווייסטו, אז מיר קענען ניט טאָן,— האט זיך דער אוילעם צעליארעמט.

— שלעפּן קענט איר, נאר ניט טאָן. ווען מיר האבן זיך מיטן טויט געשלאגן, האט איר די סאָוועס אין די אויגן געקוקט!

דעם אוילעם האט עס אָנגעהויבן פארדריסן. שלעפּן האט מען טאַקע געשלעפּט, אבער בעסאָד. נאָר סוויר האט ווײַטער געטײַנעט:

— איר קענט זיך דען איצטער שטעלן צו דער ארבעט, אז בסאכאקל האט איר מוירע פאַר א פאַבריק! איר האט שוין מיסטאמע פונלאַנג פארגעסן, ווי צו האלטן א שטיקל געצײַג אין האנט.

די ארבעטער:

— ס'א ליגן! ארויס! פארנעם זיך פונדאנען!

— פאַרשטייט זיך,— האט ער פּאַוואָלי פּאָרגעזעצט,— פארשטייט זיך, אז איך וועל מוזן צוזוכן נײַע ארבעטער, אף וויפל איר טויגט ניט.

— ס'אַ ליגן!— האבן ווידער געשריגן די אַרבעטער.— ס'אַ ליגן, מיר קאָנען ארבעטן!

און פונזיך האבן זיך די הענט צעפּאָכעט, די בלויע ליפּן האבן זיך אָנגעבלאָזן, און די פיס — צעטופּעט.

— ניט קיין ליגן האב איך אויסגעטראַכט!— האט ווײַטער גערעדט סוויר.— וואס מערער די פאַבריקן וועלן פוסטעווען, אלץ ווייניקער וועט איר קענען ארבעטן. מ'דארף די פאַבריק אופבויען. אף גרייטן קומען איז ניט קיין כאָכמע.

— מיר וועלן אופבויען, מיר!

— אין צען יאר אַרום? ווען איר וועט אפּילע קיין האַלץ ניט קענען האקן.

עמעצן האט עס אופגערודערט, און די גאָרגלען האבן זיך צעשריגן:

— פאַרוואס אין צען יאר ארום? מיר וועלן שוין אף דער וועלט ניט זײַן.

— דאיאָש! אַהער גיב די פאַבריק!— האָבן די „פאַרטיזאַנער" א דעק געטאָן. זיי האלטן שוין פונלאנג מילכאָמע מיט די אַלטע.— בורטשעט, בורטשעט אייך!

— וואס קראַצטו זיך דאָרט! זאָג, און שוין! וועסט אונדז אָנשרײַבן א רעזאָליוציע?

און מיטאמאָל איז אזוי לויטער־ליכטיק געוואָרן אין די אויגן און אין הארצן, און אלע האבן זיך צעשריגן:

— מיר לאָזן די פאַבריק, מיר לאָזן! נאר ווי אזוי?

— אָ־האָ! איינס, צוויי, דריי! — האט זיך פארהוסט אַן אלטיטשקער.

— און איך, מיינס׳ז׳ו, וועל גאוורילען דעם קאָמיסאר ניט קענען פאַרבייַטן?

— אוי, בורזשואזיאַט, האלט זיך! האלט זיך! הא, מיטריטש?

מיטריטש, וועלכן די דעניקינצעס האבן געפירט שיסן און וועלכן די מאַכנאָווצעס האבן פאַרוואונדעט, און ס׳איז הוילע ניסים, ווי ער האט זיך ארויסגעראַטעוועט, האט באוויזן זייַן ליידיק מויל מיטן איינציקן געלן צאָן, גיפטיק א פינטל געטאן מיטן אויגל און צופרידן א קלאפ געטאָן מיט דער האנט אין שטערן.

וואס מיטריטש האט מיט דעם געמיינט, איז שווער צו פאַרשטיין, נאָר דער אוילעם, וואס איז אַרום מיטריטשן געשטאַנען, האבן זיך ווי די גאָנערס צעגראַגערט און אַפן רעדנער מיט פאַרדראָס געקוקט.

דאָ סאַמע האט אַפן טיש פון דעם רעדאַקטער א קלונג געטאָן דער טעלעפאן.

דער כאַוועק סאַמסאָן, וואס איז שוין רייַטנדיק אפן טיש געזעסן, האט אַראָפגענומען דאס רערל פונעם אַפאַראַט און עס איבערגעגעבן דעם רעראַקטער קרוק.

— גוט! אַזוי, אזוי. קיין טשערוואָנאָגראַד. ווען גייט אָפּ דער צוג? אַזוי? איר הערט, איך דארף האבן (ער האט אונדז איבערגעציילט מיטן אויג, אליין זיך אָנגערירט מיטן עלנבויגן) פיר מאַנדאַטן, צייַגנישן. זייַט אָט, נאט אייך א נייַעם פאַקט, — האט זיך געווענדט דער רעדאַקטער קרוק צום קינסטלער:

— הייַנט איז די פייַערלעכע עפענונג פון דער נייַער באַנליניע אין טשערוואָנאָגראַד. דער ספּעציעלער צוג גייט אָפּ אין אַ שאָ אַרום. מיט בילעטן האב איך אייך באַזאָרגט.

דער קריטיקער און איך האבן מאַסקים געווען. אָבער סאַמסאָן האט פארדרייט מיט דער נאָז.

— נו, ווי איר ווילט זיך, — האט דער רעדאקטער אַ זאג געטאָן.

אַ גאנצן כוידעש נאָכאַנאַנד האט סוויר וועגן דעם אלץ געטייַנעט. דער ענטוזיאַזם צווישן די ארבעטער איז קאָנטיק געוואַקסן, אָבער דער ברויט־פּאַיאָק פאר דערזעלבער צייט האט זיך קאנטיק פאַרקלענערט.

פאַרן גאַנצן אַרבעטער־אוילעם — פערציק פּוד ברויט! אָבער אין גע־ביידע זיינען שוין קיין קיזיקעס ניט געווען. און ווען די ארבעט איז זיך צעוואקסן, איז פון צענטער אָנגעקומען א ספּעציעלע קאָמיסיע. די קאָמי־סיע האט באַטראַכט די זאוואָדן, געהאַלטן רעדעס פאַרן אוילעם וועגן אופבוי פון אונדזער אינדוסטריע און טאַקע אפן אָרט מודיע געווען אַלעמען, אז די גרופּע זאַוואדן וועט מען האַיאָר ניט לאָזן.

אַ זאָקנדל, אן אַלטיטשקער, וואס האט זיך פאַרהוסט (אַוואַנאָם האט מען אים גערופן), איז צוגעגאנגען צו מיטריטשן:

— פאַר וואס וועט מען ניט לאָזן, מיטריטש?

— פאר וואס וועט מען ניט לאָזן, סוויר?

— ס׳אַ ליגן — האט געזאָגט מיטריטש.

— מיר וועלן לאָזן! — האט געזאָגט סוויר. — די הוטע וועלן מיר לאָזן, אי די סטאַנציע וועלן מיר לאָזן!

די קאמיסיע האט זיך געבייזערט:

— און מיר מעלדן אייך, אז מע טאָר ניט! מיר וויסן בעסער.

— אַ־האַ! אזוי, — האבן זיך צעשריגן די פּאַרטיזאַנער. — סוויר, נעם אַף זיך! — האט א זאג געטאָן מיטריטש, — ס׳איז דיין זאַך. און דו, אַוואַ־נאָם, אָטעם זיך אָן מיט דעך אף אויסבלאָזן א פלאַש פון א פערטל עמער.

אין אַ וואָך אַרום איז ווידער געקומען אַ קאָמיסיע. זי האט באַקענט זיך, ווי דער אוילעם, האלב הונגעריק, ארבעט; ווידער געהאַלטן רעדעס וועגן אונדזערע דערגרייכונגען און ווידער געמאָלדן:

— מע קאָן ניט לאָזן.

— ניט מיט אייער הילף, נאָר מיט אונדזערע קויכעס עפשער יאָ. וואס זאָגסטו סוויר? — הא?

סוויר האט אַ קוק געטאָן אַף אַוואַנאָמען און א טראַכט געטאָן: „עפשער איז די קאָמיסיע גערעכט”. אָבער ווען זיינע אָנגעכמורעטע אויגן האבן זיך באַגעגנט מיטן איינגעשפּארטן קוק פון די פּאַרטיזאַנער, האט ער פּעסט אַ זאָג געטאָן: „מיר וועלן נאָך אַ קוק טאָן”.

דא האט זיך דער רעדאַקטער אָפּגעשטעלט, אופגעהויבן אף אונדז די אויגן און צופרידן א זאָג געטאָן:

— „באַשטענדיק אָן אָנגעכמורעטער”... כ׳קען אים אויסגעצייכנט, מיט אַלע פּישטשעווקעס, „באַשטענדיק אָנגעכמורעט”... פאר אזעלכן האב איך אים געקענט אין צוואַנציקסטן יאָר, ווען מע האט אים צו מיר

צוגעשיקט אלס דיוויזיע־קאָמיסאַר. אַ יאָדערדיקער, א ברייטפּלייציקער אין לעדערנעם אָפּגעריבענעם רעקל שטייט ער א לעבעדיקער פאַר מײַנע אויגן מיט זיין באַשטענדיק כמורנעם אויסזען. די קליינע אויגן טיף באַהאַלטן און די ליפּן צונויפגעפּרעסט. אוי, א בייזער פאַרשוין — האב איך א טראַכט געטאָן. אין אַרטילעריע פאַרשטייט איר עפּעס, האב איך אים א פרעג געטאן אַף מאָרגן?

— כ׳פאַרשטיי,— האט ער ווירדיק געענטפערט,— אין דער אַלטער אַרמיי בין איך געווען אַ טעלעפאָניסט. אַ טעלעפאָניסט פון דער שווע־רער באטאַרייע, „וויקערס" סיסטעם. און וואס פאר א קויכעס פאַרמאָגט דער סוינע, ווייסט איר? — פרעגט ער שוין מיך.

אַ וואָרט פאר א וואָרט, און איך האב באַשטימט אים אַ פּרווו טאָן אַפן נאַסן — אים א פּרווו טאָן „אַפן פײַער".

אין שאַרגאָראָד איז געשטאַנען א פּויליש־פּעטליורישע בריגאַדע. אַ גאנצן כוידעש זײַנען מיר פרידלעך געשטאַנען איינער אנטקעגן אַנדערן און אַף מאָרגן האט זיך געדאַרפט אָנהייבן דער אָנגריף איבערן גאנצן פראָנט. כ׳האב פאַרגעלייגט סווירן נעמען אנטייל אין אָנגריף צוזאַמען מיט דער פּעכאָטע. כ׳בין זיך מוידע, אַז איך האָב אים דאָס פאָרגעשלאָגן בעקיוון און נאָכגעשפּירט די גאנצע צײַט נאָך זיין בליק. אָבער סוויר האט זיך ניט פאַרכידעשט און רויִק מיר געענטפערט:

— כ׳האב עס אייך אליין געוואָלט בעטן. צי ווייסט איר ווער קאָ־מאַנדעוועט מיט דער בריגאַדע?

— דער פאָלקאָווניק זאַבאַטשטאַ.

— כ׳האב אויך געהערט, אַז זאַבאַטשטאַ. אין טויזנט נײַן הונדערט אַכצן איז ער געווען דער עלטסטער אָפיציר בײַ אונדז אין באַטאַרייע. דעמאָלט האט ער מילכאָמע געהאַלטן פאר דער פרײַהייט קעגן זײַן ווילן. און איצטער, זעט אויס, קעמפט ער מיט גרויסן ווילן קעגן דער פרײַהייט. און ס׳האט געטראָפן, אז מיר זײַנען ביידע אַף פאַרשיידענע זײַטן פון באַריקאַדע.

סוויר איז מיר געפעלן, און ווען גאנץ פרי זײַנען אונדזערע באטארייעס אַרויסגעפאָרן אף די פּאָזיציעס, האב איך אים, פונדעסטוועגן, א פרעג געטאָן:

— איז פאָרן מיר צוזאַמען אין פאָלק?

— אומבאַדינגט,— האט געענטפערט סוויר.

אין פּאָלק אריַין זיַינען מיר אָנגעקומען פּונקט דעמאלט, ווען קאָלאָ־נעסוויַיז האט מען זיך געקליבן פאַרלאָזן מוראַפּע. פון יענער זיַיט שטעטל, אַף אַנטקעגנדיקן ברעג טיַיך האט געדאַרפט ליגן פאַרבאַרגן דעם סוינעס קאַראַול, — האבן מיר אָבער קיין סימען, קיין זייכער פון דעם סוינע ניט געטראָפן. איינס פון דיביידע: אָדער דער סוינע איז אָפּגעטראָטן, אָדער ער וואַרט אַף אונדזער אָנגריף. גיכער איז דאס לעצטע. אַף האלב וועג קיין שאַרגאָראָד האבן מיר באגעגנט עפּעס א פּויערטע אין אַ סאָל־דאטסקן וואַטניק. מיר האבן זי, פארשטייט זיך, אָפּגעשטעלט, און איך געוויינלעך געפרעגט:

— פונוואַנען?

ענטפערט זי:

— פון שאַרגאָראָד.

— אַסאַך כיַיעל שטייט דאָרט?

— אַוואַרע, — ענטפערט זי, — איבערן גאנצן דאָרף צעשטעלט. איר קליַיבט זיך אוואדע אָנפאַלן אַף זיי? אוי, גאָטעניו, מיר האבן דאָך די בעהיימעס ניט ארויסגעטריבן.

בעשאַס בירגערקריג פלעג זיך דאס דאָרף דערוויסן וועגן די פאַר־באָרגנסטע סוידעס אין איין שאָ צייַט. די שלאַכטן פלעגן מערסטנטייל פאָרקומען לעבן דערפער אָדער אין סאַמע דאָרף, איז דעריבער פלעגן די פּויערים, ווי נאָר דערוווסט זיך, ראַטעווען די בעהיימעס פון דער שיסעריַי מיט דעם, וואס זיי פלעגן אַרויסיאָגן די טשערדעס אין פעלד אריַין. לויט דעמדאָזיקן סימען, פלעגן מיר זיך פּינקטלעך אָריִענטירן און כוי־זעק מאַכן פון די שטאַבאָווע באַלמויכעס.

ניט אפן פעלד, ניט אף דער לאָנקע, ניט אף די אָגרינקעס לעבן שאַרגאָ־ראָד איז קיין איין בעהיימע ניט געווען.

סוויר האט אַף מיר צופרידן א קוק געטאָן, געריבן אין די דלאָניעס פרישן שנייַיקן שטויב און א זאָג געטאָן:

— אַמאָל איז זאַבאַטשטשאַ געווען א פייַנער אָפיציר.

דעם אָנגריף האבן מיר אָנגעהויבן פון דער סלאָבאָדקע. מיר זיַינען אַראָפּגעקראכן פון די פערד, פאָרויס אַרויסגעשיקט אויסקוקערס, הינטער זיי — קולעמעטן אַף טאַטשאַנקעס, די באַטאַרייעס האבן פאַרנומען זייערע פּאָזיציעס — און דער פאָלק האט זיך אַ לאָז געטאן אין אָנגריף.

ערגעץ וויַיט, ווייַט אפן פאָרשטאָט האבן שלעפעריק געהאַווקעט אין פוסטן פרימאָרגן פאַרוואָרלאָזטע הינט, איבער דער באַלקע געגישטערט.

איבער פעלד האט זיך געטראָגן אַ שנייִקער ווינט, און ס'האט זיך גע־דאכט, אַז די כמאַרעס ווילן דערטרינקען די שטילקייט. מיטן פּאָלק־קאָמאַנדיר זיינען מיר נאָכגעגאנגען דעם באַטאַליאָן. די ראָטעס האבן באַקומען אַ שטרענגן באַפעל: „אָן קאָמאַנדע ניט שיסן".

פון סלאָבאָדקער זייט האט עמעצער אויסגעשאָסן. מיר האבן זיך איבער־געקוקט.

סוויר האט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָבור, איז דער קאָבור געווען ליידיק. דער נאגאן איז ערגעץ אין וועג אַרויסגעפאַלן. איז ער צוגע־שפּרונגען צום אָרדינאַרעץ און אַרויסגעריסן פון זיינע הענט דעם קאַראַ־בין. ווען סוויר האט שוין די טיר געהאַט געעפנט, האט ער דערהערט, ווי דער אָרדינאַרעץ האט אים נאָכגעשריגן: — כאַווער וואָיענקאָם, דער קאראבין איז אָן פּאַטראָנעס!

אָבער צוריק אומקערן זיך איז שוין געווען שפּעט. סוויר האָט זיך אַריינגעריסן אין צימער אַריין מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, ווי קײַלעכיקע קולבעס.

שפּעטער האט ער דערציילט:

— דאָס ערשטע, וואס איך האב דערזען — כמאַרעס רויך ביז אונטער דער סטעליע. ס'האט זיך מיר אַפילו אויסגעדאכט, אַז נאָרוואס האט דאָ עמעצער אויסגעשאָסן, קעדיי אומיסטן פארשטעלן פאר מיר דאס, וואס ס'קומט פאָר אין שטאָט. כ'האב געוואלט אַ געשריי טאָן, אָבער דאס פּאַסיקע וואָרט האב איך ניט געפונען; מעגלעך, אַז דער אויסגעשריי מײַנער וואָלט געווען ענלעך אַף אַ רעווען פון אַ ווילדער כײַע, נאָר כ'האב זיך אָבער באַלד איבערצײַגט, אַז אין שטוב איז קיינער ניטאָ. אַף דער פּאָדלאָגע זײַנען געווען אָנגעוואָרפן אויסגערויכערטע ציגאַר־שפּיצלעך, אַף די טישן האבן זיך געוואַלגערט צעוואָרפענע פּאַ־פּירלעך און פון די ווענט איז אַראָפּגעהאנגען ארומגעריסענער טעלע־פאָנענדראָט. דער דראָט האט זיך נאָך אפילו געהוידעט. ס'איז קאנטיק געווען, אַז דער שטאַב איז נאָרוואס, עפשער צוריק מיט עטלעכע מינוטן, ארויסגעשפּרונגען פון צימער. אָבער וווהין האט ער זיך געקאָנט אַהינטאָן?

ווי אַן אָפּגעבריטער, ווי ער וואלט עמעצן נאָכגעיאָגט, איז סוויר פון צימער צוריק אַרויסגעשפּרונגען צו די פערד.

פונקט צו יענער מינוט זײַנען מיר אויך אָנגעפאַלן אַפן שטאַב. סוויר האט אויסגעשריגן:

— פֿוסט! — און אַרויף אפֿן זאָטל.

ראַפּטום פֿון הינטער דער וואָל־קאַליוזשע, וואָס האָט געבליאַסקעט אינדערנאָענט לעבן געסל, האָבן אָנגעהויבן שטעפּן פֿינף, צי זעקס קולעמעטן. די קוילן האָבן זיך געריבן אין אײַז, ווי שלײַף־דימענטלעך אין גלאָז, און בייז זיך געוואַלגערט בײַ אונדזערע פֿיס. מיר האָבן דערגרייכט די קוזניע, וואָס איז געשטאַנען בײַם טײַכל אַף דער סאַמע הרעבליע, און די קוילן האָבן אָפּגעשלאָגן דעם שטיינערנעם צאָקאָל פֿון די נאָענטסטע הײַזער.

זעט אויס, אַז דער סוינע איז ערגעץ נאָענט — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. דעם סוינעס פּאָזיציע איז געווען אַ גליקלעכע. איבערגיין דאָס אײַז אַנטקעגן די קולעמעטן, וואָלט געהייסן אָפּגיין מיט בלוט. מעגלעך, אַז וועגן דעמזעלביקן האָט געטראַכט אויך סוויר. זײַנע סקולעס האָבן אַרויסגעשטאָרטשעט נאָך מער ווי פֿריִער. און די ווינקלען פֿון זײַן פֿאַרקרימטן מויל ביז די אויערן האָבן זיך געהוידעט ווי מײַזלעך.

די קולעמעטן האָבן פֿאַרשטאַרקט דעם פֿײַער. זעט אויס, דער סוינע האָט באַמערקט, אַז די גאַס האָט פֿאַרנומען אונדזער פּעכאָטע. דאָס לעצטע האָט אונדז אונטערגעגעבן מוט, מיר האָבן זיך מיט סווירן איבערגעקוקט, און ביידע, ווי פֿון אַ האַרמאַט, זײַנען מיר אַוועק אַף יענער זײַט קוזניע אַריבער דער הרעבליע. דאָס, וואָס אונדזערע ווילן זיך דורכרײַסן, האָט זיך דעם סוינע אויסגעוויזן פֿאַר אַ כוצפּעדיקע האָזע, דעריבער האָבן אַלע זײַנע זעקס קולעמעטן מיטאַמאָל אָנגעהויבן באַשיסן די הרעבליע.

מיר האָבן נאָר געפֿילט, ווי סע סווישטשעט דער ווינט אין די אויערן און ווי סע כוקען די פֿערד אין געלויף איבער דער לאַנגער הרעבליע.

ווען מיר האָבן זיך רעשטנס אַראָפּגעדראַפּעט אפֿן ברעג, האָבן מיר אינסטינקטיוו זיך אַ לאָז געטאָן אַף רעכטס אין געסל. אינדערנאָענט, ערגעץ צווישן די ווערבעס, האָט געכליפּעט אַ קולעמעט און סוויר האָט אַ קאָמאַנדע געטאָן צו די אָרדינאַרצעס:

— באַפֿעלט זיי אַרויספֿאָרן אַפֿן וועג און כאַפּט זיי! — און ניט אָפּשטעלנדיק זיך, איז ער אַוועק ווײַטער. נאָכן ערשטן קערעווע זײַנען מיר אָנגעפֿלויגן אַף אַ טשאַטע רײַטערס. אונדזער אָנפֿלי איז פֿאַר זיי געווען אומדערוואַרטעט, און כאָטש זיי זײַנען געווען פֿינף מאָל מער פֿון אונדז, האָבן זיי אָנגעהויבן אַנטלויפֿן אַף אַלע פֿיר זײַטן. אָבער

איינער פון זיי האט מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט דאס פערד און אויסגעשאָסן פון א נאגאן גלייַך אין סווירן. דאס פערד האט זיך אופגעשטעלט אף די הינטערשטע פיס, נאָר סוויר, אנשטאט אָפּענטפערן, האט זיך צעהילכט מיט אַ דונערדיקן געלעכטער, פון וועלכן פליסיק בלוט קען פאַרפרירן אין די אָדערן, און האט אַ געשריי געטאָן:

— זאַבאַטשטאַ, גאספאָדין קאַפּיטאַן!

דער רייַטער האט זיך פאַרלוירן. עפשער האט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער האט אַ טאָעס געהאט, אז ער שיסט אין זייַנע מענטשן און ניט אין די רויטע. כ׳האב אַ צילעווע געטאָן אין זייַן פערדל און געטראָפן אין די פיס. דאס פערד פון אונטערן פאַלקאָווניק האט זיך אופגעהויבן און געבליבן הענגען אף איין פוס.

סוויר האט איבערגעכאַזוערט:

— גאָספאָדין קאַפּיטאַן! — און צוגעשטעלט דעם קאַפּיטאַן די ניט־אָנגעלאָדענע קאַראַבינקע צום שלייף. — איר דערקענט מיר ניט? איך בין סוויר, אייַער אַמאָליקער טעלעפאָניסט פון באַטאַרייע „ל״. אהער גיט אייַער רעוואָלווער!

א שיין פּאָנים מיט פארדרייטע וואָנסן האט בייז א קוק געטאן אף סווירן, נאָר דעם ניקעלדיקן רעוואָלווער פון האנט ניט אַרויסגעלאָזט.

מיטאמאָל זייַנען די קולעמעטן געווארן אַנשוויגן.

— הענט אַרויף! — האב איך א געשריי געטאָן, אָנצילנדיק דעם בראַו־נינג.

זאַבאַטשטא האט אויסגעזען ווי א ווילדער כאַזער, וועלכן וועלף האבן געכאַפּט פאַר אן אויער.

ער האט געקוקט אַ איבערגעשראָקענער אף מיר און אַף סווירן און א שלייַדער געטאָן זייַן פאַראבעלום.

— איר האט הייַנט פאַרשפּילט, — האט סוויר דעם פּאָלקאָווניק א זאג געטאן. אראָפּ פון פערד, גאָספאדין זאבאטשטא, און מאַרש פּאָרויס.

ווען מיר האבן אַרויסגעפירט דעם פּאָלקאווניק אַפן שליאַך, איז דער שליאַך שוין געווען באַלאַגערט פון אונדזער פעכאָטע. דעם סוינעס טאַ־טשאַנקעס מיט די קולעמעטן האבן געהיט אונדזערע אָרדינאַרצעס. די יונגע קולעמעטשיקעס, די גאַליציאַנער, האבן אלץ ניט געקאָנט פאַר־שטיין, ווען זיי האבן דאס געפּאָלגט, ווען זיי זייַנען ארויסגעפאָרן אַפן שליאַך, זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון די רויטע.

דעמזועלביקן אָוונט האט אף דער צערוויִנירטער צוקער־פאבריק סוויר באַשטימט, אז זאבאטשטען דאַרף מען אויסנוצן און אט אף וואָס פאַראַ אויפן:

— מיר, זאגט ער, שענקען אייך דאס לעבן, אָבער איר מוזט אונדז דערפאַר זאגן צום אַלעם ערשטן, וואס פאַר א קויכעס זיַינען אף יענער זיַיט.

— שיסט מיך.— האט בייז געענטפערט זאבאטשטא.

— דאס איז זייער גרינג אויספירן,— האט רויִק אים אָפּגעענטפערט סוויר.— צווייטס, פאַניע פאַלקאוניק, מוזט איר באַלד אָנשרײַבן א בריוו צו אײַערע, אז זיי דאַרפן ניט פאַרגיסן אומזיסט קיין בלוט, ווײַל זיי זײַנען אלע אומשולדיקע פויערים, און זאָלן זיי אָפּגעבן דאס געווער, איבערגיין אף אונדזער זײַט אונטער אײַער אָנפירונג.

— איך בעט אייך, שיסט מיך בעסער, און דאָס באַלד,— האט אײַנגעשפּאַרט געמאָלדן זאבאטשטא.

— אהא, אזוי?.. מע קען. קאָמענדאַנט!

זאבאטשטא איז בלייך געוואָרן, קאַעסדיק א קוק געטאַן אף סווירן, שטרענג זיך א קערעווע געטאַן, א שפּאַן געטאַן צו דער טיר, אָבער ראַפּטום האט ער זיך אף דער שוועל אָפּגעשטעלט, דעם קאָפּ אין די אַקסלען אײַנגעדריקט און געזאגט:

— גוט, איך בין מאַסקים. איך בין גרייט דינען די רויטע, נאָר אויסזאגן וועל איך גאָרנישט.

סוויר האט זיך אָנגעכמורעט.

— איר רעדט ערנסט, צי איר כויזעקט, פאַניע פאַלקאָווניק?

— מערער האב איך ניט וואס צו זאגן. איר קאָנט מיך שיסן, נאר שיסט איר מיך, וועט איר עס האבן צו געדענקען.

— מיר וועלן סײַוויסײַ ניט פארגעסן. פירט אים ארויס!

סוויר האט זיך געבייזערט. זאבאטשטא האט עס גוט באַמערקט און די ליפּן האבן בא אים אָנגעהויבן ציטערן. מיטאמאָל האט ער זיך אויסגעגלײַכט און אויסגעשריגן:

— גאָספּאָדאַ, כ׳וועל דינען ערלעך ווי אַן אָפּיצער קאָן. מיר איז אַלצײנס אין א וועלכער אַרמיי דינען: איך שטאַם פון מאַלאָראָסיע, כאַוויירים, בירגער, אָבער אַליין בין איך א רוסישער, ווי איר... איר הערט, א רוסישער!

— פירט אים אַרויס!

מע האט זאבאטשטען ארויסגעפירט און פארשפאַרט אין קעלער פון דער צוקער-פאַבריק און אָפּגעהאלטן אים דאָרט ביז אינדערפרי.

מעגלעך, אז ווען אינדערפרי וואָלט דאס מיידעלע נישט געבראכט דאס קוויטל, וואלט מען אים איבערגעשיקט אין שטאַב פון דיוויזיע און אף דעם וואָלט זיך די מייַסע געענדיקט. האט אבער אינדערפרי א קינד געבראכט צו טראָגן א קוויטעלע פון די פעטליוראָווצעס און דארטן איז געשטאַנען געשריבן:

„אויב איר וועט הייַנט ניט אָפּלאזן דעם פּאָלקאָווניק זאבאטשטא, וועלן מיר שיסן אייַער קאָמיסאַר פּריגאָדע און אלע אייַערע, וואס וועלן אריינפאַלן אין אונדזערע הענט.

דער כאווער פּריגאָדע, א פּאָליטרוק פון אונדזער פּאָלק, איז אריינגעפאַלן אין געפענקעניש צו זיי צוריק מיט א כוידעש. נאר סוויר האט באַשטימט:

— זאבאטשטא מוז אָנשרייַבן די בריוו, און אויב ניין, איז אויך ניט שרעקלעך, נישטא וואס מוירע צו האבן.

נאר זאבאטשטא האט אַף מאָרגן געמאָלדן:

— איך בין מאַסקים אָנשרייַבן. כ׳האב אייַער פאָרשלאָג ערנסט באַטראַכט און נעם אים אָן.

איך בין דעמאלט אין שטאַב ניט געווען, און מעגלעך, אז דאס האט געבראכט דערצו, וואס סוויר איז אומגעקומען פאַרן פּאָלק.

דער בריוו איז געווען אָנגעשריבן עפּעס אף א שטיקל פּאַפּיר, וואס זאבאטשטא האט ארויסגענומען פון זייַן קעשענע. אין בריוו צווישן אַלץ איז איין פראַזע געווען אנגעשריבן אף פראַנצויזיש. די פראַזע האט זיך סוויר׳ן אויסגעוויזן פאַרדעכטיק, האט ער דעריבער געפּאָדערט פון זאַבאטשטען, ער זאָל זי אויסמעקן. זאבאטשטא האט מיט א שמייכעלע זיך געווענדט צום קאָמבריג:

— כאוועד סוויר, זעט אויס, קען ניט קיין פראַנצויזיש, האט ער מוירע, נאָר איר, קאָמבריג, קענט עס רעווידירן. איך שרייַב: „איך האָף אף אייך, ווי אף זיך זעלבסט". אף פראַנצויזיש איז דערדאזיקער געדאַנק ארויסגעזאגט קלאָרער.

דער קאָמבריג האט עס אויסגעהערט, איז רויט געווארן און זיך צעבייזערט:

— גייט צו אַלדי רוכעס מיט אייַער פראַנצויזיש. אַף קאַפּאָרעס דארף מען דאס.

זאַבאַטשטאַ האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די פּלייצעס און אויסגעשטריכן די פּראַנצויזישע פראַזע מיט אַ דין שטרײַכעלע.

איצטער האָט מען געדאַרפט מיט עמעצן איבערשיקן דאָס קוויטעלע. דאָס מיידעלע, וואָס איז געקומען פון יענער זײַט, האָט פון שרעק קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסרעדן, געהאַלטן סווירן די גאַנצע צײַט פאַרן אַרבל און די גאַנצע צײַט געוויינט. און דאָ איז אים אײַנגעפאַלן דער אומזיניקער געדאַנק. מעגלעך, ער האָט געמיינט, אַז ס'וועט זיך אײַנגעבן באַפרײַען זײַן כאַוועריגאָדע.

— איך וועל גיין, — האָט ער אומדערוואַרטעט געמאָלדן.

דער שטאַב האָט פּראָטעסטירט. מע האָט זיך געווענדט צום אוילעם, ווער ס'וויל פרײַוויליק גיין, האָבן זיך אָבער אַזעלכע ניט געפונען.

— הייסט עס, דאַרף מען עמעצן באַפעלן גיין, — האָט אַ זאָג געטאָן סוויר. — באַפעל איך זיך און איך בין איבערצײַגט, אַז איך וועל זיך אומקערן און נאָך מיטברענגען מיט זיך אונדזערע כעוורע.

מ'אַז האָט אָנגעפרעגט די דיוויזיע. דאָרטן איז, זעט אויס, געזעסן אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ, וואָס האָט מאַסקים געווען. אַזאַ קאָמיסאַר, ווי סוויר, איז אַנעווייירע געווען צו בײַטן ניט נאָר אַף זאַבאַטשטען, נאָר אַפילע אַף אַ גאַנצן פאָלק צוגאָב.

סוויר האָט זיך אויסגעשריבן דאָקומענטן, אַז ער איז אַ רויטאַרמייער, און אַוועק אין סוינעס לאַגער און אין דרײַ שאָ אַרום איז פון אונדז נעלעם געוואָרן זאַבאַטשטאַ.

סווירן האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, מער שוין ניט געזען, פונקט ווי זאַבאַטשטען.

קלאָר, אַז זאַבאַטשטע האָט זיך אומגעקערט צוריק, געטראָפן דאָרט סווירן און דערמאָנט אים, אַז ער וועט אים האָבן „צו געדענקען". אַזוי האָב איך געהאַלטן די גאַנצע צײַט ביז דעמאָלט, ווען איך האָב אומדערוואַרטעט געקראָגן דעמדאָזיקן קסאַוויאַד. סוויר... אַ ברייטפּלייציקער, אַ יאָדערדיקער מיט אַ באַשטענדיקן כמורן אויסזען...

איר האַלט, אַז די מײַסע איז אַ צופעליקע? ניין, כאַווײרים. כ'האָב עס אויסגעפאָרשט. דערזעלביקער סוויר, וואָס איז אַמאָל געווען קאָמיסאַר, בויט איצט אויף דעם זאַוואָד און הערט ווי אַזוי.

דער רעדאַקטער קרוק האָט אופגעהויבן דעם קסאַוויאַד און אָנגעהויבן לייענען ווײַטער.

... „די דריטע קאָמיסיע, וואס איז געקומען צו פאָרן, איז געווען אַ שפּאָגל־נײַע. די גרויסע שפּאַקולן פון האָרנביין אויף די גלאַטע געגאָלטע פּענימער פון די מיטגלידער, האבן באַזונדערס אונטערגעשטראָכן דעם ווירדיקן אַווטאָריטעט פון דער קאָמיסיע. נאָכדעם, ווי זיי האבן באַטראַכט דעם מעטאַלורגישן, דעם אײַזן־פּראָקאַטנעם און קעראַמישן זאַוואָדן און באַשטימט, אַז זיי טויגן ניט, זײַנען דיזעלביקע מיינונגען געווען אויך וועגן דער מאַשין־אָפּטייל פון דער הוטע, אָבער דאָ האט זיך געטראָפן אַ קליינינקער צופאַל: יענעם טאָג זײַנען די אַרבעטער געווען שטאַרק אופגערעגט, נערוועז און צעטראָגן האבן זיי זיך געפּאָרקעט לעבן די ביטלען, זיך אראָפּגעלאָזט אין די גאַזאָגענעראַטאָרן, דערנאָך זײַנען זיי געלאָפן צו די וואַרשטאַטן און קימאַט ווי ניט באַמערקט די קאָמיסיע, וואס האט באַטראַכט די מאַשינעס דורך די גרויסע שפּאַקולן. ווען דער פּאָרזיצער פון קאָמיסיע האט אויסגעצויגן די האַנט צו דער גרויסער ראָד, אַף דערווײַזן סימאָנים פון זשאַווער, האט אַן אַרבעטער פון שכיינעס א שמיץ געטאָן אין דער ערד אַרײַן דעם גלענצנדיקן מיטאָג און די ראָד אַ לאָז געטאָן. ווי פון שלאָף האט זיך די ראָד אַ ריס געטאָן, מיט די שפּיצעס א בליאַסקע געטאָן אונטער סאַמע נאָז פון קאָמיסיע, און אין בייזן סאָפּעניש זיך א דריי געטאָן אין די אָרעמס פון ברייטן פּאַס.

דעמאָלט האט איבער די קעפּ פלוצים א הודע געטאָן און אַף צענדליקער ווערסט מוידיע געווען:

„געלאָזט די הו־טע־טע”.

דער קינסטלער סאַמסאָן האט פון אונטער זיך א רוק געטאָן דעם שטול און זיך אופגעשטעלט; זיינע אופגעפלאַמטע אויגן האבן געפינקלט ווי פײַער פון דעמבן־האָלץ.

— הו־הו־טע, — האָט ער נאָכגעמאַכט דאס הודען. — איר שטעלט זיך פאָר דאס הודען נאָך פינף יאָר שווײַגעניש... „געלאָזט די הו־הו־טע!” און טויזנטער פּאָר אויגן רײַסן זיך צו די קעפּ פון די קוימענעס. ערשט נעכטן האבן זיי געהערט דאָס הודען פון יענער זײַט באַרג, און היינט — פון די קוימענעס. ווי ציגײַנערשע קוטשער שפּאַרט דער ערשטער פּעטער רויך. א קויעך! — געלאָזט די הוטע. וויפל פרייד, וויפל טרערן! דאָס גאַנצע אַרבעטער־שטעטל איז ווי אין אַ יאָנטעוו־טאָג: מע האט געלאָזט די הוטע און שוין.

און סאַמסאָן האט נערוועז געפּאַכעט מיט די הענט און געשפּאַנט איבערן קאַבינעט. און באַלד האט ער זיך פאַרשעמט פון זיין פּלוצים־דיקן לירישן אויפברויז, די ליפּ פאַרביסן און קאַלט אַ זאָג געטאָן:

— אַנטשולדיקט, איך בין, דאַכט זיך, פאַרפאָרן, לייענט.

מיר מיט טשאַדאָ האבן זיך איבערגעקוקט און קרוק האט ווײַטער געלייענט:

... „דאָ האט סוויר באַשטימט אויסנוצן די קאָמיסיע. אַף דער הוטע איז ניט געווען קיין איין אינזשינער, אַפילע קיין פּאַסקודנער טעכניקער, נאָר אַלטע מײַסטער, וואָס זײַנען פאַרבליבן לעבן נאָך דעניקינען, און דאס האבן זיי געאַרבעט ערגעץ אין די רעווקאָמען, נאָר ניט הי. האָט מען זיך געווענדט אין קאָמיסיע:

— ווײַזט אונדז עפּעס.

אָבער קיינער פון די מיטגלידער פון קאָמיסיע האט קיין פאָרשטעלונג ניט געהאַט, ווי מע בלאָזט אויס גלאָז.

אַפן צווייטן טאָג האט שוין סוויר געשריגן:

— ס'איז דאָ!

— וואָס איז דאָ?

— אַ ביכל אַזאַ, ס'וועלן זײַן פלעשער!

— דאַיאָש! אָבער דו ווייסט, אַז ס'איז ניטאָ קיין רויוואַרג: קרײַד דאַרף מען, וואַפּנע דאַרף מען, סיליקאַט, קוילן און זאַמד. און גיי פיר עס פון אלדי שוואַרצע יאָר. סוויר האט מיטן ביכל איבער די קני אַ קלאַפּ געטאָן:

— פון אַלדי שוואַרצע, זאָגסטו?

און אַף דער אייזנבאַן לעבן ארבעטער־שטעטל האָבן שוין פונלאַנג אופגעהערט טיאָכקען די פּאַראָוואָזן.

מע האט באַשטימט אָנהויבן.

מע האט פאַריכט דאָס קלענסטע ביטל, און סוויר האט אַ זאָג געטאָן צו מיטריטשן.

— דו ביסט דעמאָלט, דאַכט זיך, געשטאַנען זייער נאָענט צו די אינזשינערן, מיטריטש, האַ?

— לאָז מיר צו, — האט אַ זאָג געטאָן מיטריטש, — אַנו, אַף דער שײַן... גראָוו?.. עפּשער וועט עפּעס אַרויס דערפון. מיש!.. — און ער האט אַווטאָריטעטיש צוגעגעבן:

— דאַפּקע גוט איבערגעמישט. מיש ווײַטער!

אַווטאָנאָם האט מיט קינע אים געקוקט אין די אויגן. אַ מאָגערער, אַ פּאַרכליאַנעטער האבן זיך די הענט באַ אים געטרייסלט און דער הוסט האט אים געבראָטן די ברוסט. ער האָט געסאָפּעט און געכריפּעט אַזוי, ווי אַף די ליפּן באַ אים וואָלט אַ בלאָזאַק פּײַער געבלאָזן. מיטריטש איז געשטאַנען פאַר אַ קאָריטע, לעבן אים איז געלעגן אַ דאָלאָק און אַ קאַטאַלניק און אין די הענט האט ער געהאַלטן אַ רערל, ווי אַ גרויסאַר־טיקן ציבעק. אין אַ מינוט צען אַרום דער ערשטער שמעלץ און דאָס ערשטע גלאָז. און אין פופצן מינוט אַרום — האָט אַווטאָנאָם ניט געסטײַעט.

אינײַנעם מיט עטלעכע אַנדערע מײַסטערס איז אַווטאָנאָם צוגעלאָפן צו דער ביט מיטן רערל, קעדיי אָנצוכאַפּן אַ „באַנקעלע" גלאָז, נאָר דאס גלאָז קאָכט זיך אָבער באַ אַ טעמפּעראַטור פון טויזנט דרײַ הונ־דערט גראַד. אַרום דעמדאָזיקן אויוון שטייען וואַרשטאַטן, ווי קעס־טעלעך אַרום קאַרוסעלן, און לעבן זיי — „באַנקעלעך", אויסבלאָזער, און אָפּשטויסער. און אַלע זײַנען זיי דאָ. און יעדער קיילע האט אַ געוויסע צאָל סאַנטימעטערן אף די געשטעלן. ניט מער האט אויך געהאַט אַווטאָנאָם. און אַף דערדאזיקער „פּאָזיציע" האט ער, קימאַט אַליין צעשמעלצנדיק זיך, געמוזט אַרויסכאַפּן, ווי אַ זשאָנגלער, פון דעם ביז ווײַס צעגליטן ביט א „באַנקעלע" צעשמאָלצן גלאָז און דרייענדיק עס אַזוי פלינק, און וויגנדיק עס ארוף און אַראָפּ און נאָכאַמאָל עס אָנגליי־ענדיק, — אויסבלאָזן אַ פלעשל אָדער אַ בוטל, אַניט, פּראָסט אַ גלאָז.

אַווטאָנאָם האט זיך באַמיט זײַן רויִק, נאָר ער האט, אַפּאָנים, געפילט, אַז ס'איז איבער זײַנע קויכעס און דעריבער האט ער זיך נאָך מער אופגערעגט. ער האט קיין מוירע ניט געהאַט געגעענען צו דער ביט, נאָר פאַר דער לעצטער צייט האָט עפּעס געטראָפן מיט די פיס: זיי האבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אים, ווי ליידיקע פלודערן, און דאָס אַרומפלאָנטערן איז פונקט אַזוי געפערלעך, ווי דאָס אַרײַנרוקן די האַנט אין דער מאַשין־ראָד. הענט, אַקסלען און קעפּ שווינדלען דאָ, ווי שפּיצעס אין רעדער.

נאָר די מוירע איז געווען אַן אומזיסטיקע.

דאָס גלאָז האָט ער לײַכט אַריבערגעוואָרפן צום קאַטאַלניק, פריידיק אָנגענומען פולע ברוסטן לופט, פאַרסאַמטע מיט שוועבל־זויער, אַ ווונק געטאָן צו מיטריטשן און אָנגעהויבן בלאָזן אין רערל.

די דײַטשן, וואָס האָבן קאם־קאַם אַ ריכטיק רוסיש וואָרט געקאָנט אַרויסזאָגן, האָבן באַמערקט:

— סאָוועטן, יאַ, גוט. בלאָזן פלעשער מיטן בויך—שלעכט. מע דאַרף מעכאַניזירן די פאַבריקן.

מיטריטש האט אַ קוק געטאָן אַף די אייגענע, ווי איינער זאָגט: „האסט געהערט? דערזעלבער ספּאָדיק?" און פאַרהיקעוודיק זיך מיטן גרוילן געלן צאָן זיינעם, האָט ער צו די דײַטשן א מאַך געטאָן:

— אין אונדזער הוטע וועט מען צו האַרבסט־צײַט אַוועקשטעלן אייגענע מאַשינעס, וועט טאַקע זיין גוט, האַ? וואָס זאָגט איר?— אונדזערע כעוורע וועלן קאָנען אַרומגיין אַרום זיי? נאַר רייד עמעס, כאַווער קאַמעראַד, קיין ליגנס דערצייל אונדז ניט, ווײַל אייך האָדעוועט מען דאָרטן אין גאָלע ליגנס,— די בורזשואַזע קאַפּיטאַליסטן און עקספּלואַטאַטערן.

דעמאָלט האָט דער דײַטש אַן ענטפער געטאָן שוין אַף ריין אוקראַ־איניש:

— זאָרגט זיך ניט פאַר אונדז, כאַווײַרים, מיר ווייסן, ווי אָפּצושיידן עמעס פון ליגן, און איר, אויב איר ווילט זיך אַרויסדראַפּען וואָס גיכער און ניט פאַטערן אזויפיל ענערגיע,— דאַרפט איר זיך צולערנען אַביסל. וועגן דעם, כאַווײַרים, לוינט אַ טראַכט טאָן.

מיטריטש, און אַפילע סאַפּראָן האבן פון צופרידנקייט באוויזן זייערע הוילע יאַסלעס.

— האָסט געהערט? ער האָט זיך באַליידיקט, מיסטאַמע, אַף אונדז!— ער האט פונעם האַרצן אַ שניט געטאָן. אַז אַ מענטש רעדט פונעם האַרצן, זאָגט ער שטענדיק עמעס.

דערנאָך איז מיטריטש צוגעגאַנגען, ווי קלאָמערשט צו סווירן:

— פּעטראָוויטש,— האט ער אים אַ זאָג געטאָן,— האָסט זיך מיט די דײַטשן צונויפגערעדט, זײַ זיך מוידע, ניין? כ'האב צו דיר גאָרניט. כ'פארשטיי דאָך אַביסל אף זייער לאָשן און כ'האב געהערט, וואָס זיי זאָגן: „פאַבריקן טאַקע ניט גוט, אַ", און די כעוורע זעען אויס דאפּקע ניט קיין נאַראָנים, הערסט — ביסטו עפּשער אויך גערעכט. פאַרשטייט זיך, אַז ס'דארף זיין טאַקע בעסער צו אַרבעטן אַף מאַשיניזירטע זאַוואָדן, איידער אף אַזעלכע ווי מיר. מיינסט, כ'פאַרשטיי עס ניט? כאָטש כ'בין אַ מענטש, וואָס כ'בין אין טעכניק און אין פּראַקטיק אַן אָפּגעשטאַנענער. איך שטעל זיך פאָר, אַז זייער בורזשואַזיאַט וועט אומזיסט אונדז גאָרניט געבן און גאָרניט ווײַזן. איז פאַרשטיי איך, אַז געלט וועט מען מוזן דערצו האָבן, איז ווו, פּעטראָוויטש, וועסטו נעמען געלט? טויזנט מײַלער, פאַרגעס ניט,— אָט וואס מוזטו האבן איינזינען!

— און אַז מע דאַרף, — זאָגט סוויר, — וועט זיין געלט. מיר וועלן נאָר דאַרפן צולייגן די הענט.

— און איך זאָג דען עפּעס, פּעטראָוויטש? נאָר געדענקט, אַז מיר, אַלטע, האָבן זיך שוין אָפּגעבריט אַפן הייסן, בלאָזן מיר אַפן קאַלטן, און די יונגע זײַנען שוואַך אַף דער אַרבעט.

ווען ס'איז אָפּגעפאָרן די דעלעגאַציע, האט מען איר אָנגעזאָגט:

— קומט צו אונדז צופאָרן אין אַ יאָר אַרום, אַ קוק טאָן אַף אונדזערע הוטעס: די הוטעס וועלן שוין זיין גוטע הוטעס.

— גוט, גוט, — האבן זיך געזעגנט די דעלעגאַטן און געפּאָכעט מיט די היטלען.

די דעלעגאַציע איז אַוועקגעפאָרן. דאס, וואָס מע האָט איר צוגעזאָגט באַם אַוועקפאָרן, האט סאַפראָן געהאַלטן, איז ווערט אַ שמעק טאַבעק. האָט ער אָבער אַ טאָעס געהאַט. שוין אַף דער צווייטער פאַרזאַמלונג האט מיטריטש זיך געזידלט מיט די האַרבסטע ווערטער און איז אַמערסטן אָנגעפאַלן אַף סאַפראָנען, מיט אַלע קויכעס פרווונדיק אים צו דערוויַזן, אַז סוויר איז גערעכט און אַז סאַפראָן איז אַראָפּ פונעם זינען. וואַסוליאַמאלא האט זיך אנגעהויבן באַציִען צו סאַפראָנען מיט גרעסערן ערנסט. סאַפראָן איז די גידרע פון דער קאָנטר-רעוואָליוציע, — האט ער געזאָגט. און אַ גרויסע מערהייט פון כאַווײרים האבן מיט דעם מאַסקים געווען און מע האָט אָנגענומען פאָלגנדיקע רעזאָליוציע:

„נעמענדיק אין אַכט, אַז די אַלטע פאָרמען פון באַלעבאַטעווען שטערן דער אַנטוויקלונג פון סאָציאַליזם א. אז. וו.״

אין אַ יאָר אַרום איז נאָכאַמאָל אָנגעקומען צו אונדז אין שטאָט אַרײַן 15 נײַע דעלעגאַטן. סוויר איז דעמאָלט געווען אין אויסלאַנד. ער איז אַוועקגעפאָרן אַהין מיט נאָך דרײַ אינזשינערן, קעדיי באַקאָנען זיך מיט די נײַע דערגרייכונגען פון אויסלאַנד און צו ליב אײַנקויפן נײַע מאַשינעס. זיי זײַנען אויסגעווען אין דײַטשלאַנד, אין טשעכיע, אין פראַנקרײַך און אַפילע אין ענגלאַנד. אויב זיי פלעג זיך אײַנגעבן עפּעס צו דערוויסן זיך, איז נאָר אַדאַנק די אַרבעטער, נאָר ווען ס'פלעג אויסקומען צו דינגען זיך וועגן די מאַשינעס, האָט סוויר ניט איינמאָל זיך דערמאָנט אין מיטריטשן מיטן געלן צאָן:

— פּעטראָוויטש, זייער בורזשואַזיאַט וועט דאָך אונדז אומזיסט גאָרניט ווײַזן...

מיר האבן געדאַרפט האבן אַ פּראָיעקט פון אַ „קאַנאַל פּורקע" (אין קאַנאַל האט מען נאָך וועגן קאַנאַל פּורקע ניט געוווּסט). כאָטש די ענגלישע פירמע האט מיט די באָלשעוויקעס ניט געוואָלט האבן צוטאָן, נאָר פון איידלקייט צו די דעלעגאַטן האבן זיי אָנגעבאָטן פאַרן פּראָיעקט — פופציק טויזנט פונט סטערלינג. פינפהונדערט טויזנט קאַרבן און קיין קאָפּיקע ניט ווינציקער.

סוויר האט זיך דעמאָלט געווענדט צו די אינזשינערן און טעכניקער:

— כאַווײרים, — כאָטש, אַזוי צו זאָגן, איר זײַנט פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, נאָר איר זײַט דאָך פאָרט דעמאָקראַטן... עפשער וואָלט איר אַראָפּלאָזן די פּרײַז? כאָטש אַביסל... דאס געלט גייט סײַוויסײַ צו די באַלעבאַטים אין די קעשענעס... אַרבעטער־געלט...

— אָלרייט, — שאָקלען זיי מיט די קעפּ. — מיר וועלן אייך אַלצדינג ווײַזן, אַבי געלט.

— פינפהונדערט טויזנט?

— אָלרייט!

האָט זיך סוויר ווידער דערמאָנט אין אַ היימישן כאַווער, וואָס ווען די ענגלישע דעלעגאַציע איז בײַ אונדז געווען, האט ער מיט אייגענע הענט און שטיוול פאַר זיי געשטעלט און צעבלאָזן דעם סאַמאָוואַר, און פאַרן צעשיידן זיך אַ פרעג געטאָן בײַם פאָרזיצער פון זייער דעלעגאַציע:

— ס'וועט אונדז אויסקומען לאַנג וואַרטן, ביזוואַנען מיר וועלן קאָנען קומען צו אייך צו גאסט? ווי זאָגט איר, נאָך לאַנג?

סער פּערסעל האט הארציק געענטפערט אַזוי געטרײַ, אז געטרײַער קאָן שוין ניט זײַן.

— „פּארוואס קלערט איר, אז אייך וועט אויסקומען אַזוי לאַנג צו וואַרטן? אַט וועט מען גיך בײַ אונדז פײַערן דעם פינפהונדערטיעריקן יובילײַ פונעם קייזערלעכן הויף, וועלן מיר אייך אַף דעמאָלט אומבאַדינגט איינלאַדן"... סוויר האט זיך דערמאָנט אינדערינען און ווידעראַמאָל איבערגעפרעגט:

— פינפהונדערט טויזנט? אַרבעטער־פּויערישע קערבלעך?

— אָלרייט, פינפהונדערט טויזנט!

— עך, — האָט ער זיך דעמאָלט אָפּן העכט־רוסישן אויפן אויסגעזידלט, ניט קוקנדיק אַף די דעמאָקראַטישע ברעגן פון דער איידעלער און קאַלטער טעמזע.

— מיר וועלן די „פורקע״ אַליין מאַכן! — האט אַ זאָג געטאָן, שעלטנדיק זיך, דער עלטסטער אינזשינער, — מיר וועלן אַליין מיט אייגענע קוי־כעס שאַפן אַ פּראָיעקט און די גאַנערס וועלן מיר קיין פרוטע נישט געבן.

— מיר וועלן אָן זיי זיך באַגיין! — האָבן אונטערגעהאַלטן די אינ־זשינערן.

סוויר האט א ברוק געטאָן:

— וואַרט אויס, אויב מיר וועלן די פּראָיעקטן אויספילן, וועט שוין זיין אַ סוף און ווי צו אייך. — זייט־זייט רויק פאַר אייער אינדיע און בריטאַניע, — וועט דער קאנאל זיין, וועט ער אייך דערלאַנגען און טרעפן ווי מ׳דאַרף!

דעם עמעס זאָגנדיק, האט סוויר ווייניק פארשטאַנען וועגן וועלכן פּראָיעקט פון קאַנאַל האט זיך דא געהאנדלט, אָבער בייז איז ער געווען אף אזוי שטאַרק, אַז ס׳האט זיך אים אַפּדערעמעסן געדאכט, אז ער איז בעקויעך דעם טייוול אליין א פּראָיעקט צושטעלן.

— פינפהונדערט טויזנט? קומט פאָרן אהיים, — האט ער געשריגן. — אינדר׳היים וועלן די ווינקלען אונדז העלפן.

די מאַשינעס, וואס די קאָמיסיע האט באַוויזן איינקויפן, האט מען איבערגעשיקט אין אוקראַינע, אזוי, אז די דעלעגאַציע האט ניט געהאט דארט וואס צו בלייבן און איז אליין אויך אָפּגעפאָרן.

ווען סוויר איז אַהיים געקומען, איז די דייטשישע דעלעגאַציע שוין אָפּגעפאָרן. אין דער קרייז־שטאָט האט זיך די דעלעגאַציע נאָכ־געפרעגט:

— און וואס מאכן אייערע הוטעס?

— די הוטעס? מיט די הוטעס איז גוט, — האט געענטפערט דער פאָר־זיצער פונעם קרייזויספירקאָם, — גוט! נאָר, פונוואַנען ווייסט איר וועגן זיי, ס׳איז דען דאָ צווישן אייך עמעצער פון דער ערשטער דעלעגאַציע?

— ניין, מיר זיינען צום ערשטן מאָל הי, — האבן געענטפערט די דעלע־גאטן, — נאָר די כאווייריםע אונדזערע האבן דערציילט, אז איר בויעט נייע הוטעס, וואלטן מיר געוואלט א קוק טאָן.

דער פאָרזיצער פונעם אויספירקאָם האט ארויסבאַוויזן אזא צופרידנ־קייט, דערביי ווי ער וואָלט מיט איין אָטעם אויסגעבלאזן א גרייטע סאָליע.

— מע קען,— האט ער געענטפערט,— אַזעלכע 20 ווערסט צופֿאָרן. ווען איר היינט ניט קענען באַווייזן, וועלן מיר מאָרגן צופֿאָרן אַהין.

— גוט,— האָבן געענטפערט די דעלעגאַטן,— מאָרגן.

אַף מאָרגן איז די דעלעגאַציע געווען ביזן אָוונט אין די קוילנגריבער און ווידער זיך דערמאָנט:

— און ווו זיינען אייַערע הוטעס? היינט־מאָרגן?

— היינט וועלן מיר שוין ניט באַווייזן,— האָט געזאָגט דער פּאָרזיצער פֿון אויספּירקאָם,— זאָל שוין זיַין מאָרגן. מאָרגן וועלן מיר אומבאַדינגט אַרויספֿאָרן.

די דעלעגאַטן האָבן כשאָדיק זיך איבערגעקוקט און ניט צוגעבנדיק דאָס וואָרט „גוט”, האָבן זיי איבערגעפֿרעגט:

— מאָרגן, אומבאַדינגט?

אַפֿן דריטן טאָג פֿאַרן מיטאָג, עפּעס אינמיטן אייַנעמס א רעדע פֿון א פּאָרטרעגער, האָבן זיי זיך אופֿגעהויבן:

— נעכטן איז געווען: מאָרגן, היינט, אומבאַדינגט — מאָרגן; מיר מוזן זעען די הוטעס.

דער פּאָרזיצער פֿונעם אויספּירקאָם, ניט פֿאַרשטייענדיק וואָס ס׳איז פּלוצים געשען, האָט איבערגעריסן דעם פּאָרטראָג און באַפֿוילן מע זאָל גרייטן די אויטאָמאָבילן.

דעם גאַנצן וועג האָבן די כאַווירים דעלעגאַטן, מיט א פּאָנים ווי זיי וואָלטן עמעצן פֿאַר א זינד געכאַפּט, איראָניש געקוקט אַפֿן פּאָרזיצער פֿון קרייַזויספּירקאָם און זיך שטילערהייט געשושקעט.

אַרום־און אַרום, ווי אַף בלויען געוואַנט, האָבן זיך פּאַוואָלי געצויגן קופּלעקעס רויך און ערגעץ צעגאַנגען געוואָרן אַפֿן הימל־ראַנד. דאָנבאַס האָט געריכערט מיט קוימענס, ווי סאָפּקעס פֿון ווולקאַנען.

צום סאָף האָבן זיך באַוויזן, ווי די פּאַליעס איבערן וואַסער, קוימענס פֿונעם טאָל.

— זאַוואָדן,— האָט צופֿרידן געזאָגט, באַווייַזנדיק מיטן פֿינגער דער פּאָרזיצער פֿון קרייַזויספּירקאָם,— כעמישע זאַוואָדן און די הוטעס זיינען צווישן.

די דעלעגאַטן מיט א שמייכל אַף די ליפּן האָבן צעשאָקלט די קעפּ און אָנגעהויבן אייַנקוקן זיך אין טאָל.

איבער אַלע קוימענעס, ווי מיט שוואַרצער פֿינגע האָט געיאָגט דער רויך; ווי אין א שלייער זיינען געווען פֿאַרהילט די בלויע האָריזאָנטן פֿון דאָנבאַס.

נאָר צוויי קוימענעס, ווי א צווילינג, האבן זיך פאַרטײַעט, שטיל געקוקט אַראָפּ אונטער די פיס. איינער האט שטאָלץ געקוקט אף די פײַערלעך, צעשטעלטע אַף די רישטאָוואַניעס פון די נײַע געבײַדעס, און דער צווייטער, וואס באנאנד, האט מיט אומעט, צי מיט נאָגעניש, געקוקט אף דער אַלטער, איוווערבאָטלדיקע קלויסטערל־געביידע, אויך א הוטע.

ביידע זיינען זיי געשטאַנען אין איין הויף, ווי צוויי יאָרשים פון איין מישפּאָכע, ווי אַן אַלטע שקאַפּקע און אַן אַווטאָ אף איין שליאַך.

— הוטעס, — האט מיט גרעסערער צופרידנקייט ארויסגעזאגט דער פּאָרזיצער פון אויספירקאָם און געבעטן באַ דער דעלעגאַציע ארויסגיין פון די אַווטאָמאָבילן.

די דעלעגאַטן האבן שטיל אַרומגעקוקט די גרויע, הויכע רישטאָוואַניעס, די שוואַרצע מערעזשענע קלאַטקעס, די רירעוודיקע פינטלעך מענטשן, וואס האבן זשוואַווע געקלאַפּט מיט די העמערלעך, זיי האבן געקוקט איינער אַפן אנדערן און ווידער אַפן גרויסן, הויכן, גרויען ביניען, דעם פאַרנייטן אין ברעטער. די פאַרפּאָראָשעטע ברעמען זייערע איבער די אויגן האבן זיך שווער געהויבן. אט האבן זיך די ברעמען געבויגן, ווי אין א רייף, אט זיינען זיי געפאַלן, ווי פאַסמעס רויך נידעריק; פון דעם זיינען די ווינקלען פונעם מויל פאַרקראָכן אַזש אַרונטער דער נאָז, און אף די ליפּן האָט מיטאַמאָל ארויסגעפויזעט אַ איראָנישער שמייכל.

צום סאָף האבן צוויי כאַווײרים פון דער דעלעגאַציע זיך איבערגעקוקט, זײַנען צוגעגאַנגען צום ערשטן סלופּ. ערגעץ אף סאַמע שפּיץ איז געקראָכן מיט א זעגל אין האַנט א טעסליער. זיי האבן אים געבעטן אַראָפּקריכן און דערנאָך האָבן זיי פּאַוואָלי א ריר געטאָן דעם סלופּ מיט די פּלייצעס.

די ארבעטער, וועלכע זיינען זיך אָנגעלאָפן א פולן הויף, האבן געקוקט פארוואונדערט, עמעצער האט געזאגט:

— זיי פּרוּוון, צי עס האלט זיך שטאַרק, און אלע האבן צופרידן זיך צעלאַכט. די ארבעטער האבן געשריגן:

— ס'איז שטאַרק, עס האלט שטאַרק, כאַווײרים! — און די פּענימער האבן זיך צעצויגן אין צופרידנקייט פון אייגענער ארבעט. אף די רויטע, באדעקטע מיט קאַפּעלעך שוויס, פּענימער פון די דעלעגאַטן, איז געוואַקסן די פארוווּנדערונג, און דערפון זיינען די ברעמען אַקשאָנעסדיקער געקראָכן איבערן שטערן. איינער פון די דעלעגאַטן האט אופגעהויבן פון דער ערד א האַמער און א קלאַפּ געטאָן איבערן גרויסן צאקל

פון א זײַל. פון אונטערן האַמער האט א שפּריץ געטאן א זשמעניע שאַרפע פיצלעך בעטאָן.

די ארבעטער זײַנען געשטאנען מיט אָפענע מײַלער, געלאַכט און גע־וואַרט. דער פאַרזיצער פון קרײַזוויספּירקאָם איז צוגעלאָפן צו דער דעלעגאַציע און נערוועיש געפרעגט בא די דעלעגאַטן, וואס האבן נאַרוואס א זעץ געטאן מיטן האַמער אין דער זײַל:

— איר גלויבט טאַקע ניט, כאווײרים, אז מיר בויען א גײַע הוטע?

פון דער אָפענער און ראַפּטאָווער פראַגע איז ער ווער פון די דעלע־גאַטן רויט געווארן.

— כאווײרים, — האט רעשט אויסגעשריגן אײנער פון די דײַטשן, — נעכטן האב איך אזוי געטראַכט און איצטער זעען מיר, אז ס'איז אַן עמעסע הוטע. און סאַכאַקל פאַר א יאר צייט? מיט אייגענע הענט?.. אָך, באָלשעוויק!

די, וואס האבן עס געהערט, האבן ניט געקענט איינהאַלטן די פרייד און אויסגעשריגן:

— הוראַ!

די דעלעגאַטן האבן זיך אויסגעקערעוועט און אויסשטו עקנדיק די הענט צו די אייגענע, האבן זיי א שרײַ געטאָן:

— גוטער ארבעטער־סאָוועט! פאָזשאַלוסטע!

מיטריטש, וואס האָט פאר דעם יאר באוויזן פאַרלירן זײַן לעצטן צאָן און איז באַשטימט געווארן אלס העלד פון מי, — איז צוגעגאַנגען צום יונגסטן דײַטש מיטן גרויסן קאָפּ, אים א קלאַפּ געטאן אין פּלייצע און געזאגט:

— כאראש, טאָוואַריש קאָמיראַד, הייסט עס — גוט.

ווען צולעצט איבער די גרויע סטאָווּבורעס האבן זיך צעלייגט די דע־כער, ווי די פאַנצערס, און ווען לעם די ביטלען, ווי אף דער וואַנ, זײַנען געשטאַנען אויסגעשטעלט די מאַשינעס, האט מיטריטש, באגעגענע־דיק זיך מיט סווירן, א זאג געטאן:

— „פּעטראָוויטש, נישט קיין קאָפּ איז בא דיר, וועל איך דיר זאגן, נאָר א גאנצע קאָמיאַטשייקע". נא, זאג אליין, זיי שטייען דאס פּײַן אויס־געשטעלט, די מאַדאַמען. און אלץ געקראָגן. גאנדזשולי' רופט שוין אפילע זײַן ווײַב מיטן נאָמען „לינטשא".

— אט זעסטו, מיטריטש, — האט אף דעם געענטפערט סוויר, איצטער איז א פאַרגעניגן צו ארבעטן!

— אַוואַדע גערעכט, אַבי דער קאָפּ זאָל נאר זײַן א פּאַסיקער. נאָר, קינדערלעך מײַנע, ס׳איז א פּלאַן, אז איר זאלט שוין אָן מיר אַרבעטן. אט האב איך אופגעגעסן מײַן לעצטן צאָן און טראַכט זיך, צי מע דאַרף זיך ניט אַוועקשטעלן אינדערזײַט און בעסער צוקוקן, ווי אזוי די מאַדאַם וועט זיך בלאָזן אף מײַן אָרט פאר מיר.

— וואס האסטו זיך אוועקגעשטעלט ווידע זאגן, מיטריטש?

— אווטאָנאָם, — כאָלעמט זיך מיר קעסיידער, ער רופט מיך...

— אווטאָנאָם וועט צוואַרטן, און דו וועסט נאך אונדז א לאָז טאָן אַפן אָקטיאַבער־יאָ־טעוו נאך א מאַשין און וועסט גיין אַף אָפּרו. און איצטער קום בעסער אין געבײַדע ארײַן. די נײַע געבײדעס זײַנען איצטער געווען פאַרגאָסן מיט געלער ליכט פון הארבסטיקער זון. זי האט זיך ווי געשפּילט, געפינקלט און געבליצט איבער די קעפּלעך פון קופּערנע צוועקלעך. די קײַלעכדיקע מאַשינעס, ווי רײַפע הענגלען ווײַנטרויבן פאַרגאָסנע מיט זון, האבן זיך געגרויסט נעבן די ביטלען און אָפּגעגלאַנצט מיט בלישטשענדיקע שרײַפלעך אף די ווײַסע קאכליעס פון דער נייער פּאָדלאָגע. אַרום זײַנען אומגעגאַנגען אַרבעטער און מיט ליבע און פּאָרזיכטיקייט געטאַפּט יעדער שרײַפל, יעדער דעטאַל. נאָר סאָפּראָנען, דעם געלן, איז ניט געווען צו זען. ווען ער פלעג יאָ אַמאָל ביגנייווע ארײַנקוקן דורך דער טיר, פלעגן די יונגע כעוורע זיך אויסקערעווען און בייז שרײַען:

— גיי, גיי פונדאַנען מאָלעבנעס פּראַווען!

— קען זיין, אז איך פּראַווע, נאָר מיר ווען נאך זען מיט וואס עס וועט זיך ענדיקן. — האט זיך גערייצט סאפּראָן און פלעג אַנטלויפן, ווי א א וואָלף אין וואַלד ארײַן, צו זײַן אַלטער הוטע, וואס איז ווי א בעטלערן געשטאַנען צײַטווײַליק דאָ אין הויף.

מיטריטש פלעג נאָכקוקן, אָפּזיפצן און זאגן:

— אינײַנעם אָנגעקומען אף ארבעט, גלײַכצײַטיק כאַסענע געהאט, און אט שוין 40 יאר... „גיי, באנעם! אז עס פעלט סייכל; 40 יאר צוזאַמען געבלאָזן און געטראגן... עך, דעם גאנצן סייכל האט ער, זעט אויס, אויסגעבלאָזן אין די טײַוולשע פלעשער. פערדאַטש איינער, די בעגליצעס וואָלטן דיך פונלאַנג ארויסגעטריבן פון זאַוואָד און באַ אונדז האסטו ארבעט און בורטשעסט.

מ׳האט געוואַרט אף די אָקטיאַבער־טעג, מע זאָל פײַערלעך צום ערשטן מאָל לאָזן די נײַע הוטעס. די „פּאַרטיזאַנער“ פלעגן יעדן טאג גיין צום

אינזשינער זיך לערנען און האבן שוין ניט מוירע געהאט זיך נעענטער שטעלן צו די מאַשינעס. וואסיוטע מאלא, גאנדזשולי און נאך דריי כעוורע זיינען אפילע געשיקט געווארן אין א ספעציעלער שול, און סאַפּראָן האט מוירע געקראָגן פאר די נייע הוטעס נאך מערער, ווי פריער. מיט מיט־ריטשן האט ער זיך אופגעהערט צו באגעגענען, אָבער צום אַקטיאַבער־יאָנטעוו האט ער זיך אויך געגרייט, כאטש אַלע האבן געוווסט, אז ער וועט זיך אָנשיקערן דאס יאר, ווי אלע פריערדיקע יארן, און וועט וויי־נען אף א קאָל היגנער דער אַלטער הוטע און פארשעלטן דיזעלבע 40 יאר, וועלכע מיטריטש שעלט אויך".

דאָ האט זיך דער רעדאַקטער קרוק אָפּגעשטעלט און א זאג געטאן:

— אט! און ווייטער זיינען צוגעלייגט צום קסאַוויאַד צוויי געווינלעכע אויסשניטן פון צענטראַלע צייטונגען. וואס זאָרגט איר, כאווער סאמ־סאָן! דאס זיינען ניט קיין פאַקטן?

סאַמסאָן איז געזעסן די גאנצע צייט אויסגעבויגן און נערוועז געפייקלט מיטן נאָגל אין דער אונטערשטער ריי ציין. אַפן רעדאַקטערס פראַגע האט ער געענטפערט מיט דעם, וואס ער האט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַפן זייטל פונעם בענקל און שטיל צוגעגעבן:

— לייענט ווייטער!

— וואס איז דאס פאַר א אויסשניטן? — האט א פרעג געטאן טשאדא און איז מיט גיכע טריט צוגעגאנגען צום טיש.

טשאדאָ האט א קוק געטאָן אַפן קסאַוויאַד איבער דעם רעדאַקטערס פּלייצע און זיך צעשמייכלט. אין דערזעלבער צייט איז אין קאַבינעט אריינגע־גאנגען דער קוריער, אוועקגעלייגט פאַרן רעדאקטער א פּאַקעט און גע־מאָלדן:

— דער אַוטאָמאָביל וואַרט!

— גוט, האט געענטפערט דער רעדאַקטער. — נאָ, איז ווי, פאָרן מיר באַלד?

טשאדא און איך האבן זיך ארויסגעזאגט קעגן. די אויסשניטן האבן סאַכאַקל פארנומען צוויי שפאַלטן און — פּאַרענדיקט דעם קסאַוויאַד. דער קינסטלער סאַמסאָן האס אויך צוגעגעבן:

— ס'וועט דאך פאַרנעמען ניט מער ווי 5 מינוט.

— גוט, — האט געענטפערט קרוק, — זאגט, אז דער אַוטאָ זאל צוואַרטן.

ווען דער קוריער איז ארויסגעגאנגען, האט דער רעדאַקטער ארויס־גענומען פונעם קאָנווערט 4 רויטע איינלאַדונגס־בילעטן, פאַר זיך גענומען

איינעם, צוויי בילעטן איבערגעגעבן פאר מיר און טשאדא, און דעם פערטן אוועקגעלייגט אַפן טיש, א קוק געבנדיק אין סאַמסאָנס זײַט.

ביזוואַנען דער רעדאַקטער האט אָפּגעווישט די ליפּן נאך דער אויסגעטרינקטער גלאָז וואַסער, האט סאַמסאָן, פײַקלנדיק מיט די פינגער איבערן טיש, צוגענומען דעם פערטן בילעט. ער האט אים סקעפּטיש באטראכט און פוילבלעך זיך גענומען רייניקן די נעגל. קרוק האט קוים א שמייכל געטאן מיט די ליפּן-ווינקעלעך און געזאגט:

— און די אויסשניטן דערציילן וועגן דער „פרימאָרגנדיקער זיצונג פון דער סעסיע וו.או.צ.וו.ק.-אײַנדרוקן".

„... א גוואַלדיקן ענטוזיאַזם האט ארויסגערופן די ארויסטרעטונג פונעם סעקרעטאַר פון זאַווקאָם פון די גלאָז-פאַבריקן — כאַווער סוויר. ער האט שעמעוודיק א צי געטאָן זײַן שוואַרצן פרענטש, ווי פאַרלאָרן האט ער זיך אופגעהויבן אף דער טריבונע און עפּעס פאַרפלאָנטערט אָנגעהויבן ריידן וועגן דער ראָל פון דער כעמישער אינדוסטריע אין אונדזער פאָלקס-ווירטשאַפט. הונדערטער קעפּ אײַנגעמידטע פון א צענדליק שוין אויסגע-הערטע פאָרטראַגן, האבן זיך אָנגעשטרענגט, אָבער דאס איינטאָניקע איבערכאַזערן פון די ציפערן און די דושנע לופט פון דער זאַל, האבן שטאַרק גענויגט צו א דרימל-טאָן און דער פאָרטרעגער האט מיט אומעט אין די אויגן אַרומגעקוקט די זאַל. ענדלעך האט סוויר געענדיקט דעם אַלגעמיינעם אַרײַנפיר צום פאָרטראַג און איז איבערגעגאַנגען צו די קאָנ-קרעטע פאַקטן פון אונדזער הײנט. זײַן קאָל האט ראַפּטום זיך צעקלונגען שטײַף, ווירדיק און איבערצײַגנדיק:

— מיט א וואָך צוריק — האט ער געזאגט, — אין טאג פון דער אָקטיאַ-בער-רעוואָליוציע, כאַווירים, האבן מיר געפײַערט בא אונדז דעם לאָז-טאָג פון די מעכאַניזירטע גלאָז-זאַוואָדן. כאַווירים! אונדזער אַלטער טרוים איז געוואורן א וואָר. מיר האבן זיך געשטעלט פון איצטער אף ווייטער אַפן פעסטן וועג פון אינדוסטריאַליזאציע. ווער וואָלט עס געקאָנט א טראַכט טאָן, אַז אַפן אָרט פון די ארומגעקאַלופּעטע, אומצייניקע, צעוואַלגערטע אַלטע הוטעס וועלן זיך הויכן און שײַנען אײַזן-בעטאָנענע זאַוואָדן! — ס'איז א ניצאָכן פון אונדזער גלאָז-אינדוסטריע און עפּשער אפילע פון גאַנץ אייראָפּע. מיר דאַרפן זיך פרייען מיט אונדזערע זאַוואָדן ניט נאָר דערפאַר, וואס זיי זיינען די בעסטע איבער גאַנץ אייראָפּע, נאר אויך דערפאַר, ווײַל אי די פּראָעקטן, אי די ביניאָנים זיינען אויסגעפירט און

אויסגעבויעט אדאַנק אונדזערע אוקראַיִנישע אינזשינערן, אונדזערע דאָנ־באַסער כעמיקער און אַרבעטורער.

עטלעכע פון די צוהערער האבן גויוער געוועז דעם דרימל און אופגע־הויבן פּאַוואָלי די קעפּ.

— כאַוויירים, האט פאַרגעזעצט דער רעדנער, אויב די אַלטע הוטעס זיינען געווען פאַרן אַרבעטער אַן עמעסער געהענעם, ווייל אַלצדינג האט זיך געטאן מיט דער הילף פון מענטשישע פיס, הענט, לונגען, אפילע ציין, אויסצאַפּנדיק פונעם ארבעטער ריטשקעס שוויס און בלוט, איז איצטער, כאַוויירים, קאָנען מיר מיט פולער רעכט אָנרופן אונדזערע נייַע מעכאַנישע זאַוואָדן, אז דאס זיינען עמעסע פּאַלאַצן פון מי. איצטער ארבעט די מאשין „לינטשא" און דעם ארבעטער קומט נאָר אויס אָנפירן מיט איר. דער ארבעטער איז איצטער ניט קיין קנעכט פון דער ארבעט, נאר דער באהערשער!

— היינטיקן טאג בין איך געקומען צו אייך, כאַוויירים, צו מוידיִע זיין ניט נאר דאָס, וואָס מיר האבן אויסגעבויט זאַוואָדן, נאָר אויך אייַך צו מעלדן, אז אונדזער סאָוועטישער גלאָז־זאַוואָד האט צו נישט געמאַכט דעם אריינפיר פון דער אויסלענדישער פלאַש. דאס לאַנד אונדזערס קען זיך שוין באַגיין מיט אייגנס".

דערבייַ האט דער כאַוועד סוויר ארויסגעשלעפּט פון קעשענע א גרינע פלאַש און א טרייסל געטאן מיט איר אינדערלופטן, ווי א העטמאַן מיט דער בולאַווע. ס'איז געווען פאר אַלעמען אזוי אומדערוואַרטעט, אז די גאנצע זאַל האט זיך צעפינטלט מיט די אויגן און די ליפן האבן זיך אויסגע־צויגן אין א מעכילע־שמייכל. אָבער, ווען דער כאַוועד סוויר, אַן אופ־גערעגטער, אינגאנצן רויט, אויגן — פול מיט פייַער, האט א געשריי געטאָן: „אַזעלכע פלעשער וועלן מיר אויסאַרבעטן יעדן יאר 70 מי־ליאָן",— האט דער גאַנצער זאַל האַרציק און מיט פרייד די יעדיִע אופגענומען.

סוויר איז אַלץ געשטאַנען מיט דער פלאַש אין האַנט, א האלב פאר־לוירענער און צערייצטער. ער האט ניט פארשטאַנען, זעט אויס, ווי צו פארשטיין דעם פריידיקן געלעכטער פון די הונדערטער אָפענע מייַ־לער. צי דאס האבן זיי זיך געפרייט איבערן גרויסן ניצאָכן, וואס זיי האבן אָפּגעהאלטן, צי אף קאַפּויר, געלאַכט פון אים, פון דעם קליינשטעטל־דיקן באַרימער. מערער האט ער ניט געוואָלט זיך פאַנאַנדערקלייַבן און מיט א פּאָנים אַ נאך מער רויטס, ווי פריִער, האט ער געשריי געטאן אזוי,

ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרהאַלמעוווען דעם געלעכטער, וואָס רײַסט זיך פון די הונדערטער העלדזער פון די כאַווײירים.

— „כ׳פאַרשטײ ניט, כאַווײירים, וואָס איר לאַכט, איר גלויבט מיר ניט? מיר האָבן אויך ניט געגלויבט, ביזוואַנען מיר האָבן זיך אַליין ניט איבערצײַגט אף פאַקטן. און די פאַקטן זאָגן וועגן דעם, אַז אונדזער סאָוועטישע פלאַש איז בעסער פון דער אויסלענדישער. אויב איר גלויבט ניט אין דעם אויך, טאָ קוקט זשע.

כאַוועער סוויר האָט צעפּאַכעט אינדערלופטן די גרינע פלאַש, ווי אַ האַנט־גראַנאַט. זי האָט אַ סווישטש געטאָן איבער די קעפּ פון די דעלעגאַטן איבער דער גאַנצער ווײַסער זאַל, זיך אַ זעץ געטאָן אין פּאַדלאָגע אַרײַן און פאַרקײַקלט אַזש אין אַ ווינקל, מיטן העלדזל געבליבן ליגן פּונקט אַנטקעגן דער טריבונע. זי האָט ליבלעך געקוקט, די פלאַש, מיט איר שוואַרץ אויג, מיט אירע גרינע גלאַנציקע זײַטן אף סווירן און אף דעם וווּנדערלעכן זאַל מיט די קרישטאָלענע הענגלײַכטער, מיט די אויסגעבויגענע אין אַ ראָד דינע ראַמען פון פענצטער, אף די שײנע קאָלאָנעס סטיל „אַמפּיר", אַף די רויטע פּאָנען, וואָס אַפן פּאַן פונעם אוקראַיִנישן „באַראָקאָ", און אַף די שטרענגע פּענימער פון פּאָרטרעטן און די הונדערטער צווישן אַקסל אײַנגעשנירעוועטע קעפּ פון די דעלעגאַטן. אַפילע סווירס האַנט, וואָס איז געהאַנגען אינדערלופטן, אין דערדאַזיקער אַמאָליקער זאַל פון דער „דוואָריאַנסקי סאָבראַניע", האָט אויסגעזען, ווי זי גלעט די גרינע אַקסלען פון דער פלאַש. דאָס אַלץ האָט געדויערט ניט מער, ווי איין מינוט. די זאַל, ווי איין מענטש, איז מיטאַמאָל אופגעשפּרונגען. די דעלעגאַטן, ווי אונטערגעצונדענע, זײַנען אוף פון די ערטער און . . .".

דער רעדאַקטער קרוק האָט אופגעהויבן דעם בויגן פּאַפּיר, אים איבערגעקערט מיטן קסאַוו צום טיש, און אַ קלאַפּ־טוענדיק מיט דער דלאָניע, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— און . . . מיט דעם ענדיקט זיך דער קסאַוויאַד. איצטער קומט פאָרן צום וואָקזאַל.

דער קינסטלער סאַמסאָן האָט ווי קאַלטבלוטיק זיך אופגעהויבן פונעם אָרט, צווישן די פינגער אַ דריי געטאָן אַ שוועבעלע און אַרויסקוקנדיק פונעם פענצטער אַפן שילד מיט די גרויסע אויסיעס: „וו. ר. נ. ג.", האָט ער געפרעגט:

— ווען קומט איר צוריק?

— נאָך היינט, ניט שפּעטער ווי 8 אזייגער אינאָוונט,— האָט גע־ענטפערט דער רעדאַקטער.

— איך שטעל זיך פאָר די נודנעקייט, וואָס ס'וועט דאָרט זײַן.

קיינער האָט אים אָף די ווערטער גאָרניט ניט געענטפערט. דער קינ־סטלער סאַמסאָן האָט זיך אַביסל צעמישט, איבערגעשטעלט איין פוס אָפן צווייטן און געזאָגט:

— דערלויבט מיטפאָרן מיט אײַך,— און ארײַנלייגנדיק דעם רויטן אײַנלאָדונג־בילעט אין קעשענע ארײַן, איז ער מיט פוילבלעכן שפּאַן אַוועק פאָרויס — דער ערשטער זיך זעצן אין אַווטאָמאָביל.

כאַרקאָוו,
1927

אלעקסאַנדר קאָפּילענקאָ

געבוירן אין יאָר 1900, אין דאָרף קראַסנאָהאָרקאַ, אין טשערניגאווער קרייז.

באזונדערע אויסגאבעס: „שטורעם“, 1923, פארלאג „גאַרט“, כאַרקאָוו. „קאַראַ־קרוטשא“ 1923, „שליאַך אָסוויטי“. „אין נאָמען פון אוקראַינישן פאָלק“, 1924, פארלאַג „שליאַך אָסוויטי“. „א פריילעכע געשיכטע“, 1925, פארלאג „קניהאָספילקא“. „מאַקעדאָן בלין“, 1925, פארלאג „טשערוואָני שליאַך“. „בויני כמיל“, 1925, מעלוכע־פארלאג פון אוקראַינע. „סענטשיני פריגאדי“, 1926, מעלוכע־פארלאג פון אוקראַינע. „מוטער“, 1927, „האַרטער מאַטעריאַל“.

אל. קאפילענקא

די מוטער

I

פאר דוואָסיעס אויגן לויפט דורך דאס באטאָגיקע לעבן פון די ליקלעך.

באַם שאריען, ווען אין יענעם שפעלטיקל צווישן דעכער הויבט אָן זיך דורכרײַסן דאָס בלייכע געזיכט פונעם פרימאָרגן — גייען ארויס פון דער אקעגנדיקער פאָרטקע צוויי מענטשן. מע זיפצט שלעפעריק, מיט קלומעקלעך אונטער דער פאַכווע גייען זיי אפן זאוואָד.

הייסט עס, דער טאָג באגינט.

דער טאָג באגינט מיט בלייכע פלעקן. מענטשן וועלן אָנהויבן סקריפען מיט שניי פארן פענצטער, און דער ערשטער פארשלאָפענער פורמאן וועט פארבײַפאָרן אין שטאָט ארײַן.

און ענדיקן ענדיקט זיך דוואָסיעס טאָג שפעט באַנאכט, ווען אינעם שכײנישן קעלער־צימער וועלן זיך די פראָסטיטוטקעס, סאָנקע און האַלקע, אומקערן אהיים.

דוואָסיע האט זיך אף א רעגעלע פארקלערט... אזא טאָגטעגלעכע איינזאמקייט. אין איינזאמקייט בליען אוף מאכשאָוועס מיט הייסן בלוט. באַטאָג, באם פענצטער, ציען זיי זיך ווי א צארט שטראָמיקל ווארעמע מילך, באַנאכט — אויך, ווי מעשוגענע רויזן, ברענענדיקע בלומען צעבליען זיך באַ דער ארבעט די מאכשאָוועס.

מע דארף וויסן, וואס אזוינס זײַנען די מעשוגענע רויזן־מאכשאָוועס. די נאכט און שטילקייט זײַנען געשאַפן פאר הייסע, איינזאמע מאכלויקעס און אמפערנישן. דוואָסיע טראָגט דעם פארפלאָנטערטן קנויל פון קריגערײַען און מאכשאָוועס אונטער איר הויכן שטערן, וואס זעט אויס ווי א שנייִקער פעלז. דער שטערן איז אין קראנץ פון שוואַרץ געקרײַזלטע האָרגעדיכטעניש. א פארקלערטע האט דוואָסיע פארגעסן אינעם

גענײ, וואס איז אין מעשונענדיקע קנײטשן געפאלן אױף אירע קני. די ליפן האָבן אַלײן עפּעס געשעפּטשעט װערטער, און די אױגן זײנען געװאָרן גרױס װי פענצטער, פון װעלכע מע קאָן ארױסזען אַלע טיפע־נישן פון א מענטשלעך באַשעפעניש.

דוואָסיע שמועסט זיך דורך... זי איז שױן אזױ געװױנט ענטפערן אַלײן אױף אירע געדאנקען. איר אײנזאמקײט האט זי דערצו גע־צװוּנגען.

עמעס, זי רעדט ניט נאָר צו זיך, נאר אױך צו איר ערגסטן סױנע, צום אכטיאַריקן זון כאַיִם, וואס האט זיך איצט גראַד פאַרשלאָגן אין א װינקעלע און געכריפּעט איבער עפּעס א קױטיקער שמאַטע. ער הריזעט מאקאַרײ־קלעצלעך, צװעכלעך, אז סע לױפט אזש בלוט פון די יאַסלעס. דערנאָך שנאָרכעט ער, כאַיִם, פארגײט זיך מיט א בױך־געלעכטער. דער געלעכטער איז ענלעך צום כריוקען פון א כאַזערל.

אזױ לאכט ער, כאַיִם.

אָבער כאַיִם פארשטײט גאָרניט, ווען מע רעדט צו אים. דעריבער איז דוואָסיע געוױנט שמועסן צו איר אײנזאַמקײט און צו דער פוסטקײט.

זי האט זיך דערמאנט, אז ס'איז טונקל, מע דארף אָנצינדן ליכט. זי האט אפּגעװענדט די אױגן פונעם פענצטער צום צימער.

די שארפע װינקלען אינעם האלבפינצטערניש האָבן זיך אן אײַנגע־געסענעם װיג געטאָן און װײטיקדיק אײַנגעשניטן אין איר ברוסט.

דוואָסיע האט זיך אפּגעקערעװעט. אירע אױגן, פארשלאָסן אונטער אױגנלעפּלעך, זײנען אין שרעק פאַרפרױרן. פון װינקל קוקט כאַיִם גלײך איר אין פּאָנים ארײן. זי האט זיך װי עפּעס דערמאַנט. א שענד־לעך בילד האט דורכגעשװוּנדן און ניט געסטײַעט. שטענדיק אזױ...

פונעם טונקעלן װינקל האט כאַיִם געקוקט מיט א פארגליװערטן טױטן בליק פון א פיש. נאָר אױף גרינע קױטיקע צײן טײלן זיך ארױס צװײ מאטעװע ליכט־פלעקן. די צו גרױסע שיטערע צײן באהאלטן זיך ניט אין מױל און שפּאַרן שטאַרק ארױס פון אונטער דער אױבערשטער איבערגעקערטער ליפּ. העכער,— א צופעליק צוגעקלעפּטע, מעשונעדיק־פײַערלעכע קירפּאטע נאָז מיט אױסגעקערעװעטע נאָזלעכער.

פון כאַיִמס גראָבן מױל, פונעם רעכטן מױל־װינקל הענגט אראָפּ א העל שטיקל שמאַטע. ער באװעגט לאַנגזאם די צײן, הריזעט שטארק די שמאַטע, שלינגט די אפּגעשװוּנדענע שטיקלעך, און סמאָטשקעט צו מיט די ליפּן און װײכער באװעגלעכער צונג.

דוואָסיע האט זיך א וואָרף געטאָן צו אים, א כאַפּ געטאן די שמאַטע, אויסגעריסן, כאַים האט אויסגעצויגן די לאַנגע הענט. זי האט אים פלינק און גיך א זעץ געגעבן מיטן פוס אין דער ברוסט.

כאַים האט זיך טעמפּ א קלאַפּ געטאָן מיטן רוקן אין וואנט און פארשטילט געוואָרן, אויסשטרעקנדיק די ציין און כאפנדיק מיט דער האנט די שמאטע.

— ווערים זאָלן דיר אין די גדערים וואקסן! הערסטו, הונט, מיסע־מעשונע? א מאַקע ביסטו אין מיין האַרץ, א מאגייפע! א שלאנג, וואס האט זיך איינגעזויגן אין מיין לייב. ס'איז דאך דער מומע בערטעס קאָפּטל, — וואָס וועל איך איר זאָגן? מיט וואָס וועל איך איר באַצאָלן? ענטפער, טכויר פּיסקאַטער — מיט וואָס וועל איך צאָלן? דו פרעסט דאָך אלץ, פרעסט אוף אלע קאָפּקעס און פארשטינקסט די שטוב. ווערסט מיך אויך באלד אופרעסן. ווערים זאָלן דיך טאָטשען, ווי דו טאָטשעסט מיך...

מיט שטיקער שמוץ, מיט ווערטער, ווי מיט א שטראָם פון שטינקענדיקן אייטער, האט דוואָסיע כאַימען אין פּאָנים געוואָרפן, און ער איז געשטאנען אף קורצע, אויסגעקרימטע פיס; די הענט, נידעריקער פון די קני, זיינען ארומגעלאָפן איבער די פיס־פינגער. מיט אויסגעשטשעריטע ציין און אויסגעבאָלעכטע אויגן, קאלטע און טויטע, ווי בלייקנעפּלעך, האט כאַים געשוויגן, נאָר זעלטן־ווען דין פארגאנגען זיך, גלייך ער האט זיך געקליבן בילן.

און ווען די מוטער האט אים געוואָלט כאַפּן בא די האָר, האָט ער א פּאַל געטאָן אף אלע פיר, און ווי א מאלפּע אפגעשפּרונגען. דערנאָך האט ער אליין אין אַנדערן ווינקל אונטערטעניק און ווי א מאלפּע גיך אָפּגעשפּיליעט און אראָפּגעלאָזט די שטינקענדיקע הויזן. ער האט אנטבלויזט זיין קליינעם שמוציקן קערפּער.

אונטערטעניק איז ער צוגעגאן צו דער מוטערס פיס, אוועקגעלייגט זיך אַפן בויך, און ארויסגעשטעלט א קינדערשן נאקעטן פונהינטן און די הויקער־פּלייצע.

רויִק זיך אוועקגעלייגט, איינגענורעט מיטן פּאָנים צו דר'ערד און גענומען סאָפּען, ווי ער וואָלט זיך שלאָפן געקליבן.

די רויִקייט, מיט וועלכער כאַים האָט זיך געלייגט, האט אין דוואָסיען שטענדיק אָנגעצונדן אַ פארדראָס. איר פּאָנים איז בלאס געוואָרן. אין יעדן פארפלאָנטערטן הערעלע, אין יעדן שטיקעלע הויט האט געשוימט מיט צאָרן און זיך אויסגעגאָסן אין די שפּיץ פינגער.

דוואָסיע האט זיך א ווארף געטאָן אַף כאַיִמען. זי האט אים געשלאָגן מיט עפּעס א קלעצל, וואס איז איר געלעגן אונטער די הענט. זי האט געשלאָגן מיט א רימען. כאַיִם איז געלעגן רויִק, האט נאָר געמריקעט. די קלאנגען פון קלעפּ האבן פארדומפּן אָפּגעהילכט אין די ווינקלען. אַף דוואָסיעס בלאַסן פּאָנים זיינען געוואָרן בלוטיקע פלעקן. דורכן שפּאלט פון צונויפגעפּרעסטע ציין האבן ארויסגעשיפּעט ווערטער. זי האט זיך שוין געשטיקט פאַר קאַעס:

— כ׳וועל דיך טרייַבן אין דר׳ערד ארייַן. כ׳וועל דיך צעקוועטשן, צערייַסן אַף שטיקלעך. ווייַז אהער דייַן פּאנים, דייַן מויל. האסט דען א מויל? — ס׳א שטינקענדיקער מיסט-גרוב, פוילעניש, געשטאנק. ווייַז די אויגן, ווייַז!.. אט די גרינע, פוילע קאַליעזשעס, אָנגעזשבורעטע, לאָם איך זיי אויסשלאָגן... אויסשלאָגן. ביסט מיר א זון — כא-כא-כא... א זון. אַן אָפּטרעט האָב איך אין מייַן בויך געטראָגן, ניט קיין קינד... לאָם איך צערייסן דייַן לייַב!

מיט א גרויזאמער זיסקייט, שעלטנדיק, האט דוואָסיע געגאָסן א ווער-טער-שמוץ אַף איר זון. ווען זי האט אויסגעשריגן די לעצטע ווערטער, האט זי זיך ארופגעווארפן אַף כאַיִמען, אים אָנגעכאפּט פארן הויקער און נאקעטן לייַב און אים צוגעצויגן צו זיך. כאַיִם האָט אופגעציטערט אין אירע הענט. איר זונס לייַב האט זיך אונטער אירע הענט גע-קנייטשט, געוואָרפן זיך אין קראַמפּן.

— דו ביסט דער פּאָגראָם, דו האסט אונדז געקוילעט. דו ביסט דער מערדער פון מייַן פּאָטער, מוטער און ברודער. און מייַן פּאָטער איז אַן איין-און-איינציקער אַף דער וועלט. גיב אים מיר אָפּ! דו ביסט א פּאָגראָמשטשיק, א באנדיט. ווער האט מיך פון שטעטל ארויסגעטריבן? ווער?

דוואָסיע האט שוין אויסגעגאָסן איר גאנצן פייַן אין פעטש און ווער-טער. כאַיִם איז שטיל געוואָרן, האט זיך ניט גערירט, נאָר ווי פון ערגעץ ווייַט געמריקעט. זי האט זיך אָפּגערוקט, געקומען צו זיך. אַף אירע אויגן איז, ווי א וואסערפאל, געפאלן א שוואַרצער געקרייַזלטער שוים פון פעטע האָר.

אָבער כאַיִם רירט זיך ניט מער!.. ניין, זי פּייַניקט אים ניט! זי וויל אים ניט פּייַניקן... זון!..

— כאַיִם... זונעניו, זונעניו מייַנער, קינד... זייַ מיר מויכל! קום, כ׳וועל אויסלעקן אלע וווּנדן, דעם גאנצן שמוץ פון דייַן לייַב מיט מייַן

צונג. ביסט אַ זיסער, ניט עמעס?.. ביסט דאָך ריין ווי גאָלד. רו אָפּ באַ מיר... כאַ־כאַ־כאַ!.. קוק, ס'איז אַ פריילעכע מאַמע באַ דיר. הער אויס איר ווארעמען האָניק־זיסן געלעכטער... כאַ־כאַ־כאַ! צוליב דיר לאַך איך...

וויפל צאָרן מוז דוואָסיע אין זיך דערשטיקן, קעדיי עפּעס ווארעמס ארויסצובריינגען פאר איר זון. אָבער וויפל ליכטיקע און וואַרעמע ווערטער קלערט זי צו באַ דער אַרבעט, באַם פענצטער צוליב איר זון, צוליב איר זון...

כאַים ליגט און מריקעט קוים־קוים. שטייענדיק אף די קני, האט די מוטער ארומגעכאַפּט זיין קאָפּ, צוגעצויגן צו זיך... גאָענט זיך צוגע־בויגן און א טריף געטאָן א טרער אף זיין באַק. כאַים האט א קוק געגעבן אף איר מיט דיזעלבע גרינע, אָנגעזשבורעטע אויגן, זיך אופ־געכאפּט אף די פיס, אויסגעשטשירעט די גרינע ציין.

דוואָסיע האט אים ווידער ארומגעכאַפּט מיט די הענט, צוגעצויגן זיין קאָפּ צו זיך, נאָר כאַים האט זיך מיטאמאָל אַ מאָרדעווע געטאָן, אָנגע־הויבן ציטערן.

אַ ביסל אויסגעגלייכט זיך און אומדערוואַרט א זעץ געטאָן מיטן קאָפּ אין איר שטערן. מיטאמאָל זיך איינגעקלאַמערט מיט די ציין אין דער מוטערס באַק. ווייל זי האט אים דאָך געוואָלט א קוש טאָן. דוואָסיע האט זיך אָפּגעוואָרפן, אומגעפאַלן אפן רוקן און אויסגעשטרעקט די הענט. אָבער כאַים האט זיך פארשלאָגן אין זיין ווינקל.

— פאַרשאָלטענער וואָרעם, כ'וועל דיך דערשטיקן!..

און קעדיי ווידער זיך ניט ארופוואַרפן אף כאַימען, איז זי וואַק־לענדיק ארויס אינעם פינצטערן קאָרידאָר.

זי האט דאָך געוווסט, אז מע טאָר אים ניט צערטלען. זי האט אין דעם ווידער פאַרגעסן. אונטערטעניק לייגט ער זיך אוועק, ווען מע וויל אים שלאָגן, אַפילע דעמאָלט, ווען מע טראַכט אפילע ניט שלאָגן. נאָר שרעקלעך ווערט ער, ווען די מוטער וויל אים צערטלען. באַ דוואָסיען זיינען צעביסן און צעדראַפּעט די הענט, דורכגעביסן די אונטערשטע ליפּ... אלץ דערפאר, וואס זי האט געוואָלט צערטלען איר זון.

ווען די מוטער איז ארויסגעלאָפן, האט כאַים איר נאָכגעקוקט כאָר־כלענדיק, און זיך פאַרגאַן אין זיין מעשוגעדיקן געלעכטער. די ציין מיט די יאַסלעס אַפילע זיינען ארויסגעקראָכן פונעם מויל.

דערנאָך האט ער זיך מיטאמאָל אויסגעקערעוועט, ארוף אפן טיש און פון טיש אפן פענצטער. דאָרט באהאלט די מוטער, לעבן זיך, דאָס גאַנצע עסנוואַרג, וואס איז פאַראַן אין שטוב — פלייש, אָדער קארטאָפלעס, אָדער מעל. גייט זי ערגעץ אַוועק — טראָגט זי דאָס אַרויס אין קאָרידאָר.

כאַים האט עפעס אָנגעטאַפּט, גיך-גיך גענומען אראָפּרייַסן דאָס פּאפּיר און שלינגען דאס עסנוואַרג מיט גרויסע שלינג.

II

אינדערפרי האט דוואָסיע זיך אופגעכאפּט מיט דעמזעלבן געדאַנק: מע מוז דאָך דער מומע בערטע אָפּטראָגן דאס קאָפּטל, וואָס כאַים האט עס צעביסן. און וואָס זאָגן איר, ווי אזוי זיך פאַרענטפערן? עמעס, די מומע בערטע איז דער איינציקער מענטש, וואָס קומט אַרייַן צו דוואָסיען. זי טאקע, האָט זי צוגערעדט אָפּגעבן כאַימען אין עפּעס א הויז אַריין. און וועט מען אים ניט צונעמען — איז אַרויסטרייַבן אף דער גאָס, זאָל ער בעטן נעדאָוועס. וואָס דען, אַזאַ שיין, יונג ווייַבל זאָל אָפּגעבן דאָס לעבן אַזאַ אויסוורף. בערטע האט אפילע געזאָגט, אז זי וועט אינגיכן קומען דינגען דוואָסיען. ס'איז דאָ א מעכייַעדיקער באלעבאָס. נאָר ווער וועט זי נעמען מיט כאַימען?

בערטע האט געזאָגט:

— ער איז געזונט ווי א פערד. אַזאַ מין, וואס קען אסאך מאַנסבלען באַווייַזן, ווי אזוי מע דארף ליב האָבן דאָס ווייַב. סע שטייט בא אים אין שטוב א געלעגער גרויס ווי א שיף, שיין ווי די וועלט... יאָ-יאָ, ניט קיין בעט, נאָר א סימכע-געלעגער. נו יאָ, דרייַ ווייַבער האט ער שוין באַגראָבן. אָבער דו ביסט אַ יאָדערדיקע און דאָס לייַב דייַנס זשאַווערט. א ווייַבל דאַרף ניט זשאווערן... דוואָסיע דאַרף ניט זשאַווערן. יאָ, דו גייסט דאָך פאַר א דינסט. אָבער דו פאַרשטייסט מיך: גייסט פאַר א דינסט און דאָרט...

צו דוואָסיען איז מען טאקע אף אן עמעס געקומען שאַדכענען זיך. נאר דערזעענדיק כאַימען, פלעגן די כאָסאַנים אנטלויפן. איינער האט געוואלט גוט צאָלן, זי זאָל קומען צו אים צוויי מאָל א וואָך. און אַ אַנדערער, א שיינער באָכער, אין א שיינעם, אפילע ניט קיין געלאַטעטן פּאַלטאָ, האט געזאָגט, אַז איר בויך איז פאַרקויטיקט, פאַרשאָלטן, אויב זי האט געקענט געבוירן אזא מיסעמעשונע.

דעמאלט האט דוואָסיע שוידערלעך געשלאָגן כאַיִמען. אָבער וואס איז איר ארויסגעקומען? זי האט געוואָלט אים דערהארגענען — און ניט דערהארגעט. א קוש טאָן געוואָלט — האט איר כאַיִם דורכגעביסן די ליפּ.

מע מוז אָבער פאָרט גיין צו בערטען...

זי האט אפגיך פארענדיקט לאָטן דעם זאַק, ווידער באַקוקט בערטעס קאָפּטל — כאַיִם האט צעלעכערט פונקט אף דער פּלייצע.

אין קאָרידאָר האט טויב א קלאַפּ געטאָן די טיר פון שכיינישן צימער. טריט פון שקראַבענדיקע שטיוול האבן דורכגעטופּעט אָט דאָ באַ איר זײַט.

דוואָסיע האט זיך צוגעהערט. אין קאָרידאָר האט די שכיינע געשריגן צו איר יינגל:

— טישקאָ, זאָלסט זיך ניט דערוועגן גיין צו דעם פּאַרכאַטש. האָסטו געזען, געפונען א כאַוער. ער וועט דיר דעם גאָרגל דורכבײַסן. און זיינע הענט האסטו געזען? ווי אומיסטן געמאַכט אף צו דערוואָרגן מענטשן. און ווו האט זי עס געפּאַקט אזאַ שטיק גליק. מע טאָר איר נאָך קיין וואָרט ניט זאָגן, ווארפט זיך ווי א קוואָקע. זאָלסט זיך ניט דערוועגן גיין, טישקאָ, אניט וועל איך דיר די פיס אויסדרייען. גיי אין דרויסן שפּאַצירן.

— מאַמע, וואס איז אַזוינס... כ'וועל אים נאָר רייצן אף דער טיר — ער כאָרכלט און רעוועט, ווען מע רייצט אים. איך און סאָנקע האבן מיר אים גערייצט — ס'איז אינטערעסנע.

— ווי קענסטו אים רייצן, זי איז אינדער'היים. ס'וועט ווידער ווערן א געשלעג, די מיליציע וועט קומען צו לויפן, — דערוועג זיך ניט... ווען די פּאַטלאַטע וועט אַוועק פון שטוב, וועסטו אים רייצן.

דוואָסיע וואלט מיט פרייד צוגעזאָגט געוואָרן, אריינגעוואַקסן אין דער וואנט, קעדיי דאס ניט צו הערן. זי האט זיך ניט גערירט, געזעסן מיט אויס-געלאָשענע אויגן, דעם פארלאָטעטן זאַק אַראָפּגעלאָזט אף דר'ערד. איז זי דען שולדיק? וווהין זאל זי אנטלויפן? באַ לײַט זיינען קינדער פריי-לעכע, לעבעדיקע, מע שטיפט, מע שפּילט זיך.

און דער איקער — עמעסע, אייגענע קינדער, געבוירענע אין זיסן פּײַן, אין ליבע. די מוטערס טראָגן שטאָלץ זייערע שווערע, ווײַסע בײַכער, ווי טײַערע אוצרעס, דערנאָך גלעטן זיי די קינדערשע קעפּלעך מיט מוטערלעכע ליבע.

און זי, דוואָסיע, ווען זי האט געטראָגן כאַיִמען, — אונטער איר האט די ערד געברענט ווי א הייסער בעקן. זי האט זיך אויסבאַהאלטן,

געריסן מיט נעגל איר בלויע הויט פונעם אָנגעצויגענעם בויך און איינמאָל געכאַפּט א גרויסן מעסער, מיט וועלכן מע קוילעט כאַזיירים, און האט זיך געצילט אים אריינשטעכן אין בויך. דער קאַלטער שטאָלענער שפּיץ האט א קיצל געטאָן די צארטע הויט און שוין ווי אָנגעהויבן ארייַנצוקריכן אינעווייניק. נאר א פעטער איז אָנגעקומען און אויסגעריסן באַ איר דאָס מעסער. און אז כאַיִם איז געבוירן געוואָרן — האט מען זי אין דרייַ יאָר אַרום ארויסגעטריבן פונעם שטעטל.

ניטווילנדיק זיך דערמאָנט אין שטעטל. די ווענט פונעם צימער האבן אָפּגעטראָטן, און אף דער טרוימען־ווייַט האבן דורכגעשווינדלט ווייַטע לאנדשאפטן.

דוואָסיע וויל זיין אן עמעסע מוטער. זי מוז זיין... אזאַ זאפטיק לייַב, אזוינע שטאַרקע פיס און קליבעס זיינען דער פרוי געגעבן געוואָרן, קעדיי צו האבן קינדער. פיר און צוואַנציק יאָר. פולע אָדערן מיט פעסטן הייסן בלוט.

אָבער... זי האט זיך ארומגעקוקט אף כאַיִמען, ער האט געשקראַבעט די וואנט, דערנאָך אויסגעדרייט דאס פארגליווערטע פּאָנים, ווי א מאַסקע, מיט דער אָנגעצויגענער דינער געלער הויט. די אויסגעבאַנקעוועטע אויגן גלאנצן ניט. פון מויל רינען אפן געמבע און ברוסט פּאָטיאָקעס פון שיטערן קאַלעך. כאַיִם האט געהאט א מאָדנע טעווע — הריזען און עסן קאַלעך און ליים פון די ווענט. אין זיין ווינקל האט ער שוין אויסגעהריזעט די גאַנצע ליים און געזעסן פאַרקויטיקט מיט קאַלעמוטנע פּאַטיאָקעס, וואָס זיינען אים גערונען אף דער צעכראַסטעטער ברוסט.

אַף אַ רעגע האט אין אירע אויגן דורכגעבליצט ראַכמאָנעס, נאר באלד האט פייַנטשאפט אופגעפינקלט.

דוואָסיע האט זיך גענומען אָנטאָן. כאַיִם האט איר נאָכגעשפּירט מיט אומבאוועגלעכע, פאַרגליווערטע אויגן.

— כ׳גיי, כ׳גיי, אבי די פיס טראָגן מיך. בעסער וואלט איך זיך געוואָרגן איידער זיך פארענטפערן פאר דיר... דו קוקסט? וואס קוקסטו? ארויס זאָלן זיי דיר, די קוקערס... זע, צעהריזע מיר דאָ די קאָלדרע און מאַך אָן אינמיטן שטוב אָדער אין די הויזן, וועל איך עס ווידער מיט דיין מאָרדע אויסווישן.

כאַיִם באוויַזט די שיטערע ציין און קוקט בעהיימיש. ער קנייטשט דאס פּאָנים, גלייַך ער וואלט כויזעק געמאַכט פון דער מוטער, כויזעקט מיט זיין מעגושעמדיקייט.

דוואָסיעס טאָג הייבט זיך באַגינען, אַן איינטאָניקער און אַ לאַנגער, ווי אַ מידבער. זי ווייסט נאָך ניט, ווו וועט זי היינט קריגן געלט אף ברויט, אשטייגער. אז ניט, וועט כאַימען אויסקומען באַנוגן זיך מיט ליים און מיט עפּעס א שמאַטע. ער פאַרשטייט סײַווי ניט. יעדעס עסנוואַרג עסט ער אוף מעכאַניש. דעריבער איז באַ אים א צעבלאָזענער בויך, ער הענגט אַראָפּ און וויגט זיך ווייך אונטער די שמאַטעס.

זי האט פאַרנומען דאס אלטוואַרג, וואס זי לאַטעט און טשאָבעט. די מומע בערטע טראָגט עס דערנאָך פאַרקויפן אפן מאַרק.

דוואָסיע האט זיך אלץ אליין געקליבן האנדלען אפן טאָלטשאָק — נאר זי פאַרמאָגט ניט די דרײַ רובל, קעדיי אײַנצוקויפן אלטוואַרג פאַרן האנדל.

דעריבער בויגן די טויטע, צעדולטע טעג איר רוקן איבער פרעמדע שמאַטעס, באַם נידעריקן קעלער־פענצטער. סע באַשלאָגן זי אנגסטן און סע שטיקט אין ברוסט — די טעג שטיקן זיך אין הוסטן.

מע מוז געשווינד אַלץ באהאַלטן פון כאַימען אין קאַסטן, פאַרשליסן אפן שלאָס. אין דעם קאַסטן פאַרשליסט זי אירע מוטערלעכע געפילן. אף דער גאַס דערמאנט זי זיך אין זון זעלטן — סײַדן, ווען פרעמדע קינדער קומען פאַר די אויגן.

ווען דוואָסיע גייט אַוועק פון שטוב — פאַרשליסט זי כאַימען אף אַ שלאָס. זי האט פאַרלייגט דעם שלאָס אף די רינגלעך, א ריס געטאָן די טיר. זיי פאַרמאַכן זיך ניט גוט, צווישן בײַשטידל און דער טיר איז אַ שפּאַלט קימאט די האנט די ברייט. זי קלויבט זיך אלץ איבערקלאָפּן די רינגלעך, די טיר זאָל בעסער צושטיין, נאָר זי האט קיין צייט ניט.

אינעם פינצטערן קעלער־קאָרידאָר פאלן די ווענט ווי אָפּגרונטן און די סטעליע פאַרלירט זיך אין שאָטן.

3

באַם טויער־פּאָרטקע איז געשטאנען דער שכיינעס יינגל, טישקאָ. ער האט אויסגעשטעקט דוואָסיען א לאַנגע צונג.

זי האט אים אויסגעשאָלטן, גיך אַוועקגעגאַן. איבער די ווײַסע דע־כער, אין הימל זיינען ווי זילבערדיקע וואָלקנס געהאנגען שנייעלעך, זיי זיינען לײַכט געלאָפן און צעגאַנגען אַף באַקן און נאָז, האבן אַנגענעם געקיצלט, די הײַזער זיינען אונטערגעשפרונגען באגלײַך מיט דוואָסיען. די הײַזער זיינען ווי געלאפן מיט איר צו בערטען.

זי איז געווינט געווען צו ריידן מיט זיך אַליין, האט זי געבורטשעט אונטער דער נאָז, די דורכגייער האבן פאַרכידעשט אויסגעפעלט די שיינע אָפּגעדראשפּעטע יידישקע. זיי האבן דאָך ניט געוווּסט, אז דוואָסיע האט זיך געקריגט מיט זיך אַליין און זיך געשפּאַרט, אז כאַיִם זאָל זיין בּאַ איר. כאָטש זי ווייסט ניט, צי איז ער איר אַ זון, צי ניט. און זיך מעיאַשעוו זיין מיט עמעצן טאָר מען ניט, מע וועט נאָך מער כויזעקן פון איר, מע קען אויך פונדאַנען אַרויסטרייבן, ווי פונעם שטעטל. און אַזאַ מענטש, וואס זאָל זי פאַרשטיין, איז ניטאָ, זאָל בעסער קיינער ניט וויסן פונוואַנען כאַיִם האט זיך גענומען.

מיט אַ פאַרלוירענעם בליק האט זי באַגלייט דעם לאַסט-אַוטאָמאָביל, וואס איז פריילעך געפאָרן צו די זאַוואָדן. אפן פאָן פון דער אָפּגעריבענער געגנט זיינען די זאַוואָדן געשטאַנען ווי אַ ריזיקע דעקאָראַציע, און די ליקלעך זיינען, ווי דינינקע פאַרפלאָנטערטע אָדערלעך, געלאָפן אין סטעפּ. און וויַיטער — שטייען די שעכטהײַזער. פודאַנען ציט אַ רייעך פון הינט און פוילן בלוט. די הינט פון דער גאַנצער שטאָט לויפן זיך אַטהער צונויף, לעקן דאס בלוט.

אין די שעכטהייזער פאַרקויפט מען בּיליק דרויב, און פון דרויב קען מען קאָכן א שטינקענדיקן סוף. מע קען אויך קנישעס באַקן פון דרויב, געשמאַקע קנישעס, אַזוי וווּנדערלעך פאַרניטעט פונויבן און אַזוי אויסגעבאַקן פּונונטן. און ווען זיי זיינען נאָך מיט ציבל און אייל . . .

אַזעלכע קנישעס זיינען זעלטן דאָ באַ דוואָסיען.

אָט אין דעם שטאָט-טייל ווינט דער אָפּפאַל, די אויסוווּרפן, שפּאַנאַ. צו די לעכער פירן די וועגן פון אַלע פאַרברעכנס, וואס טרעפן זיך אין שטאָט. דאס געגאַנוועטע גוטס פליסט דאָ אין סאמאָהאָן, סע שיט זיך אין קאָקאַין און גיסט זיך אויס אין בלוט פון צעהאַקטע שיידלען און דורכגעשטאָכענע ברוסטן.

וויַיסע שנייעלעך האבן מיט גרויס פרייד אַרומגערינגלט דוואָסיען פון אַלע זייַטן. זיי זיינען געשפרונגען אַף דער פּלייצע, געפּלאַטערט און שטיל געזעצט זיך.

צוויי מאַנסבּלען זיינען פאַרבייַגעגאַן. איינער — אין א צעריסענעם פּידזשאַקל, דער אַנדערער — אין אַ נייַעם מאַנטל. דוואָסיע האט מיט ליבע באַקוקט דעם פּידזשאַק, ווײַל מע וואָלט אים געקענט פאַרלאַטען. ווען מע גיט עס איר מאַכן, וואָלט זי פאַרדינט א פערטעלע. זי האט דעם נייַעם פּאַלטאָ באַגלייט מיט קאָעס. אַן אויסוווּרף, וויַיזט אויס, — גייט אַרום אין נייַעם.

בערטע האָט, ווי שטענדיק, פרײַנטלעך באַגעגנט דוואָסיען. זי האַלט אין אײַן אַרומפּלאָנטערן און קוקט כיטרע, מיט כשאַד. אַזעלכע פֿאַרשוינען זײַנען שטענדיק יעדן אין עפּעס כוישעד. בערטע ווייסט ווי צו באַגיין זיך מיט מענטשן, דעריבער טאַקע האָט זי זיך נאָך קיינמאָל ניט געפּאַקט מיט געגאַנוועטע זאַכן. וואָס איז שײַעך אויסבאַהאַלטן, האָט זי אַ שעם אינעם גאַנצן אַרום.

אַף בערטעס דינעם האַלדז איז אַוועקגעזעצט אַ מאָדנע קליין־רירעוודיק, פֿויגלש קעפּעלע. די ליפּן בײַ איר שלענגלען זיך, קרומען זיך, אויגן גלאַנצן מיט קאַלטן גלאָז.

מיט לאַנגע, קנעכלדיקע פֿינגער האָט זי גענומען דאָס צעפּליקטע קאָפּטל. אירע רירעוודיקע פֿינגער האָבן אַ לויף געטאָן איבער די נעט און לאַטקעלעך, ווי אַ מוזיקער איבער קלאַווישן. זי איז אַפֿילע ניט ברויגעז געוואָרן, נאָר אַ זאָג געטאָן:

— וועסט אָפּאַרבעטן — מירן זיך אָפּרעכענען; יאָ, יאָ, וועסט אײַנגיכן האָבן מיט וואָס צו צאָלן...

דוואָסיע האָט אַ פֿאַרכידעשטן דרײַ געטאָן דעם קאָפּ.

אָבער בערטע האָט ניט גלײַך געענטפֿערט — זי האָט נאָך איבערגעלייגט דאָס אַלטוואַרג, אַרויסגעשטופּט פֿון שטוב דאָס פֿאַרסמאַרקעטע ייִנגל אירס און ערשט דעמאָלט געזאָגט מיט אַ ווינק:

— כע־כע... כ'וועל מיט אים הײַנט קומען צו דיר. גרייט זיך צו אויפֿנעמען געסט. אַז כ'האָב זיך שוין גענומען — וועט שוין זײַן אַ געשעפֿט.

דוואָסיעס אויגן האָבן זיך געפֿרייט, אויגן צעוואַרעמטע פֿון שלאָפֿלאָזע נעכט איבערן קאָנעץ און לאַטעס, און בערטע האָט באַלד דערציילט וועגן דעם קומענדיקן באַלעבאָס, אָדער כאָסן עפּשער. אַן עמעסער מאַנסבל, ניט עפּעס דאָרטן אַ פֿאַרזייעניש. אַ געזונטער — אַ פּלייצע פֿון אַן אָקס. עמעס, אויפֿן פּאָנים איז ער ניט אַזוי געראָטן, און כוץ דעם — אַ קריסט. אָבער איצטער מאַכט עס ניט אויס.

אָבער מאַקאַר סטעפּאַנאָוויטש האָט אַ גוט געשעפֿט — אַ יאַטקע אויפֿן טאָלטשאָק אינעם כאַזער־מאַרק.

— נו, גרייט אַ מיטאָג, צובײַסן, צו גלעזעלעך. און ווײַטער — קויף, פֿאַרקויף, און דאָס געלט אויפֿן טיש. אַזאַ מינער, וואָס וועט דיך בײַשיצן... אַזאַ איז ער. וועסט אים מיטהעלפֿן. צוריק מיט אַ דרײַ כאַדאָשים איז געשטאָרבן דאָס ווײַב — דאָס דריטע ווײַב. עפּעס שטאַרבן

זײַ באַ אים. אָבער פֿאַר דיר איז א גליק. וואס וועסטו זשאַווערן. קוק זיך אָן — סאַמע אין די יאָרן.

און בערטע האט אַ קוק געטאָן אַף דוואָסיעס ברייטן ווקס און אַף אירע הויכע ברוסטן.

ווען זי האט אָנגעהויבן ריידן וועגן איקער, וועגן כאַימען, האט זי לאַנג געפירט מיט די אויגן, דורכגענומען דוואָסיען, ווי זי פּאַרוועבט מיט שפּינוועבס פון אירע שטעכיקע אויגן. און ערשט דערנאָך גענומען ריידן וועגן איניען. מע מוז עפּעס מאַכן — זאָל זי אים אַף היינט ערגעץ אהינטאָן, און דערנאָך, ווען מאַקאַר סטעפּאַנאָוויטש וועט איר געפעלן — און סע וועט געוויס אַזוי זיין — וועט מען שוין עפּעס צוטראַכטן.

— אוי, שפּאַר זיך ניט, דוואָסקע, אז איך רעד צו דיר. ס'איז דען אַ קינד . . . ס'איז ניט קיין קינד, ס'אַן אומגליק פֿאַר א יונג ווײַבל.

בערטע איז גערעכט. נאָר זי אַליין זאָרגט פֿאַר דוואָסיען, פֿאַר איר גליק. ס'איז איר וואַרעם געוואָרן אין האַרצן. דאס דארע ווײַבל איז איר אַזוי היימיש און נאָענט געוואָרן. און זי איז אוואדע גערעכט. ווען זי וועט זיך אַלץ דערוויסן, בערטע, וועט זי איר נאָך קענען אייצענען, אויך מיטהעלפן. איר מעג מען און מע מוז טאַקע עמעצן דערציילן. דער סאָד פײַניקט דוואָסיען. און זי האט אָנגעהויבן צו ריידן גיך, ווי זי וואָלט מוירע געהאט פאַרגעסן, אָדער איבערטראַכטן:

— יאָ, כאַים — איז אַן אומגליק. דאס איז מיין פּײַן, ס'איז אַ פּאַרגראָם, א באַנדיט. ווען כ'קוק אַף כאַימען — הער איך, ווי יידן גוואַלדעווען; כאָטש זיי ווייסן, אַז קיינער וועט זיי ניט קומען ראַטעווען. כידעש זיך ניט, בערטע, וואס איך רייד אַזוי — דאָ ווייסט עס קיינער ניט. כ'האב קיינעם ניט דערציילט. ווען איך דערצייל עס עמעצן, וואָלט איך אַף שטיקער צעשינדן מיין פֿאַסקודנע צונג. כ'וואָלט צעשינדן. וואס קוקסטו מיך אָן אַזוי אָן? פרעגסט פֿאַרוואָס?

בערטע איז טאַקע אַף אַן עמעס געשטאַנען פֿאַרכידעשט. זי ווייסט, אַז דער בעסטער אויפן פון פרעגן איז שווײַגן, ווײַל איצט וועט זיך שוין דוואָסיע ניט אָפּשטעלן.

— דיר וועל איך דערציילן. דו זארגסט זיך פֿאַר מיר. איצט איז מײַן כאַימען באַלד אַכט יאָר. און ביז איצט האב איך געלעבט אין שטעטעלע האָלי. כ'האב ווינציק פֿאַרשטאַנען צוליב וואס מענטשן שיסן, פֿאַרוואס קעמפן זיי און פֿאַרוואָס קוילעט מען זיי. דערנאָך איז מען מיטאַמאָל אָנגעפלויגן. פֿאַר דעם זיינען צוויי טעג געגאַנגען קלאַנגען,

אַז מע וויל קוילענען ייִדן. אונדזעריקע האָבן געוויינט. מע איז זיך אַלע צונויפגעלאָפן אין איין שטוב אַרײַן — עפּעס אַן אַכט אָדער צען מישפּאָכעס.

און „יענע" זיינען אַרײַן אין שטעטל און גלײַך צו אונדז. ניט קיין סך זיינען זיי געווען — אַ מענטשן פּופצן. מע איז צו צו דער שטוב, און דער אַטאַמאַן שקורא האָט באַפוילן, אַז די ייִדן זאָלן אים אַליין אויסקלײַבן דאָס שענסטע מיידל — וועט ער קיינעם ניט טשעפּען. נו, האָט מײַן פּאָטער געוואָרפן גוירל צווישן מיר און ריווקע כאַצקעס, ווײַל מיר זיינען געווען די שענסטע. פון מיין טאַטנס האַנט האָב איך געצויגן דעם גוירל. כ'האָב געמוזט גיין פאַר אַלע... מיין פּאָטער האָט מיך אָפּגעפירט. דער אַטאַמאַן האָט מיך גענומען אין אַ פרעמדער שטוב און געלעבט מיט מיר צוויי טעג. דו פאַרשטייסט, בערטע, — צוויי טעג! מע קען עס ניט אויסמאָלן! ער שטייט מיר פאַר די אויגן. אַ רויטער, גראָבע ליפּן, פונעם מויל שטינקט, רײַסט דאָס לײַב ווי מיט צוואַנגען. שטיקער הויט מיר אָפּגעריסן, דאָס העמד האָט זיך געקלעפּט פון בלוט. ער האָט מיך גענויט, כ'זאָל אים ליב האָבן — און איך האָב געראַטעוועט מײַניקע און האָב געוויינט... סע האָט געשטונקען פון אים מיט מענטשלעך בלוט און מיט מעס, אַז כ'האָב זיך געשטיקט... דערנאָך האָב איך זיך דערווסט, אַז אונדזערע האָט מען אַלע אויסגעקוילעט, — בין איך אַנטלאָפן, צוויי טעג געליגן אין פּאָלאָווע, און ווען כ'בין אַרויס, זיינען זיי שוין ניט געווען. כ'האָב אַלע מעקאַבער געווען. געבליבן לעבן איז נאָר מיין פעטער סאָלאָמאָן, אַ קאַליקע געוואָרן. און ריווקע איז אין זייערע אָרעמס אויסגעגאַן. מע האָט זי צעפּײַניקט, און באַם אָפּפאָרן איר איבערגעשניטן דעם האַלדז. כ'בין אַרומגעגאַן מעוברעס. כ'האָב געקוקט אַף מיין גוואַלדיקן בויך, וואָס איז מיר געוואַקסן ביז אונטער דער נאָז. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַ מיסט־גרוב איז מיר אין בויך. כ'האָב געוואָלט אַרײַנשטעכן אַ מעסער אין בויך אַרײַן, האָט דער פעטער דערזען און צוגענומען. ווען כאַיִם איז געבוירן געוואָרן — בין איך דרײַ יאָר געווען אין שטעטל, האָב זיך ווי עס איז דורכגעשלאָגן. האָבן זיך לײַט דערווסט, אַז כאַיִם איז ניט אַזאַ ווי אַלע קינדער. עמעצער האָט געלאָזט אַ קלאַנג, אַז פון אים קומען אַלע אומגליקן — האָט מען מיך אַרויסגעטריבן פונעם שטעטל. איצט בין איך דאָ... וואָס זאָל איך טאָן?.. איז ער מיר אַ זון, צי ניט? כ'בין צוגעבונדן ווי אַ הונט צו דער קייט. די ערד ברענט אונטער מיר און שטיקט מיך. מײַן פּאָטער

האט אַמאָל געזאָגט, כ׳זאָל ניט גלויבן אונדזער פאָלק. ער האט געזאָגט אַזוי: „אז אַ ייִד זאָגט דיר, אַז ער זוכט גליק און ווינשט דיר אַלדעס גוטס — איז דאס אַלץ קען מען באַ אים אָפּקויפן פאַר אַ גראָשן. מיר האבן ניט קיין עמעסע געפילן, ווײַל מיר קויפן און פאַרקויפן. דעריבער שלאָגט מען אונדז שטענדיק. אַלע האַלטן פאַר אונדז אָנגעגרייט אַ מעסער אין בוזעם — ווײַל מענטשן זיינען ביכלאל מענטשנפרעסער. איך גלויב איצט נאָר אָרעמע, ווײַל זיי טראַכטן נאָר וועגן אַ שטיקל ברויט״. כ׳האב דיר אַלץ דערציילט, בערטע, זאָלסט עס באַהאַלטן טיף אין דיין האַרצן.

דוואָסיע האט פאַרענדיקט. אירע אויגן זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן, ווי א סרייפע. סע האט געהויכט פון איר מיט הייסן פלאם פון שרעק און פאַרגאַנגענהייט. זי האט מיט אַ ווייַטן בליק געוואַרט אף אַן ענטפער אין די צונויפגעפרעסטע ווענט. בערטע איז געווען ערגעץ ווײַט, געשטאַנען ווי אַ קאַלטער, טויטער פלעק. דוואָסיעס פּאָנים איז גרוי געוואָרן, ווייטיקדיק געצוקט. זי איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע וויִעס איבער די אויסגעבליאַקעוועטע אויגן, ווי זי וואָלט געשלאָפן.

ערגעץ אונטער די געדאַנקען, באַ דער ווייַטער טאָגטעגלעכקייט, טריקנט א ווונד פון זיכרוינעס — כאַיִם. איצט האט ווידעראַמאָל אַלץ אופגעוואַכט.

בערטע האט געזאָגט:

— גוט. קיינער וועט ניט וויסן, ווו דו האסט געפּאַקט דעם אומגליק. שווייַגן קענען מיר — ווייַל מיר לעבן פון שווייַגן. און היינט אינאָוונט, נאָך ווארעמעס, קומען מיר דיך דינגען, און דו וועסט זיין באַ אַ געשעפט. כ׳ווייס ניט, צי וועט אים דיין כאַיִם געפעלן ווערן. נא דיר אָט אָ דאס קאָפּטל, א קליידל האסטו. אויספּוצן זיך וועסטו שוין קענען. האט האסטו א שטיקל שמעקנדיקע זייף און פּודער. באַפּודער די נאָז. נעם דאס פלעשל בראַנפן און נא דיר געלט פאַר דער אַרבעט — אַף קיבעד. ער איז א גוטער מענטש. העגט האט ער — אַז וואס סע פאַלט אַרייַן אין זיי, איז ווי אין דר׳ערד איינגעזונקען. גאָלד, שמאטעס. ער אַרבעט ריין און קען יעדערן פאַרדרייען. הונגעריק וועסטו ניט זיין, און פרייד האסטו אַזוי אויך ווייניק... און ס׳ע וועט אַלץ זיין מיט גליק...

דוואָסיע האט צעטראָגן געהערט. ס׳האט זיך געדאַכט, אז בערטע רעדט צו איר פון א טיפן קעלער, קוים וואס סע דערגרייכט איר שטום.

IV

ווען דוואָסיע איז אַוועק צו בערטען, האָט דער זיבניאָריקער טישקאָ, אַ צוקונפטיקער גאַנעוו, זיך אַ וואָרף געטאָן צו זיך אין קעלער אַריין. ס'איז אים געווען לאַנגווײַליק. און ער האָט געוווּסט, אַז לאַנגווײַליק איז ניט נאָר אים — אין די געסעלעך איז אַלעמען לאַנגווײַליק. אַפילו דאָס הויז און די פּוסטע גאַס, וואָס שלעפט עפּעס אַ פּורל, גענעצן אויך. פרײַלעך איז נאָר דעם פּעטראָ פּאַלצעוו, אַפן צווייטן שטאָק, וואָס שלאָגט אַ גאַנצן טאָג זײַן ווײַב, קאַטקאַ יאַבלאָטשקאָ. קאַטקאַ גוואַלדעוועט, קווי־טשעט און שעלט אים. נאָר דאָס טרעפט זיך יעדן טאָג און יעדן איז צוגעגעסן אַזאַ פאַרווײַלונג.

טישקאָ איז אַרײַנגעפלויגן צו סאָנקען און האַלקען.

זיי האָבן זיך נאָך ביידע געוואַלגערט אונטער דער קוויטיקער קאָלדרע. אַף בלאַסע, קימאַט בלויע פּעניִמער באַהאַלטן זיך די יאָרן אונטער פאַרב און אויסגעלאָזנקייט. האַלקע האָט געקראַצט איר רויטן פאַרפּלאָנטערטן קאָפּ האָר, און סאָנקע האָט געפינטלט מיט די קעלבערנע אויג מיט ווײַסע שיטערע וויִעס. טישקאָ האָט אויסגעשאָסן:

— הערט, באַראַכעס, די זשידיוקע אונדזערע איז אַוועק און געלאָזט דעם פּאַצאַן אינדערהיים. קומט אים רייצן. אוי, וועט זײַן פרײַלעך! כ'וועל באַלד ברענגען מײַן שטעקעלע, וועלן מיר אָנהויבן.

די מיידלעך האָבן זיך אופגעכאַפּט. אין זייערע קאַלעמוטנע אויגן, צעגעסענע פון טאַבעק־רויך און בראָנפן, האָבן אַ בליץ געטאָן ווילדע קעצישע פײַערלעך. זיי האָבן גענומען אַרופוואַרפן אַף זיך עפּעס קווי־טיקע שמאַטעס. אַף די באָרוועסע פיס אָנגעטאָן שיך.

— אָט אינטערעסנאַ!..

טישקאָ איז אַוועקגעלאָפן אַהיים, און נעמענדיק זײַן שאַרפשפּיציקן שטעקן, האָט ער אַ געשריי געטאָן דער מוטער:

— די זשידיוקע האָט געלאָזט איר מעשוגענעם כאַים אַליין אינדער־היים, מירן אים רייצן, כ'האָב שוין צוגעטראַכט אַ נײַעס.

מע איז זיך אַלע דרײַ צונויפגעקומען באַ דוואָסיעס טיר, סאָנקע האָט אַ ריס געטאָן די טיר — צווישן טיר־לײַסט און טיר איז אַ שפּאַלט, וואָס מע קען דורכקוקן אַ האַנט. אין ווינקל, אַנקעגן, זיצט כאַים. מיט אַ פאַרגליווערטן בליק קוקט ער אַף דער טיר. טישקאָ האָט אַרײַנגערוקט זײַן לאַנגן שטאָק און אַ שאַרעווע געטאָן אין צימער.

כאַים האט זיך ניט גערירט. אַף זיין אומבאַוועגלעך פּאָנים איז ניט צו דערקענען קיין שום געדאַנק. נאָר מיט די אויגן האט ער געכאַפּט און געוואָרפן זיך אפן רייצנדיקן שטעקן.

— קוק, קוק, האלקאָ, ער הויבט שוין אָן. ער וועט באלד גיין... אוי, כ׳פּלאַץ פון געלעכטער! אינטערעסנע... און א מין בויך בא אים.

האלקע האט נאָך אַלץ רויק און לאַנגווייליק געשמייכלט, כאָטש סע האט איר ניט וויניקער האַנאָע געטאָן, ווי דער כאַווערטע אירער. פונעם אקעגנדיקן צימער איז אַרויס טישקעס מוטער, און פון א צווייטן — אַ רויטער שיקער, מיטן צונאָמעניש סאָראָקאַ. אַלע האבן זיי מיט אַ נוד־נעם אינטערעס גענומען אָנטייל אינעם שפּיל.

מע האט געריסן די טיר, געכריוקעט, אַכזאַריעסדיק געלאַכט, פּאַרכליינעט זיך, ביזוואַנען כאַים האט זיך אופגעשטעלט אַף זיינע דינע פיס, און אַוועקגעטראָגן זיין ארומגעציפּטן קאָפּ, הענגענדיקן בויך און הויקער צו דער טיר.

סאָנקע האט אַ קוויטש געטאָן:

— ער גייט, ער גייט... טישקאָ לאָז מיך, גיב מיר, כ׳וועל אים טרעפן אין אויג אריין... גיב!..

די מוטער האט זיך אָנגענומען פאַר איר זונס טאַלאַנטן:

— טשעפּע ניט... טישקען איז ניט דאס ערשטע מאָל, ער וועט גיכער טרעפן. טישקע, צילעווע אים גלייַך אין פּיסק אריין...

כאַים איז צוגעגאַן, האלטנדיק די הענט אַף די קני. טישקאָ האט אים א שטורך געטאָן מיטן שטעקן און געטראָפן ניט אין אויג נאָר נידעריקער און צעריטשעט אים די הויט. דאס הויקערדיקע ייִנגעלע האט אָפּגעטראָטן אין א זײַט, א געשריי געטאָן מיט אַ גאָרגלדיקן קוויטש און זיך געוואָרפן אפן שטעקן, געכאַפּט אים מיט זיינע לאַנגע הענט, אַרייַנגעשטעקט אין די ציין, און מיט אַ כריפּ געריסן און געהריזעט דעם שטעקן.

באַ דער טיר האט מען געהירזשעט. סאָנקע האט געלאַכט, פּאַרכלינעט זיך, טרערן זיינען איר אַרויסגעטראָטן. זי האט זיך אָנגעשפּאַרט אין סאָראָקען און געקייַכט פאר געלעכטער. נאָר סאָראָקא האט דערזען, אז טישקאָ אליין וועט ניט אײַנהאלטן דעם שטעקן, האט ער אונטערגעכאַפּט און צוגעצויגן כאַימען צו דער טיר. פּלוצימדיק אַ ריס געטאָן, אויסגעכאַפּט באַ כאַימען דעם שטעקן און אים אַ קנאַק געטאָן איבערן הויקער, דערנאָך איבערן קאָפּ. כאַים האט צעשמירט דאס בלוט איבערן

פּאָנום. דאס בלוט האט זיך צעשמירט פלעקנווייַז, גלייַך ווי ער וואָלט געווײנט מיט בלוטיקע טרערן.

אין קאָרידאָר האט מען געלאַכט. סאָנקע האט היסטעריש געכאַ־זערט:

— אוי, אינטערעסנע, איך שטאַרב פאַר געלעכטער!

סאָראָקא האט רויִק, פּאַרטאָן און שלעפעריק גערוקט דעם שטעקן, ביזוואנען כאַיִם האט אים ווידער אָנגעכאַפּט מיט די ציין. סאָראָקא איז ווי פאַרנומען געווען מיט אַ שטאַרק־וויכטיקער אַרבעט, געוואָלט טרעפן דעם יינגל אין אויג אַריין.

און טישקאָ איז אריין צו זיך אין צימער, אָנגעוואַרעמט אין אויוון אַ גראָבן דראָט, אַרייַנגערוקט אין שפּאלט אריין, און בעשאס כאַיִם האט זיך אָנגעהאלטן פאַרן הילצערנעם שטעקן, האט מען אים געגלעט איבער די האָר און פּאָנים מיטן צעגליטן דראָט.

כאַיִם האט אַ רעווע געטאָן און אָפּגעפלויגן אַף עטלעכע טריט, צום גרויסן פאַרגעניגן פון יענע, וואָס האבן אנגעקוקט אין קאָרידאָר.

גראָד דעמאלט האבן זיך איבער די טרעפּ געלאָזט הערן טויבע טריט, ווי מע וואָלט אין אַ הייל אַריין שטיינער געוואָרפן. אלע האבן אָפּגעטראָטן פון דער טיר, און ווען מע האט אין דער האלב־פינצטערנישׁ דערזען דוואָסיעס צעריסן, וואַרעם קאָפּטעלע, האבן די ווייַבער מיט טישקען ניט געסטייַעט. און סאָראָקא האט אַ קוק געטאָן, זיך אויסגע־הוסט מיט זיין שיקערן גאָרגל און פאַמעלעך אַוועק.

דוואָסיע האט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר, גיך אָפּגעשלאָסן, אַריבער די שוועל. כאַיִם האט געקרעכצט אפן דיל. דאס גאַנצע פּאָנים אין בלוט. זי האט אים אָפּגעריסן די הענט פון פּאָנים און דערזען די ווונדן. ס'האט געבליט מיט אונטערגעשלאָגענע אויגן, א פּאַס אויסגע־ברענטע האָר . . .

דוואָסיע האט ניט געוווסט. אז אָט די מענטשן ווייסן ניט פון סינע, און פון פּייַנטשאַפט. זיי האבן ניט ליב און האָבן ניט פּייַנט. די נודנע, די פאַרפלאָנטערטע געשעלעך פון די פאַרוואָרפענע פּראָווינציעלע פאָר־שטעט האבן אויסגעלאָשן אין זיי די געפילן. פון נודנעקייט, צוליב פאַר־ווייַלונג האט יאַשקע נעכטן אַרומגעגאָלט זיין קאָטער, מיטן „רעוואָליו־ציאָנערן“ גאָמען קערענסקי, און אַרויסגעוואָרפן אים אינדרויסן אַפן פראָסט. יאַשקע איז ניט געווען שיקער, אים איז פּאָשעט נודנע געווען און אָט אָ די האבן זיך פּאָשעט פריילעך געמאַכט מיט כאַיִמען. נאָר

היינט האט אויך אנטייל גענומען דער שטרענגער, אייביקער שיקער, סאָראָקאַ — דער געוועזענער אַקציז־באַאמטער.

איז זי ארויס אין קאָרידאָר, דוואָסיע, און אנגעהויבן אַזוי צו שעלטן, אַז פון די שעלטערייַען איז געוואָרן איין אויסגוס פון געקניפּלטע נאַ־הייקעס. איר האט זיך געוואָלט, אַז פונעם זידלען זאָל ווערן אן אופרייַס און זאָל באַגראָבן אונטער זיך אי זי, אי אַלעמען.

נאָר פון הינטער די טירן פון אירע שכיינים האט זיך נאָר געהערט אַ כויזעקדיק געלעכטער.

סאָראָקאַ האט גענומען דרינדזשען אַף דער גיטאַרע.

אָבער נאָכן זידלען מוז מען זיך דאָך צוגרייטן באַגעגענען די געסט. מע קען גאָרניט מאַכן — מיט שמאטאָווע טעג קען מען ניט אָפּלעבן דאס לעבן, מע מוז זיך צושפּארן צו עמעצן: א פלויט אַפילע שפּאַרט זיך אויך אָן אין קלעצער. און אַ מענטש טוליעט זיך צו אַ מענטשן. פאַר־קויפן זיך פאַר א האלבן קארב, ווי סאָנקע — וועט זי זיך ניט.

דוואָסיע פאַרשטייט גוט, צוליב וועלכער אַרבעט סע דינגט זי דער אומבאקאנטער מאַקאַר סטעפּאַנאָוויטש. און נאָך לעבן צוזאַמען, ס׳זאָל זיין וואַרעמער. ס׳וועט אַפילע הייס זיין, אַבי צונויפגיין זיך אין פרייַז.

זי האט אַ קוק געטאָן אַף אירע גרויסע, אביסל הענגענדיקע ברוסטן. געוואשן דעם האלדז און הענט ביז די עלנבויגנס און זיך ניט אופגע־הערט צו זידלען. די שוים פון שמעקנדיקער זייף האט זיך ווי מארמאָר־שפּיצן אָפּגעלייגט אַף די הענט.

אין שטוב איז שוין צוגעקליבן. אַפן טיש פאַרבייַסעכץ, סאַמאָהאָן, און אַ קאָכענדיקער טשייַניק. אבי כאַים זאָל זיך נאָר קיין ווארף ניט טאָן צום טיש...

זי האט זיך צוגעפּוצט. דאס אָנגעפּודערטע נעזל איז עפּעס נייַ, מאָדנע שיין און גוט געזעסן אפן פּאָנים. אַפילע די ברעמען האבן זיך לעבע־דיקער באַוועגט. און די וויַעס אַזוי פוכקע, יאָנטעוודיק, און די יונגע אויגן — גרויס און פאַרכידעשט.

כאַימען האט זי בייז אָנגעטאָן אין גוואַלדיק־גרויסע שטיוול, צונויפ־געדרייטע מיט דראָט און שטריקלעך. די מאַשינעריע פלעג זי שטענדיק מאַכן, ווען זי פלעג בייז ווערן און אַרויסוואַרפן כאַימען אינדרויסן. זי האט אַלץ געמיינט, אַז ער וועט זיך שוין ניט אומקערן. און דערנאָך געהערט, ווי מע רייצט אים און ווי מע שלאָגט, איז זי געלאָפן אַהין,

געשלעפּט אים אין שטוב אַרײַן און געוואָלט אים צערטלען. האָט ער זי געדראַפּעט, געביסן — און אַלץ פּלעג זיך ווידער ענדיקן מיט פּעטש.

ס׳הײַנטיקע באַגעגעניש האָט דוואָסיען זייער אינטערעסירט, סע האָט זיך געגלוסט ערגעץ פעסט אײַנאָרדענען. סע וואָלט איר געפּאַסט אַ גוטער מאַנטל און לאַקירטע שיך. פֿאַרשיידענע שטיקערײַען — שפּיציק־לעך און אַ קליידעלע אַ שמאָלס, ווי אַ וואָלן רערל. און פֿאַרוויילונגען האָט דוואָסיע ליב, ווי אַלע אײַנוווינער, וואָס זיינען פֿאַרטריבן אין אָט די שמאָלינקע געסעלעך. זי האָט אויך ליב אַף אַ שיקערן געשלעג אַ קוק טאָן — באַזונדערס, ווען מע לאָזט עמעצן דאָס בלוט אַרויס פֿון אונטער די ריפּן. ס׳איז דאָך אויך איר לעבן פֿארהאַקט אין אַ שפּאַלט, ווי א פּלוי, אין גרויזאַמער אײַנזאַמקייט און שטיקנדיקן דורשט קוקט עס ארויס פון אונטער דעם קעלער־הימל.

זי וואָלט עפּשער געגאַנגען ערגעץ. נאָר די געסלעך זיינען פֿאַר־פלאָנטערט. צום מארק און צו בערטען פירן די וועגן. איינמאָל איז דוואָסיע אפילע געקומען אין קלוב אַף אַן אָוונט. און דאָרט זיינען צוויי שכײנישע מיידלעך געשטאַנען — די, וואָס פֿאַרײַסן פֿאַר אַן האַלבן קאַרב די פּאָדעלקעס פֿאַר יעדן מאַנסבל. דוואָסיע איז צוגעגאַן, און די מיידלעך זאָגן צום אוילעם, וואָס שטופּט זיך בײַ דער טיר:

— אוי, קוק, די הייליקע אונדזערע איז אויך דאָ... אַ יענע, וואָס האָט געהאַט דעם מעשוגענעם און טראָגט זיך אַרום מיט אים. זי וועט אים נאָך מאַכן פֿאַר א קאָמיסאַר... מיט צוקערקעס האָדעוועט זי דאָס זשידיקל אירס...

דער אוילעם האָט זיך געגעדזעט.

דוואָסיע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, דערנידעריקט ארײַנגעצויגן דעם קאָפּ צווישן אַקסלען, און ניט געסטײַעט. פֿונהינטן האָט מען געטיוקעט אַף איר.

דעמאָלט האָט זי באַזונדערס דערפילט, אז זי טראָגט מיט זיך און אין זיך דעם אומגליק — כאַיִמען, אזוי ווי ער טראָגט דעם אידיאָטישן קאָפּ און הויקער זיינעם.

און וווהין זאָל זי אים אַהינטאָן?..

דוואָסיע האָט באַשלאָסן אַף הײַנטיקן טאָג אַרויסוואַרפן כאַיִמען אין דרויסן, ער איז געשטאַנען אַנקעגן איר. פֿון אונטער די האָר און האַרטן הוט, וואָס מע האָט אַמאָל געפֿונען אין מיסט־גרוב, האָבן אַרויסגעשפּאַרט צו גרויסע, לאָפּאַטע, דורכזיכטיקע געלע אויערן. סע האָט זיך געדאַכט, אַז אָט הויבט ער אָן דרייען מיט זיי.

זי האט גענומען דעם זון באַ דער האַנט, אַרויסגעפירט אים אין דרויסן און געלאָזט שטיין באַ איר פענצטער, האט אַ קוק געטאָן, צי זעט מען ניט בערטען. אפן ווײַטן ראָג פון געסלעך האט זי זי ניט באַמערקט.

V

בערטע האט אָפּגעוואַרט מאַקאַר סטעפּאַנאָוויטשן אַפן ראָג. זי איז פאַר אים געקומען. און צו וואָס זאָלן זיי צוזאַמען פאָרן עפּעטלעך מיטן טראַמוויי? ווען מע דאַרף, זעט מען זיך אַזוי, אַז קיינער וועט אַפילע ניט דערקענען. ווען מע דאַרף, הייסט עס, אַ איניען באַאַרבעטן. זייערע געשעפטן זיינען טונקעלע — ניט קיין מוז, אַז · יעדערער זאָל וויסן פון זיי. אַזוינע געשעפטן מוז מען באַאַרבעטן אין טונקלעניש. אין טונקלע־ניש קען מען בעסער באַהאַלטן די שפּורן.

אין א קורצינק פעלצל איז צוגעקומען מאַקאַר סטעפּאַנאָוויטש. די פּוכקע באַקן פאַרבלויט פון פראָסט, קוקט אַף אַלץ פאַרדעכטיק. געגאַנ־גען איז ער מיט ווירדע. סע האט זיך געדאַכט, אז אַפילע די הײַזער טרעטן אים אָפּ דעם וועג.

בערטע האט אים דערציילט פון דוואָסיען. זי האט גערעדט אַביסל אונטערן צונג און הייזעריק. זיין געשמאַק קען זי, ווײַל מע העלפט שוין לאַנג איינער דעם צווייטן אין דער אַרבעט — אויסבאַהאַלטן און איבער־פאַרקויפן דאס, וואס אַנדערע גאַנוועט אין אַ פינצטערער נאַכט. בערטע האט געלויבט דוואָסיען, גלײַך ווי זי וואָלט זי געוואָלט פאַרקויפן.

— איך זאָג דיר, באַנדורא, דעם עמעס: איך ווייס וואס דו דאַרפסט — ברייטביינערדיק איז זי, און פונהינטן — אַנדערהאלבן אַרשין די ברייט. און צוהאָדעוועט זי אַביסל, וועט זי פעט, אַז מיטן אויג ניט אַרומצו־כאַפּן. אַלץ, וואס א ווײַבל דאַרף, האט זי. שוואַרץ ווי קויל. און אַ פּאַ־נים, פאַרשטייסטו, ווי באַ א גימנאַזיסטקע. א מײַלעכל מיט ציינדלעך — אַן אויצער מיט דימענטן. נו, וואס זשע פעלט דיר נאָך?..

מאַקאַר סטעפּאַנאָוויטש האט מיט האַנאָע אַ ריר געטאָן די וואָנסן:

— נ־דאַ, — ס'איז אַנגענעם אַ קוק טאָן און א טאַפּ טאָן...

— און וועסטו איר, באַנדורא, קויפן א קליידעלע, א פּאָר שיכלעך מיט אָפּצאַסן, און א העמד אַ געשטיקטס — זאָג איך דיר פּאַשעט און פראָסט: א קראַסאַוויצע, און גיי מיט איר גלײַך אין קינעמאַטאָגראַף. און אַף דיין געלעגער דאַרף נאָר זי שלאָפן און קיין אנדער מיידל אין

שטאָט. אָט, נעם עס גוט אין קאָפּ אַריין, אויב דו ביסט קיין טיפּעש ניט.

זיי זיינען צוגעגאַן צום איינציקן, צווישן די געסלעך, צוויגאָרנדיקן הויז. און כאָטש בערטע האט אים אקשאָנעסדיק געצויגן אין הויף אַריין, האט פאַרט מאַקאַר סטעפּאַנאָוויטש זיך אָפּגעשטעלט אַ פאַרינטערעסירטער. ווייל א גאַנצע מאַכנע קינדער און עטלעכע דערוואַקסענע האבן גערייצט אַן אָפּגעריסן הויקערדיק ייִנגעלע אין א הארטער שליאַפּע, וואס איז אים געפאלן איבער די אויגן. דערנאָך האט מען די שליאַפּע אַראָפּגעשמיסן. דאס פּאָנים פונעם קויטיק־מעשונעדיקן ייִנגל איז אין הוילע ווונדן און בלויע פלעקן. דאס קינד האט זיך געוואָלט שוצן, האט עס געריסן דאס קעלער־פּענצטערל און רעווענדיק געווארפן זיך אַף מענטשן.

בערטע האט אָוועקגעצויגן מאַקאַר סטעפּאַנאָוויטשן. ער האט ווידעראַמאָל מיט עקל אופמערקזאם א קוק געטאָן, אויסגעדרייט צו בערטן די וואָנסן, אויסגעשפּיגן איבער עמעצנס אַן אַקסל, און שפּאַנענדיק צו דער פּאָרטקע, אַ זאָג געטאָן:

— אָט א מאזל בא טאַטע־מאמע... סע וואלט מיך ניט געאַרט, כ׳זאָל אים אופטרענען די אָדערן. ערגער פון אַ ווערימדיקן הונט...

מע איזביידע צוגעגאַן צו דער קעלער־טיר. און הינטער זיי האט זיך אף די פאַרוואָרפענע געסלעך, פונווייַטן, שטיל אָנגערוקט א בלינדער ווינטער־אָוונט.

ווען סע האט זיך געעפנט די טיר, איז דוואסיע מיט א שמייכעלע אנטקעגן געגאַן די געסט. זי האט דערפילט, ווי אירע דינע פינגער ווערן פאַרפרעסט אין אַ הייסער, שוויציקער דלאָניע. דעם קאָפּ אַביסל אַף אַ זייַט, קאָקעטירנדיק האָט מאַקאַר סטעפּאַנאָוויטש זי פרווונדיק באַקוקט, האט זיך איינגעזויגן מיט די אויגן אין איר ברוסט, פּאָנים, פיס און קליבעס, באטאפּט מיט די אויגן אַלע מוסקולן.

זי האט זיך דערפילט שלעכט, ווי זי וואָלט פאַר אים נאַקעט געשטאנען. זי האט נאָר געזען זיינע וואַסעריקע אויגן. אין די אויגן איז קיין סוידעס ניט געווען. נאָר דאס האט זיך נאר געדאַכט אַזוי.

ער האט פאַמעלעך באַקוקט די אַלע אָרעמינקע ווינקלען. אפילע אונטערן טיש א קוק געטאָן און אַף דער פּליטע.

דוואָסיע האט אים פאַרכידעשט נאָכגעשפּירט, באַזונדערס, ווען ער האט אָנגעהויבן ריידן.

— לעבסט שלעכט, קראסאָוויצאַ... ניט גוט. און איך דאַרף אַן העל־פערן אין דער אַרבעט. נו, און בערטע מאכט צו מיר — כ'האב א יונג ווײַבעלע א באַשיידענע און קען אַרבעטן. און דיין שיינקייט וועט אויך צונוץ קומען. ווײַל אין אונדזער קרעמערײַ — פאַרשטייסט אַליין... מירן עפענען אַ יאַטקע איינע אף דער וועלט. אז סע וועט גיין א רויך.

זי האט אים נאָכגעשפּירט מיט האלב־צוגעמאכטע אויגן. גראָבע ליפּן אונטער ה'אָנסעס, א גרויסער טשוב און אַ שיקערע הייזעריקע שטים. ער האט ווידער אָנגעהויבן צו ריידן.

— באַ אונדז איז — איינס, צוויי און פאַרטיק. און דו האסט אזאַ אינטעליגענט פּיסל און אזאַ... וואס האסטו זיך אַזוי אָנגעברויגעזט?.. סע מאַכט ניט אויס — איך מיין גוטברודעריש.

נאָך שטאַרקער האט דוואָסיע זיך אײַנגעקוקט און שוין ניט געהערט, וואס ער האט ווייטער גערעדט; זי האט זיך פאַרטראַכט, ווי געזען אים ערגעץ ווײַט־ווײַט פון זיך. און אָט איז ער נאָענט לעבן איר, יעדן טאָג, יעדע מינוט מיט איר.

מיטאַמאָל אופגעציטערט, אַביסל אָפּגעטראָטן, דאס פּאָנים האט זיך אויסגעצויגן און די מוסקולען ווערן ווייך, אָפּגעלאָזן. מיטאַמאָל איז זי ווי עלטער געוואָרן און אײַנגעבויגן אונטער עפּעס אַ מאסע, דערשראָקן געוואָלט עמעצן אײַנבעטן, פאַרטיידיקן זיך און קוים זיך געהאלטן אף די ציטעריקע פיס, ניט אומצופאַלן.

דערנאָך ווידער אײַנגעקוקט זיך, שטאַרק זיך צוגעקוקט, געהערט.

מאַקאַר סטעפּאַנאָוויטש האט זיך שוין אויסגעטאָן, מײַסע־באַלעבאָס פעסט ארומגעגאן איבערן צימער, אונטערגעוונקן בערטען, און ווידער צוגעגאן צו דוואָסיען.

זי האט זיך אָפּגעשאָקלט פון אים און האט דערהערט:

— אַ, מאַלאַדיעץ, זי בײַסט זיך — כ'האב ליב, אויסגעצייכנט...

אזוי... די ווערטער אַפילע דיזעלבע... זי צווייפלט ניט מער. דוואָסיע האט שוין גאָרניט געהערט. געשטיקט זיך ווי א פיש אָן וואַסער; די אויגן זיינען פארנעפּלט געוואָרן, זיך געמינעט ווי מאַטעווע פערלמוטער. זי האט געקוקט צומאָל אף אים, צומאָל צום פענצטער, וואָס כאַיִם האט געריסן.

אָפּגעטראָטן צוריק. דערנאָך צוגעדעקט דאס פּאָנים מיט די הענט און פּלוצים אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

מאַקאַר סטעפּאַנאָוויטש האט געשמייכלט צו בערטען:

— זי וועט זיך צוגעווינען... א בײַסנדיקע... ס'איז אויסגעצייכנט. אי אַזא מיסט פוילט נעבעך אזא זעלטענער מאַטעריאַל. ס'איז מײַנע, זי וועט זיין מײַנע... דו, בערטע, ביסט פּאַשעט, א קישעפּמאַכערן. זאָל זי זיך בײַסן, כ'וועל זי נאָך בעסער ליבן האבן. פונדעסטוועגן, גיי טו אַ קוק, ווו איז זי, טרייסט זי.

בערטע האט ניט באַוויזן אַרויסצוגיין. טריט הערן זיך שוין ווידער אין קאָרידאָר. די טיר האט אופגעפּראלט.

פונעם קאָרידאָר האט זיך באַוויזן דוואָסיע א בלאַסע, צעשויבערע און געשלעפּט פאר דער האַנט כאַימען. ער האט געכריפּעט, באַמיט זיך אָנצוכאפּן מיט ציין איר האַנט. די שליאַפּע ערגעץ פאַרלוירן, דוואָסיע האט געהאלטן כאַימען מיט פאַרגליווערטע פינגער און מיט עפּעס א מאָדנער קראפּט אים א שליידער געטאָן צו מאַקאַר סטעפּאַנאָוויטשן, היסטעריש אויסגעשריגן:

— דאָס איז דיין פּאָטער!.. גיי, גיי צו אים — לאָז ער א קוק טאָן, א וואָסער קינד גאָט האט צוגעשיקט דעם באַנדיטישן אָטאמאן, דעם פּאָגראָמשטשיק שקוראָ!.. קוק, קוק, שקוראָ, געפעלט דיר דער זון?.. אַ פיינער!

מאַקאַר סטעפּאַנאָוויטש האט דערזען באַ זיינע קני דעמזעלבן עקלדיקן ייִנגל, וואָס איז געווען אף דער גאס.. זיין זון?.. אט א מײַסע, אַזאַ באַגעגעניש...

נאָר ער האט זיך אָפּגעריסן פון אָרט און מיט קויעך אָפּגעשטופּט כאַימען אזש צום צווייטן ווינקל צום טיש. זיינע בלויע באַקן זיינען בלאַס געוואָרן, די האנט האט זיך א רוק געטאָן צו דער קעשענע. עפּעס איז אים קלאָר געווארן, ער האט אַרויסגעשיפּעט:

— שווײַג, בעהיימע פארשטונקענע — אז ניט, צעהאק איך דיר אף שטיקלעך!

— צעהאַק! כ'בין א פארשטונקענע, אָבער ניט קיין באַנדיט! האסט מיך שוין אַכט יאָר צוריק צעהאַקט אין האָלי. האסט שוין פאַרגעסן? דעם פּאָגראָם פאַרגעסן?

— אין האלי? זשידיוואָטשקא?.. הו, טשאָרט!..

— אַ־אַ... דערמאַנסט זיך? אָט איז דיין זון, דעם אָטאמאנס זון — כא־כא־כא!

דער איניען האט זיך מאָדנע אויסגעדרייט. פון דער געשיכטע איז שוין ניט אזוי גרינג זיך אויסצודרייען. מע מוז זיך אפּטראגן. בערטע

האט דערשראָקן געקלאַפּט א צאָן אין אַ צאָן, אין די אויגן האבן געפלאַמט שלענגלעך, געשטאַנען גרייט צום אנטלויפן און פּאַמעלעך גערוקט זיך צו דער טיר. זי האט געזען, ווי דוואָסיע שטייט אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, זידט פון באַליידיקונג און צאָרן, אין אומגעוויינלעכער באַשסלאָסנקייט.

מאַקאַר סטעפּאַנאָוויטש האט אויך אַ כאַפּ געטאָן זיין פּעלצל:

— קום, מעכאַשייפע... האסט מיך געפירט אין דר'ערד אריַין, טשאָרט!..

געניייוויש האבן זיי ביידע צוגעמאַכט די טיר און ארויס אין דרויסן. די געסלעך זיינען געליגן פּוסט, נאָר פונווייַטן האט געשריגן א שיקער. שווייַגנדיק איז מען צו צום ראָג, געשטאַנען אַביסל... ער האט געשיפּעט:

— האסט געפירט... איצט פאַרשמיר דעם איניען, און פאַרשטופּ איר דאָס מויל מיט אַ שמאַטע, זי זאָל מיר ניט קאַוועטשען, הערסט?.. כאָטש די זשידיוואָטשקא איז גוט, נאָר מע מוז זי פארשמירן. הער אויס, בערטע, און עפשער וואָלסטו געמאַכט, אז זי זאָל פארט זיין באַ מיר... דו וועסט קענען, וועסט אָנדרייען... ס'א גוטע סכוירע, דער עמעסער מאַטעריאַל, אַ ווייַבל — די פינגער לעקן. טו וואָס דו ווילסט — און איך בין גרייט אַפילע זיך פארשרייבן מיט איר. מירן דערנאָך פּאָטער ווערן פון איר, אז מ'וועט דארפן.. נו, און טאָמער וועט זי זיך רייצן מיט אַמאָליקע זאַכן, הייס איך באַלד דעם וואַסקאַ מאַטראָס, מאַכט ער איר אַ צוגלופּט און—אויס... פאַרשטייסט... היינט מוז מען ענדיקן.

— ס'איז זייער פּאָשעט, זי וועט זיין באַ דיר, באַנדורא. און דעם הויקערדיקן רועך וועלן מיר אין איין טאָג פּיפּטער מאַכן. דאָס, וואָס איז געווען, איז געווען. און זי וועט זיין באַ דיר, ווייַל איך קען זי. און איך האָב זיך גענומען דערצו — פארשטייסט?

מאַקאַר סטעפּאַנאָוויטש האָט זיך פאַרקלערט, לאַנג געקוקט אין די טונקעלע ווייַטן פונעם געניייווישן אָוונט, ווי ער וואלט דאָרט געזען עפּעס ווייַטס, וואָס ער וועט עס שוין מער ניט זען, דערנאך מיטאַמאָל זיך אומגעדרייט:

— קריגסט נאָך אַ צענערל, אויב די מאַכסט דאס געשעפט. אויב ניט, שיק איך באַלד דעם מאטראָס...

בערטע האט אזש אופגעציטערט פאר פרייד: נאָך אַ צענערל! קריגט זי נאָך אַ צענערל צו יענע דרייַ — וועט זי שוין האָבן אָפּגעלייגט אין

טאבורעט ניט פופצן, נאָר נייִנצן ווייִסינקע, שורשעגדיקע פּאַפּירלעך. זי האָט גיך געענטפערט:

— אז איך זאָג, וועט עס זיין. גיי צום האמיד טרינקען ביר, און איך וועל קומען פון איר אין אַ האַלבער שאָ ארום און אלץ דערציילן... און מעגסט טרינקען, ווי בא זיך אף דער כאַסענע... און פּאַרטיק... בעיטע איז אוועק איבער דער גאס...

דוואָסיע האָט פונאנהויב געוואָלט זיי נאָכלויפן, נאָר די פיס האָבן ניט געפאָלגט. לעבן איר, אפן פאָל איז געלעגן כאַיִם און האט גע־כאָרכלט. דערנאָך אוועקגעקראָכן צום טיש.

זי האט דערזען און אים אנגעכאפט בא דער האַנט. ווייל כאַיִם וועט אין איין רעגע אלץ פארצערן.

כאַיִם האט זיך געווערט. זי האט אים א ריס געטאָן פונעם טיש צום בעט. סע האט זיך אין איר ווידער אופגעכאפט דער ווייטיק און צאָרן און די מוטערלעכע ליבע צום זון. ער האט זיך גראָב געווערט, געכאפט מיט ציין דער מוטערס הענט. מ׳איז ביידע אומגעפאלן אפן געלעגער.

בא דוואָסיען האט זיך געדרייט דער קאָפּ. אין אירע פארקוועטשטע אויגן זיינען אומגעלאפן אזוינע הייסע רעדער און אזא ראכמאָנעס צום קינד האט געוואָקסן.

ער וויל ניט דערקענען? אנטלאָפן... הערסט, כאַיִם? קום צו מיר, קום, ביסט מייִנער. איך וועל דיך אליין ארומנעמען!..

זי האט אים ווייטיקדיק געצויגן צו זיך, געדריקט, ארומגענומען אים און ער האט זיך שוין אָנגעצילט און ווען די מוטער האט אים צוגעדרוקט, האט ער זיך איינגעקלאמערט מיט די ציין אין איר ברוסט. דוואָסיע האט אינגאנצן אופגעציטערט, אָבער איר איז מיטאמאָל אזוי אַנגענעם געוואָרן פונעם ווייטיק.

— רייִס, רייִס... און איך וועל דיך צודריקן צום האַרצן... איאָ, קינד מיינס?..

אים אַרומגענומען. און ווען דער ווייטיק איז שוין געוואָרן צו שטאַרק אומדערטרעגלעך, האט זי אים גענומען אָפּרייִסן. איינציייִטיק אָפּגעריסן און געדריקט צו זיך — איר אייגנס.

— לאָז... לאז, צענעם די ציין, קום צו מיר, קום. או! סע טוט ווי, לאָז!

זי האט אים שוין ניט ארומגענומען, נאָר געוואָלט זיך אויסרייִסן, ראטע־ווען זיך פון די ציין. ניט באַמערקט, ווי זי שטיקט אים, וואַרגט אים מיט די פינגער, אָנגעכאפט כאַיִמען באַם גאָרגל און אים געטרייסלט.

קאַלטע פינגער האָבן זיך איינגעקלאַמערט אין האַלדז, געקרושטשעט.
ווי א שוואַרצער שטראָם מיט שפּריצן און גרויע פונקען זיינען געפאַלן אירע האָר אף כאַיִמען.
און ער האָט געפּעפּנט דאָס מויל און צוגעפאַלן צו איר. דוואָסיע האָט אים געקושט דאָס פּאָנים, דעם קאָפּ, די ברוסט. ס׳ערשטע מאָל פאַר אַזוי פיל יאָר, אַז ער ווערט זיך ניט, בייַסט ניט. רויק פאַלט ער אין אירע אָרעמס.
די טיר האָט א סקריפּע געטאָן, ס׳איז אַרייַנגעגאַנגען בערטע. דוואָסיע האָט זיך אופגעכאַפּט, געוואָלט שרייַען, אָפּטרייַבן. נאָר בערטע — ס׳איז דאָך דער איינציקער נאָענטער מענש, ניטאָ מער קיינער — האָט אויך איצט זי, דוואָסיען, באַרויִקט:
— שאַ־שאַ, שטיל...
א קוק געטאָן אפן אייַנגעבויגענעם האַרטן בעטל. כאַיִם איז געלעגן און זיך ניט גערירט. טויט.
— אָ, דאָס איז ריכטיק... האָסט גוט געמאַכט, כאָטש ס׳איז א פאַרברעכן. האָב ניט מוירע — וועל קיינעם ניט זאָגן. מירן אים באַגראָבן און קיינער וועט ניט וויסן — געשטאָרבן און אַן עק, כ׳וועל קיינעם ניט זאָגן און די מיליציע וועט זיך ניט דערוויסן. ווייַל דערפאַר קומט טפּיסע...
ערשט איצט האָט דוואָסיע דערזען, אַז קושנדיק און האַלדזנדיק האָט זי כאַיִמען דערוואָרגן. נאָר ווילנלאָז האָט זי זיך בערטען נאָכגעגעבן און ניט געטראַכט, צי איז עס בעסער, צי ערגער. און יענע האָט גערעדט אַסאַך, אייַנגערעדט, אָנגענומען בא דער האַנט:
— און איך זאָג דיר אָפן... נאָך וואָס דערמאַנען וואָס אַמאָל איז געווען. ווייַל ס׳איז פאַר דיר ערגער. דו ווייסט ווער ס׳איז געווען בא דיר, — ס׳איז דערדאָזיקער באַנדורא, וואָס האָט די שפּאַנאַ אין די הענט...
דוואָסיע האָט שטיל און פאַרכידעשט אויסגעצויגן:
— באַנדוראַ?..
— יאָ, באַנדוראַ. און דו ביסט אים געפעלן... און ווי ער האָט פון דיר גערעדט נאָרוואָס. ער זאָגט — אַן עמעסע ג׳ימנאַזיסטקע. נו, אויב דו וועסט ניט וועלן צו אים, איז... דו פאַרשטייסט — מע וועט פון דיר היינט אַרויסלאָזן דאָס בלוט, ווי פון א קרענטל... ער וויל דאָך ניט בלייַבן קיין נאַר. און וואָס פעלט דיר? וואָס? כוץ דעם,

פאַרמאַך איך מײַן קרעמל און ווייסט ניט האבן וואָס צו לאַטען. און ביז־וואַנען איז דער שיר צו לאַטען מיט שמאַטעס דאס לעבן, די נעשאָמע? מע מוז אַמאָל אין נײַעם אויך לעבן. עמעס, צי ניט?..

דוואָסיע איז געשטאַנען און שווײַגנדיק אײַנגעשטימט.

בערטע האט נאָך לאַנג גערעדט, דערנאָך אוועק, קעדיי ווידער צו קומען, נעכטיקן.

אפן צווייטן טאָג האט מען כאַיִמען אָפגעטראָגן אַפן בייסאַלמען.

און אין עטלעכע טעג אַרום איז געקומען מאַקאַר סטעפּאַנאָוויטש מיט בערטען, צונעמען דוואָסיען צו זיך. ער האט געמאַכט שפּאַס, זי אופגעמונטערט.

מע איז ארויס אף דער גאַס. ער איז געגאַן אפריער א שטיק וועג.

און פונהינטן איז געגאַן בערטע און נאָך איר — דוואָסיע, וועלכע האט געטראָגן אירע באַהאַלטענע געדאַנקען, מיט צײַן פארקוועטשטע ביז ווייטיק און אײַנגעהויקערט געשאָקלט זיך אונטער דער שווערקייט פון איר ניטפארלאַטעטן לעבן.

ג אָ ר ד ע י ק אָ צ י ו ב אַ

געבוירן אין יאָר 1892 אין כוטער קאָסטיוו, אף כאַרקאָוושטשינע. די ערשטע בילדונג באַקומען אין פאָלקס-שול. אלס עקסטערן געענדיקט אַכט קלאַס גימנאַזיע און אריין אין אוניוורסיטעט, געענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט. אָנגעהויבן דרוקן זיך אין 1919 יאָר. באַזונדערע אויסגאבן: „אַפן גרענעץ״ — נאָוועלן, 1924, פארלאג „שליאַך אָסוויטי״.

ג. קאָציובא

ראַדאַ

יענעם זונטיק, האט נינאַ פּעטראָוונע זיך געקליבן צוזאַמען מיט אַ קאָמפּאַניע מיטארבעטערנס, מאכן א שפּאַציר הינטער דער שטאָט, אין וואַלד אריין, אָדער צום טײַך, זיך שיפן.

נאָך שאַבעסצונאַכטס, ווען זי האט זיך פרי באַפרײַט פון דער אַרבעט, האט זי אָנגעגרייט איר כײַלעק עסנוואַרג, אײַנגעבונדן אין אַ קלומעקל, אויסגעפּרעסט דאס קלייד, צום סאָף אַרויסגענומען פונעם קאַמאָדל ווײַסע זאָקן, קעדיי מאָרגן אינדערפרי ניט פאַרהײַען זיך, און מיט אַ פרייד־געפיל וועגן מאָרגנדיקן שפּאַציר האט זי זיך ארײַנגעלייגט אין בעט אריין.

אָבער זונטיק אינדערפרי, ווען זי האט זיך נאָר אופגעהויבן אַף די פיס, האט זי זיך דערפילט שלעכט. סע האט זי אַרומגעכאַפּט אַ מאָדנע שטימונג: אומעטיקייט, נודנעסט, גלײַכגילט און אַפילע אומרו. עפּעס האט געגנודעט אונטערן לעפעלע, ניט קלאָר, פאַמעלעכן, צערייצט. עפּעס האט גענאָגט הינטערן האַרצן און דעם קאָפּ האט געפּרעסט אַ טויבער ווייטיק. דעריבער האט זי באַשלאָסן דעם שפּאַציר ניט מאַכן, „ווייל מיט אַזאַ שטימונג קען מען נאָר זיך און יענעם אַ טעל מאַכן די נערוון”.

זי האט אויסגעטרונקען די טיי, גענומען דעם בוך, וואָס זי האט געבראכט פון ביבליאָטעק „זשאַנאַ נײַ׳ס ליבע”, און זיך אָנגעטאָן אַ קויעך איבערצולייענען אַ זײַטל. עפּעס האט איר געשטערט. דערנאָך האט זי אופגעהויבן די אויגן און זיך פאַרקלערט:

„וואס קען הייסן אָט דער כאָלעם”—זי האט זיך דערמאָנט אין אים מיט אַלע קלייניקייטן:

אָוונט. א גרויסע זאַל פון ערשטן קלאַס אפן וואָקזאַל. שפּיגלען באַ די ווענט, און עפּעס אַ פאַניקאַדילאָ העגנגט אַראָפּ פון דער מיט סטעליע,

אַלץ איז פאַרגאָסן מיט עלעקטריש ליכט. אַן אָרקעסטער מיליטער־מוזיק האט אומופהערלעך געשפּילט וואַלס און אנדערע זאַכן. אסאַך מענשן, מייסטנס פרויען אין באַל־קליידער, האבן מעשוגענערווייַז געדרייט זיך, געוויכערט אין זאַל, און אין א זייַט, באַם בופעט, האבן מיליטער־לייַט געטרונקען ווייַן און געשריגן הורא. דער גערודער, געפּילדער, מוזיק און געלעכטער — אַלץ האָט זיך אויסגעמישט אין אַן אומופהערלעך נער־ווירנדיקן הודען.

„מע האט געפונען אן אָרט צום טאַנצן — האט זי שפּאָטיש אַ טראַכט געטאָן, און זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, — צי זיינען דען די געזעצן ניט פאר זיי געשריבן?"

דערנאָך איז אַריין אַ שווייצאַר אין א נייַער ליוורײ מיט גאָלד־באַפּוצעכץ און באַקנבאַרדן, אַ ווירדיקער און א באַיאָרטער, האט אַ זאָג געטאָן עפּעס מיט א באַס, און א קלונג געטאָן מיטן גלעקל.

דעמאָלט האָבן פאָר גאָך פאָר פארלאָזט די ראָד, און די טענצער האבן זיך אַוועקגעלאָזט אָפּן פעראָן.

די זאַל איז ליידיק געווארן. נאר זי איינע איז געבליבן. ס'איז צוגאַן דער שווייצאַר.

— וואָס שפּארט איר דאָ אונטער די ווענט? — האט ער זיך בייז צו איר געווענדט, — ס'האָט אייך פאַרלייגט די אויערן? דער לעצטער צוג איז אַוועק און דעם וואקזאַל פארשליסט מען.

— סע קען ניט זיין? — זי האט צעפירט די הענט און אָנגעכאַפּט באַ דער האנט דאס קליינע קינד, וואס האָט זיך געטוליעט צו אירע פיס.

— קום, זוניו, קום גיכער!

זי האט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר, נאָר דערפילט ווי דאָס קליינס האט אַ טעלעמעץ געטאָן אף דר'ערד און שטום אויסגעצויגן די פיס.

— טאָ קום־זשע גיכער, — זי האָט אים געכאַפּט אַף די הענט און מיט שרעק אַ געשריי געטאָן:

— ס'איז ניט ער, ניט ער, ס'אַ ליאַלקע, אַ ליאַלקע!..

— וואס איז די טייַטש דערפון? — האָט נינאַ פּעטראָוונע געבראָכן זיך דעם קאָפּ. איז עס צום שלעכטן, צי צום גוטן? — זי האָט געוואָלט אָנשטויסן זיך, מאַכן אויספירן. — עפּשער זאָל עס הייסן עפּעס וועגן י ע נ ע ם?

זי וואלט געוואָלט מיט עמעצן זיך באַראָטן וועגן כאָלעם, דערציילן אירע ווייטיקן און צאָרעס. אָבער ווּעמען קען זי דערציילן איר סאָד,

פון וועמען קען זי דערהערן אַ גוטע אייצע, ווער וועט איר מיטפילן?

זי האט זיך דערמאנט אין דער מומע מאַניע און באשלאָסן גיין צו איר, הינטער דער שטאָט. נאָר באם טויער האט זי באַגעגנט אירן א באַקענטן, אַ טאַקסאָטאָר פון שווייפראָם.

— זייער אַנגענעם, זייער אַנגענעם, — האט ער זיך געגריסט צו איר, דרוקנדיק די האנט. איר זיינט, הייסט עס, ניט געפאָרן, פאַרשלאָפן, אַוואַדע, אזוי ווי איך, זינדיקער מענטש. און דאס וועטער, מאָלט אייך, איז וווּנדערלעך, סע וואָלט קעדײַ געווען כאָטש אין סקווער שפאַצירן אַף דער לופט.

נינאַ פעטראָוונע האט זיך פונאַנהויב אָפּגעזאָגט; געזאָגט, אַז זי איז פאַרנומען, איז שלעכט געשטימט און האט קאָפּווייטיק, נאָר דעם טאַקסאַטאָרס ווייכקייט און זיין מיטפילן האבן גוירוער געווען.

— אַלץ געשעפטן און געשעפטן, מע מוז אַמאָל שפאַצירן אויך. ווען דען זאָל מען שפאַצירן אויב ניט איצט, אַניט וועט דער פרילינג באלד פאַרגיין, און נאָך אים — דער זומער אויך איינגיכן.

זיי זיינען אַוועק אין אַ „קינדער־סיידל”, פארקערעוועט פון דער הויפט־אַלייע אין א זײַטיקער און זיך געזעצט אַף א באנק אין שאָטן פון א צעצווײַגטער ליפע.

ניט ווײַט פון זיי, אַף א בערגל פון ווײַסן זאמד האט זיך אויסגעזעצט א כאָפּטע קינדער. ווער סע האט געשלעפט זאמד צום בויען, ווער סע האט געבויעט שטיבלעך און פאַלאַצן, און ווער ס'האט פאָשעט פאַרגראָבן זיך מיט אַלע פיר און ווי א פייגעלע געגריבלט זיך אין זאמד. אַביסל אין א זײַט האבן עטלעכע קינדער געשפילט אין באַל, געקײַקלט אים איבער דער אַלייע, געוואָרפן אינדערלופטן און מיט געפילדער און ברען געכאַפּט אים.

— ווי אינטערעסאנט זיינען די קליינע! — האט באמערקט דער טאַקסאַטאָר. — וויפיל פרייד זיי ברענגען מיט זיך, וויפיל טרייסט!

ער האט א רעגע געשוויגן, ניט געהערט קיין ענטפער פון איר, און ווייטער גערעדט:

— ווען מענטשן זאָלן ניט האבן קיין קינדער, ניט אויסכאָוועןזיי, וואָלט דאס לעבן געווען טויזנט מאָל גראָווער און נודנער. ניט עמעס, נינאַ פעטראָוונע? זאָגט, זײַט אזוי גוט.

נינאַ פעטראָוונע האט אופגעהויבן אַף אים די אויגן, אָנגעקוקט פאָרשנדיק, ווי געוואָלט זיך דערוויסן, צי האט ער ניט עפּעס א מיין דערבײַ, און געענטפערט קורץ און ניט דרייסט:

— עפשער איז עס א פרייד, אָבער ניט פאר אלע, ווייל סע קאָסט צו טייער.

— וואס רעט איר, נינאַ פעטראָוונע? געשיקט זיך עס, איר וואלט ניט געוואָלט האבן אזאַ מין קליינס...

זי האט אָפּגעקערעוועט דעם קאָפּ, זיך פאַרויטלט, און פארלוירן געשטאַמלט:

— איך?.. וואָס-זשע?.. און די ארבעט? וואס פאַלט אייך איין...—

זי האט נאך עפּעס פאַרלוירן געשעפּטשעט, ווי א גאנעוו, וועלכן מע כאַפּט באַ דער האנט, נאר א שפּיל-באַל, וואָס האָט אַ שפּרונג געטאָן לעבן איר, האָט צוגעצויגן איר אופמערקזאַמקייט.

זי האָט גלייך געכאַפּט דעם באַל, אָנגעהויבן אים לייכט אונטערוואַרפן, אַביסל שטיפעריש, קעדיי איבערצובייטן דעם געשפּרעך.

— טאָמער וואלטן מיר אויך געשפּילט, נעסטאָר וואַסיליעוויטש, האַ?— און פונוואנען איז ער אָנגעפלויגן?— זי האט אַ קוק געטאָן אַרום זיך.

— אָט איז ער, אָט, אָט!— האָט מען דערהערט אַ דינינק קינדערש קעלעכל און ווי א גלעקעלע האט זיך עס אַ קייקל געטאָן איבער דער אַלייע.

אַ קליין מיידעלע האט זיך אָפּגעטיילט פון דער כאָפּטע קינדער און זיך געלאָזט לויפן צו דער באַנק. איין טריט פאַר זיי האט זי א טרייסל געטאָן מיט די העל-גאָלדיקע קוטשערלעך, וואס זיינען איר געפאַלן אַפן שטערן, און שטיין געבליבן אַנקעגן זיי, צוגעטוליעט צו די ליפּן די פינגער פון דער רעכטער האַנט, און מיט דער לינקער האָט זי זיך אָנגע־כאַפּט באם האַלדז, און וואַרטנדיק, שווייַגנדיק, אַביסל פאַרדעכטיק גע־קוקט פון אונטערן אָנגעברויגעזטן שטערן אַף נינאַ פעטראָוונע, אפן באַל, אַף דער באַנק.

— אַ מין שיין מיידעלע. אויגן ווי בלויע בלימעלעך,— האט נעסטאָר וואַסיליעוויטש צעשטערט די שטילקייט.

— אַזאַ כיינעוודיקס! און איר ווייסט?— ער האָט אָנגערירט זיין שביינעס אַקסל,— זי איז ענלעך צו אייך. אַף אַן עמעס! קוקט אייך צו, עפּשער עפּעס א אייגענע?

— נינאַ פעטראָוונע האָט א קוק געטאָן אַפן מיידעלעס פּאָנים, דערנאָך אַף אירע פוכקע פיסלעך אין שיך, אַף די הענטלעך, ווידער אפן פּאָנים. איר פּאָנים האָט זיך געביטן פון מאָל צו מאָל, פייערלעך פון פרייד האבן זיך געצונדן און געלאָשן אין אירע אויגן.

— יאָ, עמעס, אַביסל ענלעך, — זי האט זיך דערפילט שלעכט און פלאַטערדיק אָנגעכאַפּט דאָס מיידעלע בא דער האַנט.

— צו מיר, צו מיר! — האָט זי זי א צי געגעבן גענענטער צו זיך און הייס אַ קוש געטאָן אין באַק.

— אַ שיין מיידעלע, — האט זי זיך געווענדט צו נעסטאָר וואַסיליע־וויטשן, ווי זי וואָלט זיך פאַרענטפערט פארן קוש. — און וועמעס ביסטו, קליינינקס? נו, זאָג, זאָג דאָך!

— יענע האט דרייסטער צעעפנט אירע בלויע אויגן און פאָשעט געענטפערט, קוקנדיק נאָך אַלץ כשאָדיק פון אונטער די ברעמען.

— דער מאַמעס.

— און מע רופט דיך זאָיאַ... אָדער האַליע, — האט זי נאָך אַ קור־צער פויזע צוגעגעבן דעם צווייטן נאָמען, און מיט דערשראָקענע אויגן אַ קוק געטאָן אַפן שאָכן.

— ניין, — האט דאָס מיידעלע אַ דריי געטאָן מיטן קוטשעראַוון קעפל, און א פאַסמע גאָלדיקע האָר האט זיך ווידער אָנגערוקט אַפן שטערן. — ניין, מע רופט מיך ראַדאַ.

— ראַדאַ? — נינאַ פעטראָוונע האט זיך פאַרטראַכט און ווידער איינ־געזאפט זיך אין מיידעלעס פּאָנים.

— אָט אַ מאָדנער נאָמען! — האט געזאָגט נעסטאָר וואסיליעוויטש, — ראַדאַ, די צענטראַלע ראַדע, אַן אוקראַיִנקע, הייסט עס. אַ ווויל מיידעלע, און גייט זאָגט, נינאַ פעטראָוונע, אַז זיי זיינען ניט די בלומען פון לעבן.

— ראַדאַ! ראַדאַ! נו, גיכער זשע, וואָס ביסטו דאָרט געבליבן שטעקן? — האבן זיך דערהערט שטימען פון דער כאַפּטע קינדער. און דאס מיידעלע האט אַ כאַפּ געטאָן דעם באַל און זיך אַוועקגעלאָזט צו זיי.

— ראַדאַ! די צענטראַלע ראַדע, און עפּשער סאָוועט. טאַקע עמעס, אַ מאָדנער נאָמען. און מיר האט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז אַלע קליינע מיידעלעך מיט קוטשעראַווע, גאָלדיקע האָר הייסן אלע זאָיע, — האט נינא פעטראָוונע געזאָגט מעוולבל.

אַן ערעך אַ מינוט איז זי געזעסן פאַרפינצטערט, און נאָר געוואָרפן בליקן צום קינדער־קרייז, וואָס צו זיי איז צוגעגאַן ראַדאַ. דערנאָך האט זי זיך אופגעהויבן און געזאָגט:

— אָך, ווי סע טוט מיר וויי דער קאָפּ, באַגלייט מיך אַ היים, נעסטאָר וואַסיליעוויטש.

— ביטע, ביטע, — איז יענער באַלד אײַנגעגאַנגען. איר זעט ווירקלעך אויס ניט זער גוט. עפּשער דאַרפט איר אײַנעמען אַ פּראָשעק, צי וואָס?

באַ דער שטוב האָט מען זיך געזעגנט. נינאַ פּעטראָווּנע איז געשטאַנען אַביסל הינטער דער פֿאַרטקע, דערנאָך געכאַפּט אַ קוק און נאָך איין קוק אַף דער גאַס. און ווען נעסטאָר וואַסיליעוויטש איז פֿאַרשווּנדן געוואָרן באַם ראָג פֿון נאָענטסטן געסל, איז זי אַרויס אַף דער גאַס און גיך אַוועקגעלאָזט זיך צו דער אַנקעגנדיקער זײַט.

נינאַ פּעטראָווּנע האָט זיך אומגעקערט צום „קינדער-סעדל". באַם אַרײַנגאַנג איז זי געבליבן שטיין, געוואַרט צוליב עפּעס, עפּשער איבערגעקלערט. דערנאָך איז זי אַרײַן אין טויער און פֿאַרקערעוועט צו דער זעלבער זײַטיקער אַלייע. זיך געזעצט אַף דער באַנק, ווי זיי זײַנען צוזאַמען פֿריער געזעסן, און אָנגעשטעלט די אויגן אַף די עטלעכע קינדער, וואָס מיט זיי, האָט איר געדאַכט, האָט געשפּילט דאָס גאָלדיק-געקרײַזלטע מיידעלע. אַן אומרויִק פֿײַערל האָט אַ פֿינקל געטאָן אין אירע אויגן. זי איז איבערגעלאָפן מיטן בליק די נאָענטסטע ערטער פֿון אַלייע און זיך אופגעכאַפּט פֿון דער באַנק.

— און ווו איז ראַדאַ? האָט זי אומרויִק געפֿרעגט, ווען זי איז צוגעגאַנגען צו די קינדער.

אייניקע קינדער האָבן זי אָנגעקוקט פֿאַרכידעשט, מיט דעם אַליין אונטערשטרײַכנדיק, אַז זיי ווייסן ניט פֿון וואָס זי רעדט. איינס אַ ייִנגעלע, אַן עלטערס אַביסל, האָט ניט דרייסט אָנגעוויזן מיטן פֿינגערל אַף זיין שכיינע: — לידאַ?!

אַן אַלטע טויבלעכע ניאַניע איז צוגעגאַנגען, צוגעלייגט צום אויער די האַנט, איבערגעפֿרעגט, וואָס מע זוכט, און אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ.

— ראַדאַ, אַזאַ קליין מיידעלע מיט אַ קוטשעראַווע קעפּל. זי האָט זיך דאָ געשפּילט מיט די קינדער פֿריִער מיט אַ האַלבער שאָ, — האָט נינאַ פּעטראָווּנע דערקלערט מיט אַ בעטנדיק קאָל.

— ראַדאַ? — די אַלטע האָט ווידער צוגעלייגט די האַנט צום אויער און כשאָדיק געדרייט מיטן קאָפּ. — עפּעס ניט געהערט אַזאַ מינס צווישן קינדער, און ווי מע טראַכט עס אויס, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפֿן פֿאַר די רייד! מיר זײַנען דאָ ניט לאַנג, נאָרוואָס אָנגעקומען, — האָט זי צוגעגעבן אַפֿן סאָף.

— אַך אַזוי, איך קוק עס... — האט נינאַ פּעטראָוונע קוים אַרויסגעקוועטשט פון זיך א קלאַנג, און מיט ניטזיכערע טריט צוגעגאַן צום זאַמד־בערגל.

עטלעכע קינדער האָבן שטאַרק פאַרטאָן געבאָבּרעט זיך אין זאַמד, אָנגעפּילט קעסטעלעך, איבערגעשיט אין עמערלעך, געמאַכט קאָנוס־פיגורן.

נינאַ פּעטראָוונע האט שטאַרק זיך צוגעקוקט צו יעדן פון זיי, געשטאַנען אַביסל און אַוועקגעגאַן מיט דער אַלייע. מיט וואַקלענדיקע טריט, אָט גיכער, אָט פּאַמעלעכער, האָט זי זיך געפּלאָנטערט פון איין אַלייע אַף דער צווייטער. געפירט מיט די פאַרומערטע אויגן אַנקעגן זיך, זיך אַרומגעקוקט באַ די זייַטן, געבליבן שטיין פאַר קינדער, זיך צוגעקוקט, און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ געגאַן ווייַטער.

זי איז אַרומגעגאַן דעם בולוואַר און זיך אומגעקערט צו דער ערשטער באַנק. אַן אייַנגעמידטע און א פאַרלוירענע האט זי זיך געזעצט אַף א באַנק.

— אָך, ס'אַרא נאַרעלע איך בין! — האט זי זיך געטאַדלט. — ניט געקענט זיך טייקעף דערוויסן, האָב זיך פאַרלאָזט. געשעמט זיך פאַר יענעם. איצט גיי זוך. עפּשער וועל איך זי גאָר מער ניט זען.

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אינעם אָנלען פון באַנק, אַרומגעכאַפּט זי מיט די הענט און געזעסן לאַנג און אומבאַוועגלעך, ווי א פאַרגליווערטע; דערנאָך מיט פאַרלאָשענע אויגן געקוקט ערגעץ ווייַט אין דער ברייטקייט, און נערוועז געביסן די נעגל ביז וויטיק.

דאָס קליינע מיידעלע מיט די בלאָנדע־גאָלדענע פּאַסמעס האָר איז ווי געשטאַנען פאַר אירע אויגן, ווי דעמאָלט, אַביסל שעמעוודיק, ווי א קינד.

איצט האָט זי זי באַקוקט דרינגענדער, מיט דער גרעסטער אופמערקזאַמקייט. אַלע אייוורימלעך, האט זיך איר געדאַכט, זעט זי. אַזאַ קייַלעכיקס, א פּוכקינקס, ווי א פּאָמפּעשקע. ווייַסע, ראָזע, אַביסל פולע בעקלעך, פולע הענטלעך און פיסלעך.

— זאָיאַ, זאָיִנקאַ! — האָט זי צאַרט געשעפּטשעט, — ס'איז זי, מייַן ברעקעלע. ווּהין־זשע איז זי אַוועק? ווּהין איז זי אַהינגעקומען?

א פאַרצווייפלטע און א איינזאַמע איז זי געזעסן און געטראַכט. פאַר אירע אויגן איז ווידער אופגעשטאַנען דאס בילד פון דער באַהאַלטענער דראַמע, וועלכע זי טראָגט אַרום אין האַרצן שוין פיר יאָר.

— פון דעם ווינטער איז שוין דאָס פערטע יאָר אַוועק, זינט זי איז געקומען פון דער גרויסער באַנסטאַנציע צו דער פרעמדער שטאָט, קימאַט אָן געלט און מיט א קינד אַף די הענט. זי האָט זיך באַזעצט דערווײַל באַ דער מומע מאַניע, דעם סטרעלאָטשניקס ווײַב, געזוכט אַרבעט. טאָג נאָך טאָג האָט זי זיך געשלעפּט איבער די נײַ־וואַרשטאַטן, שאָענווײַז געשטאַנען אַף דער בירזשע, אַרומגעגאַן איבער אַדרעסן „נייען באַ יענעם". און צו מיטאָגצייט, א הונגעריקע און אַנטוישטע, פלעג זי זיך אומקערן „אַהיים". דאָס אומופהערלעכע שרײַען פונעם הונגעריקן קינד האט געשפּאָלטן ס'האַרץ, געריסן עס אַף שטיקער. און דערצו נאָך דער מומעס ניטפאַרײַנטלעכע בליקן, און שפּע־טער איר בורטשען און אומצופרידנקייט: „מיר האבן אַליין קינדער, אָן ענגשאַפט, ניטאָ זיך ווו אַהינצוטאָן, איז האָסטו דיר נאָך אַזא צאָרע".

און ווען זי איז אײנמאָל געקומען אַף איר „קוואַרטיר" און געזאגט, אַז זי וואָלט געקענט קריגן אַרבעט באַ איינער א פרוי אינדר'היים, נאָר יענע וויל זי ניט נעמען מיטן קינד, איז די מומע אַרויס מיט לאָשן:

— וואָדען האָסטו געמיינט, אז וועסט געפינען אַרבעט מיטן קינד? ווער דאַרף דיך האבן, און וויפל קענסטו אָנאַרבעטן מיט דעם. דאס האָ־דעווען אַליין וועט קאָסטן טייערער. צי מיינסטו עפּשער, אַז איך וועל זיך ניאַנטשען מיט אים? ס'זאָל דיר גאָרניט אײַנפאַלן, כ'האב גענוג מײַנע קינדער.

— טאָ וואס זשע זאָל איך טאָן? וואס טאָן? — האט זי אויסגעשריגן צעררייצט. — ווי דען לעבט מען?

— ווי מע לעבט? — האט די מומע א שמייכל געטאָן מיט עפּעס אַזאַ סוידעסדיקן בליק. אַבי נאָר מע וויל. ווי לעבט מען!?

און צובויגנדיק דעם קאָפּ, האט זי א שעפּטשע געטאן:

— מע מוז פּאָטער ווערן פונעם מאַמזער.

ווי א דונער וואָלט איר א זעץ געטאָן איבערן קאָפּ, מיט אויסגע־ראַטשקעוועטע אויגן פאַר שרעק האט זי זיך אָפּגערוקט פון איר, אָפּגע־טרייסלט פון איר מיט די הענט:

— וואס רעדט איר? זאָל גאט היטן!..

— וואַרט אויס, זײַ ניט אַזוי גרויס. דו פאַרשטייסט ניט. וואס מיין איך דען? אט הער אויס: ס'איז דאָ קינדער־הײַזער, צי ווי רופט מען זיי דאָרט. נעמט מען ניט צו מיט גוטן, קען מען זיי אונטערוואַרפן. ס'וועט זיין בעסער פאַר דיר און פאַרן קינד. און גוטע מענטשן זיינען

נאָך אויך פֿאַראַנען, געוויינלעך, „בעזדיטנע", וואָס וואָלטן מיט פֿאַרגעניגן גענומען אַ קינד. אַוואַדע, ביסט ניט די ערשטע און ניט די לעצטע. ווייניק טרעפֿט זיך עס, אָט לייען אומיסנע אַ צײַטונג.

זי האָט געשוויגן אַ ווײַלע און שוין ווייך צוגעגעבן:

— איך זאָג עס, ווײַל כ'האָב זיך דערמאָנט אין אַ באַקענטער מיידל.

אַ פֿריטשמעליעטע איז זי אַרומגאַן עטלעכע טעג אין שטאָט זוכן אַרבעט. ווען זי פֿלעג זיך אומקערן אַהיים, פֿלעג זי פֿילן אַף זיך דער מומעס שטומע און פֿאַרשנדיקע בליקן, פֿול מיט דערוואַרטונג:

„נו, ווען וועט עס שוין זיין?"

די בליקן האָבן זי דורכגענומען, פֿאַרסאַמט איר לעבן, פֿאַרפֿילט דאָס האַרץ מיט טרויער.

אין איינעם אַ פֿרימאָרגן, ווען קיינער איז ניט געבליבן אינדר'היים, האָט זי לאַנג זיך איינגעהערט צום שרײַען פֿונעם הונגעריקן קינד לעבן די ליידיקע ברוסטן, דערנאָך גענומען אַ שטיק פּאַפּיר און אָנגעשריבן:

„איך בין אַרבעטסלאָז. קען ניט אויסכאָווען מײַן טעכטערל. איך בעט זאָרגן זיך פֿאַר איר, ביז כ'וועל געפֿונען אַרבעט. זי איז אַלט דעם פֿערטן כוידעש. מע רופֿט זי — זאָיאַ".

דערנאָך האָט זי פֿאַרוויקלט דאָס קינד אין קאָלדרע, אַרײַנגעלייגט דאָס צעטעלע, גענומען דאָס קינד אַף די הענט און אַוועק פֿון דער שטוב.

דער פֿראָסט האָט טייקעף אַרומגעכאַפּט איר לײַב. ווי פֿײַער האָט גע־ברענט אין די באַקן און ס'האָט געשטאָכן אין די הענט. זי איז אינגיכן שטיין געבליבן פֿאַרן לאָמבאַרד און ניטווילנדיק אַרײַנגעגאַן אינעווייניק. געשטאַנען אַביסל אינמיטן זאַל און זיך געזעצט אַף אַ באַנק. לעבן איר — האָט זי שפּעטער באַמערקט — איז געזעסן אַן אַלטינקע פֿרוי. מע האָט פֿאַרבונדן אַ שמועס.

— אָך, דאָ שטייט מען אויך אין דער ריי. וויפֿל צײַט מע פֿאַרלירט אַף די רייען, — האָט אַ זיפֿץ געטאָן די אַלטינקע. איר דאַרפֿט דאָ עפּעס באַקומען אַוואַדע. איר וועט מוזן לאַנג אָפּשטיין, און נאָך מיטן קליי־נעם. צעוויקלט אים מער אַביסל. דאָ איז וואַרעם.

— אַוואַדע, אַוואַדע, — האָט נינאַ פּעטראָוונע אײַנגעשטימט, צעוויקלענ־דיק אַביסל די קאָלדרע.

— אָ, ס'איז נאָך גאָר א ברעקעלע באַ אייך,— זי האט זיך אָנגעבויגן און ליבלעך אָנגערירט עס באַם נעזל. נו, קנאָספּעלע, נו, ברעקעלע, ס'אַ מיידעלע, צי ס'איז א קאַוואַלער?

— ס'א מיידעלע,— האט זי שוין אַביסל פרייל עכער געענטפערט, און געבעטן האַלטן דאס קינד, ביזוואַנען זי וועט אַרופגיין אַפן צווייטן עטאַזש צום באַאַמטן.

זי האט איבערגעגעבן דער אַלטער דאָס קינד, א קוש געטאָן עס, גע־שטאַנען א ווײַלע און מיט ציטערדיקע פיס אַרויסגעגאַן פון זאַל. באַ דער טיר איז זי געשטאַנען נאָך א מינוט און ארויס אף דער גאַס. אָפּגעגאַן עטלעכע שפּאַן, אומגעקוקט זיך און אַוועק שוואַליאַם, פריִער גיך, און דערנאָך לויפנדיק. ווי עמעצער וואָלט איר נאָכגעיאָגט.

— מע האט צוגענומען אין קינדער־הויז,— האט זי קורץ דערקלערט דער מומען, ווען זי האט זיך אומגעקערט.

דערנאָך האט זי געזוכט אומעטום. געקומען אין לאָמבאַרד, געלייענט די צײַטונגען, צוגעקוקט זיך אף דער גאַס, נאָר ס'האט גאָרניט געהאָלפן. און נאָר איצט...

— זאָיאַ! טעכטערל! קינדעלע מײַנס!— האט זי געזאגט אַפן קאָל — זאָיאַ!— און באַלד זיך א כאַפּ געטאָן דערשראָקן — זאָיאַ? און עפּשער ניט,— ווײַל פּארוואָס זשע ראַדאַ? האט מען פאַרלוירן דאס צעטעלע? צי עפּשער איז עס א צופעליקע ענלעכקייט, ס'האט זיך נאָר אויס־געוויזן?

— אויסגעוויזן? ניין, ניין. און די אויגן, און די נאָז, און דאס געמ־בעלע? ס'איז דאָך זי אליין קינדרווײַז. צי זיינען די געזיכט־צוגן ניט אירע צוגן, ניט אירע אויגן, די האָר, דאס גאַנצע פּאָנים?!

און זי איז נאָך לאַנג געזעסן אף דער באַנק, דערמאַנט זיך און גע־וואַרט, און נאָר ווען די זון האט זיך געזעצט, האָט זי זיך אוועקגע־פּלאָנטערט אַהיים.

אַפן צווייטן טאָג האט נינאַ פּעטראָוונע זיך אופגעכאַפּט, ווי שטענדיק באַ די ערשטע פײַפן פון זאַוואָד. נאָר שטעלנדיק זיך אף די פיס, האט זי זיך ניט געכאַפּט, ווי טאָמיד, ניט געײַלט זיך אף דער אַרבעט, אף דער פאַבריק „שווייפּראָם", נאָר פאַמעלעכן און אַביסל פוילבלעך, מיט אויסגערעכנטע באַוועגונגען פון א מענטשן, וואס האט זיך ניט וווהין צו אײַלן, האט זי צוגעקליבן אין צימער און פאַרענדיקט איר אינדער־פריִענדיקן טואַלעט. אָנגעטאָן אין יאָנטעוודיקן קלייד, האָט זי געבלאָנ־

קעט איבערן צימער, ניט געוווּסט מיט וואָס צו פאַרפולן די צייט. געקוקט אַפן זייגער, איבערגעשטעלט די זאַכן אַפן טישל מיטן שפּיגל, צורעכטגע־מאַכט דאס קישן אַפן בעט, גלײַכגילטיק און מעכאַניש, און ווידער געקוקט אַפן זייגער.

וואָס מער דער ווייזער האט זיך צוגערוקט צו די אַכט, איז זי אַלץ מער געוואָרן נערוועז, פאַרטראַכט. און באַלד נאָך אַכט פאַרשלאָסן דאס צימער און אַוועק אין שטאָט אַריין.

זי האט ניט באַמערקט, ווי זי איז שטיין געבליבן פאַרן „קינדער־סעדל". אַן אומרויִקע מיט פינטלדיקע אויגן איז זי דורך דעם שטענדיק־אָפענעם טויער פון גאָרטן און איז איבערגעגאַן די אַלייע.

די פרימאָרגנדיקע שטילקייט האט נאָך גערוט אַרום, אַף די גאַזאָנעס מיט בלומען, אַף די גרינע לאָנקעס, אַף צווײַגן פון ביימער. די פוסטקייט אף די אַלייען איז געווען נאָך ניט אָנגערירט ניט פון דערוואַקסענע און ניט פון קינדער.

זי האט זיך אומגעקערט צוריק און זיך געזעצט באַם אַרײַנגאַנג אין סאָד.

א קליין קינדערש וועגעלע מיט ארומגעשטעקטע אַרום דעם קינד קאָלדרעס, לײַלעכער און נאָך אנדערע שטיקער לײַוונט, איז באַלד אַרײַנ־געפאָרן אין גאָרטן.

— אָט זיינען מיר געקומען, געקומען. — האט מיט קינדערשן לאָשן געפלאַפלט די פרוי; ווײַזט אויס, די מוטער, און צורעכטגעמאַכט אַפן קינד דאס קאַפעליושל. נו, נאָך אַביסעלע, זעסטו, ווו די בלומעלעך זיי־נען, וועלן מיר צופאָרן.

ס'איז פאַרבײַגעגאַן אַן אַלטע ניאַניע מיט צוויי יינגעלעך, וואָס האבן זיך א יאָג געטאָן פאָרויס, ווי אַף א געוועט, צום בערגל זאַמד, ניט אַכטנדיק אַפן בורטשען און בייזע דראָונגען פון דער אַלטער. מיט גע־פילדער, געשריי און שפּרינגערײַ האט זיך אין גאָרטן אַרײַנגעשיט א גאַנצע כאָפּטע קינדער אונטער דער אופזיכט פון א פרעבעליסטן, און צעשיט זיך אין דער ווײַטער אַלייע.

וואָס שפּעטער זיינען אַלץ מער צוגעקומען קינדער. צעשיט איבערן גאַנצן גאָרטן, האבן זיי אופגעשײַנט באַלד דאָ, באַלד דאָרט, און געשפּאָלטן די שטילקייט מיט פריילעכן קוויטשען, לויפערײַ און שפּילן.

מיט א בליק פול אומגעדולד האט נינאַ פּעטראָוונע באַגעגנט די קינ־דער, און אומרויִק באַגלייט זיי ווייטער. געכאַפּט זיך פונעם אָרט, ווען

א בלאָנד קעפּל מיט קוטשערן פּלעג זיך באַווייַזן, און געזעצט זיך צוריק מיט א פינצטערן בליק.

די זון האט זיך שוין אופגעהויבן הויך איבער די בוימער און מיט הייסע שטראַלן געוואַרעמט די לופט. ס'איז אַלץ מער שטיקנדיקער געווארן און אַלץ ווייניקער קינדער זייַנען שוין געקומען אין גאָרטן.

— וואָס טוט מען ווייטער? — האט נינאַ פּעטראָוונע פאַרזאָרגט אָפּגעזיפצט, נאר מיטאמאָל האבן אירע אויגן מיט פרייד אופגעשייַנט און א זוניק שמייכעלע האט זיך צעגאָסן איבער איר פּאָנים.

— ס'איז זי!.. זאָיאַ! — האָט זי אויסגעשריגן ניטווילנדיק און פאַרשטאַרט געווארן אַף דער באַנק. מיט גרויסע אויגן זיך אייַנגעקלאַמערט אין איר פּאָנים, ווען ס'קינד איז פאַרבייַגעגאַן מיט עפּעס א דערוואַקסן מיידל; ווייַזט אויס, די דינסט.

דערנאָך האט זי זיך איבערגעזעצט נעענטער צום זאַמד-בערגל, ווו ס'מיידעלע איז שטיין געבליבן, און מיט אומפאַרשטענדלעכן ציטער נאָכגעשפּירט נאָך איר, נאָך אירע באַוועגונגען. דערוואַרט זיך א מינוט, ווען דאס מיידעלע, וואַרפנדיק דעם באַל, האט זיך דערנעענטערט צו איר.

— זאָיאַ!.. ראַדאָ! ראַדאָנקא! — האט זי אַ רוף געטאָן ניט מיט איר קאָל. אַוּ! אַוּ! קום צו מיר, — האט זי איר א מאַך געטאָן מיט דער האנט, — קום, ראַדאָנקא! קום שפּילן. דערקענסט ניט, נעכטן האב איך געשמועסט מיט דיר, האסט פאַרגעסן? דערמאַן זיך!

דאָס מיידעלע האט זיך אָפּגעשטעלט פאַרשעמט, א קוק געטאָן מיט אויגן פול נייַגעריקייט, ווי דערמאַנט זיך אין עפּעס, אַראָפּגעלאָזט זיי אַף דער ערד, ווידער א קוק געטאָן און צעשמייכלט פּראָסט און ליכטיק.

— און איך קען אַזוי, — האט זי געזאָגט פריילעך, — און אָנגעבויגן זיך אַביסל אין א זייַט: קעדיי ניט צו פאַלן, האט זי א שפּרונג געטאָן אַף איין פיסל, באַווייַזנדיק אירע קענטעניש. — און כ'קען נאָך עפּעס, — האט זי זיך אַלץ באַרימט.

— אַך, שיין, ווי שיין! — האט נינאַ פּעטראָוונע זי א פּעטשל געטאָן איבער די בעקלעך און צוגעצויגן צו זיך. — נו, קום, ליבינקע, דערציילמיר, וואס דו קענסט.

זי האט זי געזעצט צו זיך אַף די קני, און לאַנג און פאַרליבט געקוקט איר אין די אויגן, געקושט זיי, געדריקט צו איר ברוסט, געטוליעט אירע באַקן צום קינדס. באַרויִקט זיך אביסל, געגלעט מיט ביידע הענט דאס קעפּל, צענומען די קוטשערלעך, צורעכט געמאַכט און ווידער

געקושט שווײַגנדיק מיט אָפּענער פרייד, אָדער ריידנדיק צאַרטע, אָנגע־זאַפּט מיט ליבע־ווערטער.

— און וואָס האסטו ליב? צוקערקעס האסטו ליב? צי ווײַנשעלעך, צי עפשער איריסקעס? — האָט זי זי שפּעטער אויסגעפרעגט, איבערגע־פולט מיט איין געדאַנק נאָר — צופרידן שטעלן די קליינע, וועלכע האט שוין אָנגעהויבן רוקן זיך פון אירע קני. — אָט וועלן מיר קויפן אַסאַך צוקערקעס, א גאַנץ קעסטעלע, אזוינע גוטינקע, גוטינקע, און ווײַנשעלעך רויטע, ווײַסע, וועלכע דו ווערסט וועלן. און וואָס נאָך האָסטו ליב? ליאַלקעס האסטו? מיט וועמען שפּילסטו זיך? נו, דערצייל־זשע, לי־בינקע! — און ווידער געקושט זי.

די קליינע, וואס האט וואָס ווייטער ארויסגעוויזן מער אומגעדולד און געפּירט מיט די אויגן ארום זיך, איז לעבעדיקער געוואָרן. אַף איר פּאָנים איז געווען אַן אויסדרוק פון צופרידנקייט.

— א ליאַלקע? יאָ, זי האט אזא גרויסע ליאַלקע, נאָר זי קען נאָך ניט גיין. די מאַמע האט זי ערשט ניט לאַנג געבראַכט.

— און איך וועל דיר קויפן נאָך א גרעסערע, אזא שיינינקע, וועסט שפּילן מיט איר. אָט קום צו מיר, מיין טעכטערל.

— און די מאַמע?

— די מאַמע האט דיך ליב? — איז נינא פּעטראָוונע פאַרומערט גע־וואָרן פונעם וואָרט „מאַמאַ".— עפשער האט זי דיך ניט ליב, עפשער וועסטו וווינען מיט מיר?

ראדאַ האָט א קוק געטאָן קרום פון אונטערן שטערן און געמאַכט מיטן קאָפּ:

— ניין, — די מאַמע האט מיך ליב. זי וועט מיר גיבן וואַרעניע, האָט זי געזאָגט, אַז כ׳וועל קומען אַהיים.

אומרויִקע שאָטנס האבן זיך אויסגעלייגט אַף נינא פּעטראָוונעס פּאָנים. שאָטנס פון אייפערזוכט און ווייטיק.

— איך וועל דיר דערציילן מײַסעלעך, — האט זי געלעשטשעט די קליינע, — פון א בער, וואס קריכט נאָך האָניק, און א פּיקסעלע, ביכע־לעך מיט בילדער וועל איך דיר קויפן. כ׳וועל דיר דערציילן פון א קליין מיידעלע, ווי זי איז אַוועק פון שטוב שפּאַצירן, זיך פאַרבלאָנדזשעט און געטראָפן צו פרעמדע, ווי די מאַמע האט געוואַרט אַף איר, יסורים געהאַט און געוויינט.

— און מיר וועט די מאַמע דערציילן, זי האָט מיך ליב, — האָט ראדא געכאַזערט אירס, און א דריי געטאָן זיך אַף די קני, אַרויסווייזנדיק כיישעק באַפרייַען זיך פון אירע אָרעמס. — איך וויל אַהיים! — האָט זי א בורטשע געטאָן אומצופרידן און אַראָפּגעשפּרונגען פון די הענט, ווען נאָר די דינערן איז צוגעגאַן.

— וועמעס איז עס מיידעלע? — האָט נינא פּעטראָוונע געפרעגט מיט א ציטעריק קאָל. — זי איז אַזאַ קלוגע. איך וויל זיך באַקענען מיט אירע עלטערן.

ווען יענע האָט אָנגערופן דעם נאָמען און דעם אַדרעס, און איז אָפּגעגאַן מיט דער קליינער צו די קינדער, איז נינא פּעטראָוונע געזעסן נאָך א מין שאָ אַף דער באַנק, נערוועז ארומגעגאַן איבערן סעדל, געקויפט אין א לאַריאָק צוקערקעס, צוגעגאַן צו די קינדער און געגעבן ראַדען א פולע זשמעניע. זי איז אַרויס אַף דער גאַס.

אן ערעך א שאָ געבלאָנקעט איבער דער גאַס אומאנטשלאָסן געגאַן פון איין קוואַרטאַל צום צווייטן, ווי געוואַרט אַף עמעצן, דערנאָך פאַרקערעוועט אַף דער סאַדאָווער גאַס, געשטאַנען אַביסל לעבן הויז № 8 און מיט הארצקלאַפּעניש זיך אופגעהויבן אַפן דריטן שטאָק, געשטאַנען נאָך אביסל לעבן דער טיר פון „קוואַרטירא סיניצינעך", שווער פאַרסאַפּעט, און שטיל אָנגעקלאַפּט.

— קומט אריַין, קומט אריַין! — האָט זיך דערהערט א פרויען-שטימע. ווען זי איז אַריבער די שוועל, האָט פון דער קאַנאַפּע זיך אופגעהויבן אַן עלטערע פרוי, אַוועקגעלייגט דאָס גענייי און מיט א פרייַנטלעכן טאָן געזאָגט:

— ביטע, ביטע, קומט אריַין, זעצט זיך!

נינא פּעטראָוונע האָט א בליק געטאָן מיט פאַרלוירענע אויגן איבערן צימער און ניט דרייסט געזעצט זיך אַף א בענקל.

אין דער אָפענער טיר פון צווייטן צימער האָט זיך באַוויזן א גאָלדיק קעפל און באַהאַלטן זיך, דערנאָך האָט זיך דערהערט א פרייַלעכער געשריי און א מיידעלע מיט א ליאַלקע אין דער האַנט האָט זיך א לאָז געטאָן אין צימער. — מומע! מומע! — זי איז צוגעשפּרונגען צו נינא פּעטראָוונע און אַוועקגעלייגט אַף אירע קני א ליאַלקע. — קוקט, אָט איז מיין זאָיא.

די באַלאַבאָסטע האָט אביסל פאַרכידעשט א קוק געטאָן און אַרויסגערעדט:

— עמעס טאַקע, זי איז מיט פרעמדע, ווי מיט אייגענע, געוווינט זיך גיך צו צו מענטשן, האָט ניט מוירע, ווי אנדערע. ראַדאָנקאָ! שטער ניט

דער מומע, גיי שפּיל און מיר װעלן ריידן. — וואָס־זשע, איר זיינט א פרעמדע, צי א היגע, — האָט זי זיך געװענדט צו נינא פּעטראָװנע, װעלכע האָט נאָך אַלץ געשװיגן. איר דאַרפט צו מיר, צי עפּשער צו מיין מאַן װעגן געשעפט.

נינא פּעטראָװנע איז רויט געװאָרן. געפינצלט נערװעז מיט די אויגן איבער די בילדער, װאס זיינען געהאַנגען אַף װענט, געשטאַמלט עפּעס אונטער דער נאָז, צום סאָף א הוסט געטאָן, װי סע װאָלט איר עפּעס געשטערט אין האַלדז און מיטאמאָל אויסגעשאָסן:

— איך בין געקומען... דאָס... נאָך מיין טעכטערל.

די באַלאַבאָסטע, װעלכע האָט פריִער געקוקט מיט א רויִקן, מילדן קוק, האָט געמאַכט א פאַרכידעשטע מינע, געשװיגן אביסל, געװאַרט אַף װײַטערדיקע דערקלערונגען און װייך געזאָגט:

— איר האָט, װײַזט אויס, א טאָעס געהאט, מיין טײַערע. אװעלכע װוינונג דאַרפט איר, סיניצינס?

— יאָ, סיניצינס. איר זיינט אַלגאַ מאַרקאָװנע?! איך דאַרף טאַקע צו אייך, — און זאגט, זײַט אזוי גוט, אז אָ דאס קליינע מיידעלע, — זי האט אָנגעװיזן מיט דער האַנט אַפן אַנדערן צימער, — ס'איז ניט אײַער טאָכטער, ס'איז מײַנע. װו האט איר זי גענומען?

אַלגאַ מאַרקאָװנע האט פונאַנהויב צוגערוקט זיך מיטן גאַנצן קערפּער צום אָנלען פון שטול און װי צוגעזאָטן. דערנאָך זיך אָנגעשפּיצט, אויס־געשטרעקט, אָנגעדראָדלט:

— װו איך האָב גענומען? גענומען דאָרט, װו די גוטע מוטער — א קװעטש געטאָן אַף „גוטע“ — האט זי איבערגעלאָזט מײַן זעליקער מוטער און אויסגעקערעװעט זיך צום מיידעלע, װאס איז װידער ארײַנגעלאָפן אין צימער: — נו, ראַדאָנקאַ! גיי־זשע אין יענעם צימער, שפּיל נאָך אַביסל, — האָט זי צאַרט א גלעט געטאָן דעם קינד איבערן קעפּל.

נאָר ס'קינד האָט זיך ניט גערירט, געשטאַנען לעבן שטול, געפירט מיטן פינגערל איבערן אָנלען, קוקנדיק אַףביידע פרויען.

— איך דאַנק אייך זייער, װאָס איר האָט זיך באַמיט, — האָט שטיל, קוים אַרויסגערעדט נינאַ פּעטראָװנע. איך װעל זיך איצט אַזוי פרייען, װאָס כ'האָב געפונען מיין טעכטערל געזונט און שטאַרק. כ'װעל אייך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

— זאָיאַ! ראַדאַ! — האט זי אויסגעצויגן די האַנט, און זיך אופגעהויבן פון בענקל. — קום מיט מיר אַהיים.

נאָר אין דער רעגע איז אָלגאַ מאַרקאָוונע אופגעשפרונגען אַף די פיס און זיך געשטעלט צווישן איר און ראַדען.

— וואָס איז? — האָט זי שטאַרק א געשריי געטאָן, ווי א פאַרסאַמטע. — מײַן קינד צונעמען? פאַרגעסט! — האָט זי אַנטשלאָסן א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — סע וועלן זיך געפונען באַלאָנים א סאַך. איך האב זי אויסגעכאָוועט, געהיט זי, ניט געשלאָפן דורך די נעכט, און דאָ וועט קומען עמעצער פון דער גאַס, „גיב מיר דאָס קינד". א פײַג! — האָט זי אָפּגעהאַקט.

— און איך וואָס? כ'האָב זי געטראָגן, געהאַט זי, און זוך זי שוין לאַנג זי אָפּצונעמען, — האָט נינאַ פּעטראָווגע פאַרלוירן דאָס גלײַכגעוויכט און געהעכערט די שטים. — זי איז מײַנע! און כ'וועל זי נעמען. אויב ניט מיט גוטן איז דורכן געריכט.

— כע! — א מאַמע האט זיך געפונען, — האָט געכויזעקט אָלגאַ מאַר־קאָווגאַ. — פּרוּווט! זי קען אייך ניט און וועט אייך ניט קענען.

— ראַדאַ! ראַדאָנקאַ! האָט געזאָגט נינאַ פּעטראָוונע מיט אזאַ בעטנ־דיק קאָל, פול מיט האָפענונג און פאַרצווייפלונג.

ס'מיידעלע האָט זיך באַהאַלטן הינטער אָלגאַ מאַרקאָוונעס קלייד און בייז אַרויסגעקוקט פון אונטער די אָנגערוקטע ברעמען:

— מאַמע. כ'האָב מוירע. וואָס איז זי בייז, די מומע? און זי האט געזאָגט, אז זי וועט מיר קויפן א ליאַלקע.

דעמאָלט האָט אָלגאַ מאַרקאָוונע גענומען זי אַף די הענט און אַרויסגעגאַן אין צווייטן צימער. אין א מינוט אַרום האָט זיך באַוויזן דער מאַן, ער האָט א קראַץ געטאָן די פּאָטיליצע און געשעפּטלעך געזאָגט:

— וואָס קען מען טאָן? אַזוי איז אויסגעקומען. דאָס קינד איז אונ־דזערס און ס'איז שוין אדאָפּטירט. גייט אהיים. און ווען איר וועט וועלן, קענט איר קומען צו איר. א מאָל, נאָר ווי א מומע, און מער — גאָרניט.

נינאַ פּעטראָוונע האט אופגעציטערט, דער קאָפּ האט זיך פאַרדרייט, אַלץ, האט איר געדאַכט, גייט כאַדאָראָם.

וואַקלענדיק איז זי אַרויס אין קאָרידאָר און זיך פאַרגאָסן מיט טרערן.

דער פאָלקס־געריכט האָט אויסגעהערט די אָנקלאָגע פון נינאַ פּעט־ראָוונע און באַשלאָסן: אפן גרונט פון 18 און 45־טן פאַראַגראַף וועגן מישפּאָכע־איניאָנים, פאַרזאָרגונג, און פאַמיליען־לעבן, — די פּיריאָריקע ראַדע סיניצינאַ לאָזן באַ די אַדאָפּטיר־עלטערן, ווײַל דאָס אַנט־שפּרעכט די באַדינגונגען פון נאָרמאַלער אַנטוויקלונג און קינדער־דערציונג.

מ י כ יי ל אָ מ אַ י ס ק י

געבוירן אין 1889 יאָר, אין שטעטל הייוואָראָן, אין קורסקער קרייז. דער פאָטער — א כטאָליער. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין רוסיש, אין „פּראָלעטאַרי״, 1920 יאָר. דאָס ערשטע בוך אף אוקראַיניש ארויסגעלאָזט אין 1925 - טן יאָר אין „קניהאָספּילקא״.

באזונדערע אויסגאבן: „נאַכט״ — דערציילונג, פארלאג „קניהאָספּילקא״.

מיכײַלאָ מײַסקי

אַ כויוו

פּעטראָ זשאגון איז אַן אַרבעטער א שטרענגער. ער גראָבט אײַן די אויגן אין זײַן װארשטאַט. זעלטן־זעלטן װען אין מעשעך פון טאָג ער טוט א קוק אין אַ זײַט, אָדער גלאַט אַזוי. ער פּלעג װי אײַנגעװאָקסן װערן אינעם װאַרשטאַט און װערן נאָר אַ טייל פון אים.

— זשאַגון איז אַ מײַסטער! — פלעגן זאָגן ארבעטער. זיי האבן דערעכ־ערעך געהאט פאר זײַן שװײַגזאַמקייט און אָנגעברויגעזט פּאָנים.

אמאָל פלעג זיך דאַכטן, אַז זשאגון קען גאָרניט ריידן, אַז זײַן זאַך איז נאָר אַרבעטן, און אַלץ װאָס אַרום, גייט אים גאָרניט אָן.

אַ פאַרזאַמלונג, א באַראַטונג, ארבעטער זיינען אופגערודערט, מע ראַשט, מע פילדערט... — זשאגון שװײַגט. נאָר צום סאָף אמאָל, רעזיומירט ער: „גוט", אָדער „נאַרישקייטן". און װאס דאס האט באַדײַט, װעלכע געדאַנקען האבן זיך באַהאלטן אונטער זשאגונס פאַרשמאָלצעװעטן קאַש־קעטל, האט קיינער ניט געװוּסט.

נאָך ײַנגלװײַז האט זשאַגון אָנגעהױבן אַרבעטן אַפן זאַװאָד. אַמאָל איז ער געװען באַריידעװדיק, פריילעך, און מעגלעך ער װאָלט אַזוי טאַקע פאַרבליבן, װען ניט איינער א צופאַל. געטראָפן האט זיך עס מיט זיבעצן יאָר צוריק. זשאגון איז יענעם טאָג געװען פריילעך, װײַל די יונגע מוס־קולן האבן געשפּילט, װײַל אין די שטאַרקע הענט האט די אַרבעט גע־קאָכט. מעכאניש, מיט געװוינטע באַװעגונגען האט ער אָנגעפירט מיטן װאַרשטאַט און זיך איבערגערעדט מיט שכיינים.

— גיב אַכטונג!..— האט אים באַמערקט דער בריגאַדע־מײַסטער, סעמען איװאַנאָװיטש טאַלײַעװ, — כאַפּ ניט קיין פייגעלעך! װעסט פאַטערן די זאַך.

זשאַגון האָט אַ שמייכל געטאָן, געגומען זיך צו דער אַרבעט, נאָר אין פינף מינוט אַרום פאַרויכערט באַם שאָכן און אַפגיין עפּעס דערציילט.

לעבן זשאַגונס וואַרשטאַט האָט פּלוצים זיך עפּעס גענומען רויכערן. ער איז צוגעלאָפן, נאָר דאָס מעסער האָט שוין געטאָן אַ כראַשטשע, אַ קלינג געטאָן און דער וואַרשטאַט איז שוין געבליבן שטיין. דאָס צעבראָכענע שנייַדמעסער איז אָפּגעשפּרונגען, אַרייַן אין דער מאַשין, דער וואַרשטאַט איז קאַליע געוואָרן. דער קיל אין האַרצן פון פּלוציםדיקן געשעעניש האָט נאָך ניט באַוויזן אָפּצוגיין, און לעבן אים איז שוין גע־שטאַנען דער בריגאַדיר טאַלייַעוו.

— נו, — האָט ער געזאָגט, — כ'האָב דאָך דיך געוואָרנט... וואָס וועסטו איצט זאָגן?

דער בריגאַדיר האָט זיך פאַרמאָסטן און אַ פּאַטש געטאָן זשאַגונען אין פּאָנים.

דאָס האַרץ האָט אַ טיאָכקע געטאָן, דאָס בלוט איז אַרייַן אין קאָפּ, ס'איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. פונאַנהייב האָט ער געוואָלט אַ וואָרף טאָן זיך אויפן בריגאַדיר, אַ פּאַטש טאָן, צעזעצן אים אויף שטיקלעך. נאָר אַן אַנדער געפיל — דער ביזאָיען פאַר זיך אַליין, די אַנערקענונג פון זייַן אייגענער שולד — האָט אים אָפּהענטיק געמאַכט. זשאַגון איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער און מיט שרעק געזען אַרום זיך ניט קיין מיטפילנדיקע, נאָר כויזעקדיקע פּנימער פון אַרבעטער.

דרייַ טעג איז זשאַגון ניט געווען אויפן זאַוואָד, און אויפן פערטן, ווען ער איז געקומען, איז ער געווען גאָר אַן אַנדערער: אָנגעכמורעט און שווייַגנדיק. אַזעלכער איז ער שוין פאַרבליבן אויף שטענדיק.

קיינער האָט ניט געוווּסט, וואָס אין זייַן האַרץ איז פאָרגעקומען, נאָר אַלעמען איז קלאָר, אַז געטראָפן האָט עפּעס אומגעוויינלעכס, וויכטיקס. אויך דער בריגאַדיר האָט עס, ווייַזט אויס, אויך פאַרשטאַנען, ווייַל נאָכ־דעם האָט ער אַלץ געוואָרפן בליקן אין זייַן זייַט אַרייַן און האָט אויסגעשאָלטן די שוואַרצאַרבעטער, וועלכע האָבן זשאַגונען ניט אײַנ־דערצייט צוגעטראָגן דעם מאַטעריאַל צום וואַרשטאַט.

— לערנט זיך אַרבעטן באַ זשאַגונען, — פלעג אָפט דערנאָך זאָגן סעמען איוואַנאָוויטש צו די יונגע אַרבעטער. ס'איז ניט קיין אַרבעטער, ס'אַ גאָלד, ס'אַ מאַשין!

סעמען איוואַנאָוויטש האָט אויך נאָך יינגלוויַיז אָנגעהויבן אַרבעטן. ער האָט געקענט יעדער מאַשין אינעם צעך. פאַרבייַגייענדיק, האָט ער געקענט

מיטן אויער פּאַקן יעדע מינדסטע אומנאָרמאַלקייט. אָפּטמאָל פּלעג ער זיך פּלוצים אָפּשטעלן באַ עפּעס אַ וואַרשטאַט פון זיין בריגאַדע, איינהערן זיך און זאָגן:

— דאָס שנייַדמעסער איז שטומפּיק געוואָרן, שאַרף עס אָן.

דער אַרבעטער נעמט אַרויס דאָס מעסער, זעט, אַז ס'איז טאַקע שטומפּיק, גייט ער עס אָנשאַרפן און כידעשט זיך אַף זיין בריגאַדיר.

דער דירעקטער האט געוווסט דעם ווערט פון אַזוינע בריגאַדירן. אינגיכן איז סעמען איוואַנאָוויטש געוואָרן דער מייַסטער פונעם צעך. און ס'ערשטע, וואס ער האט געטאָן, איבערגעפירט זשאַגונען אַף אַ זייער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט — אף פּייַלן די גרויסע קניוואַלן.

לאַנג פלעג אַזוי אָפּשטיין סעמען איוואַנאָוויטש הינטער זשאַגונס פּלייצע און אָנקוועלן פון זיין אַרבעט, ווי פון אַ גוטן לאַנדשאַפט. ריין, אָן דורכבראָכן האט געטאָקט זשאַגונס מייַסטערלעך־געשלייַפטער שנייַדמעסער; דרינגענד, ווי אונטער אַ היפּנאָז, האבן אים נאָכגעשפּירט זשאַגונס שטרענגע אויגן; ניט איינמאָל האט סעמען איוואַנאָוויטש געפּרווווט פאַרקניפּן מיט זשאַגונען אַ שמועס, נאָר אַלץ אומזיסט. זשאַגון האט געשוויגן און נאָר זעלטן־ווען אופגעהויבן די אויגן, שאַרף, ווי מיט שפּיזן, באַטאַפּט מיט זיי טאַלייַעון, און ווידער צוגעזאָטן צו דער אַרבעט. טאַלייַעוו פלעג אַוועקגיין און נערוועז הייבן דעם לינקן אַקסל, ווי געוואָלט זיך פון עפּעס באַפרייַען. דערהערן פון זשאַגונען אַ וואָרט איז טאַלייַעוון אויסגעקומען ניט אַזוי גיך.

דער זאַוואָד האט דעמאָלט געארבעט שוואך. דער טאָקאַרנער צעך איז אינגאַנצן געשטאַנען. סע געווען בירגערקריג. די טאָקערס, וועלכע האבן אָן דעם וואַרשטאַט, ווי אָן אַ פּרוי, ניט געקענט לעבן, פלעגן אָפּטמאָל קומען אין צעך. זיי האבן אַליין ניט געוווסט צוליב וואס, נאָר זיי האבן געווישט דעם שטויב פון די מאַשינעס, געפּאַטשט איבער די גלאַנציקע שקיוון, אַזוי ווי אַ פויער פּעטשלט איבערן רוקן דאס באַליבטע פערדל זייַנס, אייַנגעאָטעמט די איינגעגעסענע רייכעס פון אייַזן און אייל. געגאַנגען אין צעך האבן אויך טאַלייַעוו און זשאַגון. נאָר זשאַגון האט ניט געווישט דעם שטויב פון זיין וואַרשטאַט, ניט געפּעטשלט אים מיט דער האַנט,— ער האט לאַנג, טראַגיש־אומבאַוועגלעך געשטאַנען פאַר אים, ווי מע שטייט באַ א קייווער פון א פרייַנט.

ווען סעמען איוואַנאָוויטש איז איינמאָל אין אַ יאָנטעוו געקומען, האט ער דערזען דאָרט זשאַגונען פאַר זיין וואַרשטאַט. טאַלייַעוו האט

דערפילט, אַז זשאַגונען טוט באַנק דער זאַוואָד, אַז ער זידלט אוואדע און האט ניט ליב די באָלשעוויקעס. טאַלייַעוו איז שטיל צוגעגאַן.

— דו שטייסט?

מע האט זיך שווייַגנדיק אָנגעקוקט: סעמען איוואַנאָוויטש — מיט אַ מאָדנעם שמייכל, און זשאַגון — שטרענג.

— ווודען... — האט געזאָגט טאַלייַעוו, — מע האט דערפירט... און דיר, ברודער, איז אויך שווער אפן האַרץ?

זשאַגון האט א זיפץ געטאָן.

— דו ביסט דאָך אַן אַרבעטער א גוטער, — האט סעמען איוואַנאָוויטש שטיל גערעדט, — צו וועלכע רוכעס פעלט אונדז די רעוואָליוציע! אַרבעטן דאַרפן מיר. און מיר האָבן געאַרבעט... און איצט?..

— סע שלעכט. — האט געזאָגט זשאַגון.

— יאָ, יאָ, סע שלעכט. איז וואס טוט מען?

זשאַגון האט אַ הויב געטאָן די פלייצעס, ווי א שווערע מאַסע פון זיך אַראָפגעוואָרפן.

— מע דאַרף זיי אַלע דערשטיקן — האט ער געזאָגט פאַרדומפן.

— וועמען?

— זיי, אלע!

— יאָ, יאָ... — האט געענטפערט סעמען איוואַנאָוויטש, און אַרייַנגעקוקט זשאגונען אין מויל אַרייַן.

אָבער זשאַגון האט מער קיין וואָרט ניט געזאָגט און באלד אַוועק. איצט האט טאַלייַעוו שוין אומיסנע זיך אָפט באַגעגנט מיט זשאַגונען, געפרווט מאַכן שמועסן, נאָר זשאַגון האט אַקשאָנעסדיק געשוויגן.

ס'איז שוין געווען דאס זעקסונצוואַנציקסטע יאָר, דער צעך האט געאַרבעט מיט אַ נאַגרוזקע. ראַבקאָרן האָבן געשריבן, אַז די פּראָדוקציע פונעם טאָקאַרנעם צעך דערגרייכט ביז הונדערט דרייַסיק פּראָצענט מער, ווי פאַר דער מילכאָמע. דער מייַסטער פון צעך איז ווידער געווען סעמען איוואַנאָוויטש, וועלכן מע האט שוין צוויי מאָל אַרויסגעפירט אף אַ טאַטשקע. מע האט גערעדט צווישן זיך, אַז טאַלייַעוו האט אַדאַיעם ניט ליב די ראַטנמאַכט, אָבער מיט זיין אַרבעט איז מען געווען צופרידן. אויך איצט האט ער אומופהערלעך אַרומגעיאָגט איבערן צעך, זיך צוגעקוקט, צוגעהערט, אָנגעוויזן, אונטערגעטריבן די יונגע, געטאַדלט די לעדיאַשטשעס. דאס לעצטע פלעג ער טאָן זייער אָריגינעל. ער האט שוין ניט געשריגן ווי אַמאָל, נאָר גערעדט שטילינקעהייט, גיפטיק.

— כאַפּ ניט קיין פייגעלעך, ברודערל, אַרבעט. וואַרט ניט ביזוואַנען דיין נאַטשאַלניק וועט דיך אונטערטרייבן. דו ביסט דאָך דער באַלעבאָס, און איך בין דיין דינער.

מע האט מוירע געהאט פאר אים: קריגט מען זיך מיט אים, איז מען אַ פאַרפאַלענער, ער וועט דערגיין דעם עק. ער האט טויזנטער מיטלען, און קענסט קיינמאָל ניט וויסן, פונוואַנען דער אומגליק וועט קומען. מיט אים איז בעסער לעבן בעשאָלעם, — דעמאָלט וועט ער דיר ווייַזן און זאָגן, ווען עפּעס איז ניט אַזוי. נאָר די אַלטע, שטאָלצע, זיכערע מייַסטערס האבן ניט באַדאַרפט אָנקומען צו אים. אָבער צו זיי האט ער זיך אויך אַנדערש באַצויגן: געקלאפּט אין פּלייצע, גערעדט, אַמאָל געדריקט די האנט. די לערניינגלעך און ניט־געניטע מייַסטערס פלעגן אים דערפילן מיט דער פּלייצע. אין זיין גאַנצן געשטאַלט האט מען געפילט אַ קראַפט פון א מענטשן, וואס ווייסט אַלץ, קען אַלץ און קען מיט דיר מאכן וואס ער וויל.

אָפּטער ווי אומעטום האט מען געקענט איצט זען טאַלייַעוון לעבן זשאַגונס וואַרשטאַט. ער האט געפילט אין זשאַגונען א נאָענטן מענטשן, זייַנעם א גלייַכן. ער האט דערציילט זשאַגונען וועגן דער שלעכטער אָרדענונג אפן זאַוואָד, אָפּגעשפּעט פון די זאַוואָד־טוער, פון דער מאַכט, מיט איין וואָרט, אויסגעגאָסן פאַר אים זיין האַרץ. די אַרבעטער האבן געגלויבט, אַז זשאַגון און טאַלייַעוו זיינען גרויסע, גוטע פרייַנט, נאָר פּלוצים האט זיך געטראָפן אן אומדערוואַרטע זאַך.

אלע צייַטן זיינען אַפן זאוואָד געוועַן אַזויגערופענע אונטערלעקער. פאַרבליבן זיינען זיי אויך היינטיקע צייַטן. צווישן די שוואַרצאַרבעטער אפן זאַוואָד האט זיך באַוויזן אן אומגעלומפּערטער, רויטער באכער. ער האט אונטערגעטראָגן די טאָקערס דאס אייַזן. זיין מיִעס דעגענעראַטיווו פּאָנים האט מען געקענט איבערן גאַנצן צעך. דעם רויטן האט מען אינגיכן פייַנט געקראָגן: אַ פריטשעפּע און גלייַכגילטיקער צו די אַרבעטער, פלעג ער אבער דער נאַטשאַלסטווע שטענדיק כאַנפענען. לעבן סעמען איוואַנאָוויטשן האט ער זיך שטענדיק געדרייט, טייקעף געלאָפן אויספילן זיינע באַפעלן, אַרייַנגעקוקט אים אין די אויגן.

זשאַגון האט געפילט צום רויטן אַ שרעקלעכע סינע. אים האט זיך געגלוסט, נעמען דעם באָכער פאַרן קאָלנער, א טרייסל טאָן און זאָגן: „סוואָלאָטש!”. אינגיכן האט דער רויטער באָכער אָנגעהויבן אַרבעטן באם באַלטאָרעזנע וואַרשטאַט. באַשטאַט האט אים סעמען איוואַנאָוויטש; — דאס

האבן אַלע געוווסט. דער צופאַל האט זשאַגונען געעפנט די אויגן. פריער איז באַ אים סעמען איוואַנאָוויטש אויסגעקומען פּאַשעט, ווי א גוטער מײַסטער, וואס האט אַביסל ניט ליב די רעוואָליוציע. איצט איז טאַלײַעוו פאר אים ווי אָפּגערוקט געווארן, אויסגעדרייט מיט אן אַנדער זײַט, וועלכע מע האט פריער ניט אָנגעזען.

דורך דער שווײַגנדיקער שטרענגער מאַסקע זשאַגונס, האט טאַלײַעוו ניט געקענט באַמערקען די געענדערטע באַציִונג און איז נאָך אָפּטער צוגעגאנגען צו זשאַגונס ווארשטאַט.

— א גוט מאָרגן, זאָל גאָט העלפן — האט ער אים געזאָגט אין איינעם אַ אינדערפרי. געשוויגן אַביסל, אײַנגעהערט זיך צום שטילן שורשן פון סטרוזשקעס. — האסט געהערט? — דעם דירעקטער וואָראָנין האט דער טרעסט צוגעטראָגן א באַדאַנקונג פאַר דער ארבעט. אט האסטו דיר יוישער. און ווו זיינען מיר? כאַזיירים וואָלט ער באַדאַרפט פּאַסן, דער דירעקטער, ווען ניט מיר. און אונדז דאַנקט מען ניט... דער דירעקטער... דו געדיינקסט דעם אלטן קאַרל איוואַנאָוויטש פּעטליציאַ, אָט א דירעקטער!..

— איך געדענק... — האט זיך זשאַגון פּלוצים אומגעקערט און געוואָרפן די ארבעט. — איך געדענק אלץ: דעם פּעטליציאַ און דיך, אויסוווּרף...

סעמען איוואַנאָוויטש איז פאַרגליווערט געוואָרן. ער האט שווײַגנדיק, פאַרכידעשט געקוקט זשאַגונען אין די שטעכיק-צאָרנדיקע אויגן. אַזא באַליידיקונג האט ער נאָך אין זיין לעבן ניט געהאט. ער האט דאָך אַליין געלערנט זשאַגונען דערעכערעץ, צוטרוי געהאט צו אים, און אָט האסטו דיר... פאַר וואס? שיקט זיך ס'זאָל זיין פאר יענעם פּאַטש? ניין. — דאס האט סעמען איוואַנאָוויטש ניט געקענט צולאָזן. סע געווען שוין אזוי לאַנג, שוין פאַרגעסן געווארן און, ביכלאַל, ווייניק האט ער אין זיין לעבן געפּאַטשט? זשאַגונען האבן זיך די ברעמען ענג צונויפגעפרעסט, צאָרנדיק-פאַרפרעסטע ליפּן האבן געציטערט.

— פארוואָס איז? — האט סעמען איוואַנאָוויטש געפרעגט.

דעמאָלט האט זשאַגון אָנגעהויבן ריידן.

— דערפאר, — האט ער געזאָגט, און געווארפן ווערטער ווי שטיינער, — פאַר אלץ! ביסט א הונט! ביסט אן אויסוווּרף! ביסט אַ נעוויילע!!

זשאַגון האט זיך גערוקט אַף טאַלײַעוון, אײַנשפּאַרנדיק זיך מיט די פיס אין דיל, ווי אן אומגעהויערער קויעד וואָלט אים פונהינטן

געשטופט. דערפון, וואס זשאַגון האט גערעדט און געזידלט זיך, האט ער פּלוצים אָנגעווירן באַ טאַלייעוון זיין סוידעסדיקע, היפּנאָטיזירנדיקע קראַפט, ער האט טאַלייעוון אויסגעוויזן אַזוי געוויינלעך, אַזוי נישטיק...

— וואס איז? — האט טאַלייעוו געפרעגט מיט זיין געוויינלעכן בייזן טאָן פון אַ נאַטשאַלניק, — צו אַלדע רוכעס!.. מאַרש טייקעף צום וואַרשטאַט!

זשאַגון האט אומבאַהאָלפן זיך ארומגעקוקט, ווי געקומען צו זיך, פארשעמט געווארן, גלייך ער וואָלט געמאכט עפּעס ניט קיין שיינע זאַך, און נערוועז־גיך אומגעקערט זיך צום וואַרשטאַט.

סעמען איוואַנאָוויטש איז געווען מאָלעגעדולע. ער האט דערפילט, אַז ס'האט זיך צו אים אומגעקערט די קראַפט, וועלכע ער האט אָנגעווירן, די מאַכט איבער זשאַגונען. אָט פאַרוואָס סע האט אים אַזוי געצויגן צו דעם שוויגער, אָט פאַרוואס ער אָט אזוי געגאַרט פון זשאַגונען א וואָרט צו הערן! טאַלייעוו האט זיגעריש באַקוקט דעם צעך און דערזען, ווי גע־שווינד אונטער זיין בליק האבן זיך געכאַפּט צו דער ארבעט יענע אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען פארקלערט, איבערגעראַשט פון דער אומגעוויינלעכער סצענע.

מעגלעך, אז דערמיט וואָלט זיך דער איניען געענדיקט, גאָר די גע־שעענישן האבן זיך אַנטוויקלט ווייטער און אָנגענומען א גאַנץ אנדערן כאַראַקטער.

דער אַלטער טאָקער אַרכיפּ יאָסיפּאָוויטש, וועלכער האט זיין לעבן לאַנג געארבעט אַף דער סאַמאָטאָטשקע, האט שוין לאַנג געבעטן זיך אַף אַן אַווטאָמאַטישן וואַרשטאַט:

— לאָזט מיך אָפּרוען. סע שווער אַף דער סאַמאָטאָטשקע. כ'בין שוין אַלט...

טאַלייעוו האט אים צוגעזאָגט.

דעם טאָקער פונעם אַווטאָמאַטישן וואַרשטאַט — פּיליפּענקען, האט דערהאַרגעט די באַלוואַנקע, וועלכע האט זיך אָפּגעריסן פונעם קראַן.

— סע גליקט מיר ניט... — האט געזאָגט אַרכיפּ יאָסיפּאָוויטש, — ס'איז עפּעס ניט אַנגענעם זיך שטעלן אפן וואַרשטאַט: סע קומט אויס ניט אַנדערש, ווי כ'וואָלט אַרויסגעקוקט אַף זיין טויט.

דער אַלטער איז געווען זיכער, אז קיין אנדערן, אויסער אים, וועט אויס־קומען שטעלן זיך באַ פּיליפּענקעס וואַרשטאַט. אָבער אין אַ טעג צוויי אַרום האט מען דערזען באַם אווטאָמאַטישן וואַרשטאט דעם כאַניפּעניק,

דעם רויטן באָכער. טאַלײַעוו האט אים אַליין צוגעפירט, געלאָזט דעם וואַרשטאַט און אָנגעהויבן אים ווײַזן ווי מע דאַרף אַרבעטן.

— צוליב פראַקטיק וואָזגעט ער זיך מיט דער נעווילע, — האבן גערעדט צווישן זיך די אַרבעטער, וועלכע האבן ניט געגלויבט, אַז באַם אַוטאָמאט זאָל מען אַוועקשטעלן דעם באָכער.

ווען די ארבעטער האבן זיך אין דעם איבערצײַגט, זײַנען זיי געוואָרן אופגעטראָגן. ס'האט אופגעוואַכט אין זיי דער אוראַלטער דערעכערעך פאר קוואַליפיקאַציע. יעדן אַנדערן וואָלט טאַלײַעוו געמעגט שטעלן אַנשטאַט אַרכיפ יאָסיפאָוויטשן, אָבער א קוואַליפיצירטן. און וואס איז דער? — נעכטן ערשט געווען א שוואַרצאַרבעטער, אַן אונטערלעקער. און ווער האט אים אַוועקגעשטעלט? — סעמען איוואַנאָוויטש טאַלײַעוו, דער, וועלכן מע האט אַזוי געאַכטעט פאַר קוואַליפיקאַציע און פאַר זײַן אָפשײַ צו איר.

דער צעך איז געוואָרן אופגערודערט. ס'האט זיך אָנגעהויבן א לויפערײַ פון איין וואַרשטאַט צום צווייטן, צווישן די רימענס האבן געשווינדלט צאָרנדיקע פענימער. אַ צערייצטקייט האט סטיכיש אַרומגעכאַפט דעם גאַנצן צעך ווי א פײַער. זשאַגון האט זיך אָפגערוקט פון זײַן וואַרשטאַט. שפאַנענדיק איבער די הויפנס סטרושקעס, איז ער געגאַן גלײַך אַף טאַלײַעוון, געגאַן פעסט, און ווידער האט עס געמאַכט אַן אײַנדרוק, אַז עפעס אַן אומגעהויערע קראַפט שטופט אים פונהינטן.

צי ער האט אים דערפילט, סעמען איוואַנאָוויטש, צי דערזען, נאָר ער האט זיך אויסגעקערעוועט אין זײַן זײַט, געשטאַנען און געוואַרט. און ווידער האט אין איין רעגע טאַלײַעוו אָנגעווירן די מאַכט איבער זשאַגונען. ער האט דערפילט, אַז סע רוקט זיך אַף אים עפעס א שווײַגנדיקס, סוידעטדיקס, וואס היפנאָטיזירט, וואס פירט אָן מיט אים אינגאַנצן. דער געפיל האט טאַלײַעוון איצט ווייטיקדיק געשטאָכן און גערייצט.

— סע דו האסט אַוועקגעשטעלט דעם רויטן? — האט פאַרדומפן געפרעגט זשאַגון, רירנדיק די ליפן, גלײַך ווי זיי וואָלטן געמאַכט געווען פון שטיין.

— די אַדמיניסטראַציע... איך שטעל קיינעם ניט — האט טאַלײַעוו מיט דעמזעלבן טאָן געענטפערט זשאַגונען.

— נעם אים אַראָפ, — מאַכט זשאַגון נאָך פאַרדומפענער און אַזוי אַנטשלאָסן, אַז טאַלײַעוון האט עס אַזש איבערגעגרימט.

און מאָדנע: דער סייכל האט טאַלייַעוון געהייסן אַראָפּנעמען דעם „רויטן", און דער געפיל — פאַרקערט... טאַלייַעוון האט זיך שרעקלעך געגלוסט שטעלן אף זייַנעם. ער האט זיך ארומגעקוקט און דערזען אַ אָנגעכמורעטע וואַנט פון אַרבעטער־פּענימער: זיי זייַנען געווען ניט אף זיין זייַט. און סעמען איוואַנאוויטש האט געטאָן דאס, וואס סע טוט אַ מענטש, בעיס ער איז ארומגערינגלט מיט סאָנים און וואַרפט זיך אין שלאַכט מיט אַ קוויטש פון שטאַרק־באַליידיקטער זעלבסטליבע.

— ווער פירט אָן מיטן צעך? — האט אַ רעווע געטאָן סעמען איוואַנאָוויטש, — אף די ערטער, סוואָלאָטשעס!

ער האט זיך טייקעף דערשראָקן פאר דעם, וואס ער האט אָנגעמאכט. אַ פינצטערע כוואַליע האט פאַרגאָסן די אַרבעטערס פּענימער, אַ ברומען האט זיך צעטראָגן.

זשאַגון האט אופגעהויבן זיין שווערע האַנט, און גלייַכמעסיק, ווי מיט אַ האַמער, אַ קלאַפּ געטאָן טאַלייַעוון מיט דער פויסט אין פּאָנים. אַ שווערע שטילקייט איז געוואָרן. מע האט דייַטלעך געהערט דאס ווייכע זשומען פון טראַנסמיסיעס און פלאַפּלערייַ פון רימענס.

— אַזוי איז רעכט, — האט געזאָגט עפּעס אַ קאָל, און ס'האט זיך אופגעהויבן אַ הודען...

ס'איז זיך צונויפגעלאָפן קימאַט דער גאַנצער צעך, פון ערגעץ האבן זיך באַוויזן דער מיטגליד פון זאַווקאָם און דער דירעקטער.

— וואס איז געשען? — האט זיך געוואָרפן דער זאַווקאָם־מיטגליד, — זשאַגון, וואס איז?..

— ס'אַ כויוו... — האט געזאָגט זשאַגון, איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, — זיבעצן יאָר האב איך געשוויגן, און איצט האט ער דעם כויוו!..

ווען צאָרן גייט דורך אין טיפעניש פון מענטשנס האַרץ, ווי אַ שטורעם, ווערט דער מענטש דעמאָלט מילד, ווי די נאַטור נאָך אַ פליץ־רעגן. דאסזעלבע איז געשען מיט טאַלייַעוון: איידל־ריינע געפילן, פון וועלכע ער האט קיינמאָל ניט געוווסט, האבן זיך פלוצים אופגעהויבן פון דער טיפעניש ערגעץ, ווי מע וואָלט אים אויסגעביטן. אלץ ארום איז געוואָרן פריש, נייַ.

— שולדיק בין איך! — האט ער געזאָגט אפן קאָל, באַקוקנדיק אַלעמען און זיך געווענדט צום דירעקטער, — לאָמיר פאַרגעסן דעם איניען.

טאַלייַעווס קאָל איז געווען ריין און פעסט, און ער האט דערפילט, ווי אַ וואַרעמער פונק איז דורך צווישן אים און די אַרבעטער. אומדער-

וואַרט פֿאַר זיך אַליין האָט סעמען איוואַנאָוויטש אַ שפּאַן געטאָן צו זשאַגונען און אויסגעשטרעקט אים די האַנט. זשאַגון האָט אײַנגעדרינגלעך אָנגעקוקט די אויסגעצויגענע האַנט, ווי אויספֿאָרשנדיק זי און מעיאַשעוו געוועזן זיך, און דערלאַנגט זײַנע:

— נאַ, סעמען איוואַנאָוויטש, האָט ער געזאָגט, — מיר האָבן זיך צעצאָלט, פּאַרטיק!..

זשאַגון האָט אַ שמייכל געטאָן, און אַלע אַרום האָבן געשמייכלט, ווײַל מע האָט דערזען דעם ערשטן שמייכל אויף דעם פּנים, אויף וועלכן ס׳איז ניט געווען שוין אַזוי פֿיל יאָר.

דעם טאָג איז בײַ די טאָקערס אין צעך די אַרבעט געגאַנגען ניט אַזוי פֿייגלדיק; יעדן האָט זיך געגלוסט ריידן, און מע האָט גערעדט... געשוויגן האָבן נאָר דרײַ: זשאַגון, סעמען איוואַנאָוויטש און דער באַכער, דער אונטערלעקער, וועלכער האָט אויסבאַהאַלטן פֿון אַלע זײַן אופֿגעבראַכט פּנים.

איוואַן לע

געבוירן אין 1895 - טן יאָר אין פּאָלטאַווּשטשינע. ביזן 1915 - טן יאָר געאַרבעט אַלס באַטראַק. פון 1915 יאָר אַוועק אויף דער מילכאָמע. אַקטיוו באַטייליקט זיך אין דער רעוואָליוציע. נאָכן ענדיקן דעם אַרבפאַק אַריינגעטראָטן אין פּאָליטעכנישן אינסטיטוט.

זיין ערשט ביכל דערציילונג: „יוכים קודריא", אַרויסגעגעבן אין מעלוכע-פאַרלאַג פון אוקראַינע. „די ריטמען פון שאַכטיאָרקע", פאַרלאַג „וואַפּ". „צווישן בערג" — ראָמאַן.

איוואַן לע

שאַכטע - ריטמען

אַ מאַמע ווי אַלע מאַמעס.

— גאָטעניו און גאָטעניו. — האָט זי אָנגעהויבן קלאָגן, — כּיי וואָלסטו שוין געזעסן אינדר'היים, געפירט דאס באַלעבאַטישקייט; ווי עס איז וואָלט מען זיך אויסגעדרייט. באַ לײַטן זיצט מען אַף איין אָרט, און נאָר דו ביסט באַ מיר אַ... סע לייגט זיך מיר ניט אפן סייכל. מאָמער וואָלסטו געבליבן, אַנדריי? — פון גאַנצפרי אָן האָט זי זיך שוין אָנגעהויבן פּאָרען באַם אויוון.

— וואס פארשטייט איר ניט: כ'האָב איצט ניט וואס צוטאָן אינדר'היים. ס'איז נאָך אַ ביזאָיען פּאר מענטשן. כ'קען זיי אין די אויגן ניט קוקן.

שווער איז דער מוטער אָפּצולאָזן דעם זון. דער לעצטער איז ער באַ איר, און אַליין איז זי שוין גרוי, אַלט. נאָר אַנדריי האָט זיך אײַנגעשפּאַרט.

— ס'גאַנצע דאָרף רעדט פון אונדז, מע לאָזט די גאַס ניט דורכגיין: „אָן, זאגן זיי, גייט ער, דער מאַכער, דערפירט די באַלעבאטישקייט צו אַ שטאַנד... און מיר, מיינט איר, איז גרינג צו הערן, ווי זיי כויזעקן?

— מ'וואָלט ווי עס איז אויסגעקומען. וואָלסט פארדינט. און שפּעטער וואָלט מען אָפּגעשפּאָרט אַף אַ בעהיימע אויך. און אזוי, פאָרסט אַוועק... ווער ווייסט, ווו דאס מאַזל געפינט זיך...

— איך פאָר! — האָט אנדריי אָפּגעהאַקט דער מוטערס רייד. — כ'קען ניט ארבעטן אזוי ווי אלע. ווען סע איז געווען אַ קאָלווירט, האָב איך געארבעט. זאָל מען זאָגן, אז כ'בין געווען אַ פוילַיאַק, אז דאס ברויט איז ניט געראָטן שענער ווי באַ די, וואס רופן זיך אָן „באַלעבאַטים"... איך פיר דאָך אַ נײַע באַלעבאַטישקייט, מאַמע. נאָר אז דאס נײַע איז זיך

צעפאלן און קיין מאַשינעס האט אונדז ניט אָפּגעגליקט צו קויפן — טאָ קען איך ניט. כ'קען ניט און שוין! איך דאַרף אַ מאַשין. מיט איר בין איך שטאַרק. און כוץ דעם איז...

אַנדריי האט עס ניט געקענט ארויסברענגען. ער האט זיך געקליבן אין וועג אריַין זוכן ארבעט. ס'איינציקע, וואס האט געקענט ראטעווען דעם קאָלעקטיוו, — איז דער באשלוס צו גיין, גיין אלע צוזאַמען און פארדינען אַף מאַשינעס.

און וועגן מאטראנען איז אים אַ ביזאָיען געווען זיך מודיע זיין פאר דער מוטער. ער האט גערעכנט איר גיבן צו פארשטיין, ווען ס'וועט קומען צו רייד. אָבער די מוטער האט ווי געטראָפן זיינע געדאַנקען, אויסגעווישט מיט דער זשמעניע די פארקנייטשטע אַלטע ליפּן, פארצויגענע ווי אַף אַן אַטשקור, פארוקט דעם אויוון און צוגעטראָטן צום שמועס:

— האסט, דאַכט זיך, געוואלט כאסענע האבן? וואס וועט איצט זיין מיט מאַטראָנען? שכיינים שושקען זיך אין די אויערן... אלע ווייסן, אז זי איז טראָגנדיק, און פאָרסטו אוועק פונדר'היים, איז וואס איז דאָ צו ריידן... אַף צען יאָר, ווי דעמאָלט. — און אירע אויגן, פארגראָבענע אין קנייטשן, האבן געשווינד געפינטלט. די אלטע האט זיך דערמאנט יענע אומעטיקע צען יאָר איינזאַם לעבן. אנדריי איז דעמאָלט געווען אין די שאַכטעס.

ניט קיין לעבן איז עס געווען, נאָר אזוי, אַבי „אָפּשטופּן דאס ביסל יאָר". ווייַל לעבן וואָלט זי באַדאַרפט פריִער און אביסל שענער, — דעמאָלט, ווען זי איז נאָך געווען אַ שנור, און שפּעטער אַ מאַמע פון צוויי זון און א טאָכטער. דעמאָלט, ווען איר מאַן, דער שוואַרצארבעטער, קו־מענדיק פון שטאָט פלעג ברענגען מאַטאָנעס, און אליין, א יונגער, א קרעפּטיקער, — אָט דעמאָלט וואלט זי באַדאַרפט לעבן. און דערנאָך, ווען איר טאָכטער איז געשטאָרבן פון פּאָקן, ווען דעם מאַן מיטן זון האט מען דערהאַרגעט בעייס א שטרייַק אין ניקאָלייַעוו... — דעמאָלט איז נאר גע־בליבן אָפּשטופּן דאס לעבן אינצווייען מיט אַנדרייען, אים אָפּהיטן פון אַ בייז אויג, פון סאַקאָנע. די צען יאָר טויט־שרעק האט זי אויסגעהאלטן. אויסגעהאלטן אפילע די יעדיִע, אז די „ליוואָרוציע" איז געקומען, און מיטן הארצן דערפילט אין איר דעם קאַמף פאר לעבן און טויט.

ניט פאַרשטייענדיק פארוואס, האט זי געבעטן, אַז עמעצער זאָל העלפן דעם „שטרייַק" זיגן.

דער „שטרײַק“ האט געזיגט. ערשט דעמאָלט איז געקומען אַנדריי און געטרייסט די אַלטע, שוואַכע מוטער...

אָף ווי לאַנג אָבער?

און דער געדאַנק וועגן נײַע צען יאָר אָנעם לעצטן זון האט זי געפּײַניקט. וווּהין גייט ער ווידער? — פֿאַרדינסטן זוכן, פֿונדר׳היים אַוועקגיין.

דער געדאַנק האט אַרויסגערופֿן עטלעכע קאַלטע, קאַרגע טרערן, ניט ווי אַמאָל, יונגערהייט, אַ גאַנצן שטראָם ווייטיקדיקע, אומופּהערלעכע, און זיי קען מען אַפּילע פֿאַר טרערן ניט פֿאַררעכענען.

— ביסט געווען אַזאַ באַלעבאָס. אַפּילע איך, אַן אַלטער מענטש, האָב אויך... ווי איר האט אַלע אײַנגעגעסן... ס׳דאַרף האט דען ניט געווען. דעמאָלט האט מען מעקאַנע געווען. נאָר איצט, אַז ס׳האט געטראָפֿן אַן אומגערעטעניש... איז לאַכט מען. און מאַטראָנע... און מוסיי אויך...

אַנדריי האט זיך געפּאַקעוועט אין וועג, צונויפֿגעלייגט זײַן שאַכטיאָרישן אָנטאָן, וואס איז נאָך געבליבן ניט פֿאַרקויפֿט אין דער צײַט פֿון הונגער, אַרויסגעשלעפּט פֿון קאַסטן די פֿאַרשטויבטע האַרמאָניע.

דער מוטערס לעצטע ווערטער — דאס איז פּונקט געווען דאס, וועגן וועלכן ס׳איז אַזוי שווער געווען צו ריידן.

— מאַמע! איך גיי דאָך ניט אַף קיין צען יאָר! כ׳וועל נאָר אַביסל פֿאַרדינען...

אַנדריי איז נאָך מער רויט געוואָרן. ער האט שוין אַזוי לאַנג געוואָלט מיט דער מוטער וועגן מאַטראָנען ריידן.

— און מאַטראָנע... כ׳ווייס גאר אַליין ניט. — מוסיי האט אָפּגעזאָגט...

— וואָס שווײַגט ער? פֿאַרוואס האט ער אָפּגעזאָגט?, דאס מיידל איז טראָגנדיק, און דער טאַטע... גאָטעניו, גאָטעניו — האט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ. וואס זשע זאָגט ער? — וואס איז, דער מוטער האט זיך שטאַרק פֿאַרוואָלט אַ „מאַמזער“ אין שטוב אַרײַן?

— כ׳ווייס ניט. מוסיי זאָגט פּראָסט: קיין באָטיאַק האָב איך ניט געהאָדעוועט, געהאָדעוועט נאָר אַ טאָכטער, וועל איך זי האָדעווען מיטן „מאַמזער“. אַן אײַדעם פֿעלט מיר נאָך צו האָדעווען? און עפּשער נאָך דעקן זײַנע כויועס... ס׳איז קלאָר, וואס מוסיי דאַרף איצט ריידן, אַז אַף די טאָרגעס האט ער אָפּגעקויפֿט סײַ דעם טראַקטער, סײַ די צוויי פֿערד אונדזערע... ער איז איצט דער מאַכער...

דערמאַנענדיק זיך אין דעם גרויסן אומגליק, פּלעג אַנדריי אפילע אין מאטראָנען פארגעסן. ווען ער האט געשיקט די מעלדונג פון קאָלעקטיוו, מע זאל זיי די כויוועס אָפּלייגן אַף א שטיקל צייַט, איז ער געווען גרייט אַף אלץ, אָבער אַזאַ שוידערלעכן קראַך פון זיין טייַערסטער שאפונג אין מעשעך פון פיר יאָר,— האט ער זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט. זיי האבן געבעטן אָפּלייגן דאס צאָלן נאָר ביזן גערעטעניש, איז אנשטאָט דעם... זיינען געקומען צוויי פאַרשווינען מיט מאַנדאַטן. אפילע רעדן ניט געוואָלט — זיי האבן קיין צייַט ניט. מע האט איינס־צוויי פארקויפט האַק־און פאַק, אַלץ וואָס מע האט פאר פיר יאָר אָנגעזאַמלט. אפילע די איז׳עע פון קאָלעקטיוו האט מען, ווי דאס געוויסן פון אַ גאַנעוו, פארקויפט דעם מוסייען צוזאמען מיטן טראַקטער...

און מע איז זיך אוועקגעפאָרן.

— סע אַרט מיך ניט,— האט אַנדריי געטרייסט זיך און די כאַווייריִם. זיי האבן זיך אלע צוזאַמענגעקליבן פאָרן אַף דער סטאַנציע און זיינען איצט אריינגעגאַן אים נעמען. סע מאַכט ניט אויס, וואָס מע האט אונדז אויסגעפארקויפט צוליב די כויוועס. ווי באלד שולדיק — און צאָלן צו דער צייַט קען מען ניט — איז א סאַף. בוכהאַלטעריע איז ניט וואָס אַראָפּ־נעמען ברויט פון פעלד: מיט אַ טאָג פריִער, צי מיט אַ טאָג שפּעטער. אז סע איז געקומען די צייַט, איז צאָל. מיר פארשטייען עס גלייַך מיט אַלעמען. אָבער פארוואָס אַף טאָרגעס, און נאָך ווערמען?..

— דעם באַלעגוף,— האט צוגעגעבן הריצקאָ און גענומען אנדרייס קאַסטן טראָגן צום שליטן.

— מוסייען.— האט פארענדיקט אנדריי.

איבערן צעדרייטן צעגאנגענעם שניי איז מען אלע פיר געגאַן צו דער סטאַנציע. דער שליטן האט געפירט זייערע זאַכן. ס׳איז געגאַן צו וועסנע צו. אנדריי האט עס געשפירט אין די אָפּגעקראָכענע, פליכעוואַטע ערטער. זיי האבן ארויסגעשטעלט פון אונטערן פארברודיקטן שניי פרי־לינגדיק־צעפּאַרעטע, שוואַרצע לאַטקעלעך.

די נאַטור האט זיך אויך געקליבן צו פראַוון אַ ניי־יאָר און ווי גע־וואַרט אַף אַ גליקלעכן טאָג, ווען דאס פוכקע פּאָנים פון די ווינטער־פעלדער וועט זיך באַוואַשן מיט צעגאנגענע שנייען. זיי זיינען שוין ווי אַ קאַשע אָפּן שליאַך. ס׳איז נאָך קאַלט פונעם קאַמף צווישן זון און שניי. נאָר אין קלאָרן, לויטערן טאָג שמעקט שוין מיט וואַרעמקייט איבער פעלדער. אָט־אָט וועט זיך אנדריי אַ ריר טאָן און אַוועקשווימען,

אַוועקקײַקלען מיט רוישיקע שטראָמיקלעך, מיט וואַסער־ווירבלען, אראָפּ־לויפן צום דניעפּער.

אַנדריי האָט געקוקט אויף דעם אַלץ — אפן סטעפּ, אויף דער זון — און גע־טראַכט. געטראַכט וועגן דעם, וואָס איז געווען דער גאַנצער מעהוס פון זיין לעבן, דער אינהאַלט פון קאַמף פאַרן קומענדיקן גליק.

— נו, האָט מען פאַרקויפט — איז וואָס דערפון געדרונגען? דאָס איז דען אַלץ? אָט אַזוי נעמען אוועקוואַרפן, אַנערקענען זיך אַלס באַזיגטן? און וואָס ווײַטער? און ווער וועט זיך אונטערנעמען אָרגאַניזירן אַ צווייטן קאָלעקטיוו, זעענדיק, ווי מיר האָבן געפּלאַצט מיט אַ קנאַק? און די סטעפּעס, די אומענדלעכע סטעפּעס! וויפל רײַכקייט זיי פאַרמאָגן אין זיך, ווען מע האָט נאָר די מעגלעכקייט!.. ס'איז שוין געגאַן אַזוי גוט, אַפילע די קולאַקעס האָבן שוין גערעדט וועגן אונדז... איז האָסטו דיר: אַ שלעכט גערעטעניש און סע איז ניטאָ וואָס צוטאָן מער, פאַרשפּילט...

צאָלונגען, די בוכהאַלטעריע האָט אופגעפרעסן...

אַנדריי האָט זיך ארומגעקוקט אויף די כאַווירים. זיי זײַנען געווען פריי־לעך, צי עפּשער גלײַכגילטיק. זיי פאָרן אין קריוואָראָג זיך פאַרדינגען, און דאָס איבעריקע גייט זיי דען אָן, די פּאָשעטע מענטשן?

— אַנדריי, מאַטראָנע איז היינט פאַרטאָג אַוועק קיין אָפּליניוואַצי; צו דער מומען, ווײַזט אויס.

— וואָס האָסטו זיך פּלוצים דערמאַנט אין מאַטראָנען? — האָט גע־פרעגט אנדריי. ער האָט אַ קוק געטאָן אין דער זײַט פון אָפּליניוואַצי, וואָס האָט זיך געשוואַרצט פון הינטערן בערגל אַרויס, אָפן שליאַך.

— אַלעמײַ לאָזטו איבער וואַסילינען, נאָך מיט אַ קליין קינד, און וואָס איז מיר מאַטראָנע?..

— כ'האָב גלאַט דערזעען די ציילעמס פון אָפּליניוואַצער קלויסטער, האָב איך זיך דערמאָנט. נעכטן איז אַהין מוסיי מיט אונדזער טראַקטער אוועקגעפאַרן, און היינט פאַרטאָג איז אויך מאָטריע...

אנדריי ווייסט עס אליין. מוסיי איז אוועק קיין אפּליניוואַצי מאַכן אַ פרווו — שלעפּן מיטן טראַקטער דעם קאָרעווס פּראָסערושקע. ער קאַעסט זיך:

— ערשט אַ וואָך, אַז מע האָט געקויפט דעם טראַקטער, האָט מען שוין פאַר אים געפונען ארבעט, ער זאָל ניט שטיין ליידיק. פאַרשאָלטענע קולאַקעס, זיי שלאָפן ניט!.. — און אויסגעשפּיגן.

פון הינטערן בערגל האט זיך באַוויזן אַ שליטן. אַ גניאַדע פערד האט זיך פּאַמעלעך געפלאָנטעט איבערן צעווייקטן שליאַך. אין שליטן האבן גע־דרימלט צוויי פּאַרשוינען, און ווען זיי האבן זיך אויסגעגלייכט מיט דער קאמפּאַניע, האט מען זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף און ניט געוווּסט ווו מע איז אין דער וועלט.

— סטעפּאַן? טו נאָר א קוק, סטעפּאַן פּאָרט!

— סטעפּאַן, סטעפּאַן, — האבן אלע מיטאַמאָל גענומען ריידן.

אַ דארער מענטש, אַן אויסגעמאַטערטער, א באַוואַקסענער האט גע־עפנט די אויגן, ער האט אויסגעזעען ווי ערשט נאָך אַ קרענק.

מע האט אָפּגעשטעלט די פערד אינמיטן שליאַך. מ'האט זיך געקוקט אין די אויגן, ווי ניט דערקענענדיק איינער דעם אנדערן.

— אַנדריי? — האט פארכידעשט געפרעגט סטעפּאַן. — ווהין איז אזוי פרי מיט די זאַכן? פארדינגען זיך עפּשער? הא? ביסט באַם זינען, אנדריי? — אט ער געפרעגט.

— וואס איז דען? — אנדרייען האט זיך אויסגעוויזן, אז סטעפּאַן האט זיך עפּעס דערוויסט אין אָפּליניוצי וועגן מאטראָנען און וויל איצט דערציילן.

— ס'איז איצט אומעטום אַזאַ ארבעטלאָזיקייט...

און אלע האבן קענגן זייער ווילן אפּן קאָל אים נאָכגעזאָגט:

— אַזאַ ארבעטלאָזיקייט... אומעטום... און מיר זיינען נאקעט. מע האט אונדז דאָך אויסגעפארקויפט...

סטעפּאַן האט נאך ניט געוווּסט וועגן וואס סע גייט די רייד. ווי אַ הונגעריקער וואָלף האט ער אַ קנאַק געטאָן מיט די ציין, ריידנדיק מיט סינע וועגן ארבעטלאָזיקייט.

— קוקט מיך אָן, קוק, אַנדריי, דו ווייסט דאך, אז אז כ'בין ניט קיין שלעכטער זאַבוישטשיק. און זעסט, אן אָפּגעריסענער, אַ הונגעריקער, קוים מיט צאָרעס זיך דערקליבן אהיים, אי דאס אָן אַ בילעט. קריוואָ־ראָג איז פארפלייצט מיט אונדזעריקע, טויזנטער זיינען אָנגעלאָפן פון די דערפער. אין די שאַכטעס גייט איצט ראַציאָנאַליזאַציע: מע בויערט מיט מאשינעס, מע לאָדט אָן מיט עסקוואַטערס, די שאַכטע לעבט מיט עלעקטריק. מעגסט זיין דער בעסטער, איז ניטאָ פאר דיר קיין ארבעט. כאָטש נעם און צי זיך אויס. די סטראַכקאַסע רעגיסטרירט אונדז קוים. און קען מען דען לעבן פונעם ביסל הילף, וואָס זי גיט? און כוץ דעם, איז פריקרע צו זיין א ליידיקגייער אפן כעשבן פון דער מעלוכע...

עפשער איז עס נאָר אין קריוואָראָג? און יוזעווקע? גרישינע און גאָורילעווקע?..

— אַלצײנס, אײן רועך! אומעטום פאַרפלײצט מיט מערעשקעס. כ'האָב זומער א כאַדאָשים דרײַ געאַרבעט אַפן טאָג דאָ און דאָרט — די בירזשע האט געשיקט. און איצט גייט שוין דער פינפטער כוידעש... — סטעפאַן האט באַקוקט זיין אַנטאַן, דעם פאַרשמאָלצעוועטן, צעריסענעם שי-נעל. — ווי איר זעט מיך, אויסגעוועזן אין שמאַקאָווע, אין קאַרנאַוואַטקע, דובאָווע-באַלקע, אין דאָלינסקי געווען, אין יוזעווקע. ניטאָ קיין פרײַע אַרבעט...

סטעפאַן האט געהאַט א נערוועזע טעווע — שטשירן די ציין. אַמאָל, ווען ער איז יונג געווען, האָבן די יאַסלעס זיך געדרויטלט, אָבער איצט האָבן די אויסגעבלאַסטע יאַסלעס באַוויזן נאָר ברודנע ציין, און דאָס שטשירן מיט די ציין האט ענלעך געמאַכט צו אַ בייזן, הונגעריקן הונט. אין אַזוינע מאָמענטן איז פריקרע געווען צו קוקן אים אין פּאָנים.

אַנדרייס כאַווײרים האָבן זיך איבערגעקוקט. זייער קלוימערשטער גלײַכגילט האט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַניק. ס'איז קענטלעך געווען, אַז וואָלט אַנדריי זיך נאָר אײן ריר געטאָן, וואָלטן זיי זיך אָן איין וואָרט פאַרקערעוועט צוריק.

— וואָס זאָלן מיר טאָן? מיר מוזן...

— אָ, איך קען די אײבּיקע קרענק אונדזערע... מיר זײַנען געוווינט שטענדיק גיין פאַרדינען... מיר מוזן, מיר מוזן... און ווער וועט דאָס דאַרף נעמען אין די הענט? אין אַלטן דאָרף קענען מיר ניט אַרבעטן, טאָ דאַרף מען ניט כאַפּן קיין פייגעלעך...

— אָט האט זיך שוין ווידער אָנגעהויבן די אַגיטאַציע און דו שטײ. אַהין אָדער אַהער... — האָט געזאָגט סעמען, צורעכטמאַכנדיק דעם אַלטן כאָמעט.

— נו, מיר פאָרן? אַניט שפאַן אויס דאָס פערד, סײַווי מוז מען עס האָדעווען. און דו זון...

— מירן נאָך באַווײַזן, — האָבן אים די יונגערע פאַרזיכערט. — זיי האָבן געהאָפט, אַז עפשער וועט מען זיך אומקערן. אָבער אַנדריי האט עס ניט געהערט און אַלץ ווײַטער געטײַנעט, און סטעפאַן האט זיך נאָך מער געהיצט:

— פאַרשטײ וואָס מע רעדט צו דיר, אַנדריי, — אַזאַ פּעטע ערד, אַזאַ מאַסע, אין די שטאָט קריוואָראָג גייט אויס נאָך אַ קאַרטאָפל. אַ רובל

אַ פּוד! און ברויט, און בוימל! — אָבער ווען מע נעמט זיך צו די פּויערים, ווען מע נעמט זיך אַליין און מע פאַרזעצט אינדוסטריעלע קולטורן.

— אייסעך, קולטורן. וואס פאַר אַ אינדוסטריע, אַז קיין בײַוול־געוויקסן וואַקסן בײַ אונדז ניט?.. — האָט אַנדריי געפּרוּווט אים איבערשפּאַרן, ווײַל ער האָט געלייענט וועגן דעם אין צײַטונג.

— בײַוול? — האָט סטעפּאַן אַ סקריפּע געטאָן און אין די מוילווינקלען האָט זיך באַוויזן עפּעס אזוינס, גלײַך ער וועט באַלד א רעווע טאָן, ווי א ווילדע כּיַע. — בײַוול? — האָט ער ווידער אונטערגעשטראָכן. — נו, און קאַרטאָפל?

— קאַרטאָפל גערעָט, אָבער... בײַ אונדז, אַשטייגער, איז געווען אַנדערהאַלבן טויזנט פּון א דעסיאַטין, — האָט צוגעגעבן אַנדריי.

— יאָ, אַנדערהאַלבן טויזנט! און ווען מע פאַרזייט קאָלעקטיוו און מע קלויבט צו א סאָרט. צען דעסיאַטין, אַשטייגער, נעמען אָף א פּראָבע...

— ניין, סטעפּאַן, מיר פאָרן, ווײַל... סע גוריטיק!

אָבער סטעפּאַן האָט זיך ניט באַרויִקט, ארויסגעקראָכן פונעם שליטן, זיך אזש א וואַקל געטאָן. אזוי אויסגעמאַטערט און אויסגעמאָגערט איז ער געווען.

— פּאָרט, פּעטערל, א דאַנק... — האָט ער געזאָגט צום פורמאַן, ארויסקריכנדיק פון שליטן.

— הערט מיך אויס! צוויי כּאַדאָשים שוין, אַז איך טראָג זיך ארום מיט דעם טרוים, — האָט ער זיך ווידער געווענדט צו דער קאָמפּאַניע. איך רעכן, אַז אויב מע וועט פאַרזעצן צען דעסיאַטין קאַרטאָפל, וועט אונדז סטײַען אַרבעט אָף א גאַנצן זומער, און ניט נאָר אונדז, מע קען נאָך אַ צענדליק הענט נעמען פונגדערזײַט. דערמיט וועלן מיר סײַ די ארבעטלאָזיקייט פארקלענערן, סײַ דאָס דאָרף וועט רײַכער ווערן, ווײַל דאָס איז דאָך...

— און טאַקע אַן עמעס, אַנדריי, עפּשער וואָלטן מיר זיך אומגעקערט? — איז ניט דרייסט צוגעטראָטן אָנופרי. — מיר וואָלטן פארזעצט...

— אומקערן זיך? — בעשומויפן! און דער קאָלעקטיוו?! מיר קערן זיך אום נאָר אין אַ קאָלעקטיוו! און ווײַל ער איז רויִגירט, מוזן מיר פאָרן.

און די אַנטשלאָסנקייט אנדרייס איז אויך אפילע סטעפּאַנען געפעלן געוואָרן.

זיי שטייען אזוי און טײַנען זיך אויס אפן שליאך, קנעטן דעם צע־גאנגענעם שניי מיט בלאטע.

די זון האט זיך געהויבן אף די ראנדן פון כמארעס, גלײַך געגאנוועט זיך הינטער א פלויט, אויסבאהאלטנדיק איר ווארעמקייט אף בעסערע טעג.

סטעפאן האט זיך פאר קעלט געוויקלט אין זיינע ברודיקע שמא־טעס, שווער געהוסט מיט א טרוקענעם הונטישן הוסט, און אלץ אײַנ־גערעדט ניט צו פארן. אנדריי האט געוואלט אים ענטפערן עפעס וויכ־טיקס און ניט געקענט.

די איבעריקע דרײַ האבן זיך געשטעלט אף סטעפאנס זײַט. יעדער פון זיי האט זיך פארגעשטעלט זיין יונג ווײַבל, די מוטער פון זיין קינד, און אן אומגעהויערע קראפט האט זיי זיכער געמאכט, אז דער עמעס איז בא סטעפאנען.

סע קלאר געווען, אז ארגאניזירנדיק די קולטורן, די אינדוסטריעלע, צי ווי מע רופט זיי דארט, וועלן זיי קענען ארבעטן און לעבן. לעבן אינדר'היים, מיט דער פאמיליע, אין א ווארעמער שטוב.

ס'איז עפשער גאר בעסער אזוי! ביסט קיינעם גארניט שולדיק, ביסט בא זיך אליין א באלעבאס; ס'איז דעמאלט, אין דער הונגער־צײַט, אין אומגליקן, האט מען באדארפט האבן א קאלעקטיוו. די מעלוכע האט אויסגעבארגט זריע, מ'האט געראטעוועט דאס לעבן, אויב מע איז ארײַן אין קאלעקטיוו. דעמאלט האט מען געמוזט ארײַן, און איצט — איז אבי ארבעטן. און ארבעט זאגט צו סטעפאן באשטימט. ער האט דעם איגיען גוט באטראכט.

אבער אנדריי איז הארט ווי א שטיין:

— מיר האבן באשלאסן, מע מוז פארן. באלעבאטעווען אזוי ווי מוסיי, ויינען מיר ניט געוווינט. און פירן א נײַ באלעבאטישקייט האבן מיר ניט בא וואס. מ'האט אונדז אויסגעפארקויפט ביזן שפענט... — האט ער פאר־ענדיקט, און אין א ווײַל ארום צוגעגעבן, קעדיי צו צעשטערן דאס פריקרע שווײַגן:

— מיר מוזן פארדינען אף א טראקטער! מיר האבן נאר ערד, ניט קיין פערד, ניט קיין טראקטער. אלץ פארקויפט צוליב די כויוועס...

— סאמע וועסנע־צײַט? — האט זיך סטעפאן פארכידעשט.

— זעסט דאך! די בוכהאלטעריע ווייסט דען פון וועסנע־צײַט? איר איז אבי די צאלונגען צו דער צײַט...

* *
*

פון אָפּלינױוצי איז זי אקעגנגעגאַן עפּעס אַ מײדל. קעגן שײַן פון זון איז שווער געווען צו דערקענען: אַלט, אָדער יונג, נאָר דער קאָפּ איז מיט קײן טשיפּעק ניט צוגעדעקט — הײסט עס, אַ מײדל. זי איז געגאַן פון באַרג, און דער גאַנג אירער איז געווען אַ שווערער און ניט קײן מונטערער. דאָס פּאָרזיכטיקע און פּאַמעלעכע שפּאַנען האָט אױסגעזען, גלײַך זי טראָגט אַ זיפּ מיט שאָניעשניק־קערלעך, אָדער שטיקער נאַסע לײַװנט אַף די הענט. צוגײענדיק צו דער קאַמפּאַניע, האָט דאָס מײדל זיך אָפּגעשטעלט, געוואָרפן אַ בליק אַף דעם שליטן מיט די קלױמעקעס, אַפן פערד, וואָס איז שוין קוים אײַנגעשטאַנען, און זיך אָנגעשטויסן.

ס׳איז געווען מאַטראָנע.

— אַ גוט מאָרגן, אַ גליקלעכן וועג אײַך... — האָט זי זיך צו אַלעמען באַלעבאַטיש געגריסט און אַנשוויגן געוואָרן.

איר פּאָנים, אַביסל אױסגעבלאַסט און לײַכט באַדעקט מיט שפּרענקעלעך, וואָס שיטן זיך אױס אַף אַלע שוואַנגערע פרויען, — איז געווען נאָך געזונט פריש און שײן. דאָס וואַרעמע שאַלעכל האָט פון דער זון געוואָרפן א שאָטן אַף איר פּאָנים. די קלאָרע אויגן האָבן אײדעס געזאָגט, אַז זי האָט צו פרי דערפילט דעם טאַם פון יסורים. דאָס אײדלע פּאָנים האָט אַמאָל אַנדרײען געשיקערט און אָנגעזאַפּט מיט גליק, אין דער בליק פון קינדערשע אויגן האָט געוואַרעמט מיט ליבע און יונגער פרויען־צערטלעכקײט דאָס יאָרנלאַנג געפּלאָגטע האַרץ זײנס.

— איך וויל דיר עפּעס זאָגן... — האָט זי זיך געווענדט צו אַנדרײען, ווען ער איז צוגעגאַנגען צו איר.

אײן שטאַרקן ווילן האָט זי נאָר געהאַט: אָפּרעדן אים.

— פאָר ניט, אַנדרוסיו! — איז געווען איר ערשט וואָרט און צווײ שטראָמיקלעך טרערן רינען איבער די באַקן. מאַטראָנע איז איצט געשטאַנען אקעגן דער זון און איר פולער בויך האָט אַרויסגעשפּאַרט פון הינטערן בלויען פּעלצל; די זון האָט געשפּילט אין די דורכזיכטיקע טראָפּן, וואָס האָבן זיך געקײַקלט איבער אירע בלאַסע באַקן. די ליפּן זײנען געווען שטאַרק פאַרפּרעסט, קעדײ ניט צעוויינען זיך, ווי סע ווײנט א קינד.

— פאָר ניט... — האָט זי געבעטן און אָפּגעקערעוועט זיך.

— כ׳טאָר ניט, מאָטריע! און דער טאַטע דײַנער...

— מע וועט לאָזן! די מאַמע האָט צוגעזאָגט... — זי האָט זיך צעוויינט, און פֿאַרשטעלט דאָס פּאָנים מיטן שאַלעכל.

— מיר זיינען סאָנים מיט דיין טאַטן, ער האָט מיר אָנגעטאָן אַזאַ בזיון. באַרימט זיך... ער האָט געקויפֿט מיין קאָלעקטיוו אַף צעלאָכעס.

— אָבער איך בין אַזוי אומגליקלעך...

— וואָסי? כ׳זאָג זיך־דען אָפּ? כ׳וועל קומען צו פֿאָרן... כ׳האָב נאָך אַ מוטער אויך. כ׳וויל מיטן גאַנצן האַרצן, אָבער דיין טאַטע...

— סע מיר אַזאַ ביזאָיען...

— וואָסי, ביסט איינע? איצט זיינען... — אַנדריי האָט זי געוואָלט באַרויִקן, געזוכט ווערטער, נאָר באַקומען האָט זיך פּונקט קאַפּויר: מאַטראָנע האָט שוין געכליפּעט און אָנגעהאַלטן זיך אין אַנדרייס אַרבל.

סטעפּאַן איז צוגעגאַן צו זיי:

— קער זיך אום אַנדריי. מע וועט זיך ווי עס איז אויסדרייען.

— ווי עס איז... וואָס, גיין גאַנוועגען? פּוליאַקעס זיינען מיר געווען, און איצט וועלן מיר נאָך ווערן גאַנאָווים אויך. ווי דען אַנדערש וועלן מיר זיך אויסדרייען? — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט קאַעס און אַוועק צום שליטן. מאַטראָנע איז געבליבן שטיין, און ניט אָפּרייסנדיק פֿון פּאָנים דאָס שאַלעכל, געקלאָגט אַפֿן קאָל, אַרויסבאַגלייטנדיק אַנדרייען...

— קום הער, כ׳וויל דיר כאָטש עפּעס זאָגן... — איז זי קוים געקומען צום לאָשן.

אַנדריי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אַף מאַטראָנען. ס׳איז אים אַ ראַכמאָנעס געווען אַף איר. ליב איז זי אים איצט, מער ווי פֿריִער.

— נו, און וואָס זאָל איך טאָן, אַז כ׳קע־ע־ען ניט? — האָט אַנדריי פֿאַרצווייפֿלט אויסגעשריגן.

ער האָט אַ צי געטאָן דאָס מיידל פֿאַרן אַרבל, יענע האָט זיך אַ בויג געטאָן און אומדערוואַרט געבליבן ליגן אַף זיין ברוסט. איצט האָט זי שוין ניט באַדאַרפֿט פֿאַרדעקן דאָס פֿאַרקרימטע פּאָנים מיטן שאַלעכל.

— פֿאַרקערעוועט דאָס פֿערד אַהיים, — האָט באַפֿוילן סטעפּאַן.

אַנדריי איז אַף אַ רעגע פֿאַרשטאַרט געוואָרן. צוויי קייכעס האָבן אין אים געקעמפּט. דער שאַכטיאָר אין אים האָט גערופֿן, געצויגן צו פֿאָלגן, וואָס דער סייכל הייסט, — דער צווייטער קויעך האָט אַזוי ווייך געבויגן צום דנאָ...

מאַטראָנע האָט געקלאָגט, געפּעסטעט זיך אַף זײַן ברוסט, איז אים שווער געווען זיך אָקעגנשטעלן.

— פּאָה ניט. מײַן טײַבעלע, פּאָר ניט!.. כ'בעט דיך... כ'וועל כאַסענע האָבן מיט דיר... די מאַ־אַ־מע, די מאמע זאָגט צו, דעם טאַטן וועל איך אײַנבעטן...

— קער איך זיך אום פון מיטן וועג... איז פאַרפאַלן מײַן טרוים... מירן שוין ניט זען ניט קיין טראַקטער, ניט קיין קאָלעקטיוו".

— אַבי אָפּגעשטאַנען, פאַרפאַלן א טאָג אומזיסט־אומנישט, — האָט געבורטשעט סעמען אונטער דער נאָז, אויסקערעווענדיק דאָס פערד צוריק.

* * *

ס'האָט זיך דערהערט אַ טראַכקען פון אַ מאָטאָר. אנדריי האָט פון־ווײַטן דערקענט זײַן טראַקטער, אזוי איז ער געווינגט געווען צו אים. ס'איז געווען דאָס קלאַפּן פון זײַן אייגן האַרץ. און איצט האָט עס געקנאַקט ווי מיט אַ העמערל, געגראַבלט איבער די אָנגעווייטיקטע נערוון.

ער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אַף מאַטראָנען, וואָס איז פּלוצים שטיל געוואָרן. ער האָט ווי אַ פרעג געטאָן באַ איר, זי האָט אונטער־טעניק געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי געזאָגט: ס'איז דער טאַטע פאָרט פון אפּילינױוצי. אלע האָבן זיך אומגעקוקט אפן שליאַך.

מוסיי, וואָס האָט איבערגעביסן באַם קאָרעוו, ווו די יונגע אָלימפּי־אַדע האָט אים מעכאַבעד געווען מיט אַביסל בראָנפן, איז אַ צופרידענער געפאָרן אַהיים. דעם טראַקטער האָט מען באַשלאָסן איבערפירן צו מוסייען.ביידע מישפּאָכעס וועלן צוזאַמען עקספּלואַטירן דאָס געשעפט. אָלימפּיאַדאַ האָט געגעבן אָנצוהערענישן וועגן מאַטראָנען: צי וואָלט ניט בעסער גע־ווען אָפּגעבן זי פאַר אַנדרייען — ער איז ניט קיין נאַר, און מע וואָלט פאַרשפּאָרט צו דינגען אַ מאַשיניסט צום טראַקטער, מיט אייגענע קויכעס זיך באַפּאָרען...

אליאַמפּיאדע האָט דערפאַר געקריגן אַ פּסאַק און זיך מוידע געווען, אז דאָס האָט זי מאַטראָנע אָנגערעדט. מוסיי איז געפאָרן, זיצנדיק אַפן טראַקטער־פליגל, ווי אַ ברייטער באַלעבאָס און אַ בייזער פּאָטער.

— וואָס ביסטו נאָך ניט אינדר'היים, דו מויד? — האָט ער געפרעגט, און געהייסן אָפּשטעלן דעם טראַקטער לעבן דער קאָמפּאַניע. — ארויסגע־שטעלט דעם בויך, אומפאַרשעמטע מויד... פאַרנעם זיך די מינוט אהיים!

פארשעמט האט מאַטראָנע זיך אויסגעדרייט און אוועק מיטן שליאַך. גיין איז איר, ווייזט אויס, שווער געווען, אָבער דעם פּאָטערס שטעכ־ווערטל האָבן זי ווי אונטערגעטריבן און אײַנגעשרומפּן דעם בויך. דערפון האט זי אויסגעזען הויקערדיק און אומגליקלעך.

די מאשין האט אַ רעווע געטאָן. אַנדריי, אָפּשטעלנדיק דעם טראַק־טער, האט אופגעהויבן די האנט ארויף און דער טראַקטאָריסט האט גע־פּאָלגט. אויך מאַטראָנע איז שטיין געבליבן.

— מוסיי סווירידאָנאָוויטש!

— כ'קער דיר אָן אַ פעטער... — האט רויִק אָפּגעענטפערט מוסיי, — פּאָר ווייטער...

— זאָל זײַן א פעטער... שטיי, אַז מע הייסט דיר! — האט ער זיך געווענדט צום טראַקטאָריסט, וועלכן מוסיי האט געהייסן פאָרן. פאר אומדערוואַרטקייט האט מוסיי זיך געביטן אין געזיכט. אנדריי איז אים לאַנג געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלדז, ביז ער האט אים בײַגעקומען.

— וואָס קלעפּט איר זיך ווי אַ נאַסע שמאַטע, מאָמער האָב איך קיין צאָרעס ניט געהאט פון אַ...

— נו, נו, זאָגט ווייטער: פון אַ באָסיאַק, אַוואַדע?

— וואס טשעפּעסטו זיך צו מיר? — האט ווידער געפרעגט מוסיי.

אנדריי האט זיך דערגעעגטערט און פרייַנטלעך קוקנדיק אינעם צופרי־דענעם רויטן פּאָנים זײַנעם, געזאָגט:

— איר זאָלט זיך ניט דערוועגן מאטראָנען באַקריוודען! ס'זאָל מיר ניט אויסקומען מיט אייך צו סקאַנדאַלעווען! מיט קיין אייגציק וואָרט!..

פארוווּנדערונג האט זיך אָפּגעשפּיגלט אין מוסייס אויגן. ניט דאס האט ער דערוואַרט פון אַנדרייען. אים האט זיך געדאַכט, אז וועגן עפּעס אנדערש, וועגן וויכטיקערס וואָלט ער באַדאַרפט ריידן. אַזוי פיל יאָר האט זיך עס געצויגן...

— עפּשער וואָלסטו זיך פריִער אויסגעשלאָפן, גוטערברודער? מאט־ראָנע איז מײַן טאָכטער, און לערנען זי איז מײַן אייסעק!..

— טאַטעניו, מע דאַרף ניט! — האט געזאָגט מאטראָנע, פילנדיק דעם מיִעסן סאָף פונעם שמועס.

— ווען כ'וועל זיך אויסשלאָפן... וועט... זײַן צו שפּעט... משעפּע ניט, זאָג איך, דאס מיידל. א טאָכטער! ווי אַ הונט שלעפּסטו זי אַף אַ שטריק נאָכן וואָגן!..

— אָוואַ! אַזאַ אומגליק! דאס בורדיוקישע בלוט רעדט אין דיר! כ׳שפּײַ אַף דיר. אַ קלוגיטשקער האט זיך געפונען...

אַנדריי האט זיך ארומגעקוקט, ווי געוואָלט זיך איבערצײַגן, אַז אַלע־מען איז קלאָר, אַז ער מוז עפּעס טאָן. דאס וואָרט בורדיוקיש בלוט האט אים אונטערגעצונדן. דאס צונעמעניש בורדיוק האט ער געהאט בעיע־רושע פונעם זיידן. דער זיידע איז געווען אמאָל אַ טשומאַק און האט קלאָמערשט געגאַנוועט באַ אַ פּאָרעץ עטלעכע לאָגלען ווײַן. דערפאַר האבן אים דעם פּאָרעצס סאָלדאַטן מיטן עטאַפּ געפירט ביז צו זײַן היים, אָנגעלאָדן אַף אים די לאָגלען אָנגעפילטע מיט זאַמד. עפּעס דרײַ הונ־דערט ווערסט האט ער זיי געשלעפּט, און אין וואָלאָסט האט מען אים געגעבן שמיץ מיט ריטלעך, איז דאס צונעמעניש געבליבן אַף שטענ־דיק. אפילע דאס, וואס מע האט אין ניקאָלײַעוו צעשאָסן דעם פאָטער און דעם ברודער — האט מען אויך פארענטפערט מיט זייער „בורדיוקיש בלוט”.

— שטיי אוף פון טראַקטער! — האט רעציכעדיק באַפוילן אנדריי.

— אזוי...

— קריך אראָפּ, אַ רועך אין דײַן מאַמע! — האט ער זיך גערוקט צו אים מיט די קולעקעס.

— טרײַב ווײַטער, כוועדאָר, זעסט ניט, שיקער...

אנדריי האט זיך ארופגעכאַפּט אפן טרעפל פון טראַקטער און אָפּגע־שטעלט די מאַשין.

— וואָס צערעמאָניעסטו זיך מיט אים? — האט אים געייצעט סטעפּאַן.

— וואָס איז? וואָס טוט זיך דאָ? מענטשן... באַנדיט... כוועדאָר...

מאָלע־רעציכע איז געווען אנדריי, ניט פארשטאַנען יענעמס ווערטער. רעציכעדיק, ווײַל די ווערטער זײַנען געגאַנגען פונעם רויטן, מיִעסן פּאַרצוף. געכאַפּט דעם צעטומלטן מוסייען און מיט אַלע קויכעס אים אראָפּגע־שמיצט פון טראַקטער־פליגל.

סטעפּאַן האט אין דער בלאָטע אים אַ טויטשע געטאָן מיטן פוס.

— הער אוף! — האט אַף אים אָנגעשריגן אַנדריי — זעץ זיך, מאַ־טראָנע! — ער האט אָפּגערוקט פונעם בענקל דעם טראַקטאָריסט און אַוועקגעזעצט אַף זיין אָרט מאָטריען, וואָס האט פאר דערשרעק אַלץ געפּאָלגט.

— דרייט, כלאָפּציעס, און דו, סטעפּאַן, האלט דעם קולאַק, כ׳וועל מיט אים ריידן וועגן בלוט!..

מאטראָנע האט זיך געטרייסלט ווי אין א קאַדאָכעס, געיאָמערט, און נאָר איין וואָרט האט מען קלאָר געהערט פון איר:

— אוי, גאָ־א־טעניו!.. גאָ־א־טעניו...

— שטיי, כוועדאָר, פונהינטן, פיר דעם טראַקטער, און האַלט דאס מיידל, זי זאָל מיר ניט אַראָפּפאַלן!.. ער זיצט, דער פּיסקאטער, און די שוואַנגערע טאָכטער, זאל אים נאָכלויפן אזוי פיל ווערסט איבער דער בלאָטע. כ'וועל נאָך ריידן מיט אים! פּאָר! — האט ער א געשריי געטאָן צו כוועדאָרן און אופגעהויבן דאָס טרעפל, וואָס באַוועגט דעם טראַקטער. און אליין אראָפּגעשפּרונגען צו מוסייען. דער טראַקטער איז אַוועק, שאַרנדיק דעם שיטערן צעגאַנגענעם שניי. מוסיי האט געטרייסלט דעם שניי פון זיך און גערעדט צו סעמענען:

— זיי א איידעס, סעמען... אַפן גלייכן וועג... כ'זאָל אזוי וויסן פון שלעכטס... וועט דערהאַרגענען ווי אַ...

— ווער פאַרפאַלן, הונט איינער, זאָל ער דיך האַרגענען!..

און צוטרעטנדיק נאָענט צו מוסייען, געשוויגן א ווייל און דערנאָך:

— נו, וואָס איז עס אזעלעכס בורדיוקיש בלוט? א, כאַזערשער פּאַרצעף? הא?

מוסיי האט שטאַרק געפינטלט מיט די אויגן און געוועזן, ווייַזט אויס, אָנגעשראָקן.

— נו, וועלך בלוט איז עס?.. וועסט זאָגן, צי ניין, האַ?

— איך... איך...ברידערלעך, וועל זאָ־א־גן...

— או־או... דו! א פאָטער הייסט ער. פייַניקן א טאָכטער... כ'וועל זא־א־גן! — האט ער אים איבערגעקרימט. און וואס וועסטו זאָגן, מאָרדאַ? — און שטאַרק אייַנגעקוקט זיך אין מוסייעס דערשראָקן פּאָנים.

— גאָ... גאָרניט.... ברידערלעך...

— נאַר! טפו, נעווילע!

צי געוואָלט, צי ניט געוואָלט, נאָר אַ שפּיי געטאָן מוסייען גלייַך אין פּאָנים און דערנאָך געזאָגט:

— גיט אַכטונג אף מאָטריען!.. ווייַל... ווייל כ'וועל זיך נאָך אומקערן, — און אוועק צום שליטן, וועלכן סעמען האט זיך שוין עטלעכע מאָל געריסן צו פאַרקערעווען אהיים.

— ווי איר ווילט אייך, — האט ער אויסגעשריגן צו די איבעריקע, איר קענט זיך אומקערן. און איך וועל גיין אַליין... כ'וועל זיך אָן קיין

געלט ניט אומקערן. האָב איך זיך געלאָזט — וועל איך זיך ניט אָפּשטעלן! צוריק קריכן נאָר ראַקעס.

* * *

אלע טאָג זײַנען געגאַנגען צו דער סטאַנציע פּאַלמיר מענטשן, וואָס זוכן ארבעט. פון אלע ווינקלען געגאַן. ווער סע דאַרף אַף ברויט, ווער אַף אָנטאָן, ווער א כּוויוו אָפּצוגעבן, — אלע גייען נאָך געלט.

— אַז מע פאַרדינט קיין קאָפּקע ניט!.. — האָט מען זיך איינער פאַרן אַנדערן פאַרענטפערט. מע באַגעגנט זיך דאָ אַף דער סטאַנציע, מע דערציילט זיך די צאָרעס, אָדער מע דערמאַנט זיך, ווי מע האָט אַמאָל געאַרבעט צוזאַמען. און אַמאָל טרעפט זיך, אַז מע טרינקט אויס צוליבן באַגעגעניש, און מע זינגט אפילע לידער, ווי רעקרוטן.

אויך הײַנט אַזוי.

צו אָוונט־צו האָט זיך צו דער סטאַנציע דערנעענטערט א כאָפּטע מענטשן.

די זון האָט זיך שוין געזעצט. און נאָר פאַסמעס־שײַן האָט עמעצער ווי צעקעמט אַף די אויסגעבויגענע ווײַטן. זיי האָבן קאַפּריז געלויכטן אפן רײַנעס, ווײַטן הימל און אָנגעזאָגט וועגן פרילינג. אַזאַ אָוונט האָט געבוירן נײַע האָפענונג. ס'האָט זיך אויסגעכאָוועט א זיכערקייט, אַז זיי וועלן זיגן, ווי פרילינג זיגט, אָט די מענטשן, די פאַרהאַרטעוועטע אין לעבן און קאַמף.

דער, וואָס האָט פונפאָרנט געשפּאַנט, האָט א צעכראַסטעטער געטראָגן אַף אַ רימען אַ פאַרביקע האַרמאָניע. דער אָוונט האָט געזונקען אין מונטערע מעלאָדיעס, די לידער האָבן צום האַרצן צוגעטראָטן. דאָס האָט אַנדריי זיך באַמיט צו באַרויִקן זײַנע ניט־אײַנגעגעבענע טרוימען.

לעבן אים איז געגאַנגען, ווי אײַנגעדאַרט, אינעם צעפליקטן שינעל, דער אײַנגעהויקערטער סטעפּאַן. און הינטער זיי — אַנדרייס כאַווערים. זיי זײַנען אים דערמאָלט טאַקע נאָכגעגאַנגען.

— Ех, шахтьори не пахають,
коси в руки не беруть,
бо в шахтьора під землею
вік плантації цвітуть!..
Е-е-х-х-х!..

געטראָגן האבן זיך אין אָוונטיקער לופט פעסטע געזאַנגען איבערן פעלד. זיי וועט ניט אָפּשטעלן ניט די זון, וואס האט זיך געזעצט דאָרט, ווו דער אָוונט האט נאָך געוויילט אף די אויסגעבלאַסטע פּאַסמעס־שייַן, און ניט די שיינע ברייטקייט — דאס פעלדישע ראַכוועס — וועט זיי ניט דערשטיקן!

שפּרייטנדיק האָפענונג, האבן אַנדרייס שאַכטיאָרישע ריטמען געוויינט און געלאַכט איבער שליאַך.

אינהאַלט:

אַנטאָנענקאָ ־ דאַווידאָוויטש — צוויי 6

אָלעס דאָסוויטני — ווייקוואָטן 13

איוואַן דניפּראָווסקי — אין טאָל פון די אונגאַרן 21

אַנדריי האָלאָווקאָ — די רויטע פּאַטשיילקע 57

אָסטאַפּווישניאַ — מיין אַווטאָביאָגראַפיע 74

וואַסיל ווראַזשליווי — וואַלד 89

יורי יאַנאָווסקי — די געשיכטע פון אַש ־ בעכער 108

מיכיילאָ איוושענקאָ — קאַיאָר 108

מיקאָלאַ כווילאָווי — א כאַזער 120

״ ״ — „דער קאָטער אין שטיוול“ 136

״ ״ — לעגענדע 153

אַרקאַדי ליובטשענקאָ — ווי ער איז אַנטלאָפן 164

״ ״ — via dolorosa 203

איוואַן מיקיטענקאָ — נוגעק 214

״ ״ — אַן אויסצוג פון פּראָטאָקאָל 223

אָלעקסאָ סליסאָרענקאָ — דער פּרעזידענט פון דער וויערקרויט ־ רעפּובליק 238

״ ״ — א צופעליקע דרייסטקייט 254

איוואַן סענטשענקאָ — וועסנע ־ צייט 263

גריגאָרי עפּיק — ראַדיאָ ־ אַמאַטאָר 272

וואַלעריאַן פּידמאָהילני — דער זון 317

סערגיי פּיליפּענקאָ — א כאַווערישע טויווע 342

״ ״ — א פּאָר טשוויאַקעס 357

פּעטראָ פּאַנטש — די געשיכטע פון אונדזערע טעג 363

אָלעקסאַנדר קאָפּילענקאָ — די מוטער 397

גאָרדיי קאָציובאַ — ראַדאַ 425

מיכיילאָ מייסקי — א כוויוו 442

איוואַן לע — שאַכטע ־ ריטמען 453